STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03423

DER DROYSN-MENTSH

Chaim Maltinski

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

חיים מאַלטינסקי

דער דרויסן־מענטש

27/XI-85

תל־אביב 1986 — תשמ״ו

פאַרלאַג „גרעאַנגל״

CHAIM MALTINSKI
DER DROJSN-MENTSH

דעם דיכטערס אַדרעס:
רח' יאיר 6/18, ת.ד. 198, אור יהודה, ישראל
6/18, Yair str., Or Jehuda, P.O.Box 198

©

נדפס בישראל, תשמ"ו — 1986
Printed in Israel, 1986

דפוס „אורלי" — פרידמאַן, תל־אביב, טל. 372062

אַרויסגעגעבן מיט דער הילף פון

פּראָפ׳ גרשון ווײַנער;

ד״ר בערנאַרד רעזניקאָוו —
אַמעריקאַנער ייִדישער קאָמיטעט, ישראל־ביוראָ;

קרן תל־אביב לספרות ולאמנות ע״ש י. רבינוביץ.

מײַן סאָניען געשענקט

מיטן אמת

ס'ערשטע מאָל אין עכו!

געדוגגען אַ צימער אויף דער טרומפּלדור־גאַס, אַ הונדערט פּופציק טריט פון ים, אָנגעהויבן שרײַבן דאָ אַ נײַע פּראָזע־זאַך.

— פאַר וואָס אין עכו? — און נישט אין צפת? — האָסט דאָך מיט אַזויפיל פאַרליבעניש געשפּאַנט איבער די שמאָלינקע צפתער געסלעך, איבער אַלע שטיינערנע טרעפּלעך, געקלעטערט, אַרויף און אַראָפּ.

הײַנט, טבריה! וויפל אינטימע ראַנדעוווען מיט דער זשוואָווער, קוטשעראַווער כנרת?

און אין נתניה? — בײַם ים־ברעג, פאַרמאַטערט דעם ים דאָרט מיט לידער...

נעבן עכו, ניט ווײַט גאָר — נצרת־עלית! דײַנע אייניקלעך דאָרטן — משה און גילה! גלײַכער שוין אַהין! האָסט דאָך אָנומלט געבראַכט אַ העפטל מיט לידער פון דאָרטן.

ניין! קיין עכו! ווי מען שפּאַסט בײַ אונדז אין ישראל — „זה הסוד שלי”... פּשוט — עכו איז פאַרבונדן מיט דער פאַבולע פון מײַנער אַ פאַרקלערטער נאָך אין ברוקלין, בעת מיין לעצטער נסיעה אַהין, גרעסערער דערציילונג.

איז צו דער זאַך:

פאַרזאָג איך זיך ווידער און ווידער, מאַך אַן אויסנאַם מיט זיך — גיי מיטן אמת! אַקסל בײַ אַקסל! טרעט פון אים אויף אַ האָרעלע ניט אָפּ! נעם די אויגן ניט אַראָפּ פון אים!

און די געשטאַלטן, פאַרשוינען, וואָס וועלן אַרײַנקומען אין דײַן בוך — פאַרפײַנער ניט! אָדער, חס וחלילה, פאַרשוואַרץ ניט, באַווײַז זיי פּונקט, ווי זיי זײַנען. מאָל די, וואָס מיט צוציִענדע רייצנדע זומער־שפּרענקלעך און חן־גריבעלעך און סײַ די, מיט ניט אָנגענעמע, אָפּשטויסנדיקע בראָדעווקעס און גוליעס. אָבער בײַ יעדן צופאַל זוך אויס, למען השם, אין דעם מענטשנס נשמה, ליבשאַפט. דער מענטש האָט פון דער נאַטור אין זיך פודן מיט גוטסקייט! ווערסטו דאַן דײַנע טיפן

פאַרשטעלן, שילדערן, ווי גאָט האָט זיי באַשאַפן און דײַן קאַטאַרזשאַנסקע שרײַבערישע מי, וועט נישט געשטרויכלט ווערן, דײַן האַרעוואַניע — נישט גיין לאיבוד, אָנקומען צום ײִדישן לייענער. ס'איז דאָ (אָן אַ „נאָך") אַ טײַערער, גינציקער ײִדישער לייענער! איך וויל אים זײַנע יאָרן ניט ציילן, אָבי ער זאָל זײַן געזונט און קיין עגמת נפש ניט האָבן. דער הימל פאַלט נישט אויף דער ערד — ווער האָט עס אויסגעטראַכט? — די אַסטראָנאָמען געוויס ניט. און קווענקל זיך ניט, בלײַב ניט שטיין ווי יענער בײַ דער דראָזשקע...

אָוודאי, — טענה איך צו זיך, — איז גוט און וויל צו זײַן געקניפּט און געקייטלט מיטן אמת. אָבער ווי באַהערשט מען די חכמה צוטרעפן, אײַנלאַדעווען, אַרײַנצונעמען אים אין דײַנע מחשבות, אין דײַן נאַטירלעכן ווערטער־קרײַז, אין די משפּטים,* אוועקשטעלן אין דער שורה אויף דעם געוווּנטשענעם אָטעם־פרײַען פּלאַץ צווישן די פּראָזע־ווירקלעכקײַטן און ענ־געניש? דער אמת פאַרמאָגט דאָך אָן אײדעלן, דעליקאַטן כאַראַקטער, שיינע געטאָקטע אברים און געלענקען. מיט איין האַמעטנעם אומגעשיקטן, נישט באַטראַכטן וואָרט־באַריר, ווי מיט אַ בערישער לאַפּע, פאַרלירט ער תּיכף זײַן פּראַכט און ווערט שוין אויף זיך ניט ענלעך.

אוי, דאַרף מען וויסן ווי צו נוהג זײַן זיך מיט אים. ער וועט דיך ניט טאַדלען, מיט גאָרניט ניט פאַרוואַרפן — טו ווי דו ווילסט... דײַן ברירה... נאָך איין מערקווירדיקע מעלה, אײַנגעבוירענע אייגנשאַפט האָט דער אמת — ער איז תמיד דערבײַ, נעבן דיר און דאָס קלאַפּן פון זײַן האַרץ הערסטו אַזוי גוט, ס'שלאָגט זיך אָפּ ממש אין דײַן האַרצן...

וואָס איז צו ברײַען? — מען דאַרף זײַן אַ מײַסטער, אויף פּראָסט לשון — יאָכלען, צו שילדערן דאָס לעבן מיטן אמת, געבענטשט זײַן, לכל הפּחות, מיט איין־און־איינציקן גאָטס אַ פונק — אַ בליאַסק. און איז ער בײַ דיר דאָ, איז עס דײַן מזל...

בלייבט מיר איבער פאַר מײַן גרויסן נסיון אין עכו, איידער איך טרעט צו פאַרקערפּערן אין אותיות (אוי, מײַנע בלוטיק־נאָענטע ײִדישע אותיות!) מײַן פאַרטראַכט, אַ קוק צו טאָן אויף זיך אַליין, אָנטאַפּן דעם אייגענעם דופק, אײַנהערן זיך אין מײַן אָטעם:

— ביסטו גרייט? — האָסט דאָך זיך אַ נדר געגעבן צו גיין מיטן אמת — איז ווי האַלט עס מיט דײַן געמיט? מצב־רוח? ווּעסטו גובר זײַן? ספּראַווען זיך? —

אין דעם זעלבן אויגנבליק שוועבט פאַר מיר דורך אַ בילד: נאָמאַנגאַן...

---

* משפּטים — עברית — זאַצן.

1957... באַגינען... מיר זײַנען אַלע אין אונדזער אוזבעקישער קיביטקע. געניע, מײַן פרוי, איז שוואַנגער, ריכט אויס אונדזער זיבניאַריקע טאָכטערקע פירען אין שול אַרײַן און קלײַבט זיך אַליין צו דער אַרבעט. און איך וועל באַגלייטן מײַן אַדאַפּטירטע טאָכטער רײַען צום היגן אַעראָדראָם. רײַע איז זעכצן יאָר דאָס זיבעצנטע. שוין אַ לענגערע צײַט באַזוכט זי דעם שטאָטישן אוויאַ־קרײַז. און הײַנט שטייט איר פאָר דאָס ערשטע מאָל מיטן פאַראַשוט צו שפּרינגען פון עראָפּלאַן. מיר אַלע רעדן ניט איינער צום צווייטן גאָרנישט. אפילו פּיראָטשקע שווײַגט. נאָר יעדער פון אונדז פילט אחריות, זאָרג פאַר רײַען. און מער פון אַלע, די מאַמע, עס זאָל אַלץ אַדורך בשלום. אויסערלעך, איז אויף געניעס געזיכט נישט צו זען קיין סימן פון איבערלעבונג — רו און שלווה אויסגעגאָסן אויף איר פנים. אַזוי זיך האַלטן אײַנגעצוימט קאָן בלויז געניע...

און איך בין דערנאָך געשטאַנען אויפן אַעראָדראָם־פעלד, פאַרוואָרפן דעם קאָפּ צום אוזבעקיסטאַנער קלאָרן בלויען סעפּטעמבער־הימל, בלוי אַזוי ווי געניעס אויגן, און מיט אַ פאַרטײַעטן אָטעם נאָכגעפאָלגט דעם מאָמענט, ווען דער עראָפּלאַן נעמט געלאָסן מיט אַ כמעט אויסגעשלאָסענעם מאָטאָר, שוועבן... איך האָב געוווּסט, אַז דאָרט אינעווייניק איז איצט רײַע מיט אירע חברטעס, און וואַרטן אויף דעם סיגנאַל פון אוויאַ־אינסטרוקטאָר... אָט נעמען שוין פאַלן פון עראָפּלאַן, איינס נאָכן אַנדערן, די ליכטיק־ווײַסע פאַראַשוט־בלימלעך... אונטער וועלכן בלימל ס'טראָגט דער ווינט „דאָס מענטשעלע" רײַע, ווייס איך ניט. ס'נענטערן זיך די פאַראַשוטן, ווערן אַלץ גרעסער... מײַן האַרץ טיאַכקעט, איך בין צעטומלט, צעחושט... מיט מזל... אַלע מיידלעך זײַנען שוין אויפן ברייטן, גרינעם פעלד! איך שטיי נעבן רײַען. זי איז שטיל, רויִק, ווי די מאַמע אין דער פרי. אויף איר טונקל־ברון מאַט געזיכט, באַזונדערס אַרום די דרײַ, אין איין ריי, שטופּעלעך וואָס אויף דער לינקער באַק (סימנים פון ווינט־פּאָקן), שלאָגט זיך דורך בלייכקײַט.

עס ציט מיך אַ פרעג טאָן בײַ רײַען: דו ביסט געשפּרונגען די ערשטע?
— נאָר איך דערוועג זיך ניט, זאָל זי זיך אָפּעטעמען...

...אין צוואַנציק יאָר אַרום, דעם 19טן סעפּטעמבער 1977 איז דער ד"ר רחל מאַלטינסקי אויפן זעקס־און־דרײַסיקסטן יאָר פון איר לעבן, געשטאָרבן פון אַ קאַנסער אין תל־אביב.

אַזויפיל יאָרן אַנטרונען זינט רײַעס ערשטער שפּרונג מיטן פאַראַשוט אין נאָמאַנגאַן און ס'גייט דאָס מיר ניט אַרויס פון מײַן זינען. אַלע מאָל, ווען איך דערמאָן זיך, באַוווּנדער איך זי און ספק זיך זייער, צי איך וואָלט זיך דערוועגט אַראָפּצושפּרינגען פון הויכן הימל אויף דער ערד?...

פאַר וואָס איך האָב מיך גראָד איצט דערמאָנט דאָס בילד מיט רײַען? — איך האָב זיך געשטעלט אַ ריי הארבע שאלות — מײַן שטימונג? ווער איך עס בײַקומען? וועט מיר נאָך קלעקן כוח דאָס נײַע בוך אָנשרייבן? — אַ יידיש ווערטל פאַרמאָגן מיר (נאָר איין ווערטל?) „אויף וואָס פּאַר אַ פּור מע זיצט, אַזאַ ניגון זינגט מען״... איך בין דאָך אין די מלחמה־יאָרן געווען אַ פּעכאַטנער אָפיציר, אַ „טראַנשײניק״, דאָס הייסט, זומער און אָסיען אין דער קוואַטש־קער נעץ און ווינטער אין די שניי־זאַווערוכעס תמיד צוזאַמען מיט די זעלנער אין די טראַנשייען און אָקאָפּעס. ווער איך אויף אַלע קשיות זיך ענטפערן אויפן מיליטערישן שטייגער:

...יעצט, ביים אָנהייבן מײַן אַרבעט אין עכו, פיל איך מיר, ווי נאָך אַ שווערן, אויסצערנדיקן שלאַכט אין אַ לאַנגן זומער טאָג... גרויסע פאַר־לוסטן... אַ סך געהרגעטע און פאַרווונדעטע. אין ראָטע איז פון 80 — 90 סך־הכל געבליבן אַ 14־15 סאָלדאַטן. דער לייטענאַנט, ראָטע־קאָמאַנדיר, וואָס איז אַליין פאַרווונדעט אין האַנט און זיך אָפּגעזאָגט צו גיין אין „סאַן־טשאַסט״ (סאַניטאַרע טייל), האָט קיין רגע צײַט ניט אַ טראַכט צו טאָן וועגן די נאָענטע סאָלדאַטן־ליבלינגען, וואָס זײַנען מיט מינוטן צוריק אומגעקומען, ווי גיבורים, פאַר זײַנע אויגן.

עס טונקלט שוין. פון הימל קוקן פאַרשעמט אַראָפּ אויפן שלאַכטפעלד אַ צוויי־דרײַ שטערנדלעך... נאָר וועמען גייען זיי איצט אָן? ווער באַ־מערקט זיי דען? שאַ־שטיל... דער שונא שווייגט... מיר שווײַגן... און אײַליק־פיבערהאַפט נוצן מיר אויס יעדע ווײַלע פון שטילשטאַנד... מע פירט אָוועק די פאַרווונדעטע, די טויטע. דער ראָטע־סטאַרשינא האָט אויף אַ פורל געבראַכט קעסטלעך מיט קוילן, גראַנאַטעס, ראַפּאָרטירט ער דעם לייטענאַנט:

— איך וועל צעטיילן די סאָלדאַטן... באַלד קומט די באַטאַליאָן־קיך, וועל איך זיי אָנקאָרמען. —

דער לייטענאַנט הערט אים אויס און זאָגט אים גאָרניט. ס׳איז זעלבסט־פאַרשטענדלעך...

ס׳דערנענטערט זיך דער קאַפּיטאַן, דער באַטאַליאָן־קאָמאַנדיר מיט דער מיליטערישער מאַפּע אויף זײַן פּלאַנשעט:

— לייטענאַנט!, — רופט ער צו זיך דעם ראָטע־קאָמאַנדיר, — באַקום דעם נײַעם באַפעל! ווײַז דײַן קאַרטע, ס׳איז דיר שווער... וועל איך דיר פאַרצייכענען... אָן, פון יענעם בערגל ביז צום ברעג פון דער סאַזשלקע, זעסט... אַרום־און־אַרום זײַנען דײַנע נײַע פּאָזיציעס. פון רעכטס איז דײַן שכן די 5טע ראָטע, פון לינקס, וועט שטיין אין שורה די ראָטע מינאָמיאָ־

טשיקעס. דײַן אויפגאַבע — טיף אײַנגראָבן זיך אין דער ערד! דער שונא קאָן דיך יעדע רגע קאָנטר־אַטאַקירן. וויפל מענטשן האָסטו?

— איין ווזוואָד־קאָמאַנדיר, דער סטאַרשינאַ, אַ סאַניטאַר און מיט מיר און מיט אַלע סאָלדאַטן צוזאַמען — זעכצן מענטשן...

דער קאַפּיטאַן רעדט שוין צו זײַן ראָטע־קאָמאַנדיר שטילער, מילדער:

— איך וועל דיר אויף דײַנע פלאַנגען צושיקן צו אַ פּולעמיאָטשיק מיט האַנט־קוילנוואַרפערס. פאַרשטאַנען? טרעט תיכף צו אויסצופּילן דעם באַפעל!

— פאַראַן! אויספּילן דעם באַפעל, — הויבט דער לייטענאַנט פּאָ־וואָליע זײַן פאַרבאַנדאַזשירטע רעכטע האַנט צום שלייף און אײַלט אַוועק צו זײַנע 14—15 זעלנער, צעשטעלן זיי אויף די נײַע פּאָזיציעס...

אָבער דאָס האַלט מיך נישט אָפּ פון וועלן פאַרווירקלעכן מײַן פאַר־לאַנג, מײַן אייגענע שליחות אין עכו...

די פּאָטאָגראַפיע

איך און מײַן פרוי זײַנען שוין באַלד צען יאָר אין ישראל. אונדזער וווין־אָרט — אור יהודה. פון דעם סוף 1983טן ביז יוני 1984, זײַנען מיר געווען אויף אַ לענגערן באַזוך אין אַמעריקע. מערסטן געווינט אין ברוקלין, ברײַטאָן־ביטש, בײַ מײַן פרויס אייגענע. אָפט געטראָפן זיך, געשמועסט מיט מײַנע לאַנדסלײַט פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, וועלכע זײַנען פון דאָרט אַרויסגעפאָרן בערך, אין די יאָרן 1977—1982.

איך וויל דאָ דערמאָנען וועגן איינעם אַזאַ ייִדן, וואָס מיר, אַ ייִדישן שרײַבער איז ליב געווען צו באַגעגענען. זײַן נאָמען און פאַמיליע־נאָמען — אברהם שטיוולמאַן. עטלעכע און זיבעציק יאָר אַלט. דער קאָפּ — זילבער־גרוי. נאָר די אויגן, ווען ער איז גוט געשטימט, צינדט זיך אָן אַ פריילעך פײַערל און דו פילסט, אָט וועט פון זײַן שפּיץ־צונג אַראָפּ־קײַקלען זיך אַ חריפותדיק ווערטל.

ער שטאַמט פון דעם פּיצל שטעטעלע נאָוואיא אוזשיצא, נעבן קאַמענעץ פּאָדאָלסק אויף אוקרײַנע.

— ריכטיקער, בעסערט ער אויס, — איז עס געווען אַן אוקראַיניש דאָרף מיט אַן ייִדישן געסל דערבײַ. — און איך האָב, הערנדיק דאָס, דערמאָנט זיך, מײַן מאַמעס אַ זאָג — „אַ שטוב מיט אַ קאַמער".

זײַן טאַטע — אַ שוסטער. אויך דער זיידע און עלטער־זיידע האָבן מיט דער זעלבער התמדה געצויגן די הילצערנע טשוועקלעך פון מויל. זיי אײַנצושלאָגן מיט האַסט אין שוך, אָנגעטאָן אויף דער קאָפּיטע. אַ דינאַסטיע שטיוולמאַנס.

איך האָב זיך מיט אים באַקענט אין אַ פרילינג־טאָג אויפן באָרד־וואָק — די ברייטע, באַזונטע ברעטער — דער באַרימטער ברוקלינער שפּאַציר־פּלאַץ בײַם אָקעאַן. אויף איינעם פון די אָפּרו־בענקלעך. גענוג געווען אַ צוויי־דרײַ מינוט שמועסן מיט אים, פאַרשטייסטו — האָסט צו טאָן מיט אַ מענטשן פון הויכער בילדונג, טאַקט, לאַנגאָניקע אינטעלי־גענטע מאַנירן. פאַרענדיקט דעם כאַרקאָווער פּאָליטעכנישן אינסטיטוט, האָט אים צוגעשפּילט דאָס אויסגעצייכנט קענען אוקראַיִניש און איז נאָך פאַר דער מלחמה אַ צײַט געווען דירעקטאָר פון דער גאַדיטשער אוקראַי־

נישער מיטל־שול, לעבן פּאָלטאַווע. אין קריג — אַ מאַיאָר, אַ פּילאָט אויפן לענינגראַדער פראָנט. נאָכן דעמאָביליזירן זיך פון דער אַרמיי, אָנגעהויבן פונעם 1946 יאָר געווינט סטאַביל, ביז דער עמיגראַציע אין לוואָוו (לעמבערג). געווען אַ לערער אין לוואָווער פּאָליטעכנישן אינסטיטוט. העכער דרײַסיק יאָר געלייענט דעם קורס „ווידערשטאַנד פון מאַטעריאַלן". געהאַט אַ וויסנשאַפטלעכן טיטל, וואָס הייסט אין רוסיש — קאַנדידאַט נאַוק.

אַבראַם דאַווידאָוויטש (אויך אין אַמעריקע זעצן פאָר די ייִדישע עמיגראַנטן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד אויסצולעבן זיך לויטן רוסיש־סאָוועטישן שטייגער) טיילט זיך מיט מיר:

— אין די ערשטע נאָכמלחמה־יאָרן און אויך אפילו שפּעטער האָב איך אין לוואָוו ניט געפילט אויף זיך די אַנטיסעמיטישע רדיפות. די אַנטי־קאָסמאָפּאָליטן־וואַקכאַנאַליע, די אַנטי־ייִדישע, האָט לוואָוו, כמעט, געמיטן. אין דעם פרט, איז דאָרט געווען רויִקער.

ביי אָט די ווערטער שטיוולמאַנס, האָט זיך מיר, אַז אַ צוזאַמענהאַנג, דערמאָנט דאָס ייִדישע שפּריכוואָרט — „מיט חסד אָרעמעלײַט שטאַרבן"... איך האָב ניט קיין גרונט ניט צו גלויבן אַבראַם דאַווידאָוויטשן, נאָר מיר שײַנט, אַז צום גאַנצן קאָמפּלעקס שטיוולמאַן: שטאַמט פון שוסטער, אַ שוסטער־וויוועסקע דער פאַמיליע־נאָמען גופא, אַ דירעקטאָר פון אַ אוקראַיינישער שול אין דער פּראָווינץ. און דאָס קענען פּערפעקט אוקראַיניש אין לוואָוו, איז אויך אַ געוויסער פּאַנצער... אַ פּראָנטאָוויק — אַ פּילאָט, פּאַטויפעט זיך ניט אין קאָפּ, מ'זאָל אויף אים אין מיטן העלן טאָג קאָנען אָנהענגען דעם „לונג און לעבער" פון אַ קאָסמאָפּאָליט... כאָטש עס איז ניט אויסגעשלאָסן, אַזעלכעס זאָל פּאַסירן — די ענ־קאַ־ווע־דע־בויטשיקלעך פלעגן אין טראַנס פון די אַרעסטן, זיך מיט גאָרנישט ניט רעכענען. דער היצל מיט דער דראָט־פּעטליע האָט געגישטערט אויף רעכטס און לינקס און געצויגן אַרײַנצושטופּן, וואָס מער „פּאָליטישע פאַרברעכערס" אין די שטײַגן — די שוואַרצע וואָראָנס...

איך רעד מיט אברהם שטיוולמאַן אויף ייִדיש. ער איז אויך מיט מאַמע־לשון פּאַניע־בראַט. אמת, בײַם אַרויסצוברענגען געוויסע אויסדרוקן, נאַטירלעכע ייִדישע אידיאָמען, שטרענגט ער זיך אָן. אָבער דערמאָנט זיך און קומט אַרויף אויפן ריכטיקן מאַמע־לשון שטעגל, און דאָס טוט אים, זע איך, הנאה.

— מײַן אָנהויב, — ווענדט זיך פּלוצעם צו מיר שטיוולמאַן מיט באַזונדערער ווערדע, — איז געווען אויף ייִדיש! — און זעצט פאָר מיט דער זעלבער פײַערלעכקײַט, — איך האָב פאַרענדיקט דעם קאַמעניעץ־

פּאָדאָלסקער יידישן אינדוסטריעלן טעכניקום. אין 1928 יאָר זײַנען צו גאַסט צו אונדז אין טעכניקום געקומען פון מאָסקווע דרײַ יידישע שרײַבער — איר האָט געהערט פון אַזעלכע? — בוזי אָלעווסקי, יאַשע בראָנשטיין, משה טײַטש? — ווען זיי זײַנען געווען בײַ אונדז, האָט זיך אַ גרופּע סטודענטן־אַקטיוויסטן און לערער פאָטאָגראַפירט מיט זיי. עד היום היט איך די פאָטאָגראַפיע, געבראַכט זי מיט זיך קיין אַמעריקע אין אָנדענק פון מײַנע יונגע יידישע יאָרן...

ענטפער איך שטיוולמאַנען: די יידישע שרײַבער וואָס איר דערמאָנט, האָב איך געקענט, געלייענט זייערע ווערק. איך וואָלט וועלן זען די פאָטאָגראַפיע.

— מיט פאַרגעניגן! איך קאָן זי באַווײַזן. —

מיר קלאָרן אויס: מיר וווינען ביידע אויף ברייטנביטש. איך — אויף דער 11טער סטריט און ער אויף דער — 14טער. קיין שום פּראָבלעמען צו טרעפן זיך.

ווען איך בין אין אָוונט אַרײַנגעקומען צו אַבראַם דאַווידאָוויטשן איז שוין אין סאַלאָן אויפן טיש געלעגן די פאָטאָגראַפיע. דער אויסזען און דער פאָרמאַט פון אַ היפּשער משפחה־קאַרטע, אָדער סטאַנדאַרטע קאָלעקטיווע פאָטאָ אין אַן אָפּרו־הויז, צי אין אַ סאַנאַטאָריע, אַרומגעזוימט מיט בלימלעך. ניט אויבן, נישט אונטן גאָרנישט ניט אָנגעשריבן. אויך אויף דער אַנדערער זײַט קיין וואָרט, קיין אות, קיין דאַטע. פאָטאָגראַפירט מיט 56 יאָר צוריק, ווײַזט אויס, אין איינעם פון די עלעקטראָ־מעכאַנישע, אָדער פיזישע קאַבינעטן פון טעכניקום. אויפן בילד — אַ גרופּע סטודענטן און לערער און די געסט — די דרײַ יידישע שרײַבער פון מאָסקווע.

איך דאַרף זיי ניט זוכן — אין דער ערשטער ריי זיצט בשכנות מיט צוויי סטודענטן פון רעכטס, בוזי אָלעווסקי, אָן אַ היטל. אין אַ פּעלצל מיט אַ באַראַשקענעם ווײַסן קאָלנער. ער האָט דאַן געמוזט אַלט זײַן צוואַנציק, צי איין־און־צוואַנציק יאָר. אַזויפיל ישוב־הדעת. מחשבות שטראַלן אַרויס פון זײַן בליק. „ס'וואַקסט אַ יידישע, אויף יידיש טעכניש־געבילדעטע אינדוסטריעלע יוגנט! אַ טרייסט און האָפענונג!" — לייען איך אויס פון זײַנע הייסע, פאַרקלערטע אויגן...

ער, דער באַגאַבטער יידישער דיכטער בוזי אָלעווסקי, אַ זון פון אַ פאַראָרעמטן דעקלאַסירטן טשערנאָבילער קרעמער אויף אוקרײַנע, האָט שוין דאַן געווּסט דעם טעם פון אַ „לישעניעץ"*... עס איז מיר פאַרבליבן

---

* לישעניעץ — רוסיש. ווען די סאָוועטישע מאַכט נעמט צו בײַם מענטשן אַלע געזעצלעכע בירגערלעכע רעכט.

אין זכרון דער אינהאַלט פון אָלעווסקיס אַ ליד געדרוקט אינעם מינסקער ליטעראַרישן זשורנאַל „דער שטערן" אין 1928טן, צי 1929טן יאָר: דער יונגער דיכטער קומט פון פעדאַגאָגישן טעכניקום אויף זומער אין שטעטל... זיַין מאַמע שטייט אַ פאַראומערטע ביַי דער וויג, אין וועלכן זי האָט אים קליינערהייט געוויגט... לויט דעם, ווי די מאַמע איז דערשלאָגן, פאַרשטייט ער — אין שטוב איז ניט פריילעך:

— וואָס איז געשען, מאַמע?

— זון מיַינער, דער פינאַטדיעל (פינאַנס־אָפטייל) האָט אַרויפגעלייגט גרויסע נאַלאָגן (שטיַיערן), מוז מען אויך פאַרקויפן די וויג...

אין לאַנד האָט זיך שוין אָנגעהויבן די פאַרניכטונג פון קולאַקנטום — פאַרטריַיבן אויף אומקום אין די סיבירער הרי־חושך מיליאָנען מענטשן, וואָס זייער איינציקע שולד איז — אַז ערלעך פאַרהאָרעוועט לעבן.

אין צוועלף — דריַיצן יאָר אַרום, אין אַ ביטערער אויסגאַנגלאָזער שעה. אין דעם ווינטער פון 41טן יאָר. די היטלערישע טאַנקן־דיוויזיעס

שטייען שוין הארט ביי מאָסקווע, שפּאַנט אוועק דער 33יאָריקער ייִדישער דיכטער, מיט דער רוסישער ווינטאָוועקע אין האַנט, קעגן די דייטשישע געפּאַנצערטע כוחות און ווערט אין שלאַכט פאַרברענט ווי אַ שטרויעלע...

אין מיין זינען — די לעצטע באַגעגעניש מיט בוזי אַלעווסקי. ניט לאַנג פאַרן קריג, איך בין לויט אַ רעדאַקציע־קאָמאַנדירונג (שליחות) אין מאַליעוו ביים דניעפּר. אין דער זעלבער צייט זיינען אַהין געקומען פון מאָסקווע די ייִדישע שרייבער — דאָברושין, גאָדינער, ראַסין און אַלעווסקי. געטראָפן זיך מיט זיי אין האָטעל. ביי מיר אין האַרצן איז פאַרבליבן די וואַרעמקייט, מיט וועלכער זיי האָבן מיך באַגעגנט. באַזונדערס אַלעווסקי. איך האָב פאַר שמואל ראַסינען און בוזי אַלעווסקי געלייענט נייע לידער מיט טרויעריקע מלחמה־פאָרגעפילן. די לידער זיינען פאַרפאַלן געגאַנגען. בלויז איין שורה האָט זיך מיר פאַרגעדענקט: „איי, דעכער, וועט איר האָבן לעכער...״

אַלעווסקי און ראַסין האָבן מיך פאַרבעטן אָנטייל צו נעמען אין דער באַגעגעניש מיט די לייענער, וואָס זיי פירן דורך. בין איך געקומען.

דאָס איז געווען מיין לעצטע באַגעגעניש מיט ייִדישע לייענער. מיט אונדזער ליבן ייִדן מענדעלעס פון קאַפּוליע לייבלעך־נאָענטע ווייסרוסישע ייִדן ערב דעם שוידער־חורבן. איך בין אַרויסגעטראָטן צוזאַמען מיט די מאָסקווער ייִדישע שרייבער, מיטן ייִנגסטן פון זיי — בוזי אַלעווסקי, מיט וועלכן מיר האָבן, אומגעפער, אין איין צייט געהאַט אַרויסגעגעבן, ער אין מאָסקווע און איך אין קיעוו, די ערשטע לידער־זאַמלונגען...

און היינט, פערציק יאָר נאָכן זיג איבערן פאַשיסטישן דייטשלאַנד, ווען איך שרייב אָט די שורהעס גליט דאָס האַרץ מיט אַן נישט־איבער־צוטראָגן שאַרפן ווייטיק — רוי און אָפן די ווונד ווי אַלץ וואָלט ערשט אַקאָרשט געשען... ניט צו באַגרייפן אונדזער אייביקן בראַך! קיין שום מינדסטע רעכט צו טרייסטן זיך! — טויזנט יאָר שיין, אייגן ייִדיש לעבן, מיט קינד, רינד און קייט, מיט האַק־און־פּאַק, איינגעזונקען אין שאול תחתיה...

אין דער צווייטער ריי — יאַשע בראָנשטיין. פאַר די, וועלכע האָבן אים געקענט נאָענט, איז זיין אויסזען אויף דער פאָטאָ, איינמאַליק, טיף־אמתדיק, אַנטפּלעקט אין יענעם מאָמענט אַ פאַרלוירן, אויסגעשעפּט מידן פּנים. די אויגן פאַרגלייזט אַזוי ווי פאַרצויגן מיט גליווער, די קעפּקע פאַר־הויבן, פון אונטערן דאַשעק, פון בײדע זייטן, אויף די שלייפן, פאַסמעס האָר ביז די ברעמען־ראַנדן. פון זיינע קוים שוואַך־געשלאָסענע ליפּן, לאָזן זיך אויפכאַפּן געציילטע ווערטער: „ווער ווייס וואָס פון דעם וועט נאָך אַרויסקומען ?...״

איך דערמאָן זיך אין אָנהויב 1934 יאָר, האָב איך זיך צוריקגעקערט קיין מינסק נאָך מײַן דינען אין דער רויטער אַרמיי (געדינט אין דער האַמלער אַוויאַ־בריגאַדע) אין אַ נײַ־בנן קאָמאַנדיר־שינעל פון אַן אַוויאַטאָר, האָבן מיר זיך באַגעגנט מיט יאַשע בראָנשטיינען. ער האָט שוין דאַן געאַרבעט אַלס פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר פונעם ווײַסרוסישן שרייבער־פאַראיין. מיר האָבן מיט אים שפּאַצירט איבער דער סאָוועטישער גאַס. ער האָט מיט חידוש און נחתדיקײַט געקוקט אויף מיר, אויף מײַן שטאָלטנעם מיליטערישן אויסזען, ווי אויף זײַנעם אַ ייִנגערן לײַבלעכן ברודער. געדענק איך זיינע ווערטער: „וויל! אַ שטאָלץ, ווען אַ ייִד דינט און איז קאָמאַנדיר אין דער אַרמיי! מיר דאַרפֿן עס באַגריסן! ס'איז זייער וויכטיק פאַר אונדז!״...

אָנהויב פון 1934טן יאָר... ערב די אומגליקן און רציחות — די סטאַליניסטישע פּראָצעסן. מענטשן האָבן נאָך געקאָנט טראַכטן אויפן קול...

און נעבן יאַשע בראָנשטיינען פון רעכטס — משה טײַטש, אַ שטײַפלעך־געזעצטער ייִד אין די מיטעלע יאָרן, אין ברילן, מיט וואָנצעס און מ'זעט, אַז די שוואַרצע ברעמען איבער די ברילן און סײַ די וואָנצעס ווערן געפלעגט אַקוראַט. אויפן קאָפּ אַ וואַכעדיקע היטל מיט אַ לענגלעכן דאַשעק פון אַ געוויינלעכן סאָוועטישן בירגער אין סוף פון די צוואַנציקער יאָרן. און די פּאַדיאַווקע — דער אָרעמלעכער ווינטערדיקער אויבער־מלבוש משה טײַטשס, שטרײַכט דאָס נאָך מער אונטער. בלויז מיטן ברייטן שמייכל אויפן פּנים גיט ער צו וויסן — „קוקט און פריידט זיך — אַ ייִדישער שרײַבער צווישן אַ גרופּע סטודענטן פון ייִדישן אינדוסטריעלן טעכניקום אין קאַמיענעץ־פּאָדאָלסק!״

מיט משה טײַטשן האָב איך זיך דאָס ערשטע מאָל געטראָפן אויף דער איינציקער אַלפאַרבאַנדישער באַראַטונג פון ייִדישע שרײַבער אין מאָסקווע אין דעם 1934טן יאָר.

אַצינד גיב איך אָפּ די פּאָטאָ שטיוולמאַנען און ער באַווײַזט מיר: „אָט דער, אין דעם היטל, נעבן דעם דיכטער אַלעווסקי, פון רעכטס, עטוואָס אין פּראָפיל מיטן ברייטן לענגלעכן פּנים, איז געווען אונדזער דירעקטאָר. זײַן פאַמיליע־נאָמען — שילדקראָט, אַן אינזשעניער־טעכנאָלאָג, געלערנט זיך אין ציריך, פאַרענדיקט דעם ציריכער פּאָליטעכנישן אינסטיטוט. געוואָרן דירעקטאָר פון דעם ייִדישן אינדוסטריעלן טעכניקום אין 1925טן יאָר. זײַן קעגנשטאַנד איז געווען טעאָרעטישע מעכאַניק. דערבײַ באַמערקט שטיוולמאַן: — דער קאַמעניעץ־פּאָדאָלסקער אינדוסטריעלער טעכניקום האָט אַלס ייִדישער עקזיסטירט ביזן 1934טן יאָר. דער אויפֿנעם אין 1934טן יאָר איז שוין געווען נישט קיין ייִדישער.

— דער דריטער פון רעכטס אין דער דריטער ריי, צווישן די אַלע וואָס שטייען, איז מוניע שניידער, אונדזער לערער פון פיזיק און נעבן אים פון לינקס זײַן ליבלינג, דער סטודענט משה קווענצל. — שטיוולמאַן רופט אָן די אַנדערע נעמען פון די סטודענטן אויף דער פּאָטאָ און וואָס זיי האָבן זיך דערשלאָגן נאָכן פאַרענדיקן דעם יידישן אינדוסטריעלן טעכניקום אין יאָרן אַרום: נאַטאַנזאָן דאָס בחורל וואָס זיצט פון לינקס נעבן דעם דיכטער אַלעווסקי, איז געוואָרן פּראָפעסאָר פון מאַטעמאַטיק אין לענינגראַד. לאַטמאַן — אַ אינזשיניער אויף אַן אוויאַ־זאַוואָד אין כאַרקאָוו. פּיניע קרייטמאַן — אַ אינזשיניער אויפן כאַרקאָווער טראַקטאָר־זאַוואָד, שלום קאַץ — אַ אינזשיניער אויפן כ.פ.ז. (כאַרקאָווער לאָקאָמאָטיוו־זאַוואָד). אײַזיק גלאַזמאַן — פון מײַן שטעטעלע, צוזאַמען אין חדר געגאַנגען, אַ אינזשיניער־מעטאַלורג אין דניעפּראָפּעטראָווסק. ליאָווע זאַמיראָווסקי ווינט אין לוואָוו, געווען אַ אינזשיניער אין אַ גוראַלניע אין אַ שטעטל בשכנות מיט נאָוואַיאַ אושיצאַ, דאָס שטעטעלע הייסט זאַמיראָוו. דאָרט איז פאָרגעקומען דער ערשטער יידישער פּאָגראָם אין 1919טן יאָר אין קאַמעניעץ־פּאָדאָלסקער געגנט. אָט דער סטודענט איז חיים וואַסערמאַן, האָט בעתן לערנען זיך אין טעכניקום געשריבן יידישע לידער, אומגעקומען אין געטאָ...

שטיוולמאַן פאַרטראַכט זיך. אַ פּאָר נעמען פון די סטודענטן אויף דער פּאָטאָ, קאָן ער זיך אין אָט דער רגע נישט דערמאָנען. ס׳טרעפט אַזעלכעס, — זאָגט ער, — דערנאָך וועלן זיי פּלוצעם אויפקומען אויפן גומען. — און איך וועל אַפּ מײַן מיטשמועסער מיט מײַנער אַ מחשבה: זעט איר, האָט עס די סטודענטן פון אינדוסטריעלן יידישן טעכניקום ניט געשאַט, וואָס זיי האָבן עלעקטריע, מעכאַניק, פיזיק געלערנט אויף יידיש? זיי האָבן דערגרייכט זייערס!

— געוויס ניט געשאַט, — באַשטעטיקט אַבראַם דאַווידאָוויטש, — דער דירעקטאָר און די לערער אונדזערע האָבן אונדז אַזוי ווי אייגענע קינדער געלערנט, געזאָרגט, ס׳זאָלן זיך אין אונדזערע מוחות פאַרקריצן די קאָמפּליצירטע זאַכן, די שווערסטע פאָרמולעס, די פּילצאַליקע עקספּערימענטן, דערצויגן אין אונדז ליבשאַפט און עקשנות צו מי און טעכניק. דער דירעקטאָר פלעגט האַלטן אין איין דערמאָנען: „חברה, דריי זאַכן דאַרפט איר בייטיק ווי דאָס לעבן — אײַנגעשפּאַרטקײַט, אַ ליכטיקן קאָפּ און גאָלדענע הענט״.

— אָ, — שרײַט אויס פּלוצעם שטיוולמאַן. — דערמאָנט זיך: די פאַמיליע פון דעם סטודענט איז מוטשניק. זײַנער אַן עלטערער ברודער איז געווען פון די ערשטע קאָמיוגיסטן אויף אוקראַינע, אַנטייל גענומען

אין אַ שלאַכט קעגן די פּאָגראָמשטשיקעס פון אַטאַמאַן זיעליאָני׳ס באַנדע אין טריפּאָליע בײַ קיעוו. די באַנדיטן האָבן מוטשניקן געכאַפּט, פאַרבונדן די הענט אויף הינטער און אַראָפּגעשלײַדערט פון הויכן באַרג אין דניעפּר.

איך הער אויפמערקזאַם יעדעס וואָרט שטיוולמאַנס און זוך בעת מעשה אויף דער פּאַטאָ אים אַליין: זאָגט מיר נישט אונטער, שווײַגט... איך מוז אײַך געפינען, — און באַלד רוף איך אויס: דאָס זײַט איר, אברעמעלע!...

צעשמייכלט זיך דער געוועזענער לוואָווער קאַנדידאַט נאָוק...

...און דער אַכצן יאָריקער סטודענט שטיוולמאַן שטייט אויף דער פּאַטאָ בײַם רעכטן מיטן טיש פאַרפולט מיט מעכאַניק־מכשירים, עלעקטראָ־טעכניק, דינאַמיקעס און קאָלבעס, דער ערשטער אין דער שורה סטודענטן. דערקענט האָב איך אים לויט זײַן פאַרבאָרגענעם, אײַנגעהאַלטענעם יונגן שמייכל אין די אויגן און אויף די ליפּן: „איך בין נישט צופעליק אויף אַט דעם אָרט. איך וועל אים באַרעכטיקן. איר וועט אַ סימן האָבן...". — און דער זעלבער וואָרעמער שמייכל שײַנט אויך איצט כמעט זעכציק יאָר אָרום אין אברהם שטיוולמאַנס אויגן, אויף די ווינקלען פון זײַן מויל. און דעם סטודענטס פאַמיליע, — זעצט פאָר אַבראַם דאַווידאָוויטש, — איז וואָלאָוויק. זיין שיינע, געראָטענע שוועסטער אידאַ, מיט אַ יאָר, צי צוויי יינגער פון מיר, האָט זיך געלערנט אין 9טן קלאַס פון דער קאָמעניעץ־פּאָדאָלסקער יידישער מיטלשול. און דער, וואָס שטייט הינטער וואָלאָוויקן, הייסט ווערעטניק, עס זעט זיך אַרויס זיין האַלבער פּנים, די אויגן און די נאָז... ווערעטניק און איך,ביידע זײַנען מיר געווען פאַרקאַכט אין אידען — מײַן ערשטע ליבע!

— ווענען זשע האָט אידע ליב געהאַט, — פרעג איך.

שטיוולמאַן טוט אויף מיר אַ קוק און ענטפערט מיר אין איינקלאַנג מיט מײַן פראַגע: — איך בין אַרויס דער זיגער...

— און ווערעטניק איז טאַקע געבליבן מיט אַ נאָז, ווי אויף דער פּאַטאָ, — דערלויב איך מיר שוין אַ וויצל צו טאָן און גיב צו: זײַט מיר מוחל, אָז דעם כזיתל חוזק בין איך שוין אַ צעריבענע הענטשיקע...

אבראַם דאַווידאָוויטש דערציילט מיר, ווי אַזוי ס׳האָט זיך אין די מלחמה־יאָרן פאַרהיט די פאָטאָגראַפיע: סוף אויגוסט, צי אין די ערשטע סעפּטעמבער־טעג פון דעם 1941טן יאָר — אונדזער זכרון, — באַמערקט ער, — איז ניט קיין אַמעריקאַנער קאָמפּיוטער, אויף וועלכן ס׳אָרודעוועץ שוין דאָ מײַנע אייניקלעך — האָט זיך דאָס דײַטשישע חיל דערנענטערט צו גאַדזיטשי. די היטלער־אַוויאַציע באָמבאַרדירט פּאָלטאַווע. איך מיט מיין משפּחה מוזן זיך דרינגנד עוואַקוירן, ווײַל ווען מיר פאַרהאַלטן זיך נאָך

אויף צוויי־דריי שעה, בלײַבן מיר שטעקןביים דײַטש. די שומרטע פון דער מיטלשול אין גאַדזיטשי, ווו איך בין געווען דירעקטאָר, פעדאָסיע, האָט זיך צו מיר און צו מיין משפחה זייער ווארעם באַצויגן און דאָס זעלבע אויך מיר. מיר האָבן זי געאַכטעט און געווען פריינד. אין די בהלה־מינוטן, ווען די שלאַכט־קאַנאָנאַדע האָט זיך שוין גוט געהערט, בײַם זעצן זיך אויפן לאַסט־אויטאָ, האָב איך פעדאָסיען איבערגעגעבן דעם שליסל פון אונדזער דירה. זי האָט מיט הייסע טרערן אין די אויגן געדריקט מיין האַנט. האָט פעדאָסיע פאַרהיט אַ סך אונדזערע שטוב־זאַכן, מעבל און בילדער, און צוליב דעם, בפועל ממש, ריזיקירט מיטן לעבן... באַלד ווי די היטלעראָוצעס זײַנען אַרײַן אין גאַדזיטשי, האָבן די אוקראַינער פאָליצײַען גענומען ראַבירן די הײַזער פון די אַנטלאָפענע ייִדן. אויף מײַן אַרבעטס־טיש זיינען געבליבן מײַנע פאַרנאָטירטע קאָנספעקטן לויט סטאַלינס קורצן קורס — „דאָס פאַרטיינע הייליקע ספרל״... אַלס שול־דירעקטאָר בין איך פאַרפליכטעט געווען אַלע צוויי וואָכן צו פירן פאָליטישע פאַרנעמונגען מיטן לערער־קאָלעקטיוו. איינער פון די „פריש־אויסגעבאַקענע״ פאָליציײַער האָט געבראַכט פון דער קאָמענדאַטור אַ געסטאַפּאָ־דײַטש, באַוויזן אים, די באָלשעוויסטישע פראָפּאַגאַנדע, מיט וועלכער עס איז פול די שטוב פון דעם אַנטלאָפענעם זשיד־קאָמוניסט שטיוולמאַן און געטײַטלט מיט די פינגער אויף פעדאָסיען: „זי האָט זיך אונטערגענומען די אַגיטאַציע צו פאַרשפרייטן צווישן אוקראַינישן פאָלק״.

פעדאָסיען האָט, אָן שפּאָס, געדראָט טויט. האָבן זיך אין שטעטל געפונען דרייסטערע אײַנוווינער. זיי האָבן געטענהט: „זי איז דאָך אַ בעזגראַמאָטנע! וואָס פאַרשטייט זי, די שומרטע? — געוואָשן די פּאָדלאָגעס אין שקאָלע און געקלונגען מיטן גלעקל אויף די הפסקות...״ געראַטעוועט זי פון אַן אומפאַרמיידלעכער דײַטשישער קויל...

ווען מ׳האָט גאַדזיטשי באַפרײַט, האָט מיר מײַן פראָנט־נאַטשאַלניק דערלויבט אויף אַ מעת־לעת אָפּצושטעלן זיך אין שטעטל. איך בין אַרײַן אין מײַן דירה... האָט מיר אונדזער משפחה־פרײַנד פעדאָסיע צוריקגעקערט די פאַרהיטע זאַכן און אויך די פאָטאָגראַפיע פון מײַנע ייִדישע יונגע יאָרן.

ווידער מיט אברהם שטיוולמאן

אין אָנדענק פון דעם 19יאָריקן חיים שוועדיק (דער ברודער פון דעם ייִדישן דיכטער הענעך שוועדיק), וואָס איז טראַגיש אומגעקומען אין ביראָ־בידזשאַן אינעם 1929טן יאָר.

אויפן ברייטן־ביטש, אין אַ געראַמען, ליכטיקן קלוב־צימער, ביי אַזוי גערופענעם צענטער פון אַלטע לייט און פענסיאָנערן, האָב איך מיט אַ פּאָר וואָכן שפּעטער, באַגעגנט זיך מיט אַ גרופּע סאָוועטישע עמיגראַנטן. אָן קיין שום האָנאָראַר פאַר מיר. דער אַריינגאַנג פריי. עס זיינען מיך געקומען הערן אַ פופציק פרויען און מענער. געווען — מיטליאָריקע, די מערהייט — פון 60 ביז 70. איך האָב צווישן עולם באַמערקט אבראַם דאַווידאָוויטשן און אים מיט דאַנקבאַרקייט באַגריסט.

דער פרעזידענט (אין אַמעריקע איז שוין אַזוי פונדאַמענטאַל איינ־געפירט — יעדער מאַלאָ־מאַלסקע אָנפירער, וואָס האָט די השגחה, אפילו, בלויז איבער אַ מזומן, הייסט — פרעזידענט) פון די ייִדן — נייע רוסישע עמיגראַנטן, האָט אַזוי אָנגעהויבן: — איך אַנטשולדיק מיך, וואָס איך רעד אויף רוסיש, איך בין נישט זיכער, צי איך וועל די עטלעכע נויטיקע ווערטער קאָנען ריכטיק זאָגן אויף ייִדיש. איך שטעל אייך פאָר דעם ייִדישן שרייבער, אַ גאַסט פון ישראל, אַ מלחמה־אינוואַליד, עמיגרירט פון סאָוועטן־פאַרבאַנד. —

איך האָב, נאַטירלעך, גערעדט אויף מאַמע־לשון און באַלד דערפילט — מע פאַרשטייט מיך. כ׳האָב פאָרגעלייענט שטעלן פון מיין בוך „דער מאָסקווער משפט איבער די ביראָבידזשאַנער״ און אַ נאָוועלע פון מיין צווייטן פראָזע־בוך. מע האָט מיך געהערט מיט אויפמערקזאַמקייט, אויפ־גערירט, ווי מיט עטלעכע און פופציק יאָר צוריק די שילער פון די ייִדישע שולן אין די שטעטלעך פון ווייסרוסלאַנד, בעת איך פלעג פאַר זיי פאָר־לייענען אויף אויסנווייניק מיינע זאַכן פאַר קינדער.

איך האָב פאַרענדיקט לייענען. דער פרעזידענט, מיכאַיִל קולטשינסקי האָט מיט טרערן אין די אויגן געזאָגט: — פאַר וואָס קומט עס אונדז אַזאַ

בייזע שטראָף, ווערן אַזוי אָפּגעפּרעמדט פון ייִדיש און ייִדישקייט? מיר האָבן ליב געהאַט טאַטע־מאַמע, זיידע־באָבע און מיט אַזאַ הפקרות דער־ווײַטערט זיך פון זייער און אונדזער ייִדיש־לעבן... בײַ וואָס־זשע זײַנען מיר, טײַערע, געבליבן?...

ער האָט מיך הייס באַדאַנקט און אויך פון די בײַוועזנדע האָבן פּיל געדריקט מײַן האַנט. זעקס פון זיי זײַנען צו צום טיש און גענומען בײַ מיר ביכער. איך האָב גאָר אַזויפיל מיט זיך ניט געהאַט. האָבן זיי געוואַרט, ביז מײַן פרוי (אונדזער וווינונג בײַ די אייגענע איז געווען ניט ווײַט פון דעם אָרט, ווו איך בין אַרויסגעטראָטן) האָט געבראַכט נאָך ביכער.

כ'האָב מיך אָפּגעווײַכט פון עיקר: אין אַ לויטערן, גישט ווינטיקן טאָג האָב איך זיך ווידער געטראָפן בײַם אָקעאַן מיט אברהם שטיוולמאַן. געזעצט זיך באַנאַנד אויף אַ פרײַער באַנק, אין דער שורה בענק, וואָס איז נענטער צו דער אומענדלעכער וואַסער־רחבות. אָבער אַלץ איינס, הערט זיך דער כוואַליע־געפּליעסק ניט דײַטלעך, באַזונדערס, ווען דער אָקעאַן איז שטיל, אַזוי ווי הײַנט: ווײַל צווישן באָרד־וואָק, וואָס ציט זיך, ווי אויף אַ הויכן בריק, ביזן סאַמע וואַסער. שפּרייט זיך אַ היפּשער טרוקענער, זאַמדיקער שטח. נאָך אַ קורצער פּאַוזע, רופט זיך צו מיר אָן שטיוולמאַן: — איך האָב מיך אײַנגעהאָרכט אין די ביראָבידזשאַנער גוואַלדטאַט־עפּיזאָדן, וואָס איר האָט געלייענט פון אײַער בוך און געטראַכט, ווי גוט איך האָב אָפּגעשניטן — מע האָט דאָך מיך אויך געוואָלט פאַר־שלײַדערן קיין ביראָבידזשאַן. איך האָב אין 1936טן פאַרענדיקט דעם כאַרקאָווער פּאָליטעכנישן אינסטיטוט. איך וואַרט שוין אויף דער פאַנאַנ־דערטיילונג. וווהינזשע וועט מען מיך שיקן אויף אַרבעט? — אומגעריכט, רופט מיך אַרויס דער סעקרעטאַר פון דער אינסטיטוטישער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע: — גיי צו, שטיוולמאַן, אין רײַקאָם פון פּאַרטיי צו וועלכן מיר געהערן. אין קאַדער־אָפּטייל וויל מען מיט דיר שמועסן...

וועגן וואָס? — בין איך אומגעדולדיק.

— אָ, שטיוולמאַן! איך האָב זיך גאָרנישט פאַרגעשטעלט, דו זאָלסט זײַן אַזאַ באַאיוועך מענטש. זוען איך ווייס וועגן וואָס... מע רופט, דאַרף מען גיין...

עפּעס איז מיר אין יענער רגע דער סאָרט רעדן פון דעם אינסטיטוט־סעקרעטאַר, נישט געפעלן געוואָרן. און באַזונדערס, וואָס מען רופט מיך אין קאַדער־אָפּטייל... בין איך תיכף אַוועק אין רײַקאָם. אַן אינסטרוקטאָר, אַן אוקראַינער שגץ מיט עטלעכע יאָר עלטער פון מיר, קוקט מיך אָן פון קאָפּ ביז די פיס, רעדט מיט מיר אויף אוקראַיניש, דערקאַזשעט אויפן טיש עפּעס אַן אָפּגעדרוקט פּאַפּירל, איך האָב באַוויזן צו באַמערקן אין

דעם דאָקומענט מײַן פֿאַמיליע־נאָמען. דער קאַדרען־אינסטרוקטאָר בליקט אַרײַן אינעם פּאַפּיר און איך פֿיל, ער וויל זיך אָפּפּאַרטיקן מיט מיר בקיצור:

— די היגע יידישע פּאַרטיי־טוער ווייסן — דו האָסט אינעם 1930טן יאָר, אין קאַמעניעץ־פּאָדאָלסק, פֿאַרענדיקט דעם יידישן אינדוסטריעלן טעכניקום, ווענדט מען זיך צו זיי פֿון כאַבאַראָווסקער קאַנט, שטאַט ביראָ־בידזשאַן, העלפֿן צוזוכן פּאָר פּעדאַגאָגישער אַרבעט מענטשן, מיט הויכער בילדונג, וואָס קענען יידיש. איז אָט, שטיוולמאַן, מיר האָבן זיך דאָ באַראַטן, באַקענט מיט דײַן אויטאָביאָגראַפֿיע און אַנדערע דאָקומענטן... דער רײַקאָם פֿון פּאַרטיי ווײַזט דיר אַרויס צוטרוי און האָט גאָרנישט קעגן, זאָלסט פֿאָרן בויען אונדזער רומפּולן ווײַטן מזרח און אויך די יידישע אויטאָנאָמע געגנט.

אַ היץ האָט מיר אַ זעץ געטאָן אין די שלייפֿן. מיר האָבן אַ קראַנק צווייייאָריק קינד. און עס בליצט דורך אין מײַן זכרון אַ ביראָבידזשאַנער געשיכטע, פֿון נאָך מיט יאָרן צוריק, וואָס איך האָב גוט פֿאַרגעדענקט...

— איין רגעלע, אבראַם דאַווידאָוויטש, איך הער אײַך מיט גרויס אינטערעס און טאָר ניט איבערשלאָגן. אוודאי, בין איך שוין נײַגעריק צו וויסן אײַער ענטפֿער דעם טוער פֿון קאַדער־אָפּטייל. אָבער די ביראָ־בידזשאַנער געשיכטע פֿון נאָך מיט יאָרן צוריק, וואָס איר האָט גוט פֿאַר־געדענקט — אויפֿן ערשטן פּלאַן! זי טאָר ניט פֿאַרפֿאַלן ווערן. זי האָט, ווי איך פֿאַרשטיי, אין יענעם מאָמענט געווירקט אויף אײַער ענטפֿער דעם אינסטרוקטאָר.

— איך האָב דאָן נישט געטראַכט וועגן דעם, צי זי האָט געווירקט צי ניט, איך האָב זיך נאָר געוואָלט ראַטעווען, ניט צו פֿאַרשיקט ווערן אַהין. ווילט איר, איך זאָל אײַך דערציילן, די געשיכטע?

— זייער! דערנאָך וועט איר זיך צוריקקערן צום געשפּרעך אין רײַקאָם. נישקשה, דער אוקראַינער שגץ וועט צוואַרטן. במילא זײַנען שוין זינט דאַן אַוועקגעשווומען אַכט און צוואַנציק יאָרעלעך, טאָ וואָס איז די אײַלעניש?

— איך בין אָבער גאָר אַ קנאַפּער דערציילער.

— אָ, איר האָט אַ טעות, שטיוולמאַן. דער אמתער דערציילער, איז תמיד דווקא דער ניט־שרײַבער, ווײַל די שריפֿטשטעלער האָבן שוין אַזאַ טבע איבערצודרייען מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פֿיס אַרויף — און מע מוז דאָך הײַנטיקע צייטן זײַן אַ קאַפּעטשקע מאָדערנע. אָבער דער פּשוטער דערציילער לאַכט זיך אויס פֿון די אַלע מאַכערײַקעס.

— טאָ הערט זשע.

נחום, דער סטודענט פון צווייטן קורס

אויפן ערשטן קורס אין טעכניקום, האָב איך זיך געגומען חברן מיט אַ סטודענט פון צווייטן קורס, נחום האָט ער געהייסן — אַן אויסגעדאַרטער, אויסגעבלייכטער הויכער בחור. פלעגט חדשימווייז אַרומגיין אין איין און דער זעלבער טונקעלער „קאָסאָוואָראָטקע" (אַן אויבערהעמדל מיט אַ שמאָל קרעגעלע בײַם האַלדז), מיט צעלעכערטע עלנבויגנס. נחום האָט אויס־געצייכנט געקאָנט פיזיק און מאַטעמאַטיק, בעסער פון אַלע סטודענטן אויף זיין קורס. דאָך האָט אים די סטיפּענדיאַלע קאָמיסיע אויך אין צווייטן לערן־יאָר אָפּגעזאָגט פון סטיפּענדיע. און נישט געקוקט אויף דעם, וואָס ער האָט געהאַט צוגעשטעלט אַ גוטע „ספּראַווקע" (דאָקומענט), אַז ער איז אויף אויסהאַלט פון זיין עלטערער שוועסטער, אַן אַרבעטערין פון דער היגער טעקסטיל־פאַבריק. ס'האָט ניט געהאָלפן. אַן עמעצער פון דער קאָמיסיע האָט ווידער, ווי פאַראַיאָרן, דערמאָנט: — „און זיין טאַטע? מ'ווייסט... געהאַלטן אַ קראָם, קומט אים ניט קיין סטיפּענדיע"... און טאָקע צוליב דעם טאַטן זיינעם האָט זיך נחום בכלל געהאַלטן אין טעכ־ניקום אויף משכלות. בלויז אַ דאַנק דעם דירעקטאָר און דעם לערער פון מאַטעמאַטיק, וואָס האָבן גענומען אויף זיך — געלויבט נחומען פאַר זיינע פעיקייטן און דערפאַלגן אויף די וויכטיקסטע קעגנשטאַנדן — מאַטעמאַטיק און פיזיק, האָט מען אים נאָך פון טעכניקום ניט געהאַט אויסגעשלאָסן.

די סטודענטישע סטאָלאָווקע (גאַרקיד) האָט זיך געפונען גופא אין טעכניקום־געבײַדע, אין דעם אונטערשטן פּאָדוואַל־שטאָק. און ווען אין דער גרויסער הפסקה לויפן די סטודענטן גיכער אָפּצועסן, פלעג איך ניט זעלטן באַמערקן נחומען אַרומדרייען זיך אויפן טעכניקום־הויף. און איך פלעג אים אַ צי געבן פאַרן אַרבל:

— קום, נחום, מירן הײַנט עסן צוזאַמען דעם סטודענטישן וואַרעמעס... שעמט ער זיך. פרווט זיך אָפּצוזאָגן מיט די ווערטער: „ס'קומט מיר ניט, איך האָב אויף דעם קיין רעכט ניט... דאָס וועט זײַן אַ דיסקרעדיטאַציע פון דער סטיפּענדיאַלער קאָמיסיע... מײַן טאַטע...

— לאָז צורו, — פלעג איך זיינע רייד אָוועקמאַכן מיט דער האַנט, — מיר וועלן זיך זעצן בײַם הינטערשטן טיש, קיינער וועט אין דעם הו־האַ נישט באַמערקן.

משמעות, אַז נחום פלעגט מוזן זײַן תמיד גוט הונגעריק און מיט אַן אָנגעבויגענעם קאָפּ, מע זאָל אים טאָקע ניט באַמערקן, ווי אַ קאַלב, נאָכציען זיך נאָך מיר...

ביז איין מאָל, אין מערץ צי אַפּריל־חודש, שוין ביַים סוף פון דריטן לערן־קוואַרטאַל, נאָך פאַרן אָנהייב פון די לימודים, לויפט צו מיר צו נחום, אַ פאַרסאַפּעטער, רופט מיך אָפּ אין אַ זיַיט צו דער וואַנט פון טעכ־ניקום־קאָרידאָר און מיטן פאַר אים אייגנטימלעכן שטילן שמייכל, רוימט ער מיר איין:

— אַבּרעמעלע, לאָמיר זיך געזעגענען, דער פאַיעזד גייט אַוועק...

קוק איך אים אָן מיט שטוינונג: וווּהין גייט דער פאַיעזד?

— קיין בּיראָבּידזשאַן...

— אין אַזאַ אויסערייַסעניש?!

— ניטאָ קיין אַנדערע ברירה... כ'וועל דאָרט ווערן אַ טראַקטאָריסט... אַפּווישן דעם טאַטנס „מיאוסן פלעק", — דעם „ניעטרודאָוואָי עלעמענט"... און מאַך קיין טומל ניט... — שושקעט מיר נאָך אַלץ נחום אין אויער.

מיר כאַפּן זיך שטאַרק אַרום... און איך נעם אַרויס פון מיַין קעשענע — אַלץ וואָס דאָרטן איז געווען — אַ פּינפּערל און אַ דריַיערל... — נחום, איך בעט דיך זייער, נעם עס, אַזאַ לאַנגער וועג... ס'וועט צונוץ קומען...

נחום האָט זיך געקווענקלט, נאָר די צוויי געלט־פּאַפּירלעך געלאָזן ביַי זיך אין האַנט. איך האָב זיך ווידער אַרומגעכאַפּט מיט אים און ער איז נעלם געוואָרן.

...דורכגעלאָפן מער פון אַ האַלב יאָר... אַן אָסיען־טאָג... סוף אָקטאָבער. מיט אַ מאָל ליב־וואַרעם געוואָרן, ווי אין מיטן זומער — „באַביע לעטאָ". געווען איז זונטיק — אַן אָפּרו טאָג. איך בין שוין אַ סטודענט פונעם צווייטן קורס. נאָך פאַר מיטאָג געווען מיט אידען אין קינאָ, באַגלייט זי אַהיים צו טאַטע־מאַמע. ווילט זיך מיר עפּעס ניט גיין איצט צוריק אין מיין סטודענטישן צוזאַמענוווינונג. קום איך אַריַין אין דער דערבייַיקער שטאָט־אַלייע. די בענק געדיכט פאַרשאָטן מיט גאָלד־רויטע, געלבלעך־גרינע האַרבסטיקע בלעטער. איך זעץ זיך מיר צו אויף אַ באַנק... ווויל מיר צו טראַכטן... נאָך אַ מאָל איבערצולעבן די פרייד פון זיַין צוזאַמען מיט מיַין ליבסטער אין טונקעלן קינאָ־זאַל, נאָענט, נאָענט איינער צום אַנדערן... איך האַלט שטייף איר האַנט אין מיַינער און זי גיט מיר אָפּ איר הייסע דלאָניע אין מיַין רשות: „טו מיט איר, וואָס דיר געפעלט. דריק זי צונויף אַלץ פעסטער און שטאַרקער, ביז ווייטאָק, איך האָב גאָר־ניט קעגן"... און איך שעפּטשע איר אויפן אויער: איצט קוועטש צונויף שטאַרק־שטאַרק אַלע מיַינע פינף פינגער, אָט ווי איך דיַינע, נאָך פעסטער! גוט, גוט... אָט־אָט אַזוי... אַך, ווי דאָס איז זיס מיַין טיַיערע! רוים איך און קוש איר אויער.

פּלוצלונג, גרייכט עמעצנס אַ לאַנגער שאָטן צו די שפּיצן פון מיַינע

שיך. ווער דערנענטערט זיך, אײַלט פֿאַרבײַציוגיין דעם באַנק אויף וועלכן איך זיץ? ס'קאָן ניט זײַן... איך גלויב מײַנע אויגן ניט... נחום! — שריי איך אויס, — דו ביסט עס? נחום ציטערט אויף פֿון מײַן אויסגעשריי. ער האָט געאײַלט דורך דער אַלייע פֿאַריאָגט אין זײַנע טריבע מחשבות. ער וואָלט מיך גאָרניט באַמערקט, ווען איך שריַי אים ניט אויס גלײַך אין פּנים אַריין — נחום, דו ביסט עס?!

נחום בלײַבט שטיין נעבן מיר. זעץ זיך צו, — נעם איך אים אָן בײַ דער האַנט, — נחום פֿאָלגט מיך.

— פֿון וואַנען גייסטו אַזאַ פֿאַרשטויבטער? מען זעט דאָך דײַן פּנים ניט אַרויס פֿונעם שטויב.

און נחום צעשמייכלט זיך: אַ קוימענקערער? האַ? — דאָס אײַל איך אַהיים פֿון וואָקזאַל, געהאָלפֿן אויסלאָדעווען צוויי וואַגאָנען קאַרטאָפֿל. מען דאַרף דאָך אין זינען האָבן די חיונה...

— נאַ, — שטרעק איך אים אויס אַ ריינעם נאָזטיכל. צום אַלעם ערשטן וויש אויס דײַן „פּאָרטרעט" און לאָמיך דיך אָנקוקן אַ לעבעדיקן. און איצט וויש אָפּ מיט די טרוקענע בלעטער דײַן אַנטועכץ, אָט אַזוי, זשאַלעווע ניט, שטאַרקער, די בלעטער זײַנען טרוקן און ריין ווי גאָלד, די ווינטן האָבן זיי אָרומגעשליפֿן...

ערשט איצט האָב איך דערזען, ווי צעקוואָרט, הויט און ביין נחומס פּנים איז — אַ שאָרבן פֿון אַ געזיכט. די הענט צעמאָגערטע, לויז, אָן מוסקולן, בלייכע, בלויע אָדערן...

— ווו ביסטו אַזוי לאַנג פֿאַרפֿאַלן געגאַנגען? ביסט גאָר אין ביראָ־בידזשאַן ניט געווען?...

— אַ וואָך ווי כ'האָב זיך צוריקגעקערט.

און מײַן חבר נחום האָט מיר אויסדערציילט דאָס אַלץ, וואָס מיט אים איז געשען אין ביראָבידזשאַן.

נחום דערציילט

— אָנגעקומען אויף דער סטאַנציע טיכאָנקאַיאַ — ביראָבידזשאַן צוזאַמען מיט אַ באַברויסקער בלויאויגיקן בחור, חיים. ער איז אויך, ווי איך, געפֿאָרן אויף עק וועלט אָפּצווישן זיין טאַטנס „מיאוסן פֿלעק" — אַ באַלעגאָלע, געהאַלטן אַן אכסניה, געפֿירט פֿאַסאַזשירן מיט סחורות. מען האָט אונדז ביידן געשיקט אַרבעטן זייער ווײַט פֿונעם צענטער ביראָבידזשאַן. צוויי מעת־לעת האָט געדויערט, ביז מיר זײַנען אויף אַ פֿערד און וואָגן

אָנגעקומען צום ברעג פון דעם טײַך אָמור אין אַ גויִישן דאָרף — סאָווכאָז מיט אַ סך סטאַראָוויערן (אַלט־גלויביקע), סעקטאַנטן.

די פּויערים זײַנען אַרויס אונדז באַטראַכטן, ווי אַ בייז־וווּנדער — די ערשטע יִידן וואָס זיי זעען. ממש, זיי האָבן אונדז געוואָלט אַרומטאַפּן. צי מיר האָבן ניט קיין הערנער אויפן קאָפּ? אַ נידעריק פּויערל מיט אַן אַרומגעוואַקסענעם פּנים. אין אַ צעפּליקטן, צעשמאַטיעטן פּעלצל איז צו אונדז צוגעגאַנגען נעגטער מיט אַ יווּנישן „ברוך־הבא״: — די זשידאָווסקע וולאַסט אונדז געבראַכט? נאָר דאָס האָט אונדז געפּעלט! זדראַוויאַ זשע־לאַיעם! סקאַצלקומט! — און מיט אַ לצנישן קניקסל פאַרנויגט זיך פאַר אונדז... אַ פּויערטע, דאָס פּנים אַרומגעדרייט מיט אַ קאַנטיקן שוואַרצן טיכל, עס האָבן זיך אַרויסגעזען אירע ביסטרע אויגן, האָט געהאַלטן אין איין איבערחזרן: „אַנטיכריסטן! אַנטיכריסטן! באַזשינקאַ טי נאַש! גאַטעניו דו אונדזוערער!...״

אויף אַ פאַרשײַטן אָגער איז געקומען צו רײַטן דער געהילף־דירעקטאָר פון סאָווכאָז — אַ הויכער, בלאָנדער פּויער פון אַ יאָר פערציק. אין אָפּ־געבליאַקעוועטע קאַוואַלעריסקע גאַליפע, מיט אַ בודיאָנאָווקע אויפן קאָפּ און ניט אַראָפּקריכנדיק פונעם פערד געווענדט זיך צו אונדז:

— די נײַינקע? אויף וואָס פּאַראַ אַרבעט?

מיר האָבן אים ביידע געזאָגט: ווערן טראַקטאָריסטן! — האָט ער אונדז תיכף ווי מיט אַ שעפּל קאַלט וואַסער אָפּגעטשוכעט: — אַזוי גאָר? טראַקטאָריסטן? מיר פאַרמאָגן בסך הכל איין טראַקטאָרל, נאָך ניט קיין רעמאָנטירטן און בעלאָנים אויף אים — אַ צענדליק אוודאי. וואָס נאָך פאַרלאַנגט איר צו ווערן?

איך האָב געשוויגן און חיים רופט זיך אָן צום גלאָוונעם: — וועל איך זײַן אַ קאָניוך.

— אַזוי גאָר? אַ קאָניוך? — און שפּרינגט אַראָפּ פון זײַן צעשוימטן פערד און פירט אים בײַם צוימל צום באַברויסקער בחור, שטרעקט אים אויס דאָס קורצע בײַטשל: — נאַ־קאַרשט, זעץ זיך אויף מײַן פערד, דו העלד אין די גאַטקעס!...

די פּויערים און פּויערטעס, יונגע און עלטערע, וואָס האָבן זיך אַרום פאַרזאַמלט, האָבן אויסגעשאָסן אַ געלעכטער. דער אָגער האָט זיך אַ פּודזיע געטאָן און געריסן דאָס צוימל פונעם באַלעבאָס האַנט. חיים האָט דאָס אויסגעשטרעקטע בײַטשל ניט גענומען. נאָר אומבאַמערקט פאַרן עולם פּויערים שטייט ער שוין בײַם פערד, ווי צוגעזאָטן צו אים, האַלט אים בײַם צוימל און מיט דער אַנדערער האַנט גלעט אים דעם קאָפּ און דעם האַלדז און רוימט אים עפּעס און כישופט אין אים אַרײַן מיט זיסער

צערטלעכקייט און געשעפטש, וואָס נאָר אַזאַ שיין, צעשויבערט פערד־קראַסאָוויעץ קאָן עס דערפילן. אַט האָלובעט ער שוין זיין גריווע און גלעט עטוואָס ווייטער ביים אָנהויב פון דעם גלאַנציק־בלאַנקענדיקן קאַשטאַן־ברוינעם רוקן. עס ציטערט איף דעם פערדס הויט. און מיט אַ מאָל גיט זיך חיים מיט איין שפּרונג אַ כאַפּ אַרויף אויפן פערד גלייך אין זאָטל אַריין. ער טוט אים אַ לייכטן קלעפּל מיטן פוס אין זייט און — פּאַשאָל! מיט אַ הילכיקן פאַרשק האָט זיך דער אָגער אַ טראָג געטאָן פאַרביי די פויערים און פויערטעס און חיים רייט שוין, ווי אַ וויכער אין פעלד אַריין, נויגנדיק זיך צום פערדס גריווע, האַלטנדיק אַרומגענומען זיין ברוין־קאַשטאַן האַלדז. דער געהילף־דירעקטאָר אין דער בודיאָנאָווקע איז שטיין געבליבן מיט אַן אָפן מויל. דאָס ביטשל האַלט ער נאָך אַלץ אויס־געשטרעקט אין דער האַנט. אין אַ ווײַלע אַרום קערט זיך חיים, שטיל־רייטנדיק, צוריק, קריכט פּאַמעלעך אַראָפּ פונעם אָגער און פירט אים סטאַטעטשנע צו ביים צוימל צום באַלעבאָס...

— זנאַטשיט קאָניוך!... הייסט עס, אַ קאָניוך! — זאָגט ער צו חיימען און גיט אים ווילינגעריש אַ פּאַטש איבערן אַקסל, — ניע אָשידאַל, נישט דערוואַרט... און רופט זיך אָן צו מיר: — טאָזשע קאָניוך? ביסט אויך אַ קאָניוך?...

— ניין, — זאָג איך, — און טו אַ שמייכל צופרידן, אַ קוק־געבנדיק אויף מיין בלוויזיקן חבר.

— וועסטו גיין, — זאָגט דער גלאַוונער צו מיר, — אַרבעטן, אַן זעסט, אַנטקעגן איז די שטאָל פאַר אונדזער „מאַלאַדניאַק" — יונגע פי. דאָרט פעלט אַ מענטש. די ווײַבלעך און די מיידלעך וועלן דיר שוין באַ־ווײַזן וואָס דו האָסט צו טאָן. — און גיט אַ געשריי צום עולם: פּאַ מיעסטאַם; אויף די ערטער! פּרוזאַ! וווּ ביסטו דאָרט, קעכנע? קאָרמע די נײַנקע.

אָלינקע

איך און חיים האָבן געוווינט אין אַ ניט גרויסן באַראַק פאַר די איינצלנע סאָווכאָזניקעס, אָן משפחות. אײַנגעאָרדנט זיך באַקוועם, אַ בעטל קעגנאיבער אַ בעטל, מיר זאָלן זײַן אין איינעם. חוץ אונדז האָבן אין דעם זעלבן באַראַק געלעבט דער פּאַטשטאַליאָן מיט אַ קרומען פוס, ער האָט געפירט די פּאָסט פון סאָווכאָז צו דער דערבייַיקער באַן־סטאַנציע. דער נאַכט־שומר פונעם הויפּט־שפּײַכלער וואָס נעבן דער געבײַדע פון דער סאָווכאָז־פאַרוואַלטונג — אַן איינזאַמער, עלטערער פויער, וואָס פלעגט

באַגינען זיך צוריקקערן פון זײַן דעזשורסטווע מיט דער בערדאַנקע און דערנאָך גאַנצע טעג אָפּוואַלגערן זיך אויף זײַן בעטל, קעגנאַיבער אונדזערע. חיים פלעגט אים אָפּט צוטראָגן אַ טעפּעלע מיט אַקרעפּ.

— פּאַוועל! כ׳האָב שוין זיס געמאַכט! — און פלעגט פון דעם שומרס שאַפּקעלע אַרויסנעמען דעם אַלטנס פּוידעלע מיט די שיפּאָווניק־יאַגדעס און אייניקע פון זיי אַרײַנשיטן אין דעם טעפּעלע זוד, עס זאָל גוט אַנציען, — אַקוראַט! טרינק, פּאַוועל! — און צוריק אַוועקשטעלן דאָס פּוידעלע אויפן אָרט.

אין זעלבן באַראַק האָט אויך געוווינט דער נײַער יונגער וועטערינאַר וואָס איז אין סאַווכאָז אָנגעקומען אין איין צייט מיט אונדז. ער האָט זיך אין גיכן באַקענט מיט איינער פון די יונגע לערערינס, די טאָכטער פון דעם סאַווכאָז־בוכהאַלטער און איז געוואָרן אַן אַרײַנגייער צו זיי אין שטוב, פלעגן מיר אים זעלטן זען אין באַראַק. נאָך האָט געוווינט בײַ אונדז איינער פון די קאָניוכעס, סערגיי, זײַן ווײַב איז געשטאָרבן בײַם האָבן איר ערשט קינד און אויך דאָס קינד איז געשטאָרבן. און סערגיי האָט זיך מער ניט געוואָלט צוריקקערן צו זײַנע עלטערן.

מײַן אַרבעט — ווען די יונגע פּי טרײַבט מען אַרויס באַגינען אויף פּאַשע — רוימען דעם שטאַל, רייניקן די קאָרעטעס פאַר ס׳עטשקע און פּוילע, צוגרייטן אין די שטיי־געסטן היי אויף בײַנאַכט פאַר די קעלבער, פון צײַט צו צײַט אַרויספירן דעם גנאָי, וווהין מע פלעגט מיר אָנווייזן און נאָך פיל פאַרשידענע אַרבעטן, וואָס די פאַרוואַלטערן פון דער פּי־פערמע, פלעגט מיר הייסן טאָן. אין דעם זעלבן גרויסן פּי־שטאַל איז אויך געווען די אָפּטיילונג פאַר די ערשט געבוירענע קעלבעלעך. דאָרטן האָבן געאַרבעט צוויי סאַווכאָזניצעס — איינע אַ פרוי, אַ מאַמע פון דרײַ קינדער, נאַטאַליאַ, אַ יאָר דרייסיק און די יונגעטשקע, פּײַנע, שטאַלטנע, מיט אַ מערקווירדיק ווײַס פּנים, אַלינקע, אַ יאָר זיבעצן. זי האָט, האָבן מיר געהערט, פאַראיאָרן צי פאַר צוויי יאָר, פאַרענדיקט די זיבן־יאָריקע ניט־פּולע מיטלשול. חיים, וואָס פלעגט פון פערד־שטאַל אַרײַנלויפן צו מיר, פלעגט מיך עפּעס אַלץ ציִען נענטער צו יענער אָפּטיילונג, כדי קאָנען נאָך אַ קוק כאַפּן אויף אַליען, כלומרשט ער וויל באַטראַכטן דאָס ערשט־נעכטן געבוירן קעלבעלע... אין אָוונט, ווען חיים האָט געפירט פּאַיען די פערד צום אַמור, פלעגט ער זיי ספּעציעל דורכפירן פאַרבײַ אונדזער פּי־שטאַל, אַרײַנשרײַען אין אַליעס אָפּטיילונג, פאַרהאַנגען מיט מאַרליעס, אויף די פּאַלקעס פאַרשפּרייט מיט טישטעכלעך, ווו ס׳זײַנען צעשטעלט די מילך־פלעשלעך צו קאָרמען די קעלבלעך:

— קום, אַלינקע, כ׳וועל דיך אַרויפזעצן אויפן שענסטן פערד, צופירן

צום וואַסער, ווּעסטו זען ווי שיין ס'פאַרגייט די זון הינטערן אַמור, שענער ווי אין ביעלאָרוסיע בײַם דניעפּער... און אַלינקע פלעגט נישט אַרויס...

שפּעט אין אָוונט, ווען מיר ליגן שוין בײדע אין די בעטלעך און בײַ מיר קלעפּן זיך פון מידקײַט די אויגן, הערט חיים אַלץ ניט אויף, ווי אַ בין צו זשומען אין מײַנע אויערן: — ווען קײנער פלעגט אונדז ניט הערן, פלעגן מיר רעדן אויף יידיש —

— נחומקע, ווען דו ווייסט, ווי זי איז מיר אײַנגעבאַקן אין האַרצן. אַזאַ מין לויטערן, ליכטיקן פּנים האָט זי, אַלינקע, אַזאַ צאַרטע, ווײַסע הויט, שיינע הענט, יעדעס פינגערל... און הויבט זי אויף אירע אויגן, אַ קוק צו טאָן אויף אַ מענטשן, ווער איך צעגאַנגען פון איר בליק...

איך פלעג שוין ניט הערן, משמעות, געשמאַק אײַנשלאָפן און ער פלעגט נאָך אַלץ, מסתם, זשומען ווי אַ בין צווישן קווייטן, — נחומקע, ווען דו ווייסט...

חיימס ערשטער געשפּרעך מיט אַלינקען אונטער פיר אויגן

און אַנומלט, חיים האָט מיר דערנאָך, וואָרט בײַ וואָרט, אויף אונדזערע בעטלעך פאַרן אײַנשלאָפן, דערציילט: „ווען איך האָב הײַנט אין אָוונט געפירט פאָיען די פערד, פאַרבײַ אַלינקעס שטאַל-אָפּטייל, האָב איך דאָס מאָל, איך פאַרשטיי ניט פאַר וואָס, ניט אַרײַנגעשריען צו איר, לויפט זי פלוצעם אַרויס:

— וואָסזשע רופסטו מיך ניט, אַרויפזעצן מיך אויפן שענסטן פערד, צופירן צום טײַך, אַ קוק צו טאָן ווי שיין עס פאַרגייט די זון הינטערן אַמור ?...

— בין איך אַנטקעגן איר שטיין געבליבן געפּלעפט, נאָר נישט פאַר־לוירן זיך, באַקומען לשון: — ניין, טייערע אַלינקע, איך האָב דיך הײַנט ניט געוואָגט דיך צו רופן, מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דײַן „נאַפּאַרניצע" מיט וועמען דו בײַטסט זיך אויף דער אַרבעט, שטייט נעבן דיר און איר וועט בײדע לאַכן פון מיר... איך בענק נאָך דיר, אַלינקע, איך וויל דיך שטענדיק זען און הערן... ענטפערט זי מיר מיט איר זיסן קול: — ניין, מײַן נאַפּאַרניצע נאַטאַליאַ איז שוין אוועק אַהיים, זי האָט דאָך אַ מאַן מיט דרײַ קינדער. זי איז אונדזער שכנה. אָבער דו דאַרפסט אַזוי אָפט ניט אַרײַנשרײַען אַהער. נאַטאַליאַ איז די טעג אַרײַן צו אונדז אין שטוב און געחכמעט זיך: „דער נײַער בלויאויגיקער קאָניוך, דער ייִד,

לאָזט ניט אַראָפּ פון אַליטשקען די אויגן״... האָט עס דערהערט מײַן באָבע און איז אויפגעקאָכט געוואָרן: „אָ, די אַנטיכריסטן, זיי האָבן קיין שום רעכט ניט צו קוקן אויף דיר״, — האָט זי מײַן פֿאָטער באַרויִקט: „שוויגער! וואָס טומלט איר? נאַטאַליאַ האָט דאָך אַ שפּאַס געטאָן, עס איז קיין שום שלעכטס ניט געשען!״

— טאָר איך טאַקע, אַלינקע, קיין קוק ניט געבן אויף דיר?...

— באַקומט זיך, אַז ניט, — צעציט זי די ווערטער און זאָגט מיר — אַ גוטע נאַכט און לויפט צו זיך אין שטאַל.

— אַלינקע! — האָב איך איר מיט פאַרדרוס נאָכגעשריגן.

די צוויי עפּל

אויפן אַנדערן טאָג, שפּעט אין אָוונט, זעצט זיך חיים צו אויף מײַן בעטל און סודעט מיר וואָס עס איז געשען פאַרנאַכט: — די פערד פאָיען האָבן געפירט סערגיי און וואַסיל. און איך בין געבליבן אין סטאַדאָלע באַרשטן און פוצן דעם געהילפס־דירעקטאָרס אָגער. באַגינען וועט ער אַוועקרײַטן אויף אים צו דער באַן־סטאַנציע. האַלט איך די סקרעבניצע (דאָס בערשטל צו רייניקן פערד) — און סטאַרע זיך דער סוס זאָל בײַ מיר פינקלען און בליאַסקען. דערזע איך פלוצעם נעבן זיך אַליען:

— ווילסט דאָך מיך זען און הערן, — מורמלט זי, — אָט בין איך... ווי איז דײַן נאָמען?

— חיים, — ענטפער איך צעטומלט פון איר אומדערוואַרטן אַרײַנקומען אין פערד־שטאַל...

— אַ וואָס פאַראַ נאָמען איז עס?

— אַ פּשוטער, — זאָג איך, — אַזוי הייס איך. אַזוי רופן מיך אין דער היים טאַטע־מאַמע, ברידער און שוועסטער.

— גוט, — זאָגט זי, — קום, חיים, אויף אַ ווײַלינקע אַרויס פון שטאַל, דאָ איז טונקל...

לייג איך אַוועק די סקרעבניצע און בין מיט איר אַרויס צו דער אָפענער טיר. דער הימל איז נאָך געווען ליכטיק. זאָגט זי צו מיר:

— מײַן מומע פון טאַשקענט, מײַן מאַמעס שוועסטער, האָט אונדז צוגעשיקט אַ פּעקל מיט עפּל, האָב איך פאַר דיר געבראַכט אַ פּאָר עפּל... און זי שטרעקט זיי מיר אויס, — עס געזונטערהייט! — נעם איך די עפּל אין מײַנע הענט, קוק אויף זיי און זאָג: אַזעלכע שיינע! גרויסע! ווײַס־און־רויט! אַלינקע, — זאָג איך צו איר, — זיי זײַנען ווײַס און

צאַרט ווי דײַנע באַקן, ווי דײַן האַלדז, ווי דײַנע הענט, די פֿינגער... און עליש־רויט ווי די זון וואָס פֿאַרגייט אין אַמור... איך וועל, אַלינקע, צע־קושן די עפּל...

צעלאַכט זי זיך אַזוי הילכיק, ווי טויזנט גלעקעלעך וואָלטן זיך צע־קלינגען... און זאָגט מיר: רעד ניט, חיים, קיין נאַרישקייטן, עס זײַ געזונטערהייט!

זאָג איך: ניין, איך וועל זיי איצט ניט עסן, נאָר פֿאַרן שלאָפֿן גיין מיט מײַן חבר צוזאַמען, איין עפּל אים און איין עפּל מיר.

— גוט, — זאָגט זי, — גוט. מאָרגן, איז, מסתּם, דײַן ריי פֿון פֿירן די פֿערד פֿויען צום אַמור און איך וועל אויך אין דער זעלבער צײַט זײַן בײַם ברעג. איך וועל וואַשן און שווענקען די מאַרלעס און טישטעכלעך פֿון אונדזער אַפּטייל פֿון די נײַ־געבוירענע קעלבעלעך. ווען מיר, ווי דו פֿאַרלאַנגסט, צוזאַמען באַגלייטן די רויטע זון הינטערן אַמור, — און איז אַ פֿריילעכע אַוועקגעלאָפֿן צו איר פֿערמע.

חיים נעמט אַרויס פֿון זײַן שאַפּקעלע די צוויי עפּל און זאָגט מיר: „אַט זײַנען זיי! בײדע שיינע, גרויסע, איינער דיר און איינער מיר, — און שמייכלט האַרציק.

איך וויל חיימען נישט שווער מאַכן אויפֿן האַרצן

איך בײַס דעם עפּל און זאָג צו מײַן חבר, — איך געדענק שוין גאָרניט, ווען איך האָב אַזאַ געגעסן. נאָר איך וויל דיר נישט שווער מאַכן אויפֿן האַרצן, חיים. אַ חודש באַלד ווי מיר האָבן אויף די לעצטע באַקומענע בריוו פֿון דער היים נישט געענטפֿערט, ניט איך און ניט דו. —

שלאָגט מיך חיים איבער, — פֿאַר דער צײַט וואָס איך בין דאָ, האָב איך אַהיים צוויי בריוו געשיקט. געשריבן אַזוי ווי דו האָסט מיר געהייסן: „כ׳בין דאָ אַ פֿאָלנאָפּראַוונער (פֿול־באַרעכטיקטער) אַרבעטער אין סאָווכאָז, זאַט, געזונט און איר דאַרפֿט זיך פֿאַר מיר ניט זאָרגן". אין בײדע בריוו האָב איך נאָך פֿון זיך צוגעשריבן: „מײַן אַרבעט איז מיר ליב. איך בין דאָ אויך בײַ פֿערד". און אין מײַן לעצטן בריוו דערמאָנט: „איך קעכל דעם גלאַוונעמס אַגער. דער גלאַוונער ברענגט מיר פֿאַר זײַן פֿערד פֿאַר־באַהאַלטן אַ טאָרבע האָבער, פֿאַרשטייט זיך, ניט אַלע טאָג קאָן ער אַזאַ ראָסקאָש ברענגען, ניט אַמאָליקע צײַטן. ער פֿאַרזאָגט מיר שטרענג מיטן פֿינגער, עס זאָל אָנקומען נאָר צו זײַנעם... ניט צו קיין אַנדערן... ער איז מיט מײַן אַרבעט צופֿרידן..." וואָסזשע קאָן איך זיי איצט ווידער שרײַבן?

— אַז קיין געהאַלט, ווי מע האָט אונדז צוגעזאָגט, גיט מען אונדז ניט. אָט הער אויף טשיקאַוועס, מײַנע ברידער און שוועסטער זײַנען אין דער היים ניטאָ. אַלע זײַנען זיך פון באָברויסק צעפאָרן. רוסלאַנד איז גרויס, מע וויל זיך ראַטעווען, פּאַרטײַען, ניט טראָגן אָפּן אויף זיך דעם „לישעניעץ", וואָס גייט נאָך ווי אַ שאָטן, ווען מען קאָן דעם שאָטן דערווערגן, לאָזט ער זיך נישט אָנגעמען, גליטשט זיך אַרויס... אין שטוב זײַנען געבליבן דער טאַטע און די מאַמע. בעט מײַן מאַמע אונדזער שכנהס עלטערע מיידל פראַדל, איך האָב זיך מיט איר געלערנט אין 6טן קלאַס, אַ שטילע, אַ שעמעוודיקע, ווי זי וואָלט זיך אַליין פאַרשטויסן... דיקטעוועט מײַן מאַמע פראַדלען די בריוו צו מיר: „וויפל „זאַרפּלאַטע" (אַרבעטס-לוין) איך באַקום? צי דו וואָלסט, מײַן זון, ניט אָפּשפּאָרן און שיקן אַ פּאָר רובל, דער טאַטע איז קראַנק, זונעלע, מיר בייטיקן זיך זייער"... טאָ וואָס זאָל איך דער מאַמען אויף דעם ענטפערן, נחום, זאָג?...

שווײַג איך אַ רגעלע און זאָג אים: — איך וועל זיך מיט דיר נישט אַמפּערן, חיים, ביסט גערעכט, דאָך דאַרף מען זיך פּרוּוון ווידער צוגיין צום בוכהאַלטער, דער גלאַוונער באַלעבאָס איז ער דאָך... אפשר, וועט ער אונדז פאַרט עפּעס געבן אויף די הענט...

— וואָס רעדסטו, נחום, — וויל שוין דאָס חיים נישט הערן, — מיר אַרבעטן שוין דאָ דעם פינפטן חודש. אויסער די מאַטערבישן, וואָס מיר האָבן געהאַט אויף דער סטאַנציע טיכאָנקאיאַ, געהונגערט, יענער חודש דאַרף דאָך אונדז אויך פאַרעכנט ווערן. ווייס איך שוין פאַרויס דאָס לידעלע, וואָס דער בוכהאַלטער וועט דיר אויסזינגען: „אַ קלאָרער חשבון", — וועט ער אָנהויבן, — „יעדן גראָשן איז צו זען ווי אַ פליג אויף דער שויב".

„אַ קאַשע מיט אַ באָרשט עסט איר"?

„אַ פיש-טאָג איין מאָל אין דער וואָך — אַ פיש-יויך מיט אַ געבראָטנס פון קאַמבאַלאַ האָט איר?"

„ברויט מיט אַ ביסל צוקער באַקומט איר"?

„אַ האַלבן ליטער מילך פון דער פערמע שרײַב איך אײַך אויס, אײַ, וואָס ניט אַלע טאָג מעלקן זיך די בהמות? — קאָן איך אײַך קיין פולע אײַטערס ניט אונטערשטעלן".

„אויף אַ יאָר אַרבעטס-קליידער גיט מען אײַך"?

„קיין דירה-געלט פאַרן וווינען אין באַראַק צאָלט איר נישט"?

„אין באַראַק שטעלט מען אײַך אַוועק יעדן באַגינען אַ באַק מיט אָקרעפּ. צאַפּט דעם גאַנצן טאָג".

„מאַכאָרקע — אומזיסט".

„אַ באָד — אומזיסט“.
„אַ שערער — אומזיסט“. —
„אָט דאָס אַלץ באַטרעפֿט אייער חודשלעכער געהאַלט מיט אַ סמיטשיק... ווו קאָן מען זיך נאָך אָננעמען? מע דאַרף, דרוזשאָק, (חבֿרל) וואַרטן אויף בעסערע צײַטן... אונדזער פּאָוואָזשאַנער (געאַכטער) מיכאַיל איוואַנאָ־וויטש קאַלינין, זאָל עפּעס צוואַרפֿן דעם יעווריעיסקי בירא־בידזשאַן...“
האָב איך וואָס דורכגעלאָזט פֿון זיין לידעלע?
— ניין, חיים, — האָסט אַ גוטן קאָפּ. ווען דו וואָלסט נאָך האָבן אַ מעגלעכקײַט זיך צו לערנען.
— לאָמיר שלאָפֿן, ווער, אפֿשר, יאָווען זיך צו מיר מײַן זיסער, ליבער חלום... אוי, ווי עס קלאַפּט מיר דאָס האַרץ, ווערט אַזש צעזעצט קלאַפּנ־דיק, נחומקע...

וואָס עס איז געשען דערנאָך

וואָס עס איז געשען דערנאָך, אין פֿאַרלויף פֿון איין מעת לעת...
שפּעט... אין באַראַק איז שטיל. די לבֿנה שײַנט דורך די שויבן, העלפֿט מיר צו זען — אַלע ליגן שוין אויף זייערע ערטער. פּאַוועלס בעט איז פֿאַרבעט — ער איז אויף דער שמירה. און סערגיי איך נאָך ניטאָ, נאָר אָט קומט ער אַרײַן. איך גיי אים אַנטקעגן און דערפֿיל גלײַך — ער איז בגילופֿין... דאָך פֿרעג איך אים: סערגיי, דו גייסט פֿון פֿערד־שטאַל?
— וואָס? ניין, איך האָב הײַנט אַ פֿרײַען טאָג, איך בין געווען בײַ מײַנע עלטערן. —
זאָג איך אים: מיך וווּנדערט, וואָס חיים איז נאָך אַלץ נישטאָ. ס'איז שוין שפּעט...
— וואָס ביסטו, די מאַמע זײַנע? — אָ, ווי איר זשידעס האַלט זיך אײנער בײַם אַנדערן... יאָ, אין וועג האָב איך באַגעגנט נאַטאַליען, אַליעס נאַפֿאַרניצע, פֿרעגט זי מיך — „האָסט ניט געהערט? בײַם ברעג טײַך איז געווען אַ קריגערײַ, אַ געשלעג“?... סערגיי האָט נאָך עפּעס געזײַט צווישן די ציין... נאָר איך בין אָפּ פֿון אים. אויף די שפּיץ פֿינגער אַרויס־געשלײַכט זיך פֿון באַראַק און אַוועקגעלאָפֿן צו דער סטאַדאָלע. דאָס האַרץ האָט מיר געזאָגט, איך דאַרף לויפֿן אַהין... די לבֿנה האָט באַהאַלט די סטעזשקע... די קאָניושנע איז אָפֿן... איך הער זיך אײַן... פֿון קעגנאיבער־דיקן עק שטאַל דערטראָגט זיך אַ פֿאַרשטיקטע, הייזעריקע כליפּערײַ...

גופא אין שטייג־זאהאן פון דעם געהילפס־דירעקטארס פערד, הארט נעבן דעם אגערס פיס, ליגט חיים אויפן צעווייקטן מיסט־שטרוי, איינגעקארטשעט, אן א היטל, דער קאפ פארשטעקט אין צעכראסטעטן קאלנער פון זיין ארבעטס־רעקל... איך בויג זיך אן צו אים, נעם אים ביי דער האנט: חיים, הויב זיך אויף!... — ביי די ווערטער מיינע האט ער זיך נאך הילכיקער צעהעשעט:

— זאל מיך דא דער אגער קאפיען מיט די קאפיטעס, צעטרעטן, צע־קוועטשן די ביינער, די נשמה...

איך פרווו אים מיט אלע כוחות ארויסציען פון זאהאן, נאר חיים איז א סך שווערער, שטארקער פון מיר, איך באגיס זיך מיט שוויס, — האב אויף מיר רחמנות, — גיי איך שוין ארויס פון די כלים, — איך פאל דא מיט דיר!...

ראפטאם הויבט ער זיך אויף, — קום צום ברעג טייך!...

אצינד ציט ער שוין מיך פון שטאל. אין לבנה־שיין באמערק איך חיימס פנים איז צעקארדאשעט, די באקן, די געמבע, דער האלדז — צע־ראצט, צעקרעלט... אונטער די אויגן, — ווונדן... איך פרעג אים גארניט... איך גיי אים נאך... חיים שפאנט האסטיק, כמעט וואס ער לויפט... איך שטיי פון אים נישט אפ. אט זיינען מיר שוין ביים טייך, באשיינט פון א רונדיקער גרויסער לבנה... פאלט חיים ארויף אויף מיין האלדז און צעוויינט זיך אויפן קול ווי אן עופל מיט זודיקע טרערן און שלוכצנדיקע רייד...

מ׳האט זיך איינגעשניטן אין זכרון זיין יעדעס ווארט

„דא, אויף דעם ארט, האבן די פערד שטיל, ווי שטענדיק געזופט דאס אוונטדיק לויטער וואסער, די אנדערע פאר פערד האב איך געלאזט ניט ווייט פון מיר זיך פיטערן. איך קוק זיך ניט אום, נאר דאס הארץ טיאכקעט... איך פיל, אליע איז דא באענט... די זון איז שוין קיילעכדיק, עליש־רויט און ועט אין א צען־פופצן מינוט פארגיין. איך בין זיך ניט טועה — אליע נעמט מיך ביים ארעם, אין דער צווייטער האנט האלט זי א נישט קיין גרויסע שיסל מיט די שוין־אויסגעוואשענע איבערגעשווענקטע זאכן פון דער פערמע...

— איך האב שוין מיין ארבעט פארענדיקט, איבערגעטאן זיך. געפעלט דיר מיין ניי קאפטעלע? —

און איך ווייס נישט פאַר שמחה אויף וואָס פריער צו קוקן, אויף אַליעס ווייַס קאַפּטעלע, וואָס נעמט זי שטייף אַרום, צי אויף איר ווייַס־צעשטראַלטן פּנים, אויף די קליינע אויערן אירע פון אונטער די גאָלדיק־בלאָנדע האָר. צי אויף איר וואַרעמער האַנט וואָס ליגט נאָך אויף מייַן אַרעם... איך שטיי ווי אַ גולם און קאָן קיין קלאַנג ניט אַרויסברענגען.

— וואַרט, — זאָגט מיר אַליע, — כ׳וועל אָװעקשטעלן אויפן גראָז דאָס שיסל, — און אָט שטייט זי שוין פרייַ מיט ביידע הענט, נאָענט־נאָענט נעבן מיר: — קוקסט אויף מיר און שווייַגסט? און אויף דער זון? — פאַרגעסן? אויף דער אַמורער רויטער זון? רופסט דאָך מיך צו זען ווי זי פאַרגייט... שענער, — זאָגסטו, ווי אין ביעלאַרוסיע...

— יאָ, טייַערע אַלינקע, שענער...

— זעסט, איין רגעלע, חיים, און די זון צעקושט זיך מיטן טייַך, — אַליע נעמט מיך אָןביים קין, מיר זאָלן שטיין פּנים־אל־פּנים, זי פלעכט אירע הענט אַרום מייַן האַלדז און זאָגט צו מיר: — דעם עפּל, זייַן צאַרטע ווייַסע הויט, האָסטו נעכטן נישט געקושט?! — און שמייכלט מיר אין די אויגן...

— ניין, — ענטפער איך, — און ציטער, טרייסל זיך מיט אַלע איברים. איך נעם אירע ביידע הענט אין מייַנע, קוש אויס יעדן פינגער, צעקוש אירע ביידע באַקן, די אויערן... אַלינקע שטרעקט, דערנענטערט צו מיר איר ווייַסן, קלאָרן האַלדז. איך באַדעק אים מיט קושן.

— לאָמיר ביידע, — שעפּטשעט זי, — איך וועל קושן דייַנע און דו מייַנע ליפּן...

איך קוש זי שטאַרק־שטאַרק...

— אוי, ס׳פאַרכאַפּט דעם אָטעם, — רייַסט זי זיך אָפּ פון מייַן מויל, און נענטערט זיך ווידער און פּרעסט זיך צו צו מיר מיט אירע שטייפע ברוסט־עפּל הינטער דער נייַער ווייַסער קאַפּטעלע. און רוימט און שעפּטשעט: — ווייַס און רויט! שיינע! קייַלעכדיקע און זיסע... קוש זיי אויס, חיים!...

און אין דעם אויגנבליק איז ווי פון דער ערד אויסגעוואַקסן אַליעס באָבע מיט אַ ווילדן געשריי: „אַנטיכריסט! מייַן אייניקל באַפּאַלסטו! מאַכסט זי אומגליקלעך!"... און ווי אַ רויבפויגל אַרייַן אין מייַן פּנים... איך פיל גאָרניט, ווי זי רייַסט מייַן הויט, דראַפּעט מיך מיט די נעגל, איך ווער זיך ניט, איך האַלט אַראָפּגעלאָזט מייַנע ביידע הענט, ס׳פאַרטויבט מיך איר קוויטשערייַ: „פאַרשאָלטענער! כ׳על אַ שטיין אָנהענגען אויף דייַן האַלדז און דיך פאַרשטופּן אין אַמור"...

די ערשטע איז געקומען צו זיך אַליע. זי ציט די באָבע מיט גוואַלד. שלעפּט זי פון מיר: „וואָס טוסטו, באָבע? ביסט משוגע? — ניט

ער האָט מיך אַ קוש געטאָן, ניט ער! איך האָב אים געקושט! איך! איך! נאָ! מיך גראָבל, רײַס אַרויס מײַנע אויגן!״

זי האָט זיך אַ דריי געטאָן צו אַליען: „דו, חצופה, געלאַשטשעט זיך צום אַנטיכריסט? כ׳וועל אויף דיר אויך אַ שטיין אָנהענגען, אײַך ביידן פאַרשאַרן, פאַרטאָפּטשען ווי שרצים, נישט אַנצוזען...״

אַליע לויפט צו איר שיסל, כאַפּט עפּעס פון די אויסגעוואַשענע מאַרליע־האַנטעכלעך און וויל מיט אַ שפּיץ מאַרליע אַרומווישן די צע־שעדיקטע ערטער אויף מײַן פּנים. איך ווענדע אָפּ פון זיך שטיל, אָן ווערטער, איר האַנט, גיי צו די פערד, אַוועקגענומען זיי פונעם וואַסער, בין צו צו די זיך פיטערנדיקע און מיט זיי אַלע געלאָזט זיך צו דער קאָניושנע...״

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

חיים האָט שוין ניט געוויינט... שטייט אַ שווײַגנדיקער נעבן מיר... אַט־אַט פאַרשווינדט די לבנה הינטער אַ געדיכטן ברוין־שוואַרצן וואָלקן... איך האָב באַוויזן צו זען חיימס פאַרשטאַרטע אויגן פול מיט פאַרצווייפלונג, פּײַן און פאַראורטיילונג, זײַן צעקרעלט, צעאַקערט געזיכט... ס׳איז פינצ־טער געוואָרן... מיר טאַפּן אין חושך די סטעזשקע וואָס פירט אין באַראַק. אַ קנויל פון צאָרן און ווייטיק דריקט און צעשפּאַרט מײַן נשמה — „פלאַץ! וואָיע ביז צום הימל!״ כ׳האָב אין זיך קיין איינציקן טרייסט־וואָרט צו באַרויִקן חיימען. ווען מיר קאָנען תיכף איצט אין דער נאַכט, ווי מיר שטייען און גייען, אויפהייבן זיך אין דער לופט, צופליען צו דער סטאַנציע טיכאָנקאַיאַ און דאָרט, אין דער ביראָבידזשאַנער אײַזנבאַן־קאַסע אָפּקלאַפּן צוויי בילעטן פאַר חיימען ביז באָברויסק און פאַר מיר ביז קאַמעניעץ־פּאָדאָלסק... דאַרף מען אָבער ביז טיכאָנקאַיאַ פאָרן צוויי־דריי מעת־לעת מיט אַ פור און פון ביראָבידזשאַן ביז אונדזערע קראַנקע, פאַראָרעמטע, צעשראָקענע טאַטע־מאַמע, עלף־צוועלף טויזנט קילאָמעטער... און ווו נעמט מען די אַפּותיקו פאַר די צוויי פיצלעך קאַרטאָן־בילעטן מיט די געלבע און גרינע פאַסיקלעך?...

מיר זײַנען שוין בײַ דער באַראַק־טיר און שאַרן זיך צווישן די בעטלעך ביט אויפצוועקן קיינעם. חיים, הער איך, טוט אויס זײַנע שיך, ער לייגט זיך אין אָנטאָן. איך בויג זיך אָן צו אים: — אפשר, איינוויקלען אַ האַנטעך, דו זאָלסט צולייגן צום פּנים?

ער ציט צו מײַן קאָפּ און שעפּטשעט מיר אין אויער: — גאָרנישט דאַרף מען נישט... קיין שום האַנטעכער...

אויך איך האָב אויסגעטאָן די שיך און לייג זיך צו אויף מײַן בעטל אין די זאַכן...

ניט איך און ניט חיים קאָנען מיר ניט אַנטשלאָפֿן ווערן... די לבֿנה איז, משמעות, ווידער אַרויס אין איר פֿולן גלאַנץ פֿון דער כמאַרע און שײַנט אַרײַן דורך די באַראַק־שויבן, קעגנאיבער מײַנעם און חיימס בעט־לעך. איך באַמערק, אַז חיים זוכט עפּעס אין זײַן שאַפֿקעלע... געפֿונען... מיטן שפּיגעלע אין דער האַנט גייט ער אַ באָרוועסער צום פֿענצטער און באַטראַכט בײַ לבֿנהשײַן זײַן געזיכט... איך שליס צו מײַנע אויגן... איך זע עס ניט... און גראָדע, ווען איך טו עס, בין איך אין יענעם זעלבן אויגנבליק אויף צום אמתן אײַנגעשלאָפֿן...

דער פֿינצטערער באַגינען

ווען איך האָב מיך אַ כאַפּ אויף געטאָן, איז שוין אין באַראַק געווען ליכטיק — „אוי ווי שפּעט"! חיים איז געלעגן אויפֿן רוקן מיט דער צורה אַרויף, פֿאַרזונקען אין אַ שווערן שלאָף. זאָל איך אים אויפֿוועקן? — נישט לאַנג ווײַזט אויס, אײַנגעשלאָפֿן..."

איך טו אָן מײַנע שיך, — גוט, טראַכט איך מיר וואָס איך האָב מיך געלייגט אין די זאַכן... בין איך שוין אויף די פֿיס... צוויי פּרויען, איינע נאָך דער אַנדערער טראָגן אין באַראַק פּולע עמער מיט זודיקן וואַסער, אַרײַנ־צוגיסן אין באַק — טיי פֿאַר די סאָווכאָזניקעס, די אָן משפּחות. איינע פֿון די פּרויען זינגט מיט אַ קאַטאָוועס־ניגונדל: „אַ גוט אויפֿשטיין אויף אײַך, ייִנגעלעך! קיפּיאַטאָק! ערשטסאָרטיקער קיפּיאַטאָק!" דער פּאָטשטאַליאָן מיטן קרומען פֿוס גייט שוין צו דער אַרבעט. דער קאָניוך סערגיי פֿאַרבעט זײַן בעטל. בלויז דער וועטערינאַר צערטלט זיך, פֿאַררויכערט אַ סיגאַר... ער, דער איינציקער, פֿאַרגינט זיך אויפֿצושטיין אַ סך שפּעטער, אַ פֿערדישער, אַ בהמהשער, נאָר פֿאָרט אַ דאָקטאָר... „מען דאַרף אויפֿוועקן חיימען", — טו איך אַ קלער, — „עס זאָל ערגער ניט זײַן", — איך ריר אים אָן שטיל בײַם אַקסל, ער רײַסט אויף די אויגן ווי צעחושט, זעצט זיך אויפֿן בעטל, באַטאַפּט זײַן פּנים. „ס'מוזן אים זייער ווי טאָן די טיפֿע ראַנצן"... חיים, מען גייט שוין צו דער אַרבעט", — זאָג איך אים, — און אין דער רגע קומט אַרײַן אין באַראַק מײַן פֿאַרוואַלטערן פֿון דער פֿערמע און שפּאַנט גלײַך צו מיר: — נחום! אַליע וועט הײַנט צו דער אַרבעט נישט אַרויס. דו וועסט זי פֿאַרבײַטן קאָרמען די נײַ־געבוירענע קעלבלעך. קום מיט מיר. איך וועל דיך אינסטרוקטירן. און אין דעם זעלבן מאָמענט, ווען זי האָט עס מיר געזאָגט, איז אין באַראַק אַרײַנגעלאָפֿן מיט גיפֿט און גראַטשקע,

דער געהילף־דירעקטאָר, דערזען חיימען אויפֿן בעטל, באַטראַכט אים, אַראָפּ־געכאַפּט פֿון קאָפּ די בודיאָנאָווקע, געפּאָכעט מיט איר דראָענדיק אין דער לופֿטן און געליאַרמעט:

— אַראָפּגעקומען אַהער צו שאַרלאַטאַנעווען? פֿאַרליובקעט זיך? קוצעניו־מוצעניו? אויף וועמען ביסטו עס, גאַלאַגאַנסקער האָן, געשפּרונגען, וואָס מען האָט דיך מיט אַזעלכע רייַכע קאָלירן אויסגעמאַליעוועט דייַן פֿיזיאָנאָמיע? איך נעם דיך אַראָפּ פֿון דער אַרבעט אין קאָנוישנע! איך וועל אויספּאָרשן דעם עניך ביזן סוף, דיך אָפּשיקן אין דייַן בירעבידזשאַן! מיר נויטיקן זיך נישט אין אַזעלכע אַרטיסטן־סקאַנדאַליסטן...

חיים האַלט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, זיצט אויפֿן בעטל...

ווען איך בין מיט דער פֿערמע־פֿאַרוואַלטערין אַרויס פֿון באַראַק, האָב איך אין טיר זיך אָנגעשטויסן אויף פּאַוולען, ער איז געגאַנגען פֿון זייַן נאַכט־דעזשורסטווע, אויפֿן אַקסל האָט זיך געבאַמבלט זייַן בערדאַנקע... ער פֿרעגט מיך:

— וואָס האָט זיך עס אונדזער געהילף־דירעקטאָר אַזוי צעקאָמאַנ־דעוועט? איך האָב אים ניט געענטפֿערט, די פֿערמע־פֿאַרוואַלטערן איז מיר נאָכגעגאַנגען.

די בערדאַנקע...

עס איז דורך ניט מער ווי אַ צוויי שעה, ווי איך פֿאַרבייַט אַליען. איך גיס פֿאַנאַנדער פֿון אַ קאַן מיט אַ שמאַל נעזל וואַרעמע מילך אין די זויגפֿלעשעלעך. צוועלף אַזייגער דאַרף איך קאָרמען די קעלבעלעך. דער טיק־טאַק זייגער אויפֿן וואַנט — די „כאָדיקלעך" ווייַזן האַלב צוועלף... איך בין שטאַרק אומרויִק — וואָס הערט זיך אין באַראַק? וואָס וועט זייַן, אויב מ'וועט חיימען אַוועקשיקן — וועל איך דאָ ניט בלייַבן! איך וועל מיטגיין מיט חיימען, סייַדן מ'וועט מיך שמידן אין קייטן... פּלוצלונג קומט אַרייַן די פֿאַרוואַלטערין, צעטראָגן, דערשראָקן און זאָגט מיר: — מיט דייַן חבר האָט אויפֿן בוידעמל פֿון אייַער באַראַק עפּעס פּאַסירט... גיי צו... איך דערלויב דיר... כ'וועל שוין אַליין אָנפּויען די קעלבלעך...

— אוי! — האָב איך אַ געשריי געטאָן ניט מיט מייַן קול. — ער לעבט?

— איך ווייס נישט, — האָט זי שטיל געזאָגט...

...איך בין אַרייַן אין באַראַק... אַרום פּאַוועלס בעטל — אַ רעדל מענטשן... איך האָב זיך דורכגעשטופּט. פּאַוועל, ווייַס ווי קרייַד, זיצט

אין העמד אויף זײַן בעטל. דערנעבן שטייט דער געהילף־דירעקטאָר: — פּאָוועל! ווו האַלטסטו די בערדאַנקע, אַז דו קומסט פון דער דעזשורסטווע?

— אָט דאָ, הינטערן שאַפקעלע...

— און דעם פּאַטראָנטאַש מיט די קוילן?

— אין דער שאַפקעלע...

— אַ גרויסער אומגליק... פּאָוועל... ווער האָט זיך עס געקאָנט ריכטן...

איך האָב אויסגעפּלאַצט מיט אַ יאָמערלעכן, ביטערן געוויין... חיימקע טײַערער...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

דעם לייטער צום באַראַק־בוידעמל האָט מען צוגענומען... קיינער זאָל אַהין ניט אַרויף... אויף אַ דראָזשקע זײַנען געקומען צוויי מיליציאָנערן. מע האָט צוגעשטעלט דעם לייטער. בײַ אַ האַלבער שעה זײַנען די מיליציאָנערן געווען אויבן. נאָך דעם האָבן זיי אין שטוב פון סאָווכאָז־פּאַרוואַלטונג אויסגעפרעגט מענטשן. פּאַרפּראָטאָקאָלירט און פעסטגעשטעלט: זעלבסט־מאָרד...

נאָך דער לוויה

אויף מאָרגן אין אָוונט איז געווען די לוויה. דער וואָגן מיט דער פּאַרמאַכטער טרונע איז אָנגעקומען אויפן צווינטער. פון רעכטס פון דער לעצטער שורה קברים מיט די צלמים, אַ מעטער צוואַנציק אָן אַ זייט, האָט פּאַר מײַנע אויגן אַ שווינדל געטאָן די צוגעגרייטע, פרישע גרוב. אַהינצו איז דער וואָגן מיט דער טרונע צוגעפאָרן...

...ווען איך בין שוין געגאַנגען צוריק פון מאָהילניק, געווען ניט ווייט פון דאָרף, האָט ווי פון צעבערס אַ פּליוכע געטאָן אַ רעגן. אַנשטאָט צו־צולויפן באַהאַלטן זיך אונטער אַ סטרעכע פון אַ דערבײַיִקער כאַטע, האָב איך, ווי אַ צעמישטער פאַרגעזעצט צו טיאָפּקען אין מײַנע כאָדאַקעס, איבער די לוזשעס אונטערן פלייץ־רעגן... איך בין מסוכן־קראַנק געוואָרן מיט אַ מין קדחות, געברענט ווי אויף פּאָקן... ווער ס'פּעלגט מיר געבן טרינקען מיט אַ לעפעלע, טראָגן אין באַראַק הייסע זופּן, אַרומווישן מיך פון מײַנע שווייסן, בײַטן דאָס העמד, געגעבן מיר ביטערע ווי גאַל, רפואות, האָב איך ניט געוווּסט. אַ געדיכטער טומאַן האָט זיך אַראָפּגעזעצט אויף מיר און מיך געדריקט, געדריקט... אַ צוויי וואָכן האָב איך זיך אָפּגעוואַלגערט אויף מײַן האַרטן געלעגער. דעם ערשטן, ווען איך האָב דערזען פּאַר

זיך, ווען איך האָב געעפנט די אויגן, איז געווען פּאַווּעל. ער האָט מיר אָנגעזאָגט די בשורה:

— אַרויסגעקאַראַבקעט זיך...

מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָב איך בײַם פּאָטשטאַליאָן געבעטן, ער זאָל מיר ברענגען אַ קאָנווערט מיט אַ פּאָסט־מאַרקע און אַ פּאָר ווײַסע בייגעלעך פּאַפּיר. איך האָב מיט זיך טרייסלענדיקע הענט, פאַרגיסנדיק זיך מיט טרערן, געשריבן צו מײַן שוועסטער, געבעטן זיך בײַ איר רחמים, צו ראַטעווען מיך. צו שיקן אויף אַ בילעט אַהיים און אויף מינימאַלע וועג־הוצאות. — איך בין געפּערלעך קראַנק און עלנד ווי אַ שטיין... איך האָב איר צוגעזאָגט דעם חוב אָפּצואַרבעטן מיט פּראָצענט, מיט עבודת־פּרך, ווײַל אויב ניט, וועל איך דאָ פאַרפאַלן גיין, ווי מיין איינציקער, נײַנצן־יאָריקער חבר חיים איז פאַרפאַלן געגאַנגען און איר וועט מײַן געביין נישט געפינען...

איך האָב מיך דערוואַרט. מיט שנעל־פּאָסט איז אָנגעקומען די נויטיקע סומע.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

פאַרן אַרויספאָרן האָב איך פּאַוולען געבעטן, ער זאָל מיט מיר צוגיין צום מאָהילניק, געזעגענען זיך מיט חיימען... עס איז שוין דורך מער ווי אַ חודש זינט זײַן טויט. מיר זײַנען צוגעגאַנגען צום קבר. ער איז בײַ די ווינקלען געווען אַקוראַט אַרומגעלייגט מיט שטיקער באַגרינטע ערד. אין מיטן — אַ בוקעט פעלד־בלומען. און אַנשטאָט דאָס שמאָלע אָנדענק־ברעטל מיטן אויפשריפט אויף רוסיש, וואָס איך האָב בעת דער לוויה אַרײַנגעשטעלט אין דער ווייכער ערד פון דעם אויפגעשאָטענעם, אויס־געפורעמטן פרישן קבר, איז איצט פון פאָרנט געווען אײַנגעגראָבן אַ פּשוטער גרויסער שטיין און אויף אים, מיט וואָרצער פאַרב, איבער־געשריבן פון אויפשריפט:

חיים שוועדיק
נײַנצן יאָר אַלט
געבוירן אין באָברויסק
טראַגיש געשטאָרבן אין ביראָבידזשאַן אין אויגוסט 1929 יאָר...

נעבן שטיין איז געלעגן דאָס ברעטל ווי אַן עדות: איבערגעשריבן אות בײַ אות....

דער ראַטונעק...

מיר האָבן ביידע מיט אברהם שטיוולמאַנען אַ צײַט געשוויגן... נישט געפּרוווט חס ושלום קאָמענטירן, אַנאַליזירן... אויס אָנדענק צו אַ יונג, פֿאַרשניטן לעבן מיט אַ ריינער, ליכטיקער נשמה...

און שטיוולמאַן זעצט פֿאָר:

— אין דעם זעלבן אויגנבליק, וואָס איך האָב מיך דערמאָנט דאָס טרויעריקע געשעעניש, בוי איך פֿיבערהאַפֿט אין קאָפּ מײַנע דערווידערונגען, ניט צו פֿאַריאָגט צו ווערן קיין בירעַבידזשאַן, בשום אופֿן ניט... און ענטפֿער דעם פּאַרטיי־אינסטרוקטאָר, ראשית כל אויף אוקראַיניש: איך בין געבוירן אין אַן אוקראַיינישן דאָרף, מײַן עלטער־זיידע, זיידע און מײַן טאַטע זײַנען זייער גאַנץ לעבן אין באַוואַיא אוזשיצאַ געווען דאָרפֿישע שוסטער. מײַן באָבע און מײַן מאַמע פֿלעגן מיך ביי מײַן וויגעלע פֿאַרוויגן אין אוקראַיניש, — און איך פֿויל מיך ניט און שטעל מיך אויף און נעם אויסזינגען, ניט הויך, אין ראַיקאָם־קאָבינעט, מײַן באָבעס אוקראַיניש וויג־ליד מיט איר יִידישלעכן נוסח, — איך דערזינג נישט דאָס ליד ביזן סוף און זאָג צום אינסטרוקטאָר, — און אָט האָט איר אײַך ביישפּילן פֿון אוקראַיינישע ליבע־לידער, וואָס מײַן מאַמע פֿלעגט זינגען צוזאַמען מיט אירע יונגע חברטעס, שכנות, בײַ אונדז אויף דער פּריזבע. איך זינג אויס איין ליבע־ליד, גיי אַריבער צו אַ צווייטן, — איך זע, דער אינס־טרוקטאָר פֿון קאַדער־אָפּטייל קוקט אויף מיר פֿאַרוווּנדערט, הערט מיך און שלאָגט מיך נישט איבער. דערלאַנג איך אים מוסטערן פֿון שעוו־טשענקאָ׳ס „קאָבזאַר״, איין מוסטער נאָכן אַנדערן און גיי אַריבער צו דער היינטצייטיקער אוקראַיינישער סאָוועטישער ליטעראַטור, לייען אויסצוגן פֿון די באַרימטע אוקראַינישע סאָוועטישע פּאָעטן: פּאַוולאָ טיטשינאַ, מיקאָלאַ רילסקי, סעמיאָן פּערוואָמייסקי...

— אָ, — צעשמייכלט זיך דער פֿאַרהעלטניסמעסיק יונגער פּאַרטיי־אַפּאַראַטשיק און רייסט מיך ענדלעך איבער, — מיט אַזאַ פּרעכטיקן אוקראַיניש, קאָנסטו זײַן ביי סקריפּניקן * אַ סעקרעטאַר.

און האָב איך שוין פֿונעם קאַדער־אָפּטייל אַרויסגעקראָגן אַזאַ הויכע אָפּשאַצונג, זעץ איך שוין פֿאָר זיכערער: אויב שוין יאָ שיקן מיך אויף פּעדאַגאָגישער אַרבעט, און דעם אמת זאָגנדיק, איז מיר צום האַרצן די פּעדאַגאָגישע טעטיקײַט, טאָ פֿאַרוואָס זאָל איך זי טאָן דווקא אויף יידיש? זעקס יאָר שוין ווי איך בין פֿון יִידיש אָפּגעריסן, פֿיר יאָר לערן איך

---

* סקריפּניק — דער דעמאָלטדיקער בילדונגס־מיניסטער אויף אוקראַינע.

אין כאַרקאָווער אוקראַינישן פּאָליטעכנישן אינסטיטוט, פאַר יעדן זומער צו זיך אין מײַן אוקראַינישן דאָרף נאָוואַיאַ אוזשיצאַ — שיקט מיך אויף פּעדאַגאָגישער אַרבעט אין אַן אוקראַינישער שול... און דערלויבט מיר צו זאָגן אײַך וועגן נאָך אַ גאָר־וויכטיקע משפּחה־סיבה — מײַן פרוי האָט אָנגעגעבן די דאָקומענטן צו פאַרפולקאָמען איר פּעדאַגאָגישע בילדונג אינעם אָדעסער אינסטיטוט פאַר בילדונג, הינטער־אויגיקע אָפּ־טיילונג. און אויסער דעם, האָבן מיר אַ קינד, אַן עופהלע, נאָך קיין צוויי יאָר ניט אַלט, מיט אַ כראָנישן קאָקליוש.

אָצינד האָב איך געוואַרט אויפן פּסק־דין. איך האָב מיך געצוווּנגען צו זײַן רויִק, געדולדיק. נאָר ס'האָט אין מיר געקאָכט דער פּחד פאַר בירָאָבידזשאַן, געשוימט, געלאָפן איבערן ראַנד... לאַנג וואַרטן האָב איך ניט באַדאַרפט — צי ער האָט געפילט מײַן צושטאַנד, צי ס'איז אים נימאס געוואָרן מיך צו הערן...

— חבר שטיוולמאַן! אײַערע פּערזענלעכע מאָטיוון ניט צו פאָרן קיין בירָאָבידזשאַן, געפין איך פאַר וויכטיקע. און אויב איר באַשליסט צו אַרבעטן אין אַן אוקראַינישער שול, האָבן מיר הײַנט־צו־טאָג — אַ וואַ־קאַנטע שטעלע, דירעקטאָר פון גאַדזיטשער אוקראַינישער מיטלשול. איך בין גרייט צו שטיצן אייער קאַנדידאַטור.

— מיט פאַרגעניגן! — האָב איך אים געענטפערט און דאַנק אים הייס פונעם גאַנצן האַרצן.

פאַרלאָזט דעם רײַקאָם־קאַבינעט בין איך קוים זיך צוימענדיק פאַר פרייד געשפּרונגען היפּערנדיק די טרעפּ צום אַרויסגאַנג... אין צוויי וואָכן אַרום האָבן מיך די אַנטשפּרעכיקע בילדונגס־אָרגאַנען באַשטעטיקט אַלס דירעקטאָר אין גאַדזיטש. אויף אַזאַ אופן בין איך ניצול געוואָרן פון אַ גרויסער סכנה. שפּעטער איז אויך צו מיר דערגאַנגען, אַז אַ סך פון די, וואָס מע האָט אין די יאָרן זעקס־זיבנאונדרײַסיק געשיקט קיין בירָאָבידזשאַן, זײַנען צעשאָסן געוואָרן און אַנדערע האָבן געהאַט די זעלבע געברענטע לייד און יסורים, וואָס איר אין די נאָכמלחמה־יאָרן. איין־און־דער זעלבער משפּט איבער די בירָאָבידזשאַנער פון די פאַרשידענע סאָוועטישע תּקופות — דער מאָסקווער משפּט... האָט רעזומירט אַבראַם דאַווידאָוויטש.

איך האָב געדריקט זײַן האַנט: — אַ דאַנק פאַר דער הײַנטיקער באַ־געגעניש מיט אײַך פרײַנד אברהם שטיוולמאַן, געזונט זאָלט איר זײַן!

מער האָב איך זיך מיט אַבראַם דאַווידאָוויטשן ניט געזען. חבל,* נאָר פאַר וואָס חבל? קאָן דען ניט טרעפן, אַז ער מיט זײַן פרוי, צי מיט

* חבל — עברית — אַ שאָד

אַ זון אָדער אַ טאָכטער זאָלן באַזוכן ישראל, אָדער גאָר עולה זײַן און מיר וועלן זיך מיט אים דאָ הארציק באַגעגענען. מע קאָן פאָרויס גאָרניט ניט וויסן... כ׳על אײַך ברענגען אַ פשוטן בײַשפּיל — אָט בין איך דעם זומער אָראָפּגעקומען אויף אַ לענגערן באַזוך קיין עכו — אַ ריינע, שיינע, באַשיידענע ישראל־שטאָט, און אָרײַנגעפאַלן און די אָרעמס פון אַן ערד־ציטערניש, ניט קיין אײַ־אײַ־אײַ ערד־ציטערניש — בינוני...* — פינף און צוויי צענטל באַלן. די בוימער האָבן זיך געשאָקלט צוזאַמען מיט די הײַזער און מיט די מענטשן בײַם סוף־אויגוסט־יקן ווינטיקן זוניקן ים... און מײַן לענגערער באַזוך אין עכו בלײַבט אין קראַפט — עס וויל זיך גאָרניט אָוועקפאָרן פון דאַנען...

---

* בינוני — עברית — נישט גרויס און נישט קליין...

דער דרויסן־מענטש

מיר זײַנען מיט אים כלל נישט פון איין פורעם געגאָסן, נישט פון איין און דעם זעלבן טייג געקנאָטן. מיר ענען ניט איינער צום אַנדערן — ער איז הויך, געזעצט און לײַביק. מיר, פאַרקערט, פעלן די דרײַ סוב־סטאַנצן. דערצו בין איך נאָך מיט אַ צען־צוועלף יאָר עלטער. נאָר וואָס האָט מיך אַזוי אַ צי געטאָן צו אים, מיט וואָס האָט ער מיך פאַראינטערעסירט, חיים שאַפּקאָרו, פון מײַנע ערשטע באַקאַנטע אין עכו? — ער האָט מיך איבערראַשט מיט די באַלד אַרויסגעבראַכטע פּאָר ווערטער זיינע — „איך בין אַ דרויסן־מענטש"! דאָס איז פאַר מיר געווען אַ מין רעטעניש, איך האָב עפּעס נישט געהאַט געהערט פון אַזאַ מין צונויפזאָץ. און ניט בלויז מיט דעם אַליין, מאָדנע, כ'האָב דערפילט אין אונדזערעביידנס אומרו־געמיטער, אַ בשותפותדיקייט, אַן ענלעכן גורל...

— און איצט, אין איין־און־פופציק יאָר אַרום, — עפנט ער אויף פאַר מיר פלוצלונג זיין הארץ, — האָב איך אָנגעווווירן מיין תכלית... איך בין נאָך קיין פענסיאָנער נישט, צוויי־און־זעכציק יאָר אַלט. בענק איך נאָך מיין טבע, נאָך מיין שניט אין לעבן, זיין ווי איך האָב אייך שוין דערמאָנט, פון קליינערהייט אַ דרויסן־מענטש. —

בין איך שוין פון אים ניט אָפּגעטראָטן. איך זאָג צו אים: איר זעט דאָך, אויף מיינע רגלים קאָן איך זיך ניט פאַרלאָזן. לאָמיר זיך מיט אייך צוזעצן אויף דעם־אָ בענקעלע, אונטערן גערדיכטן בוים. געבענטשט און געזונט זאָלן זיין, — גיב איך צו, — אַלע שטילע פרייע בענקעלעך פאַרן פשוטן, פאַרהאָרעוועטן מענטשן, ער זאָל זיך קאָנען, ווען עס פאַרגלוסט זיך אים, צוזעצן, און אָפּכאָפּן דעם אָטעם. איר הערט שאַפּקאָרו, עס געפעלט מיר עכו! אַ שטילע, באַשיידענע ים־שטאָט. באַזונדערס, די ברייטע, רחבותדיקע ווייצמאַן־גאַס, די שיינע הייזער פון ביידע זייטן גאַס, אַרומגעצוימט מיט גראָזמע, גרינע זויבערע הויף־גערטנדלעך, די עופהלעך זאָלן זיך אויפן פרישן גראָז קייקלען צוזאַמען מיט די רייפן און גרויסע סאַמעטענע בערן און פרייען זיך.

זיצן מיר שוין באַצווייט און ווען איך וואָלט געקאָנט פאַרקריצן דאָ

גופא זיין יעדן וואָרט, אין דעם זעלבן סדר ווי ער רעדט זיי אַרויס, איז עס דאָך פּאַר מיר אוממעגלעך. וועל איך בלויז איבערגעבן, וואָס ס'האָט זיך מיר פאַרגעדענקט.

אַזוי האָט ער אָנגעהויבן: — לויט די פּאַפּירן בין איך געווען בערקו שאַפּקאַרו. די שקצים, ווי נאָר זיי פלעגן מיך דערזען פון דער ווייטנס, פלעגט זיי די ניכפּה נעמען — רייסן זיי זיך אויף די העלדזער — בערקו! בערקו!

ווי אַזוי קומען מיר קיין רומעניע? — מיין זיידע, אהרן פישער. א היטלמאַכער, כדי ניט צו זײַן אַ סאָלדאַט, איז ער פון פּוילן אַנטלאָפן קיין רומעניע. און ביי די רומענער איז אַזוי איינגעפירט — דערזעען זיי פאַר זיך אַ פרישע ידישע נאַז, פרעגן זיי גלייך — ווער ביסטו לויט דיין פאַך?

— אַהאַ! — אַ היטלמאַכער?! טאָ האָסטו דיר דיינעם אַ נייעם פאַמיליע־נאָמען: שאַפּקאַרו! אייזן־פעסט, ניט צום ענדערן! וואָלט מיין זיידע געווען אַ סטעלמאַך, צי אַ וואָגן־מאַכער, וואָלט ער שוין געהייסן ראָטאַרו! אַ שוס־טער — וואָלט ער געקרויינט ווערן טשעבאַטאַרו! אַ שניידער — קרוויטאַרו! און וויבאַלד מיין זיידע איז געוואָרן שאַפּקאַרו, איז שוין מיין טאַטע געווען שאַפּקאַרו און אויך איך — שאַפּקאַרו. וואָס שייך מיין ערשטן נאָמען בערקו? — איך הייס דאָך חיים. איז געשען אַזוי: קליינערהייט האָב איך שווער געפּאַקט און געמאָזלט. האָט מיר מיין טאַטע אין בית מדרש צו־געלייגט אַ נאָמען — חיים. האָט מען אויך דעם צוגאָב פאַרהאַמערט אין די פּאַפּירן. האָב איך שוין אין דעם פאַל אַרויסגעוויזן מיין אייגענע מאַכט — איך האָב מיין בערקו אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט. חיים איז מיר מער געפעלן געוואָרן — צום לעבן! און אויף די בייזע גויִשע צינגער האָט עס אַזוי ניט געהילכט ווי בערקו.

און דאָ אין עכו קענען מיך אַלע און רופן מיך ניט אַנדערש ווי חיים שאַפּקאַרו. מיין טאַטע שײַע איז געווען אַ שוסטער. מיין מאַמע האָט גע־הייסן גיטע. אין אונדזער משפחה זיינען פינף קינדער — דריי זין: שמעון, העשל און חיים און צוויי טעכטער: לאה און פריווע. אין ישראל הייסט זי פּערלע. מיר אַלע שײַעס קינדער לעבן אין ישראל. דער טאַטע איז מיט איינִיקע יאָר צוריק געשטאָרבן אין צפת. ער איז שוין אַלט געווען זעקס־און־אַכציק יאָר. די מאַמע איז געשטאָרבן נאָך מיט אַ צוואַנציק יאָר פריִער. מיינע שוועסטער האָבן מיר אָנגעקלונגען פון צפת:

— איך זאָל קומען — דער טאַטע ליגט אין שפּיטאָל.

איך בין צו צו זיין בעט: טאַטע!

ער האָט געעפנט די אויגן: — דו ביסט עס, חיים?!

— יאָ, טאַטע... וואָס טוסטו, טאַטע?

ער פּרוּווט פונסניי אויפהויבן די וויִעס... אויף זיינע טרוקענע צע־שפּאָלטענע ליפּן באַווייזט זיך קוים דער סימן פון זיין קלוגן, ווילן שמייכל. און איך הער זיין יעדן איינצלנעם וואָרט:

— וואָס איך טו? — מיין זון... ביסט גערעכט, שטאַרבן איז אויך אַן אַרבעט און קיינער וועט עס פאַר מיר ניט אָפּטאָן...

אויפן אַנדערן טאָג באַגינען איז ער אויסגעגאַנגען.

אין רומעניע האָבן מיר געוווינט אין דעם שטעטל ראָמאָן בשכנות מיט די שטעטלעך פּיאַטראַ־ניאַמעס, באַקו, טערגוניאַמס. מיט אונדז אויף איין הויף האָט געלעבט מיין פעטער, דער מאַמעס ברודער ישראל. ער האָט געהאַלטן פערד, געווען אַ דראָזשקער. צו זיבן יאָר בין איך אַריין אין שקאָלע. פון אַכט אין דער פרי ביז צוועלף געלערנט זיך יִדיש און פון צוועלף ביז פיר — רומעניש. ווען איך בין שוין געוואָרן עלף, דאָס צוועלפטע, זאָגט מיין פעטער ישראל צו דער מאַמען:

— וואָס וועט ער ביי אייך זיך אַרומדרייען, חיים? — שוין אַ היפּ־שער יונגאַטש. איך זע דאָך, ווי ער זוכט נאָכאַנאַנד וואָס אַריינצופּאַקן אין מויל און איבעריק וואָס געפינט ער ניט. אָפּצוגעבן צו אַ בעל־מלאכה, מוז ער ניט ווייניקער ווי דריי יאָר זיין אַ משרת, פרעסן מכות, אַרומגיין אין קרוע־בלוע, אַ ביטערער רחמנות אויף אים. אָמער וועל איך אים נעמען צו זיך. מיט אַ פערד איז ער שוין פּאַניע־בראַט, ער קריכט דאָך פון שטאַל ניט אַרויס.

האָט זיך דער טאַטע געקנייטשט און עפּעס געבורטשעט אונטער דער נאָז: — אַ גויסקע זאַך אַ איזוואָשטשיק, זיין צווישן שיכּורים.

דער פעטער איז ניט געווען קיין אָנגעכאַפּטער, ניט געוואָלט אַריין מיטן טאַטן אין וויכּוחים — וואָס עס איז אַ גויסקע זאַך און וואָס ניט קיין גויסקע. ער האָט אים פאַרשוויגן און צוגעוווּנקען מיר פריילעך מיט אַן אייגל... דער סוף איז געווען — אין איינעם אַ פרימאָרגן האָט מיך דער פעטער אָוועקגעזעצט נעבן זיך אויף דער קעלניע, געלערנט מיך צו קוקן אויפן וועג, ניט צו אַריין אין אַ גרוב, אין אַ קאָלדאָבינע, ניט צו אַרויף אויף אַ סטויפּ, באַוויזן מיר ווי אַזוי זיך אויסצוקערעווען און פון ווייַלע צו ווייַלע — דערלאַנגט די לייצעס אין האַנט און אַלץ אַרייַנגע־טענהט:

— אַ פערד האָט, חיים, פינף־און־צוואַנציק פּראָצענט קלוגשאַפט פון אַ מענטשן און נאָר מיט דער בייַטש אַליין וועסטו ביי דער שקאַפּע ווייניק־וואָס אויספירן.

ס'זייַנען אַדורך אַ פּאָר וואָכן ,דער פעטער ישראל האָט מיר געגעבן אַ שטילן פערד — אייַנצושפּאַנען אים אין דער דראָזשקע האָב איך שוין

לאַנג געקענט — און אַרויסגעלאָזט מיך אין שטאָט אַרײַן, ווי שוין אַ געלערנטע טויב פון טויבנשלאַק, אויף וועלכער מע קאָן זיך פאַרלאָזן, אַז זי וועט זיך בשלום צוריקקערן. בין איך אַזוי־אַ צו עלף יאָר געוואָרן אַ דראָזשקער. אָבער די סטראַזשניקעס, די קוואַרטאַלנע האָבן מיך אַראָפּגעצויגן פון דער קעלניע, געדרייט מיך ווי אַ וועדפּל און באַטראַכט... ס'האָט ניט געהאָלפן דעם פעטערס הויכע קוטשמע וואָס ער האָט מיר אַרויפגעזעצט אויפן קאָפּ, איך זאָל אויסווייזן העכער, די „קנעפּלעך" האָבן געקוקט אויף מיר, געקאַטשעט זיך פון געלעכטער, געפּאָדערט ביי מיר דעם, ווי דאָס הייסט ביי אונדז אין ישראל — רשיון — אַ צייגעניש... דער פעטער האָט זיך אַן עצה געגעבן — אַריינגעדריקט איינעם פון די אָבערקאָקאַרדעס אין יד אַריין אַ קיילעכיקס, האָט יענער מיך געמאַכט מיט דריי יאָר עלטער און איך האָב באַקומען דאָס בלעכל מיטן נומער, פּטור געוואָרן פון דער הויכער, שווערער קוטשמע, אונטער וועלכער איך פלעג מיך באַגיסן מיט אַלע זיבן שווייסן.

צו אַכצן יאָר שוין געווען אַ מענטש פאַר זיך, מיט אַ פערד און גומע־ברישקע. קיינער פלעגט מיר אין שטוב ניט דאַרפן וועקן אויפצוהייבן זיך נאָך פאַרן גינען צו קאַרמען און פּאָיען דאָס פערד. מײַן פעטער האָט מיר אויסגעלערנט, ניט שטיין דער שקאָפּע „אויפן האַלדז", ניט אונטעראײַלן, ניט שטערן ביים עסן, געבן צו דער רעכטער מינוט דאָס קעסעלע וואַסער און וואַרטן, זען, אפשר דורשט אים נאָך. בין איך געווען ווי אַן אָנגעדרייטער זייגער. אין שטאַל איז נאָך שטאַק־חושך, ביי אַ קעראָסינלעמפּל פלעג איך שוין אַרודעווען. וואָס נאָך האָט מיך אויסגעלערנט מײַן פעטער? — ניט אויפצוהערן ריידן מיט דער שקאָפּע. אַלץ וואָס איך טו, וועגן מײַן יעדן טראָט און קער, איר איבערצוזאָגן אויפן קול. „די שקאָפּע זאָל דיך קענען ווי אַן אָפּגעשוינדענעם, וועט דיר דאַן זײַן גרינג די אַרבעט און לוסטיקער אויף דער נשמה"...

פלעג איך אַרויספאָרן ווינטער נאָך ביי אַן אויסגעשטערנטן הימל. אויפן קאָפּ אַ קוטשמע, אין אַ פעלץ און פוישטן, אין גרויסע פוטערנע פויסט־הענטשקעס, און שטעלן זיך פון די ערשטע אויפן ראָג צו וואַרטן אויפן פרײַיקן פאַרשוין מיט אַ גוטן פּאַטשאַטעק. שוין דאַן פון די יונגע יאָרן אָן האָט זיך אײַן מיר געהאַט אויסגעפּיקט דער דרויסן־מענטש... נאָך די לאַגערן, ס'האָט זיך פאַרענדיקט דער קריג, האָב איך צו צוויי און צוואַנציק יאָר חתונה געהאַט און מיט מײַן שיינער יונגער מינען, מיט טאַטע־מאַמע, ברידער און שוועסטער, זײַנען מיר עולה געווען.

דאָ, אין עכו, מ'זאָל אַראָפּוואַרפן פון חשבון די צבא־יאָרן, דאָס זײַן אַ טאַנקיסט אין די שלאַכטן בעת דער סיני־קאַמפּאַניע, בין איך דרייסיק

קיילעכיקע יאָר אַן עצמאי, דאָס הייסט מײַן פערד־און־וואָגן איז אין מײַן אייגענעם רשות און קיינער האָט אויף מיר קיין מאַכט ניט. מײַן שטאַל און מײַן הייפל איז מײַן פאַבריקע און איך מיט מײַן פערד — די גלייכע, פרייע אַרבעטער.

די אַלטע עכו איז איינצייטיק אַ יונגע שטאָט מיט נייע הויפן. פלעג איך אויף מײַן וואָגן — הונדערט און פיר און פערציק סאַנטימעטער די ברייט און צוויי הונדערט פינף און זעכציק — די לענג, צופירן פאַר די קבלנים בוי־חומר — זאַמד, ציגל, שטיינער, קאַפל, בלאָקן, ברעטער, אייזנס און וווּ דו ווערסט מיט אַן אויטאָ ניט דורך, פלעג איך מיט מײַן פערד און פורל צוקומען צום סאַמע בוי־שטח.

אַ סך יאָרן געפירט פאַר די קרעמער, געבראַכט צו דער טיר פון חנות־ירקות — גרינסוואַרג. זעק מיט צוקער, מיט גרויפּנס, מיט קאַרטאָפל, ברויט, מילך־פּראָדוקטן, געקאָנט זיך מיט מײַן פורל אַריינדרייען, דורכ־שלייכן צווישן די הייזער, אַרום די גערטנער און ביים אַריינגאַנג, ביי די ליפּטן, אַראָפּוואַרפן די סחורות. מע איז געווען מיט מיר צופרידן. פרנסה האָב איך געהאַט בשפע. דרייסיק יאָר געלעבט מיט מײַן יונגער פרוי. קיין קינדער זײַנען ביי אונדז ניט געווען. לויט איר פאַך אַ שניי־דערקע. נאָר טאָן שניידעריי ניט באַדאַרפט. פלעגט זי מיר ווען־ניט־ווען צוהעלפן, ברענגען פון שטאַל, צי פון שטוב, וואָס מיר פעלט צו דער האַנט.

— מינע, מע האָט מיר ניט ווייט פון דאַנען געבעטן אַריינצוקומען דערריידן זיך וועגן אַריבערפירן מעבל, גיי איך אָוועק ניט אויף לאַנג, טאָ קוק זיך צו און הער זיך צו... אָבער אין שטאַל קום ניט אַריין...

די שקאַפע איז שוואַנגער און לויט דער צייט האָב איך געוואַרט פון טאָג אויף טאָג. נאָר אַז מינע זאָל אַריין אין שטאַל האָב איך מורא גע־האַט — מאַלע וואָס עס קען טרעפן. אַ שקאַפע, טוסט זי אומדערוואַרט אַ ריר... ס'איז דורך ניט מער פון אַ שעה, קום איך אַריין פון גאַס... גייט מיר מינע אַנטקעגן:

— ס'קומט דיר, חיים, מזל־טוב! ס'איז דאָ אַ קליינטשיקס. צוגענומען דאָס אָרט מיטן העמדעלע...

איך האָב דאָס „אָרט" באַגראָבן, באַוואָרפן מיט שטיינער, הינט זאָלן עס ניט אַרויסשלעפן און ניט צעטראָגן איבער דער גאַס.

ניין יאָר איז ביי אונדז געווען אַ ווייסע שקאַפע. צוליב איר שיינקייט האָבן מיר זי אַ נאָמען געגעבן „בובעלע". ווען איך האָב זי געקויפט איז זי שוין אַלט געווען אַכט יאָר. „בובעלע" איז ביי אונדז געוואָרן אַ באַ־לעבאָסטע, פלעגט אַריין, וויגנדיק זיך ווי אַ קאַטשקעלע, אין שטוב, און

גלייך צום טיש, אַראָפּנעמען אַ שטיק ברויט, ניט איין מאָל דערביי אַראָפּ־וואַרפן אַ טעלער...

— ווייל דיר צום שאָדן, בובעלע, — פלעג איך אויסשרייען און מיינע פלעגט די שקאַפּע אַרויסמשלחן פון שטוב, נאָר אָן כעס. בובעלע פלעגט אונדז רעגולער באַשענקען מיט לאַשיקלעך. האָב איך שוין געוווּסט אַז אויפן ניינטן טאָג נאָכן האָבן, דאַרף איך ניט פאַרגעסן וועגן אַ חתן פאַר בובעלען. און אויב איך פלעג פאַרזאַמען אָדער פאַרהאַווען, האָט מען עס געקאָנט טאָן אויך אויפן איין און צוואַנציקסטן טאָג, פּירן זי צו איר באַשערטן...

איינע פון די לאַשיקעס וואָס בובעלע האָט געבראַכט, איז געווען ווונדערשיין. ס׳האָט זיך נישט געוואָלט שיידן מיט אים. אונדזער הויף איז אַ פאַרמאַכטער, פלעגט עס זיך איבערן הויף קאַטשען, אַרומטאַנצן, אַרומשפּרינגען ווי אַ קונדס. אַ חיות געווען צו קוקן! אָבער עס איז שוין געווען אַ גרויסינקער, אַ פיר־חדשימדיקער, איז שוין פון אים געווען ניט אויסצוהאַלטן. מינע האָט פאַנאַנדערגעהאַנגען אַ באַליע מיט וועש, האָט עס אַלץ אַראָפּגעריסן פון די שטריק, געמאַכט פון דעם אַש און פאַרעך — ס׳איז שוין ניט געווען וואָס איבערצווואַשן... אויף מאָרגן בין איך גע־צוווּנגען געווען אים מיטצונעמען מיט זיין מאַמען — בובעלע. אין וועג האָט אונדז אָפּגעשטעלט אַ מושבניק ,דערזען דאָס ווייסע לאַשיקל מיט די פיל קאַשטאַן־שטרייפעלעך און פינטעלעך, איז עס אים אַזוי געפעלן געוואָרן, ער האָט זיך מיט מיר ניט געדונגען — וויפל איך האָב געבעטן, האָט ער מיר באַצאָלט.

האָב איך ווען דעם מושבניק באַגעגנט אין שטאָט, פלעג איך זיך נאָכפרעגן: וואָס מאַכט מיין „האַדאָווליע״?

— יאָ, — פלעגט ער מיט אַנטציקונג באַרימען זיך: קיין עין הרע ניט — געוואָרן אַ לאַשיקל, נאָך אַ שענערס!

ס׳איז דורך אַ לאַנגע צייט, איך האָב דעם מושבניק מער ניט געזען, האָט ער מיך אַנומלט אויפן מאַרק פלוצעם אַליין אַ ריר געטאָן ביים אָרעם:

— ניטאָ דיין „האַדאָווליע״... ביים דריטן געבורט איז דאָס לאַשיקל ניט גוט געגאַנגען... ניט געקאָנט ראַטעווען ניט די שקאַפּע ניט דאָס לאַשיקל...

מיט בובעלען איז מיר געווען לייכט צו אַרבעטן. איך פלעג אויפן וואָגן אַרויפלייגן צוויי מיט אַ האַלבן טאָן משא און ניט דאַרפן זיך מוטשען. בלויז אַ קנאַק טאָן מיטן צונג און זי ציט שוין דעם וואָגן פון זיך אַליין.

דערנאָך איז ביי אונדז געווען אַ שקאַפּע, „שושנה״. אויך מיט איר

איז מיר געווען ניט שווער נאָר זי פלעגט שוין מער ווי אַנדערטהאַלבן טאָן ניט ציִען. פלעג איך זיך מיט דעם באַנוגענען און ניט געטריבן פון איר די נשמה.

מיט „שושנהן" האָט ביי מיר געטראָפן אַזאַ מין צופאַל, איבער מייַן אייגענער שולד; כ'האָב פאַרגעסן מיין פעטערס תורה: איך בין אַריין אין שטאַל, געוואַלט אַרויפקריכן אויפן בוידעם, אַראָפוואַרפן פרישן היי, טאַקע פאַר איר, פאַר דער שקאַפע וועגן, — און ניט געגעבן איר צו וויסן וועגן דעם. וואָס איר האָט זיך אין דער רגע אויסגעוויזן, ווייס איך ניט. נאָר ווען איך בין שוין געשטאַנען אויפן לייטער, אויפגעהויבן מייַן פוס אויף אַ טרעפל העכער, האָט זי מיך אַ צי געטאָן פאַר דער פיאַטע אַזוי, אַז איך בין געפלויגן צו דער שטאַל־טיר. מיט אַ שקאַפע דאַרף מען ניט אויפהערן צו אונטערהאַלטן זיך, — האָט דאָך מייַן פעטער מיך געלערנט ניט זשאַלעווען לשון...

איך פלעג טאַקע אויפשטיין דרייַ פאַרטאָג און פינף בין איך שוין מיט ירקות געווען ביי די קרעמער און צו 10—11 זיך שוין אָפּפאַרטיקן און זיין צוריק אויף מיין נחלה־הויפל. איך האָב זיך געסטאַרעט צו פאַרשענערן מינעס לעבן, פלעג איך צעהענגען אויף די ביימלעך שטייגעלעך מיט קאַנאַריקעס און תוכי'ס־פאַפוגייַטשיקעס, פלעג האָדעווען פיינע אינדיטשקעס, קאַטשקעלעך, די הינער פלעגן אויסבריִען הינדעלעך, צוליב שיינקייט וועגן. ווייל אלץ איז ביי אונדז געווען איבערגענוג — איך פלעג יעדן טאָג ברענגען פון כל־טוב. איז אָבער מינע געפערלעך קראַנק געוואָרן און יונגערהייט, צו פופציק יאָר, אַוועק פון דער וועלט.

מיט אַ פאָר יאָר שפעטער האָב איך חתונה געהאַט מיט אַ פרוי — אַן עולה פון ראַטנפאַרבאַנד, ליזע איז איר נאָמען. אַ מעדיצינישע שוועסטער. אויך אין רוסלאַנד האָט זי אַ סך יאָרן געאַרבעט אַלס מעדשוועסטער. אַ ווילע, געליטענע פרוי, אין מייַן עלטער. זעקס־און־צוואַנציק יאָר געוואַרט אויף איר מאַן — אַ רומענער ייִד. אין די מלחמה־יאָרן האָט זי מיט אים חתונה געהאַט אין דעם סיבירסקן קאַזאַכסטאַן, געבוירן אַ טאָכטער. ווען ס'האָט זיך פאַרענדיקט די מלחמה איז דער מאַן אַוועקגעפאָרן צו זיך אַהיים קיין רומעניע און זייַן ווייב און קינד מיט זיך ניט מיטגענומען. צי דערפאַר, ווייל ער האָט ניט געקאָנט אויספועלן אַ וויזע פאַר זיי, צי איבער עפעס אַנדערש — ערשט אין 26 יאָר אַרום האָט ליזע אין ישראל אומגעריכט באַגעגנט איר געוועזענעם מאַן און זיין קראַנקע פרוי, מיט וועלכער ער האָט די אַלע יאָרן געלעבט. ליזע איז שוין אַ יאָר אויף פענסיע. די טאָכטער האָט איר אייגענע משפחה. איז שוין ליזע אַ באָבע פון צוויי אייניקלעך. און איך בין ווי תמיד אין שפּאַן מיט מיין פערד

און וואָגן. פון פרי־באַגינען שוין אויף די פיס און מענטשן דערקענען דעם געלאָסענעם שטילן טופען פון מיין שקאַפּע, דאָס רעדערן פון מיין וואָגן איבערן אַספאַלט. אמת, אין די לעצטע יאָרן איז מיר איינגעפאַלן פאַר אַ שיבוש איינצוהאַנדלען שוין אין גאַנצן אַן אָפּגעשוואַכט פערדל, אַ פּגירהלע, קוים וואָס עס האַלט זיך נאָך אין איר דאָס חיות אויף — אָט־אָט און מע שיקט זי אויפן סמעטניק... און ביי מיר, אַבי דעם חולה ניט איבערצוקאַרמענען, ווייל ביי אַזאַ פערדאַטשינע זיינען די קישקעס איינגעטריקנט, דאַרף מען געבן דעם קאָרם און דאָס קעסעלע וואַסער מיט סבלנות, און צו דער רעכטער צייט, און כסדר האַלטן די קליאַטשע אין זויבערקייט, שמירן מיט זאַלבן די קראַנקע ערטער, וואַשן די פעל מיט שמעקעדיקן זייף, ניט זשאַלעווען. דו טוסט אַ קוק אין צוויי חדשים אַרום, זי קומט צו די כוחות, נעמט כאַפּן פלייש אויף זיך. אַרבעט איך פּאַ־וואָליע, קיין איין איבעריקן גראַם וואָליע איך ניט אויפן וואָגן. באַוויז איך זיך ניט אַרומצוזען, איך האָב שוין פאַר זיך אַ לייטישע, געפּאַקטע שקאַפּע — כאַטש באַשטעל פון איר אַ פּיקטשע. און מען קאָן שוין פאַר איר נעמען דעם ריכטקן פּרייז. קורץ, מיין שטאַל אויפן הייפל איז געוואָרן אַ מין הייל־פונקט, אַ בית הבראה פאַר פערד. מיין פרוי איז דאָך אַ געניטע מעדיצינישע שוועסטער, מעג איך זיך פאַרגינען צו זיין אַ פערד־פעלדשער.

וואָלט אַלץ געווען גוט, האָט אונדז אָנגעהויבן צו גיין מיטן פּוטער אַראָפּ. אין פאַריקן האַרבסט, אין עק שטאָט, ווו צווישן די אָפּגעזונדערטע שטיבלעך איז אויך אונדזער שטיבל און הויף, האָט איבער די דעכער גע־נומען אַרומטאַנצן, אַרומשפּרינגען אַ טויבן־ציער, פּרינאַדיען צו זיך פרעמדע טויבן. ער איז אַזוי לאַנג אַרומגעשפּרונגען אויף אונדזער דאַך, ביז ער האָט אים דורכגעבראָכן, גראָד דאָן, ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן די ישראלדיקע ברכה־רעגנס. מיר האָבן גערופן אַ מייסטער, נאָר איבער די ניט־אויפהערנדיקע גוס־רעגנס, האָט ער זיין אַרבעט ניט פאַרענדיקט. דער־ווייל איז אין שטוב געוואָרן אַ בלאָטע, עס האָט ניט אויפגעהערט אַריינ־צורעגענען. דאָס אַלטע מעבל, דאָס בעטגעוואַנט איז צעווייקט געוואָרן, גענומען פוילן. מיר האָבן זיך געמוזט ראַטעווען, דרינגלעך זוכן אַ דירה. און צו איין צרה, קומען אָן צרות אויפן פּוד. איך בין אויף מיין פערד און וואָגן צוגעפאַרן אינדערפרי עפּעס איבערצוכאַפּן. איך האָב ניט ליב, ווי אַנדערע, צו עסן אין גאַס, אין איין האַנט צו האַלטן די לייצעס און אין דער צווייטער — אַ פאַלאַפל, ווי אַ האַרמאַשקע ביים מויל, און עס שיט זיך פון דער פּיטע... איך האָב צוגעבונדן די שקאַפּע צו אַ ביימל אַנטקעגן פענצטער און ניט באַמערקט, אַז די יינגלעך־משחיתים באַהאַלטן

זיך אויס צווישן די ביימלעך און ביז איך בין צו צום פריזשידער עפּעס אַרויסצונעמען, דערהער איך, דאָרט ווו איך האָב צוגעבונדן די שקאַפּע מיטן וואָגן, רודערט זיך...

איך בין אַרויסגעלאָפן אויפן גאַניק, האָב איך נאָך באַוויזן צו זען ווי דער פערד און וואָגן דערווייטערן זיך, אויפן וואָגן צוויי באַנדיטלעך. איך האָב זיך געלאָזט לויפן, שרייען, אַנצויאָגן... אויפן וועג איז מיר אַנטקעגן געקומען אַן אַראַבער מיט אַ פערד־ און וואָגן. בעט איך ביי אים: — איך וועל דיר גוט באַצאָלן העלף מיר אַנצויאָגן די ממזירים, אָקערשט אָוועקגעשלעפּט מיין פערד און וואָגן... וויל ער מיר ניט העלפן און מיין געלט דאַרף ער ניט... פון מיין פערד און וואָגן איז שוין קיין דוך ניטאָ. ניט איין מאָל האָט שוין ביי מיר געטראָפן — פון קנאה־וועגן פלעגט מען מיינעם אַ פערד אַריינשטופּן אַן אַרבעס אין אויער, אָדער עפּעס שלעכטס צושיטן אין האָבער־זעקל... וואָסזשע טוט מען ?... עס קלאַפּט אין די שלייפן און די מחשבות אין קאָפּ יאָגן נאָך האָסטיקער: די כל־בוניקעס וועלן נאָך אויף מיין פערד און וואָגן אַריינרייטן אין אַ פּרדס, אַנבעמען אַ פולן וואָגן מיט פרישע אשכוליותן און עס אָוועקפירן אויפן מאַרק, וועט מען דערנאָך זאָגן, אַז דאָס האָב איך זיי בכיוון אונטערגעהעצקעט און דער חשד וועט פאַלן אויף מיר... און גיי דערוויז, אַז ניט...

לויף איך צו דער משטרה, דערצייל, וואָס עס האָט פּאַסירט. זאָגט מען מיר: זיץ, סבלנות... זיצן קאָן איך ניט, איך דריי מיך אַרום ווי אויף הייסע קוילן. דערמאָן איך נאָך אַ מאָל — זאָגט מען מיר ווידער די צוויי ווערטער — זיץ, סבלנות... קאָן מען עס אויסהאַלטן ? גיי איך אויפסניי צום שוטער, פאַרלירט שוין דער שוטער אַליין דעם סבלנות:

— אדון, גאַנץ עכו קאָן ניט האָבן אין זינען דיין פערד און וואָגן! סבלנות; זיץ און וואַרט !...

אפשר, ווען איך זיץ נאָך אַ ביסעלע, וואָלט איך זיך יאָ עפּעס וואָס דערוואַרט... ס'איז שוין איינס בייטאָג. פאַרלאָז איך די משטרה, שלעפּ זיך צוריק אַהיים. לויפן מיר אַנטקעגן די זעלבע צוויי שקאָדניקעס און שרייען נאָך פון דער ווייטנס:

— מיר האָבן דיר געבראַכט דיין וואָגן, מען האָט דיר דערהרגעט דיין פערד...

אַז זיי האָבן זיצנדיק אויפן וואָגן פיר מיט אַ האַלבע שעה אַרומגע־יאָגט מיין שוואַנגערע שקאַפּע, ביז זי איז אין מיטן גאַס געפאַלן אין די האַלאַבליעס... וועגן דעם, פאַרשטייט זיך, קיין וואָרט ניט...

איך האָב זיך דערנאָך דערוווסט — עס איז געוואָרן אַ טומל... דאָס

געפאַלענע פערד האָט געשטערט דער גאַס־באַוועגונג, די יינגלעך האָבן זיך דערשראָקן, מיט עפּעס אַן אייזן דערלאַנגט צוויי מאָל דער שקאַפּע אין קאָפּ, זי זאָל שנעלער אויפשטיין און קאָנען באַפרייען דעם וועג... נאָר די שקאַפּע איז שוין געווען נאָך אַלעמען. און דאַן איז טאַקע צום געזעמל צוגעקומען אַ שוטר...

צוועלף־דרייצן יאָריקע באַנדיטלעך אַריינצוזעצן, איילט מען זיך ניט. אויפמאַנען די געלט פאַר דער שקאַפּע — איז נישטאָ ביי וועמען. איינער פון די צוויי זניקעס איז טאַקע אַ ממזר. איך האָב אָפּגעשלאָגן די משטרה־טירן און גאָרנישט ניט געפועלט...

קיין פּאַסיקע דירה האָבן מיר אַזוי גיך ניט צוגעזוכט. האָט זיך אָבער געמאַכט אַ ראַיעלער קונה אויף אונדזער שטיבל מיטן איינגעבראָכענעם דאַך. דער קויפער, לאָזט זיך אויס, איז ניט אַזוי געווען פאַראינטערעסירט אינעם שטיבל גופא, ווי אין דעם שטיקל ערד אַרום די ביימלעך, דער שטח ערד, וואָס עס פאַרנעמט די שטאַל, אונדזער נחלה־הויפל, אָט דאָס איז פאַר אים געווען דער עיקר. ער וועט אויף דעם אָרט אויסבויען אַ ווילע, קענטיק אַ מענטש, מיט אַן עתיד — צוקונפט און מיט אַן אפותיקו אין קעשענע... האָט ער אונדז אָנגעבאָטן אַ גוטן מקח. עס איז אונדז ליכטיק געוואָרן אין די אויגן. מיר זיינען מסכים געווען און פאַר דעם אָפּגענומענעם געלט געקויפט אַ נייע דירה אויף דער חטיבת גולני־גאַס, אין די זיבן שטאָקיקע הייזער, וווּ עס וווינען אַ סך רוסישע יידן...

— זיינען מיר, מיין טייערער פריינד, — קוקט מיר חיים שאַפּקאָרו גלייך אין די אויגן, — געקומען צום טרויעריקן סוף... אַצינד בין איך אויס קאַפּעלושמאַכער. אַז אַ פערד, דעם שטאָל פאַרקויפט, דעם וואָגן אויך, די זברויע מיט אַלץ מיט אַן אַנדער. אַכט חדשים ווי איך דריי מיך פּוסט און פּאַס און גיי אויס פון בענקשאַפט... דעם 13טן דעצעמבער ווערט פונקט אַ יאָר, ווי מען האָט מיר מיין פערד אַוועקגעפּטרט. איך שטעל מיר גאָרניט פאָר, מיט וואָס איך קאָן זיך פאַרנעמען אַצינדער... איך גלויב ניט, צי איך וועל נאָך געפינען אַ טועכץ פאַר זיך נאָך דערויף, ווי איך בין אייז און פופציק יאָר געווען אַ דרויסן־מענטש.

און ביי די ווערטער זיינע לויפט ביי מיר אין זכרון דורך מיינס אַ קליין ליד, וואָס איך מוז עס דיר, מיין טייערער לייענער, זיי מיר מוחל, אויפשרייבן אָט־איצט פאַר דיינע אויגן, ווייל אין היינטיקע טעג טרייסלט מען זיך דאָך אָפּ פון אַ ליד אָדער מע היפּערט עס איבער, ווי ניט מאַכנדיק זיך וויסן גאָר.

אָט איז דאָס ליד:

און קיינער...

כ׳האָב זיך אַליין
אין די האַלאַבליעס איינגעשפּאַנט
און איבער זיך בין איך דער בייזער בעל־עגלה,
און די פאַרשווינען —
מיינע טרוימען און חלומות...
אַ נאַכט אַ פינצטערע... דער שליאַך איז
אומבאַקאַנט,
פון אָרט איך גיב זיך ניט קיין ריר,
ווי איינגעקלעפּט וואָלט איך געווען אין סמאָלע.
איך שטשאָבע זיך און פּאַסעווע און ממית:
פאַר,
אין אַלדע שוואַרצע יאָר.
— — — — — — — — — — —
דאָס פערד בין איך,
דער וואָגן — איך,
דער שליאַך, דער פורמאַן
און פאַריינס אויך די פאַרשווינען.
איך פויזע, קריך,
און קיינער וויל ניט העלפן מיר
און קיינער וויל מיר אויף קיין נונץ
ניט שוינען...

...דעריבער האָט ער מיך אַזוי אַ צי געטאָן צו זיך, פאַראינטערעסירט, חיים שאַפּקאַרו, דער דרויסן־מענטש. איינער פון מיינע נייע באַקאַנטע אין עכו. כ׳האָב דערפילט אין אונדזערע ביידנס אומרו־געמיטער אַ בשות־פותדיקייט, אַן ענלעכן גורל...

מיינע שעפערישע כוונות...

אַצינד וועל איך מיר דערלויבן צו דערמאָנען וועגן מײַנע שעפערישע כוונות אין עכו: איך האָב מיך אין ברוקלין באַקענט מיט אַן אַדעסער ייִדן מישע (משה) קריוואָרוטשקאָ; איך האָב מיך אַרומגעטראָגן מיט מחשבות אַרײַנצופירן אים, ווי איינעם פון די פאַרשוינען אין מײַן נײַ־פאַרטראַכטן פראָזע־בוך. קריוואָרוטשקאָס פילצאָליקע קרובים זײַנען צעזייט און צע־שפּרייט איבער גאַנץ רוסלאַנד. ער האָט מיר אַ סך דערציילט וועגן זיי, און די באַציִונגען צווישן זיך, פאַרגעלייענט מיר זייערע בריוו צו אים. אַ טייל פון זײַנע אַדעסער אייגענע איז מיטן עליה־שטראָם פון די סאָ־וועטישע ייִדן אין אָנהויב פון די 70קער יאָרן אָנגעקומען קיין ישראל.

איך האָב מיך ניט געקאָנט ניט צוהערן צו זײַן אויסטערליש־עצמדיקן באַהויפּטן:

— ניטאָ קיין מענטשן־מלאכים ניט דאָ און ניט דאָרטן... דאָס אייגן בלוט און פלייש און געוויסן איז ווײַט ניט קיין בורשטין און בריליאַנט... נאָר אויף דער עלטער, ווען מען האָט אַ ריין העמד אויפן לײַב און עס פעלט ניט אויפן שטיקל ברויט און אויף די רפואה־פּילן, און מע קאָן נאָך אין אַ גוטן וועטער אַרויסקומען צום אָקעאַן אויפן ברוקלינער באָרד־וואָק,* פאַרגינט מען זיך אַרומצוטראָגן מיטן אייגענעם פּעקל, ווי אַ קוואָטשקע מיט אַן איי: „לאָזט מיר אים פאַר אײַך צעבינדן. כאַפּט אַ בליק, וואָס עס טוט זיך אין אים. נו, זאָל זיין אַז ס'איז ניטאָ מיט וואָס זיך צו גרויסן. עס פעלט מיר אויך ניט פון דעם סאָרט, וואָס פאַרשוואַרצט מיר מײַן פּנים, אָבער קלײַבט זיך ערלעך פאַנאַנדער, וועט מיר פון דעם ווערן אַ קאָפּל פרײַער אויף דער נשמה, די אָסטמע וועט מיך אָזוי ניט שטיקן"...

און אַליין איז מישע קריוואָרוטשקאָ אַרויסגעפאָרן פון סאָוועטן־רוסלאַנד אין סוף פון 1976 יאָר, אָן אַ משפּחה, עלנט ווי אַ שטיין. מיט

* באָרד־וואָק — ברעטערוועג. באַרימטער שפּאַציר־וועג בײַם אָקעאַן אין ברוקלין.

עטלעכע חדשים פאַרן פאַרלאָזן רוסלאַנד, געגט זיך מיט זײַן רוסישן ווײַב לוסיאַ. זייער זון סלאַוויק איז שוין דאַן אַלט געווען איין־און־דרײַסיק — צוויי־און־דרײַסיק יאָר.

אַ „וויזאַוו" האָט מישע קריוואָרוטשקאַ געבעטן בײַ זײַן ברודער איזי (אײַזיק) קריוואָרוטשקאַ, מיט פֿינף יאָר ייִנגער פון אים, וואָס איז אין 1972 יאָר עולה געווען מיט דער משפחה און באַזעצט זיך אין עכו.

דער זעלבער איזי קריוואָרוטשקאַ, מישעס ברודער, האָט נאָך מיט אַ צוויי־דרײַ יאָר פריִער געהאַט אַרויסגעשיקט דרײַ „וויזאַווס" פאַר זײַנע און מישעס געשוועסטער־קינדער איציק (לויטן פּאַס — איליאַ,* זײַן ווײַב אַסיאַ, זייערע קליינע קינדער ראַמאַ און ליובאַ, פאַר ליזען קריוואָרוטשקאַ און פאַר איר טאָכטער און איר מאַן און אייניקל. זײַנען זיי עולה געווען און געלעבט צוזאַמען אין עכו בשכנות אויף דער חטיבת גולני־גאַס.

באַקומען פון זײַן ברודער דעם וויזאַוו און דערנאָך אין מאַטערניש, גריזאַטעס פון זײַן ווײַב און זון, קוים מיטן לעבן, דערוואָרט זיך אויף דער וויזע קיין ישראל, איז מישע קריוואָרוטשקאַ ניט געפאָרן אַהין, צו זײַן ברודער און געשוועסטער־קינדער אין עכו, נאָר ווי זייער פיל אַנדערע דאַן, אין ווין, פאַרקערעוועט די האַלאַבליעס צום אַנקל סעם, קיין ברוקלין.

און איזי, מישעס ברודער מיט זײַן ווײַב אידע האָבן פאַרלאָזט ישראל, אַוועקגעפאָרן קיין בעלגיע צו זייער חתונה־געהאַטער טאָכטער העלפן ניאַנטשען דאָס ערשטע אייניקל. דאָרט איז אײַזיק אין אַן אומגליק־פאַל געשטאָרבן און אידע איז געבליבן לעבן אין אַמסטערדאַם בײַ איר טאָכטער.

מישע קריוואָרוטשקאַ האָט זיך געטיילט מיט מיר:

— ווען איך האָב מיך שוין דאָ, אין ברוקלין דערוווסט פון מײַן ברודעס טויט, האָב איך צוויי בריוו געשיקט צו מײַן שוועגערין אידע,

---

* ווען זײַן טאָכטער ליליאַ פון דער ערשטער ווײַב היהקע איז אַלט געוואָרן 15 יאָר און געגרייט זיך צו באַקומען אַ פּאַס, האָט זי צורו ניט געלאָזט דעם טאַטן פלעגט קומען צו אים אויף דער אַרבעט, ער זאָל ניט אָפּלייגן אין „לאַנגן באַנק" און גיין אין מיליציע צום פּאַספּאָרטן־ביוראָ, בייטן זײַן נאָמען איציק אויף איליאַ נאָר אויף איליאַ. זי וועט פּלאַצן, אויב אירע אַ חברטע, אָדער עמעצער וועט דערזען אין איר פּאַס — ליליאַ איציקאָוונאַ... דער „איציקאָוונאַ" איז פאַר איר אַ חרפּה און אַ בושה, מ'וועט פון איר אויף טריט און שריט חוזקן, זי וועט פאַר קיינעם איר פּאַס ניט קאָנען באַווײַזן... און אַז איר טאַטע וועט הייסן איליאַ, וועט אין איר נײַיִנקן פּאַס זײַן שוואַרץ אויף ווײַס פאַרשריבן — ליליאַ איליניטשנאַ קריוואָרוטשקאַ! קלינגט עס עכט רוסיש, גרויס־שטאָטיש, אינטעליגענטיש... האָט איציק קיין אַנדערע ברירה ניט געהאַט — געוואָרן איליאַ... אַבי שטיל אין קאָפּ...

האָט זי מיר אויף מײַנע בײדע בריוו ניט געענטפערט. זי טראָגט שוין אַ דרײַסיק יאָר אויף מיר אַ שנאה, זי האַלט, אַז איך האָב מײַן ברודער, איר מאַן, אומגליקלעך געמאַכט.

בעתן צוריקקערן זיך פון מײַן נסיעה אַהײם קײן ישׂראל, האָט מיר מײַן ברוקלינער באַקאַנטער קריוואָרושקאָ געבעטן: — טאָמער וועל איך זײַן אין עכו, אַרײַנצוגײן צו זײַנע געשוועסטער־קינדער איציק און ליזע, איבערצוגעבן פון אים אַ גרוס.

די אומגעריכטע געסט...

האָב איך שוין אין ברוקלין פון מישע קריוואָרושקאָס מעשׂיות וועגן זײַנע נאָענטע קרובֿים אין עכו, געדענקט: אין שטעטל בערעזאָווקע, אַ זעכציק, צי אַכציק ווייאָרסט פון אָדעס, האָט געלעבט לעמל קריוואָרושקאָ, אַ בעקער, מישעס באַליבטער פעטער, מיט זײַן ווײַב ריווע, וואָס איז אײַנ־צײַטיק געווען זײַן אמתע מומע, ווײַל מישעס טאַטע, שײַע און זײַן ברודער לעמל פון בערעזאָווקע, האָבן גענומען צוויי שוועסטער — שײַע האָט גענומען זיך פּאָר אַ ווײַב רייזלען און לעמל — ריווען. לעמל און ריווע האָבן געהאַט פינף קינדער — פיר טעכטער: שפרה, גאָלדע, ליזע און ראָזע; און דער צווייטער איז געבוירן דער בן־יחיד איציק.

לעמל און זײַן ווײַב ריווע זײַנען מיט גרויסע צרות און פּלאָגן איבער־געקומען די מלחמה. וועגן זייערע אוממענטשלעכע עינויים איז ביכער צו שרייבן. די מאַמע, ריווע איז געשטאָרבן אין 1956 און דער טאַטע, לעמל — אין 1962.

די עלטערע טאָכטער שפרה מיט דער יינגסטער ראָזע, האָבן נאָך פאַר דער מלחמה — אָנגעהויבן האָט עס זיך מיט אַ ביראָבידזשאַנער געשיכטע — מיט זייערע משפחות געלעבט אויפן רוסישן ווײַטן מזרח. גאָלדע — גאַליע, מיט אירע קינדער און רוסישן מאַן וווינען איצט אין לוואָוו — לעמ־בערג. מיט עטלעכע יאָר צוריק איז די עלטערע שפרה — געשטאָרבן בײַ אירע קינדער אין ביקין — אַ שטאָט צווישן כאַבאַראָווסק און וולאַ־דיוואָסטאָק. ניט ווייט פון דאָרט לעבט איצט מיט איר משפחה ראָזע. און איציק און ליזע וווינען מיט זייערע משפחות שוין דאָס צוועלפטע יאָר אין עכו — ישׂראל.

— —

אין עטלעכע טעג אַרום נאָך דעם, ווי איך האָב מיך מיט מײַן פרוי סאָניע צײַטווײַליק אײַנגעאָרדנט אין דעם צימערל אויף דער טרומפּלדור־

גאָס, זײַנען מיר אין דעם ערשטן מוצאי־שבת (די אויטאָבוסן זײַנען נאָך ניט געגאַנגען), ישר־ישר * אָוועק דורכן לאַנגן וויצמאַן־פּראָספּעקט אויף צפון פון עכו, צוגעקומען צו דער חטיבת גולני־גאַס מיט די זיבן־שטאָקיקע הײַזער. מיר האָבן ניט געוווּסט, צו וועמען מיר וועלן אַרײַנקומען פריִער, נאָר לויט די פּאַרצייכנטע אַדרעסן, וואָס מישע קריוואָרוטשקאָ האָט מיר געגעבן, וווינט איציק מיט זײַן משפּחה אינעם הויז נומער איין־און־פערציק און ליזע אויף דער זעלבער זײַט גאַס נומער איין־און־פופציק, מיט פינף הײַזער ווײַטער. מיר האָבן פונעם וויצמאַן־פּראָספּעקט פאַרקערעוועט זיך אויף רעכטס, אַנטקעגן אויף דער לינקער זײַט גאַס, באַלד אָפּגעשטעלט זיך בײַם נומער איין־און־פערציק און אין דער דירה אויפן פינפטן שטאָק געטראָפן די גאַנצע משפּחה אין דער היים — איציקן, זײַן ווײַב אַסיאַ, דעם זון — ראָמאַ און די טאָכטער ליובע. מיר זײַנען געווען אומדערוואַרטע געסט מיט אַן אומגעריכטן גרוס פון אַ קוזין.

ס'זײַנען דורך עטלעכע רגעס, איך בין אַ ביסל צו זיך געקומען, אַ פּאָר שלונג געטאָן פונעם גלאָז מיטן קאַלטן, געשמאַקן מאַראַנצן־זאַפט. מיר האָבן זיך פאַנאַנדערגעשמועסט. מישע קריוואָרוטשקאָ האָט מיר אין ברוקלין געהאַט באַוויזן זײַנע משפּחה־פאָטאָגראַפיעס, האָב איך אויפגע־כאַפּט די ענלעכקייט פון איציקן צו זײַן טאַטן, לעמל דעם בעקער. די זעלבע גרויסע, קאָרע אויגן. איציק איז אויך אַ הויכער, ווי זײַן טאַטע, אָבער ניט אַזאַ דאַרלעכער — בײַם זון מערקט זיך אַ בײַכל.

איך האָב באַלד דערפילט דעם עיקר־שטריך פון די קריוואָרוטשקאָס — מיט אײַנזעעניש, גוטסקייט און האַרציקייט און מיט אַלע פּיטשעווקעס און קליפּערלעך אויסצודערציילן יעטוועדע געשעעניש, טרעפעניש, הן וועגן אייגענעם לעבן און הן וועגן לעבן פון די קרובים, שכנים, באַקאַנטע און אפילו וועגן מענטשן, מיט וועלכע זיי איז אויסגעקומען ערגעץ־ווו צו באַגעגענען זיך מיט פיל יאָרן צוריק אויף אַן אויגנבליק...

איציק האָט איז איין אָטעם, ווי איבער אַ טײַך, ווען דער אײַז האָט געריירט, געשפּרונגען הין־און קריק איבער די קריִעהס פון לעבן... ניט אויפגעהערט — פאַרכליניענדיק זיך צו דערציילן, — און איך בין גרייט הערן און הערן. באַזונדערס איז מיר אינטערעסאַנט געווען פון אים צו דערוויסן זיך — ווען ער איז אַלט געווען ניט פולע 17 יאָר, איז ער צו־זאַמען מיט שפּרהן, זײַן עלטערע פיר־און־צוואַנציק יאָריקער שוועסטער

* ישר־ישר — עברית — גלײַך, גלײַך.

און ניינצן־זיבן־און דרייסיקסטן יאָר פון טיראַספּאָל (אוקראַינע) אַוועקגעפאָרן קיין ביראָ־בידזשאַן.*

צום סוף פון אונדזער וויזיט האָב איך זיך נאָכגעפרעגט ביי איציקן וועגן זיין שוועסטער ליזע. — היינט, זאָג איך, — איז שוין צו איר צו שפּעט צו גיין, וועט עס בלייבן אויף אַ אַנדערש מאָל. מיר דאַרפן אָבער אויך איר איבערגעבן דעם גרוס פון דעם ברוקלינער קריוואָרוטשקאָ. — לאָזט זיך אויס ,אַז איציק ווייס וועגן זיין אייגענער שוועסטער קנאָפּלעך... דאָס איינציקע וואָס ער ווייס יאָ, — דער ברוקלינער געשוועסטער־קינד זיינער, — זאָגט ער מיר, — האָט אַ טעות געהאַט, שוין אַ לאַנגע צייט ווי אינעם הויז נומער 51 וווינט זי ניט. זי האָט מיט איר מאַן געלעבט דאָ ניט ווייט אין אַ שיכון און זיך פון דאָרט אַרויסגעקליבן, נאָר ווו געוואָרן, ווייס ער ניט...

אָבער אַסיע, איציקס ווייבל, ווייס יאָ עפּעס... ליזע קומט ווען אַריין צו איר, אַסיעס אַלטער מאַמען. און די מאַמע האָט יאָ אַ קשר * מיט ליזען. האָט איר ליזע דערציילט: ,,זי מיט איר מאַן האָבן געקויפט אַ דירה ניט ווייט פון דאַנען, אויף דער זעלבער חטיבת גולני־גאַס און מיט אַ פּאָר חדשים צוריק אַהין זיך אַריינגעצויגן, דאָס ערשטע הויז צום ים, אויפן צווייטן שטאָק. זי אַסיע, האָט ליזען מיט איר מאַן באַמערקט דאָרט דורך זייער אָפענעם פענצטער.

איציק און אַסיע האָבן אונדז באַגלייט אויף זייער אויטאָ. איציק האָט אונדז געפירט פאַרביי דעם הויז, אַ קאַרגע צוויי הונדערט טריט ווייטער

---

* בעת מיין פאָרן מיטן אויטאָבוס פון אור־יהודה קיין עכו, האָב איך אין וועג געבלעטערט דעם יולי־אויגוסט נומער פונעם ירושלימער יידישן זשורנאַל ,,פאָלק און ציון" און זיך אָנגעשטויסן אויף אַ אַרטיקל מיטן נאָמען ,,יידישע אויטאָנאָמיע געגנט אָן יידן, אָן יידישקייט", ווו עס ווערט צווישן אַנדערן דערציילט, ווי אַזוי די דאָרטיקע ,,קאָך־לעפל" פלאַדערן און באַרימען זיך: ,,אין פאַרלויף פון אַלע פופציק יאָר, זינט די געגנט עקזיסטירט, האָט קיין איין מענטש ניט געלאָזט זיך פאַרפירן פון די פאַלשע צוזאָגעכצן פון די ציוניסטן, קיין איינער איז ניט אַרויסגעפאָרן קיין ישראל". און מיר קומט אויס גאָר ניט זעלטן, פאַר די צען־עלף יאָר וואָס איך בין עולה־געווען, צו טרעפן אין ישראל מענטשן, וועלכע זיינען, ווי פון אַ בייזן פייער, געלאָפן פון בירא־בידזשאַן און לעבן שוין אַ סך יאָרן אין דער אַלט־נייער היים. קאַמיש, מע מוז דען פאָרן פון ביראָ־בידזשאַן (אין אַזאַ מין פאַרוואָרפענעם רוסישן העק, ווי ביראָ־בידזשאַן, איז געוויס קיין טיר מיט אַ שילדל ,,אוויר" ניטאָ.) דירעקט קיין תל־אביב? — מע קאָן דען ניט מאַכן אַ ,,פּערעסאַדקע", אַ שטייגער למשל, אין מינסק, ווילנע, אָדעס און שוין פון דאָרטן, מיט מזל, עולה זיין קיין ישראל?!

* קשר — עברית: פאַרבינדונג.

און אַסיע האָט מיר און סאָניען אַנגעוויזן אויפן צווייטן שטאָק: — דאָרטן וווינט ליזע...

מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער זײַנען מיר אויך בײַ ליזען געווען, איבער־געבן מישע קריוואָרוטשקאָס גרוס.

האָב איך מיט סאָניען באַקענט זיך, באַפרײַנדעט זיך, מיטביידע משפּחות. מיר זײַנען שוין צוויי חדשים אין עכו און טרעפן זיך באַזונדער מיט איציקן און אַסיען און באַזונדער מיט ליזען און איר מאַן חיים שאַפּקאַרו. זיי קומען צו אונדז אַרײַן. יעדע פּאָר באַזונדער. איך גיב סײַ איציקן און סײַ זײַן שוועסטער ליזען צו לייענען יידישע ביכער. זיי האָבן זיך ביידע געלערנט אין דער טיראַספּאָלער סאָוועטישער יידישער ניט־פולער מיטל־שול. ליזע האָט די שול פאַרענדיקט און איציק איז אַוועק פונעם זעקסטן קלאַס, אַנגעקומען צו אַ פאַבריקמאַכער לערנען זיך שערערײַ.

ס'וואָלט זיך וועלן ברודער און שוועסטער זאָלן ווערן גוט צווישן זיך, נאָר שוין נײַן יאָר, ווי זיי מײַדן אויס איינער דעם אַנדערן. און ווײַזט אויס, עס איז ניט גרינג אחד־שתּיים* מאַכן צווישן זיך שלום...

איצט לעבן זיי ווידער אויף איין גאַס, אויף דער זעלבער זײַט מיט די אומגראַד־נומערן און ווען איציק גייט אַרויס פון שטוב, דערזעט ער באַלד ליזעס שטוב. דאָס זעלבע אויך ליזע. און אַז מען באַגעגנט זיך ראַפּטאָם, דאַרף מען אָדער אַ קער טאָן דעם קאָפּ, אָדער אים אַראָפּלאָזן צו דער ערד... רופט עס בײַ מיר אַרויס אַ דערדריקט שווער געפיל און איך קום אין מײַנע מחשבות, אפשר, צו אַ ניט־באַדאַכטן ביז צום סוף, מײַנעם אַן אויספיר: צו וואָס די מכשפה־צײַט ברענגט — מען קאָן אין מלחמות, ערד־ציטערנישן און מגפות פאַרלירן דאָס האָב־ און גוטס, די טײַערסטע חפצים, צירונג און לאַנג שוין פאַרגעסן וועגן דעם. אָבער, אוי, ווי ס'איז שווער צו באַפרײַען זיך פון די עוולות און קריוודעס, „פאַלשע טריט", „קרומע שטיק", וואָס זאַמלען זיך אָן אין משך פון יאָרן צווישן לײַבלעכע אייגענע און נאָענטע, ווען יעדער צד איז מער ווי זיכער, אַז זיי זײַנען עס באַגאַנגען געוואָרן לגבי אים דורך דעם אַנדערן צד און קיינער פון די צדדים ווילן אַפילו ניט אויסהערן די דערקלערונגען און מאָטיווירונגען פון דעם צווייטן צד און מחילה און אויך די ישראלדיקע „סליחה", האָבן קיין צוטריט ניט...

באַזונדערס מערקט זיך די אײַנגעקאָרענייטע נימאָסע „מחלה" בײַ דעם טייל יידן פון די מיטעלע און עלטערע יאָרן, עולים פון ראַטנפאַר־באַנד, וואָס זײַנען געבוירן געוואָרן אַ שטיק צײַט שוין נאָך דער רעוואָ־

* אחד־שתיים — עבֿרית: איינס־און־צוויי.

לוציע, אויסגעהוילטע פון ייִדישקייט, ביי ווען עס ציטערט ניט אויף דאָס האַרץ אַפּילו אין די ימים־נוראים־טעג, עס שרעקט זיי ניט גאָטס געריכטער און גרויזאַמער משפּט... אין אָט דעם, אגב, שטעקט דער מהות פון דער רוסיפיקאַטאָרישער סאָוועטישער דיקטאַטור, אַרויסצורייסן מיטן וואָרצל דעם מינדסטן סימן פון אייגנאַרטיקער ייִדישער שיינקייט, גאָטס־פאַרכטיקייט, ליבשאַפט און מחילה, אַפּפרעמדן איינעם פון דעם אַנדערן.

ווערן אין משך פון יאָרצענדליקער די קריוודעס און עוולות פאַרוואַנדלט אין שטיינער, וואָס קיין שום כוח קאָן שוין ניט צעשמעלצן און צעמאָלן, עס זאָל אַזוי געשען, ביידע צדדים, ביידנס הערצער זאָלן פּלוצעם ווערן ליכטיק־ריין, ווי לויטער עס איז איבער אונדז דער ישראלדיקער הימל.

טאָ ווייזשע קאָנען מיר זיך מיט אַ מאָל, זבוכטע־באַראַכטע, אַריינ־מישן — מוסרן, מליץ־יושרן, באַרעכטיקן איין צד, פאַראורטיילן דעם אַנדערן צד?! — בלייבט אונדז איבער, מיר מיט סאָניען, פונעם גאַנצן האַרצן, אַכטן און שעצן ביידע אונדזערע גוטע באַקאַנטע אין עכו — ליזע און איציק קריוואָרוטשקאָ.

איציק קריוואָרוטשקאָ

דער צענטראַלער צעך פון דעם עכור אַלומיניום־זאַוואָד... איציק קרי־וואָרוטשקאָ פירט צו צו דער קאַלאָסאַלער, מעכטיקער מאַשין אַ וואַגאָנעטקע פאַרפולט מיט אָפּגעזעגטע שוין קיילעכיקע פופציק־זעכציק סאַנטימעטער די לענג אַלומיניום־קלעצער. ער שליסט איין דעם מאָטאָר און מיט געמאָס־טענע אינטערוואַלן, די מאַשין זאָגט אונטער, נעמט ער אַראָפּ פון וואַגאָ־נעטקע אַ שייט, וואָס דערמאָנען מיר ריזיקע האַרמאַטן־קוילן פון די גרויסע קאַליברען, שטופּט זי אַריין אין דער ברייטער, רונדיקער עפענונג, ווי אין אַ גראַנאַט־וואַרפער... און אַן אומגעהויערער כישוף־כוח הייבט אָן גלייכ־צייטיק פון דער אַנדער זייט מאַשין, דורך אַ שמאָלן שפּאַלט אַרויסצוציִען פון דעם אַלומיניום־קלאָץ, ווי פון „טייג”, בלאַנקעגדיקע דינע פּאַסן, קאַנטן, רערעלעך פון די פאַרשידנסטע פאָרמען און איך זע — איבערן קאָנווייער באַוועגן זיך, „שווימען” אַוועק צום פּאַק־צעך הונדערטער מעטער, ווי אַ סטרונע, אויסגעגלייכטע, אויסגעווירעטע בוי־מאַטעריאַלן — טרייבלעך, לייסטן, פּלאַנקעס, שפּלינטן פאַר טירן, פענצטער, גאַרדינען, מכשירים, איינריכטונגען פאַר אַן אַ שיער ווירטשאַפט־צווייגן און צוועקן און אַלץ פון די קיילעכדיקע פופציק־זעכציק סאַנטימעטער די לענג, אַלומיניום־קלעצער.

און כאָטש דער עכור אַלומיניום־זאַוואָד איז אויסגעשטאַט מיט מאָ־דערנסטער טעכניק, אַמעריקאַנער. ענגלישער, ישראַלדיקער, פאָדערן זיך דאָך צו דער קאָמפּליצירטער, מאַשינעריע, שטאַרקע, רירעוודיקע מענטש־לעכע הענט.

שטיי איך אָפּגעווייַטערט אויף אַ פינף־זעקס טריט, ניט צו שטערן איציקן, אויף קיין מאָמענט ניט אָפּצוווענדן אים פון זייַן אָנגעשטרענגטער מי... ווייַל אויסער אַלעמען מוז איציק זייַן צען־פאַכיק וואַכזאַם... מיט אַ זעקס־זיבן יאָר צוריק, — ער האָט דאַן געאַרבעט אין דעם זעלבן צעך ביי אַ געוועגלעכערע מאַשין־קאָנסטרוקציע, — האָט געטראָפן אַן אומגליק — די מאַשין האָט „אָראָפּגעכאַפּט" דריי פינגער פון זייַן רעכטער האַנט. ס'זייַנען איבערגעבליבן דריי פינגער־„פּניאַקעס". אָבער צום אומגליק האָט איציק געהאַט מזל: דעם גראָבן פינגער און דעם ווייַז־פינגער האָט עס נישט געשאַדט. ווען די ווונדן האָבן זיך פאַרהיילט, האָט די זאַוואָד־אַדמיניסטראַציע פאָרגעלייגט קריוואָרוטשקאָן, אויסער די חודשלעכע „פּיצויים" * — לייכטע אַרבעט, ניט ביי דער מאַשין. נאָר איציק איז אויף דעם ניט אייַנגעגאַנגען. ער האָט דערוויזן, אַז ער קאָן מיט זייַנע צוויי געזונטע פינגער פּלוס די דריי פינגער־פּניאַקעס פולשטענדיק ספּראַווען זיך ביי דער זעלבער מאַשין, אָן געפאַר פאַר זייַנע הענט און נישט אַראָפּ־נידערן די קוואַליטעט און גרויס פון דער פּראָדוקציע.

דאָס צוועלפטע יאָר שוין ווי איציק קריוואָרוטשקאָ אַרבעט אויפן היגן אַלומיניום־זאַוואָד. די זאַוואָד־אַרבעטער יונגע און אַלטע, סאַבּערס, יידן פון מאַראָקאָ, פון איראַק, פּוילישע יידן, רוסישע, רומענישע, גרוזינישע, ניט ווייניק אַראַבער — קענען גוט קריוואָרוטשקאָ, זייַן פרייַנטלעכן, וואַרע־מען צאַפּל אין די אויגן, זייַן ווילן שמייכל. מיט יעדערן באַגערט ער זיך צו פאַרשטענדיקן, דורכוואַרפן זיך מיט אַ פּאָר היימלעכע ווערטער. ער רעדט שוין זשאַווע עברית — בעסער פון מיר. דאָס האָב איך זיך איבער־צייַגט, ווען איך בין מיט אים אַרייַנגעקומען צו זייַן חבר, דעם מאַראָקאַנער יידן יצחק בן־יאיר, וואָס אַרבעט אויפן זעלבן אַלומיניום־זאַוואָד און וווינט פּונקט אַקעגנאיבער קריוואָרוטשקאָס הויז אויפן פערטן שטאָק.

איציק האָט מיר אויפגעקלערט:

— אַ טיף־גלויביקער, איבערפולט מיט מונטערקייט און נחת פון זייַנע זעקס זין און איין־און־אייַנציקער טאָכטער. די טאָכטער און צוויי פון די זין שוין חתונה געמאַכט, גוט צוגעטראָפן. פון דער טאָכטער האָט ער

* פּיצויים — עברית: קאָמפּענסאַציע, אָנטשעדיקונג.

שוין דרײַ אײניקלעך. זײַן אײדעם איז פֿון די בולגאַרישע ייִדן און די צוויי שנירן — פֿון די רומענישע.

אפֿשר, פּאַסט ניט, — זאָג איך צו קריוואָרוטשקאָן, — וואָס מיר וועלן אַרײַן ניט געבעטן?

— עס פּאַסט! איבערצײַגט מיך איציק, — ער האָט ליב מענטשן. אָט וועל איך צו אים אָנקלינגען.

און ווירקלעך, איציקס זאַוואָד־חבר און שכן יצחק בן־יאיר, אַ מיטל־וווקסיקער, אַ דאַרלעכער, אַ לעבעדיקער, אַ יאָר פֿינף־און פֿופֿציק...

— בדיוק * — איז בן־יאיר צופֿרידן, וואָס איך האָב פּינקטלעך גע־טראָפֿן זײַנע יאָרן.

האָט ער מיך בײַ די ערשטע מינוטן פֿון אונדזערע שמועסן, אָנגע־שטעקט מיט פֿריילעכקײַט, הומאָריסטישן אַרט דערציילן וועגן די ליידן און נויטן, וואָס ער האָט איבערגעלעבט, בעת זײַן עולה זײַן מיט פֿיל יאָרן צוריק:

איך קום צו אַן אַראַבער: — פֿאַרקויף מיר אַ דירה.

— קויף, — זאָגט ער.

— וויפֿל קאָסט זי?

— ביליק, צוויי הונדערט לירות...

כ׳פּרוּוו זיך מיט אים דינגען. טוט דער אַראַבער אַ פּאַטש מיט ביידע דלאָניעס איין מאָל, — און רופֿט אויס — הונדערט לירות! — און אַ פּאַטש מיט די דלאָניעס דעם אַנדערן מאָל און שרײַט אויס — נאָך הונ־דערט לירות! צוזאַמען — צוויי הונדערט! ניט ווינציקער!

צייל איך אים אָפּ די פּאַרהאָרעוועטע מײַנע, בײַם פֿלאַסטערן דעם כביש, צוויי מאהעס... הייבט ער זיך אויף, דער אַראַבער און פֿירט מיך אַרײַן אין דערבײַיִקן אָפֿענעם פּיצל חדרל מיט אַ פֿון דרויסן צוגעליעפּעטער פֿון ברעטלעך מיט ליים געמישט מרפּסתל,** — „האָסטו דיר! דײַנע!"... אָן קיין שום חוזה־קאָנטראַקט, קיין שום פּאַפּירל, אָן קיין שום שליסל, — און בן־יאיר מאַכט דערבײַ אַ קאָמישע באַוועגונג — הייבט אויף ביידע דלאָניעס אַרויפֿצו..., — מיטן ווינט אַוועק... און מיט דרײַ חדשים שפּעטער קומט צו מיר אַ פּקיד פֿון „עמידר" (מלוכה־אַמט פֿאַר דירות) מאָנען־געלט...

— ס׳טײַטש, — זאָג איך צו אים, — איך האָב דאָך די דירה געקויפֿט...

— ווען געקויפֿט? ווו געקויפֿט? דאַרפֿסט באַצאָלן פֿאַר דרײַ חדשים שכר־דירה (דירה־געלט) און דריי מיר קיין קאָפּ ניט...

---

* בדיוק — עברית: גענוי.

** מרפּסתל — עברית: וועראַנדעלע.

— אָבער מיט יעדן צוגעקומענעם קינד אין אונדזער משפּחה, — זעצט פאָר דערציילן בן־יאיר, דערבײַ שטייט זײַן הויכע, פולבלעכע ווײַב רבקה, וואָס איז אונדז מכבד מיט באַטעמטע אויפגעשניטענע פּוטער־בול־קעלעך, אײַנוויייניק אַ ריפּטל פון אַ פּאָמידאָר און אַ געראַויכערט פישל, — האָבן מיר זיך, מיט גאָטס הילף, דערשלאָגן צו אַלץ בעסערע באַקוועמערע דירהס. אין אַט־דער, — ער טוט ברייט אַ פיר מיט זײַנע קורצלעכע, אימ־פּעט־פולע הענט, — מיט די פיר־פינף ניט גרויסע צימערן, וווינען מיר שוין זינט איך בין אַנגעקומען אַרבעטן אויפן אַלומיניום־זאַוואָד. און בײַ די ווערטער טראָגט בן־יאיר אַרײַן צו באַווײַזן דאָס געשאַנק פון דער זאַוואָד־אָנפירונג דעם גאָלדענעם האַנט־זייגער מיט דער אויסגעקריצטער מאָנאָגראַם לכבוד די צוואַנציק יאָר, וואָס ער אַרבעט אויפן זאַוואָד. — מיר האָבן שוין לאַנג, — זאָגט ער, — געקאָנט באַקומען צוויי אַנדערע אַזעלכע דירות — עס קומט אונדז, נאָר צווישן אַט־די ווענט שוועבט דאָס מזל... ס׳לאָזט דאָס האַרץ ניט צעשיידן זיך מיט זיי...

איציק קריוואָרוטשקאָ, איד, דער באַלעבאָס, מיר זיצן בײַם טישל אין סאַלאָן. זײַן פרוי טראָגט אונדז צו גלעזלעך קאַפע און ווי אויף די שפּיץ פינגער, ניט צו שטערן, חלילה, דעם פאָטער צו שמועסן מיט די געסט, שלײַכן זיך דורך פאַרבײַ אומגעהערט, פון איין צימער אין אַנדערן, האַלב־נאַקעט, — ס׳איז דאָך זומער, — אַ חמימה — די בנים, פאַרברוינטע, ווי פון משה קולבאַקס ליד „און בראַנדזענע יונגען״, איינער העכער, שלאַנקער פונעם אַנדערן. בלויז דאָס עלטערע אייניקל מיט אַ קלאָר־ווײַסן געזיכט דערוועגט זיך צוגיין נאָענט צום זיידן, אים שמייכלענדיק עפּעס אַרײַנ־רוימען אין אויער...

לויטן ווינקס און פײַנקייט זײַנען די זין געראָטן אין דער מוטער. און לויט דער ענערגישקייט, ספּאָרטיוון אויסזען — אין פאָטער.

בן־יאיר טיילט זיך מיט אונדז מיט זײַן אייגענעם ישראלדיקן קוק אויפן לעבן:

— מע דאַרף זיך מישן! ס׳קומט פון דעם צו, לפי דעתי — שיינקייט און שטאַרקייט! און דאָס מזל, זע איך, איז מושבה, ווײַל פון אַזאַ אויס־מישן זיך ווערט פעסטער אונדזער יידיש קערנדל, האַפטיקער אונדזער פאָלק־תמצית. — און בײַ דער באַהויפּטונג זײַנער, ברענגט בן־יאיר אַרײַן די דרײַ חתונה־אַלבאָמען, זײַן טאָכטערס און די צוויי זינס, ער באַווײַזט אונדז זײַן אײדעם פון בולגאַריע זײַנע צוויי רומענישע שניר און אַלע מחותנים, — ביידע צדדים, — שטרײַכט אונטער יצחק בן־יאיר, — זײַנען, ברוך השם, צופרידן און גליקלעך.

און רבקה, בן־יאירס פרוי, באַמערקט ווי איך קאָן מײַן בליק ניט

אָפּוּוענדן פון אירע שטאַלטנע, ווי די סאָסנעס, פאַרברוּינטע בראַווע זין,
— טוט זי מיט שפּאַס אַ זאָג: — מיר האַלטן ניט צו שטאַרק פון די היגע „גילין״ און „אשל׳ס״ (נעמען פון סאָרטן ישראלדיקע זויער־מילך און קעפיר). ביי אונדז איז אויפן ערשטן פּלאַן „בשר״ — געבראָטנס, און געבעקסן. דאָס פּאַליובעט מער די קינדער. באַמיִען מיר זיך זיי צופרידנשטעלן, כל־זמן דער אויבערשטער וועט אונדז שענקען געזונט און כוחות.
און בן־יאיר קומט ווידער אַרויף אויף זיין עיקר־מחשבה. ער רופט זיך אָן צו מיר בשתיקה: — די פיר יינגערע בחורטשיקעס מיינע, וועלן, בעזרת השם, אויך ניט פאַרזעסן ווערן... שוין פאַראַן פון די עכור אשכנזישע געראָטענע מיידלעך אַזעלכע, וואָס וואַרפן שוין היינט־צו־טאָג אַן אויג אויף זיי מיט דער האָפענונג... מזל און שיינקייט איז פון גאָט אַ פּאָר! אַזוי, אַז, — פאַרסך־הכלט ער, — מיר האָבן שוין ניט וואָס צו טראַכטן וועגן אַ געראַמערער נעסט... מיינע אַדלערלעך וועלן בקרוב זיך צעפליען, אויפשטעלן אייגענע שיינע נעסטן און מיר מיט רבקהן, אם ירצה השם, וועט זיין צווישן אַט די ליבע וועגנט געראַם און פריי!

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

די שעה, צי מער אַוודאי, איך האָב אויפן זייגער ניט געקוקט, וואָס איך בין געווען ביי קריוואָרוטשקאָס זאַוואָד־חבר יצחק בן־יאיר האָט מיך אויפגעמונטערט. איך האָב גאָר מיין מידקייט ניט געפילט.
— קריוואָרוטשקאָ, — זאָג איך, — איר פאַרשטייט אויף מענטשן. מיר זיינען מיט אייך געווען אין אַ גאָלדענער יידישער שטוב.

קומט מיר עפּעס דערפאַר?...

— ווען מיר האָבן איצט געזען מיט אייך דעם שלום־בית (אַזוי בוכשטעבלעך האָט זיך איציק קריוואָרוטשקאָ אויסגעדריקט — 12 יאָר אין לאַנד), און דעם נחת פון אַ סך שיינע, געזונטע קינדער, — זאָגט ער צו מיר, וועט איר מיך פאַרשטיין, דעם אונטערשיד, פאַר וואָס ס׳האָט זיך אין די יינגערע יאָרן מיין משפחה־לעבן ניט געקלעפּט... מיר וועלן, אפשר, חיים, אַרויפקומען צו מיר. ערשט נעכטן אַריינגעבראַכט אין שטוב אַ קעסטל מכבי־ביר.
— איציקל, — האַלט איך אים צו ביי דער האַנט, — פון יעדן זופּ ביר, בפרט נאָך פון דעם בעסערן סאָרט, שלעפערט מיך, כ׳ווער אויפגעוירט און אויפגעפּוישט, ניט גוט, נאָר וואָס קאָן איך מאַכן — די

אַלטקייט שלאָגט דורך אַלע אָדערן... לאָמיר זיך בעסער צוועזצן אויף אַ־דעם בענקעלע...

— ווער עס האָט ליב ביר און ווער אַ בענקעלע..., — שמייכלט קריוואָרוטשקאָ, — וואַרט, מירן כאַטש אַריבער דעם כביש, זעצן זיך נעבן שטוב, מײַן אַסיע וועט אַרויסשטעקן איר קאָפּ דורכן פענצטער, זאָל זי מיך באַלד דערזען, פאַרשפאָרן צו רופן, דער אייבערשטער האָט זי געבענטשט מיט אַ „הילכער" אין האַלדז. זי איז שטיל, ווען זי האָט מיך פאַר די אויגן...

מיר האָבן זיך אײַנגעמאָשטשעט און איציק האָט אָנגעהויבן מיט אַן אויף צו פריִער:

— כ'האָב זעקס יאָר אָפּגעדינט אויפן ווײַטן מזרח, אָוועק אין אַרמיי, אַ יאָר איידער היטלער איז אונדז באַפאַלן. געווען סאַניטאַר־פאַבריקמאַכער, אין ראַנג פון יעפרייטער. און ניט מײַן שולד, וואָס מען האָט מיך ניט געשיקט אויפן פראָנט. נאָר זומער, אין דעם צוויי־און־פערציקסטן, ווען מיר האָבן געהאַלטן שמאָל, גאָר שמאָל, הײַנט־מאָרגן קאָן פאַלן סטאַלינ־גראַד... און מ'האָט פון כאַבאַראָווסק, וולאַדיוואָסטאָק גענומען שטופן, ווי בערעמיעס שטרוי, באַטאַליאָנען, פאָלקן און באַזונדערע קאָמאַנדעס, אַהינצו, אין פײַער אַרײַן... האָט דער פעלדשער־לייטענאַנט, דער קאָמאַנדיר פון מײַן סאַניטאַר־וווזוואָד, אַ ייִד — עס זאָל ניט „שטעכן" אין די אויגן — צוויי ייִדן און איין וווזוואָד... און ער אַלייז זאָל זיך פילן זיכערער, צו־געשטעלט מיך אין די שטאַב־צעטלען פון דער קאָמאַנדע צו שיקן אויפן פראָנט. איך האָב שוין געהאַט אָפּגעגעבן די ראַזיר־אינסטרומענטן, שוין אַריבער פון מײַן וווזוואָד אין רשות פון דער קאָמאַנדע צו דער אָטפּראַווקע...*
איך וויל ניט זאָגן, אַז איך בין געשפרונגען פאַר פרייד... ווער ווײַס עס מיר גלויבן? — נאָר איך האָב מיך באַלד גענומען איז די הענט — מיט וואָס בין איך ערגער פון מײַן עלטערער שוועסטער שפרהס מאַן פון ביראָ־בידזשאַן — ער איז אויפן פראָנט, איבערגעלאָזן מײַן שוועסטער מיט אַ צוויי־חדשימדיק עופהלע. אויך מײַנע געשוועסטער־קינדער, מישע און אײַזיק — אין די שלאַכטן. און ווו טאַטע־מאַמע מיט מײַנע צוויי שוועסטער ליזע און גאָלדע זײַנען? — ווייס איך ניט. זייער לעצטער עוואַקואַציע־פונקט איז געווען צפון־קאַווקאַז... דאָרט שלאָגט מען זיך שוין... גיט מען איבער אין די לעצטע „סוואָדקעס" (ידיעות) פון סאָוו־אינפאָרמביוראָ... שוין צוויי חדשים, ווי איך האָב פון זיי קיין בריוו ניט...

---

* אָטפּראַווקע — רוסיש — צום אָוועקשיקן...

האָב איך דען רעכט צו בלייבן שטעקן דאָ? פאַר וועלכע שיינע אויגן? כאָטש אויב מען וויל, קאָן מען זאָגן, אַז אויך דאָ בין איך אויפן פאָדער־ראַנד — יאַפּאַן... כינע... אָבער דאָ שיטן זיך דערוויַיל קיין באָמבעס ניט, פאַלן ניט קיין מינעס, קנאַלן ניט קיין קוילן... פּלוצעם קומט צו לויפן דער דענשטשיק־סאָלדאַט פון דעם פּאָלק־קאָמאַנדיר מיט אַ געשריי:

— ווו האָסטו זיך, קריוואָרוטשקאָ אויסבאַהאַלטן? — דער פּאָלקאָווניק דאַרף זיך ראַזירן און איך קאָן דיך ניט געפינען!

...איך שטיי שוין לויט דער קאָמאַנדע „סמירנאָ” פאַרן פּאָלק־קאָמאַנדיר...

— ווער האָט דיך, יעפרייטער, אָן מיין וויסן געשיקט אין שטאַב אַריין?... וואָס ביסטו מיר ניט געקומען זאָגן וועגן דעם? איך בין דען ניט פּאָלק־קאָמאַנדיר?...

איך האָב געשוויגן... געסטאַרעט זיך צו באַרויקן, האַמעווען, איך זאָל אים, ווי תמיד, גוט אָפּראַזירן. ער איז שוין געוווינט געווען צו מיינע פינגער... ווען איך האָב אים שוין געהאַט אָפּגעגאָלט, אַראָפּגענומען די סאַלפעטקע פון זיין ברוסט, רופט ער זיך אָן צו מיר:

„דער לייטענאַנט דער פעלדשער איז בילכער פון דיר... אַי דו וואַשסט די פּאָדלאָגע אין דער סאַניטאַרער טייל, אַי דו ראַזירסט און שערסט די סאָלדאַטן און אָפיצירן — טוסטו פאַר צווייען. און ער איז בלויז פעלדשער און איז איינציייטיק דער פלייטיסט פון אונדזער דזשאַז־אָרקעסטער. איצט איז ניט קיין צייט פאַר פלייטעס... און אין פעלדשערס נויטיקט מען זיך דאָרט, ביי סטאַלינגראַד זייער שטאַרק — אַ שלאַכט אויף לעבן און טויט! פאַרשטאַנען, קריוואָרוטשקאָ?! דו בלייבסט היינט דאָ און וואָס ס'וועט מאָרגן זיין, וועלן מיר אַ סימן האָבן... אונטער איין הימל לעבן מיר...”

למען אמת, אַז איך פלעג אויסשייערן דעם פּאָל אין די עטלעכע חדרים־פּאַלאַטעס, ווו די קראַנקע סאָלדאַטן ליגן, פלעגט זיך די פּאָדלאָגע שפּיגלען. איך דערמאָן זיך, ווי מיין מאַמע פלעגט זאָגן: „מע קאָן אויף אַזאַ פּאָל אַ לאָקשן־בלאַט אויסוועלגערן, אַזוי לויכט ער זיך פון זויבער־קייט” און אַ ראַזירער בין איך שוין אויך געווען מיט אַ סטאַזש — פונעם זיבן־ און דרייסיקסטן יאָר אָן. האָב איך שוין אַזאַ טריפהן מזל געהאַט — ביזן סוף פון דער מלחמה געדינט אויפן וויַיטן מזרח אַלס סאַניטאַר־פאַריקמאַכער און דאָבראָוואָלנע (פריַיוויליק) אין פיַיער־בראַנד זיך ניט געריסן... קומט מיר עפּעס דערפאַר?...

איך האָב דאָך אײַך געוואָלט דערציילן...

— ס'האָט זיך פֿאַרענדיקט דער קריג, די עלטערן מיט די שוועסטער ליזע און גאָלדע האָבן זיך צוריקגעקערט ניט קיין טיראַספּאָל, וווּ אונדזער משפּחה האָט געוווינט פֿונעם 1933טן יאָר ביז דער מלחמה, נאָר קיין אָדעס. די זיך עוואַקויִרטע ייִדן, וואָס זײַנען אין הינטערלאַנד קוים מיטן לעבן געבליבן, האָבן זיך באַמיט בײַם צוריקקערן זיך, צו מײַדן די קלענערע שטעט, וועגן שוין רעדט וועגן די שטעטלעך, געשראָקן זיך פֿאַר זיי און ס'איז מסוכן־שווער געווען און דערנידערנדיק צו טרעפֿן זיך פּנים־אל־פּנים מיט די שטעטלדיקע — דאָרפֿישע גויִים פֿון יענע, וואָס האָבן געדינט דעם דײַטש. און אַן־און־פֿאַר זיך איז קלאָר געווען, אַז אויף זייערע הענט צאַפּלט זיך ייִדיש בלוט... אַז זיי האָבן אי געקוילעט, אי געראַבעוועט... אין דער גרויסער שטאָט, צווישן המונים מענטשן, ווייסטו כאָטש ניט געגנוי מיט וועמען דו האָסט צו טאָן — ווער עס קומט דיר אָן אַנטקעגן — אַ ערלעכער מענטש, צי אַ קוילער?... חוץ דעם זײַנען דאָ אַרום מערער ייִדן, איז מען פֿאַרט עפּעס זיכערער.

ס'זײַנען אָבער געווען, פֿאַרקערט, ניט ווייניק אַזעלכע, וואָס האָבן זיך דווקא געצויגן צום היימעלע־שטעטל, נענטער צו די קברים פֿון די אומגעבראַכטע לײַבלעך־ליבע טאַטע־מאַמע, קינדער, ברידער און שוועסטער...

מײַנע עלטערן זאָלן אין יענער צײַט קריגן אַ דירה אין אָדעס, איז עס, כמעט, אוממעגלעך געווען. איז זיי צו הילף געקומען דער פּלימעניק, מײַן געשוועסטער־קינד מישע קריוואָרוטשקאָ — אַ מלחמה־אינוואַליד, אַן אָפֿיציר. ער מיט זײַן מאַמע רייזל, מיט זײַנע שוועסטער האָבן שוין געוווינט אין אָדעס, מיט רעכט געהאַט פֿאַרנומען די צוויי קליינע צימערלעך פֿון זייער פֿאַרמלחמהדיקער דירה. און היות מישעס פֿעטער און מומע לעמל און ריווע טראָגן דעם זעלבן פֿאַמיליע־נאָמען, וואָס ער, האָט ער אין יענער צעטומלעניש, הפֿקרות און מישמאַש געטענהט פֿאַר דער מיליציע און פֿאַר די וווינונגס־אַנשטאַלטן:

— דאָס זײַנען מײַנע טאַטע־מאַמע, זיי האָבן ניט, וווּ אַ נאַכט איבערצונעכטיקן. — און אַז מישע האָט שוין דערקאָזשעט פֿאַר זיי דאָס ערשטע נויטיקע פּאַפּירל מיט אַ מיליציע־שטעמפּל, איז שוין גרינגער געווען צו עפּעס זיך דאַביוען און אַליין צו זוכן. ביז די עלטערן און די שוועסטער און ליזעס מאַן, דער ייִד פֿון רומעניע און ווידער מיט מישעס הילף, האָבן זיי זיך אָנגעשטויסן אויף אַ וויסטער בײַדל־שטיבל. ס'האָט דאָרט געלעבט אַן איינזאַמער דוואָרניק — אַ גאַסן־קערער. דער דוואָרניק איז געשטאָרבן, האָבן מישע, ליזע, גאָלדע און טאַטע־מאַמע מיט געמיינזאַמע

כוחות „אָפּגעמינטערט פון חלשות" די כאַלופּקע און אַרײַנגעצויגן זיך אין איר. אויסער דעם, וואָס מע האָט שוין געהאַט אַ שטיקל דאַך איבערן קאָפּ, איז די מאַמע געוואָרן אַ געזעצלעכע דוואָרניטשיכע און אָנגעהויבן באַקומען חודשלעכן געהאַלט פון דער דערבײַיִקער וווינונגס־פאַרוואַלטונג מיט אַ ברויט־ביכל דערצו.

אין אָט דער צייט האָט מען מיך דעמאָביליזירט פון אַרמיי, האָב איך מיך געזעגנט מיטן ווײַטן מזרח און געקומען צו די עלטערן קיין אָדעס געלעבט מיט זיי צוזאַמען אין דער כאַלופּקע. אַלס דעמאָביליזירטער, האָב איך בלויז איין חודש געהאַט רעכט צו באַקומען אַ ברויט־ביכל און דערנאָך געמוזט אָנהויבן אַרבעטן. אָבער אײַנצואָרדענען זיך אין אַ שערער־אַרטיעל, איז געווען גאָרניט פון די לײַכטע זאַכן. פאַבריקמאַכערס זײַנען דאָן אין אָדעס געווען — יעדער פינפטער ייִד אַ צירולניק. און כדי צו שטעלן זיך בײַ אַ פרײַען אַרבעטס־שטול, האָט מען די אַרטיעל־באַלעבאַטים געדאַרפט אַרײַנרוקן אין האַנט אַ קאַלאָסאַלע מטבע... דעם טאַטן האָט זיך אײַנגעגעבן צו אײַנאָרדענען אויף בײַנאַכטיקער אַרבעט איז אַ האַלב־לעגאַלער בעקערײַ אין אַ קעלער, ממש אונטער דער ערד. פון די מלחמה־יאָרן איז ער געוואָרן שטאַרק אָפּגעשוואַכט, אויסגעשטאַרצטע ביינער און פלעגט בײַנאַכט, בײַ דער אויוון־היץ ניט אויפהערן צו באַגיסן זיך מיט שוויס. זײַן אײנציקע טרייסט איז געווען, וואָס ער פלעגט באַגינען, פאַרן אַרויסקריכן פון דער בעקערײַ, זיך אײַנקליגן אַרײַנצושפּאַרן אין די הויזן, בײַם בויך, אונטערן העמדל, אַ לעבל ברויט און פאַרקויפן אויפן מאַרק. מיר זײַנען דאָך אין דעם בײַדל־שטיבל געווען זעקס דערוואַקסענע מענטשן.

ביז איך האָב מיך צופעליק אויף דער גאַס געטראָפן מיט מײַנעם אַ נאָענטן חבר איזי באַרטניק. איך האָב מיט אים צוזאַמען געאַרבעט אין כאַבאַראָווסק אין איין פאַבריקמאַכערסקע. ווען איך ביז אין 1940טן אַוועק דינען, האָט ער מיך באַגלייט אין אַרמיי. אין די מלחמה־יאָרן האָט ער געדינט אין מאַנדזשוריע. ער איז אַ געבוירענער פון אָדעסער. ס'האָט אונדז ביידן שטאַרק דערפרייט די באַגעגעניש. ער פלעגט מיך, אַפילו, פאַררופן צו זיי אַהיים. מע פלעגט מיך אײַנלאַדן צום טיש און איך פלעג שוין פון זייער שטוב אַוועק אַ זאַטער. אַנומלט, ווען איך בין געקומען צו באַרטניקן, — איז בײַ זיי געווען צו גאַסט זײַן עלטערער ברודער בערל פון לוואָוו — לעמבערג. ער האָט נאָך פאַר דער מלחמה געהאַט אַריבערגעפאָרן אַהין. געווען אַ זאַגאָטאָווטשיק — אַ פאַכמאַן, אַ גוטער פאַרדינער. נאָך דעם, אַז מיר האָבן שוין געהאַט אָפּגעגעסן, בעט ער זײַן ברודער, ער זאָל אים אונטערשערן. זאָגט איזי באַרטניק צו מיר: — שער אונטער בערלען,

ביסט דאָך אַן אַלטער ספּעציאַליסט. — איך האָב אים אונטערגעשאָרן, באַוויזן אין שפּיגעלע... זאָגט צו מיר איזיס ברודער בערל:

— מיט אַזעלכע גאָלדענע הענט, דאַרפסטו דאָ הונגערן? — קלײַב זיך איבער קיין לוואָוו. פון דאָרט פאָרן איצט אַרויס קיין פּוילן אַ סך פּוילישע און ייִדישע פאַבריקמאַכערס. ס'זײַנען דאָ פּרײַע פּלעצער, גוט אײַנצואָרדענען זיך.

איך האָב זיך צוריקגעקערט צו אונדזער בײַדלשטיבל, דערציילט די עלטערן, די שוועסטער. מײַן טאַטע האָט מיט ציטערדיקע הענט אַרויס־גענומען די לעצטע פאַרבאָרגענע זעקס הונדערט רובל: „פאָר מײַן זון! זײַ מצליח!...״

אויף אַזאַ אופן בין איך אין נײַנצן זעקס־און פערציקסטן יאָר מגולגל געוואָרן פון אָדעס קיין לוואָוו. אין אַ קורצער צײַט אַרום זײַנען אַהין געקומען מײַן טאַטע־מאַמע און מיט אַנדערהאַלבן יאָר שפּעטער איז קיין לוואָוו אַריבערגעפאָרן גאָלדע און ליזע מיטן פּיצל טעכטערל טאַניע און בלויז קאַרל גאָלדמאַן, ליזעס מאַן, איז פון אָדעס נאָך פאַר דעם אוועק־געפאָרן קיין רומעניע. —

... מיט אַ מאָל דערהערט זיך פון אויבן אַסיעס „בת־קול״:

— סקאָלקאָ מאָזשנאָ? — דאָס הייסט, וויפל איז דער שיער? — דאַרפסט דאָך מאָרגן צום ערשטן אומבײַט! — איציקס ווײַבל רעדט אויס־שליסלעך רוסיש מיט אַ שאַרפן אוקראַיִנישן אַקצענט.

אוי, — אַנטשולדיק איך מיך, — אַזוי פאַררעדט זיך...

— איך וועל בלויז צופירן חיימען, אחת־שתיים, אויף טרומפּלדור —

שרײַט שוין איציק אַרויף־צו צום אָפענעם פענצטער אויפן פינפטן שטאָק, אויך אויף רוסיש:

שרײַט צו אים אַסיע פון אויבן:

— אחד־שתיים, קום איך אַראָפּ, וועל איך אויך מיטפאָרן. —

אַזוי איז שוין בײַם פאַרפאַלק אַסיען און איציקן אײַזן־שטאַרק אײַנ־געפירט — וווּהין איציק פאָרט, מוז זי מיטפאָרן. און כאָטש איציק זיצט ביים „בייגעלע״ — רעדל, נאָר דעם אויטאָ, באַקומט זיך, פירט גאָר אַסיע. בײַם יעדן קער און ווענד פון אויטאָ גיט זי די קאָמאַנדע. און איציק איז שוין צו דעם צוגעוווינט.

— וואַרט, — זאָגט צו מיר איציק אין פאַרלעגנהייט, — איך האָב דאָך אײַך געוואָלט דערציילן וועגן מײַן ערשטן ביט־גערעטענעם משפּחה־לעבן, איז וועגן וואָסזשע האָב איך אײַך געבריײַעט?

— וועגן וואַרהאַפטיקע לעבנס־ביטערנישן. און איך האָב אײַך, איציק,

מיט אויפמערקזאַמקייט געהערט. איך לויף נאָך פון עכו ניט אַוועק. איר וועט מיר נאָך באַווייזן וועגן זיי צו דערציילן.
ס׳קומט אַרויס פון פּאַראַד־טיר אַסיע. מיר גייען צום אויטאָ...

פון איציק קריוואָרוטשקאָ׳ס מעשה׳ס

געקומען אין האַרבסט נײַנצן־זעקס־און־פערציק קיין לוואָוו, פאַרפאָרן פון וואָקזאַל צו מײַן חברס ברודער, צו בערל דעם זאַגאַטאָווטשיק, איז מיר מײַן מזל, ווי ער וואָלט פון הינטער אַ ווינקל שוין האָבן געוואַרט אויף מיר, אַרויסגעשפּרונגען אַנטקעגן: „ס׳קאַצל קומט! קריוואָרוטשקאָ!״ איך האָב תיכף באַקומען אַרבעט אין אַ שערערײַ אין דער סיסטעם פון „וואַיענטאָרג״* און ניט נאָר אַרבעט — לוואָוו איז דאָך פעסט אַרײַן אין באַשטאַנד פון סאָוועטישער אוקראַינע, די פּוילישע פאַבריקמאַכערס, אויך די יידישע מיט פּוילישע פּעסער זײַנען אַוועקגעפאָרן קיין פּוילן — מע האָט מיר איבערגעגעבן די שליסלען פון שערערײַ: — זײַ קריוואָרוטשקאָ, זאַוויעדושטשע — פאַרוואַלטער — מײַן אוקראַינישער פאַמיליע־נאָמען, ביז מע פלעגט געוויר ווערן, אַז איך בין ניט דער, וואָס זיי מיינען, האָט מיר פאַרלאָפן דעם וועג מיט אַ טראַמפּייט... האָב איך שוין אַרבעט מיט אַ שליסל... האָט מיך די מיליציע אָן קיין שום מניעות צוגעשריבן צו איינער פון די צוזאַמענווינונגען פון דער זעלבער „וואַיענטאָרג״־סיסטעם. נאָר איך בין דאָרט קיין איין נאַכט ניט געשלאָפן, געגעכטיקט גופא אין פאַבריקמאַכערסקע.

אין משך פון דער וואָך צײַט, וואָס איך בין געוווען אויף קוואַרטיר בײַ בערלען, פלעגט צו זײַן ווײַבל דאָרע אַרײַנקומען איר יונגע חברטע, חיהקע שאַץ, אַ מיידל אין מײַן עלטער, אַ דאַרלעכע, מיט לעבעדיקע שוואַרצאַפּלען, וואָס פאַרגעדענקען זיך פון ערשטן קוק, מיט אַן אַנגענעמען קול. אויב מיר איז שוין געגאַנגען דאָס פינף־און־צוואַנציקסטע, האָט זי אויסגעזען ניט מער פון צוויי־און־צוואַנציק. זי איז מיר געפעלן געוואָרן. און איך האָב דערפילט, אַז אויך זי האָט אויף מיר געוואָרפן אַן אויג... און בערלס ווײַבל דאָרע, האָט נאָך איר חברטע געהאַט צוגעשאָטן זשאַר־

* וואַיענטאָרג — אַ ברייט־צעצווײַגטע אין סאָוועטנפאַרבאַנד מיליטעריש־שטייגערישע האַנדלס־אָרגאַניזאַציע, אַ נעץ פון געשעפטן, אַרטיעלן, וואַרשטאַטן, ווו עס האָבן פאַר דער מלחמה און אין די ערשטע נאָך־מלחמה־יאָרן געאַרבעט אַ באַדײַטנדיקע צאָל יידן אַלס נאַטשאַלניקעס, אַנגעשטעלטע, פאַרקויפער, האַנט־ווערקער און בעלי־מלאכות.

פונקעלעך: — הער שוין, חיהלע, אויף צו קײַען דעם שפּיץ פון דײַן שאַליק... ווי גייט מען זיך דאָס ניט דורך מיט אַן אַדעסער סימפּאַטישן בחור אין קינאָ?...

קורץ, מיר האָבן זיך מיט חיהלען באַקאַנט און טאַקע מיט איר געגאַנגען אין קינאָ. פון אירע הענט און פון איר לײַב האָט געשלאָגן אַ טרוקענע היץ. „וואָס ציטערסטו אַזוי ווי אין אַ פראָסט?, — האָט זי פעסטער זיך געטוליעט צו מיר, צו דערוואַרעמען.

איך האָב זי באַגלייט ביז ניט ווײַט פון איר שטוב, ווײַל זי האָט מיך אָפּגעשטעלט: — קער זיך אום! מײַן טאַטע קאָן באַמערקן דורכן פענצטער... איך האָב אים געזאָגט, אַז כ׳גיי אין קינאָ מיט אַ חברטע. ער איז בײַ מיר פון די שטרענגע טאַטעס. איך בין אַן איין־און־איינציקע. ער האָט מיר שוין מײַנע אויערן דורכגעזשושעט: „מיט אַבי־וועמען זאָלסטו זיך מיר ניט אַרומדרייען... איך דאַרף קענען דעם קונד...״

חיהלע האָט שוין געוווּסט ווו איך אַרבעט. זי פלעגט ניט אַרײַן, נאָר אַ קלאַפּ טאָן אין שויב, פלעג איך אויף אַ רגעלע לאָזן דעם קליענט און אין ווײַסן כאַלאַט אַרויסלויפן פון פאַריקמאַכערסקע. אַנומלט בין איך פון אײַלעניש אַרויסגעלאָפן מיטן גאָלמעסער אין דער האַנט... מיר האָבן זיך ביידע פאַנאַנדערגעלאַכט. — גיי, — זאָגט זי צו מיר, — איך וועל דאָ צוואַרטן...

און דעם אַנדער מאָל, ווען איך בין מיט איר געגאַנגען אין קינאָ און זיך אין דער פינצטער הייס געקושט, פרעגט זי מיך: — און וואָס איז מכוח אַ דירה?

— איך בין צוגעשריבן, — ענטפער איך איר, — צו אַ צוזאַמענוווינונג, אָבער איך שלאָף דאָרט ניט, איך נעכטיק אין דער פאַריקמאַכערסקע.

באַמערקט זי: — ווי לאַנג קאָן מען נעכטיקן אין אַ פאַריקמאַכערסקע? עס גייט דאָך צו ווינטער. יאָ, און מיט וואָס דעקסטו זיך צו? — איצט פאַרשטיי איך, הלמאי דו ביסט אַזאַ צעפרווירענער... דאַרפסטו זוכן אַ צימער...

און אַז מיר זײַנען געוואָרן נענטער, איך האָב זי גענומען באַגלייטן ביז דער טיר פון שטוב — זי האָט שוין טאַטע־מאַמע געהאַט דערציילט, אַז זי באַגעגנט זיך מיט אַ בחור, וואָס איז איר צום האַרצן — זאָגט זי מיר אַנומלט: לעצט ברירה, קאָן מען די ערשטע צײַט וווינען צוזאַמען מיט די עלטערן. בײַ אונדז זײַנען צוויי צימערן, איינער אַ קלענערער און איינער אַ גרעסערער. איך שלאָף אין דעם גרעסערן. נאָר צי מײַן טאַטע וועט עס וועלן? ווער ווייס, וואָס עס קאָן אים נאָך אײַנפאַלן אין קאָפּ... ער האַלט ניט פון פאַריקמאַכערס...

פלעג איך בײַ אַלע קליענטן, בײַ יעדערן וואָס פלעגט אײַנקומען אין שרײַבערײַ, זיך נאָכפרעגן, צי ווייסן זיי ניט, ווו, בײַ וועמען מע קאָן דינגען אַ צימער? נאָך דער אַרבעט בין איך אַרומגעלאָפן ווי אַ פאַרסמטער זוכן, געקלאַפּט אין צענדליקער טירן. אָבער ווּהין איך פלעג אַרײַנקומען, האָט מען מיך דורכדרינגלעך באַטראַכט, באַוואָרפן מיט טויזנט פראַגעס:

— וועלכער טײַוול האָט דיר געזאָגט, אַז מען קאָן בײַ אונדז דינגען אַ צימער?

— וועז האָסטו זיך דעמאָביליזירט?

— פון וואַנען קומסטו איצטער אָן?

— ווער זײַנען דײַנע עלטערן?

— ווו אַרבעטסטו?

— וועמען האָסטו דאָ פון דײַנע אייגענע?

— מיט וועמען ביסטו צעקריגט?

און איך האָב באַדאַרפט באַווײַזן מײַן פּאַס, מע זאָל זיך קודם־כּל איבערצײַגן, אַז איך בין איינער, אָן קיינעם ניט און אויף וואָס פאַרא וווינונג־שטח איך בין אין מײַן פּאַס צוגעשריבן. און זיך גוט אײַנקוקן אין שטעמפּל, צי איז ער ניט קיין געפעלשטער... „וואָס? — צו אַ צוזאַמענוווינונג?" — פלעגט מען זיך באַלד אָנשטויסן, — וויל חתונה האָבן... און האָט עס אַ ווערדע — הײַנט איז מען אין צווייען און מיט אַ פּאָר חדשים שפּעטער שפּרינגט אַרויס אַ „שרײַערל". און אין די פּרעסט... צי מיט וווינונג־שטח צי אָן וווינונג־שטח, וועט מיליציע אויך ניט העלפן, וועסט פון זיי ניט פּטור ווערן...

ביז איינער אַ קליענט, אַ גרוזינער, צי אפשר אַ גרוזינער ייִד, מיט וועמען כ'האָב זיך פּשוט מענטשלעך געטיילט: — איך בין באַקאַנט מיט אַ מיידל. מיר זײַנען איינער דעם אַנדערן געפעלן. איך דאַרף אַ צימער. אַ פּאָר וואָכן געבליבן צו אָקטיאַבער־יום־טוב, וואָלטן מיר זיך געקאַנט ערב־יום־טוב פאַרשרײַבן... ווייסט איר עפּעס? בײַ עמעצן פון אײַערע פרײַנד?

ווען איך האָב אים אָפּגעראַזירט, ניט געזשאַלעוועט, באַשפּריצט אים מיטן בעסטן סאָרט אָדעקאָלאָן, זאָגט ער מיר: — סאיז דאָ אַ צימער, אָן באַקוועמלעכקייטן, נאָר פּאַר אַ יונג פּאָרל איז עס ניט געפערלעך, אַבי אַ באַזונדערער... אַ קושעטקע, אַ טישל, אַ שטול, אַ טאַבורעט. מ'דאַרף באַצאָלן פאַרויס פּאַר צוויי חדשים דירה־געלט.

אין זעלבן אָוונט בין איך געקומען לויטן אַדרעס, וואָס דער גרוזינער האָט מיר געגעבן. געטראָפן דעם זעלבן פאַרשוין. דאָס ווײַבל זײַנס, זעט

מען באַלד — מיט אַ ייִדיש נעזל און אַ סך ייִנגער. ביי זיי איז אַ דירה פֿון דריי חדרים און יעדער חדר אין אַן־און־פּאַר־זיך אַ זעלבשטענדיקע דירהלע, ווייל ס׳האָט אַ באַזונדערע טיר צו דער גאַס און אַ אינעווייניקסטע טיר צו דער קיך, צום וואַש־צימער און צום טואַלעט. אָבער דער באַלעבאָס האָט מיר דערמאָנט: — איך האָב דיר שוין געזאָגט, בראַטישקאַ — ברודערל, איך פֿאַרדינג דעם צימער אָן באַקוועמלעכקייטן, דאָס הייסט, ווען דו גיסט מיר פֿאַר די צוויי חדשים, פֿאַרשלאָג איך די טיר, וואָס גייט צו מיינע צימערן. צו באַדערפֿעניש וועסטו דאַרפֿן לויפֿן אַרום שטוב אין הויף אַריין... אַריינטראָגן האָלץ אין צימער פֿון שטעלכל, וואָס אין הויף, אַן עמער וואַסער — פֿון פּלומפּ, וואָס אויפֿן דריטן הויף. קאָכן אין צימער, מיין ווייב וועט דיר אַנטלייען, מיר זיינען ניט קיין גזלנים, אַ קעראָסינקע, אַ פּרימוס, אויך אַן עמער. ווילסטו, דערלאַנג דאָס געלט פֿאַר צוויי חדשים. קיין קוויטאַנציעס גיב איך נישט. אַלץ אויפֿן ערלעכן וואָרט — נאמנות. און צי זיך אַריין כאָטש היינט, אַליין, אָדער צוזאַמען מיט דיין אויס־דערוויילטער. פֿאַרשטאַנען, בראַטישקאַ?...

איך האָב אַ ווײַלע געטראַכט און אַ זאָג געטאָן: גוט!, — איך לייג אים אַרויס וואָס איך האָב פֿאַרמאָגט אין בייטעלע. ער האָט דאָס געלט פֿאַרשטופּט צו זיך אין קעשענע... איך האָב נאָך ניט באַוויזן אַרויסצוגיין, האָט ער שוין פֿאַר מיינע אויגן גענומען שלאָגן גרויסע טשוועקעס מיט ברייטע היטעלעך, צו פֿאַרהאַקן די אינערלעכע טיר.

און איך בין — מלא שמחה — איך האָב אַ צימער! ווי אַזוי גיט מען איבער די בשורה חיהלען? — צו זיי אַרײַנגיין טאָר איך ניט. זי האָט דאָך מיר געזאָגט: „דערווייַלע ניט, איך דאַרף מיין טאַטעלען, ווי געהעריק צוגרייטן״... באַרויִק איך זיך — מסתם, וועט זי מאָרגן בייטאָג צוקומען צו דער פֿאַבריקמאַכערסקע... ווען איך בין שוין אָפּגעלאָפֿן אַ הונדערט טריט פֿון דעם הויז, ווו איך האָב אויפֿן צווייטן שטאָק געדונגען דעם חדר, גיב איך מיך אַ כאַפּ: „איך האָב דאָך ביי אים דעם שליסל פֿון צימער ניט גענומען!״... לויף איך צעשרויפֿט צוריק, קלינג אין גלעקל, קלאַפּ אין טיר... מ׳ענטפֿערט ניט. איך קלאַפּ שטאַרקער. איך בין שוין אויסער זיך... איך לייג צו מיין אויער צו דער טיר — הער איך, ער האַקט נאָך אַלץ די טשוועקעס... ענדלעך עפֿנט מיר דער שוין באַקאַנטער „בראַטישקאַ״ די דרויסן־טיר מיט רציחה:

— וואָס טראַסקעסטו, כניאַק? חרטה געהאַט? קיין גראָשן וועסטו ביי מיר צוריק ניט באַקומען...

— ניין, — זאָג איך צו אים פֿאַרסאָפּעט, — וואָסער חרטה?, — און

פאַרהוסט זיך, קוים וואָס איך ברענג אַרויס פון מײַן מויל: — איר האָט דאָך מיר דעם שליסל ניט געגעבן?!

— אַהאַ! — צעהירזשעט ער זיך מיט אַלע זײַנע גרויסע ציין, — זעסטו, האָסט צו טאָן מיט אַן אָנשטענדיקן מאַן, אַן אַנדערער אויף מײַן אָרט, וואָלט דיך אַראָפּגעשלײַדערט פון אַלע טרעפּ — „איך קען דיך ניט און איך ווייס דיך ניט", — מאַרגאַריטאַ, — שרײַט ער אויס און זײַן ווײַבל לויפט אים אַנטקעגן ניט טויט ניט לעבעדיק. — דערלאַנג דעם שליסל פון טיר אונדזער נײַעם קראַסאַווטשיק־קוואַרטיראַנט.

איצט בין איך שוין געגאַנגען צוריק לאַנגזאַמער, אַרומגעטאַפּט אין קעשענע בײדע שליסלען — פון צימער און פון דער שערערײַ...

הײַנט בין איך נאָך אַוועק נעכטיקן אין דער פּאַריקמאַכערסקע. קיין פּאַרוואַלטער בין איך שוין ניט. איין וואָך צײַט מכלומרשט געווען זאַוויע־דושטשע. מע האָט באַלד דערשנאַפּט — קיין פּאַרטײנער בין איך ניט, אפילו קיין קאָמסאָמאָלעץ ניט. און ניט קיין פּראַנטאַוניק, צוגעשריבן צו אַ צוזאַמענווינונג — אַ פויגל־נעסט... אַ בחור, הײַנט בין איך דאָ און מאָרגן פּלי איך אַוועק... און דער עיקר — אַ בראַקאַווענער קריוואָרוטשקאַ, ניט קיין אוקראַינער, גאָר אַ ייִד. עס האָט זיך אויף מײַן אָרט צוגעשטעלט מיט יחוס — אַ פּראַנטאַוויק מיט מעדאַלן, אַ פּויער פון די אַרומיקע דערפער, אַ משפּחה־מענטש. דער נײַער פּאַרוואַלטער האָט מיר אָבער מיט־געפילט — אַ דעמאָביליזירטער סאָלדאַט — אַ דאַלניעוואָסטאָטשניק.*
איך האָב אים דערציילט — מײַן צוזאַמענווינונג איז אין אַנדערן עק שטאָט, אין כּף־הקל און אים געבעטן, — ער זאָל מיר, ביז איך וועל צוזוכן אַ פּאַסיקערן ווינאַרט, — נאָך אויף אַ קורצער צײַט דערלויבן נעכטיקן אין פּאַריקמאַכערסקע. איך פּאַרזיכער אים מיטן גאַנצן האַרצן: — קיינער וועט פון דעם ניט וויסן... איך שטיי אויף פריי־פרי, קלײַב אַלץ אַקוראַט צו אַרום זיך און איך זאָג אים צו — צוויי מאָל אַ וואָך, וועל איך באַגינען אויסוואַשן דעם פּאָל. — האָט ער מיר צײַטווײַליק איבערגעלאָזט דעם שליסל.

אין דער פרי, אַ האַלבע שעה, אַוודאי, נאָך פאַרן אָנהויב פון דער אַרבעט, איך בין שוין לאַנג אויף די פיס... די טיר האָב איך שוין אויפ־געשלאָסן, געעפנט אַ פענצטער, לופטער מײַן בײַנאַכטיקן „דוד", דערהער איך אַ קלאַפּ אין דער טיר־שויב... חיהקע? אַזוי פרי? — איך לויף אַרויס...

— גוטע נײַעס, — טוליעט זי זיך צו מיר, — הײַנט אין אַוונט

---

* דאַלניעוואָסטאָטשניק — פון ווײַטן מזרח.

דאַרפסטו זײַן בײַ אונדז... דער טאַטע וויל זיך מיט דיר באַקענען... עס גייט אויף אַ לאַד... נעכטן זײַנען דער טאַטע און די מאַמע געווען בײַ בערלען און דאַרען, זיך נאָכפרעגן וועגן דיר. די מאַמע האָט מיר אַלץ דערציילט: „דאַרע, מײַן חברטע און בערל האָבן זיך וועגן דיר גוט אָפּגערופן. דאַרע האָט דיך כאַראַקטעריזירט צום בעסטן: „ער האָט בײַ אונדז געלעבט אַ וואָך צײַט. ער האָט מיך ניט געלאָזט נעמען דעם בעזעם אין האַנט און אויף שבת אויסגעוואַשן דעם פּאָל. איך האָב זייער ניט געוואָלט, ער זאָל עס טאָן, נאָר ער איז באַשטאַנען אויף דעם, געטענהט: „זעקס יאָר געווען אין אַרמיע סאַניטאַר־פֿאַבריקמאַכער און וואַשן די פּאָד־לאָגעס איז געווען איינע פון מײַנע גרונט־אַרבעטן, האָט עס בײַ מיר קיין באַדײַטונג ניט". און ניט קיין טרינקער, קוים וואָס ער ספּראַוועט זיך מיט אַ גלעזל... און בערל האָט געזאָגט קורץ — „אַן ערנסטער בחור מיט אַ גוטן כאַראַקטער, האָט גאָלדענע הענט". אָבער מײַן טאַטן איז ניט געפעלן געוואָרן דאָס לויבן — „צו וואָס גאָלדענע הענט? — אויס־צוגאָלן אַ פּאָטיליצע? אונטערצוהאַקן אַ פּאה? — חיהקע האָט זיך פאַרליאַפּעט אין אַ פריזירער — אַ קבצן, אַ הוליאַקע... האָט מן הסתם קיין העמד אויפן לײַבט ניט, לעבט אין אַן אָבשטשעזשיטיע (צוזאַמען־ווײַנונג)".

— איך האָב שוין אַ צימער, אָט איז דער שליסל, האָב איך חיהקען איבערגעשלאָגן, אמת, אַן באַקוועמלעכקײַטן, נאָר אין אַן גויט, אין דער ערשטער צײַט...

— ווו? ווען? — כאַפּט זי מיך אַרום קושן, — איך וועל באַווײַזן צו זען אים? — נאָך דער אַרבעט, אַזייגער פינף אין אָוונט, דאַרפסטו שוין זײַן בײַ אונדז... האָסט אַ פּײַן אויבערהעמדל? אויסגעפּרעסטע הויזן?

— פֿאַראַן. עס פעלט מיר אַן אויסבינדער און ווען איך זאָל אים אפילו האָבן, קאָן איך אים אויף זיך ניט אויסבינדן.

— מײַן טאַטע קאָן אויך ניט, איך טו עס. ווייסטו וואָס? — איך וועל צולויפן צו דאַרען, נעמען בײַ איר אויף הײַנט אַ פּאָר שניפּסלעך און, אפשר, וועסטו זיך אויף אַ שעה פריער אָפּבעטן פון דער אַרבעט און מיר וועלן צוגיין מיט דיר אַ קוק טאָן דעם צימער. דאָרטן וועסטו זיך איבערטאָן, איך וועל דיר אויסבינדן דעם שענערן שניפּס.

— גערעכט חיהלע, ביסט אַ טײַער מיידל. קום אָהערצו פּונקט צוויי אַזייגער...

...הינטערן גאָרדעראָב, בײַם פּאָדערצימערל, ווו די קליענטן טוען אויס פאַרן שערן און גאָלן זיך די היטלען, די אויבער־בגדים, רעגן־מאַנטלען — ס'איז שוין סוף אָקטאָבער, אָסיען — איז געווען אַ פּיצל פּינצטערער

אַלקערל. דאָרט האָב איך געהאַט פאַרשטעקט מײַן אַלטן טשעמאָדאַן, װעלכן איך האָב נאָך געהאַט געקױפט אין ביראָבידזשאַן פאַר מײַן אַריבערפאָרן קײן כאַבאַראָװסק.* איך האָב אים איצט אין אײַלעניש אַרױסגעשלעפּט. אַרײַנגעלײגט אַהין אַלע קלײניקײַטן, װאָס האָבן ניט קײן שײכות צו דער אַרבעט, איך האָב זײ געהאַלטן אין מײַן אַרבעטס־שאַפקעלע, איך זאָל מיט אים זײַן גרײט, װען חיהקע װעט צװײ אַזײגער קומען. עס איז אַרײַן דער פאַרװאַלטער, האָב איך אים אָפּגערופן אין אַ זײַט, די צװײ־ דרײַ פאַריקמאַכערס, מיט װעלכע איך האָב זיך עפּעס ניט געקאָנט צונױפ־ קאָמפּאַניען, זאָלן ניט באַמערקן און ניט הערן, אים אָפּגעגעבן דעם שליסל פון פאַריקמאַכערסקע: — אַ דאַנק װאַסיל, — האָב איך אים געזאָגט, — צוגעזוכט אַ צימער. װיפל איז דער שיער צו װאַלגערן זיך אַלײן... איך האָב זיך באַקענט מיט אַ מײדל, זי װיל מיך הײַנט פאָרשטעלן פאַר אירע עלטערן. אָבער איך װיל איר פאַר דעם באַװײַזן דעם געדונגענעם צימער. פון דאָרט װעלן מיר צוזאַמען גײן צו זײ אַהײם... דערלױב מיר הײַנט, װי אַן אױסנאַם, מיט אַ פאָר שעה פריער אַװעק פון דער אַרבעט. איך װעל זײ דערנאָך ערלעך אָפּאַרבעטן.

— מיט מזל, — האָט װאַסיל געדריקט מײַן האַנט, איך טו עס מיט פאַרגעניגן, האָסט אפילו ניט װאָס איבערצוקלערן.

...פונקט צװײ אַזײגער בין איך אַרױס מיטן טשעמאָדאַן פון שערערײַ, אין דעם זעלבן מאָמענט, װען חיהלע האָט זיך דערנענטערט מיט אַ קלײנעם טשעמאָדאַנטשיק אין האַנט, אָנצוקלאַפּן אין שױב.

אין די צװאַנציק מינוט װעג האָב איך איר דערצײלט, װאָס פאַראַ צימער דאָס איז — װעגן דעם מעבל, דער שױן פאַרשלאָגענער טיר... װעגן די „באַקװעמלעכקײַטן", דערצײלט װעגן דעם באַלעבאָס און זײַן ייִדיש װײַבל.

מיר זײַנען אַרײַן אין צימער, חיהלע האָט זיך אַ דרײ געטאָן, באַװיזן אַרומצונעמען מיט איר בליק אַלץ װאָס אין אים איז: — װאָס װילסטו? — אַ שײנער, הױכער צימער מיט צװײ פענצטער צו דער גאַס — אַנטקעגן אַן אַלײע קליאָנען... און װאָס דער צימער זעט איצט אױס אַזױ — קאָן מען אים פאַר אײן טאָג נעמען אין די הענט אַרײַן, עס זאָל װערן אַ ליאַלקע. דאָס אַלײן װאָס איז װערט — ס'שפּיזן דיך ניט דורך קײן פרעמדע אױגן... אין דער עװאַקואַציע װאָלט דאָס געװען אַ לוקסוס־ װױנונג... מיר האָבן דאָרט אַזעלכעס ניט געהאַט. —

---

* כאַבאַראָװסק — די קאַנט־שטאָט, 200 ק"מ פון ביראָבידזשאַן.

זי איז צוגעגאַנגען צום טאַפּטשאַן... אַ הייב געטאָן מיט די שפּיץ־פינגער דעם אײַנגעקאַרטשעטן פאַרפרעסטן נאַקעטן טופּיאַק, דערזען אונטער אים די שיטערע ברעטלעך, ס׳האָט זיך פון אַלע זײַטן אַ שאָט געטאָן פּול־און־פּאַרעך. זי איז שנעל פון אים אָפּגעטראָטן...

— איציקל, — אָט די שמוציקע קושעטקע צוזאַמען מיטן ברודיקן מאַטראַצל וועסטו מוזן צוריקגעבן דעם באַלעבאָס און קויפן, לכל הפחות, אַן אײַזערנע בעט.

ס׳האָט באַטעמט געקלונגען אין מײַנע אויערן חיהלעס רייד. און ווי כ׳וואָלט זי איצט צום ערשטן מאָל דערזען — ווי געשמאַק זי איז אָנגעטאָן — דאָס ווײַסע בלוזקע־קרעגעלע פאַרדעקט פּריש דעם זשאַקעט־קראַגן, דאָס זשאַקעטל — צעשפּיליעט פריי, אַ ברייטער רויטער לאַקירטער גאַרטל נעמט שטײַף אַרום איר טונקל־ברוין האַרבסט־קליידל, געפּאַלדעוועט מיט אַ סך דריבנע פאַלדן, ווי אַ פעכער. ווערט פון דעם איר טאַליע נאָך שמעלער, רייצנדיקער. דאָס קליידל פאַרדעקט קוים אירע קני. אָסיען־צײַט, מען גייט שוין אין זאָקן. אויף חיהלעס שיינע געטאָקטע פיס זײַנען זיי אָנגעצויגן ווי סטרונקעס.

אַ כוח, ווי אַן אומגעריכטער שטאַרקער ווינט טראָגט מיך צו צו איר. איך כאַפּ זי אַרויף אויף די הענט און טאַנץ מיט איר אין צימער און קוש זי. איך בויג זיך אָן צו איר, זוך אונטער איר גאָמבע, ביַים בלוזקעלע־קרעגל איר האַלדז, וויל אים צעקושן... און הער ניט אויף אַזוי מיט איר אויף די הענט אַרומקרײַזן...

— ווזשע זאָל איך מיט דיר חיהלע, זיך צוזעצן? — רוים איך איר אין אויער.

— נאָר נישט אויפן טאַפּטשאַן — אַהינצו, אויפן שטול, ביַים טישל!

איך פאָלג. זעץ זיך מיט איר אויפן שטול, שפּאַר זיך אָן מיט איין עלנבויגן אויפן טישל, לאָז זי ניט אַראָפּ פון מײַנע קני. זי נעמט מיך פעסט אַרום מײַן האַלדז און מיר קושן זיך פונסנײַ. איצט איז עס באַקוועמער, קושן מיר זיך לאַנג־לאַנג.

— דעם ערשטן מאָל מיט דיר אונטער פיר אויגן, — מורמלט זי.

טאָ פאַר וואָס, פאַרקוועטשטו זיי? — פרעג איך זי. —

— פון זיסקײַט...

און ווען זי שליסט זיי ווידער צו, שפּיליע איך פּאַמעלעכקע אָפּ דאָס אויבערשטע פערלאַמוטער־קנעפּעלע פון איר בלוזקע. אָבער דאָס צווייטע, דאָס מיטלסטע, האָב שוין ניט איך, נאָר דער טירוף אין מיר, וואָס האָט זיך צעבושעוועט אַ צי געטאָן... דאָס קנעפּעלע האָט זיך שטיל, קוים צו הערן אָוועקגעקײַקלט...

חיהלע האָט מיך אַ שטויס געטאָן אין ברוסט, געשטעלט זיך:

— וואָס טוסטו? מיר דאַרפֿן בײדע אַרײַנקומען צו אונדז אין שטוב ווי מענטשן. מײַן טאַטע וועט מיך גלײַך באַקוקן פֿון קאָפּ ביז די פּיס, צי האָב זיך נישט ערגעץ שוין אַרומגעוואַלגערט מיט דיר. ער פֿאַרטראַכט דאָך באַלד יעדע קלײניקײַט אויף אויבער־שׂכל... געפֿין דאָס קנעפּעלע!

— אָט איז עס, — הויב איך עס אויף.

— אַ נאָדל־פֿאָדעם האָסטו? — זעקס יאָר געסאָלדאַטעוועט.

— יאָ, — זאָג איך, — איין רגעלע, — איך האָב זיך אַ לאָז געטאָן צו מײַן טשעמאָדאַן. איך האָב איר צוגעטראָגן דאָס נאָדל־פֿאָדעם: חיהלע, לאָז מיך, איך וועל דאָס קנעפּעלע צונייען, מײַן שולד...

— ווי וועסטו אויף מיר פֿאַרנייען? — וועסט מיך נאָך אײַנשטעכן און פֿאַרנייען מײַן שׂכל... זעץ זיך אויף דער טאַבורעטקע, דאָ, אַנטקעגן מיר. און קער זיך אויס מיטן פּנים צו דער וואַנט, אָדער קוק, איך פֿאַרווער דיר ניט.

זי האָט אויסגעטאָן איר זשאַקעטקע, אַוועקגעלייגט אויפֿן טישל, לאַנג־זאַם אַראָפּגעצויגן פֿון זיך די בלוזקע און געזעצט זיך צונייען דאָס קנעפּל. איך האָב מיט פּלא געקוקט אויף אירע נאַקעטע אַקסלען, ווײַסע, פּולע קײַלעכיקע בריסט, וואָס האָבן זיך אַרויסגעשפּאַרט פֿון ליפֿיק. ווען זי איז געווען אָנגעטאָן אין זשאַקעטל, אין דער בלוזקע, אַ דאַרלעכע, מיט איר שמאָלער טאַליע, איז עס גאָרניט געווען צו פֿילן זייער פֿולקײַט, רונדקײַט... די צאַרטע בריסט־שײנקײַט האָט מיך פֿאַרבלענדט... איך בין געבליבן זיצן צוגעשמידט צום אָרט, מיט פֿאַרשטיקטן אָטעם. חיהלע האָט געהאַלטן אַראָפּגעלאָזט איר קאָפּ צו דער בלוזקע, צוגענייט דאָס קנעפּל, צי זי האָט אַ בליק געטאָן אויף מיר בשעת מעשׂה און געזען מײַנע גרויסע אָנגעצונדענע אויגן, ווייס איך ניט... נאָר אָט רופֿט זי אויס: — פֿאַרטיק!

— און דערלאַנגט מיר דאָס נאָדל־פֿאָדעם און מאַכט אַ באַוועגונג אַרויפֿצוציִען אויף זיך איר בלוזקעלע... בעט איך זיך בײַ איר: חיהלע, האַרציקע, לאָז מיר נאָך איין ווײַלינקע קוקן אויף דיר...

דערהער איך פּלוצעם איר זיסן קול: קום אַהער! — זי האָט מיט די צוויי געווײנלעכע ווערטער מיט אַזויפֿיל ליבשאַפֿט און לײַדנשאַפֿט מיך אַ צי געטאָן צו זיך... איך בין צוגעפֿאַלן צו אירע בריסט, זיי אַרויס־גענומען פֿון די נעסטן, זי האָט מיר ניט געשטערט, געשוויגן. איך האָב זיי געגלעט, געצערטלט, געקושט. און זי קושט מײַן קאָפּ, פֿליסטערט: — נאָך אַ קאָפּיטשקע, שטאַרקער! שטאַרקער! נאָך... ריר זיי אַ טשו־טשו מיט די ציין, טײַערער, ליבער מײַנער... משוגע צו ווערן... און מיט אַ מאָל גיט זי אַ געשריי: — איציק, גענוג! און אַ ריס געטאָן זיך פֿון מיר

אין אַ זײַט, — מיר דאַרפֿן זיך שוין קלײַבן גיין, — זי טוט אויף גיך אָן די בלוזקע, — אוי, ווי צעקנייטשט דאָס קלײדל איז... מײַן טאַטעלע זאָל כאַטש ניט באַמערקן... איך האָב פֿאַר דיר אויסער די פּאָר שניפּסן, אויף יעדן פֿאַל, בײַ בערלען און דאָרען געגומען אַ בײַ העמדל און אַ פּאָר שיינע הויזן. — זי לויפֿט צו צום קליינעם טשעמאָדאַנטשיק, מיט וועלכן זי איז געקומען, צעעפֿנט אים, באַווײַזט מיר אַלץ וואָס זי האָט געבראַכט. —

— איצט, — אײַלט זי מיך אונטער, — באַווײַז דײנס, נו, ווי האָלסטו אַליין? וואָס וועט דיר מער פּאַסן?

— איך מיין, — זאָג איך, — מײַנס.

— אַז דו מיינסט אַזוי, ווייסטו דאָך בעסער, — באַשליסט זי.

— יאָ, איך וועל גיין אין מײַנס, — זאָג איך, — וועל איך מיך פֿילן גוט.

— דער עיקר זאָלסט זיך פֿילן גוט. וואַרט צו, — שטעלט זי מיך אָפּ, — אויב איך האָב קיין טעות ניט, ביסטו הונגעריק. ווען האָסטו באַוויזן הײַנט צו עסן?

דערקלער איך איר: — פֿאַר דעם ווי דו האָסט אין דער פֿרי אַנגעקלאַפּט, האָב איך גופֿא אין פֿאַריקמאַכערסקע אויסגעטרונקען אַ גלאָז טיי און געגעסן אַ שטיקל ברויט מיט וואורשט.

— איידער דו טוסט זיך איבער, עס אויף נאָך אַ בוטערבראָד, — און זי וויקלט פֿאַנאַדער אַ פּאַפּיר און דערלאַנגט אים, — זאָלסט ניט דאַרפֿן אַרײַנקומען אין שטוב אַ פֿאַרהונגערטער.

ווען איך האָב מיך שוין איבערגעטאָן, אין צימער איז שוין טונקעלער געוואָרן, האָט חיה אײַנגעשלאָסן די עלעקטרע, באַטראַכט מיך, געדרייט אַרום זיך: — אַלנפֿאַלס, מיר געפֿעלסטו, אַצינד וועלכער שניפּס וועט דיר פֿון די צוויי מער פּאַסן?

— איך פֿאַרלאָז זיך, חיהלע, אויף דײַן געשמאַק, — וועלכן דו וועסט פֿאַר מיר אויסקלײַבן.

— אָט דער, — מיין איך, דער רויטער, ווי דער גאַרטל איבער מײַן קלײדל, — וועלן מיר זײַן איינס מיט דיר, ענלעך, — זי האָט געשיקט אויסגעבונדן אויף מיר דעם שניפּס: ס'קלײדט דיך, ביסט אַ פֿײַנער בחור, איציק!

— אַ דאַנק דיר, חיהלע... איך האָב זי שטייענדיק שטאַרק אַרומגענומען, — זיי מיר מוחל... — און געקושט, געקושט.

איך האָב שנעל אַרויפֿגעוואָרפֿן אויף זיך מײַן פּידזשאַקל. מיר האָבן פֿאַרלאָזט דעם צימער.

— גייען מיר איציק, מיט איין טראָט!

שפרה

(ראָמאַן)

אין די עטלעכע חדשים וואָס איך האָב געלעבט אין עכו, פלעג איך זיך אָפט טרעפן הן מיט איציקן און הן מיט ליזען קריוואָרוטשקאָ. זיי האָבן מיר אַ סך דערציילט וועגן זייערע קינדער־און יוגנט־יאָרן אין בערעזאָווקע און שפּעטער אין טיראַספּאָל, אין קרייז פון זייער משפחה — טאַטע־מאַמע, לעמל און ריווע און מיט די אַנדערע דריי שוועסטער: די עלטסטע שפרה, די יינגערע גאָלדע און די מיזינקע ראָזע.

איך האָב זיך באַזונדערס פאַראינטערעסירט מיט שפרהן. געבוירן אין 1913 יאָר אין בערעזאָווקע און געשטאָרבן אין אָסיען פונעם 1981 יאָר אויפן ווייטן מזרח אין ביקין. כ׳האָב זיך פאַרטראַכט אויף צוויי געשעענישן אין איר ביאָגראַפיע: ווען זי איז אַלט געווען זעכצן — דאָס זיבעצנטע, איז זי געפאָרן לערנען זיך קיין אָדעס אין יעווראַמאָל — (ראשי־תבות פון רוסיש — שול פון יידישער אַרבעטער־יוגנט) און אין עלטער פון 24 יאָר, איז זי מיט איר 17יאָריקן ברודער איציק, אַוועקגעפאָרן פרייוויליק, מיט דער הסכמה פון די עלטערן, קיין בירא־בידזשאַן. איציק און ליזע האָבן מיט ליבשאַפט גערעדט וועגן זייער שוועסטער שפרהן. זי איז געווען פיל עלטער פון זיי, געדענקען זיי אָבער גוט וואָס די מאַמע און דער טאַטע פלעגן דערציילן פון איר און וועלכע טשיקאַווע געשיכטעס אין משפחה־לעבן איז ביי זיי אין זכרון פריש געבליבן פאַרבונדן מיט שפרהן.

האָב איך אויף דעם סמך, לפי מיינע כוחות, געפּרוווט אויפשטעלן איר געשטאַלט.

*

ריווע, לעמלס ווייב, האָט געבוירן אַכט קינדער. דריי זיינען פון זיי געשטאָרבן נאָך אַלס — עופהלעך. שפרה איז די עלטסטע. לעמל דער בעקער האָט מען אין 1913יאָר צוגענומען אין סאָלדאַטן. ריווע איז געווען שוואַנגער. שוין אַנגעטאָן אין די סאָלדאַטסקע קליידער, פלעגט זי דערציילן אירע קינדער, — די „נאָוואָבראַנצעס" זיינען געגאַנגען דורך

אונדזער גאַס, איז דער טאַטע אַרײַנגעלאָפן אין שטוב און האָט מיר פאַר־זאָגט: — וועט מיט מזל געבוירן ווערן אַ זון, זאָלסטו אים אַ נאָמען געבן נאָך מײַן טאַטן שמואל־לייב! וועט מיט מזל געבוירן ווערן אַ טאָכטער, זאָלסטו זי אַ נאָמען געבן נאָך דײַן מאַמען — שפרה!

און באַזונדערס האָט זי ליב געהאַט צו דערציילן די קינדער דעם מאָמענט, ווי אַזוי דער טאַטע האָט זיך צוריקגעקערט פון דער מלחמה: „זיבן יאָר איז דער טאַטע ניט געווען אין דעם היים. ער איז אַרײַנגעפאַלן אין פלען צו די דײַטשן. ווען ער האָט זיך בשלום צוריקגעקערט אַהיים, צוגעקומען צו דער שטוב, זעט ער נעבן שוועל שפּילן זיך צוויי מיידעלעך אין זאַמד... האָט ער אַ טראַכט געטאָן: „מסתם איז איינע פון זיי זײַנע". און ניט צו הויך אַ רוף געטאָן, די מיידעלעך ניט צו דערשרעקן — שפרהלע! — האָט גלײַך איינע פון זיי אַ קער געטאָן דאָס קעפּל צו אים. האָט ער זי גענומען אויף די הענט: „שפרהלע, דו ביסט עס, מײַן טעכטערל?" — און צוזאַמען מיט איר אַרײַן אין שטוב, — ריווע, איך האָב ניט קיין טעות געהאַט?!

— ניין, לעמל, — האָב איך אַ פאַרחלשטע אויסגעשריען, — געלויבט איז דער אייבערשטער!

שפרה איז שוין אַלט געווען 16, דאָס 17טנטע, די משפחה האָט נאָך דאַן געלעבט אין בערעזאָווקע, אין שטוב זײַנען שוין געווען נאָך פיר קליינע קינדער — איציק, ליזע, גאָלדע און דאָס פּיצעלע ראָזעלע. האָט די אָרטיקע שטעטלדיקע מאַכט געשיקט שפרהן לערנען זיך אין אָדעס אין יעווראַמאָל. דאָרט האָט מען געלערנט ייִדיש, רוסיש, מאַטעמאַטיק, פיזיק, געאָגראַפיע און אַנדערע קעגנשטאַנדן. און געלערנט אַ פאַך — צו ווערן אַ שלאָסער, אַ שנײַדער, אַ שוסטער, אַ שטאָלער, אַ בעקער און אַנדערע. שפרה האָט ניט געוואָלט זײַן קיין שנײַדערקע. איר איז אײַנ־געפאַלן צו ווערן אַ קאָנדיטאָר. דער טאַטע איז דאָך אַ בעקער. די יעוו־ראַמאָלצעס האָבן באַקומען ניט קיין גרויסע סטיפּענדיע און צוויי מאָל אַ טאָג עסן, — איין מאָל אין שול, דאָרט ווו מ'האָט זיך געלערנט און דאָס צווייטע מאָל אויף דער אונטערנעמונג, ווו מען האָט געאַרבעט. גע־ווױנט האָט מען אין אַ דרײַ־שטאָקיקער צוזאַמענוווינונג.

לייבקע גאַרעליק

אין בערעזאָווקער קינדער־היים האָט זיך דערצויגן אַ קײַלעכיקער יתום לייבקע גאָרעליק, זלמן דעם בעל־עגלהס ייִנגל. אין דער צײַט פון

דער כאַליערע־מגפה איז אומגעקומען זײַן גאַנצע משפחה. אין יאָרן אַרום פלעגט מען נאָך אַלץ אין שטעטל דערמאָנען — געווען אַזױפיל גאַרעליקס, זײַנען זיי אַלע אין דער שרעקלעכער קרענק פאַרברענט געוואָרן... לייבל איז מיט ניסים לעבן געבליבן. ער האָט זיך נאָך דעם אַרומגעוואַלגערט, ווי נאָר אַ שטוב, בײַ ייִדן און גוים. ביז ס׳האָט זיך אין בערעזאָווקע געגרינדעט דער קינדער־היים און נאָמען פון 8טן מאַרט. דאַן האָט מען אים פון די ערשטע אַהין אַרײַנגענומען. צו 14־15 יאָר איז ער שוין געווען הויך אויסגעוואַקסן, אַ בגרות מיט שטײַפע פּלייצעס, געזונטע, דיקע הענט, קאָפּענע זײַן טאַטע.

שוין געוווינט אין קינדער־היים, בעת ער פלעגט זיך צוריקקערן פון שקאָלע, איז בײַ לייבלען געווען אַ רגילות אַרײַנצוקוקן אין דער בערע־זאָווקער בעקערײַ.

— פּעטער לעמל, — פלעגט ער עפּענענדיק די בעקערײַ־טיר אויסרופן, — איז עפּעס דאָ וואָס צו טאָן? — און אַז לעמל דערהערט לייבקעס יונגען קול, טראָגט ער אים באַלד אַנטקעגן אַ פרישן פּלעצל, צי אַ פּאָר נאָך הייסע בייגל, ערשט פון פּאָד אַראָפּ. — לייבעלע! אַ געזונט אין די אברים דײַנע, עס! זאָל דיר ווויל באַקומען און פאַרגעס ניט דעם טאַטן און די מאַמען... ביסט דאָך שוין דאַן אַלט געווען אַ יאָר זיבן — אַכט... דײַן טאַטע, זלמנקע גאַרעליק, אַ ליכטיקן גן־עדן זאָל ער האָבן, פלעגט דאָך פון זײַנע פּלייצעס אַראָפּוואַרפן דאָ, אין דער בעקערײַ, וואַגאַנעס מיט זעק קרופּטשאַטקע־מעל. און בײַ יעדן זעקל געדאַרפט זיך מטריח זײַן אײַנצובויגן, די טיר איז פאַר אים צו נידעריק געווען, און תמיד מיט זײַן שמייכל און מיט אַ סמאַרע זיך געבן בײַ דער גאָז. און דײַן מאַמע גליקעלע — אַ קליינטשינקע, אַ גראַבטשינקע, ווי אַ קאַטשקעלע. אײַ, איז דאָס אַ טײַערע פאַרפאַלק געווען, דײַן טאַטע־מאַמע. ביסט איצט איינער, לייבקעלע, היט דײַן פאַמיליע־נאָמען, עס זאָל, מיט גאָטס הילף, ווידער אויפגעריכט ווערן!

און אַ מאָדנע זאַך, ווי אַלץ גייט איבער בירושה: פון קליינווײַס אויף ציט לייבקען צו טראָגן, טאַסקען, שווערנישן. ער באַרויִקט זיך ניט, ביז ער ברענגט ניט אַרײַן אַ צען עמער וואַסער פאַר די לאַנגע האַנטפאַסן פונעם ייִנגלשן און מיידלשן וואַשצימערן און באַזונדער פאַר די קעסלען אין קיך.

און ווען ס׳שטעלט זיך אָפּ בײַם טויער דער וואָגן מיט שפּײַז־פּראָדוקטן פאַרן קינדער־היים און ס׳שפּרינגט פון וואָגן אַראָפּ די פאַרוואַלטערן פון סקלאַד, וואַליע, רופט זי מיט אַ געשריי לייבקען. ער יאָוועט זיך אַ דער־

פרייטער שלעפט די זעק, קעסטלעך, קאַנען, די גרויפּנס, קאַרטאָפל, ברויט און מילך אין שפּײַכלער אַרײַן. און וואַליע קוקט אויף אים און קוועלט אָן.

ביזן מיטן פון זעקסטן קלאַס האָט זיך שפרה געלערנט מיט לייבקען צוזאַמען אין דער ייִדישער סאָוועטישער שול. לייבקע פלעגט ניט זעלטן אַרײַנקומען צו זיי אין שטוב, באַצווייט גרייטן די לימודים. די לערערין האָט ספּעציעל געבעטן שפרהן. זי איז געווען פון די בעסערע שילערינס, זי זאָל לייבקען צוהעלפן, ער שטייט אָפּ.

און אַז ס׳קומט אַרײַן אין שטוב דער טאַטע פון דער אַרבעט עסן וואַרעמעס און דערזעט, ווי פלײַסיק שפרה מיט לייבלען זײַנען פאַרטאָן אין לייזן די אויפגאַבעס און זי טײַטשט אים אים אַרײַן און יענער האָרכט זיך אײַן מיט ביידע אויערן, ווינקט דער טאַטע צו דער מאַמען:

— ריווע, איך קלײַב נחת ווען איך זע, ווי זיי לערנען צוזאַמען. דאָס יאַטל וואַקסט פאַר די אויגן, קיין עין־הרע, פון טאָג צו טאָג, אָן הייוון... אפשר... אַ באַשערטע זאַך? — וואָס זאָגסטו אויף דעם?.. ס׳איז דאָך אַ גרויסע מיצווה — אייניקער אַליין געבליבן פון אַ גאַנצער ייִדישער פאַמיליע. פאַר וואָס זאָל זי ניט אויפגעריכט ווערן? מיט וואָס איז עס גאָרעליק מיאוסער פון קריוואָרוטשקאָ?

שפרה דערהערט דעם טאַטנס רייד:

— טאַטע, דו שטערסט אונדז גרייטן די לימודים.

— שאַ... פּתח שין — שאַ... איך מאַך אַ המוציא.

און די מאַמע איז שוין פול מיט רוגזא:

— זאָג מיר גאָר, לעמל, האָסטו זיך ווען ניט איז פאַרטראַכט, פון וואַנען קומט צו דיר אַזאַ יוונישע פויערישע פאַמיליע? האָסטו זיך ווען דערקליבן צום סאַמע שורש?...

און דער טאַטע לאַכט שוין: — זאָלן מיר אַזוי, ריווע, ביידע וויסן פון אַ בייזער וועטשערע... איך דערמאָן מיר, דער ווירט, דער דײַטשישער באַראָן, בײַ וועמען איך בין אַ גאַנצן יאָר פאַרשקלאָפּט געווען, פלעגט ער מיך באַפוילן, הייצן זײַן „באָדע־שטובע״.. און איך האָב אים באַדאַרפט, ימח שמו וזכרו, צוואָגן, רײַבן אין דער הייסער פאַרע דערשטיקט צו ווערן און ער פלעגט זיך ליגן אויף דער באַנק אויסגעצויגן און אונטערברומען ווי אַ בער:

— ווער האָט דיר, די „דומהײַט״ (טיפשות) — אַרײַנגעשלאָגן אין מוח, אַז דו ביסט אַ יודע און ניט קיין אָוטשאַרענקאָ, האָלובענקאָ, פּירקאָ, האָלאָווקאָ!... ביז ער פלעגט פּלוצעם זעצן זיך אויף דער באַנק אַ פּריטש־מעלעטער פון דער חמימה, אויסגלאָצן אויף מיר די אויגן און באַטראַכטן

מײַן שקלאַפֿן־נאַקעטקײַט פֿון קאָפּ ביז די פּיס און זיך אײַנשטעלן מיט זײַנע קוקערס אויף מײַן „האָב און גוטס" און אין דער חלשותדיקער באָד־שוויצעניש אויסשרײַען:

— ביסטו דאָך אין דער „וואַרהײַט" דער פֿאַרפֿלוכטער יודע קרי־וואָרוטשקאָ!...

— —

אָבער אָנהויב פֿרילינג, נאָך פּסח, מ'האָט שוין אין דער בעקערײַ ווידער געבאַקן ברויט מיט בולקעס * האָט זיך לייבל אײַנגעשפּאַרט — אין שקאָלע גיי איך מער ניט!

און ס'האָבן ניט געהאָלפֿן די שטראָף־רייד פֿון דער דירעקטאָרין פֿון קינדער־היים חאַסיע אַבראַמאָוונע.

— איך וועל נישט גיין און טוט מיר וואָס איר ווילט, — פֿלעגט לייבקע מיט כעס אַ מרוקע טאָן — איך בין שוין „אַ הויכער באַכורעץ" (אַזוי פֿלעגט חאַסיע אַבראַמאָוונע אים מוסרן) און וועל מער מיט די פֿיזשיקעס בײַ די נידעריקע פּאַרטעס (שול־בענק) ניט זיצן.

— וועל איך דיך אַריבערפֿירן אין דער אוקראַינישער שקאָלע, דאָרטן זײַנען אַזעלכע ווערגעלעצן, ווי דו, ניט ווייניק.

— איך וועל ניט גיין ניט אין דער אוקראַינישער און ניט אין דער ייִדישער. איר וועט מיך ניט אײַנשמועסן ניט מיט גוטע רייד און ניט מיט בייזע...

— דאָס האָט — פֿלעגט שוין חאַסיע אַבראַמאָוונע אַרויס פֿון די כּלים — צווישן אונדז גערעדט זאָל עס בלײַבן, — אונדזער וואָליע אַרויסגעשלאָגן דיר דעם שכל פֿון קאָפּ...

פֿלעגט שוין לייבקע לאָזן זיך לויפֿן פֿאַר בושה פֿון חאַסיע אַבראַמאָוונע.

שפרה און לייבל אין יעווראַמאָל

האָט אַזוי פּאַסירט, אין דער צײַט, ווען מ'האָט שפרה קריוואָרוטשקאָ געשיקט קיין אָדעס אין „יעוורעמאָל", האָט חאַסיע אַבראַמאָוונע אויס־געפּועלט, מ'זאָל אויך לייבקען גאָרעליק (ער איז שוין אַלט געוואָרן זיבעצן יאָר, אין שול ניט געגאַנגען) שיקן אַהינצו לערנען.

די אַלגעמיינע לימודים און דאָס לערנען דעם פֿאַך האָבן זיך אָנגעהויבן

---

* ס'איז נאָך געווען די צײַט פֿאַר סטאַלינס מערדערלעכער אומגליק־קאָלעק־טיוויזאַציע.

אין אָקטאָבער חודש. האָבן שפרה און לייבל אויף די טרעפּ פון צוזאַמענ־וווינונג שיער זיך ניט „צעבוצקעט”. לייבל איז געלאָפן אַראָפּ די טרעפּ און שפרה אַרויף.

— אוי, — האָט שפרה מיט שמחה אויסגעשריגן, — לייבל, ביסט אין „יעווראַמאָל” .

און לייבל האָט מיט ווייניקער התפעלות אָפּגעענטפערט : — און דו, קריוואָרוטשקאָ ?

— איך אויך, — ווי דו זעסט.

און שפרה האָט זיך באַנאַנד מיט לייבלען אַראָפּגעלאָזט פון די טרעפּ. ביי דער דרויסן־טיר פון צוזאַמענוווינונג, זײַנען זיי ביידע אַ ווײַלע גע־שטאַנען. גערעדט האָט שפרה. לייבל האָט מער געשוויגן.

— דאָס בין איך געלאָפן אין צימער, די מיידלשע צימערן, ווייסטו דאָך, מסתמא, זײַנען אויפן דריטן שטאָק, אָנצושרײַבן טאַטע־מאַמען דעם ערשטן בריוו. וועל איך זיי טאָקע צו וויסן געבן — געטראָפן זיך מיט דיר אומגעריכט אין צוזאַמענוווינונג. מיר זײַנען ביידע אין יעווראַמאָל. דו קענסט דאָך מײַנע עלטערן ?

— יאָ, האָט באַשטעטיקט לייבל, — דער פעטער לעמל איז זייער אַ ווילער.

שפרה האָט דערציילט לייבלען : — איך האָב מיך אָפּגעזאָגט פון לערנען שנײַדערײַ. איך האָב זיי דערקלערט : „ניט אַ מוז, אַז יעדעס מיידל זאָל זײַן אַ שנײַדערקע. איך וועל ווערן אַ קאָנדיטאָר”.

— און מיך האָט קיינער ניט געפרעגט, וואָס איך וויל זײַן, — האָט שוין אויך לייבל ניט געקאַרגט ווערטער, — מע האָט מיר געזאָגט : חברהמאַן, וועסט לערנען שלאָסערײַ, — און דער זעלבער פון דער קאָמיסיע, וואָס האָט עס מיר געזאָגט, האָט מיר אַ טאַפּ אָן געגעבן מײַנע מוסקולן אויף די הענט, אַ פּאַטש געטאָן מיר אין דער פּלייצע : „וואָלסט געווען אַ אַנטיקל פון אַ „מאָלאָטאָבויעץ” — אַ האַמער־קלאַפּער — מ׳וועט נאָך אַ טראַכט געבן וועגן דעם...

שפרה האָט אַ שמייכל געטאָן...

— וואָס שמייכלסטו ? — האָט זי געפרעגט לייבל.

— איך בין צופרידן וואָס מ׳איז פון דיר צופרידן.

לויטן שול־לערנען, האָט זיך שפרה בײַ לייבלען דערוווסט, אַז ער וועט זײַן מיט אַ קלאַס נידעריקער פון איר.

— אויב דו ווילסט, וועל איך דיר אין דער לערע צוהעלפן. מיר זײַנען דאָך ביידע פון איין שטעטל, געלערנט זיך צוזאַמען, באַצווייט געמאַכט די לימודים.

— מירן זען, — איז לייבל פונסנײַ געוואָרן צוריקגעהאַלטן, בצימ־צומדיק.

— ביסט לייבל אַזוי אויסגעוואַקסן, איך האָב דיך שוין לאַנג ניט געזען. וווהינזשע לויפסטו איצט?

— אויפן זאַוואָד, אין שלאָסער־צעך. פאַר דער אַרבעט גיט מען אונדז דאָרט לויט אַ טאַלאָן אַ וואַרעמעס.

— און איך הייב ערשט אָן מאַרגן אַרבעטן און לערנען. איך בין שוין געווען אין דער אַדעסער גרויסער בעקערײַ, אין דעם קאָנדיטאָר־צעך, ווו איך וועל לערנען מײַן פאַך. און איצט האָב איך דיר שוין געזאָגט, אײַל איך אין צימער צו שרײַבן אַ בריוו טאַטע־מאַמע. ווײַל, וואָס מיר האָבן זיך דאָ געטראָפן, וועלן מיר זײַן צוזאַמען, ביידע בערעזאָווקער, אײַאָ לייבל?...

✶

שפרהן האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זי וועט אָפט זען לייבקען, אויב ניט אין צוזאַמענוווינונג, איז אין שול, אויף די הפסקות. און מיט דעם אַליין, וואָס זיי וועלן רעדן צווישן זיך, וויסן איינער פון דעם אַנדערן, וועט זי זיך פילן נענטער צו דער היים, צו בערעזאָווקע. אָבער בערעזאָווקע איז ניט די גרויסע שטאָט אַדעס ביים שווארצן ים... די שול־קלאַסן אין יעווראָמאָל זײַנען געווען צעטיילט פאַסיק צום פאַך, וואָס יעדער האָט זיך ליבערשט אויסגעקליבן. די שלאָסערס סטאָליערס, שוסטערס באַדאַרפן פון צוזאַמענוווינונג קומען אין שול 7.30 אין דער פרי, צו פרישטיק, אין דער שול־גאָרקיך. פונקט 8.30 הייבט זיך אָן דער ערשטער לימוד. געלערנט האָט מען זיך ביז 1.30. צו דרײַ בײַטאָג דאַרפן שוין די שלאָסערס זײַן אויפן מעטאַל־זאַוואָד, די שוסטער — אויפן שוך־פאַבריק און די סטאָליערס אין דער מעבל־פאַבריק. דאָרטן, אויפן אָרט, אין דער זאַוואָדישער גאָרקיך, אין די פאַבריק־גאָרקיכן עסן וואַרעמעס און פון פיר ביז אַכט אין אָוונט אַרבעטן אין די צעכן אַלס לערנײַנגלעך.

פאַרקערט, די שנײַדער (ייִנגלעך וואָס האָבן זיך געלערנט שנײַדערײַ, זײַנען געווען געציילטע און מיידלעך זייער אַ סך), די בעקער, קאָנדי־טערס, זײַנען אין דער פרי פון צוזאַמענוווינונג געפאָרן גלײַך צו דער אַרבעט אויף די שנײַדער־פאַבריקן, ברויט־זאַוואָדן־בעקערײַען, קאָנדיטאָר־צעכן, דאָרטן געפרישטיקט און געאַרבעט ביז 1.30 און שוין צו דרײַ בײַטאָג געווען אין יעווראָמאָל־שול צו וואַרעמעס, און ביז 8 אין אָוונט געלערנט. האָט שוין שפרה לייבלען אין שול ניט געקאָנט זען. אויך אין צוזאַמענוווינונג איז געווען אַן אײַנגעשטעלטער סדר, ס'זײַנען בײַם אַרײַנ־

גאַנג פון צווייטן שטאָק און דריטן שטענדיק געזעסן דעשזורנע, גופא פון די יעוורעאַמאַלצעס און געהיט די אָרדנונג, ס'זאָלן ניט אַרײַן קיין זײַטיקע, צופעליקע מענטשן. און ווי אַ כלל איז ניט געווען אַנשטענדיק און ניט שיין אַרומצולויפן איבער די צימערן צו שטערן, בפרט, אַרומצודרייען זיך פון איין צוזאַמענווווינונג אין אַנדערן. און גאָר אין גיכן האָט מען די אַרויסגאַנג־טיר אויפן צווייטן שטאָק פאַרמאַכט און די ייִנגלעך דאַרפן גיין צו זיך אין צוזאַמענוווינונג דורך דער שכנהשער פאַראַד־טיר.

אין איינעם אַ פרימאָרגן, ווען שפרה איז אַרויס פון צוזאַמענוווינונג, גייען צו דער אַרבעט האָט זי באַמערקט לייבלען צווישן אַ כאַפּטע ייִנגלעך. זיי האָבן זיך דורכגעטראָגן פאַרבײַ, זי האָט זיך געשעמט אַ געשריי צו טאָן, פאַרהאַלטן אים. אין דעם ערשטן פרײַען זונטיק־טאָג איז זי אַ לענגערע צײַט געשטאַנען אויף דער גאַס בײַם צוזאַמענוווינונג, אפשר, וועט זי זיך דערוואַרטן און אים דערזען. ער האָט זיך פּלוצעם באַוויזן אין טיר צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע. זי איז אים אַנטקעגן געלאָפן:

— וווהין, לייבקע? — הײַנט איז דאָך זונטיק...

ער האָט זי אָנגעקוקט: — אַ־אַ־אַ, קריוואָרוטשקאָ! מיר לויפן פאַר־דינען געלט, צום אַדעסער האַפן, לאָדן שיפן...

שפרה האָט אים נאָכגעשריען: — איך ווייס ניט אין וועלכן צימער דו וווינסט.

לייבקע האָט זיך אָפּגעשטעלט, אַ קער געטאָן דעם קאָפּ: — אין זעקס־און־פערציקסטן...

— און איך אין צוויי־און־דרײַסיקסטן, פאַרגעדענק, — איז אים שפרה נאָכגעלאָפן, ער זאָל דערהערן, — אין צוויי־און־דרײַסיקסטן.

זי איז אַ ווײַלע געשטאַנען בײַ דער צוזאַמענוווינונג־טיר, נאָכגעקוקט די זיך דערווײַטערנדיקע ייִנגלעך, לייבקע איז געווען דער העכערער צווישן זיי. זי האָט אַ טראַכט געטאָן: אין קלאַס האָט ער מיך אויך ניט גערופן בײַם נאָמען, רק קריוואָרוטשקאָ.

... ס'איז דורכגעלאָפן נאָך אַ פּאָר וואָכן. שפרה האָט באַקומען אַ בריוו פון טאַטע־מאַמע. אין בריוו איז געווען אַרײַנגעלייגט אַ באַזונדער בלע־טעלע פאַר לייבלען. זיי שרײַבן צו אים: „טײַערער ליבער לייבל! מיר האָבן זיך דערפריידט דערמיט, וואָס שפרה האָט אונדז געגעבן צו וויסן, אַז איר לערנט זיך אין יעוורעאַמאַל צוזאַמען. דו ביסט אַ ווויל ייִנגל, אַ סך שטאַר־קערער פון אונדזער טאָכטער, וועלן מיר איצט זײַן זיכערער, וועסט זיך סטאַרען, מ'זאָל זי ניט לאָזן אין אַבידע, זײַ איר אַ זאַשטשיטע — אַ שוץ. מירן דיר דערפאַר דאַנקבאַר זײַן. דײַנע גוטע פרײַנד, שפרהס טאַטע־מאַמע, לעמל און ריווע קריוואָרוטשקאָ״.

און צו שפרהן האָבן זיי אין זייער בריוו צווישן אַנדערש געשריבן:
„מיר האָבן פאַר דיר צוגעגרייט אַ פּעקל מיט וואַרעמע זאַכן: דײַן פּעלצל, אַ פּאָר נײַע שיינע שטיוועלעך מיט פוטער אינעווייניק, דײַן מאָס, אַ ברוין ווינטערקליידל, און וועש, — וועסט שוין אַליין זען. היט זיך, טאָכטערקע, חלילה, ניט צוקילן זיך. און פאַר לייבלען האָט די מאַמע אויסגעשטריקט אַ פּאָר וואָלענע הענטשקעלעך, און אויך אָרײַנגעלייגט פאַר אים אַ סוועט־דער — זאָל ער עס טראָגן געזונטערהייט. מיר זוכן אַ מענטשן, וואָס פאָרט קיין אָדעס און זאָל עס ברענגען דיר. און ס׳קאָן גרײַלעך זײַן, דער בוכהאַלטער פון שוסטער־אַרטיעל זאָל פאָרן, וואָלט געווען זייער גוט".

די בריוו צו די יעוואַמאָלצעס פלעגן אָנקומען אויפן אַדרעס פון דער שול. דער שול־סעקרעטאַר פלעגט די פרישע פּאָסט אָוועקלייגן אויף אַ ספּעציעלן טישל לעבן לערער־צימער. שפרה האָט ווי פון זיך אַליין געזוכט מיט אירע אויגן לייבלען, דערלאַנגען אים דאָס בריוו־זײַטל, אַדרעסירט אים. און אויך באַווײַזן דעם שטעל, ווו די טאַטע־מאַמע שרײַבן וועגן די הענטשקעלעך און סוועדער פאַר אים, כאָטש זי האָט דאָך שוין געוווּסט, אַז צווישן די פיל מיידלעך שנײַדערקעס אין שול־קאָרידאָר וועט זי לייבלען ניט געפינען — ער איז איצט אויף דער אַרבעט אין זאַוואָד, אין זײַן שלאָסער־צעך. נאָר ווו דער זאַוואָד איז, אויף וועלכער גאַס, ווייס זי ניט.

ווען זי איז שוין געזעסן אין קלאַס, עס איז געגאַנגען דער לימוד ייִדיש און פאַר שפרהען איז אויף דער פּאַרטע — שול־באַנק — געלעגן צעעפנט דאָס לערנביכל, איז זי אין אירע דמיונות געווען ערגעץ אַנדערש: „זי האָט פאַר לייבלען אַזויפיל וואָס צו דערציילן... וועגן איר אַרבעט אין קאָנדיטאָר־צעך, — מען גרייט דאָרט קליינע טאָרט־שטיבעלעך. אוז איר האָט שוין די קאָנדיטערן, וואָס מאַכט עס, אָנגעטרויט פון פּאַרטיקע שטיקער טייג און קאָלירטן צוקער־קרעם אויסצוקנעטן אַרום יעדן טאָרט־שטיבעלע אַ פּאַרקנדל פון רויט־גרינע שטאַכעטלעך, און אויפן דאַך פון יעדן שטיבעלע אַרויפשטעלן, דאָס הייסט צושטוקעווען, אַ קוימען פון צו־קער־ציגעלעך און אַז ס׳זאָל פון יעדן קוימען אַרויפצו קרײַזלען זיך אַ שניי־ווײַסער רויך פון שוימיק־בלענדיקן צוקער־קרעם..."

פּלוצעם רופט אויס די לערערין אויפן קול: — הייב אָן, קריוואָרוטשקאָ!

האָט זיך שפרה דערשראָקן אַ כאַפּ געטאָן פון אָרט און שרײַט אויס צוגעבלעך — שפרה!...

— זאָל זײַן שפרה, נאָר וואָס, שפרה, מאַרודיעסטו? לייען, — דער־בענטערט זיך די לערערין צו איר פּאָרטע.

דאָס מיידל, וואָס זיצט בשכנות מיט שפרהן שטרעקט אויס אַ פינגער צום אָרט אין לערנביכל.

שפרה לייענט שנעל־שנעל מיטן ביכל אין דער האַנט: „מענדעלע מוכר־ספרים (פון שלמה ר׳ חיים׳ס). אַליין פאַר זיך זײַנען די ייִדישע בעלי־מלאכות אין יענער צײַט געווען, ניט הײַנט גערעדט, געפּאַלן, דאָס אויסלערנען זיך עפּעס אַ מלאכה איז פון אָנהויב אָן זייער שלעכט געווען אָוועקגעשטעלט און דערפון איז אַרויסגעקומען זייער פיל ניט קיין גוטע זאַכן. אַ לערנייִנגל בײַ אַ ליאַדע בעל־מלאכה האָט באַדאַרפט יאָרן־לאַנג אָוועקטראָגן פּאָמעניצעס, העלפן אין באַלעבאַטישקײַט דער באַלעבאָסטע און כאַפּן פּעטש און קלעפּ ווי האָלץ. אַז געלערנט די מלאכה האָט ער מכות, האָט ער מכות טאָקע געקענט. ער איז געווען דערנאָך אַ פּאַרטאַטש, אַ פאַרביטערטער אומגליקלעכער מענטש, פאַר צרות ליב געהאַט דעם טרונק, די האַנט זײַנע איז געווען פרײַ אויף אַ קלאַפּ, מכבד געווען אַמאָל דאָס אייגענע ווײַב אויך. אַז אַך־און־ווײ די לערן־ייִנגלעך, נעבעך, וואָס זײַנען צו אים אין זײַן צײַט, אין די הענט אַרײַן! און ווער מ׳שטיינס געזאָגט זײַנען עס געווען די ייִנגלעך וואָס זײַנען אַרײַן צו אַזעלכע לערנען די מלאכה? — יתומים, אָרעמינקע, פאַרוואָרלאָזטע, ניט געקענט קיין עברי, עם־הארצים...״

— גענוג, קריוואָרוטשקאָ. לייענסט גוט, נאָר זיצסטו אין קלאָס, וויל איך ניט וויסן מיט וואָס פאַראַ זײַטיקע זאַכן דײַן קאָפּ איז פאַרטאַראַמט, דאַרפסט עס אַלץ פון דאָרטן אַרויסוואַרפן און האָב אין זינען, אין געגע־בענעם פאַל, נאָר דאָס לערנביכל, דעם לימוד.

שפרה וואָלט מיטן גאַנצן הארצן ווען פאָלגן די לערערין, נאָר ס׳באַ־קומט זיך ניט... אָט טראָגן זי די מחשבות צום צוזאַמענוווינונג: „וויזשע, אַז אין דער פרי קומט אַרײַן דער בוכהאַלטער פון בערעזאָווקער שוסטער־אַרטיעל און פרעגט — „ווער איז דאָ שפרה קריוואָרוטשקאָ?״ — און זי וועט זיך ערשט צוריקקערן פון שול ניט פריִער ווי אין אָוונט...״

✶

האָט גראָדע זיך באַקומען גוט, בעת שפרה מיט אירע חברטעס, וואָס ווינען מיט איר צוזאַמען זײַנען געקומען פון לערנען, איז אין קאָרידאָר בײַ זייער טיר געשטאַנען אַן עלטערער ייִד מיט צוויי פּעקלעך אין די הענט. שפרה האָט באַלד דערקענט דעם בוכהאַלטער פון שוסטער־אַרטיעל, אַ שכן זייערער. צוגעלאָפן צו אים: — אוי, אַ גרויסן דאַנק! איר שטייט שוין, מסתמא לאַנג?

— ניין, ניט זייער. לעמלס טאָכטער? שפרה, קיין עין־הרע דער עיקר, מ׳זאָל וואַקסן געזונטערהייט.

— און מלכהלע, שפרהס חברטע האָט אײַליק געעפנט דעם צימער. און ווען אַלע זײַנען אַרײַן, האָט שפרה געטראָגן אַנטקעגן דעם בוכאַלטער אַ טאַבורעטקע: — רוט זיך אָפּ אַ קאַפּעטשקע, איך וועל די מינוט שטעלן אויפֿזידן אַ גלעזל טיי.

— איך וועל עס טאָן, באַומרויִק זיך ניט, — זאָגט צו שפרהן איר חברטע מלכהלע און לויפֿט צו דער קעראָסינקע.

און שפרה זעצט פֿאָר: — איך האָב בײַ דער אַרבעט און בײַם לערנען ניט אויפֿגעהערט צו טראַכטן: — איר ברענגט עס אין דער פֿרי און איר טרעפֿט מיך ניט.

און אַ צווייטע חברטע שפרהס באַמערקט: — און בײַם צופֿיל טראַכטן בעתן לימוד, אַרײַנגעכאַפּט פֿון דער לערערין אַ גאַב, זי זאָל אַרויסוואַרפֿן פֿון קאָפּ אַלע אַנדערע זאַכן...

— נאָר פֿאַר וואָס צוויי פּעקלעך? — פֿרעגט שפרה, — די מאַמע האָט מיר געשריבן וועגן אַ פּעקל.

— דאָס פּעקל איז דײַנס, — קלערט איר אויף דער בוכהאַלטער, — און דאָס צווייטע, וואָס איז אַרומגעגנייט מיט כאַקי, האָט מיר די דירעק־טאָרין פֿון דעם ברעזאָווקער קינדער־היים, חאַסיע אַבראַמאָווגע געבעטן איבערגעבן פֿאַר לייבל גאָרעליק, האָב איך איר דען געקאָנט אָפּזאָגן אין דעם? — אַ ברעזאָווקער קײַלעכדיקער יתום, — טויזנט מיצוות! נאָר אין וועלכן צימער ער וווינט, ווייס ניט, חאַסיע אַבראַמאָווגע.

— אָ, איך ווייס, איך ווייס, אין זעקס־און־פֿערציקסטן, — האָט שיער ניט אויסגעשריען שפרה.

פֿון דעם טיי האָט זיך דער בוכהאַלטער אָפּגעזאָגט: — ס'איז שוין שפּעט, קינדערלעך, זײַט מיר מוחל, אַ גוטע נאַכט. קום, שפרה, וועסט מיר באַווײַזן, ווו דער זעקס־און־פֿערציקסטער איז.

און זיי זײַנען ביידע אַרויס איבערצוגעבן לייבלען דאָס פּעקל.

אין זעקס־און־פֿערציקסטן, ווו לייבל וווינט, האָבן זיי אים ניט גע־טראָפֿן. נאָר לייבלס חברים האָבן געזאָגט דעם ייִדן:

— די מינוט קומט ער צוריק. ער איז אַרויסגעלאָפֿן עפּעס זיך צו קויפֿן אויף וועטשערע.

און נאָך אַ ייִנגל, גאָר אַ קליינטשיקער, האָט אויסגעזען ווי אַן עלף־צוועלף יאָריקער, האָט פֿאַרפֿינקטלעכט:

— ער שלאָפֿט תמיד אײַן מיט אַ ביסן אין מויל, אַנדערש קלעפּן זיך בײַ אים די אויגן ניט צו...

און אַן אַנדערער האָט אָנגעשריען אויפֿן קליינטשיקן:

— גרשונקע מיט זײַנע חכמעס!... און זיך אָנגערופֿן צום ייִדן:

— אַ רגעלע, אָט לויף איך אים אַנטקעגן, איך ווייס אין וואָסער קרעמל ער קויפט.

— שאַ, פאַרשפּאָרט צו לויפן, ער גייט שוין אַליין.

— לייבקע, ס׳וואַרטן אויף דיר געסט...

— לייבקע, אַ פּעקל...

— קענסט מיך ניט? — ווענדט זיך צו לייבקען דער בוכהאַלטער.

— ניין, נאָר עפּעס אַ קענטלעכער פּנים, ניט קיין בערעזאָווקער?

— טאַקע אַ בערעזאָווקער. און דו ביסט מיר אויך קענטלעך... זלמן מיט די ביינער, דיר צו לאַנגע יאָר, ביסט פּונקט דיין טאַטע. און אַז דער בוכהאַלטער האָט אים איבערגעגעבן דאָס פּעקל און דעם גרוס פון חאַסיע אַבראַמאָוונע, איז צו לייבקען צוגעגאַנגען שפרה און אים אַריינגערוימט אין אויער: „מער פון אַ וואָך, ווי איך זע דיך ניט. מאָרגן אין אָוונט וועל איך דיר ברענגען אַ בריוול און נאָך עפּעס... זאָלסט, למען השם, זיין אין צימער.

— דו הערסט, וואָס מען פאַרזאָגט דיר, לייבל? — האָט אים איינער פון די חברה אַריינגערוימט אין אַנדערן אויער, — מעגסט זיך גרויסן, עס גייט דיר דורך טיר און דורך טויער...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

און אויף מאָרגן, וויבאַלד עס האָט זיך פאַרענדיקט דער לעצטער לימוד, האָט שפרה קיין רגע ניט געוואַרט אויף די חברטעס, צו גיין אינ־איינעם אין צוזאַמענוווינונג, ווייל, אַז מען גייט צוזאַמען, הייבט מען זיך אָן אָפּצושטעלן ביי די וויטרינעס פון די רייכע אָדעסער געשעפטן און שיינענדיקע קליידער־מאַגאַזינען, צו באַטראַכטן די טייערע, געצירטע פוטער־פעלצלעך, די וויים־געזוימטע בלאַנקענדיקע קאָפּטעלעך, פּליושענע קליידלעך, כלערליי פּרויען־היט און היטעלעך.

אויף די טייערע צירונג־שאַכטלעך מיט ציטער־שפּילקעס, רינגען, בראַסלעטן, — קוקט מען פון דער ווייטנס, מ׳האָט גאָר מורא נאָענט צוגיין צו די שויפענצטער ניט צעקוועטשן אומגערן אַ שויב... און חס־וחלילה, אַריינפאַלן אין מיליציע... שפרה וויל וואָס שנעלער עפענען דעם צימער, זיין אַ ווייַלינקע אַליין. זי האָט דאָך נעכטן אין אָוונט ניט באַוויזן גוט צו באַטראַכטן אירע נייע שטיוועלעך, ניט אָנגעמאָסטן זיי, איצט, ווי נאָר זי וועט אַריינקומען, וועט זי אָנטאָן דאָס נייע ברוינע ווינטער־קליידל, די שטיוועלעך... די מתנה פאַר לייבלען, דעם סוועדער און די הענטש־קעלעך האָט זי שוין איינגעוויקלט. זי וועט זיך פריש צוקעמען און אָן אויסגעפּוצטע, מיט דער מתנה און טאַטע־מאַמע בריוול פאַר לייבקען, אַריין צו די יינגלעך אין צימער...

אין עסיק און אין האָניק...

...לייבל קוקט דאָך אויף איר מיט יענע אויגן ווען זי איז נאָך געווען די קליינע שילערין פון פינפטן קלאַס. זי איז דאָך זינט דאַן אויסגעוואַקסן מיט אַ קאָפּ העכער. און צווייטנס, מאָרגן, זונטיק, צוועלף אַזייגער בײַטאָג — אַן אומזיסטער, קאָלעקטיווער באַזוך אין אָדעסער ווינטער־צירק. איינע פון אירע שול־חברטעס פאַרט מאָרגן אַהיים, זי וווינט ניט ווײַט פון שטאָט, האָט זי איר אָפּגעגעבן דעם בילעט, זייערע ערטער בשכנות. וועט זי דעם בילעט פאַרלייגן לייבלען, ער זאָל זיצן נעבן איר. צי וועט ער זיך ניט שעמען פאַר זײַנע ייִנגלעך ?... און פונקט ווי זי האָט געטראַכט אײַלענדיק צום צוזאַמענוווינונג, אַזוי האָט זי געטאָן — קודם־כּל, אַרײַן אין די שטיוועלעך, גענומען אין זיי אַרומגיין איבערן צימער, צוגעטופּעט פאַר פרייד און דערפילט זיך פעסט, דרייסט. „אַ שאָד, ניטאָ אין צימער אַ גרויסער שפּיגל, זי זאָל זיך אין אים זען, ווי זי שטייט און גייט..." זאָגט דאָך די מאַמע: „זאָל דיר, שפרהלע, קיין בייז אויג ניט שאַטן, ביסט שוין אַ פאַלנע באַרישניע". און ווען זי איז שוין געשטאַנען אויסגעפּוצט, צו־געקעמט, דערהערט זי, מ׳ציט די טיר־קליאַמקע...

— „אָ, אירע חברטעס זײַנען שוין דאָ!" — טוט זי אַ געשריי: — גו, מיידלעך, ווי געפעל איך אײַך ?

נאָר אַרײַן אין צימער איז גאָר לייבל.

— וואָס קוקסטו מיך אַן אַזוי, לייבל ? דערקענסט מיך ניט ? — איך בין עס, שפרה...

— קריוואָרוטשקאָ, — גיט צו ניט הויך לייבל, ווי אין זיך...

— יאָ, כ׳האָב מיך אויסגעפּוצט, ווי מײַן מאַמע זאָגט: אין עסיק און אין האָניק.

— ווּהין ?

— אין ערגעץ ניט... כ׳האָב אויך באַקומען נעכטן פון דער היים אַ פּעקל מיט ווינטער־זאַכן, האָב איך עס איצט געמאָסטן און געוויגן... זעץ זיך צו, לייבל, וואָס שטייסטו ווי אַ נעכטיקער... דאָ, בײַ אונדז אין צימער, זעסטו, פיר טאַבורעטקעס קלײַב זיך אויס וועלכע דײַן האַרץ גלוסט. גוט, וואָס דו ביסט אַרײַנגעקומען. אַניט וואָלט איך באַדאַרפט דיר דאָס ברענ־גען, אָט איז ערשטנס, אינעם בריוו פון מײַנע עלטערן, דאָ אַ בלעטעלע פאַר דיר. און אָט איז די מתנה, וואָס מײַן טאַטע־מאַמע שיקן דיר: וואַ־לענע הענטשקעלעך, די מאַמע האָט זיי אויסגעשטריקט, און אַ וואַרעמער, נײַער סוועדער. טראָג עס געזונטערהייט. אויב דיר וועט שווער זײַן איבער־

צולייענען מײַן מאַמעס כתב, וועל איך עס טאָן. — שפרה גיט איבער לייבלען דאָס אײַנגעוויקלטע און דאָס בריוור־זײַטעלע.

— אַ גרויסן דאַנק, שפרה.

— און דו ווייסט דאָך, מסתם, לייבל, מאָרגן זונטיק, צוועלף אַזייגער בײַטאָג גייען מיר אַלע אומזיסט אין צירק.

— יאָ, איך האָב אויך אַ בילעט.

— גייסטו ? — פרעגט אים שפרה.

לייבל קווענקלט זיך: — דעם אמת גערעדט, האָב איך מאָרגן געװאָלט גיין צום האַפן, פאַרדינען.

— און איך האָב גערעכנט, אַז דו דאַרפסט יאָ גיין אין צירק — אַ סך גייען. ניט יעדן זונטיק וועט מען אונדז געבן אומזיסטע בילעטן אין אָדעסער ווינטער־צירק. אויסער דעם, האָב איך, גאָר פשוט געוואָלט זיך מיט דיר טרעפן, רײדן. מיר זײַנען שוין באַלד אַ חודש אין יעווראַמאַל און זײַנען מיט דיר גאַנצע טעג פאַרנומען — די אַרבעט און די לערע. וואָלט מאָרגן בײַ אונדז יאָ געווען אַזאַ מעגלעכקײַט, ווײַל מײַן חברטע, אירע עלטערן ווױנען ניט ווײַט פון דאַנען, פאָרט אויף זונטיק אַהיים, האָט זי מיר איבערגעגעבן איר בילעט, שכנישע ערטער, וואָלטן מיר געקאָנט זיצן צוזאַמען, אויב דו ווילסט...

— גוט, — זאָגט אַרויס דעם „גוט" לייבל זיכער.

— אָט האָסטו דעם בילעט, פאַרליר ניט און צעפּלאָנטער ניט מיט דײַנעם.

בײַ די ווערטער שפרהס קומען אַרײַן אירע חברטעס, מיט וועלכע זי ווױנט אין צימער — מלכה, פייגעלע און מירל.

— האָב איך אײַך דאָך געזאָגט, מיידלעך, — כאַפּט זיך אַרויס אויפן קול פייגעלע, — וואָס שפרה איז אַנטלאָפן, ניט געוואָלט וואַרטן אויף אונדז, האָט זי געהאַט דערבײַ אַ מיין...

— אַוודאי אַ מיין, — איז שפרה פייגעלען ניט שולדיק געבליבן, — אָן דעם מיין איז מען קיין מענטש ניט... באַקענט זיך, דאָס איז ער, לייבל גאָרעליק. מיר זײַנען ביידע בערעזאָווקער, געלערנט אין איין שול.

אין צירק

דער צירק איז פול געפּאַקט. שפרה און לייבל זיצן ניט זייער ווײַט פון דער אַרענע, אין דער 11טער ריי. שפרה איז אויפגערודערט, באַרוישט, אַ הייסע פריידיקײַט שטראָמט דורך אַלע אירע איברים — לייבל איז אין

צירק געקומען אַנגעטאָן אין איר טאַטע־מאַמעס נײַעם סוועדער, אויף אים — ווי אָנגעמאָסטן, פּאַסט אים זייער. איר בליק בלאָנדזשעט איבער די רייען, זי זוכט אירע חברטעס... די צו שטאַרקע שײַן פון די צענדליקער גאַז־לאָמפּן האָבן פאַרבלענדט... און זי קאָן זיי צווישן אַזאַ שלל מיט מענטשן ניט געפינען. זי וויל פרעגן לייבלען, צי באַמערקט ער ניט די יִנגלעך פון זײַן צימער?... נאָר ס׳לעשן זיך אײַנציקווײַז די לאָמפּן. אין ריזיקן זאַל ווערט האַלב־טונקל. אויף דער באַלויכטענער צירק־אַרענע מאַכט זײַנע ערשטע פריילעכע קאָזשעלקעס דער קאַטאָוועסניק, דער צירק־פּאַיאַץ, מיט דער געשוואָלענער, רויט־בלויע בולבע־נאָז פון אַ שיכור. ער איז אָנגעטאָן אין פיל קאָלירטע שמאַטע־קליידער, אין איין האַנט האַלט ער דעם גרינעם געשטריקטן באַבעלע־כאַפּער, אין דער צווייטער האַנט איז בײַ אים דער שפּיץ־שטעקן פון דעם בעזים, אויף וועלכן ער רײַט, פאָכעט מיט דער אויסגעפלאַכטענער גרינער נעץ, ווי מיט אַ בײַטש, קנאַלט צו מיט דער צונג, בײַ יעדן פאַך. ער לויפט אַזוי רונד־אַרום דער אַרענע, ביז ער קומט צו צו דער ראַמפּע, פאַרנייגט זיך פאַרן פּובליקום, מאַכט לצנישע העוויות, עפּעס זאָגט ער, צי ער זינגט אויס הייזעריק אַ קופּלעט, ס׳הערט זיך ניט בולט וואָס, נאָר סײַ־ווי מ׳לאַכט, מ׳אַפּלאָדירט...

— וויוואַט, קלאָון!

— אורא, סקאָמאָראָך! *

דער לץ באַוויזט ניט אָוועקצוקײַקלען זיך הינטער די קוליסן, ווי מען האָט אים שוין פאַרגעסן... אַלע האַלטן פאַריסן די קעפּ אַרויפצו — הויך־הויך אונטערן סאַמע צירק־קופּאָל, באַהעלט פון פּראָזשעקטאָרס, וויגן זיך, שווינדלענדיק פאַר די אויגן, אויף די הוידלקע־שטאַנגען, אַקראָבאַטן און אַקראָבאַטקעס... פון איין זײַט צירק־קופּאָל — פּאָרלעך, וואָס האַלטן זיך פאַר די וויג־שטאַנגען בלויז מיט די טראַט־ביינער, דער קערפּער און דער קאָפּ הענגט אויסגעשטרעקט אין דער לופטן אַראָפּ און די הענט זייערע זײַנען אויסגעצויגן פאַרויס אַרונטער... פאַרקערט, פון דעם אַנדערן זײַט קופּאָל — פּאָרלעך אַקראָבאַטן, וואָס שטייען געוויינטלעך מיט די פיס אויף די שטאַנגען און האַלטן זיך מיטביידע הענט פאַר די צוויי וויג־שטריק, וויגן זיך שטאַרק פאַנאַנדער, ביז זיי רײַסן זיך פּלוצעם אָפּ פון די הוידלקעס, פליִען, איבערדרייענדיק זיך עטלעכע מאָל אין דער לופטן און כאַפּן זיך אָן מיט די הענט, ממש, בלינדערהייט, פאַר די אויף אונטן, ווײַט־קעגנאיבער זיי אויסגעצויגענע הענט... דער עולם קוקט צו־געשמידט פאַרגאַפט... אוי... ווי, אַז די צוויי דלאָניעס מיט אַלע צען פינ־

---

* סקאָמאָראָך — רוסיש — לץ.

גער, פלעכטן זיך ניט צונויף מיט די אַנדערע צען פינגער, איז דאָך הימל עפן זיך... צעשמעטערט מען זיך פון דער ריזיקער הויך אויף דער האַרטער ערד... פון פחד כאַפּט זיך שפרה אָן פאַר לייבלס האַנט און לאָזט זי ניט אַרויס. און לייבל שושקעט איר אין אויער אַריין:

— מ׳איז פאַרזיכערט... אויף די לעדערנע גאַרטלען ביי יעדערן פון זיי, אַרום טאַליע, קוק זיך צו, זיינען אויף רינגען אָנגעהאָנגען שטאַרקע שטריק, וואָס ציִען זיך איינגעשרויפּט צום קופּאָל-באַלקן. און טאָמער פּאַסירט, מען מיידט זיך אויס מיט די הענט, בלייבט מען הענגען אין דער לופטן, ווי די קינדער-צאַצקעס — „די זיך צאַפּלענדיקע זשוקלעך״... און לייבל לייגט אַריין אין שפרהס וואַרעמער האַנט קאַנפעטלעך. זי פילט זיך ניט, אין דער טונקלעניש טוט זי זיי אויס פון איין פּאַפּירל און פונעם אַנדערן, נעמט זיי אין מויל אַריין און גיט דערביי אַ קלער: ווו דער־קאַזשעט ער אַזעלכע געשמאַקע צוקערקעס, וואָס צעגייען אַזוי גיך?...

אַרויסבאַגלייט מיט אַ פּליעסקעריי די געוואַגטע פּאַרלעך אַקראָבאַטן און ס׳צעהילכט זיך דער קבלת־פּנים טוש פונעם צירק־אָרקעסטער — אויף דער אַרענע טרעט אַרויף אַ בערן־קאַראַוואַן... דער פּאָדערשטער בער טראָגט הויך פאַרהויבן אויף אַ שטעקן אַ צוגעפּעסטיקטן שילד־פּלאַקאַט: „אַ גרוס אייך פון די הערן און מאַדאַמען בערן!״

דריי איינגעשפּאַנטע בערן טאַסקען אַ בויד. אויף דער קעלניע דער בער־איזוואָשטשיק האַלט ביידע ווישקעס אין דער לינקער לאַפּע, אויף וועלכער עס איז אָנגעטאָן אַ האַנט־זייגער, ווי אַ סקאָווערדע די גרויס...

פון די בויד־פענצטערלעך קוקן אַרויס באַברילטע בערעלעך אין טשעפּ־טשיקלעך מיט שפּיציק־געזוימטע קראַגעלעך אַרום האַלדז, עלעהיי פּריצישע טעכטערלעך... גלייך הינטער דער בויד שפּאַנט אַ בער מיט אַ ווייסער קוכער־היטעלע אויפן קאָפּ און מיט אַ ווייסן ברייטן שירץ אויף זיך, אין ביידע לאַפּעס — אַ ריזיקער קאָך־לעפל...

דער עולם לאַכט, פּאַטשט בראַוואָ.

לייבל שעפּטשעט שפרהן: — דאָס קאָך־לעפל איז קאָפּענע פון אונ־דזער סטודענטישער גאַרקיך...

הינטערן בער דעם קוכער, לויפט אַ רוישנדיקע מחנה בערן אין ציליג־דערס, פּרויען־היט, שוואַרצע, בורע, גרויע, ווייסע, פּאַרפּוצטע אין בונטע מאַסקעס, אין לאַנגע קליידער־זשופּיצעס, יפהפיעס־מאַדמואַזעלן, בערן, וואָס קייקלען קאָלירטע רייפן, בערן־מוזיקאַנטן מיט פּויקן און טרומייטן, אויף וועלאָסיפּעדן, פּריילעכע נפשות, געהאַרכזאַם די צירק־דרעסירער, וואָס גייען זיי נאָך פון דער זייט און מ׳הערט ניט און מ׳זעט ניט קיין זיך שלענגלדיקע, קנאַקנדיקע בייטשן... בלויז ביים סוף פון קאַראַוואַן,

באַוויַיזט זיך אַ פּיצל ליליפּוטעלע, וואָס שלעפּט נאָך זיך איבערן דיל אַ לאַנגן, לאַנגן בייַטש...

דאָס ליליפּוטעלע דערנענטערט זיך. זעט עס, ווי איינער פון די דרע־סירער ציט פאַרן אויער ניט קיין גרויסן בער און חזרט אים, ווי אַ לידעלע:

— וואַקס הויך

וואַקס הויך

הערט זיך צו דאָס ליליפּוטעלע און וואַרפט דעם בייַטש און וויל אויך ציִען דעם בער בייַם אויער. ער שטרעקט זייַן הענטל... נאָר קאָן ניט בשום אופן דערגרייכן... לויפט צו אים צו הילף דער צירק־פּאַיאַץ, כאַפּט אים אַרויף אויף זייַנע אַקסלען. דאָס ליליפּוטעלע איז גליקלעך־איבערגליקלעך — ער נעמט אָן דעם בער ביַים אויער, שרייַט באַגייַסטערט, פּונקט ווי ער וואָלט אַליין צו זיך מיט טיפער טרייסט געשריִען:

— וואַקס הויך

וואַקס הויך

צעברומט זיך מיט אַ מאָל דער בער... דערשרעקט זיך דער וויצליאַק־חוזקמאַכער, פאַלט פון זיין אַקסל אַראָפּ דאָס ליליפּוטעלע... לויפט דער לץ אַוועק... דאָס ליליפּוטעלע הויבט זיך קוים אויף, האַלט זיך, נעבעך, פאַר אַ פּיסל, ס'טוט אים וויי...

אַ צירק־מענטש שלעפּט פון הינטער די קוליסן פאַרן אויער דעם פּאַיאַץ צום ליליפּוטל:

— באַשטראָף אים, הער ליליפּוט! ראשית־כל פאַר פּחדנות. און פאַר דעם, וואָס ער האָט דיך פון אַקסל אַראָפּגעוואָרפן און פאַרשאַפט ווייטיק.

דאָס ליליפּוטל כאַפּט אָן דעם פּאַיאַץ פאַרן חוטם, בלייַבט אין זייַן הענטעלע שטעקן די גרויסע בלוי־רויטע בולבע־נאָז... דער לץ פאַרשטעלט מיט ביידע הענט זייַן אמתע נאָז, צעכליפּעט זיך:

— מייַן פּרנסה, איך האָב אין דער היים פינף קינדער... פּרעסערלעך...

דאָס ליליפּוטעלע קריגט אויף אים רחמנות, שטרעקט אים צוריק אויס די שיכורע נאָז: — נאַ, נאַ, וויין ניט...

...אויף אַ רגעלע ווערט פינצטער אין זאַל. ס'איז קוים באַהעלט די גרויסע, ברייטע צירק־אַרענע. פאַרשווונדן די פריילעכע בערן־מחנה... בלויז אין מיטן איז שטיין געבליבן פאַריתומט, ווי אין אַ מדבר איינינקער אַליין, דאָס אומגליקלעך ברעקל ליליפּוטעלע... נאָר אָט די פּראָזשעקטאָרס וואַרפן ווידער סנאָפּעס שייַן אויפן צירק־קופּאָל. אַ יונג ליכטיק געשטאַלט, אַ גראַציעזע שיינהייַט, דראַטן־גייערין, אַנגעטאָן אין אַ קלייד באַצירט מיט אָן אַ שיער שימערירנדיקע דימענט־שטערנדלעך, אויף אירע נאַקעטע גע־טאָקטע אַקסלען האַלט זי מיט ביידע הענט אַ לאַנגן שטאַנג, ווי אַ קאַראַ־

מיסלע, און נידערט פונעם הויכן קופּאָל איבערן אין דער לופטן אויסגע־צויגענעם דראָט, שאַרט זיך, גליטשט זיך טראָט ביַי טראָט אין אירע קליינע באַגילדטע שיכלעך, וואָס פינקלען אַרויס אונטער איר לאַנגן צויבער־קלייד. ס'וויגט זיך פּאַוואַליע אויף אירע ליכטיקע אַקסלען דער באַלאַנסיר־שטאַנג...

מיט שטויינונג, פאַרכאַפּטן אָטעם, קוקט דער מענטשן ערב־רב אויף איר יעדער מינדסטער וואַקל־באַוועגונג... אין צירק איז שטיל־שטיל, ס'הערט זיך ווי עס שורשען אירע קלייד־פאַלדן, דאָס שאַרן זיך פון די טופּעלעך איבערן געפּערלעכן דראָט.

...דער פּראָזשעקטאָר באַלויכט אויף דער אַרענע דעם ליליפּוט, וואָס האַלט פאַרריסן דעם קאָפּ אַרויף, אויסגעשפּרייט זיַינעביידע קליינינקע הענט, איז גרייט צו שטאַרבן, נאָר אונטערצוכאַפּן דאָס צויבער־מיידל. און פּלוצים ווערט די גאַנצע צירק־אַרענע פאַרגאָסן מיט שיַין, פון דער פאַרטונקלטער קופּאָל־הויך נידערט אין דער בלענדיקער ליכט אַראָפּ די כישוף־שיינע, יונגע דראָטן־גייערין און בליַיבט שטיין קעגנאיבער דעם ליליפּוטעלע מיט זיַינע ברייט־אויסגעשטרעקטע הענטלעך... מיט הייסער צערטלעכקיַיט נעמט זי אים אַרויף אויף אירע ווייסע פולע יונגע אָרעמס און קושט אים.

דער צירק־זאַל פּליעסקעט שטאַרק־שטאַרק.

און שפרה בויגט זיך אָן צו לייבלען, טוליעט זיך צו אים און שעפּטשעט:

— ס'רײַסט מיר דאָס האַרץ פאַרן ליליפּוטעלע... באַקומען אַ רחמנות־קוש...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

פאַרענדיקט די צירק־פאָרשטעלונג, דער געדיכטער עולם צעפּאַרעט פון דער דומפּיקער חמימה האָט אַ שפּאַר געטאָן אין געדרענג צו די פּיל צעפּראַלטע טירן — וואָס גיכער אָן אָטעם טאָן מיט פרישער דרויסנדיקער לופט. לייבל און שפרה האַלטן זיך ביַי די הענט, ניט צו פאַרלירן. שפרה פרעגט אים:

— וויפל קאָן שוין זיַין דער זייגער?

— מירן אַרויס, וועלן מיר אַ קוק טאָן אויפן הימל, וועלן מיר שוין, אָן ערך, וויסן.

הינטער זייערע אַקסלען האָט זיך עמעצער אַ חכמה געטאָן:

— ביַים בער אויף דער האַנט איז דער ריכטיקער זייגער... באַדאַרפט אַ קוק טאָן...

אויף דער גאַס האָט זיי באַגעגנט אַ שאַרפער גריַיפלדיקער שניי מיט אַ ווינט פון ים־זיַיט. די ערשטע דעקאַבער־פרעסט, דער הימל איז געווען

דורכאויס פאַרצויגן מיט וואָלקן־גרויקייט און ס׳האָבן זיך ניט געזען פון וואַנען סע שיטן זיך די שניי־גרײַפּלעך און צופן, שטעכן די באַקן. לייבל שטעלט זיך אָפּ:

— שפרה, ווו עסטו אין די טעג, ווען מיר אַרבעטען ניט און לערנען ניט?

— מיר גיבן זיך אַן עצה. אין אונדזער צוזאַמענוווינונג־צימער מיט די חברטעס, גרייטן מיר צו אַ קאַרטאָפּליעס־זופּ מיט אַ גרויסער ציבעלע, אַ פּאָר מערעלעך. און דערנאָך אַ גלאָז טיי מיט ברויט מיט פּאָווידלע. און דו, לייבל?

— איך? — די סטודענטישע פּאַרמאַכט מען זונטיק פריִער, האָב איך שוין אַהין פאַרשפּעטיקט. העד זיך איַין, קריוואָרוטשקאָ, איך בין מיט דיר אין צירק יאָ געגאַנגען, דאַרפסטו מיט מיר איצט אויך גיין.

— וווהין?

— דאָ ניט ווײַט פון דאַנען, ווען איך קער מיך אום צוריק פון דער אַרבעט אין האַפן, איז דאָ אַ קליינע סטאָלאָווע, דאָרטן איז שטענדיק אָפן, וועלן מיר עסן אַ הייסן באַרשטש, וואָליעס אַ באָרשטש...

— וועלכע וואָליעס?

— דער צירק האָט מיך צעטומלט, מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז איך האָב דיר שוין דערמאָנט וועגן דעם... קום, קאָרשט, מירן דאָ אַזוי שטיין, וועלן מיר פאַרפרוירן ווערן, — האָט לייבל זי אַ צי געטאָן פאַר דער האַנט...

נאָך האַלבן טאָג. אין דעם ניט גערעמען עס־צימער איז שוין געווען ליידיקלעך, בלויז בײַ אַ פּאָר טישלעך האָט מען געזען, בײַ איינעם פון זיי, משמעות, אַ טאַטע מיט אַ יִינגעלע. און אין ווינקל אַנטקעגן איז געווען אַ פרײַער טיש און לייבל האָט אָנגעוויזן שפרהן אַן אָרט ווו צו זעצן זיך און פאַרנומען דעם אַנדערן, נעבן איר. די אָפיציאַנטקע, אַ ייִדענע אין די מיטעלע יאָרן, אַ קורץ טונקל טיכל אויף אירע שוואַרצע זיך קרײַזלענדיקע האָר מיט קאַרע, בלישטשענדיקע אויגן. לייבל איז איר שוין באַקאַנט, איז זי צו צו זיי מיט נײַגער באַטראַכט שפרהן... האָט איר לייבל דערקלערט: — אויך אַ בערעזאָווקער, מיר לערנען זיך צוזאַמען אין יעווראַמאָל.

— זייער פײַן! — האָט באַגיטיקט די אָפיציאַנטקע, — וואָס? דער־לאַנגען דאָס זעלבע?

— יאָ, נאָר הײַנט — צוויי הייסע באָרשטשן מיט צוויי לאָקשן־באָב־קעס מיט ראָזשינקעס און, וואַרט, וואַרט. זײַט אַזוי גוט, מיט צוויי גלעזער קאָמפּאָט.

— מיט שוואַרצן ברויט, צי מיט ווײַסן?

— מיט ווײַסן — ווי זשע אַנדערש? — האָט ערנסט געזאָגט לייבל.

— אַוודאי, ניט אַנדערש, — האָט זי צו זייביידן אַ שמייכל געטאָן.
עס זעט זיך אָן, אַז זי איז דאָ די פּאַקטישע באַלעבאָסטע, צי געהילף־פּאַרוואַלטערין פון דער קאָאָפּעראַטיווער קליינער גאָרקיד, אויף איינעם פון די געסלעך, וואָס פירן צום אָדעסער האַפן...

ווען שפרה מיט לייבלען האָבן שוין געהאַלטן ביים קאָמפּאָט, האָט לייבל דערמאָנט שפרהן:

— אײַל ניט, אײַל ניט, מיר וועלן אינערגעץ ניט פּאַרשפּעטיקן, קיינער שטייט אונדז אויפן האַלדז ניט...

— אמת טאַקע, האָסט ריכטיק באַמערקט, איך אײַל, — האָט אַ שמייכל געטאָן שפרה, — צוליב צוויי זאַכן: מײַנע חברטעס וועלן זיך באַאומרויִקן ווו איך בין אַזוי לאַנג פאַרפאַלן געגאַנגען.

— וועלן זיי איינמאָל, נישקשה, דעם בולבע־זופּ עסן אָן דיר, — שלאָגט איר איבער לייבל.

— ניין, ניט נאָר צוליב דעם, ווי דו זאָגסט, בולבע־זופּ, מיר זײַנען שוין איינע צום אַנדערן צוגעוווינט, ווי אייגענע, ווי אין דער היים. און די צווייטע זאַך צוליב וואָס איך אײַל — איך בין פאַרט נײַגעריק צו וויסן, פאַר וואָס רופסטו דעם באָרשטש „וואַליעס באָרשטש”? — ווי איך פאַרשטיי, הייסט זי ניט, די אָפיציאַנטקע, וואַליע.

— ניין. דאַכט זיך, חנה. נאָר ווען זי זאָל יאָ אַזוי הייסן, רעדט זיך וועגן אַן אַנדער וואַליע.

— און וועגן אַן אַנדער באָרשטש, — גיט צו שפרה און האַלט אײַן איר שמייכל...

— יאָ, ניט וועגן דעם... איך קאָן דיר ,אויב דו ווילסט, דערציילן.
— דערצייל, לייבל...

בײַ וואַליען אין שטוב

— וואַליע איז דיווירטשאַפט־פאַרוואַלטערין פון בערעזאָווקער קינדער־היים. זי פירט אַרײַן פאַרן קינדער־היים פון די שטאָטישע באַזעס שפּײַז־פּראָדוקטן, נײַע מלבושים, לאַנדווירטשאַפטלעכע מכשירים פאַרן קינדער־היים גאָרטן, פאַרן סאָד, מאַטעריאַלן, אינסטרומענטן פאַרן אײַנבינדער־קרײַז, קרײַז פאַר אויסנייען און שטריקן, ספּאָרט־אינווענטאַר. וואַליע האָט צו טאָן מיט דער וועשערײַ, גיט אָפּ פאַרריכטן די צעריסענע בגדים, שוך־וואַרג, וועש און נעמט עס אָפּ צוריק. צוזאַמען מיט דער דירעקטאָרין

באַזאָרגט זי די קינדער מיט לערנביכער, לערן־מכשירים, מיט צאַצקעס פאַר די גאָר קלייניקע. וואָס נאָר דיר פעלט איַין צו פרעגן, געפינסטו אין וואָליעס שפּייַכלער.

ווען איך האָב אויפגעהערט צו גיין אין שול, האָט מיך די דירעקטאָרין, איך זאָל ניט פּוסט־און־פּאַסעווען, אָנגעלאָדן מיט אַרבעט אין קינדער־היים. און מיר איז דאָס גראַדע געפעלן געווען. און וואַליע איז צופרידן — זי האָט שוין מיר ניט זעלטן אָנגעטרויט אַליין צו פאָרן מיטן פורמאַן נאָך ברויט, גרינוואַרג אָו אַנדערע פּראָדוקטן, אָפּנעמען די וועש פון וועשערייַ. דאָס אַלץ איז געווען אויסער מייַן געוועגלעכער אַרבעט — אָנצושלעפּן וואַסער פאַר די וואַש־צימערן, אָנצוהאַקן האָלץ פאַרן קיך, — דאָס פלעגן טאָן אויך אַנדערע ייִנגלעך, אָבער איך פלעג אויך צולייגן אַ האַנט. שפּעטער האָט מיך די דירעקטאָרין געשיקט אויף דרייַ־חדשימדיקע שאָפער־קורסן. איך האָב זיי פאַרענדיקט, אָבער באַקומען אַ צייַגעניש צו פירן אַ לאַסט־אויטאָ — דאָס ניט. — האָט מען מיר געזאָגט, — נאָר דאַן, ווען ס׳וועט דיר ווערן אַכצן. — כאָטש נעם און מאַך פון דעם זיבן — אַן אַכט...

ביז איין מאָל, זומער־צייַט, — דאָס האָט געמוזט זייַן אַ דרייַ־פיר חדשים פאַר מייַן קומען אַהער, קיין יעוואַמאָל, זאָגט מיר וואַליע: — לייבל, איך וויל מיט דיר וואָס רײדן. כ׳האָב נעכטן געבראַכט מייַן מאַמען פון שפּיטאָל נאָך אַ געפערלעכער האַרץ־קראַנקייַט און די דאָקטוירים האָבן שטרענג פאַרזאָגט — „קיין שום שווערע אַרבעט, איבערהויפּט ניט צו הויבן שווערקייַטן און די ערשטע צייַט סטאַרען זיך ניט אָנצובויגן זיך און מערער רוען", מייַן מאַן איז ניט לאַנג אַוועקגעפאָרן קיין קיִעוו אויף יאָריקע אָפּיציר־קורסן. איך האָב אַ טעכטערל. און בין יעדן טאָג, ביז דרייַ אַזייגער אין קינדער־היים. און גיי דערנאָך אָפּנעמען מייַן מיידעלע פון קינדער־גאָרטן. בעט איך דיר — העלף מיר ,דאָס הייסט, העלפן דאַרפסטו מייַן מאַמען — אָנגיסן אַ פעסל וואַסער און צעהאַקן האָלץ פאַר דער פּליטע צום קאָכן, מייַן מאַמע וואָלט דיר שוין געזאָגט ווי אַזוי — קורצע שייַטלעך און קינעכלעך גרעבערע און דינערע. איך האָב פאַר דעם, ווי צו רײדן מיט דיר, געפרעגט ביי חאַסיאַ אַבראַמאָווענע. זי האָט גאָרניט קעגן, דו זאָלסט צוהילף קומען מייַן קראַנקער מאַמען.

— זאָג איך וואַליען: — איר האָט גאָרניט געדאַרפט פרעגן בייַ דער דירעקטאָרין. איך בין שוין ניט קיין קינד. איך וועל עס זיכער טאָן.

וואַליע האָט געוווינט ניט ווייַט פון קינדער־היים. האָב איך שוין יעדן טאָג זיך אַרייַנגעכאַפּט צו זיי — פאַרשטענדיקט מיט וואַליעס מוטער און אַליין באַטראַכט דאָס אייוועלע פון דער פּליטע, פון וועלכער לענג ס׳באַדאַרפן זייַן די קלעצלעך. פלעג איך צוגרייטן און אָנטראָגן פּונקט אַזאַ

בערעמיע מיט קורצע שײַטלעך און העלצלעך, אָנגשפּאַלטן קינעלעך און שפּענדלעך פון פאַרשידענע דינקײַטן און גרעבקײַטן. דערנאָך ברענגען אַ צוויי פּאָר וואַסער פון ברונעם, פאַרפולן מיט זיי דאָס הויז־פּעסל, אויפ־זידן דעם טשײַניק און דערלאַנגען דער קראַנקער אַ גלאָז טיי צום בעט. לאָזט זיך אויס, אַז איך האָב זי גוט געקענט אין פּנים נאָך פריִער, אָפּט באַגעגענען אין גאַס צוזאַמען מיט וואַליען, נאָר ניט אַ טראַכט געטאָן וועגן דעם, אַז דאָס איז איר מאַמע.

מיט אַ צוויי־דרײַ טעג שפּעטער האָב איך זיך פאַרהאַלטן בײַ וואַליען אין שטוב — געוועזן וואָס צו טאָן, — ביז דער צײַט, ווען זי איז שוין נאָך דער אַרבעט געקומען מיט איר מיידעלע פון קינדער־גאָרטן. האָב איך זיך באַקענט מיט איר טעכטערל, זינאָטשקע הייסט זי. איך האָב זי געהויבן אויף מײַנע הענט ביז צום באַלקן, געהאַלטן הויך־הויך און געוויגט. דאָס איז איר טעכטערל שטאַרק געפעלן, האָב איך איר צוליב געטאָן און ווידער געהויבן און געהושקעט און צוגעזונגען:

אוך, אוך,
זינאָטשקע איז לײַכט ווי פּוך!...

האָט מיך וואַליע און אויך איר מוטער, געבעטן, איך זאָל מיט זיי עסן וועטשערע. האָב איך דאַן דאָס ערשטע מאָל געגעסן בײַ זיי אַ באָרשטש. זינאָטשקע איז געזעסן נעבן מיר און געקוקט ווי איך עס. האָב איך איר געזאָגט: — זינאָטשקאַ, ועסטו אויפעסן אַלץ, וואָס אין טעלערל איז, וועלן מיר ווידער זינגען צוזאַמען דאָס לידעלע „אוך־אוך"... האָט זי מיך גע־פאָלגט און מיט פלײַס און אַפּעטיט אין איר טעלערל גאָרניט ניט איבער־געלאָזט. נאָך דעם האָבן מיר אַלע געטרונקען טיי און פאַרביסן מיט שטיקער „פּיראָג" — אַ מין געשמאַקער זיסער שטרודל. נאָכן עסן, וואַליעס מוטער איז אַוועק אין איר צימער רוען און מיר — וואַליע, זינאָטשקע און איך זײַנען אַרײַן אין אַן אַנדער צימער. זינאָטשקע האָט זיך מיט איר ליאַלקע געשפּילט נעבן איר וויג און וואַליע האָט בײַ מיר געפרעגט, צי געדענק איך מײַן טאַטע־מאַמע? — זאָג איך איר, אַז דעם טאַטן מײַנעם געדענק איך, זייער אַ הויכער, מיט שטאַרקע הענט, ער פלעגט מיך פאַ־נאַנדערוויגן ביז צום באַלקן, אָט אַזוי ווי איך האָב אויפגעהויבן זינאָטשקען. ער פלעגט מיך קיצלען און שטעכן מיט זײַנע באַוואַקסענע באַקן, פלעג איך שרײַען און קוויטשען: „טאַטע, מע דאַרף ניט!". און מײַן מאַמע קאָן איך זיך ניט דערמאָנען, זי זאָל מיך קושן, אפשר, ווען איך בין געווען גאָר אַ פּיצעלע — געדענק איך עס ניט. נאָר איין מאָל, ווען איך בין ניט געזונט געווען, געהאַלטן פאַרמאַכט די אויגן נאָר ניט געשלאָפן, און די

מאַמע האָט געמיינט, אַז איך שלאָף יאָ, — האָט זי מיך שטיל־שטיל ניט אויפצוּוועקן, געקושט...

— איך בין נאָך אַ ביסעלע געווען בײַ זיי און אַוועקגעלאָפן אין קינדער־היים. אויף מאָרגן אין דער פרי, האָט מיך וואַליע אויפגעזוכט:
— לייבל, פאַר מײַן אַרויסגיין פון שטוב, האָט מען אונדז געבראַכט פרישע טרוסקאַווקעס צו פרעגלען. טאַ קום שוין הײַנט בעסער אין אָוונט, ווען איך וועל שוין זײַן אין דער היים מיט זינאַטשקען, וועלן מיר צוזאַמען צוגרייטן די טרוסקאַווקעס, אָפּרייניקן זיי און גלײַך צוטרעטן קאָכן טרוס־קאַווקע־וואַרעניע אויף ווינטער. — גוט, — האָב איך אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— איך בין געקומען פּונקט צו זעצן זיך עסן וועטשערע. און ווידער — באָרשטש! אָט דאָן האָט זיך בײַ מיר אין זינען אַרויסגעכאַפּט — „וואַ־ליעס באָרשטש!”... זינאַטשקע איז שוין געזעסן נעבן מיר, זאָג איך איר: זינאַטשקע, מירן עסן פּאַוואָלינקע, לעפּעלע צו לעפּעלע, ביזן סאַמע סוף, וועלן מיר נאָך דעם... זאָגט זי מיר אונטער: — זינגען דאָס לידעלע „אוּך, אוּך”...

— אָן קיין שום צווייפל, — באַוואָרן איך זי.

און נאָכן עסן איז זינאַטשקע שוין געשטאַנען נעבן מיר און געוואַרט... איך האָב זי פולשטענדיק צופרידנגעשטעלט.

טרוסקאַווקעס זײַנען געווען אַ סך און וואַליע זאָגט: „מע קאָן רייניקן און אײַנצײַטיק עסן. ס'וועט קלעקן אויף פרעגלען”. — רייניקן טרוסקאַוו־קעס — אַ מאָרודנע אַרבעט. מע דאַרף דאָך פון יעדער יאַגעדע אָפּצופּן די וואָרצל־בלעטלעך, דויערט עס. ס'איז שוין שפּעטלעך און וואַליעס מוטער טאָר מען ניט זיצן בײַם טיש, מוז זיך לייגן אָפּרוען. און פאַרן מיידעלע איז די רעכטע צײַט — שלאָפן גיין. פּירט וואַליע איר טעכטערל צו פאַרוויגן זי. בלײַב איך אַליין, זעץ פאָר די אַרבעט, נעם ערלעך אַרײַן אין דער האַנט יעדע יאַגעדע באַזונדער, רײַס אַראָפּ די מיסט־בלעטלעך, קוק זיך אײַן, צי די יאַגעדע איז רונד־אַרום ריין און דאָן לייג איך זי אין דעם טעלער פון די ריינע, די צוגעגרייטע צום פרעגלען. הער איך, ווי וואַליע נערווירט זיך דאָרטן, פּרוּווט אָנשרײַען אויף זינאַטשקען. און גראָדע, אַז מען וויל אַ קינד פאַרוויגן, וואָס שנעלער, באַקומט זיך פּידרעך, דאָס קינד נעמט וויינען, זעצט זיך אַוועק אין וויג. די מאַמע באַפעלט: „לייג זיך די מינוט! פאַרמאַך די אייגעלעך!”. ס'העלפט ניט, ס'צעוויינט זיך שטאַרקער... האָב איך זיך אויפגעהויבן, אַרײַן אין וואַליעס האַלב־פינצטערן צימער, שטיל־שטיל צוגעגאַנגען צו איר שטול: — לאָזט מיך, וואַליע. — איך האָב זיך צוגעזעצט אויף איר אָרט און אָנגעוועגדט מײַן גאַנצן געדולד,

גנײטשאַפּט און בעריעשאַפּט אין פאַרוויגן אַ ברעקל־קינד... גענומען רויק־רויק ציִען דעם שוין מיר גוט־באַקאַנטן דאָרפּיש־פּויערישן ליו־ליו־ניגונדל. איך האָב דאָך זיך נאָך דעם ווי מײַן טאַטע־מאַמע און אַלע מײַנע היימישע זײַנען געשטאָרבן פון דער כאָליערע, עטלעכע יאָר, ביז ס׳איז געגרינדעט געוואָרן דער ברעזאָווקער קינדער־היים, געוואַלגערט אין ייִדישע און גוייִשע שטיבער און מײַן הויפּט־פּרנסה איז געווען בײַנאַכט ניאַנטשען עופּהלעך און בײַטאָג פּאַשען גענדז און קאַטשקעס. איז אויך זינאַטשקע נאָכגעקומען מײַן פאַרלאַנג און אין אַ ווײַלע אַרום שוין זיס־צופרידן אײַנגעשלאָפן. איך בין נאָך געבליבן זיצן אויפן שטול, צו זײַן לחלוטין איבערצײַגט, אַז זי שלאָפט. און דאַן, האָב איך דערהערט, ווי וואַליע דערנענטערט זיך צו מיר אויף די שפּיץ־פינגער, בויגט זיך אָן צו מיר, נעמט מיך אַרום, דריקט מיך צו צו זיך און קושט מיך שטאַרק, שטאַרק.

מיר האָבן דערנאָך מיט וואַליען צוזאַמען פאַרענדיקט די אַרבעט, צוגרייטן די טרוסקאַווקעס צום פּרעגלען. איך בין מיט איר געשטאַנען בײַ דער פּלאָמיקער פּליטע, געקוקט, ווי אַזוי עס טײַעט אין דער גרויסער בלאַנקענדיקער קופּערנער פּאַן די ווײַסע הרודע מעל־צוקער, ווי אַזוי וואַליע שיט אַרויף אויף דעם די טרוסקאַווקעס, זיי פּרעגלען זיך שוין... זי נעמט אַראָפּ מיט אַ לאַנגן הילצערנעם לעפל דעם זאַפּט־שוים אויף אַ טעלערל און מישט מיטן לעפל אין דער מעדניצע. איך לייג אונטער נאָך עטלעכע קלעצלעך אין דער פּליטע־הרובקע און לויף פון צײַט צו צײַט אײַנצוהאָרכן זיך, צי זינאַטשקע שלאָפט. ווען די וואַרעניע איז שוין פאַרטיק געווען, האָט מיר וואַליע געגעבן צו פאַרזוכן. איך האָב געבלאָזן אויפן לעפעלע, געבריט זיך און געזאָגט איר: ס׳איז גוט...

ווען לייבל האָט עס אַלץ איבערגעגעבן שפרהן, האָט ער ניט געקוקט אויף איר, פונקט ווי ער וואָלט עס האָבן דערציילט פאַר זיך אַליין, מיטן פאַרלאַנג צו זען לעבעדיק־נאָענט דאָס, וואָס ס׳איז שוין פאַרגאַנגען. און שפרה האָט די ערשטע רגעס ניט אַראָפּגענומען פון לייבלען איר בליק, נאָר וואָס בענטער ער איז געקומען צום סוף פון זײַן פאַרטרויען זיך, אַלץ הייסער האָבן געגומען פלאַמען אירע באַקן. זי האָט אים געהערט מיט אַלע אירע חושים, אַראָפּגעלאָזט די אויגן...

ניט שפרה און ניט לייבל האָבן ניט באַמערקט, ווי עס איז טונקל געוואָרן. די אָפּיציאַנטקע, אָדער געהילף־פאַרוואַלטערין, האָט שוין געהאַט אָנגעצונדן אַ לאָמפּ. זי איז צו צו זייער טישל:

— קינדערלעך, מען קאָן דאָך ניט אַלץ אָרומריידן פאַר איין מאָל. מאָרגן איז אויך בײַ גאָט אַ טאָג... איך באַדאַרף שוין פאַרשליסן די עסאַרניע...

ווען שפרה מיט לייבלען זײַנען פון דער וואַרעם אַרויס אויפן קאַלטן פּראָסטיקן דרויסן, האָט שפרה אויסגעשריען:

— אוי, ס׳איז שוין נאַכט... לייבל, לאָמיר לויפן...

באַגינען האָט זי מלכה געוועקט...

שפרה האָט אירע חברטעס דערציילט ווי ס׳איז געווען: אין צירק איז זי געזעסן נעבן לייבלען און נאָך דעם זײַנען זיי צוזאַמען געגאַנגען אין אַ סטאָלאָווע עסן וואַרעמעס. אָבער מיט דעם אַלעם, וואָס לייבל האָט זיך געטיילט מיט איר אין דער עסאַרניע, האָט זי פאַרטײַעט אין זיך... זי האָט לאַנג ניט געקאָנט אַנטשלאָפן ווערן אויף איר אײַזערנעם בעטל, געדרייט זיך אויף די זײַטן. ווי אין אַ רוישנדיקן בינשטאָק די בינען, האָבן מחשבות זיך אַרומגעטראָגן אין איר קאָפּ. פאַר אירע אויגן גיסן זיך צונויף די געשעענישן און די בילדער פון דער צירק־פאָרשטעלונג — דער פּאַיאַץ, דאָס ליליפּוטל, די דראָטן־גייערין, מיט דעם אַלץ, וואָס לייבל האָט איר דערציילט — וואַליע... איר מיידעלע... וואַליע מיטן לאַנגן לעפל אין דער מעדניצע פול מיט די זיך פּרעגלענדיקע טרוסקאַווקעס... שפרה זעט באַ־שײַנפּערלעך, ווי אַזוי לייבל פאַרוויגט דאָס מיידעלע, ווי אַזוי אין דעם האַלב־פינצטערן צימער דערנענטערט זיך צו אים אויף די שפּיץ פינגער וואַליע, נעמט אים אַרום און קושט. און אָט טראָגט זיך דורך פאַר איר בליק די שיינע דראָטן־גייערין... זי זעט, ווי אַזוי זי הייבט אויף און טוליעט צו זיך דעם ליליפּוט... קנוילן זיך, פּלאָנטערן זיך, מישן שפרהס געדאַנקען. זי פילט, אַז זי דרעמלט אײַן. און ווידער וואַכט זי אויף: „האָט לייבל ליב וואַליען?... טראַכט און בענקט נאָך איר? — אַ גויע, עלטער פון אים, האָט אַ מאַן... ווי אַלט קאָן זי זײַן? דאָס מיידעלע גייט אין קינדער־גאָרטן"... ביז שפרה שלאָפט אײַן.

באַגינען האָט זי מלכה געוועקט:

— שפרה, וואָס איז מיט דיר?

— אוי, — איז שפרה אין כעס אויף זיך אַליין, — פאַרשלאָפן... מלכה באַרויִקט זי, — ס׳טרעפט, ניט געפערלעך...

*

ס׳לויפן, ס׳טראָגן זיך די טעג און שפרה זעט ניט, באַמערקט ערגעץ ניט לייבלען. סוף דעצעמבער, דער טאָג איז קליין, אַ טל־מטרל, פינף אַזייגער איז שוין גוט־טונקל און מע צינדט אָן די לאַמטערן אויף די גאַסן.

זי קערט זיך צוריק מיט אירע חברטעס פון דער לערע נאָך אַכט און אָוונט און מע דאַרף באַוויַיזן וואָס איבערצוחזרן — צוגרייטן זיך צו די מאָרגנדיקע לימודים, ניט מאַרודיענדיק, אָפּקאָכן אַ קאַשע, אויפזידן אַ גלעזל טיי, פאַרריכטן עפּעס, פאַרצירעווען, אויסוואַשן אַ נאָזטיכל, — מע וויל דאָך זײַן אַן „אַקוראַטיסטקע". איז שפרה צופרידן, וואָס מלכה, פייגעלע און מירל דערמאָנען איר ניט לייבלס נאָמען. און, סוף־כל־סוף, וואָס האָבן זיי איר וואָס צו דערמאָנען? — יעדער איז פאַרנומען, אַזוי ווי זי אַליין, מיט זיך. אין דער פרי, פאַרלאָזט זי דעם צימער מיט אַ 15 מינוט פריִער ווי אירע חברטעס. איר בעקערײַ — אַ סך ווײַטער, ווי צו דער שנײַדער־פאַבריק. איז ווען שפרה גייט פאַרבײַ די צווייטע פאַראַד־טיר פון דעם ייִנגלשן צוזאַמענוווינונג, קאָן זי זיך ניט אײַנהאַלטן, ניט אויפהייבן איר בליק צו דער טיר — אפשר, וועט אין דעם מאָמענט אַרויס לייבל. ער דאַרף דאָך אין דער צײַט גיין לערנען זיך. האָט זי זיך גראָד די טעג ממש צונויפגעשטויסן פנים־אל־פנים מיטן קליינטשיקן גרשונדל, מיט דעם, וואָס וווינט מיט לייבלען אין איין צימער. שפרה האָט אים געזען דאָן, ווען זי איז מיטן בוכהאַלטער אַרײַן צו זיי אָפּגעבן לייבלען דאָס פעקל. האָט זיי גרשונקע באַגעגנט מיט די ווערטער: — „ער (געמיינט לייבלען) שלאָפט תמיד אײַן מיט אַ ביסן אין מויל, אַנדערש קלעפּן זיך אים די אויגן ניט צו" און זי האָט פאַרגעדענקט, ווי אַן אַנדער ייִנגל איז אויף אים, דעם קליינינקן אָנגעפאַלן — „גרשונקע מיט זײַנע חכמות"...

— אַגוט מאָרגן, גרשונקע, — האָט זיך שפרה גוטמוטיק צו אים אָנגערופן.

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, פאַרהויבן צו איר דעם קאָפּ: אַ־אַ־אַ! — דאָס מיידל פון לייבלס שטעטל? — זײַנען דען אין בערעזאָווקע אַלע אַזעלכע עוג־מלך־הבשנס ווי לייבל? — אונדזערע אײַזערנע בעטלעך שטייען לענגאויס דער וואַנט, איינע קעגנאיבער דער אַנדערע, איז ווייניק, וואָס זײַנע רגליים שפּאַרן זיך דורך דורך די אײַזנס פון זײַן בעטל, קריכט ער נאָך דורך מיט זיי דורך די אײַזנס פון מײַן בעטל און וויפל איך קאָרטשע זיך ניט אײַן אין דרײַען, זאָל זײַן, אַז איך בין ניט פון הויכן וווקס, — דערלאַנגט ער מיט זיי ביז צו מײַנע פּיאַטעס און קיצלט... און טענהט נאָך, אַז בעת ער שלאָפט, טראָגט ער ניט קיין אחריות פאַר דער אויפפירונג פון זײַנע פיס...

שפרה פאַרבאַהאַלט אין זיך איר שמייכל, איר אינטערעסירט עפּעס אַנדערש:

גרשונקע, דו לערנסט זיך אויך שלאָסערײַ?

— יאָ, וואָס איז דען?

— און אין שול ביסטו מיט לייבלען אין איין קלאַס ?

— אין איין קלאַס, נאָר איך זע אים דען ? — ער איז דאָך מער בײַם אָדעסער פּאָרט, ווי אין קלאַס. ער איז שוין דאָרט אַ פּאָלנער „בינדיוזשניק״. פאַרדינען, זאָגט ער, — איז ווייניק, מע דאַרף דאָ שאַרן מיט לאָפּעטעס... און קומען קומט ער פון דאָרטן פאַרליאַפּעט מיט מעל — ווײַס, ווי אַ ציג און פאַרשטויבט און פאַרפּאַראָשעט אונדז דעם צימער...

— איר מאַכט ווען צוזאַמען די לימודים, גרשונקע ? דו העלפסט אים אונטער ?

— וועלכע לימודים ? — איך האָב נאָך ניט געזען, ער זאָל עפּענען אַ העפט, נעמען דעם בלײַער אין האַנט... איך האָב מיך פאַררעדט. דער פעטער שנייער צופּט מיך פאַר די אויערן, — פאַרסכהכלט ער און לאָזט זיך לויפן.

— זײַ געזונט גרשונקע ! — האָט אים נאָכגעשריגן שפרה.

אַנטקעגן פראָסט

אין דורכגאַנג־קאָרידאָרל בײַם אַרויסגיין פון בעקערײַ, קוקט אַרײַן די מיליציאָניזירטע וואַך בײַ די אַרבעטער און אַרבעטערינס אין די רענצלעך, קלומקעס און קאָשיקעס, צי זיי האָבן ניט וואָס אַרײַנגעשמוגלט פון דער גרייטער פּראָדוקציע. גופא אין די צעכן איז ניט פאַרווערט צו פאַרזוכן, אַ נאַש טאָן, אויפעסן אַ פּלעצל, אַ בייגל, באַשמירן אַ פרישן אָקרײַטשיק מיט וואַרעניע, אַזוי צו זאָגן, אויף איין פוס, איבערכאַפּן, — אָבער אַרויסטראָגן וואָס פון בעקערײַ — שטרענג פאַרבאָטן. פאַקט מען עמעצן מיט אַ קויליטש, מיט אַ פּעקל ביסקוויט, שלײַדערט מען אַרויס פון בעקערײַ און ס׳דראָט נאָך טורמע...

די וועכטער קענען שוין אין פּנים שפרהען און די אַנדערע יעוורע־מאַלצעס. אַזעלכע, וואָס האָבן זיך אויסגעקליבן דעם בעקער־פאַך זײַנען ניט קיין סך. שפרה איז געוועזן די איינציקע קאַנדיטאָרין. מ׳האָט שוין געוווסט, בײַ זיי אין די רענצלעך — ביכער מיט העפטן. נאָך דער אַרבעט גייען זיי לערנען.

אַ וועכטערן זאָגט צו שפרהן :

— אַ בײַסיקער פראָסט הײַנט, נאָר טראָגסט, מיידל, אַ וואַרעם פּעלצל.

— מײַן מאַמען צו פאַרדאַנקען.

— פון וואַנען ביסטו ?

— אַ בערעזאָווקער, — ענטפערט שפרה.

שפרה איז אַרויס אויף דער גאַס, טוט אָן אַ הענטשיקל, דערקאַזשעט פון קעשינקע דעם אַנדערן, דערזעט זי אומגעריכט, פונקט אַנטקעגן זיך לייבלען. ער שטייט און קלאַפּט אַ שוך אין אַ שוך...

— וואָס טוסטו דאָ, לייבל?

— איך וואַרט אויף דיר.

— ווי אַזוי האָסטו זיך דערוווּסט, אַז איך אַרבעט דאָ?

— איך בין געווען בײַ אַן אַנדער בעקערײַ און פאַרשטאַנען, אַז דו אַרבעטסט אין דער...

— ס'איז דיר קאַלט?

— אַ ביסל...

— איך גיי דאָך, לייבל, אין שול.

— איך ווייס... שפרה לאָזט זיך גיין און לייבל גייט נעבן איר.

— וואָס האָט געטראָפן?

— גאָרנישט... שפרה, לאָמיר אַרײַן אין דער טשײַנע, אָנוואַרעמען זיך. איך בין שוין דאָרטן געווען, געקוקט דורכן פענצטער, מורא געהאַט איך זאָל דיך ניט פאַרהאַווען. — ער נעמט אָן שפרהן בײַ דער האַנט, זי ווערט זיך ניט און גייט מיט אים אַרײַן אין טייהויז. ער פירט זי צו צו אַ טישל:

— איין רגעלע, איך וועל צוטראָגן אַ פּאָר גלעזער טיי מיט קיכעלעך... אויב ניט, וועט מען אונדז בעטן מחילה פון דאַנען...

שפרה וויל אים וואָס זאָגן, נאָר ער איז שוין בײַ די געשטעלן. מ'גיסט אים אָן צוויי גלעזער טיי, מ'דערלאַנגט אים קיכעלעך, ער צעצאָלט זיך און איז שוין מיט דעם בײַם טישל.

— שפרה, פאַר וואָס זעצטו זיך ניט?

— איך אײַל, לייבל, אין שול און וויל ניט קיין טיי און קיין זיסוואַרג. ווהין דאַרפסטו איצט גיין, לייבל?

— איצט? — אינערגעץ ניט. איך דאַרף מיט דיר ריידן.

— צי קאָנסטו ניט זאָגן גלײַך וועגן וואָס?

— ניין...

— און נאָכן לערנען? אין צוזאַמענוווּנונג? — איך האָב דיך שוין אַזוי לאַנג ניט געזען...

— דאָרטן וועלן דאָך זײַן דײַנע חברטעס. איך בעט דיך, שפרה, לאָז דורך איין מאָל די שול צוליב מיר.

— איך האָב נאָך קיין איין מאָל ניט דורכגעלאָזט. אין מיטן דערינען ניט קומען צו די לימודים... און איך פיל, אַז איך טאָר דיר איצט ניט אָפּזאָגן, — און גיט צו מיט אַ שמייכל אין איר מויל-ווינקל:

— איך וועל אויך מוזן, לייבל, דורכלאָזן מײַן וואָרעמעס אין דער שול־סטאָלאָווקע פאַרן לערנען...

— וועגן דעם, זעסטו, האָב איך ניט אַ טראַכט געטאָן, קום צו חנהן!

— ס'איז ווײַטלעך און דיר איז קאַלט, נאָר ווייסט וואָס, זעץ זיך, טרינק אויס אַ גלאָז הייסע טיי, און דאָן וועלן מיר אַ לויף טאָן צו חנהן. איר גאָרקיך איז ווי אַ וואָרעמע ייִדישע שטוב.

— גוט, זעץ זיך אויך צו.

לייבל זופּט דעם טיי. שפרה זיצט קעגנאיבער, קוקט אויף אים, דער־לאַנגט אים אַ קיכעלע: — פּאַבײַס.

— ניין, — ער לייגט אַרײַן די קיכעלעך אין שפרהס רענצל, — אויף שפּעטער.

לייבל פאַרענדיקט טרינקען די גלאָז טיי, זאָגט צו אים שפרה:

— לייבל, ס'האָבן שוין בײַ דיר אויסגעשפּראָצט וואָנצעלעך אויף דײַן אויבערשטער ליפּ. אָן שטייט אַ טריומאָ־שפּיגל, קוק אַרײַן.

לייבל טאַפּט אַרום זײַן אויבערשטע ליפּ, איבערצײַגט זיך... שפרה מאַכט שפּאַס:

— גלויבסט ניט אַ שפּיגל און גלויבסט ניט מיר?

צעלאַכט ער זיך: כ'גלויב מײַנע אייגענע פינגער.

אין אַ ווײַלע אַרום זײַנען זיי שוין ביידע מיט צעפּלאָמטע אָנגע־פרוירענע באַקן געלאָפן אַנטקעגן דעם זיך שטאַרקנדיקן פראָסט דורך די געסלעך צום אָדעסער האַפן. לייבל האָט געריבן די הענט פון קעלט.

— פאַר וואָס טוסטו ניט אָן מײַן מאַמעס מתנה — די וואָלענע הענטשקעס?

— פרעג שוין בעסער ניט, שפרה. מע האָט זיי בײַ מיר אַרויסגע־שלעפּט.

— ווען? ווער?

— דער טײַוול ווייס...

ווידער ביי חנהן

געעפנט די טיר פון עסאַרניע האָט זיי אין פּנים אַ זעץ געטאָן אַ וואָרעמע פּאַרע מיט געדעמפּטע גערוכן פון מאכלים און פּאַטראַוועס.

— איך פרעג בײַ אים, קאַוואַליער מײַנער, ווו האָסטו אַהינגעטאָן די פײַנע בערעזאָווקער? — איינמאָל באַוויזן זי און האָדי, ניט שיין פון

דײַן זײַט, לײבל; זעצט זיך, מײַנע יונגע געסט, דײַן װינקל איז, לײבל, פרײַ, — אַזױ האָט זי באַגעגנט חנה די אַפּיציאַנטקע.

איידער זי האָט װענדנדיק זיך צו לײבלען אַרױסגעבראַכט — „װאָס? — דאָס זעלבע", האָט דאָס מאָל שפּרה אױפגעהױבן די האַנט, װי אין קלאַס, װען זי גיט צו װיסן דער לערערקע: „איך װעל זאָגן" און זי האָט זיך אָנגערופן צו חנהן:

— ניט קײן באָרשטש און ניט קײן לאָקשן־באַבקע מיט ראָזשינקעס. איך װאָלט איצט פון פראָסט מיט הנאה געגעסן מײַן מאַמעס אַ הײסן פּערלגרױפּענעם זופּ מיט פּאַסאָליעס, מ׳זאָל דאַרפן בלאָזן אױפן לעפל און דעם אַנדער מאכל — קאַרטאָפלנע לאַטקעס... אױ, דאַכט זיך, אַז איך האָב צופיל אָנגערעדט און ס׳ט קאָסטן טײַער...

— נײן, נײן, — האָט לײבל אונטערגעהאַלטן שפּרהן, — זאָל זײַן אַזױ! — און פאַרגעסט ניט, צװײ גלעזער קאָמפּאָט!

— גוט, קינדערלעך, אמת, אױף די לאַטקעס װעט איר דאַרפן צו־װאַרטן אַ צען — פופצן מינוט.

— מירן צוװאַרטן, חנה, ס׳איז בײַ אײַך װאַרעם און געמיטלעך, — איז שפּרה צופרידן, װאָס איר באַשטעלונג איז אָנגענומען. און װען חנה איז אַװעק צום קוכער און לײבל מיט שפּרהן זײַנען געבליבן בײם טישל, האָט ער אײַליק, פּלאָנטערנדיק, איבערשלאָגנדיק זיך אַלײן און איבער־חזרנדיק געװאָלט אױספּאַליען מיט אַ מאָל דאָס, װאָס האָט אים געצװוּנגען צו קומען הײַנט עקסטרע, צו שפּרהן, בײַ דער בעקערײַ.

— לײבל, געדענקסט דײַנע װערטער: „ניט אײַלן, בײַם עסן. קײנער שטײט דאָך ניט אױפן האַלדז". מכל־שכן בײַם דערצײלן, דאָס װאָס דו האָסט אין זינען, איך לױף דאָך ניט אַװעק... כ׳האָב שױן במילא באַשלאָסן דורכלאָזן הײַנט... זײַן מיט דיר.

— ביסט גערעכט, נאָר װי זאָגט מען עס דיר אַלץ מיט אַן אַנדער... הערזשע...

דעם צװײטן חודש, װי נאָך דער אַרבעט אױף דעם מעטאַל־זאַװאָד, גײ איך אַ טאָג אין שקאָלע און אַ טאָג צום פּאָרט לאָדװען שיפן. אגב, װײסטו אױך ניט, איך האָב דיר ניט דערצײלט, באַלד נאָך דעם, װי מע האָט מיך אין שלאָסער־צעך געהאַט צוגעפּעסטיקט אַלס לערנײַנגל צו אײנעם אַן אַרבעטער, איז פאַרבײַ מיר דורך יענער קאָמיסיע־מיטגליד, װעלכער האָט מיך דאַן כװאַטסקע אַ פּאַטש געטאָן איבער דער פּלײצע, לאָזט זיך אױס, אַז ער איז אױפן מעטאַל־זאַװאָד דער נאַטשאַלניק פון פּראָפּסאָיוז (פּראָפּפאַרײן). ער האָט מיך באַמערקט און דערמאָנט זיך: „אַך, דו ביסט עס, דער מאָלאָטאָבאָיעץ?" — אַנו, לאָמיר אָקאָרשט אַרײַן מיט

דיר אין דער שמידעריַ, — און אַוועק מיט מיר אַהין, מיך צוגעפירט צום האָרן. ביַי דער קאָוואַדלע איז געשטאַנען אַן עלטערער שמיד, גע־האַלטן מיט דער אָפּצווענגע פאַרקוועטשט אַ שטיקל איַיזן און אין דער צווייטער האַנט דאָס קליין דזינקענדיק העמערל. נעבן אים אַ שייגעץ, אויך אַזאַ לערן־ייִנגל ווי איך, מיטן גרויסן האַמער.

— משה, — האָט דער נאַטשאַלניק געזאָגט צום שמיד און באַוויזן אויף מיר, — אָט דער הויכער בחורעץ, ווי איר קוקט אים אָן, פאַר אים איז אָנגעמאָסטן דער שווערער האַמער, וואָלט איר שוין דאַן, משה, האָבן השגחה, ניט איבער איינעם, נאָר איבער צוויי לערן־ייִנגלעך, — און ביַי דעם פּרוּווט זיך דער פאַריין־נאַטשאַלניק אַ ווערטל־טאָן, — איר האַלט דאָך משה, ווי אונדז איז באַוווסט, פון דעם אייבערשטן און פון מצוות...

דער שמיד האָט דעם נאַטשאַלניק אויף זיינע „שטעך־נאָדעלעך" גאָר־נישט ניט געענטפערט. ער האָט אַ פרעג געטאָן ביי מיר: —

— ווי הייסטו?

— לייבל, — זאָג איך.

— ווער איז דיַין טאַטע?

ענטפער איך אים: — איך בין פון בערעזאָווקער קינדער־היים. — האָט ער ביַים שייגעץ גענומען דעם גרויסן האַמער פון דער האַנט און מיר אים אויסגעשטרעקט:

— דערלאַנג אַהערצו, — מיר אָנגעוויזן אויף דער קאָוואַדלע. איך האָב אַ הייב געטאָן דעם האַמער, געטאָן איין מאָל אַ זעץ, אַ צווייטן. משה האָט אַ קורצן מאַך געטאָן מיט דער דלאָניע, וואָס האָט באַטיַיט: — „גענוג!" און מיר אַ זאָגט געטאָן: — כוחות, בחורטשיק, קלעקט דיר. איצט דערלאַנג מיט שכל און מיט כוח צוזאַמען איבער אָט דעם שטיקל איַיזן, וואָס איך האַלט פאַרקוועטשט אין דער אָבצווענגע, — און עס אַוועקגעשטעלט אויף דער קאָוואַדלע.

— כ'האָב מיטן אויג צוגעמאָסטן, אַ הייב געטאָן דעם האַמער, אַראָפּ־געלאָזט איין מאָל, אַ צווייטן מאָל און אַ דריטן... און דער שמיד האָט מיר נאָך יעדן זעץ מיַינעם צוגעדזינקעט מיטן העמערל. איך האָב אַלע דריַי מאָל פּונקטאַלנע געטראָפן אין שטיקל איַיזן.

— רעכט, — האָט געפסקנט משה, — ס'וועט גיין! איך נעם אים!, — האָט ער זיך אַ קער געטאָן צום פאַריין־נאַטשאַלניק, — לערנען אַ ייִנגל פון אַ קינדער־היים האָט די ווערדע ניט איין מצווה, פּאַניע פּרעדסעדאַ־טיעל...

— לערן איך זיך, שפרה, ניט צו זיַין אַ שלאָסער, נאָר אַ געהילף ביַים שמיד — אַ האַמערקלאַפּער. און מיט מיַין אין שול גיין — איין

מאָל יאָ און איין מאָל ניט, ווען, פיל איך, מוזן נעמען אַ סוף. די ערשטע צײַט פלעגט מיך די קלאַסן־אָנפירערין צורו ניט לאָזן:

— פאַר וואָס ביסטו, גאַרעליק... נעכטן ניט געווען? וואָס שווײַגסטו?

— שטעל זיך גאַרעליק!

שטעל איך מיך און שווײַג ווידער. מינטערט זי מיך: „וואָס גלאָצסטו אויף מיר די אויגן? — איך האָב קיין טעות ניט, דאָס ביסט דו, גאַרעליק. איך דאַרף אָפּמערקן אין זשורנאַל די סיבה״.

עס איז דורך נאָך אַ פּאָר טעג. איך האָב ווידער געאַרבעט בײַם פּאָרט. בייגט זי זיך אָן צום קלאַס־זשורנאַל, צײלט די „פייגעלעך״:

— אומגעהערט! — רופט זי אויס אויפן קול פאַרן גאַנצן קלאַס. — דרײַ מאָל אין משך פון דער וואָך דורכגעלאָזן אָן שום סיבות. איך בין געצוווּנגען צו מעלדן דעם דירעקטאָר, מ׳וועט בײַ דיר, גאַרעליק, אַראָפּ־נעמען די סטיפּענדיע...

האָב איך אויף איר אָפּגעוואַרט אויף דער גאַס. זי איז אַרויס פון שול, כ׳האָב געזען, אַז קיינער איז דערבײַ ניטאָ, בין איך צו איר צו־געגאַנגען: — רעוועקאַ סעמיאָנאָווגאַ! דאָס בין איך, גאַרעליק. קיין עלטערן האָב איך ניט, איך בין פון בערעזאָווקער קינדער־היים. מיר גייט שוין דאָס אַכצענטע יאָר, אויף קיין הילף פון קינדער־היים, קאָן איך שוין ניט אויסרעכענען, פעלט מיר!... מוז איך צואַרבעטן — גיי איך צום אָדעסער האַפן, לאָדן שיפן. אויב איר וועט מיך יעדעס מאָל מאַטערן מיט די זשורנאַל־„פייגעלעך״, וועל איך אין גאַנצן אויפהערן צו גיין אין שול, — און בין נעלם געוואָרן פון אירע אויגן... טשעפּעט זי שוין מיך ניט, צי איך בין יאָ דאָ אין קלאַס, צי ניט, זי באַמערקט מיך ניט, בין איך דערפאַר דאַנקבאַר רעוועקען...

און מיר געפעלט, שפרה, די אַרבעט בײַם ים, גרוזעווען, לאָדעווען די גרויסע שיפן, לויפן איבער די זיך וויגנדיקע ברעטער, איינער הינטערן אַקסל פון אַנדערן, ווי אַ שורה געגנדז צום וואַסער, מיט אַ זאַק מעל, אַ זאַק צוקער אויף די פּלייצעס, טראָגן אויף זיך די פעסעלעך און קאַדקעס מיט פיש, אייל, ווײַן, שלעפּן אויפן קאַרק קעסטלעך, געפּעק און ווייס אַליין ניט, וואָס אינעווייניק איז — סחורה פאַר גאָר דער וועלט, דאָס אײַנעטמען אין זיך די ים־לופט, כלערליי גערוכן פון דעם, וואָס דו טראָגסט אויף זיך, דאָס אַרויפגיין אויף דער שיף, צו זײַן דאָרט אין די לאַנגע טונקעלע שיף־שפּײַכלערס, צוגויפלייגן איינס אויפן אַנדערן די פּראַכטן — די זעק, די פעסער, די קאַסטנס, זען ווי עס שווינדלען אַראָפּ און אַרויף, ווי צירק־אַקראָבאַטן איבער די זיך שלענגלענדיקע שמאָלינקע טרעפּלעך אָן אַ שיער מאַטראָסן אין די קײַלעכיקע ווײַסע

היטעלעך מיט די שוואַרצע עקלעך, ווי מײַזלעך, אויף די פּאָטיליצעס — און דו ווייסט ניט, ווער זיי זײַנען און אויף וואָס פּאַראַ לשון זיי ריידן. זיי שמייכלען צו דיר און דו שמייכלסט צו זיי... ציט מיך, ווי אַ מאַגנעט צום ים, צו די בריקלעך, וואָס הוידען זיך איבער די כאַוואַליעס, בײַם אַרויפשטייגן אויף די פּילגאַרנדיקע שיפן־מויערן און אויסער דעם, גלײַך נאָך דער האַרעוואַניע, באַצאָלט מען און, כמעט, שטענדיק באַטרעפט עס, ווי מײַנע אַ גאַנצע חודשדיקע סטיפּענדיע און אַמאָל, אַפילו, מער, קלעקט מיר בײַם צוריקקערן זיך פון פּאָרט אַרײַנכאַפּן זיך אַהערצו צו חנהן אָפּעסן צו זאַט און אין די אַנדערע טעג, ווען איך אַרבעט ניט בײַם פּאָרט, אויף צו קויפן זיך וואָס מיר ווילט זיך אויף וועטשערע. דאָרט בײַם ברעג, גרופּירט מען זיך אין קליינע חברעס. און תמיד, ווען איך קום אַהין, מע קען מיך שוין, רופט מע מיך צו: „קום חברהמאַן, מיט דײַנע פּלייצקעס צו אונדז!”. איצט אַרבעט איך שוין אין איינער און דער זעלבער חברה, מיט מיר צוזאַמען נאָך צוויי ייִדישע ייִנגלעך. ס׳אַרבעט אויך איינער אַן עלטערער גוי. זײַן זון, — האָט ער מיר דערציילט, — דינט שוין אַ יאָר אין דער אַרמיי. ער האָט נאָך אַ קלענערן ייִנגל פון אַ יאָר צען. איך העלף דעם גוי אַרויפהויבן אַ זעקל אויף זײַן אַקסל; די גרויסע בוטליעס אַרומגעפּלאָכטענע מיט לאָזע, אַרומגעדרייטע מיט שטרוי, די הויכע שווערע קאַנען־בידאָנען נעם איך אָן פּאָר איין הענטל, ער פּאָרן אַנדערן און מיר טראָגן עס צוזאַמען פון ברעג צו די בריקלעך, מיר העלפן איינער דעם אַנדערן אַרויפטאַסקען עס אויף דער שיף. אין רגעס ווען מיר רוען אָפּ, שמועסט ער מיט מיר, איז מיך מכבד מיט דעם, וואָס זײַן ווײַב גיט אים מיט זיך:

— שעם זיך ניט, עס, — האָסט דאָך ניט, ווער עס זאָל זיך זאָרגן וועגן דיר... ווער־ווער, נאָר איך פאַרשטיי דאָס גוט, אין דײַנע יאָרן בין איך אויך געווען אַזוי ווי דו...

דער גוי ווייס שוין וועגן מיר אַלץ, וועגן מײַן בערעזאָווקער קינדער־היים, וועגן די ייִנגלעך מיט וועלכע איך ווױן איצט אין צוזאַמענוווינונג־צימער, ער ווייס, אַז איך פאַרמאָג בסך־הכל צוויי העמדער און איין לײַלעך. ער האָט נאָך געוואָלט אומבאַדינגט זיך בײַ מיר דערוויסן, ווען איך בין דאָס לעצטע מאָל געווען אין באָד? ווּעמען איך גיב אָפּ וואַשן די וועש? איך האָב אים דערציילט, אַז אין קינדער־היים פלעגט אונדזער דירעקטאָרין חאַסיאַ אַבראַמאָוונאַ אַליין קאָנטראָלירן די ריינקײַט. מע האָט אונדז דאָרט צו דער צײַט געביטן דאָס בעט־געוואַנט און אַלץ מיט אַנאַנ־דער... נעכטן נאָך דער אַרבעט זאָגט ער מיר:

— גיי הײַנט ניט, גאָרעלאָוו, — איך הייס בײַ אים ניט גאָרעליק,

נאָר גאָרעלאָוו, — אין גאָרקיך, מיר פאָרן דאָך, במילא, מיט איין טראַמוויי־נומער, וועסטו אַרייַנגיין צו מיר — איך וועל דיך באַקענען מיט מייַן שטוב, מיט מייַן ווייַב און מיט מייַן קליינעם ייִנגל, מירן צוזאַמען אָפּעסן וועטשערע...

— אָ! חנה טראָגט שוין אונדז דייַן מאַמעס זופּ מיט פּאַסאָליעס. און איך זע שוין די פאַרברוינטע, צוגעפּרעגלטע לאַטקעס. נעם שוין, שפרה דעם לעפל אין האַנט...

...נאָר שפרה, וואָס האָט אָנגעשפּיצט געהערט לייבלען, איז פּלוצעם געבליבן זיצן אַ פאַרטראַכטע און ס׳הייבט זיך איר האַנט ניט צום לעפל... לייבל טוט זי אַ ריר בייַם אָרבל:

— שפרה, וואָס חלומסטו, ס׳וועט זיך אָפּקילן...

פרעגט זי אים: — ביסטו, לייבל, נעכטן געווען בייַם גוי?

— האָב געדולד, שפרה, אויך מיר חלומט זיך... איך זיץ אויף אַ שליטל ביים סאַמע אָנהויב באַרג און שאַר מיט דעם פוס... און כ׳פלי ווי אַ ווינטער באַרג־אַראָפּ, קוליע זיך איבער מיטן שליטל אין שניי... ווער אַ ווייַסער קוימענקערער...

...ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז שפרה וועט מיט חשק און אַפּעטיט עסן. זיצט זי פאַרזאָרגט, צו די לאַטקעס האָט זי זיך אַפילו ניט צוגערירט.

— וואָסער שליטל? וועלכער קוימענקערער? איך פאַרשטיי ניט, וואָס דו רעדסט צו מיר, נו, זאָג שוין לייבל, ביסטו נעכטן געווען בייַם גוי, פרעגט זי אים איבער.

— געווען, שפרה. ער האָט מיך אַרייַנגעפירט אין זייַן זונס צימערל:

— גאָרעלאָוו, — האָט ער מיר געזאָגט, — מע קאָן אַזוי פאַרפאַלן גיין... דאַרפסט האָבן אַ ריינעם געלעגער, גיין יעדע וואָך אין באָד, בייַטן דאָס העמד אויפן לייַב. וועסט נאָך באַוויַיזן, — האָט ער מיר דער־קלערט, — צו זייַן אַ מאַלאָטאָבאָיעץ. און איך ספק מיך, צי ס׳וועט פון דיר אַרויס אַ סטודענט... אין אַ יאָר, צי אין אַנדערהאַלבן אַרום מאָביליזירט מען דיך אין דער אַרמיי. אַרבעט דערווייַל בייַם האָפן, וועסט פאַר־דינען, אָפּשפּאָרן אַ פּאָר רובל, אָנטאָן זיך. ווויין דאָ אין צימערל, איך וועל בייַ דיר קיין סך ניט נעמען — אַ צענערל אַ חודש. מייַן ווייַב וועט דיר איבערוואַשן, וואָס מען דאַרף, וועסט זיך האַלטן ציכטיק, האָבן אַר־בעטס־קליידער. אַזוי מיין איך, גאָרעלאָוו .און ווייַטער — ווי דו פאַר־שטייסט...

— וואָסזשע טראַכסטו צו טאָן, לייבל?

— וויל איך דאָך וועגן דעם פרעגן בייַ דיר, שפרה...

שפרה האָט געשוויגן, אייַנגעשטאָכן מיטן גאָפּל אין אַ לאַטקע, דער־

נאָך מיט דער הענגענדיקער לאַטקע אויפן גאָפּל אײַנגעשטאָכן אין דער צווייטער — אַן אָקס אויף צוויי רעדער... אָוועקגעלייגט דאָס אויפן טעלער, אויפגעהויבן די אויגן צו לייבלען:

— דער גוי מיט וועמען דו אַרבעסט צוזאַמען איז אַן ערלעכער, גוטער מענטש! פאָלג אים! באַקומען האָט זיך אָבער, לייבל, ניט אַזוי ווי איך האָב מיר פאָרגעשטעלט. טאַטע־מאַמע האָבן דיר געשריבן: „דו ביסט דער שטאַרקערער, זײַ אונדזער טאַכטער אַ „זאַשטשיטע"... האָב איך געהאָפט... געטרוימט... און ניט פאַרשטאַנען, אַז גאָר פאַרקערט — איך האָב ניט געטאָרט פון דיר אָפּטרעטן, פועלן, דו זאָלסט זיך לערנען, העלפן דיר אין אַלץ... טראַכטן וועגן דײַן העמד... נאָר ווי אַזוי האָב איך עס באַדאַרפט טאָן? — ביז איך פלעג דיך דערזען... איך געדענק, ווי מײַן טאַטע פלעגט זאָגן וועגן דיר, בעת דו פלעגסט אַרײַן צו אונדז און מיר האָבן צוזאַמען געגרייט די לימודים: „אײנינקער אַליין געבליבן פון דער גרויסער ייִדישער משפּחה, די גאַרעליקעס..." און וואָס איז דער סוף, — לייבל? — ווערסטו אויס יעוורעמאַלעץ... פאַלסט אַרײַן אין אַ גויישער שטוב... ועסטו אַרײַנקומען צו אונדז אין צוזאַמענוווינונג? וועלן מיר זיך טרעפן?...

אין אַ זונטיק־אָוונט...

פעוורואַל. אין אַ זונטיקדיקן אָוונט האָט לייבל שטיל אָנגעקלאַפּט און אַרײַנגעקומען אין שפּרהס צוזאַמענוווינונג־צימער. געבליבן שטיין נעבן דער טיר, זיך ניט אַנטשיידן אַ טראָט צו טאָן נענטער. אַלע פיר מיידלעך — שפרה, מלכה, פייגעלע און מירל האָבן אָקאָרשט זיך געהאָט געזעצט עסן וועטשערע. אויפן טישל אַן איבערפולטער טעלער מיט אָפּ־געשיילטע הייסע קאַרטאָפליעס, ערשט אַרויסגעשאָטן פון טעפּל, אַן עדות דערויף איז געווען די געדיכטע פּאַרע, וואָס האָט זיך געהויבן איבערן טעלער און אַרומגעקוטעט מיט אַ נעפּל די גלאָז פון דעם דערביי־שטייענ־דיקן לעמפּל. אין צימער איז געוואָרן פון דעם טונקל. נעבן טעלער מיט די קאַרטאָפל — אַ היפּשער ספּאָדיק מיט זויערע אוגערקעס, אויף אַ האַנטעכל זײַנען געלעגן אַקוראַט אָנגעשניטן ריפּטלעך ברויט. יעדערע פון די מיידלעך האָט געהאַלטן אין דער האַנט, ווער אַ קרוזשקע און ווער אַ גלאָז מיט סראָוועטקע צו פאַרזופּן די גלײַקע קאַרטאָפל. מע האָט געגעדט צווישן זיך הויך, אויפן קול. פאַרטויבט האָט אַלעמען פייגעלע:

— שאַ, מיידלעך, אַ רעטעניש, וואָס פעלט אונדז צו דער שמחה?

ענטפערט איר מלכהלע: — פייגעלע, וואָס יעדערער פון אונדז פעלט, בעסער עס צו האַלטן אין זינען פאַר זיך.

— ניין, אָבער צו די קאַרטאָפליעס און אוגערקעס? — האָט זיך אײַנגעשפאַרט פייגעלע.

קומט שפרה מיט איר פשרה: — מיידלעך, זאָל עס אונדז אַלעמען צוקומען, וואָס אונדז פעלט אָן דער שמחה און מיט דער שמחה...

די ערשטע האָט באַמערקט דעם אַרײַנגעקומענעם מלכה.

— שפרה, זע, ווער ס׳איז אַרײַן... צו דיר, שפרה...

שפרה האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן פון אָרט, אַרומגעווישט די ליפּן און צוגעלאָפן צו לייבלען, זיך צוגעטוליעט צו אים. מלכה האָט בשעת מעשה מיט עפּעס אַ שמאַטקע געווישט דאָס לעמפּל-גלעזל פון דעם פּאַרע-שווייס, אַרויפגעדרייט העכער דאָס קנייטל. אין צימער איז געוואָרן ליכטיקער.

האָבן זיי אַלע מיט טשעקאַוועסט באַטראַכט לייבלען אַ שפּאָגל-נײַעם, ווי ערשט פון דער נאָדל אַרויס — אַ הויכער, ברייטאַקסלדיקער, אָנגעטאָן אין אַ שיינעם קורצן העל-ברוינעם ווינטער-מאַנטל, דער טונקל-ברוינער באַראַשקענער קאָלנער אָפן, דאָס אויערן-היטל ניט פאַרבונדן, פון דעם זעלבן קאָליר, וואָס דער מאַנטל-קאָלנער. דאָס קרעגעלע פון דער קאָסאָוואָראָטקע-העמדל ביז דער געמבע אַרומגעוויקלט אָקוראַט מיט אַ וואָלענעם באַרדאָ-שאַליקל, וואָס זעט זיך אַרויס פונעם אָפענעם מאַנטל-קאָלנער. די שוואַרצע הויזן אַרײַנגעטון אין נײַע שטיוול פון ווייכן, גוטן שפּיגל-לעדער און צו דעם אַלעמען באַשײַנען די יונגעטשקע פיין-אַרומ-ראַזירטע שוואַרצע וואָנצעלעך אויף דער אויבערשטער ליפּ זײַן ברייטן, העל-רויִקן פּנים.

שפרה און אירע חברטעס האָבן פאַרבעטן לייבלען, ער זאָל מיט זיי עסן.

— טו אויס, לייבל, דעם מאַנטל, — זאָגט אים שפרה. — ער נעמט אַראָפּ פון זיך דעם מאַנטל. שפרה ווײַזט אים אָן אויף אַ פרײַען אָרט בײַם טישל.

— אַ דאַנק! — ווענדט זיך צו אַלעמען לייבל. — איך בין זאַט און האָב אײַך געשטערט. ס׳ווערן קאַלט די קאַרטאָפליעס און איר וועט ניט קיין הנאה האָבן, — ווײַל וואָס איז אַ קאַלטע קאַרטאָפליע אין פאַרגלײַך מיט אַ הייסער? ! איך וועל מיט אײַך נאָך דעם טרינקען טיי, — און ער לייגט אַוועק אויפן טישל אַ פּאַפּירזעקל מיט קאָנפעטן. אָבער שפרה טראָגט אים צו אויף אַ גאָפּל אַ קאַרטאָפליע: — לייבל, הייס-פײַער! — און זי

גיסט אים אָן פון קריגל אין אַ גלאָז זויער־מילך, — פּאַרזופּ! מיט דיר וועט זיך אונדז עסן מיט נאָך מער אַפּעטיט.

— —

שפרהן האָט אַלץ שטאַרקער געשלאָגן דאָס האַרץ, זי האָט געאײַלט, נאָר יעדע זאַך איז איר צו דער האַנט אָנטקעגנגעקומען: די וואַרעמע שקאַרפּעטקעלעך אַרויפּציִען אויף די זאָקן, אײדער זי טוט אָן די שטיוול, די האָר־שפּילקע, אַרײַנצושטעכן אין אירע קוטשערלעך אויפן נאַקן, באַקוועמער, שענער אַרײַנגעמען זײַ אונטער איר פּוכיק־ווײַסן ווינטער־היטעלע, זי האָט אָנגעטאָפּט אין אירע פעלץ־קעשינקעס דאָס שפּיגעלע, די הענטשיקעס, די פּאַטשיילקע, עטלעכע מאָל מיט דער צונג באַפּײַכט אירע ליפּן און איז אַרויס צוזאַמען מיט לייבלען באַגלייטן אים.

בײַ דער דרויסן־טיר האָט זיי באַגעגנט אַ שײַנענדיקע פול־פולע לבנה. ס׳האָט זיי אַרומגעכאַפּט די פראָסטיק־שמעקנדיקע שנייִיקע ווײַס־קײַט. נעבן צוזאַמענווינונג האָט מען קיין מענטשן ניט געזען.

— לייבל, ווי געשמאַק עס סקיפּעט דער שניי, לאָמיר אַ ביסל שפּאַצירן.

— לאָמיר.

— ווי וויל עס אָטעמט זיך! סאַראַ גרויסע לבנה! — שפרה שטעלט זיך ראַפּטאָם אָפּ, קוקט אויף איר: — זי לאַכט... איך האָב פאַר איר, לייבל, קיין טראָפּן בושה ניט... — און זי נעמט מיט אירע דלאָניעס אַרום זײַנע בײדע באַקן, בויגט אים אָן צו זיך, זויגט זיך אײַן אין זײַנע ליפּן...,

— ווען דו ווייסט, לייבל, וויפל קושן ס׳האָבן זיך אָנגעקליבן אין מײַן האַרצן פאַר דיר! — און זי פאַלט צו ווידער צו זײַן ברוסט, נעמט אַרום זײַן האַלדז און גיסט זיך צונויף מיט זײַן שטײַפן מויל...

זײַ שפּאַנען ביז צום סוף פון דער באַזאַרנער גאַס אויף וועלכער עס געפינט זיך די צוזאַמענווינונג. זיי קושן זיך בײַ יעדן טראַט, קוויקן זיך מיטן געטראַנקען־געמיש פון שאַרפער פראָסטיקער לופט מיט זיסער ליפּן־זאַפטיקײַט. און די לבנה טרעט פון זיי מיט איר ליכטיקײַט ניט אָפּ.

— זי לאַכט ניט, — קערט אויס לייבל שפרה׳ס קאָפּ צו דער לבנה, — קוק זיך צו אויף טשעקאַוועס, — זי שמייכלט האַרציק, איר טוט הנאה, גלײַך ווי זי וואָלט צו אונדז געשעפּטשעט: „קושט זיך נאָך, נאָך, זאָל אײַך וויל באַקומען”, — און לייבל כאַפּט שפרהן אויף זײַנע הענט און דרייט זיך מיט איר אין מיטן דער פאַרשנייטער גאַס, טאַנצט אונטער דער געזילבערטער לבנה־שײַן...

בײַם אַרײַנגאַנג אין בשכנותדיקן ביעלינסקי־געסל, פרעגט ער שפרהן:

— איז דיר קאַלט? אָנרײַבן דיר די נאָז? דײַנע אויערן מיט אַ שניי־

קויל? — צעלאַכט זיך לייבל אויפן קול אין דער לבנה־נאַכט. פּלוצעם שטעלט ער זיך אָפּ:

— שאַ... שטילער. איך האָב גאָרניט באַמערקט... איך בין ווי דאָס פערדל, וואָס קומט אַליין צו דער סטאַדאָלע... כ׳שטיי דאָך ביים הייפל, וווּ איך ווין... זעסט, איבערן פּלאַנקען פון לינקס איז אין איין פענצטער ליכטיק, דאָרט איז דער צימער, ווו ס׳לעבן מיין באַלעבאָס און באַלעבאָסטע. דערביי איז דאָס חדרל, ווו ס׳שלאָפט זייער קליינער זון און דער אַנדערער פענצטער, ווו ס׳איז פינצטער, איז מיין צימער... דער באַלעבאָס מיט דער באַלעבאָסטע האָבן מיר באַלד פון אָנהויב פאַרזאָגט, אויב איך טראַכט ביי זיי זיין, זאָל איך קיינעם אין שטוב צו זיי ניט פירן — ניט קיין יינגלעך און ניט קיין מיידלעך... אין דער אַנדערער טייל פון שטוב, פון רעכטס, זעסט דאָרט, איז אויך אין איין פענצטער ליכטיק. אויך דאָרט וווינען רוסישע — אַ מאַמע מיט איר טאָכטער. דאָס מיידל לערנט זיך אין אַ ביבליאָטעק־טעכניקום און לויפט אַריין, אַוודאי, אַ מאָל פינף אַ טאָג, צו מיינע באַלעבאַטים, אַ קוק טאָן אויפן וואַנט־זייגער, וויפל ס׳האַלט דער זייגער... ס׳פאַרדריסט, וואָס כ׳קאָן מיט דיר ניט אַריין אין מיין צימערל. קום, שפרה, קום.

— וווהין?

— האָסט זיך פאַרחלומט... אַצינד וועל איך דיך באַגלייטן, ניט לאָזן ביינאַכט אַליין. איך בין דאָך דיין „זאַשטשיטע״, — האָט שמייכלענדיק צוגעגעבן לייבל.

ווען זיי זיינען שוין געווען ביי דער טיר פון צוזאַמענוווינונג, רוימט שפרה לייבלען אַריין אין אויער: — קום, לייבל, מאָרגן נאָך דער אַרבעט צו דער בעקעריי...

— מאָרגן ניט, שפרה. יעדער מאָנטיק בין איך אויף פאַרנעמונגען אין וואָיענקאָמאַט (מיליטערישער קאָמיסאַריאַט). איך בין דאָך שוין אַ „דאָ־פּריזיווניק״ — מען גרייט מיך שוין אין אַרמיי און פאַר פאַרשפּעטיקן אויף אַ מינוט אַפילו, באַשטראָפט מען שטרענג. דינסטיק, שפרה, גוט?

— גוט, לייבל, דינסטיק... דינסטיק, — זאָגט מיין מאַמע, — איז אַ מזלדיקער טאָג.

— —

מאָנטיק אין אָוונט, אין שול, אויף איינער פון די הפסקות איז שפרהן פּלוצעם דורכגעלאָפן אַ מחשבה — טיילן זיך מיט מלכהלען — אוי, ווי שווער איז צו פאַרבאָרגן אין האַרצן די אייגענע פרייד — דערציילן איר, וואָס זי האָט פאַרטראַכט: „מאָרגן ניט קומען אויף די לימודים — נאָך דער

אַרבעט, גלײַך פֿון דער בעקערײַ גײן מיט לײבלען אין צוזאַמענוווינונג, זײַן מיט אים כאָטש אײן מאָל באַצװײט אין צימער, ביז זײ װעלן זיך אַלע צוריקקערן פֿון שול, װײַל סוף־כּל־סוף האָט זי ניט, װוּ זיך צו באַגעגענען מיט אים, סײַדן אױפֿן פּראָסט, אָדער אין אַ גאָרקיך אין דער הו־האַ טומ־לעניש... זי דאַרף זיך נײטיק מיט אים דורכשמועסן, אױסקלאָרן פֿאַר זיך אַ סך זאַכן..." איז איר פֿון דעם געדאַנק הײס געװאָרן, דערשראָקן זיך און האָט אים תּיכּף לחלוטין אָפּגעװאָרפֿן — צוליב װאָס מוז זי עס טאָן?
—מלכּהלען האָט זי ליב, נאָר מלכּהלע קען דאָך, ס'איז ניט אױסגעשלאָסן, מאָרגן בעת די לימודים, אָדער אױף אײנער פֿון די הפסקות, האַלב אין שפּאַס אַרײַנשושקען, אױב ניט דער פֿלאַפּלערין פֿײגעלען, איז אָבער מירלען יאָ: „דו װײסט, מירל, װוּ אונדזער שפרה איז איצט — אין דעם געגעבענעם מאָמענט? — מיט לײבלען אין אונדזער צוזאַמענוווינונג־צימער..." און זאָל אַפֿילו זײַן אַז מלכּהלע װעט עס ניט טאָן, טאָר זי איר פֿערזענלעכן סוד פֿאַר קײנעם פֿון איר מױל ניט אַרױסברענגען. ערשטנס, איז זי נאָך ניט זיכער, צי לײבל װעט מאָרגן נאָך דער אַרבעט, באַגעגענען זי, — מאַלע־װאָס קאָן נאָך בײַ אים טרעפֿן. און זי װעט אין די אױגן פֿון אירע חברטעס בלײַבן װי אַ נאַרישע באַרימערין... בלױז פֿון איר מאַמען, װען זי איז דערבײַ, װאָלט זי גאָרנישט ניט פֿאַרטײַעט. — מאַמע, — װאָלט זי איר פֿרעגן, — זאָל איך הײַנט גײן מיט לײבלען אין צוזאַמענוווינונג־צימער? פֿאַרברענגען מיט אים אױג־אױף־אױג?...

און װען שפרה איז מיט עטלעכע מינוט שפּעטער געזעסן אין קלאַס אױפֿן לימוד ייִדיש און די לערערין האָט פֿאַר זײ פֿאַרגעלײענט פֿון כרעס־טאָמאַטיע אַן אױסצוג פֿון יצחק לײבוש פּרצעס דערצײלונג „דער משולח", האָבן שפרהן, װי אין אַ װיװגע־זאַװיערוכע פֿאַרטראָגן די אײגענע מחשבות: „די מאַמע איז טאַקע איצט דערבײַ מיט איר נישטאָ, זי איז אין בערעזאָװקע, אָבער אין דמיון איז זי איצט פּנים־אל־פּנים מיט איר און זי װאַרט, װאָס די מאַמע װעט אױף איר פֿראַגע ענטפֿערן"... און ס'נעמען זיך מישן אין אירע אױערן דער לערערינס קול, װאָס לײענט פֿון דער כרעסטאָמאַטיע און איר מאַמעס... און דער לערערינס קול הערט זי שױן ניט און ס'פֿאַר־שװינדט פֿון אירע אױגן דער קלאַס מיט די שילער... זי זעט פֿאַר זיך דער מאַמעס בליק און הערט אױספּירלעך־קלאָר דער מאַמעס קול, יעדעס װאָרט: „גײ מײַן טאָכטערקע, זײַ מיט אים אין צוזאַמענוווינונג־צימער. ער איז ניט קײן גזלן און װעט דיר קײן שלעכטס ניט טאָן. נאָר פֿאַרגע־דענק, שפרהלע, פֿון דיר אַלײן איז אָנבאַלאַנגט: אונדזער און דײַן כּבוד. דו האָסט נאָענט אין בערעזאָװקע טאַטע־מאַמע. און אױב דאָס איז אַ באַ־שערטע זאַך — ער האָט קײן עלטערן ניט — קאָן עס געשען נאָר אין

אונדזער שטוב — נאָך דעם, ווי איר וועט געזעצלעך חתונה האָבן. חס וחלילה, ניט אַנדערש״.

...די לערערין רײַסט איבער דאָס לייענען, וואַרפט אַן אויפמערקזאַ־מען קוק אויף אירע שילערינס, באַמערקט זי דאָך גלײַך:

— שפרה קריוואָרוטשקאָ! — רופט זי אויס, — ס׳איז איבעריק צו פרעגן בײַ דיר, הערסט דאָך קיין איינציק וואָרט ניט. ביסט ווידער צע־חושט, פאַרטאַראַמט...

שטעלט זיך אויף שפרה: — יאָ, לערערין, איך בין זיך מודה, פאַר־טאַראַמט... נאָר דעם „משולח״ ווייס איך גוט, איך האָב די דערציילונג עטלעכע מאָל געלייענט פון אָנהויב ביז צום סוף און קאָן זי פאַר אײַך איבערדערציילן...

✶

איז דער דינסטיק ניט אומזיסט אַ גוטער טאָג — געפּלאַצט דער פּראָסט, שײַנען אויף דער וואַרעמער זון, ווערן צעשמאָלצן אַזש פון נחת אײַז־ליכטלעך פון באַליביקער גרויס, קאָפּ־אַראָפּ פון די סטרעכעס. און שטי־פערלעך־קונדייסים, וואָס קערן זיך שוין צוריק אַהיים פון די שולן מיט די רענצלעך און פאַרשידנקאָליריקע טאָרבעטשקעס אין די הענט און אויף די פּלייצעס, שפּרינגען אונטער, אַראָפּצוקלאַפּן פון די שינדל־דעכלעך די שפּיצן פון די שטראַליק־פינקלדיקע טריפלקעס און אײַזצעפּלעך, נעמען עס מיט שקאָצערײַ אין מויל אַרײַן און זויגן, פּאַסמאַקעווען זיך, גלײַך ווי ס׳וואָלט געווען די זיסטע צוקערקע, אָדער מאַראָזשענע.

גייט פאַרבײַ דער הויכער לייבל, זעט עס, בלײַבט ניט גלײַכגילטיק צו דער קינדער־פרייד אינעם נאָכגעלאָזטן פּראָסט, פּלוצעם וואַרעם־גע־וואָרענעם ווינטער־דרויסן, גיט אַ שטרעק זײַן האַנט, ברעכט אָפּ פון סטרעכע אַ לאַנגן אײַז־ליכטל, וואָס זעט אויס ווי אַן אָפּיצירישׁ שווערדל פון פאַרגאַנגענע צײַטן און שפּאַנט מיט דעם צו דער בעקערײַ...

...און שפרה שטייט אָפּ דעם גאַנצן פרימאָרגן, ווי אויף שפּילקעס, אַ פאַריאָגטע בײַם קאָנדיטאָר־טיש, רעדט מיט קיינעם פון די אַרבעטערינס קיין וואָרט ניט, קנעט אין געאײַלעניש אין די הענט די אָפּגעצופּטע שטי־קער טייג, רונדיקט, פאַרטיקט די בולקעלעך, באַשיט זיי מיט צוקער און צימערינג, גיט זיי אַ שמיר מיטן פּענדזעליק, אײַנגעטונקט אין שיסעלע אייל און לייגט זיי גיך אויס אין די בלעכענע פורעמס און שטופּט אַוועק מיט האַסט צו די צוויי בעקערס, וואָס שאַרן עס אַרײַן אין די צעגליטע אויוונס... בעת איר נשמה רײַסט זיך פון צער, דער אומגעדולד, דער אומרו צעשפּאַרט איר יונגע ברוסט. קוים דערוואָרט זיך אויף דער רגע, ווען זי

מעג שוין אַלס לערן־מיידל פאַרענדיקן די אַרבעט, וואַרפט זי שנעל־שנעל איף זיך אַרויף איר פעלצל און, ממש ווי אַ דולע, לאָזט זי זיך לויפן מיטן ביכער־רענצל אין האַנט צום אַרויסגאַנג־קאָרידאָרל...

און ווען זי דערזעט לייבלען, שטעלט זי אַוועק ביי אירע פיס אויפן שניי דאָס ביכער־רענצל און טוט אָן, ווי ס׳באַדאַרף צו זיין איר פעלצל, פאַרקנעפלט עס אויף אַלע קנעפלעך.

לייבל באַמערקט: — שפרה, ס׳איז זייער וואַרעם, אָן אַדליגע! אַזאַ שיינער טאָג! איך וועל דיך באַגלייטן ביז צום סאַמע יעוואַמאָל, איך דאַרף...

— וואַרט צו, לייבל, קום אַ ביסל אָפּ אין אַ זייט... ווייסט וואָס איך האָב פאַרטראַכט?...

זיי גייען ביידע אָפּ פון דער בעקעריי און לייבל פרעגט זי: — וואָס, שפרה?

— דו שטויסט זיך ניט אָן? — שמייכלט זי צו אים און נעמט אים אָן מיט צערטלעכקייט ביי דער האַנט.

— ניין, שפרה...

— איך וועל היינט זיין מיט דיר אין צוזאַמענוווינונג־צימער ביז אַכט אין אָוונט, ווען עס ענדיקן זיך די לימודים און די חברטעס קערן זיך צוריק פון שול. ביסטו צופרידן?

— איצט איז, שפרה, ווויל און ליכטיק אין דרויסן, וואָס זאָלן מיר זיצן ביז ביינאַכט אין צימער? — און דו האָסט מיך איבערגעשלאָגן, איך האָב דיר געוואָלט זאָגן, איך דאַרף היינט זיין אין דער שול־קאַנצעלאַריע אָפּצונעמען מיינע פאַפּירן. מ׳האָט מיר נעכטן אין וואָיענקאָמאַט געהייסן ברענגען מיין צייגעניש, ווו ס׳איז קאָנטיק, אַז איך האָב זיך געלערנט אין זעקסטן קלאַס און נאָך מיינעם אַ פּאַפּיר, וואָס געפינט זיך אין שול, אַז איך האָב באַזוכט שאָפער־קורסן. דאָס דאַרף איך אויך אָפּטראָגן אין וואָיענקאָמאַט.

— דאָס מוזסטו היינט תיכף טאָן?

— מען האָט מיר ניט געזאָגט תיכף, נאָר צוליב וואָס דאַרף איך עס אָפּלייגן? איך בין דאָך במילא נישט געגאַנגען היינט צו דער אַרבעט. אויסער דעם, איך האָב דאָך ניט געוווּסט וואָס דו האָסט פאַרטראַכט, האָב איך צוגעזאָגט דער שכנה, וואָס וווינט אין דער אַנדערע העלפט שטוב, העלפן צו פאַרפעסטיקן די שטיפטן פון די ענגער־העלצלעך אין איר געקויפטן אַלמער. פאַרשטאַנען?

— פאַרשטאַנען, לייבל, — איז שפרה מטושטש, ווי פאַרלוירן, — וועל איך גיין אין שול...

און שפרה לאָזט זיך גיין...

— איַיל ניט, שפרה, האָסט נאָך אַ סך ציַיט...

— יאָ, לייבל, איז דאָך טאַקע זייער ריכטיק, ווען מען זאָגט — אַ מענטש טראַכט און גאָט לאַכט... און איך האָב גראָד נעכטן, ווען איך האָב זיך צוריקגעקערט פון יעווראַמאַל, באַקומען אַ פּעקל פון דער היים. מיַין מאַמע האָט מיר געשיקט געשמאַקע זאַכן — אַ וויַיסן טרוקענעם קעז, אַ סלאָיטשעק מיט גריבענעס, אַ געפּעקלטן צונג, און פרישע המנטעס און אינגבערלעך און מאָנעלעך. האָב איך דיך געוואָלט לייבל, מיט דעם אַלע־מען מכבד זיַין און מיר וואָלטן זיַין צוזאַמען.

— המנטעס? — הזרט איבער לייבל, — עס איז דען שוין פּורים?!

— איך ווייס ניט, נאַר, אַז די מאַמע האָט מיר געשיקט המנטאַשן, איז מסתם נאָענט פּורים.

— שפרה, איידער איך בין אָנגעקומען אין בערעזאָווקער קינדער־היים, מיר איז שוין דאַן געווען צען־עלף יאָר, האָב איך געלעבט ביַי אַ בערע־זאָווקער שוסטער. ער האָט געהאַט צוויי יינגלעך און פיר מיידלעך. פלעג איך דער באַלעבאָסטע העלפן ניאַנטשען די עופהלעך און טאָן אין שטוב אַלץ וואָס מען פלעגט מיר הייסן. געדענק איך — פּורים איז געווען פון מיַינע באַליבטסטע יום־טובים. דער באַלעבאָס פלעגט מיך מיט זיַינע צוויי יינגלעך מיטנעמען אין שול אַריַין צו דער מגילה. דאָס עלטערע יינגל זיַינער איז געווען אַזוי גרויס ווי איך, האָט ער פאַרמאָגט אַ גראַגער, וואָס מ׳האָט געדאַרפט ראָלן צווישן די דלאָניעס און דער אַנדערער, נאָך גאָר אַ פּיטשינקער האָט געהאַט אין זיַין רשות אַן איינפאַכערן „אינסטרומענט” — אַ קאַלאַקאָטקע. און ביַי יעדן ניַיעם „המן”, האָב איך באַדאַרפט ביַי זיי מיט גוטן, צי מיט בייזן, אויסקליאַנטשען — אַ רויש טאָן מיטן גראַגער, אָדער אַ טראַסקע צו טאָן מיט דער קאַלאַקאָטקע. פלעג איך ביַים עלטערן פּרוּוון אַרויסריַיסן מיט כוח דעם גראַגער פון זיַין האַנט, פלעגט ער מיך סטראַשען: „איך וועל דערציילן דעם טאַטן”. און דאָס קליינע שמענדריקל פלעגט אויפהייבן אַ געוואַלד: „איך גיב ניט! מיַין קאַלאַקאָטקע!...” אָבער אַז מיר פלעגן זיך צוריקקערן אין שטוב, בין איך ביַי דער באַלעבאָסטע געווען אַ גליַיכער יחסן מיט אירע זעקס קינדער און ביַים פאַרטיילן די „המנטעס”, די מאָנעלעך און אינגבערלעך, פלעג איך באַקומען דעם זעלבן חלק וואָס אַלע. „זולל־וסובאניקעס”, — פלעגט זי שריַיען, — לייבל איז ביַי מיר מער אָנגעזען פון אייך, עס קומט אים!”. דער צווייטער ליבער יום־טוב מיַינער איז געווען שמחת־תורה — דער שוסטער און זיַין וויַיב מיט זייערע זעקס קינדער און מיט מיר דעם זיבעטן, פלעגן מיר שטיין ביַי די הקפות, אירע צוויי פּיצלעך מיידעלעך פלעגט די שוסטערקע האַלטן

אויף די הענט און די עלטערע, מאַריאַשינקע, האָט זיך אויף די שפּיץ־פינגער געצויגן אַ קוש צו טאָן מיט די ליפּן יעדע ספר־תורה, ניט דורכלאָזן קיין איינע און רייצן זיך מיט מיר: „אַהאַ, לייבקע, איך האָב אַ קוש געטאָן און דו ניט"...

געקומען אַהיים, פלעגט דעם שוסטערס ווײַב מיט פרייד אַלע אירע קינדער און אויך מיר טיילן די מתנות און מיך האָט זי קיינמאָל ניט באַוואָלט. דו הערסט מיך, שפרה?..

— יאָ, לייבל, נאָר וואָס איז מיר נישט קלאָר געבליבן, וועגן וועלכער שכנה רעדסטו און וועגן וואָסערן אַלמער?

— אַ... איך האָב דיר ניט דערציילט, די שכנה דאָס איז די מאַמע פון דעם מיידל.

— ווייס איך, די וואָס לערנט זיך אין ביבליאָטעק־טעכניקום...

— יאָ, יאָ. אַנומלט, מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק, איז איר מאַמע אַרײַן צו אונדז, איך און מײַן באַלעבאָסטע זײַנען געווען אין שטוב, רופט זי זיך אָן: — מ'האָט איר איצט אויף אַ פורל געבראַכט אַן אַלמער, — בעט זי מיך, איך זאָל אַזוי גוט זײַן, העלפן איר און דער טאָכטער, צוזאַמען אַרײַנטראָגן דעם אַלמער אין דירה. דעם אַלמער האָבן מיר אַרײַנגעשטעלט אין דער טאָכטערס צימערל. האָבן זיי מיך באַדאַנקט.

פרעגט שפרה און קאָן ניט אויסבאַהאַלטן דעם שמייכל אויף אירע ליפּן: — האָט מען דיך, לייבל, פאַרבעטן צום טיש עסן...

— אַ באַרשטש, ווילסטו זאָגן, — האָט ווי פון זיך אַליין אַ לאַך געטאָן לייבל, — ניין, ניט אײַנגעלאַדן, ווײַל וואָרעמעס עס איך יעדן טאָג מיט מײַנע באַלעבאָטים נאָך דער אַרבעט.

— איצט, פאַרשטיי איך שוין אַלץ, לייבל. און הײַנט האָסטו צוגעזאָגט דער מוטער פונעם מיידל פאַפּראַווען עפּעס אין דעם געקויפטן אַלמער...

— יאָ, ריכטיק.

— אָט זײַנען מיר שוין בײַ אונדזער יעוראָמאָל־שול. ווי גיך מיר זײַנען געקומען, לייבל, און ניט געאײַלט... געזעגענען מיר זיך... ווען זשע טרעפן מיר זיך ווידער? איך וועל וואַרטן אויף דיר, זײַ געזונט, לייבל.

— זײַ געזונט, שפרה.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

די ערשטע עטלעכע וואָכן איז שפרהס האָפענונגס־אומרו בײַם אַרויסגיין נאָך דער אַרבעט פון בעקערײַ געווען משונה. זי פלעגט זיך אַ סך מאָל אַרומקוקן, אַרומזען, צי לייבל איז ניט געקומען איר באַגעגענען. ניט געקאָנט זיך אַנטשיידן אָוועקצוגיין, שטיין בלײַבן ניט גערירט פון אָרט עטלעכע מינוט — אפשר, וועט ער צוקומען... און אַז זי פלעגט זיך שוין

לאָזן לאַנגזאַם גײן פֿאַרבײַ דער טשײַנע (טײַהויז), ווו לײבל האָט זי מיט א צײַט צוריק, אין אַ קאַלטן דעצעמבער־טאָג אַרײַנגעפֿירט און איר געזאָגט: „ער איז שוין דאָ געווען און דורכן פֿענצטער געקוקט, ער זאָל זי ניט פֿאַרהאָווען", פֿלעגט שפֿרה צערודערט אַ בליק טאָן אַהין — איז ער ניט דאָרטן ?...

דאָס זעלבע, בעתן צוריקקערן זיך אין אָוונט מיט אירע חברטעס פֿונעם לערנען, צוגעקומען צום צוזאַמענוווינונג, פֿלעגט זי פֿאָרויס, פֿאַר זײ אַ לויף טאָן אַרויף די טרעפּ, פֿאַרטומלט אָוועקאײַלן איבערן קאָרידאָר, אפֿשר וואַרט דאָרט לײבל בײַ דער צוגעשלאָסענער טיר פֿון זײער צימער ?

קומט זונטיק, סטאַרעט זי זיך דעם גאַנצן טאָג צו זײַן אין צימער... די חברטעס רופֿן זי שפּאַצירן, צוזאַמען גײן אין קינאָ, אויף אַ קאָנצערט, אויף אַ נײַער פֿאָרשטעלונג אין ייִדישן טעאַטער, פֿלעגט זי אויסגעפֿינען די פֿאַרשידנסטע תּירוצים, אַבי צו בלײַבן זונטיק אין צוזאַמענוווינונג, טאָמער וועט ער זיך פּלוצעם באַווײַזן...

— —

אין דעם לעצטן זונטיק איז גרשונקע געקומען אײַנלאַדן פֿײגעלען אין קינאָ. שוין אַ שטיק צײַט ווי ער איז נישט גלײַכגילטיק צו איר... און ס'איז שוין אַ סוד פֿאַר גאַנץ בראַד — ס'פּיקט זיך אַ ליבע... איז אָבער פֿײגעלע מיט „פּרינציפּן": — סײַדן מירל וועט מיטגײן.

האָט שוין גרשונקע קײן אַנדער ברירה ניט, ווי צו בעטן מירלען:

— טו מיר מירל די טובה, קום מיט אונדז מיט.

און מלכהלע שטעלט זיך אײַן פֿאַר גרשונקען:

— העלפֿן, מירל, אַ מענטשן אין אַ נויט, איז אַ מצווה... בפֿרט, אין אַ...

דאָס וואָרט „ליבע" ברענגט מלכהלע ניט אַרויס, ווײַל אויסער דעם, וואָס פֿײגעלע איז מיט „פּרינציפּן", איז זי נאָך אַ פֿאַריבלניצע און זי קאָן עס אויפֿנעמען מיט אומגוט.

און מירל לאָזט זיך דינגען: — האָט איר בײַ מיר געפּועלט... און נעמט זיך גרייטן צו גײן מיט גרשונקען און פֿײגעלען אין קינאָ.

פֿײגעלע ווערט ווײך ווי טײג, באַפֿעלט גרשונקען:

— גײ, גרשונקע, מיר וועלן זיך איבערטאָן, וואַרט אויף אונדז אונטן...

✶

שפֿרה שווײַגט... דרייט זיך אַרום איבערן צימער און ווייס ניט וואָס צו טאָן מיט אירע הענט, גלײַך ס'וואָלטן גאָר קײן הענט ניט געווען, נאָר אַ פּאָר לאַנגע, זיך באַמבלדיקע שטריק. מלכהלע זעט דאָך, ווי שפֿרה געפֿינט זיך קײן אָרט ניט און פֿילט די אומדערטרעגלעכע שווערקײַט,

וואָס זי טראָגט אין זיך. מלכהלען אַליין וועט דערפֿון ענג אויף איר נשמה און דאָס שווײַגן שפּרהס דריקט אויף איר. זאָגט זי צו שפּרהן:
— די סאַמע פּאַסיקסטע צײַט, ס׳איז שטיל אין צימער, וועל איך מיך זעצן שרײַבן אַ בריוו אַהיים.

שפּרה הערט אָט די ווערטער מלכהלעס, טוט איר אַ רופֿע אין האַרצן — אין אַ פּאָר בריוו שוין, ווי די מאַמע פֿרעגט זיך אַלץ נאָך בײַ איר אויף לייבלען מיט אַנצוהערעניש: — צי העלפֿט ער דיר? צי טרעפֿסטו זיך אָפּט מיט אים? דער טאַטע, — שרײַבט די מאַמע, — לאָזט זי ניט צורו, וווּנדערט זיך, „פֿאַר וואָס דו דערמאָנסט ניט אין דײַנע לעצטע בריוו לייבקעס נאָמען..."

און ווען מלכהלע גייט צו איר שאַפֿקעלע נעמען אַ העפֿט און בלײַער, גייט איר שפּרה נאָך, ווי אַ שאָטן און בײַ דער שאַפֿקעלע מלכהס לייגט שפּרה אַרויף די האַנט אויף אירע אַקסלען:
— איך קאָן שוין מער ניט, מלכהלע... ס׳פּלאַצט מיר דאָס האַרץ... און פֿאַלט אויף איר אַרויף מיט אַ הילכיקן ביטערן געוויין. אויך מלכהלע קאָן ניט צוימען אירע טרערן. דערפֿילן זיי בײדע די געזאַלצנקײַט און פֿײַכט־קײַט פֿון זייערע אויסגעמישטע טרערן אויף די געזיכטער, העלדזער און הענט... און מלכהלע וואַרפֿט איר חברטע מיט קיין איין וואָרט ניט פֿאָר, הלמאי זי האָט אַזוי לאַנג געשוויגן און געשטיקט אין זיך, און זאָגט איר:
— איך האָב געלייענט, שפּרה, אין דײַנע אויגן די פֿאַרבאָרגענישן און אַלע דײַנע האַרץ־מאַטערנישן...

און אַז די חברטעס האָבן זיך באַרויִקט, האָט שפּרה געזעצט זיך נעבן מלכהלען אויף איר בעטל און איר אויסדערציילט יעדעס ברעקעלע — פֿון איר ערשטער באַגעגעניש מיט לייבלען אויף די טרעפּ פֿון צוזאַמענוווינונג, בײַם אָנגענומען ווערן אין יעווראַמאָל, ביז דער לעצטער, ווען ער איז געקומען צו דער בעקערײַ און זי באַגלייט צו דער שול. שפּרה האָט דערבײַ גאָרנישט ניט פֿאַרטײַעט — דערציילט מלכלען, ווי אַזוי זי האָט אין יענעם טאָג באַשטימט ניט צו גיין לערנען זיך און זײַן מיט לייבלען אַליין באַצווייט אין צוזאַמענוווינונג־צימער... געווען בײַ מיר אַ פֿאַרלאַנג מיט אַ טאָג פֿאַר דעם פֿאַרטרויען זיך דיר, מלכהלע, דו זאָלסט וועגן דעם וויסן, אָבער אין דער לעצטער רגע האָב איך איבערגעטראַכט, מײַן ליבע־סוד... מײַן האַרץ האָט געציטערט, כ׳האָב געשראָקן זיך צו טיילן מיט דיר... זײַ מיר עס מוחל...

שפּרה האָט וואָרט בײַ וואָרט איבערגעחזרט לייבלס דערציילונגען וועגן זיך אין חנה׳ס עסאַרניע... זײַן געשיכטע מיט וואַליען פֿון בערע־זאָווקער קינדער־היים, וועגן זײַן אַרבעט בײַם אָדעסער פּאָרט... שפּרה

האָט אַרומגעכאַפּט די חברטע און געדריקט זיך צו איר ברוסט — „מלכהלע, איך האָב אים ליב"... און זי האָט מיט באַגײַסטערונג און פרייד געמאָלט פאַר איר דעם פּראַסטיקן ווינטער־אָוונט, נאָך דעם, ווי לייבל איז מיט זיי געזעסן בײַם טיש אין צוזאַמענוווינונג און זי איז אַרויס אים צו באַגלייטן:

— מיר האָבן באַנאַנד געשפּאַנט איבערן סקריפּענדיקן, כרושטשענ־דיקן שניי־געפריר, געקושט זיך בײַ יעדן טראָט. ער האָט געטאַנצט מיט מיר איבער דער שטילער, פאַרשנייטער בעלינסקי־געסל. — און שפרה האָט דאַן דערציילט דער חברטע, ווי אַזוי לייבל איז אומדערוואַרט שטיין געבליבן מיט איר בײַ אַ נידעריקן פאַרטקע־טויערל: „אוי, דאָ ווױן איך דאָך!" — האָט ער אַ שעפּטשע געטאָן און איר אָנגעוויזן איבערן פּלאַנקען אויף די צוויי ליכטיקע פענצטער אין דער שטוב, וואָס אין הויפל... און שפרה איז שטיל געבליבן, ניט אַראָפּגענומען פון מלכהלען אירע אויגן, געוואַרט, וואָס זי וועט איר זאָגן.

און מלכהלע האָט אַרומגענומען איר חברטע, געצערטלט אירע באַקן:

— איך פאַרשטיי דיך זייער גוט, שפרה, אַזאַ בחור, ווי לייבל, צווישן וועמען ער זאָל ניט זײַן, וועט מען אים ליב האָבן. ער ווײַזט אַרויס צו יעדערן זײַן גוטסקײַט. אָן טאַטע־מאַמע, אָן יידיע־באָבע, ניטאָ קיין ברו־דער־שוועסטער, קיין אייגענע, געוואַלגערט זיך פון קליינווײַז אָן בײַ גויים און יידן, דערנאָך געוועזן בלויז אין אַ קינדער־היים, איז ער תמיד אויס־געהונגערט־זשעדנע נאָך אַ וואַרעם וואָרט, לאַשטשענדיקן בליק, נאָך ליב־שאַפט. בײַ אַזאַ ווי לייבל איז קיין נפקא־מינא ניט פון וועמען דאָס אַלץ זאָל ניט קומען — פון אַ יידן, צי פון אַ גוי... בפרט נאָך, אַז די סטו־דענטקע, ווי ער האָט דיר דערציילט, וווינט מיט אים אונטער איין דאַך און דרייט זיך אַרום פאַר זײַנע אויגן... מיר זײַנען מיט דיר, שפרהלע, לחלוטין אַנדערע, מיר האָבן טאַטע־מאַמע, קומען פון יידישע משפחות, פון שטעטל, און דער עיקר איז בײַ אונדז דער שטאָט און דער כבוד... מיר טאָרן זיי ניט אָנווערן און מיר האָבן אימת־מוות מורא פאַר שאַנדע און חרפה... און לייבל איז פון דעם אַלעמען פרײַ, גאָרנישט האַלט אים ניט אָפּ... ווי אַ ווינט אין פעלד, ווי אַ בין וואָס זשומעט אַרום יעדן קווייט. קאָנסט מיט אים ניט זײַן באַוואָרנט. לייבל איז ניט גרשונקע. גרשונקע האָט זיך אײַנגעשטשעמעט ווי אַ קלעשטש אין פייגעלען און ווו נאָר ער איז, זעט ער נאָר זי, די באַשערטע זײַנע. קום, שפרה, מירן זיך דורכגיין. איך וועל שוין הײַנט מײַן בריוו ניט שרײַבן. פאַרשאַר די קוטשערלעך פון דײַנע אויגן, צעוואַרף דײַן קלעם... קוטע זיך ניט, פרילינג שוין!

ווען זיי זײַנען בײדע אַראָפּגעלאָפן פון די טרעפּ, האָבן זיי זיך בײַם

ארויסגיין פון צוזאמענווינונג צוזיפגעשטויסן מיט פייגעלען און מירלען, וואס האבן זיך צוריקגעקערט פון קינא. און פייגעלע האט תיכף פאר זיי אויסגעפאליעט:

— געזוען לייבקען אין קינא מיט א שיקסלקע. גרשונקע האט צו אים פון דער וויטן א געשריי געטאן — „פריוויעט (א גרוס) עוג מלך הבשן!"... ווען מיר זיינען ארויס פון קינאטעאטער, האבן מיר זיי ווידער דערזען פאר אונדז. זיי זיינען צוזאמען אריין אין א טויערל אויף בעלינסקי־געסל.

שפרה האט שטיל א זאג געטאן — „זי..."

מלכהלע האט אנגענומען שפרהן ביים ארעם, — קום, שפרה, ניט שווער געוועזן זיך פארצושטעלן...

דער סוף פון יעווראמאל...

קיין צוויי יאר, ווי דאס איז געווען פאראויסגעזען, איז גאר שפרהן ניט אויסגעקומען צו לערנען זיך. דער יעווראמאל איז זומער קאן מען זאגן פאקטיש בטול געווארן. א טייל יעווראמאלצעס האט נאך אויף די אונטערנעמונגען געארבעט און אין דער שול האבן זיך די לימודים אין גאנצן איבערגעריסן מיטן אויסרייד — קאניקולן. נאר ווער ס'פלעגט אריינקומען אין קאנצעלאריע נאך א ספראווקע (דאקומענט), פאפירל, פלעגט דער סעקרעטאר מיט א האלבן מויל געבן אנצוהערן:

א ספק, צי די שול וועט שוין אלס אזא אין דעם נייעם לערניאר עקזיסטירן...

די יעווראמאלצעס פון די שטעטלעך האבן זיך גענומען פאנאנדערפארן אהיים. און ס'איז געווען נאך א מער וויכטיקע סיבה:

אויף אוקראינע האט זיך, ווי א שווארצע סאראנטשא־כמארע אנגערוקט די אלרוסלענדישע קאלעקטיוויזאציע צוזאמען מיטן ליקווידירן דאס קור־לאקנטום ווי א קלאס... אט די סטאלינישע רוצחישע הפקרות, האט נאך זיך מיטגעשלעפט ווי אן אויסגעשטאטע תליה אויף רעדער — הונגער־טויט, אויסראטונג פון מיליאנען מענטשן. מסירה און הריגה האט זיך איבער רוסלאנד שנעל גענומען פארשפרייטן, ווי א פאלקס־עפידעמיע.

געווענלעך נעמט מען אן צו א מגיפה עקסטרע מיטלען, צו בארען זיך מיט איר, באשרענקען זי, פארלעשן. אבער אין דעם היסטארישן טראגישן פאל, האבן די סאוועטישע מאכט־ארגאנען, די פארטיי־ארגאני־זאציעס מיט דער הילף פון די פילצאליקע צענטראלע און ארטיקע צייטונ־גען, ניט אויפגעהערט „אונטערצוגיסן בוימל" צו פאנאנדערפלאקערן אין

סאָוועטן־פאַרבאַנד צווישן אירע בירגער אַ בלוטיקע שנאה, אַריבערטראָגן דעם קלאַסן־האַס אַזש אין משפחות, אָנרייצן אַ זון אויף אַ טאַטן, אַן אייניקל אויף אַ זיידן, אַ ברודער אויף אַ שוועסטער, אַ שכן אויף אַ שכן...

ס'האָט קאַטאַסטראָפאַל געגומען פעלן אין לאַנד ברויט. דער ביסן אין מויל איז אומדערוואַרט האַרב געוואָרן צוגעטיילט. מ'האָט אײַנגעפירט ברויט־ביכלעך. אין די געזעלשאַפטלעכע גאַרקיכן, טייהײַזער, קאַפעטעריעס, פלעגט מען צו פרישטיק, וואַרעמעס און וועטשערע, דערלאַנגען אויף אַ טעצעלע אַ דין פענעצל ברויט. אויף די מערק, אויף די ראָגן פון די גאַסן האָבן זיך געמערט פאַרמרהשחורהטע מענטשן אין צעפליקטע בגדים, מיט הונגעריקע אויגן — געבעטלט אַ שטיקל ברויט.

— —

דער קאַנדיטאָר־צעך, ווו שפרה האָט סטאַזשירט איז צוגעמאַכט גע־וואָרן. די צײַט פאַר זיסוואַרג איז אַנטרונען. אין דער בעקערײַ איז פאַר איר קיין אַרבעט ניט געווען, האָט זי זיך אויך געגרייט צוריקקערן אַהיים. די לעצטע פאַר טעג פאַר איר אָפּפאָרן, האָט זי געגעסן אין אַ גאַרקיך, ווײַל אין דער בעקערײַ־סטאָלאָווע האָט זי שוין קיין רעכט ניט געהאַט. די טאַלאָנען אין איר ברויט־ביכל ענדיקן זיך שוין און געלט אין בײַטעלע איז געבליבן זייער ווייניק. נאָך האַלבן טאָג... שפרה איז הונגעריק. זי קומט אַרײַן אין אַ סטאָלאָווע, צוגעזעצט זיך צו אַ טישל פאַר זעקס מענטשן. און ווען די אָפיציאַנטקע האָט געבראַכט די דערלויבטע זעקס ריפּטעלעך ברויט, איז איינס פון די פענעצלעך געווען אַן אָקרײַטשיקל. האָט זיך שפרהס האַנט אינסטינקטיוו אַ צי געטאָן צו אים... אַן עלטערע פרוי מיט אַ קרענקלעכן, נערוועזן אויסזען, וועלכע איז געזעסן דערנעבן, האָט איר פאַרביטערט פאַרגעוואָרפן:

— פאַר וואָס, מיידל, כאַפּסטו דאָס דיקערע שטיקל ברויט? האָבן דיך אַזוי טאַטע־מאַמע געלערנט? דאָ בײַם טישל זיצן אַ סך עלטערע פון דיר און קיינער דערוועגט זיך ניט צו כאַפּן. און דו, זעט מען, האָסט נאָך אַן אויסגעפּאַשעט פּנימל...

שפרהס געזיכט האָט זיך פאַרגאָסן מיט בושה, געוואָרן רויט־פײַער... פאַר חרפּה האָט זי ניט געקאָנט אויפהויבן די אויגן און געוואַרט, ביז אַלע פינף האָבן געגומען די ברויט־ריפּטעלעך, ערשט דאַן האָט זי מיט מורא אויסגעשטרעקט די האַנט צום זעקסטן פענעצל...

אין דעם זעלבן טאָג אין דער פרי, האָט זיך שפרה מיט טרערן אין די אויגן געהאַט געזעגנט מיט מלכהלען.

— מלכהלע, — האָט צו איר שפרה געזאָגט, — ביסט מיר ליב און

נאָענט געוואָרן מער פון אַן אייגענער שוועסטער. איך וועל בענקען נאָך דיר... ווער ווייס, ווען מיר וועלן זיך זען...

זיי האָבן צוגעזאָגט איינע דער אַנדערער שרײַבן און זיך שטאַרק־שטאַרק אַרומגענומען און צעקושט.

מירל און פייגעלע זײַנען שוין געווען אַוועקגעפאָרן מיט אַ וואָך צוריק. גרשונקע האָט זיי באַגלייט. גרשונקע איז נאָענט געוואָרן מיט פייגעלען.

שפרה האָט באַשטימט קיין איין נאַכט ניט צו בלײַבן אַליין אין צוזאַמענוווינונג. זי האָט אײַנגעפּאַקט איר טשעמאָדאַן און מיטן טראַמוויי אַוועקגעפאָרן צום וואָקזאַל. זי האָט געוווּסט גענוי, ווען ס׳גייט אָפּ די באַן קיין בערעזאָווקע. נאָר בעסער אַ האַלבע נאַכט דאָרטן וואַרטן, איידער צו בלײַבן אין דעם פּלוצעם פאַרפרעמד־געוואָרענעם צימער אַליין מיט אירע אומהיימלעכע מחשבות...

לייענט! דאָ איז שוואַרץ אויף ווײַס געשריבן...

אויך צום ייִדישן שטעטל איז דערגאַנגען די גזירה פון ליקווידירן דאָס בעל־גופנטום. די אָנפירער — יעווסעקן בײַ די צענטראַלע, קרײַז־און ראַיאָן־פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס, האָבן קאָמאַנדירט אַהין זייערע פאָרשטייער, מיטצוהעלפן דעם הײַפל שטעטלדיקע ייִדישע קאָמוניסטן אָנצושליסן זיך אינעם גרויסן אַלרוסלענדישן קאַמף, צעפלאַקערן דעם קלאַסן־האַס אויך צווישן דער ייִדישער באַפעלקערונג. ניט דערלאָזן בשום אופן צו „פאַר־שמירן” דעם קלאַסן־תוך, דעמאַסקירן דעם פוילן צביעותדיקן „ייִדישן רחמנות”, ווי דאָס פאָדערט זיך פון עכטע באָלשעוויקעס.*

---

*) איך האָב מיך אין ישראל נענטער באַקענט מיטן עולה פון סאָוועט־רוסלאַנד, וועטעראַן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, גרשון שאַפּיראָ. אין די יאָרן פון ביר־גער־קריג, אָנגעהויבן פון 1919, געווען קאָמאַנדיר אין דער רויטער אַרמיי. אַ ייִד שוין אין דעם גאָר־גאָר בכבודיקן „ספּירטאָוון” עלטער, אַ נײַנציקער... און איז עד היום איבערפולט מיט ענערגיע, מיט נײַע פּלענער, שטעקט אָן מיט זײַן אימ־פּעט פרײַנד און חברים. אַ פינף־און־צוואַנציק יאָר שוין ווי ער איז בלב ונפש פאַרטאָן אין זאַמלען די העלע קערנדלעך פון ייִדישן קאַמף און גבורה. נאָך אין סאָוועטן־רוסלאַנד געהיים, אויף אייגענע אחריות, העקטאָגראַפיש אַרויסגעגעבן אַ פּאָר צענדליק בראָשורן וועגן העלדמוטיקע ייִדן, שלאַכטלײַט, „כראָניק פון דעם לעבן פון ייִדן אין דער וועלט”. אין ישראל איז דערשינען זײַן בוך, קרוב 800 זײַטן „ייִדן, העלדן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד”.

איך האָב מיך מיט ג. שאַפּיראָ געטיילט וועגן מײַן נײַעם בוך, אין וועלכן איך שילדער ייִדן ־האָרעפּאַשניקעס פונעם שטעטל בערעזאָווקע נעמן אָדעס אין די יאָרן פון דער סטאַלינישער קאָלעקטיוויזאַציע און ליקווידירן דאָס קולאַקנ־טום. לאָזט זיך אויס, אַז ער, ג. שאַפּיראָ, איז אין דער זעלבער צײַט געווען פאַר־זיצער פון דעם קאָלכאָז „פריילינג” (אַ געוועזענע ייִדישע קאָלאָניע), בשכנות

און ניט געקוקט אויף דעם, וואָס די אַרטיקע פֿין־אָטדיעלן (פֿינאַנס־אָפּטיילונגען), האָבן שוין אין משך פֿון אַ פֿינף־זעקס יאָר געהאַט אויסגעטרייבערט פֿון די ייִדישע קליין־קרעמער און אונטערנעמער די לעצטע פּרוטהס מיט דער נשמה צוזאַמען, די קרעמלעך זײַנען שוין געווען פֿאַרמאַכט, צוריקגעקערט אין פֿין־אָטדיעל די פּאַטענטן, נאָר אַלץ איינס האָבן די כאַלאַסטרעס יעווסעקן אין אַ נאָווינע, אין הסכם מיטן נײַעם פּאָליטישן קער אין לאַנד צו פֿאַרשאַרפֿן דעם קלאַסן־קאַמף, גערופֿן בודק זײַן ביד־חזקה, צו וועמען פֿון די פֿאַרבאָרגענע, כלומרשט געוועזענע רײַכע שטעטלדיקע ייִדן, מ'דאַרף אַרויסשטעלן די „טווערדאָיע זאַדאַניע" — האַרבע אויפֿגאַבע און צו האָבן, לפּי די געהיימע אינסטרוקציעס, דאָס רעכט אין מיטן נאַכט, ווי ראַבירער זיי צו באַפֿאַלן — קאָנפֿיסקירן דאָס בידנע רעשט

מיט בערעזאָווקע, זשידיווסק און די אַנדערע שטעטלעך פֿון אַדעסער געגנט, וועלכע ווערן דערמאָנט אין מײַן בוך. אָט וואָס גרשון שאַפּיראָ האָט מיר דערציילט:

„ס'רופֿט מיך עקסטרע אַרויס קיין אַדעס אין זײַן פּערזענלעכן קאַבינעט דער גלאַוונער סטאַליניסטער יעווסעק פֿון געגנטקאָם פֿון פּאַרטיי, אַברהם: שאַפּיראָ, זאָג מיר געוויי די ציפֿער, וויפֿל קולאַקעס האָסטו שוין אַנטבאַלעגופּעוועט הײַנט־צו־טאָג אין 'פֿרילינג'?... קוק איך אויף אים און שווײַג.. און ווען ער האָט בײַ מיר פֿעסטגעשטעלט, אַז קיין איינעם ניט, באַפֿאַלט ער מיך מיט די געמיינסטע זלזולים און געשרייען: — אַזוי? — אין ייִדישן דאָרף זײַנען קיין בעלי־גופֿים ניטאָ? מיר זײַנען אַן אויסנאַם פֿון אַלע פֿעלקער? — די באַרימטע ,אתּה־בחרתּנו' קאָנצעפּציע — ריינער נאַציאָנאַליזם! ס'הייסט שטעמפּלען די מאַרקסיסטישע קלאַסן־טעאָריע. ניט אַנדערש ווי ס'איז דײַן שאַפּיראָ, אַנטי־פּאַרטיייִשער סאַבאָטאַזש...

און אַבראַם האָט מיך האַרב געוואָרנט — אָדער — אָדער... און געגעבן מיר דרײַ מעת־לעת אויף צו לאָזן אין פֿולן גאַנג די שטראָפֿנדיקע האַנט פֿון פּראָלעטאַריאַט...

אין קאַלכאָז, וווּ איך בין פּאַרזיצער, בין איך בלויז געווען דער איינציקער קאָמוניסט. ס'זײַנען אויך דאָ עטלעכע קאָמסאָמאָלצעס. כ'האָב מיט זיי צוזאַמען „איבערגעזיפּט" אַלע קאָלאָניסטן און מיר האָבן ענדלעך אויסגעפֿונען צוויי קאַנדידאַטן צו „אַנטבאַלעגופּעווען". דער ערשטער קאַנדידאַט — שלמה באַרשטשער, אַ געזונטער ייִד, אַ תּקיף, פֿירט גוט זײַן באַלעבאַטישקײַט, באַאַרבעט אפֿילו אויך לעמקע האַרמידערס ערדחלק פֿאַר אַ העלפֿט פֿון דער גערעטעניש... און אַ שטיקל צײַט איז בײַ אים אַ מיידל, אַ קרובֿה, געווען אַ דינסט. קאָן מען עס, בפֿירוש פֿאַררעכענען פֿאַר געדונגענע אַרבעטס־קראַפֿט, עקספּלוטאַציע...

דער צווייטער קאַנדידאַט — געלמאַן, אַ פֿאַרמעגלעכער פּויער, נאָר אַ פֿערד־גנבֿ. דעם פֿאַרמעגן זײַנעם אָנגעלעבט פֿון דעם, וואָס ער האָט גע־גנבֿ'עט פֿערד, ניט בײַ זיך אין דאָרף — אין די ווײַטע אוקראַיִנישע דערפֿער... און געלמאַן איז יאָוונע געווען קעגן דער קאָלעקטיוויזאַציע, ווײַל אין קאָלכאָז וועט ער שוין ניט האָבן מער די פֿרײַע מעגלעכקײַט אָפּצורײַסן זיך אויף עטלעכע טעג צוליב זײַנער אַ „שטיקל מלאכה"... האָבן די קאָמסאָמאָלצעס קאָנסטאַטירט: „פֿרילינג" גייט אין שפּאָן מיטן גאַנצן סאָוועטישן פֿאָלק, פֿאַנאַנדערצופּלאַקערן דעם קלאַסן־קאַמף, אַנטבאַלעגופּעווען די קולאַקעס".

נאָך דער קאָמיוגישער פֿאַרזאַמלונג האָב איך צענויפֿגערופֿן דעם קאָמיטעט פֿון דער אָרעמקײַט. מיט געלמאַנען איז בײַ מיר דער ענין געגאַנגען גרינגער, אַ קולאַק, צי ניט קיין קולאַק, אָבער אַ פֿערד־גנבֿ איז ער, שאַט ניט, מע זאָל

פון דעם פאַרהאַרעוועטן דאָברע־מזל, דאָס ביסל ירושה־צירונג — די פּאָר קדושה־רינגלעך, דער באָבעס ברוסט־זייגערל, דעם טאַטנס וועסט־זייגער, דער מאַמעס אויערינגלעך, די פּסחדיקע באַגילדטע בעכערלעך, הדסלעך, די זילבערנע גאָפּל־לעפל. צונעמען די „נאַ טשאָרני דיען" פאַרגרייטע עטלעכע זעקלעך מעל, אין אַן עת צרה, ניט אויסגיין פון הונגער. און, אין דער אונטערשטער שורה — אָנצורופן די דאָזיקע יִדן מיטן שרעקלעכן נאָמען — בעל־גוף. מ'זאָל זיי אין פאַרלויף פון אַ מעת־לעת פאַר־שטויסן מיט קינד־און־קייט — אין פראַכט־וואַגאָנען און פאַרשיקן מיט די „ראַסקולאַטשעוועטע" אוקראַיִנישע און רוסישע פּויערים אויפן ווײַטן צפון — ביעלאָמאָר־קאַנאַל און קיין סיביר.

מיט אַ־דער אָפּגעטאָנענער שטיקל אַרבעט זײַנען די יעווסעקן נושא־חן געווען אין די אויגן פון די הויך־ראַנגיקע גוייִשע פּאַרטיינע־נאַטשאַל־

פון אים פּטור ווערן... מיט שלמה באַרשטשערן איז געווען פיל שווערער — ס'האָבן זיך געלאָזט הערן שאַרפע שטימען קעגן... נאָר אַז די פּאַרטיע און סטאַלין פאָדערן... ניטאָ קיין אַנדערע ברירה. האָבן מיר צוזאַמען מיט די שטימען פון די קאָמיוגניסטן, וועלכע זײַנען אויף בײַגעווען אויף דער זיצונג פון קאָמיטעט און מיט אַ טייל שטימען פון דער אָרעמקײַט, אָנגענומען דעם באַשלוס: באַרשטשערן און געלמאַנען אַנטבאַלעגופּעווען און אַרויסשיקן פון דאָרף.

אויף דורכצופירן די „אָפּעראַציע" שיקן מיר צוויי פאַרשטייער פון דער אָרעמקײַט, איינער פון זיי אַ קאָמסאָמאָלעץ...

... געלמאַן האָט זיך דערוווּסט וועגן דעם, האָט ער בײַ נאַכט געשפּאַנט פערד און וואָגן, אויפגעלייגט אויף דער פור, וואָס ס'האָט זיך געלאָזט. אַרויפ־געזעצט אויפן וואָגן דאָס ווײַב און קינדער און — ‚פּאַשאָל'... והילד איננו..

אין דער פרי האָט מען געלמאַנס איבערגעבליבענע האָב און גוטס רע־גיסטרירט, קאָנפיסקירט און איבערגעגעבן אין רשות פון ראַיאָן...

דער צווייטער ראַסקולאַטשעטער, שלמה באַרשטשער, האָט זיך ניט געריכט מע זאָל זיך צו אים באַגיין מיט אַזאַ גזלוויע, האָט דערקלערט: — כ'וועל פון מײַן שטוב ניט אַוועק... זײַן ווייב און די קינדער האָבן אויפגעהויבן אַ יללה.. נאָר ס'האָט ניט געהאָלפן. מע האָט מיט געוואַלט אַרויסגעטראָגן פון שטוב אַביסל זאַכן, אַרויפגעוואָרפן אויפן פורל, אַרויפגעזעצט זײַן ווײַב און קינדער, געגעבן באַרשטשערן די בײַטש אין דער האַנט און געהייסן: „פאָר, וווּהין די אויגן טראָגן דיך".

ווײַט איז באַרשטשער ניט אַוועקגעפאָרן. גאָלצמאַן, דער בויטעכניקער האָט אים צוגענומען צו זיך אויף האַקן שטיינער פאַרן קו־שטאַל, וואָס מע האָט געבויט אין קאָלווירט. באַרשטער האָט דאָך שוין קיין שום פאַרמעגן ניט געהאַט, בלויז אַ פּאָר אַרבעטס־הענט, און געאַרבעט האָט ער גוט, האָט מען אים געצאָלט אַרבעטס־לוין, און אַזוי־אַרום איז ער געוואָרן אַ פּראָלעטאַריער. און 'פּריליגנג' האָט די נאָרמע פון אַנטבאַלעגופּעווען אויסגעפּילט... די יִדסעקציע פון דער אָדעסער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע אין דער שפּיץ מיט אַבראַמען איז געווען אויף דער געהעריקער הויך פון קלאַסן־וואַכזאַמקײַט און פון מיר דעם „סטרעלאַטשניק" האָט מען דעם פלעק פון יִדישן נאַציאָנאַליזם אַראָפּגענומען".

ניקעס: „דורכגעפירט געטרײַ די שליחות...״ אָבי צו פאַרהיטן די אייגענע פעל און אַליין ניט אַרײַנצופאַלן אין די געפּעו־לאַפּעס...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

שפּרהס פּאָטער, לעמל קריוואָרוטשקאָ, איז שוין צו זײַנע 16 יאָר געווען אַ בעקער־יונג און ביזן פּריזיוו געהאָרעוועט בײַם באַלעבאָס פון דער בערעזאָווקער בעקערײַ. אין 1913טן יאָר אַוועק דינען דעם קיסר. האָט זיך אָנגעהויבן דער וועלט־קריג. בײַ פיר יאָר איז לייבל אָפּגעווען אין דײַטשישער געפאַנגענשאַפט. אויך דאָרטן אין די נעכט אַ שטיק צײַט געפּראַצעוועט אין דײַטשישע בעקערײַען. נאָך דער מלחמה זיך צוריקגע־קערט אַהיים און אָנגעקומען אַרבעטן אין דער זעלבער בערעזאָווקער פּיעקאַרניע.

ווען די משפּחה איז געוואָרן גרויס — 7 מענטשן און אין שטעטל, ווי אומעטום אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, איז אַוועק די סדרה — קוסטאַרן, איינצל־קוסטאַרן, פאַרלאָזט לעמל די בעקערײַ און נעמט בײַ זיך אין שטוב — ס׳איז געווען אַ גרויסער רוסישער אויוון — אַליין באַקן ברויט און פאַרקויפן. אין גיכן האָבן די אָרטיקע מאַכט־אָרגאַנען געצוווּנגען לעמלען צו נעמען אַ פּאַטענט. ער האָט וואָס אַ יאָר געצאָלט גרעסערע שטײַערן. צוזאַמען מיט דעם ווײַב באַדאַרפט טאַקע גוט אַרײַנהאָרעווען, אָבער ס׳איז געווען צום לעבן, מ׳האָט געהאַלטן אַ בהמה. די קינדער זײַנען געווען זאַט, אָנגעטאָן, געלערנט זיך, ניט צו פאַרזינדיקן. מע איז אָפּילו אימשטאַנד געווען צו העלפן נויטבאַדערפטיקע: אין שטעטל האָט מען געדענקט, ווי אַזוי לעמל מיט ריווען האָבן אויף זייער קאָסטן גע־פּראַוועט די חתונה פון מענדל האַרבאַטש, דעם קאָוואַלס (אַ בעל־מלאכה אָן מזל) פאַרעלטערטע טאָכטער. די חתונה איז געווען שיין און אָנשטענ־דיק, אויף קיין פּיצל ניט אָנגערירט דעם כבוד פון חתן־כלה, פון די עלטערן און מחותנים.

ביז ס׳איז געקומען דער גרויסער פאָלקס־אומגליק, — די נײַנצן־איין־אונדרײַסיק — צוויי־און־דרײַסיקער יאָרן. מע האָט פון די דערפער אַרום בערעזאָווקע מיט גוואַלד אַרײַנגעטריבן די פּויערים אין די קאָלכאָזן, קיין זריעה אויף צו פאַרזייען די קאָלווירטישע פעלדער האָט ניט געסטײַעט, קאָרמענען די אָפּגענומענע פי, איז ניט געווען מיט וואָס, די בהמות און פערד האָט מען אין די קאָלווירטישע שטאַלן באַדאַרפט אין די ווינטער־חדשים אונטערהויבן אויף קרוקעס... דער הונגער האָט גענומען אַרײַנ־פּויזען דורך אַלע שפּאַלטן... און ווי ווײַט איז פון דאָרף ביזן שטעטל?...

האָט דער שטעטלדיקער סאָוועט פאָרוועדט לעמלען באַקן ברויט צו פאַר־קויפן, — אויס בעקער, געבליבן אָן פרנסה, אויסגעשטעלט...

נאָר די שטעטלדיקע ייִדישע און גוישע נאַטשאַלניקעס האָבן אַלץ איינס געקוקט קרום אויף לעמלען. ס׳האָט זיי געביסן די הענט — ניט געלאָזט רוען, — זיי האָבן דאָך געוווּסט, נאָך דעם ווי מען האָט אים פאַרבאָטן באַקן ברויט צו פאַרקויפן, איז בײַ אים אין שטוב געבליבן ניט איין זעקל מעל. איַי, דאָס וואָס מע איז אַ געזינד זאַלבע־זיבן און מע עסט פונעם גרייטן, דאָס האָט זיי כלל ניט געקימערט. די נאַטשאַלסטווע פון די „הויכע פענצטער" פאָדערט בײַ זיי און סטראַשעט: „דערלאַנגט ברויט פון אונטער דער ערד! איר פילט ניט אויס דעם מלוכה־פּלאַן, עס פעלט „פּאָסיעוו־מאַט" (זריעה) צום פּאַרזיי!" אָבער צונעמען בײַ לעמלען דאָס ברויט פון שטוב איז ניט אַזוי לײַכט. מע ווייסט דאָך, אַז ער איז יאָרן־לאַנג געווען אַן אַרבעטער אין דער מלוכה־בעקערײַ און ווען האָט ער עס אָנגעהויבן באַקן ברויט בײַ זיך אין שטוב? — עטלעכע יאָר אינגאַנצן. קיין אַרבעטער, פאַרשטייט זיך, ניט געהאַלטן — תמיד אין זײַן שטוב — אָן אָפענע טיר. וואָלט מען דען ניט באַמערקט, אַז עמעצער טוט בײַ אים ? — ניטאָ קיין פאַרבאָרגענע זאַכן אין שטעטל. האָט מען לעמלען פאַר קיין קולאַק מאַכן ניט געקאָנט. און דאָך האָבן די בלוט־צאַפּערס, „יאַ־טיעביע־דאַמס", די אָנגעפּאָרענע און די היגע, געפונען צו לעמלען אַ סטעזשקעלע... און, מערקווירדיק, מע האָט צו אים אונטער־געשיקט... מענדל האַרבאַטשס זונדל, פון די אַקטיוויסטן. די מאַכט האָט אים געהאָט פאַרשריבן אין דעם קאָמיטעט פון אָרעמקײַט. האָט ער זיך אַרײַנגעשטעלט דווקא ניט צו לעמלען, נאָר צו לעמלס שכנה און געבעטן זי, טאָן אים אַ טובה — בײַ לעמלען קויפן פאַר אים אַ האַלבן קילאָ ברויט. ווײַל אויב ער וועט צו אים אַרײַן, קאָן אים לעמל מאַלע וואָס, אָפּזאָגן. האָט לעמלס שכנה געטאָן דעם בחור די טובה...

באַקומען פון אירע הענט די האַלבע קילאָ ברויט, האָט מענדל האַר־באַטשס זון פאַרשריבן די שעה און דעם טאָג, ווען ער האָט דאָס ברויט געקויפט און עס אַלץ אין איינעם אָפּגעטראָגן אַהין, וווּ מען דאַרף...

...בײַנאַכט, ווען אַלע זײַנען שוין געשלאָפן, איז צו לעמלס שטוב צוגעפאָרן אַ פורגאָן... מ׳איז אַרײַן האַלב אין ציוויל, האַלב מיליטעריש, בײַ אַ פּאָר האָבן געשטאַרצט די שפּײַערס פון אונטער די פּידזשעקלעך און מע האָט אַרויסגעשלעפּט פון שטוב ביז אַ שטויבעלע... אַרויסגעפירט די קו פון שטאַל — ריוועס קו, די שענסטע אין בערעזאָווקע, האָט געגעבן 20 ליטער מילך אַ טאָג. מ׳האָט די קו צוגעבונדן צום פורגאָן...

לעמל איז געזעסן אין קיך בײַם טישל, געהאַלטן אין איין חזרן:
„וואָס טוט איר גזלנים?"

און נעבן אים איז געשטאַנען זײַן װײַב ריװע מיטן אַנדערהאַלבן יאָריקן עופהלע אויף דער האַנט, די מיזינקע און מיט דער אַנדערער פרײַער האַנט זיך געקלאַפּט אין קאָפּ: — געקומען קוילען אַן אַ מעסער...

און די „שטומע פאַרשוינען" זעצן פאָר אײַליק זייער אַרבעט — מע הייבט פון די בעטלעך די שלאָפנדיקע קינדער, מ'טאַפּט אויס די סיעניקעס, די קישעלעך...

שפרה איז צו זיי צוגעלאָפן:

— לאָזט די קינדער שלאָפן! אומזיסט די טרחה! איר וועט גאָרנישט ניט געפינען! מײַן טאַטע איז אַן אַרבעטער, יאָרן אָפּגעהאָרעוועט אין דער בערעזאָווקער בעקערײַ. אַ סאָלדאַט איז מײַן טאַטע, זיבן יאָר געװען אויף דער מלחמה. — און איינעם פון די מנוולים האָט שפרה געררוקט אין די אויגן איר קאָמסאָמאָלסקי בילעט:

— לייענט! דאָ איז שוואַרץ אויף ווײַס געשריבן — אַ טאָכטער פון אַן אַרבעטער, — און זי האָט זיך צעהעשעט אויפן קול. די מאַמע האָט זי מיט דער פרײַער האַנט געצויגן צו זיך, — וויין ניט טאָכטערקע, — ניטאָ מיט וועמען צו ריידן.

דער אַביסק (אונטערזוכונג) — פאַרענדיקט. דעם טאַטן פירט מען אַוועק. די מאַמע יאָמערט. דאָס פּיצל מיידעלע אויף דער האַנט שרײַט. און שפרה רײַסט די טאָװעלעך און יעדעס בלעטעלע פון איר קאָמיוגישן בילעט, שלײַדערט די שטיקלעך אויפן פּאָל, טרעט מיט די פיס און באַוואַשט זיך מיט בלושיקע טרערן...

כאָטש טו זיך אַ מיתה משונה

די געפּעו האָט צוויי וואָכן געמוטשעט לעמלען. ער האָט זיך צוריק־געקערט פאַר נאַכט אַהיים אַ פינצטערער, אַרומגעוואַקסן מיט צעברודיקטע שמאַטקעס פון גרוי־געוואָרענע האָר אויף די באַקן און דער געמבע, מיט גלאַנציק־אָנגעצונדענע אײַנגעזונקענע אויגן. ניט קיין פערציק־יאָריקער, נאָר אַ צעבראָכענער זקן, אַ חולה־מסוכן.

אין דער פרי האָט ריווע דערזען — אויפן גאַנצן לײַב בײַ איר מאַן — אַרויסגעשלאָגן טשיריקעס. זײַנען דורך אַ פּאָר טעג, די אָנרײַסן געוואָרן גרעסער. ניט ער קאָן ליגן, ניט זעצן זיך, ניט פון בעט אַראָפּגיין... אַזאַ פּײַן... ס'קומט אום די משפחה. ווי ראַטעוועט מען די קינדער פון הונגער?

שפרה האָלט איר פּיצל שוועסטערל אויף דער האַנט און די מאַמע לויפט אַרום איבערן שטעטל צו די אייגענע, צו די נאָענטע, געטרײַע שכנים. זי ברענגט אַ קריגל מילך, אַ לעבל ברויט, אַ קאַשיק מיט קאַרטאָפליעס. זי וואָלט צוגעפאָרן צו אירע שוועסטער און צו איר מאַמען קיין זשידיווסק, ניט זייער ווײַט, עטלעכע און צוואַנציק ווערסט, נאָר ווי לאָזט מען איבער שפרהן מיט די קליינע און מיטן פּיצל עופהלע און לעמל ליגט קראַנק, פאַרמרהשחורהט אין בעט?...

— מאַמע, — רופט זיך פּלוצעם אָן שפרה, — איך וועל אָנשרייבן אַ גענויעם בריוו צו אידען און מויסייען קיין דאָניעצק. ניט שוינזשע וועלן מיר דאָ אויסגיין פאַר הונגער? — זאָל מויסיי דעם טאַטן און מיך אײַנאָרדענען אויפן דאָניצקער ברויט־זאַוואָד. ער איז דאָך דאָרט אָן אינזשינער. אַ פּאָר חדשים פאַר מײַן צוריקקערן זיך אַהיים, ווען מ׳האָט שוין געזען — ס׳ווערט אויס יעוואַמאָל, — האָב איך צו זיי געשריבן: „איך פאַרענדיק מײַן לערע אין אָדעס, איך האָב, כמעט, אַ יאָר פּראַקטיצירט אין אַ קאָנדיטער־צעך פון אָן אָדעסער בעקערײַ. כ׳וויל קומען צו אײַך אַרבעטן אויפן דאָניעצקער ברויט־זאַוואָד. כ׳וואָלט זיך בײַ מויסייען געקאָנט אַ סך־וואָס אויסלערנען״... האָבן זיי מיר באַלד געענטפערט: „קום, שפרהלע, וועט אונדז פריילעכער זײַן!״. און אידע האָט מיט איר האַנט צוגעשריבן: — מויסיי וועט דיך רעקאָמענדירן פאַר אַ לאַבאָראַנטקע אין איינעם פון די הויפּט־צעכן. מיר וועלן דיר העלפן.

אַז דער טאַטע האָט דערהערט שפרהס רייד, וואָס זי וויל טאָן, האָט ער זיך קראַנקערהייט אַזש אַ הויב געטאָן פון געלעגער — אוי! — זיך אַ צאַפּל געטאָן פון ווייטיק:

— שרײַב, טאָכטער, אַ געזונט אויף דיר, מיר איז גאָר ניט אײַנגעפאַלן, אַזוי אַפּאַטושעט בין איך... לייג קיין רגעלע ניט אָפּ. דאָס קאָן זײַן די ישועה, ווײַל דאָ אין בערעזאָווקע זײַנען פאַר אונדז אַלע וועגן פאַרשטעלט. מיר וועלן דאָ פּעכנען אויפן פּיסק... כאָטש טו זיך אָן אַ מיתה משונה. פון בריק אין וואַסער...

ווער זײַנען אידע און מויסיי?

מײַן חבר מישע (משה) קריוואָרוטשקאָ, מיט וועלכן איך האָב זיך באַקענט אין ברוקלין, האָט מיר מיט ליבשאַפט דערציילט וועגן זײַנע עלטערן און זיינע נאָענטע קרובים. מישע איז געבוירן אין זשידיווסק, אַכציק ק״מ פון כערסאָן. דאָס קליינע שטעטלע האָט אַמאָל געהערט צו דעם פּריץ

זשידאָוו. מישעס פּאָטער, דער גלעזער שײַע קריוואָרוטשקאָ, איז געווען אַ פּולער. אַ דיקער און יונגערהייט געשטאָרבן פון הונגער אין די ערשטע נאָך־אָקטיאַבער־יאָרן. ער האָט געהאַט אין בערעזאָווקע צוויי ברידער — לעמל און גדליה. — ס׳האָט זיך מיר פאַרגעדענקט מישעס אַרט דערציילן:

„נאָכן טאַטנס טויט איז צו אונדז קיין זשידיווסק געקומען דער פעטער לעמל. מײַן מאַמען זאָל גרינגער זײַן — פינף קליינע קינדער אין שטוב — האָט ער מיך צוגענומען אין זייער משפּחה. זײַן ווײַב ריווע איז דאָך מײַן מאַמעס אַ שוועסטער. אַזוי אַז מײַן מומע ריווע איז מיר געווען אַן אמתע מומע און דער פעטער לעמל אַן אמתער פעטער. אין בערעזאָווקע האָט איך געלעבט מײַן טאַטנס ברודער גדליה — אַן אַ האַנט און געווינט קעגנאיבער פעטער לעמלס שטוב. מײַן פעטער גדליה האָט זייער שיין געזונגען חזנות. ער פלעגט קומען צו אונדז קיין זשידיווסק און זינגען אין שטוב ייִדישע לידער. פלעגן זיך בײַ די פענצטער צונויפקלייבן ניט נאָר די ייִדן, נאָר אויך גויים. זײַן ווײַב דינה איז אין די הונגער־יאָרן אַראָפּ פון זינען. מע איז געווען געצוווּנגען זי אַרײַנצונעמען אין אַ דולן־הויז. דאָרט איז זי געשטאָרבן״.

„גדליה האָט געהאַט אַ ייִנגעלע פּייסי און אַ מיידעלע אידע. אין אַ קורצער צײַט נאָכן הונגער, האָט זיך אין דער געגנט פאַרשפּרייט די כאָליערע־עפּידעמיע. איז קראַנק געוואָרן דער פעטער גדליה. מײַן פעטער לעמל און איך — איך בין שוין אַלט געווען אַ יאָר צען, האָבן געפירט דעם פעטער גדליה אין שפּיטאָל. ער איז געלעגן אויפן פורל אין שמאַטעס... איך בין געגאַנגען בײַ דער זײַט, געהאַלטן די לייצעס. און דער פעטער לעמל האָט אַכטונג געגעבן, דער פעטער גדליה זאָל זיך ניט אַרונטער־גליטשן פון דער פור — ער איז דאָך אָן אַ האַנט. דערנאָך... דערנאָך בין איך קראַנק געוואָרן. די מומע ריווע און דער פעטער לעמל האָבן געפּועלט בײַם פעלדשער, מ׳זאָל מיך איבערלאָזן היילן אין דער היים״.

און אין עכו האָט מיר ליזע קריוואָרוטשקאָ איבערגעגעבן נאָך פּרטים אַנדערע, וואָס די מאַמע האָט איר דערציילט: — דער טאַטע האָט דאָן שפּרהן און דעם יאָריקן איציקלען אַוועקגעפירט פון שטוב אין בעקערײַ, זיי געהאַלטן דאָרטן אין דער וואַרעם. און איך בין געבליבן מיט משהקען. טאָג און נאַכט האָט בײַ מיר געקאָכט דער סאַמאָוואַר. איך האָב משהקען ניט אויפגעהערט צו וויקלען אין הייסע, נאַסע לײַלעכער און דערבײַ די גאַנצע צײַט געטראַכט — איך מוז ראַטעווען מײַן שוועסטערס ייִנגל. מיר האָבן דאָך געוואָלט איר פאַרלײַכטערן און צוגענומען אים צו זיך. זי וועט עס ניט אויסהאַלטן, ווען ס׳זאָל מיט אים חלילה וואָס טרעפן. חוץ דעם, פלעג איך אָפּט אַרײַנכאַפּן זיך אין שטוב צו גדליהן (גדליה איז אין דעם

זעלבן טאָג וואָס מ׳האָט אים אַוועקגעפירט אין שפּיטאָל, געשטאָרבן) צו זען, וואָס עס הערט זיך בײַ זײַנע צוויי קינדער, בײַ אידען און פּייסיען... „ס׳געפעלט מיר ניט אידע״... לויף איך צום פעלדשער. ער קומט מיר אַרויס אַנטקעגן: — וואָסי, ריווע? וואָס מאַכט דאָס ייִנגל?״

— ברוך השם, בעסערט זיך, נאָר מיט גדליהס מיידל... איך בעט אײַך האַרציקער, קומט מיט מיר, כאַפּט אַ קוק...

דער פעלדשער איז מיט איר אַרײַן צו גדליהס קינדער, צוגעגאַנגען צו אידען, אויפגעהויבן דאָס העמד איבערן בײַכל, געטאָן אַ בליק, אַ טאַפּ געטאָן, אָנגענומען זי בײַם דופק, צוגערירט זיך צום שטערן... אויסגעריבן זיך מיט ספּירט די הענט:

— ניט גוט, ריווע... דאָס ייִנגל, זאָגט איר, בעסערט זיך?

— אין פאַרגלײַך מיט דעם, וואָס ס׳איז געווען מיט אַ פּאָר טעג צוריק — אַ סך בעסער.

נעמט זי אויך צו זיך, אָבער ניט אין איין בעטל — וואָס ווײַטער איינער פונעם אַנדערן.

האָב איך פּייסין אַוועקגעשיקט צו לעמלען אין דער בעקערײַ און אידען אַרומגעדרייט מיט טיכער און געבראַכט צו זיך אין שטוב. דער סאַמאָוואָר הערט ניט אויף צו פּײַפן און שפּריצן, — איצט וויקל איך שוין מיט די נאַסע לײַלעכער אידען און שוין אַ ביסל זעלטענער משהקען.

— אויף אַזאַ אופן, — דערציילט ליזע, — האָט מיין מאַמע אָפּגע־ראַטעוועט פון כאָליערע איר פּלימעניק און פּלימעניצע.

און אידע און פּייסיע האָבן זיך שפּעטער דערצויגן אין בערעזאָווקער קינדערהיים.

אידע איז אַלט געוואָרן אַכצן יאָר. זי האָט שוין דאַן געוווינט בײַ אירע מומעס אין אַדעס. איז אַנומלט געקומען צו זיי צו גאַסט אַ ווײַטער קרוב מויסיי סקליאַרעוויטש, אַ יונגער אינזשעניער פון דאָניעצקער ברויט־זאַוואָד. פאַרליבט ער זיך אין אידען און זי אַוועקגעפירט קיין גאָרלאָווקע, בשכנות מיט דאָניעצק, ווו זיי לעבן איצט, פון וואַנען ער פאָרט צו דער אַרבעט.

זיי זײַנען דאָס מויסיי און אידע, גדליהס טאָכטער, צו וועמען איר שוועסטער־קינד שפרה האָט באַשלאָסן צו שרײַבן אַ געגויעם בריוו וועגן זייער ביטערער האָפנונגסלאָזער לאַגע אין בערעזאָווקע.

— —

לעמלען מאַטערן אַלץ נאָך די פורונקלען אויפן לייב. ריווע בעט זיך בײַ אים:

— לאָז מיר, איך וועל דיר ווידער אויסשמירן מיטן זאַלב. דער

אַפּטייקער איז ניט קיין ייִנגעלע. ער האָט מיר געזאָגט: „פון די גרויסע צרות האָבן זיך דיר די פּרישטשעס אַרויסגעשלאָגן"... — ריווע, איר דאַרפט דאָך פאַרשטיין, — זאָגט ער מיר, — די באַנדיטן האָבן אים געטראָטן אויף דער נשמה, אין גאַנצן צעשאָקלט די נערוון. צוויי וואָכן! — פינף מינוט צו זיין צווישן אַזעלכע רשעים, ווערט פון דעם מענטשן אַ לופּעטע... שמירט אים מיט דעם זאַלב! ס'מוז העלפן! — לאָז זיך דינען, לעמל.

אָבער לעמל וויל ניט: — פון דער קלעפּיקער געלער שמירעכץ, שמאַרצט נאָך שטאַרקער. איך ווער דערשטיקט פון דעם גערוך!

און ער טענהט און ס'שפּאַרט פון אים מיט רייד:

„טאָג און נאַכט געוואַלגערט זיך אין דער בערעזאַווקער בעקערײַ. טײַכן שווייס אויסגערונען פון מיר. הײַנט די זיבן יאָר אויף די רוסישע פּאָזיציעס און אין געפאַנגעשאַפט בײַם דײַטש... און דער געפּעו־ייִד, דער מנוול פּראַשקעט מיך אין די באַקן און שטויסט מיך מיט כוח צו דער וואַנט, ווי ער וואָלט מיך וועלן אַהינצו אַרײַנקוועטשן: „האָסט גאָלד! דײַנע אויגאַנעס זאָגן מיר, אַז דו האָסט פאַרגראָבן דײַן גאָלד און מעל פאַרגראָבן. נאָך אַ סך זעק מיט מעל"... גוואַלדעווע איך, רײַס אויף זיך שטיקלעך פון מײַן צעפליקטן העמד, גראַבל מיט די נעגל דאָס לײַב: „ייִדישער צורר! מאַך דעם חשבון! דרײַ יאָר בסך־הכל ווי איך אַרבעט בײַ זיך אין שטוב. איין אויוון! ווען איך זאָל אַפילו באַקן קײַלעכיקע מעת־לעתן אָן אויפהער, וויפלזשע האָב איך געקאָנט פאַרדינען? — אַ משפחה פון זיבן עסערס? און רעכן צו די נאַלאָגן! דער פין־אָטדיעל האָט געשונדן די הויט. טאָ מאַך דעם חשבון, צורר! קאָן איך דען האָבן גאָלד? און מײַן מעל האָסטו צוגענומען אין גאַנצן, אינגאַנצן! דעם לעצטן ביסן אַרויסגעריסן פון מויל! דעם קאָפּ מילך פאַר מײַן פּיצל קינד. וואַלד־גזלן וואָס דו ביסט... נאַ... פּראַשקע, הרגע, טרינק מײַן בלוט, ייִדישער צורר"!...

זעט שוין ריווע, לעמל פּרעסט זיך אויף דאָס האַרץ, טרעט זי אָפּ און ווינקט צו דער טאָכטער. ריווע גייט אַרויס און שפרה קומט צו צום טאַטנס בעט. דערזעט ער זי, באַרויִקט ער זיך, ווערט שטילער:

— טאָכטערקע, געדענקסטו, זיכער, אַז דו האָסט דעם אַדרעס ריכטיק אָנגעשריבן?

— יאָ, טאַטע, דאַרפסט ניט טראַכטן וועגן דעם, ווען איך האָב גע־האַלטן אין אַראָפּלאָזן דעם בריוו אין פּאָסט־קעסטל, האָב איך נאָך עטלעכע מאָל אײַנגעקוקט זיך אין יעטוועדן אות. דער קאָנווערט איז געווען גוט פאַרקלעפּט, די מאַרקע אויך. ס'קאָן נאָך קיין ענטפער ניט זײַן, טאַטע. פיר טעג ערשט ווי כ'האָב געשיקט דעם בריוו.

און שפּעט אין אָוונט, ווען די קליינע קינדער שלאָפן שוין און שפרה ליגט שוין אויך אַ פאַרשטילטע אויף איר געלעגער, זיצט ריווע בײַם ראַנד פון לעמלס בעט, נעמט שוין לעמל זיך אַליין דערגיין די יאָרן, טאַטשען זיך און רודפן, בשתיקה שעפּטשעט ער:

— אַזוי בין איך ווערט, ריווע, אַזוי קומט מיר פאַרן זאָרגן זיך וועגן מײַן אַלטן, בלינדן טאַטן... ניט געטאָרט אים דאָן אַרויסלאָזן פון שטוב...

— אוי, לעמל, אויף וואָס זענענדיק דאַרפסטו זיך איצט גריזיען? וואָס האָסטו דאָן געקאָנט טאָן? — מענטשן זײַנען פון הונגער געפאַלן, ווי די פליגן. פאַר יעדן ברעקל ברויט זיך די פינגער געשניטן. מיר זײַנען שוין געווען זאַלבע־פערט. דאָס עופהלע — צוויי חדשים, מײַן ברוסט אויסגע־טריקנט, קיין סימן פון מילך ניט... קאָרמע איך עס, קאָרמע מיט וואַרעם וואַסער... אָן אַ גרײַפּעלע צוקער... האָט זיך נאָך צו דעם צוגעכאַפּט דיזינטעריע... געוואַלט ראַטעווען, אויסגעגאַנגען פאַר די אויגן... האָבן און גראָבן... די וועלט פאַר זיך ניט געזען...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

דערמאָן איך מיך, וואָס מײַן ברוקלינער חבר מישע קריוואָרוטשקאָ האָט מיר דערציילט: — ווען מײַן פעטער לעמל האָט מיך נאָך מײַן טאַטנס טויט געבראַכט קיין בערעזאָווקע, איך זאָל זײַן בײַ זיי, האָב איך מיך דערוווּסט — מיט יאָרן פריִער האָבן פאַגראָמשטשיקעס דערהרגעט מײַן באָבע שפרהן. מײַן זיידע שמואל־לייב אַ שיינער, הויכער מענטש מיט אַ באָרד, אַ בלינדער, איז געבליבן אַליין. אין דער הונגער־צײַט פלעגט ער קומען צום פעטער לעמלען, זײַן זון, עפּעס אָפּצועסן. איך פלעג אים דערנאָך צוריקפירן צו זיך אַהיים. געדענק איך, ווי מײַן זיידע פלעגט פאָכען אין דער לופטן מיטן שטעקן אין מײַן פעטער לעמלס זײַט:

— איך בין דײַן טאַטע! דאַרפסט העלפן אַ בלינדן טאַטן!

אין איינעם אַ שיינעם טאָג, אַזוי האָט מען גערעדט, איז ער מיט אַ טאָרבע אַוועק איבער דער וועלט, אפשר איבער די הײַזער, און מער האָט ער זיך שוין ניט צוריקגעקערט...

די גוטע בשורה

צום ים מיט צרות, ניט געווען אַפילו קיין שטרויעלע אין וואָס זיך אָנצוכאַפּן, האָט די גוטע בשורה און פרייד, וואָס האָבן מיט זיך געבראַכט די צוויי בריוו פון דאָניעצק און גאָרלאָווקע, דערמאָנט יענע, ווײַט שוין פאַרלאָפענע רגע, ווען לעמל האָט זיך צוריקגעקערט אַהיים נאָך דער

מלחמה. דער בריוו פון דאַניעצק — אַן אָפּיציעלער פּאַפּיר: די דירעקציע פונעם דאַניעצקער ברויט־זאַוואָד וועגדט זיך צום אַרבעטער־בעקער־ספּעציאַליסט לעמל שמוליעוויטש קריוואָרוטשקאָ, רופט אים אַרויס אויף אַרבעט; דער צווייטער בריוו: פון גאָרלאָווקע, פון מויסייען און אידען — אַ האַרציקער מיטפילנדיקער בריוו: „טײַערער פעטער לעמל, טײַערע מומע ריווע, טײַערע שפּרהלע מיט אַלע קליינע קינדער, איציקל, ליזע, גאָלדע און ליבע מיזינקעלע ראָזעלע! זײַט רויִק! ס׳וועט אַלץ זײַן אין דער פולסטער אָרדענונג — צום אַלעם ערשטן דאַרף דער פעטער לעמל תיכף קומען צופאָרן קיין דאָניעצק, שטעלן זיך אַרבעטן. מיר וועלן זיך שוין דאָ מיט אים דעררײדן, ווי אַזוי אַהער איבערצופּעקלען די משפּחה".

ווײַטער שרײַבט אידע: „טײַערער פעטער לעמל! מויסיי האָט גערעדט מיטן זאַוואָד־דירעקטאָר, דערציילט אים וועגן אײַך, אַז איר זײַט אַ דער־פאַרענער קוואַליפיצירטער בעקער. דער דירעקטאָר האָט אים אויף דעם געענטפערט: „מיר נייטיקן זיך זייער אין ספּעציאַליסטן". מען האָט אײַך שוין אַרויסגעשיקט אַ „וויזאָוו". דאָס הייסט, אַז איר זײַט אָנגענומען אויף דער אַרבעט און מען וועט אײַך אויסצאָלן די הוצאות וואָס זײַנען פאַר־בונדן מיטן קומען. נאָר מאַכט ניט קיין איבעריקן טומל... איך שיק אײַך הײַנט אַרויס מיט דער פּאָסט לויט אונדזערע באַשיידענע מעגלעכקײַטן, אַ „פּערעוואָד" (געלט־איבערווײַזונג). פאַרנוצט עס געזונטערהייט. מיר וואַרטן אויף אײַך. מיר קושן אײַך אַלעמען האַרציק — אײַערע פּלימע־ניקעס לידע און מויסיי".

מיט אַ טאָג שפּעטער האָט דער פּאָטשטאַליאָן געבראַכט דאָס איבער־געשיקטע געלט.

*

אַ טשיר, העכער פונעם געזעס, האָט נאָך געצויגן לעמלען די עצמות. נאָר ער האָט במחשבה מיט כעס פון זיך געטריבן, ווי אַ זלידנע פליג, די ווייטיקן. ער האָט אַרויפגעלייגט אויפן שטול אַ קישן, געזעצט זיך נאָענט צום טיש גאָלן.

מיטן ראַזיר־מעסער אָן רחמנות געשאָבן זיך די באַקן, אַרײַנגעקוקט אין שפּיגעלע, גערעדט צו זיך, ריווע און די קינדער זאָלן הערן: — נו, איז וואָס? — אַן אָפּגעשונדן הענדל? — אַבי זײַן ראַיעל אָפּגעראַזירט, — דערנאָך, אין די גאַטיעס אַרומגעשפּאַנט איבער דער שטוב, אָנגעשפּאַרט אויף אַ שטעקל, אַלץ אײַליקער און אײַליקער און זיך אונטערגעברומט אונטער דער נאָז: — „צונויפדרייען וועל איך אײַך אין דרײַען, איר גע־

ברענטע, געבראָטענע לייד... קוי זשעלאַזאַ, פּאָקאָ גאָריאַטשאָ — שמיד דעם אײַזן כל־זמן ס'איז הייס"...

און ריווע איז אים נאָכגעגאַנגען מיטן עופהל אויף דער האַנט, פּאַר־טײַעט אין זיך דעם צופרידענעם שמייכל: — לעמל, טפו, טפו, טפו! ניט גיב זיך קיין עין־הרע, לעמל, אָן איבעריקן טומל.

עס קומט אַרײַן פון גאַס שפרה. זי שטרעקט אויס דעם טאַטן דעם בילעט:

מיט אַ פּלאַצקאַרטע, טאַטע, דו זאָלסט זיך אויסרוען אין וועג. מאָרגן פונקט אַכט אין דער פרי גייט אָפּ די באַן.

— קיינעם, טאָכטערקע, האָסטו ניט געטראָפן? קיינער האָט דיך ניט געזען?...

— טאַטע, אָן איבעריקן טומל..., — חזרט איבער שפרה איבער אידעס ווערטער פון איר בריוו, — איבערמאָרגן באַגינען ביסטו טאַטע אין דאַניעצק...

— מיט הצלחה, מיט מזל, לעמל, גאָט דערבאַרימדיקער, — רופט אויס ריווע און ווישט זיך פון די אויגן די אָנגעלאָפענע טרערן און קושט איןביידע בעקלעך ראָזעלען, די מיזינקע.

דער ערשטער בריוו

אַ דרײַ וואָכן אַרום איז פון לעמלען אָנגעקומען דער ערשטער בריוו:

„מײַן טייערע ריווע, מײַן קלוגע, שיינע טאָכטער שפרהלע, מײַנע קליינע ליבע קינדערלעך! איך שיק אײַך אַרויס דעם אַוואַנס־אויפגאַב פאַר מײַן חודשדיקער זשאַלאָוואַניע (געהאַלט) און אַ ספּראַווקע, אַז איך אַרבעט אויפן דאָניעצקער ברויט־זאַוואָד. דער דירעקטאָר און גופא אין צעך די אַרבעטער זײַנען מיט מיר צופרידן. איך האָב גאָר קיינמאָל ניט געטראַכט, ס'זאָל מיר צונויץ קומען די אַמאָליקע מײַנע קאַטאָרזשאַנסקע האָרעוואַניע אין פּלען — אין אַ דײַטשער בעקערײַ. איך האָב דאָ דער־ציילט וואָס איך געדענק וועגן דעם סיסטעם פון די דײַטשישע באַק־אויוונס, דעם אופן, ווי מ'האָט דאָרטן געאַרבעט. מײַנע טײַערע! וועגן מיר דאַרפט איר זיך ניט זאָרגן. איך בין אויסגעבונדן און אויסגעקנאָטן מיט ברויט, הייסט עס — ניט קיין פאַרחלשטער. אָבער עס עגבערט מיר דעם מוח — איר האָט דאָס ניט. ווײַל דער עיקר איז דאָך איצט ניט אַזוי דאָס געלט, ווי דאָס ברויט־ביכל און מען באַקומט עס נאָר דאָרט, ווו מע אַרבעט און ווו מע וווינט. איך בין טאָג און נאַכט אויפן זאַוואָד.

ווײַל שלאָפֿן האָב איך מיר, מיט אַ דערלויבעניש, אײַנגעאָרדנט אין איינע פֿון די צוויי „ראַזדיעוואַלעקס" — אויסטאַן־צימערס, נעבן די דושן, וווּ מען וואַשט זיך נאָך דער אַרבעט. ס'איז אַ היפּשער חדרל, איך האָב אַהין אַרײַנגעשטעלט אַ טאַפּטשאַן און ליג מיר ווי אַ מאַגנאַרך — די אויגן צום פּאַטעלעק. אין דאַניעצק צו באַקומען אַ דירה פֿאַר אַ משפּחה פֿון זיבן מענטשן, דאָס קאָן זיך מיר ניט חלומען, סײַדן צו ווערן דורך נאַכט דער גלאַוונער מיניסטער... עס לעבן דאָס זעקס־אַכט מענטשן אין אַ קאַטוכל. יאָרן שטייט מען אין אַטשערעד נאָך אַ שטיקל ווױנונג־שטח און מען דערוואַרט זיך ניט. האָבן מיר זיך מיט מויסייען און מיט אידען מישב געווען — ליזען וועלן זיי נעמען צו זיך און מיט שפּרהן און מיט איציקלען וועל איך דערווײַל זײַן אין „ראַזדיעוואַלקע" — אויסטאַן־צימער. אײַזערנע בעטלעך וועט מען געבן. און דו מיט גאָלדען און ראָזאַלען, איר בלײַבט לעת־עתה היטן אונדזער בערזעאָווקער דאַך איבערן קאָפּ. מיטאָגן עס איך אין דער גאָרקיך פֿון ברויט־זאַוואָד. דאָס עסן איז ווי אומעטום איצט, — מיר רויען די „פּיאַטילעטקע"... אַנשטאָט קאָמפּאָט — טרינקען מיר ברויט־קוואַס. אין יעדן צעך שטייט אַ פּעסל און צאַפּ וויפֿל עס קאָן אין דיר אַרײַן. און אַז מען אײַלט פֿון איין צעך אין אַנדערן, בולבעט זיך אין בויך. איך ענדיק, טײַערע, מײַן בריוו. ווי נאָר איר באַקומט אים, ריכט אויס אין וועג — שפּרהן, איציקן און ליזען. טו די קינדער אָן וואַרעם. עס גייט צו ווינטער. אַ הייסן גרוס פֿון מויסייען און אידען. איך בין בײַ זיי געווען צו גאַסט אין גאָרלאָווקע, זיי האָבן מיך אויפֿגענומען — וואָס בעסער קאָן שוין ניט זײַן — אידע האָט מיך געקושט און געהאַלדזט — און גערופֿן מיך „מײַן געליבטער פֿעטער לעמל דער בעקער". שיער ניט פֿאַרגעסן — דער דירעקטאָר איז אַ גאָר וויכטיקער אדם — מיכאיל יעווסעיעוויטש, אַן אָדעסער. זײַן פֿאָטער — שייעל הייסט ער. דערזעט מיך — שטרעקט ער מיר אויס אַ האַנט. אַ פֿײַנער ייִד, גייט אין די שבתים דאַווענען. ערגעץ קלײַבט זיך אויף אין אַ שטוב אַ מנין. אויף בערעזאָווקע געזאָגט געוואָרן. זײַט געזונט. איך נעם אײַך יעטוועדן אַרום און קוש אײַך שטאַרק, שטאַרק! לעמל...

אוי, גרינג ווי אַ צווײַגעלע...

עטלעכע טעג האָט די מאַמע מיט שפּרהן געגרייט די קינדער צו דער יאַזדע קיין דאַניעצק. מען פֿאָרט דאָך ניט אויף באַלד צוריקקערן זיך, ס'קאָן גרײַלעך זײַן, מ'וועט דאָרט ווינטערן. איציק איז ערב־סוכות געוואָרן

צען יאָר און ליזע איז מיט אַן אַנדערטהאַלבן יאָר ייִנגער. הערן זיי ביידע ניט אויף פון שמחה אַרומצושפּרינגען, אַרומצוקלעטערן, דרייען זיך אונטער די פיס — צום ערשטן מאָל מיטן באַן, אין אַזאַ ווײַטער נסיעה. די אחריות ליגט אויף שפּרהן. זי פאָרט דאָך מיט זיי. האָט זי צו איציקס גרויסן קלומיק, מ׳קאָן אַפילו זאָגן — זאַק, און צו ליזעס אַנגעשטאָפּטן רענצל, צוגעגייט אויף זיכער, אָנשטאָט רימענס, ברייטע פאַסיקלעך־שלייקעס פון פּראָסטע, שטאַרקע צײַג. פאַר דעם געהאַט עטלעכע מאָל צוגעמאָסטן דעם האַק־און־פּאַק צו די קינדערישע אַקסלען, די פאַסיקלעך־ליאַמקעס זאָלן זיך ניט אײַנשניידן אין די פּלייצקעס און פאַרקערט, ניט זײַן צו פרײַ, שטשילגע, באַקוועם צו טראָגן אויפן רוקן.

איציק לאָזט ניט צורו זײַן קלומיק — רעפּעטירט זיך„ טוט אים אויס און טוט אים אָן אויף זיך, דעפּילירט הין־און־קריק כוואַסקע פאַרבײַ די מאַמען און דער עלטערער שוועסטער און שרײַט:

— אוי, גרינג ווי אַ צווײַגעלע! מען קאָן נאָך צו מיר אין זאַק אַרײַנשטופּן אַ באַרג מיט טראַנטעס!...

און ליזע נעמט ניט אַראָפּ די אויגן פון איר ברודערל, און טוט אים נאָך מיט אַלע פּיטשעווקעס — שלעפּט אויף אַרויף זיך דאָס פּוכקע רענצל, גייט הינטער איציקן, טרעט אים אָן אויף די קאָרקעס און ליאַרעמט, פאָכעט מיט די הענטלעך, שטרעקט זיי אויס:

— מאַמע, איך קאָן אין מײַן יעדער האַנט טראָגן נאָך עפּעס...

געזאָלט האָט מען פאָרן זונטיק און פרײַטיק אין דער פרי האָט זיך שוין שפּרה געקליבן צום וואָקזאַל נאָך באַן־בילעטן, נאָר די מאַמע האָט אין דער לעצטער מינוט איבערגעקלערט:

—שפּרהלע, הלמאי צו ערגערן דעם מזל? — לאָמיר איבערהיפּערן דעם שווערן מאָנטיק און פאָרן דאַרף מען, מיט גאָטס הילף, נאָר, — דינסטיק.

...דאָס קליינוואַרג ליגט שוין אין די בעטלעך — צײַט צו שלאָפן, האָט די מאַמע נאָך אַלץ ניט אויפגעהערט אַרײַנצוריידן אין איציקן און ליזען:

— אין וואַגאָן, בײַם אַראָפּגיין צום וואָקזאַל און ביים זעצן זיך אין טראַמווײַ, זאָלט איר, קינדער, למען השם, די גאַנצע צײַט האַלטן זיך בײַ שפּרהס האַנט, בײַ שפּרהס קליידל, בײַ שפּרהס פּעלצל. ניט אָפּצוטרעטן פון איר אויף קיין טשוטאַטשקע. פאַרקריצט עס זיך, — און די מאַמע באַווײַזט אויף איר שטערן, — אָט דאָ אין זיבען, — אין וועג און אין אַזאַ קראַך ווי דאָניעצק, זײַט איר פּונקט ווי אַקאָרשט אַן אויסגעפּיקט פּוכיק־געל ציפּליאַטקעלע. קערט איר זיך אָפּ פון דער קוואָטשקע אויף

אײן האָרעלע, קאָן דאָס הינדעלע — פאַר מײַן מויל וויל איך עס ניט אַרויסברענגען — אַרונטערפאַלן אונטער דער ראָד פון אַ דראָבינע, קאָן עס אַ קאַץ אַ גראַבל טאָן, קאָן עס אַרײַנגליטשן זיך אין אַ דײזשקע מיט רעגן־וואַסער און, שונאי ציון, פאַרכליאָבען זיך... איז בײַ וואָס וועסטו זיך, ליזינקע, אָנהאַלטן?

— בײַ דער קוואָטשקעלע...

שפרה און די מאַמע צעלאַכן זיך.

— און איך, — בײַם הענטל פון שפרהס טשעמאָדאַן!

— און וועסט מיר, איציק, ניט לאָזן אַ טראָט צו טאָן, — שמײכלט שפרה.

— ניין, — איך וועל דיר אים העלפן טראָגן — אַזאַ שווערער! ער לאָזט זיך ניט אויפהייבן, — און בײַ איציקלען איז רעכט אַראָפּצושפּרינגען פון בעטל, צו ווײַזן, ווי שווער ער איז.

און אַז די קינדער זײַנען שוין אײַנגעשלאָפן, זאָגט ריווע צו דער טאָכטער:

— און, טאַקע, מאַלע וואָס ס'טרעפט, אַ געדרענג, אַ טומלעניש, פאַר־לירט מען זיך אײנער פונעם אַנדערן... קינדער... בלײַבט מען שטיין ווי אין מיטן וואַסער... אפשר, שפרה, אָנשרײַבן אויפן זעקל און רענצל, מיט גרויסע רוסישע אותיות דעם אַדרעס — דאָניעצק, ברויט־זאַוואָד און דעם נאָמען פון דער גאַס... אַ? ווי מײנסטו, שפרה?

— מ'קאָן, מאַמע, אָבער ניט אויף די קלומקעס. ברויט איז איצט זײער אַן אײדעלע זאַך, מע וועט איבערלײענען דאָס וואָרט „ברויט־זאַוואָד״, קאָנען זיך געפינען קונצן־מאַכער, גרײטע אַראָפּצורײַסן די זעקלעך פון די אַקסלען... נאָר איך וועל מאַרגן אָנשרײַבן אויף שטיקלעך קאַרטאָן פאַר איציקן באַזונדער און פאַר ליזען באַזונדער, דעם אַדרעס פון ברויט־זאַוואָד, זײ זאָלן עס בײדע היטן, אויף יעדן פאַל, אין די מאַנטל־קעשינקעס.

— —

...ניט די מאַמע און ניט שפרה קאָנען ניט אײַנשלאָפן.

— ווײסט וואָס, טאָכטערקע? — לײג זיך אויפן טאַטנס בעט נעבן מיר, דו פאַרסט דאָך אַוועק, וועלן מיר, אפשר, רײדנדיק אַנטדרימלט ווערן. וואָס זאָגסטו, שפרהלע? וואָס טראַכסטו וועגן טאַטנס בריוו?

— דער טאַטע האָט געשריבן דעם ביטערן אמת. שווער, מאַמע. ווי וועלן מיר דאָרט זײַן אין דער „ראַזדיעוואַלקע״? און ווי לאַנג קאָן ליזע זײַן בײַ מויסייען און אידען? און דו מיט גאָלדען און מיט ראָזעלען? — ווען מ'זאָל דיר דאָ, לויטן טאַטנס ספּראַווקע אַרויסגעבן ברויט־ביכלעך? זאָלסטו וועלן צופאָרן מיט די קינדער קײן זשידיוווסק, זײַן אַ ביסל צײַט

מיט רייזלען און נחמהן ? — איז ווי לאָזט מען אָבער איבער דאָס שטיבל אויף הפקר ? — אַלץ האָט זיך איבערגעפּלאָכטן און מיר האָבן קיין אַנדערע ברירה ניט...

— יאָ, טאָכטערקע, ס'איז אַזוי שלעכט און אַזוי שלעכט. און די ברירה הענגט אויף שפּינוועבס...

— ווייסטו וואָס איך טראַכט נאָך, מאַמע, ניט אַ מוז איך זאָל מיטן טאָטן אַרבעטען אויף איין ברויט־זאַוואָד. איך מיין, אַז מויסיי האָט באַקאָנטשאָפּט אויך אין אַנדערע ערטער. אַליין וואָלט איך מיך ווי ניט איז געקאָנט אײַנאָרדענען בײַ אַ באַלעבאָסטע אויף נאַכטלעגער, אָבער איך וועל דאָך דאַרפן העלפן דעם טאָטן קוקן אויף די קינדער... און וואָס וועט זײַן מיט זייער גיין אין שקאָלע? צי איז זי ניט ווײַט פון ברויט־זאַוואָד ? אין דאַניצק זײַנען דאָך געוויס קיין ייִדישע שולן ניטאָ. אַ גויִשע שטאָט — וועלן זיי דאַרפן גיין אין אַן אוקראַיִנישער.

— אוי, טאָכטערקע, דער קאָפּ ווערט צעשפּאָלטן טראַכטנדיק...

— מאַמע, איך האָב דיך געוואָלט נאָך וועגן עפּעס פרעגן. כ'האָב זיך צוריקגעקערט פון אָדעס און גלײַך אײַנגעטונקט זיך אין די צרות... אמת, איך האָב דיר געשריבן וועגן לייבלען, נאָך דעם, ווי איך האָב זיך שוין דערוווּסט, אַז מ'האָט אים געזען מיט דער שיקסלקע אין קינאָ, האָבן מיר נאָך אַנדערע איבערגעגעבן — מען באַגעגנט איר מיט אים. און ווען מ'האָט זיך שוין אָנגעהויבן באָדן אין ים, בין איך אַוועק מיט מײַנע חברטעס צום ימיקן פּליאַזש — דאָס איז שוין געווען ניט לאַנג פאַרן אַוועקפאָרן אַהיים, האָב איך פּלוצעם, פון ניט זייער ווײַט דערזען אים מיט איר...

— דאָס איז זי... האָבן מיר מײַנע חברטעס געזאָגט.

ער האָט זי אויף די הענט געטראָגן צו די זון־בלענדיקע כוואַליעס און זי האָט געכאַכאָטשעט, געקוויטשעט פון פרייד און געפּאַטשט אים איבערן פּנים...

— טאָכטער, וועגן אים האָסטו שוין ניט וואָס צו פאַרהלומען דײַן קאָפּ, כאָטש דער טאָטע, פלעגט מיך ניט איין מאָל דאָקוטשען — „ריווע, מיר האָבן דאָ פאַרזען, געדאַרפט אים צונעמען פון קינדערהיים צו זיך". פאַרשטיי איך ניט, ווי אַזוי האָבן מיר עס געקאָנט טאָן ? — ס'קאָן זײַן, ס'וואָלט אַ סך ערגער געווען, מע וואָלט אויף אונדז אויסגעטראַכט, אַז מיר האַלטן אַן אַרבעטער... נאָר דעם טאָטן האָט די געשיכטע מיט לייבלען געקאָסט געזונט. ער פלעגט פון עגמת־נפש זאָגן אפילו מיר, אַז דו האָסט געדאַרפט זײַן מער...

— וואָס מער ?

— נו, מער אינטערעסירן זיך מיט אים.

— מאַמע, איך בין געפֿאָרן אין יעוואָראָל לערנען זיך און באַהערשן אַ פֿאַך און ניט נאָכלויפֿן נאָך לייבקען. און, אגב, האָב איך עס אפֿילו געטאָן. נאָר אַז ער איז ווי אַ ווינט אין פֿעלד און האָט זיך שוין פֿון לאַנג אָן ניט געוואָלט לערנען, האָט ער קיין אַנדערן אויסוועג ניט געהאַט, ווי צו גיין האַרעווען אין אַדעסער פּאָרט און דאָס איז אים גראָדע געפֿעלן געוואָרן — בײַם ים צו שלעפּן זעק אויפֿן אַקסל און קלעטערן מיט דעם אויף די גרויסע שיפֿן, צו זען די וועלט... און זיך שוין דערפֿילט אַן איבעריקער אין צוזאַמענוווינונג־צימער, אָפּגעלאָזן זיך, מיט איין העמד אויפֿן לײַב. האָט ער געמוזט אַוועק פֿון דאָרט. אַ גוי האָט אים יאָ גענומען צו זיך, דערבײַ איז געווען אַ פֿײַנע שיקסלקע. וואָלט איך געוווינט אין אַ באַזונדערן צימער אין שטאָט, וואָלט איך דאָן, אפֿשר, געקאָנט האָבן צו זיך טענות...

— איך האָב צו דיר, טאָכטערקע, קיין שום טענות ניט.

— נאָר ניט וועגן דעם וויל איך דיך איצט פֿרעגן, מאַמע. שוין דער דריטער חודש ווי איך האָב זיך צוריקגעקערט, וויל איך פּשוט, ס׳ציט מיך צוגיין אין קינדערהיים. צי ווייס מען דאָרט עפּעס וועגן אים? ער האָט דאָך שוין מיט אַ האַלבן יאָר צוריק געגרייט זיך צו גיין אין אַרמיי, געווען אַ „דאַפּריזיוניק״, און אַזוי ווי איך פֿאָר ערשט דינסטיק, האָב איך נאָך דרײַ פֿרײַע טעג.

— גיי צו, טאָכטער. און דאָס, וואָס דו זאָגסט, אַז דו וואָלסט וועלן בעסער ניט אַרבעטן מיטן טאַטן אויף איין אָרט און ניט צו זײַן אין דער ראַזדיעוואַלקע, ביסטו, טאָכטערקע, גערעכט. אוודאי איז ריכטיקער, דו זאָלסט אַליין מיט די אייגענע כּוחות דורכשלאָגן זיך אַ סטעזשקע, ווי שווער דאָס זאָל דיר ניט אָנקומען...

וועלן מיר איצט פּרווון אָנשלאָפֿן ווערן, טאָכטערקע. ביסט מײַן אויג פֿון קאָפּ. לאָמיך דיך צעקושן!...

אין קינדערהיים

אויף צומאָרגנס איז שוין שפּרה געווען אין קינדערהיים. אין לאַנגן קאָרידאָר איז געווען שטיל. די קינדער זײַנען שוין אַוועק אין די שולן. הינטער איינער פֿון די טירן הערט זיך אַ שטעפּן פֿון אַ נײַ־מאַשין. שפּרה קלאַפּט אָן. די מאַשין איז אָנטשוויגן געוואָרן. אַ בלייך, דאַר מיידעלע, פֿון אַ יאָר עלף־צוועלף, איר האַלדז דאָפּלט אַרומגעבונדן מיט אַ שאַליק, עפֿנט די טיר. שפּרה פֿרעגט זי:

— ווו קאָן מען זען די דירעקטאָרין פון קינדערהיים ?

דאָס מיידעלע איז אַרויס אין קאָרידאָר און זאָגט שפּרהן מיט אַ שטאַרק הייזעריקן קול און ווײַזט איר אָן מיטן פינגער: — אין סאַמע עק קאָרידאָר, אויף דער זעלבער זײַט איר צימערל, מסתם, איז זי דאָרטן.

— אַ דאַנק דיר, מיידעלע, גיי צוריק, אין קאָרידאָר איז קאַלט.

— מאַכט ניט אויס, צוליב איין סעקונדע וועט מיר ערגער ניט ווערן.

טאַקע אַ צימערל, ווי דאָס מיידעלע האָט איר געזאָגט, אַ דרײַ־עקיקער. נעבן פענצטער זעט שפּרה בײַ אַ קליין טישל, אַן עלטערע פרוי, אין אַ פּראָסטן ווינטער־מלבוש און האַלט מיטביידע דלאָניעס אַרומ־גענומען אַ ווײַסע קרוזשקע מיט טיי און, קאָנטיק, אַז דער עיקרשט וויל זי צוערשט דערוואַרעמען אירע פאַרגליווערטע הענט און ניט בריִען זיך מיטן טיי.

— וואָס שווײַגסטו, מיידל ? — פרעגט בײַ שפּרהן די דירעקטאָרין.

— איך טראַכט, ווי אַזוי איך זאָל עס בײַ אײַך פרעגן.

— דאַרפסטו לאַנג אויף דעם טראַכטן ?

— ניין, איך האָב זיך אין אָדעסער יעוורעמאַל געלערנט מיט אײַער לייבקע גאָרעליק.

— ער האָט דען געלערנט ?

— אַ קורצע צײַט.

— לויט דעם, ווי איך קען אים, צווייפל איך, צי, אַפילו אַ קורצע צײַט. האָסטו מיר געבראַכט אַ גרוס פון אים ?

— ניין, איך וויל בײַ אײַך פרעגן, אפשר ווייסט איר, ווו ער איז איצט ?

— ביסטו ניט לעמל קריוואָרוטשקאָס אַ טאָכטער ?

— יאָ.

— נאָך מיט יאָרן צוריק האָבן מיר געהאַט בײַ אונדז אין קינדערהיים פון זשידיווסק מיישקען קריוואָרוטשקאָ און דעם בערעזאָווקער אײַנ־האַנטיקן גדליה קריוואָרוטשקעס ביידע קינדער — פּייסי און אידע. פּאַכאָזשעדיקע נעזלעך, — שמייכלט די דירעקטאָרין. אויך שפּרה צע־שמייכלט זיך.

— נעם אַ שטול און זעץ זיך צו, שעם זיך ניט, נעם. קאָן איך דיר זאָגן — לייבל גאָרעליק דינט שוין אין אַרמיי. אַ בחור איז ער אַ ווילער, אַ פּראַצעוויטער, ווען ער זאָל זיך נאָר דערצו וועלן לערנען. אין אַרמיי, האָף איך, וועט ער זיך מענטשלען און אָניאָגן. אָט איז אונדזער אַדרעסן־העפט. אויף גימל... באַלד זוך איך אויף. אָט, — גאָרעליק לייבל זאָל־

מענאָוויטש, זעסטו ,נאָך ניט פאַרגעסן דעם טאַטנס נאָמען. נאָדיר זײַן אַרמייִשן אַדרעס.

שפרה שרײַבט איבער.

— שאַ, וואַרט, און נאָך עפּעס ווייסטו וועגן אים? — טוט די דירעקטאָרין אויף טשיקאַוועס אַ בליק אויף שפרהן.

— עפּעס ווייס איך, נאָר ניט אין גאַנצן...

— וועל איך דיך מצער זײַן, אויב איך וועל דיר אויסזאָגן דעם „אינגאַנצן״?

— ניין...

— ער האָט פאַרן אַוועקגיין אין אַרמיי פאַרשריבן זיך מיט אַ סטו־דענטקע פון אַ ביבליאָטעק־טעכניקום, — אַזוי שרײַבט ער צו אונדז אין זײַן בריוול פון דעם אָרט, ווו ער דינט.

— דעריבער וויל איך זײַן אַדרעס, צו קאָנען באַגריסן אים מיט דעם...

— אָ, ביסטו דאָך אַ מיידל ניט קיין פּראָמאַך, זאָגזשע טײַערע, ווי הייסטו?

— שפרה.

— שפרה, מיר זײַנען מיט דיר איצט אונטער פיר אויגן, דײַן טאַטן האָב איך געהערט, האָט מען אַרויסגעלאָזט. וויזשע גיט איר זיך אַן עצה? — אַן אַרבעט, און מ׳האָט ביי אײַך אַלץ צוגענומען?...

— אַ דאַנק פאַרן פרעגן. דער טאַטע אַרבעט שוין אַלס אַרבעטער אויפן דאָניעצקער ברויט־זאַוואָד.

— זעסטו טײַערע, מיט דעם האָסטו מיך דערפריידט. ער איז אַלע יאָרן געווען אַן ערלעכער אַרבעטער און אַ האַרציקער מענטש. דאָניעצק, זאָגסטו? — אַ ביסל צו ווײַטלעך...

— איך פאָר אויך די טעג אַוועק אײַנצואָרדענען זיך אויף אַרבעט.

— ניט לערנען זיך?

— ניין, אַ שווערע צײַט, פיר קליינע קינדער. מען דאַרף העלפן די עלטערן. און חוץ דעם איז דאָך שוין אויס יעווראַמאַל.

— יאָ, יאָ, אויס. כ׳האָב אָבער געהערט ,ס׳גלויבט זיך מיר ניט, מ׳זאָל דעם יעווראַמאַל אַריבערפעקלען קיין ביראָבידזשאַן... ווייסטו שפרה, ווו דער ביראָבידזשאַן איז?

— געננוי, ניט.

— צוועלף טעג און צוועלף נעכט און דו ביסט דאָרטן...

— און דאָרטן זײַנען דאָ אַ סך ייִדן?

— אַ סך, וואָלט איך ניט געזאָגט, ס׳געפינען זיך בעלונים, וואָס

פֿאַרן... אַ ייִדישער נאַציאָנאַלער רײַאָן. אויסגעפּועלט אין אויסרײַסעניש בײַ מיכאַיל איוואַנאָוויטש קאַלינין...

ס'עפֿנט זיך די טיר און ס'קומט אַרײַן אַ יונגע פֿרוי, אַ יאָר זעקס־זיבן און צוואַנציק, אין אַ צעפּראַלטן אָסיען־מאַנטל, ניט פֿון הויכן וווּקס, מיט אַ בלאָנדן, גלאַטן, קורץ־געשווירענעם קאָפּ האָר, העל־גרויע אויגן, פֿולע ליפּן, מיט מוסקל־שיינע פּיס, אָנגעטאָן אין געלע טופּל אויף האַלב־הויכע קנאָפּל. שוין אין דער טיר, אַרײַנקומענדיק, ווענדט זי זיך צו דער דירעקטאָרין:

— כאַסיאַ אַבראַמאָווגאַ! איך גיי אָקאָרשט פֿון שנײַדער־אַרטיעל, שטעלט אײַך פֿאָר, אונדזער באַשטעלונג איז נאָך ניט פֿאַרטיק. צו אָק־טיאַבערסקע (געמיינט די אָקטיאַבער־פֿײַערונגען, דעם 7טן נאָוועמבער) איז דאָך שוין געבליבן אַ וואָך. איר וועט אַליין מוזן אַרײַן צום אַרטיעל־פֿאַרזיצער. אָן די ווײַסע בלוזקעלעך, וועט דער מיידל־כאָר קיין שום טעם ניט האָבן.

— גוט, וואַליע, איך וועל נאָך הײַנט צו אים אַרײַן. וואַליע! אָט דאָס מיידל — בײַ די ווערטער האָט זיך שפּרה אויפֿגעשטעלט פֿון שטול — אונדזערע אַ בערעזאָווקער, דעם בעקער קריוואָרוטשקאָס טאָכטער, האָט זיך געלערנט צוזאַמען מיט לייבקע גאָרעליק אין אָדעס. זי איז געקומען בעטן זײַן אַדרעס. זי וויל אים באַגריסן מיטן אָוועקגיין דינען אין דער אַרמיי און מיט זײַן חתונה האָבן.

— אויסגעצייכנט! צום אָקטיאַבער־יום־טוב אַ געווינטשענער בריוו. גריסט אים אויך פֿון אונדז, — רופֿט זיך אָן וואַליע צו שפּרהן. און שפּרה האָט אייניק צוגעשאָקלט וואַליען מיטן קאָפּ.

— איך גיי, כאַסיע אַבראַמאָווגאַ, צו זיך אויפֿן סקלאַד. — וואַליע גייט אַרויס און שפּרה געזעגנט זיך מיט דער דירעקטאָרין: — כאַסיע אַבראַמאָווגאַ, זײַט געזונט.

— זײַ געזונט, טאָכטערקע. זײַ מצליח. אײַער משפּחה זאָל מער פֿון קיין בייז און שלעכטס ניט וויסן. ס'קומט אײַך נאָר גוטס.

— —

די אַלטע צוויי־שטאָקיקע געבײַדע פֿון קינדערהיים איז אין אַ גרויסן, טיפֿן הויף, מיט אַ סך בוימער און קוסטעס. שפּרה גייט אַראָפּ פֿון די גאַניק־טרעפּלעך, געלאָזט זיך גיין צום אַרויסגאַנג־טויער, פֿאַרבײַ דער שפּײַכלער־שטוב. אין דער אָפֿענער טיר איז געשטאַנען וואַליע. ווען שפּרה האָט זיך דערנענטערט, האָט זי וואַליע אַ רוף געטאָן מיט דער האַנט און געזאָגט צו איר:

— האָסט אַ רגעלע צײַט, קום אַרײַן!

שפרה איז שווײַגנדיק אַרײַן מיט וואַליען אין שפּײַכלער. נעבן טיר איז געשטאַנען אַ לאַנג, שמאָל טישל — אַ מין טאָמבאַנק, וואָס פאַרהאַלט די דורכגייער אַהינצו, ווו ס׳געפינט זיך, מ׳שטיינס געזאָגט, דאָס האַב־און־גוטס פון קינדערהיים. אויפן טישל אַ וואָג מיט צוויי ברייטלעכע קוואַדראַטע שאָלן, אַ פּאָר חשבון־ביכער, אַ רעגיסטריר־זשורנאַל, אַ קע־ראָסין־לעמפּל מיט אַ ריינעם גלאָז, רעכענונג־ביינדלעך, מיט אָן אָל־אָנגעשטאָכענע קוויטלעך און פּאַפּירלעך, נעבן טישל אַ פּאָר טאַבורעטלעך.

— זעץ זיך צו. ווי הייסטו, קריוואַרוטשקאַ ?

— שפרה.

— און איך וואַליע. לאָמיר זײַן באַקאַנט.

שפרה האָט אַ דריק געטאָן איר קליינע, וואַרעמע דלאָניע : — ווי פילט זיך אייער מוטער ?

— דו ווייסט דען, אַז זי איז נישט־געזונט געווען ?

— יאָ, נאָך דער אָפּעראַציע. און וואָס מאַכט אײַער טעכטערל זינאָטשקאַ ?

— דו ווייסט, אַז איך האָב אַ טאָכטערקע און ווי אַזוי זי הייסט ? — אַ, איך שטויס מיך אָן, פון לייבלען.

— יאָ. דאָס איז געווען אַ צײַט צוריק, ווײַל לייבל האָט שוין לאַנג אויפגעהערט צו לערנען זיך, אוועק פון צוזאַמענוווינונג, געאַרבעט אין אָדעסער פּאָרט. געוווינט ערגעץ אַנדערש. פלעג איך אים שוין כמעט ניט זען.

— האָט ער דיר דערציילט, ווי ער פלעגט קומען צו אונדז, ווען מײַן מאַמע איז געווען קראַנק און העלפן ?

— יאָ, דערציילט. ווי אַזוי ער פלעגט פאַר איר אָנהאָקן העלצלעך און שפּענדלעך פון אַ באַשטימטער ברייט און גרעב, זיי זאָלן קאָנען אַרײַן אין דער פּליטע־הרובקע, אָנברענגען וואַסער, דערלאַנגען איר טיי צום בעט. ער האָט מיר אָפּגעמאָלט, ווי אַזוי ער האָט אײַך אָנומלט געהאָלפן פאַרוויגן זינאָטשקען און ווי איר האָט דערנאָך געקאָכט באַנאַנד די טרוסקאַווקע־וואַרעניע. ער האָט זיך זייער צוגעבונדן צו אײַער שטוב און מיר מיט ליבשאַפט דערמאָנט וועגן דעם. ניט פאַרגעסן אײַערע גע־שמאַקע באָרשטשן. ער האָט מיך אַ פּאָר מאָל געפירט עסן וואַרעמעס אין אַ סטאָלאָווע, ניט ווײַט פון ים־פּאָרט. זאָגט ער מיר „קום מיר וועלן דאָרטן עסן וואַליעס באָרשטש !״

וואַליע האָט זיך געשמאַק צעלאַכט : — מײַן מוטער, איך און מײַן טאָכטערקע האָבן זיך באמת זייער צוגעוווינט צו אים און ליב באַקומען ווי אַ נאָענטן אייגענעם. ווען מײַן מאַמען איז געוואָרן גאָר שלעכט, פלעג

בײַנאַכט מורא האָבן, טאָמער װעל איך דאַרפֿן לױפֿן אַרױסרופֿן גיכע הילף, װיזשע לאָזט מען איבער דאָס קינד און מײַן מוטער, — האָט לײבל עטלעכע מאָל געװעכטיקט בײַ אונדז. אַ טײַער ליב ײִנגל! איך און מײַן מאַמע דערמאָנען אים אָפֿט.

— ער איז שױן גאָר אַן אַנדערער. זינט ער האָט געוומען אַרבעטן, פֿאַרדינען, און װױנט ניט אין צוזאַמענװױנונג, האָט ער זיך שײן אָנגעטאָן, געװאָרן אַ הױכער, ברײטאַקסלדיקער בראַװער בחור און װײַזט אױס עלטער פֿון זײַנע אַכצן־נײַנצן יאָר.

— זײַן מײדל, אָדער שױן זײַן װײַבל, האָסטו געזען?

— אײן מאָל נאָר און פֿון דער װײַטנס, בײַם ים, ניט לאַנג פֿאַר מײַן צוריקקערן אַהײם. ס'איז שױן געװען גוט װאַרעם, מ'האָט זיך שױן געבאָדן. זײַנען מיר מיט מײַנע חברטעס פֿון צוזאַמענװױנונג אַװעק צום ים, דאָרט האָב איך פּלוצעם דערזען, װי אַזױ לײבל האָט זי שקציש געהאַלטן אױף די הענט און געלאָפֿן מיט איר צו די כװאַליעס... זי האָט געשריען פֿאַר פֿרײד... נאָר אין איר פּנים האָב איך זיך גוט אײַנקוקן ניט געקאָנט, מײַנע חברטעס האָבן מיך אָװעקגעשלעפּט באָדן זיך אױף אַן אַנדער אָרט...

— װער איז זי, װײסטו ניט?

— ער האָט דאָך אײַך געשריבן, אַ סטודענטקע.

— איך מײן ניט דאָס, — װער איז זי, אַ רוסישע? — האָסט זיך מסתּם אינטערעסירט מיט דעם?

— יאָ, איך װײס, אַז זי איז ניט קײן ײִדישע, אָבער, צי אַ רוסישע, צי אַן אוקראַינערין, צי אַ טאָטערקע — װײס איך ניט גענױ, װאַליע.

— אַהאַ! װער זי זאָל ניט זײַן, איז זי גליקלעך! האָט אַזאַ שײנעם, איבערגעגעבענעם ײִדישן מאַן.

— װאַליע, אײַערער האָט זיך שױן צוריקגעקערט פֿון די קאָמאַנדיר־קורסן?

— אױך דאָס װײסטו, שפֿרה?

— יאָ, אַלץ װאָס לײבל האָט מיר דערצײלט, געדענק איך.

— האָסטו לײבלען ליב געהאַט?

— יאָ.

— און האָסט אים אױך איצט ליב?

— יאָ.

— מײַן מאַן, שפֿרה, האָט זיך פֿון די קאָמאַנדיר־קורסן ניט צוריקגעקערט און װעט זיך צו מיר ניט צוריקקערן... אַ מנוול און אַ פּחדן איז ער...

שפֿרה שװײַגט.

— דעריבער טאָקע האָט מיך געצויגן אַ רוף צו טאָן דיך און ריידן מיט דיר. איך האָב געהערט — בערעזאָווקע איז אַ קליין שטעטל, ווייס איך אויך, מ'האָט דייַן טאַטן אַרעסטירט, די קו פון שטאַל צוגענומען. ווער האָט דען אין בערעזאָווקע ניט געקענט דייַן פאָטער, לעמל דעם בעקער?... און ווער פון די קליינע קינדער וואָלטן ניט דערקענט אייַער קו מיט די ווייַסע פלעקן, ווי בלימעלעך אויפן שטערן? — ריוועס קו... דאָס איז געשען אין אייַער משפחה, געלאָזן אייַך מיט הוילע ווענט... און ביי אונדז אין דאָרף, פון וואַנען איך שטאַם, אין גאַנצן צוועלף קילאָ־מעטער פון דאַנען ,האָט מען געמאָרדעוועט מייַן מאַמעס ברודער, מייַן פעטער, צערונירט אַ משפחה פון נייַן מענטשן, ראַסקולאַטשעוועט... פאַר־שיקט אויף פאַהיבעל קיין סאָלאָווקי. ביי מייַן פעטער אין שטוב האָט זיך געהאָדעוועט אַן אומגליקלעכער בחור, קראַנק אויפן קאָפּ, אַ יתום. האָט די געפּעו געפּסקנט, אַז מייַן פעטער האָט אים עקספּלואַטירט, באַנוצט זיך מיט זייַן אַרבעטס־קראַפט. דער קראַנקער האָט אין זיי געשליידערט אַ שטול: „וואָס מישט איר זיך? וואָס האָט איר זיך אָנגעזעצט? — ער איז צו מיר, ווי אַ טאַטע! איך האָב דאָ פון אַלעם שענסטן און בעסטן! יעדן וואָך — אַ בלאַנקענדיק העמד און גאַטיעס! נייַע בגדים און מתנות צו אַלע אונדזערע הייליקע יום־טובים! גייט פון דאַנען! דאָס זייַט איר קולאַקעס, ניט מייַן באַלעבאָס!"...

— און צום סוף, אַז מ'האָט מייַן פעטער מיט זייַן ווייַב און די גרעסערע קינדער און מיט די פּיצלעך עופהלעך אַרויפגעשטופּט אויפן וואָגן, אָוועקצופירן צום באַן צו פאַרשיקן, איז אויך דער אומגליקלעכער ניט אָפּגעטראָטן, געגוואַלדעוועט, אָנגעכאַפּט זיך פאַר די רעדער... האָבן די געפּעוניקעס אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און אויך אים, דעם חולי־נפש אַרויפגעטאַסקעט אויף דער פור, פאַרטריבן קיין כף־הקלע, דעם „קולאַק מיטן פּראָלעטאַריער" צוזאַמען... אָט דערפאַר האָט מייַן מאַן צו מיר אַרויסגעוויזן זייַן נידערטרעכטיקייַט און פּחדנות: נאָך מיט אַ האַלב יאָר צוריק, ערב דעם 1טן מיי, באַקום איך פון אים אַ בריוועלע מיט אַזעלכע ווערטער: „איך וויל פון דייַן נאָמען ניט הערן און וויל דיך מער ניט קענען — האָסט פאַרלייקנט פון מיר, אַז דייַן מאַמעס ברודער, דייַן פעטער, איז אַ בלוטיקער שונא פון פאָלק, אַ פאַרביסענער קולאַק"... ס'האָט דעם טרוס ניט געקלעקט אַפילו קיין מוט אונטערן פאַרשיוון פּאַפּירל צו שטעלן זייַן נאָמען... עד היום ווייס איך וועגן אים גאָרנישט... איבער אַלעמענס קעפּ הענגט ווי אַ שוואַרצע כמאַרע אַ חיהשער פּחד... אַזוי ווי די אָסיען־בלעטלעך אויפן קאַלטן ווינט, ציטערן איצט איינער קעגנאיבער דעם אַנדערן און באַהאַלטן זיך אויס...

וואַליע האָט אַרומגענומען שפּרהן, צוגעדריקט צו זיך: „פאַרגעס מיך ניט, שפּרה ביסט מײַן יונגער פרײַנד! מיר האָבן ביידע איינעם דעם זעלבן ביטערן גורל...

—זײַט געזונט, וואַליע. אַ האַרציקן גרוס אײַער מאַמען און אײַער טאָכטערקע.

אין דאָניעצק

לעמל, מויסיי און אידע האָבן באַגינען באַגעגנט שפּרהן מיט די קליינע קינדער, איציקן און ליזען אויף דעם דאָניעצקער וואָקזאַל. מויסיי און אידע זײַנען געקומען פון שטוב — פון גאָרלאָווקע און לעמל פון דעם ברויט־זאַוואָד — פון ראַזדיעוואַלקע. די יונגע פאַרפאָלק האָבן זיך אַזוי געהאַט באַטראַכט און מויסיי זאָגט עס לעמלען:

— פעטער לעמל, אידע וועט איצט אָפּפירן ליזען צו אונדז קיין גאָרלאָווקע און אויך שפּרה דאַרף מיטפאָרן. זאָל זי עטלעכע טעג זײַן מיט אידען — שוועסטערקינדער, אַזאַ לאַנגע צײַט ניט געזען זיך, ביידע שוין דערוואַקסענע מענטשן, האָבן וועגן וואָס זיך דורכצורעדן. אויסער דעם, דאַרף מען צוגרייטן, אָפּקלײַבן אַ ביסל כלים, עפּעס פון בעטגעוואַנט, דאָס סאַמע נויטיקסטע פאַר דער ראַזדיעוואַלקע, ביז מ'וועט כאָטש ערגעץ צווזכן אין דאָניעצק אַ צימערל.

די קליינע ליזע עקשנט זיך, פאַרגייט מיט אַ געוויין, כאַפּט אַרום דעם טאַטן:

— איך וויל זײַן מיט דיר! איציק בלײַבט מיט דיר — וויל איך אויך.

שפּרה האָט שטײַף אָנגענומען איר שוועסטערל בײַם הענטל, אָנגעבויגן זיך צו איר: — ליזינקע, מיר זײַנען אַהער געקומען צו גאַסט און מויסיי און אידע ווייסן, וואָס פאַר דיר איז בעסער. דער טאַטע איז נאָך אַ קרענק און האַרעוועט און מיר טאָרן זיך אויף אים ניט אַרויפוואַלגערן, די מאַמע איז דאָ מיט אונדז ניטאָ. — שפּרה ווישט איר אויס די טרערן, — זײַ ליזינקע, אַ קלוג מיידעלע. איך פאָר דאָך אויך מיט דיר מיט..., — און בײַ די ווערטער שפּרהס קומט אויך אידע צוהילף און לייגט אַרײַן אין ליזעס הענטל עטלעכע צוקערקעס — די פּאָפּולערע אין יענער הונגער־צײַט, פון פּאַטאָקע־אָפּפאַל, וואָס האָבן געהייסן — „קישעלעד". אויך איציקן גיט זי. ליזע שווײַגט שוין און בײַ ליזען מיט איציקן קומט אויף שוין זייערער אַ געמיינזאַמער זײַטיקער סכסוך — איציק באַמערקט אין ליזעס הענטל...:

— ביי דיר איז מיט איין „קישעלע" מערער... לאָמיר איינעם צעטיילן, וועט זיין ריכטיק...

ליזע פאַרקוועטשט איר פויסטל און דרייט מיטן קאָפּ...

אידע באַמערקט עס און דערלייגט איציקן נאָך א קאָנפעטל. דער „קאָנפליקט" איז געלייזט...

מויסיי און אידע גייען אַוועק עפּעס איינצוקויפן אין וואָקזאַל-בופעט און שפרה בלייבט מיטן טאַטן און נוצט אויס די געלעגנהייט — זי האָט דאָך ביי זיך געהאַט באַשלאָסן דערוויילע וועגן דעם ניט צו ריידן מיטן טאַטן, אפּוואַרטן, אָבער זי קאָן זיך ניט צוריקהאַלטן:

— טאַטע, איך האָב פאַרן אַרויספאָרן גערעדט מיט דער מאַמען און איך וויל דיר זאָגן — ס'וועט בעסער זיין, מיר זאָלן מיט דיר ניט אַרבעטן אויף איינעם און דעם זעלבן אָרט, און נאָך די קינדער זאָלן זיין מיט אונדז אויפן זאַוואָד — די ראַזדיעוואַלקע איז דאָך אויפן זאַוואָד — וועלן מיר זיין באַפּערט פון איין משפחה, דאָס וועט זיך שטאַרק וואַרפן אין די אויגן... ס'איז דאָך איצט אומעטום אַ צוגעטיילטער ביסן...

באַמערקט איר דער טאַטע: — ליזע וועט דאָך זיין ביי אידען אין גאַרלאָווקע.

— נו, און, אַפילו דריי? אַלץ איינס איז דאָס ניט זייער באַקוועם...

— דו ווייסט, טאָכטערקע, איך וועל זיך איצט מיט דיר ניט שטעלן שפּאַרן — זאָלן באַשליסן מויסיי מיט אידען. אויב מויסיי וועט דיך קאָנען איינאָרדענען ערגעץ אין אַן אַנדער אָרט, ניט ווייט פון דאַנען, קאָן שוין ליבערשט ניט זיין. זיי גייען שוין...

— גוט, טאַטע, זאָרג זיך ניט. מירן זען,

— טאָכטערקע, אַבי ס'זאָל זיין גוט, מ'זאָל ניט פאַרפאַלן גיין אין אַזאַ צייט — מויסיי און אידע האָבן אונדז געראַטעוועט.

✶

אין ראַזדיעוואַלקע זיינען געשטאַנען דריי פאַרבעטע אייזערנע בעטן. אַ שמאָלער, נידעריקער אַלמער אַן טירלעך, אַ קאָמאָדל פון צוויי שופלאָדן, אַן אַלטער לייכט-געפלאָכטענער שטול און אַ פּאָר טאַבורעטקעס.

— געפעלט דיר, איציקל, אונדזער חדרל? — פרעגט לעמל און וואַרט ניט אויף איציקס ענטפער, — דאָ איז וואַרעם, מיין זון, פון די הייסע רערן צו די דושן. מ'דאַרף ניט הייצן, אַ גרויסע וויגאָדע, — און ער פירט איציקן צו איינעם פון די בעטן: — אויף דעם בעט וועסטו שלאָפן, מיין זון. וועט זיך צוריקקערן פון גאַרלאָווקע ליזע, וועט איר זיך ביידע פּאַמיעסטיען — אַ גרויס בעט. איך בין שוין געווען אין דער

אוקראַינישער שקאָלע, דערעדט זיך מיט דער לערערין, דו וועסט גיין אין דריטן קלאַס. די שקאָלע איז אויף דער דריטער גאַס פון דאַנען — אַ שטילע גאַס. נאָר איין זאַך, וואָס דו דאַרפסט גוט געדענקען: דו ביסט שוין אַ גרויסער בחור ,ניט סמייע אַרומצודרייען זיך סתם איבער די צעכן, וואַרפן זיך פאַר די אויגן, וועסטו שטיפן, טומלען, מ׳וועט דיך אַנהויבן אַרומצוטרײַבן, נעמט מען מיך אַראָפּ פון דער אַרבעט און מיר בלײַבן אָן ברויט און אָן אַ דאַך... פונקט אַזוי ווי מיר זײַנען מיט דיר אַרײַן דורכן זאַוואָד־טויער, געגאַנגען מיטן הויף, ביז צו דער טיר, ווו די דושן זײַנען, צו אונדזער ראַזדיעוואַלקע, אַזוי וועסטו מיט דעם זעלבן וועג גיין אין שקאָלע און צוריק. פאַרשטאַנען, מײַן זון?

— טאַטע, דאָ שמעקט זייער געשמאַק מיט אונדזער פרישן, בערעזאָווקער ברויט, פון אונדזער אויוון...

— ווילסטו עסן, מײַן זון?

— דעם פרישן ברויט וויל איך! ווו איז ער דאָ, טאַטע? איך פיל דאָך דעם ריח — ערגעץ איז ער דאָ נאָענט...

— זעץ זיך צו, איציק, צום טישל, וועל איך דיך מכבד זײַן, פאַר דיר אָנגעגרייט, — און לעמל גייט צו צום קאַמאָדל, עפנט דעם אויבערשטן שופלאָד, נעמט אַרויס אַ שיין צוגעברוינט לעבעלע ברויט. און איציק האָט קיין געדולד ניט, ער כאַפּט אַרויס דאָס ברויטל פון דעם טאַטנס הענט.

— וואַרט, מײַן זון, — איך וועל צעשנײַדן...

נאָר איציק וואַרט ניט, ער האַלט שוין דאָס לעבל אין זײַנע שטאַרקע הענטלעך, דרייט אַראָפּ דעם אָקרײַטשיק און שפּאַרט אין מויל, שלינגט ביסן נאָך ביסן.

— איציקל, אײַל ניט אַזוי, מ׳טאָר ניט, עס קאָן, חלילה, פאַרשאַטן.

נאָר איציק פאָלגט ניט דעם טאַטן, רײַסט שטיק נאָך שטיק, שטופּט אָן פולע באַקן, רײַבט דאָס ברויט, אַזש די ציינער קנאַקן.

און לעמלען נעמען ווערגן טרערן, ער קאָן זיי ניט אײַנהאַלטן, קערט זיך מיטן נאַקן צו זײַן בן־יחיד ,ער זאָל ניט זען, ווי זיי רינען אים אַראָפּ, בריִען דאָס פּנים, ניט צו שטערן איציקלען די גוואַלדיקע הנאה פון פרישן, זיסן ברויט.

✶

לעמל קריוואָרוטשקאָ האָט ניט אומזיסט געטאָגט און גענעכטיקט אויפן ברויט־זאַוואָד, מיט אַלע כוחות און געניטשאַפט אײַנגעשפּאַנט זיך אין דער האָרעוואַניע. ס׳איז אים געגאַנגען אין לעבן צו באַווײַזן דער זאַוואָד־דירעקציע, אויף וואָס ס׳איז פעיִק אַ בערעזאָווקער בעקער־יונג,

ניט פון היינט און פון נעכטן. נאָר די עצם־כוונה לעמלס איז געווען איבערצוקומען מיט ווייב און קינדער דעם הונגער־געווירבל, ס'זאָל זיי אויסמיידן דער שוידער פון מיליאָנען אומשולדיקע, אומגליקלעכע משפּחות, וואָס ווערן רויִנירט און פאַרשיקט הינטער די הרי־חושך אויף זיך ניט צוריקקערן.

און לעמלען, וואָס האָט אָקאָרשט אַליין מיט זיין הויז־געזינד געקייט די ערד פון זאָרגן, איז געראָטן אין פאַרלויף פון עטלעכע חדשים צו ווערן פון די בעסטע אַרבעטער־שלאָגלער, אַפילו בריגאַדיר, אויפן דאָ־ניעצקער ברויט־זאַוואָד.

די צוואַנג־קאָלעקטיוויזאַציע, מיטן פיזישן ליקווידירן דאָס קולאַקנ־טום, האָבן זיך „געפּאָרט" מיט דער ערשטער „סטאַלין־פּיאַטילעטקע", מיטן גראַנדיעזן כזב ושקר, דעם אַזוי גערופענעם „פאַלקס־ענטוזיאַזם און מיט די „אומגעהערטע טעמפּן" אין בויען דעם „פּינף־יאָר — אין פיר"... א.ד.ג.

אויף דער וואָר איז דאָך דאָס געווען אויסגעשפּראָכענע אכזריותדיקע שקלאַפן־מי, עבודת־פּרך, סאָציאַליסטישע פּתום־און רעמסס. פאַרברודיקטע, אויסגעהונגערטע פלעבייער אין שמאַטע־קליידער, גייען אָפּ מיט די לעצטע שווייסן צו באַקומען צוגאָבלעכע צוויי־דריי הונדערט גראַם ברויט און זיינען פאַר דעם געצווונגען נאָכצושרייען מיט עקסטאַז סטאַלינס שגעונדיקע רייד — „קאָפּ־שווינדל פון דערפאָלגן"...

ס'האָט דער זאַוואָד־דירעקטאָר מיט שפּאַס דערמאָנט דעם אינזשעניער מויסיי שקלאַרעוויטש ביים אונטערשרייבן דעם נייעם באַפעל, צו פרעמירן די בעסטע אַרבעטער:

— געדענקסט, מויסיי, ביסט צו מיר געקומען בעטן און נאָך פאַרויס ניט געוווּסט מיך ווי צו באַדאַנקען, איך זאָל דיר העלפן — דיין ווייבס אַ פעטער אַ בערעזאָווקער בעקער איז אין אַן עת־צרה, געבליבן מיט אַ גרויסער משפּחה, קאַק סטאַי, הונגערן, איך זאָל אים ראַטעווען, נעמען אויף דער אַרבעט. — לאָזט זיך גאָר אויס — דער דאַנק קומט ניט מיר, נאָר דיר, וויל דיר צו פאַרדאַנקען האָבן מיר איצט, אויף אונדזער זאַוואָד אַזאַ גוטן אַרבעטער־ספּעציאַליסט. דו, זע נאָר, דער בערעזאָווקער לעמל קריוואָרוטשקאַ, טוט דאָך אויף וווּנדער! ווו דערקאָזשעט עס אַ ייִד אַזויפיל כוחות — קיילעכיקע מעת־לעתן ניט אָפּצוטרעטן פון די בראַנד־אויוונס און נעמט זיך ממש די אויגן אַרויס צו רעגולירן די טעמפּעראַטורן, נאָכ־צווזן יעדעס איינציקע לעבל ברויט, ס'זאָל אַרויס אַ שיינס, מיט צוגע־ברוינטע, פוכקע בעקלעך, אַ פאַרגעניגן זאָל זיין צו קוקן און דאָס ברויט אַליין זאָל זיין באַטעמט, צעגיין אין מויל. איז עס נאָר דערפאַר, וואָס ער היניעט דאָרטן, וואָלגערט זיך גופא אויפן אָרט, קאָנען שוין די אַנדערע

ניט אָפּשטיין פון אים און שטעלן אונטער פּלייצע... האָט דאָך זײַן בריגאַדע אויך דעם חודש איבערגעפּילט דעם פּלאַן, אויף, האָסט אַ אַנונג, 217% אין כמות און איכות! לייען איבער, אויף טשיקאָוועס, מײַן באַפֿעל — כ׳האָב באַשלאָסן אַרויפצושטעלן קריוואָרוטשקעס נאָמען אויפן זאָוואָדישן רויטן ערן־טאָוול, אויפן סאַמע ערשטן אָרט!

— —

דעמאָלט פּלעגט די פּראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַציע פּרוּוון פּאַרזיסן מיט כבוד־לעקעכלעך דאָס לעבן־ביטערניש און פּאַרמוטשעטע דערשלאָגנקייט פון די אַרבעטער — אומעטום פּראַקטיקירן אַזעלכע „רויטע ערן־טאָוולען״. מען האָט זיי אַרויסגעשטעלט אין די שטעטלעך און שטעט אויף די פּלע־צער, בײַ די זאָוואָדישע טויערן, פּאַראַד־פּאַסאַדן פון די ראַיאָויספּירקאָמען און געגנט־אויספּירקאָמען, אין די פּאַרקן און אַלייען. די דאָזיקע טאָוולען פּלעגן אויסגעפּאַרמירט ווערן מיט גראַדאַציע־געמעלן — למשל בײַ די נעמען פון די בריגאַדעס, זאַוואָדן און פֿאַבריקן, וואָס זײַנען אויף דעם ערשטן אָרט אין איבערפּילן די פּראָדוקציע־פּלענער, איז געווען אויסגע־מאָלט אַן עראָפּלאַן. און די בריגאַדעס, אונטערנעמונגען, וועלכע האָבן דערגרייכט דאָס צווייטע אָרט — זיי קעגנאיבער פּלעגט זיך שפּרייטן אַ ים־שיף מיט אַ הויכן קוימען... די וואָס זײַנען אויפן דריטן אָרט, זיי פּלעגט באַשײַנען אַ באַן־לאָקאָמאָטיוו און אַזוי ווײַטער.

אָן באַליידיקונגען און אָן זדיעקערײַ פּלעגט מען זיך ניט באַגיין. די בריגאַדעס און אונטערנעמונגען וואָס שטייען אָפּ, פּלעגט מען מיט חוזק „אַרויפזעצן״ אויף אַ צעפּאָרענעם געהילץ־וואָגן. און גאָר אַ גע־מיינעם „אויסזעצן״ האָבן געהאַט די בריגאַדעס, זאַוואָדן און פֿאַבריקן, וואָס זײַנען שטאַרק הינטערשטעליק לגבי די פּאַרויסגעשריטענע, קעגן אַזעלכע האָט פיגורירט — אַ פויזענדיקע טשערעפּאַכע...

אין אַ יום־טוב־פײַערונג, אַ שטייגער אין דעם טאָג פון 1טן מײַ, פּלעגט מען אין די גרויסע שטעט אײַנלאַדן אויפן אָרטיקן עראָדראָם די יעניקע אַרבעטער־שלאָגלערס, וואָס זײַנען פאַרן איבערפּילן די פּראָדוקציע־פּלענער „געפּלויגן״ אויף די ערן־טאָוולען עראָפּלאַנען און אָנטאָן זיי אַ „דאָפּלטן כבוד״ — אַרײַנזעצן זיי אין אַ „אָר־2״־עראָפּלאַן * און אַ פּלי־ער פּלעגט זיי איינציקווײַז „קאַטאַיען״ אַ 15 מינוט אין הימל אַרום דער שטאָט.

אויך לעמל קריוואָרוטשקאָ איז געווען באַשערט דער פּופּצן־מינוטיקער פּלי־כבוד אין דאָניעצקער הימל. אים איז שוין אין זײַן לעבן שפּעטער

* „אָר־2״ — פון די ערשטע, סאַמע פּרימיטיווסטע סאָוועטישע עראָפּלאַנען.

ניט אויסגעקומען צו פּליִען אויף עראָפּלאַנען. און וואָס פאַרא געהויבענע מחשבות האָבן זיך דאַן אין זײַן קאָפּ דורכגעטראָגן, ווען ער איז פּריטש־מיעלעט, א צונויפגעקרוטשעטער, געפּענטעטער מיט רימענס און ליאַמקעס, געזעסן אָקסל־בײַ־אַקסל, מיטן פּליִער, אין דער צו־ענגער קאַבינע־קאַרזינקע פון דעם „אָר־2", איז מיר איצט, אין עטלעכע פופציק יאָר אַרום, גאָרניט אַזוי גרינג פאַרצושטעלן זיך. וואָס איך זע יאָ פאַר מײַנע אויגן? — דער יונגער פּליִער וואָס איז מיט א יאָר צוואַנציק יינגער געווען פאַר לעמלען, האָט אים בײַם צוריקקערן זיך אויף דער ערד א פרעג געטאָן:

— ווי פילסטו זיך, פעטערל?

האָט אים לעמל קריוואָרוטשקאָ באַדאַנקט און אַזוי געענטפערט:

— איך בין אין דער ערשטער וועלט־מלחמה געווען א סאָלדאַט־פּיעכאָטינעץ, איז מיר אויף דער מאַטושקע־ערד, פון דעסטוועגן, מער געפעלן. מ'קאָן פון דאַנען רויִקערהייט אויפהויבן דעם קאָפּ צום הימל, א קוק צו טאָן אויף א קלאָר־פּוכיק וואָלקנדל, וואָס שווימט זיך פּאַוואָ־לינקע, באַטראַכט, איבער גאָטס שיינער, בלויער ליכטיקײַט...

✶

ס'רעדט זיך אַזוי קײַלעכיקע מעת־לעתן... ס'האָט אַרויסגעברויזט פון לעמלען דער בעקער־יונג. ער האָט זיך אויסגעלערנט בײַם פלאַם פון די אויוונס, טוענדיק, ריידנדיק, צו כאַפּן שטייענדיק א דרעמעלע אויף איין אויגן־בליק, ווי א בושל אויף איין פוס, און — א וואַקל געטאָן זיך, א טשוכע געגעבן זיך און איז שוין ווידער וואַך — זעעוודיק. און ער געפינט אויס פרײַע מינוטן אַרײַנצולויפן אין דער ראַזדיעוואַלקע — אויסטאָן־צימער, א קוק געבן, וואָס עס הערט זיך בײַ די קינדער.

שפרה האָט זיך באַלד געהאַט אײַנגעאָרדנט אין א בעקערײַ אין מאַ־קייעווקע — א דערבײַיִק שטעטל. און ליזע האָט בשום אופן ניט געוואָלט זײַן בײַ אידען און מויסייען. זי וויל צום טאַטן! צו איציקן! ס'האָבן ניט געהאָלפן די צוקערקע־קישעלעך. זי האָט זיך פון זיי אָפּגעטרייסלט. האָט לעמל געמוזט ברענגען ליזען צו זיך. און ליזע גייט שוין אויך אין שקאָלע און קומט צוריק מיט איציקן אין צווייען. דאַן גייט מיט זיי דער טאַטע עסן וואַרעמעס אין זאַוואָדישן גאָרקיך. דער עצם זיצן אין גאָרקיך מיט אַזויפיל מענטשן איז בײַ די קינדער דער גרעסטער יום־טוב! די אַרבעטער זײַנען שוין צוגעוווינט בײַ איינעם פון די טישלעך צו זען די קאָמישע, קלײנע משפּחהטשקע און אייניקע פון זיי גייען פאַרבײַ און גיבן מיט ליבשאַפט די קינדער א גלעט איבער די קעפּלעך.

...שפּעט אין אָוונט, איציק און ליזע שלאָפן שוין און לעמל גרייט

פאַר זיי צו וואָס מיטצונעמען אין שקאָלע אויף פרישטיק, לייגט עס אַרײַן צו זיי אין די שול־זעקלעך. זיבן אין דער פרי לויפט לעמל פון צעך אין חדרל, וועקט זיי אויף און ווערט נעלם. ער האָט זיי שוין אויסגעמוש־טרירט, טאָן אַליין! אַלץ אַליין! — אָנטאָן זיך, וואַשן די הענט, דאָס פנים, אויפעסן וואָס אויפן טישל איז צוגעגרייט פאַרביידן און אָן צע־לאָזנקייט, אָן פעשטשען זיך — מאַרש אין שקאָלע אַרײַן! זעלבסטפאַר־שטענדלעך, ניט תמיד גייט עס אָן גלאַטיק, ס׳קומט ראַפּטאָם צווישן זיי דער קידער־ווידער. איינער פון די אָפטע אָנגעדרודלטקייטן איז ליזעס נישט־צעקעמט קוטשעראַווע קעפל. קאָמאַנדעוועט איציק: — האָסט ווידער פאַרגעסן! — נאַ דאָס קעמעלע!

ליזע לייגט צו שווײַגנדיק, פאַמעלעך, דאָס קעמעלע צו די קוטשער־לעך און איידער זי פּרוּווט נאָך אַרײַנטאָן די קעמעלע־ציינדלעך אין די האָר־געדיכטעניש, שרײַט זי שוין:

— אוי, ס׳טוט וויי! ס׳טוט וויי!

און איציק טופּעט מיט די פיס: — שטאַרקער קעם!, שטאַרקער! נו, קום שוין, גיכער! דער טאַטע גייט... גיכער קום!

פּאַסירט ערגערס: מען פאַרקילט זיך, אַ געפערלעכער קאַטער, מע צעמזיקט זיך אַ קני, מע צעראַצט ביז בלוט אַן עלנבויגן, מע פאַלט אויף אַ שטיין און ס׳לויפט אויף אַ גוז אויפן שטערן. דער טאַטע גייט מיט איציקן, אָדער מיט ליזען צום דאָקטער, פירט צום פעלדשער אויף פּערע־וויאַזקעס. און די צײַט טראָגט זיך, די וואָכן יאָגן אָן דעם חודש און מע זעט זיך ווידער מיט אַ לעבעדיקן גראָשן — ס׳איז דאָ וואָס צו שיקן, ברוך השם, קיין בערעזאָווקע.

איין מאָל אַ וואָך, אין איר פרײַען טאָג פון אַרבעט, ניט שטענדיק פאַלט עס אויס זונטיק, (מ׳האָט דאָך אין יענער צײַט געקונצעוועט מיט דער צאָל אַרבעטס־שעהן, אויסצופּרעסן פון די סאָוועטישע שקלאַפן דעם לעצטן קליי פון די ביינער), קומט צו פאָרן שפרה. גאָר פרי איז זי שוין דאָ אין דער ראַזדיעוואַלקע, ווײַל אַרבעט קלעקט איר אין דעם אָפּרו־טאָג איבערן קאָפּ: צוקלײַבן דעם חדרל, אויסשײַערן די פּאָדלאָגע, אויסוואַשן די קינדער אין דוש, פאַרנאָנדערבאַרשטן ליזעס קאָלטענעס, פאַרלאַטען, פאַרצירעווען די קינדערישע העמדלעך, הייזלעך, קליידלעך, זאָקן און אויך דעם טאַטנס מײַקעס, שקאַרפּעטן, הויזן, וואָס צערײַסן זיך, צעקריכן בײַ די אויוונס. שפרה קוקט וואָס עס איז שוין זייער ברודיק געוואָרן, נעמט צונויף אַ היפש „בערגל״ פון קינדערישן אָנטאָן, דעם טאַטנס אויבער־המעדלעך, די האַנטעכער, די „סטירקעס״, פרימוס־און קעראָסינקע־שמאַט־קעס און שטעלט זיך וואַשן. ס׳געדויערט ניט לאַנג און זי טראָגט עס שוין

אַרויס צעהענגגען אויף שטריקלעך אין פּראַטיקן ווינט, ביז איר צוריקפֿאָרן זאָל זיך אַלץ באַוויַיזן אויסטריקענען.

אין משך פֿון דער וואָך שפּאַרט לעמל עקשנותדיק, לייגט אַוועק אין אַ באַזונדערן אָרט, די קינדער זאָלן צו דעם קיין צוטריט ניט האָבן, טרי־קענען, אָנגעשניטענע לוסטעס ברויט אויף סוכאַרעס און שפּרהן שטייט נאָך פּאָר אוספּייען אויפּצונייען אַ זעקל און איַינפּאַקן מיט שכל די סו־כאַרעס, אַרומנייען, סזאָל זיך אויסערלעך באַקומען אַן אַקוראַט־שיינע פּאַסילקע. זי שרייַבט אויף מיט אַ טינט־בליַיער דיַיטלעך און שאַרף דעם אַדרעס, מ׳זאָל זיך אויף דער פּאָטשט ניט טשעפּען און באַוויַיזט עס נאָך אין דעם זעלבן טאָג אָפּצושיקן צו דער מאַמען קיין בערעזאַווקע. און אַזוי שיקט זי יעדן חודש אָפּ ניט ווייניקער ווי אַ דריַי אַזעלכע פּעקלעך.

ערשט שפּעט אין אָונט פֿאַרט שפּרה צוריק אין איר דערביַיִקן שטעטל מאַקעייעווקע צו איר אַרבעטס־אָרט. זי האָט זיך דאָרטן — דאָס לעבן צווינגט שנעל דעראָבערן פּראַקטיקע און פֿאַרשטאַנד — אין דעם זעלבן ערשטן טאָג, וואָס זי האָט אָנגעהויבן אַרבעטן, איַינגעאָרדנט אויף נאַכט־לעגער ביַי אַן עלטערער איינזאַמער פֿרוי, אין איר איינציקן צימער. די פֿרוי אַרבעט, אגב, מיט איר צוזאַמען אין דער בעקעריַי. און אַן אַרבעט האָט שפּרה באַקומען ניט פֿון די לייַכטע — ניט צו זיַין אַ לאַבאָראַנטקע, אַרומצודרייען זיך אין אַ וויַיסן שירצל ביַי אַ טיש אָן אָנגעשטעלטן מיט פּראָבירקעס און קאָלבעס, נאָר אַ האַרעוואַניע־אַרבעט נעבן אויוון־בראַנד, פֿון טאַטנס שניט. אָבער שפּרה איז שטאַרק צופֿרידן — אַ זעלבשטענדי־קער מענטש און העלפֿט טאַטע־מאַמע מיט קליינע קינדער — אַ משפּחה זאַלבע־זיבן, וואָס איז איצט געצוווּנגען צו זיַין צעשיידט אין דאָניעצק און בערעזאַווקע.

אַ טשאַטע אומרויִקע מחשבות

דער קאָנטראָל איבערן ברויט אויפֿן זאַוואָד, ווערט מיט יעדן טאָג שטרענגער. ניט ווילנדיק קוקט נאָך איין אַרבעטער דעם אַנדערן. אַרויס־צוטראָגן אַ לעבל ברויט פֿון צעך — סכנת־נפֿשות.

מ׳האָט אויפֿן ביַישטאַטישן מערקל, דעם אַזוי גערופֿענעם „טאָלטשאָק" געפּאַקט עטלעכע אַרבעטער ביַים טוישן אַ לעבל ברויט אויף אַ האַרלאַ־טשיק מילך, אַ סלאַיטשיק סמעטענע, אַ האַרטן קעזל...

לעמל באַקומט לויט זיין ברויט־ביכל אַכט הונדערט גראַם. די קינדער, איציק און ליזע — צו פֿיר הונדערט. פֿון דעם דאַרף מען אָפּשפּאָרן, טרי־

קענען סוכאַרעס פאַר ריווען און די פּיצלעך קינדער אין בערעזאָווקע. שפּרה באַקומט אויף איר אַרבעטס־אָרט אין מאַקעיעווקע זעקס הונדערט גראַם. דער טאַטע פאַרוועט איר אָפּצרײַסן פון מויל: חיות ניט זיכער, דו דאַרפסט אַליין, טאַכטער, האָסט געגוג אויסצושטיין.

לעמל קומט אַלס בריגאַדיר אין צעך אויף די נאַכט־אומבײַטן, איז ער דאָרט ניט קיין משגיח־אונטערטרײַבער, נאָר בלב ונפש פאַראינטערע־סירט דער געבעק זאָל פון די אויוונס אַרויס וואָס בעסער און שענער. און אומבאַמערקט פאַר זיך אַליין, איז ער שוין צוזאַמען מיט אַלעמען אין קאָך פון דער האַרעוואַניע, שלעפּט די בלעכן צו די אויוונס, פון די אויוונס, איינצײַטיק איז זײַן בליק כסדר געווענדט צו די עלעקטראָ־סיגנאַלן, רעגולירערס, זייגערס, טערמאָמעטערס — קיין איין סעקונד ניט איבערצוהאַלטן דעם געבעק אין אויוון־בראַנד און, פאַרקערט, אויף קיין מאָמענט ניט פריִער אַרויסצוציִען די בלעכן פון די גלײַכע פאָדן. פון יעטווידן נײַעם געבעק נעמט מען אַראָפּ די „פּראָבע" אויף איכות. די פינף־זעקס אַרבעטער „צעפליקן" אויפן ווונק אין משך פון דער נאַכט עטלעכע וואַרעמע לעבלעך ברויט. מ׳זאָל אין אַזאַ קאַטאָרזשנער האַרע־וואַניע ניט פאַרגינען זיך אונטערצוהאַלטן די נשמה מיט אַ שטיקל פרישן ברויט ? !

לעמל פאַרזוכט און זײַן חלק שטופּט ער אַרײַן אין די קעשענעס, ברענגט אין ראַזדיעוואַלקע. ער לייגט עס אויף און באַמערקט מיט מורא, צי ניט צו פיל האָט זיך בײַ אים צונויפגעקליבן ?...

די טעג איז ער אין אײַלעניש צו צום מערקל, אפשר, אײַנצוהאַנדלען עפּעס־וואָס פאַר די קינדער „צום ברויט". ער האָט געהאַט בײַ זיך אין בוזעם פון דער פּאָדיאָווקע עטלעכע לוסטעס, און זיך אַלץ אַרומגעקוקט, צי מען זעט ניט קיין פאַרדעכטיקטע נאָז, וואָס טשאַטעוועט. לסוף, ריזי־קירט, — אַרײַנגערוקט די לוסטעס צו אַ פּויערטע אין איר קאָשיק, אויס־געטוישט אויף אַ האַלבן צענדליק אייער.

ווען לעמל האָט זיך שוין צוריקגעקערט, האָט ער באַגעגנט דעם דירעקטאָרס פאָטער ר׳ שייעל, אַזוי רופט אים לעמל, — מיט אַ געפלאָכ־טענער קאָרזינקע אין דער האַנט .זיי שטעלן זיך אָפּ. פרעגט אים שייעל:

— ווייסט איר שוין, קריוואָרוטשקאָ, וועגן דער קאָמיסיע ? — פון אייער־נעכטן אָן זיצט דאָך שוין בײַ אונדז אויפן זאַוואָד אַ „דרײַלינג" פון רעפּובליקאַנישן קאָמיסאַריאַט פאַר שפּײַז־אינדוסטריע און מ׳זוכט צו וואָס צו טשעפּען זיך. האָט איר גאָרניט געהערט וועגן דעם ? — זײַט איר דאָך אַ טשיסטער שאינו יודע לשאול...

— איך הער עס ערשט פון אײַך, ר׳ שייעל. מײַן קרוב מויסיי האָב איך טאַקע די פּאָר טעג ניט געזען.

— דאַרפט איר שוין וועגן דעם בײַ קיינעם ניט פרעגן. איך וועל אײַך זאָגן דעם גאַנצן אמת, מײַן מיכל האָט ניט וואָס צו עגבערן זיך דעם מוח — וויפל איז דער שיער? דאָס פערטע יאָר שוין, ווי מען ווערט דאָ אויסגעריסן, — אזא מין „אַטוויעטסטוויענאָסט״ (פּאַראַנטוואָרטלעכ־קײַט), אַפילו, מיט טויזנט אויגן און טויזנט קעפּ ניט אײַנצוהיטן — גנב אויף גנב. אַ שפּילכעלע ברויט הײַנטיקע טעג. ער, מײַן זון, איז דאָך אליין אַן אַרבעטער־בעקער, אַ „ווידוויזשעניעץ״ — פּאַרענדיקט דעם אָדעסער אינסטיטוט פאַר שפּײַז־אינדוסטריע. דאַרף ער דען קריכן מיטן קאָפּ אין פּעטליע? — איך זאָג אים: מיכל, מע דאַרף צו אַלץ זײַן גרייט, אַבי צו בלײַבן מיטן קערן, מיטן ראש אויף די אַקסעלעך... בײַ מיר איז, מײַן זון, — זאָג איך צו אים — רעכט, זאָלסט צוריק ווערן דער „מײַס־טער צעכאַ״ און צווישן אונדז גערעדט, קריוואָרוטשקאַ, עס וואַקסן דאָ מײַנע אייניקלעך, געזונט זאָל זיי מיר זײַן, צוויי מוידן — קירבעסן. און וויפל קאָן מען נאָך זײַן צווישן גויים? — און תכלית? — אַ טעכניקום? אַ „וווז״ (הויך־שול), קאָנסערוואַטאָריע? און מכוח שידוכים — חלילה, אַן אומגליק — מ׳פאַרכליאַבעט זיך אין אַ שגץ... אָפּגעדרייט זיך דאָ פיר יאָר, אין דאָניעצק, זאָלן איצט אַנדערע ווײַזן וואָס זיי קאָנען. איך האָב נאָך אין אָדעס אַ טאָכטער אַן עלטערע און אַ בענאָק, ייִנגער פון מײַן מיכלען, היטן זיי אונדזער דירה, דרײַ שיינע צימערן, — בײַ זיך אין דער היים איז יעדער אַ מענטש... דאַרף מען דאָ נאָך פּינצטערן? — בין איך ניט גערעכט, קריוואָרוטשקאָ? האָט איר שוין אויסגעכאַפּט אַלע מציאות?

לעמל באַווײַזט דעם האַלבן צענדליק אייער.

— פאַרנוצט געזונטערהייט! ווער עס פאַרגינט אײַך ניט...

און ר׳ שייעל לאָזט זיך אָוועק צום מערקל, פאָכענדיק אין דער לופטן מיט דער פוסטער געפלאָכטענער קאָרזינקע... ווי להבדיל אַ פּאָפּ מיט דער קאַדילע... און לעמל בלײַבט שטיין צעטומלט, אַ טשאַטע אומרויִקע מחשבות כאַפּן אים אַרײַן אין קאַראַהאָד, לאָזן אים ניט גיין...

*

דורכגעלאָפן בלויז עטוואָס מער פון אַ חודש, זינט מ׳האָט לעמל קריוואָרוטשקאָן פאַר זײַן מסירת־נפשדיקער אַרבעט געהויבן אויפן עראָ־פלאַן אין דאָניעצקער הימל, ווי דער כלומרשט־״אײַנגעאָרדנטער לעבנס־סדר זיינער, האָט זיך צעשאָטן ווי אַ קאָרטן־״שטיבל און ס׳קאָן גראָד זײַן, אַז דאָס מאָל איז ער אַליין שולדיק געווען — מיט דער אייגענער

האָט אַ פּאַרטשעפּע געטאָן די משקלות־ווענטלעך פון זײַן זיך דוכטנדיקער זיכערקייט און שלווה. געשען איז אַזוי: די קאָמיסיע פונעם רעפּובליקאַנישן קאָמיסאַריאַט פאַר שפּײַז־אינדוסטריע האָט בײַ אַ צוויי וואָכן געפאָרשט די אַרבעט פון דעם דאַניעצקער ברויט־זאַוואָד און איז געקומען צו טרויעריקע אויספירן: ניט געקוקט, וואָס די פּראָדוקציע־פּלענער ווערן אויסגעפילט באַפרידנדיק, איז לעצטנס אויפן זאַוואָד שטאַרק אָפּגעשוואַכט געוואָרן די אַרבעטס־דיסציפּלין, עס מערן זיך פאַרשפּעטיקונגען און בייזוויליקע „פּראָגולן" (ניט קומען צו דער אַרבעט). ס'זײַנען דאָ פאַקטן פון שיכרות גופא אויפן זאַוואָד, בעת דער אַרבעט. אַ חרפּה פאַרן זאַוואָד־קאָלעקטיוו איז די פּאַסירונג, וואָס פיר אַרבעטער זײַנען פאַר נאָכאַנאַנד גנבענען ברויט און פאַרקויפן אויפן „טאָלטשאָק", פאַרמשפּט געוואָרן אויף לאַנגע טערמינען. ס'האָבן געטראָפן פאַלן, ווען די פּראָצענטן פון איבערפּילן די פּראָדוציר־פּלענער אין איינער אַ בריגאַדע איז געפעלשט געוואָרן. עס זײַנען דאָ שטרויכלונגען און נאָכלעסיקייטן אין דער אַרבעט פון דער בוכהאַלטעריע. די זאַוואָדישע אַדמיניסטראַציע האָט אויף דעם אַלעמען ניט שאַרף רעאַגירט, ווי געהעריק ניט געקעמפט מיט דעם און כאָטש דער דירעקטאָר וו. סימקין איז אַליין אַן אַרבעטער־בעקער, „ווידוויזשעניעץ", און פאַרענדיקט אַן אינסטיטוט פון שפּײַז־אינדוסטריע, האָט ער ניט אַרויסבאַוויזן די גענוגנדיקע קאָמפּעטענץ, פּרינציפּיעלקייט און אחריות, די זייער ערנסטע בלויזן און פעלערן אויסצובעסערן און די ניט־געווונטשענע דערשײַנונגען באַקעמפן מיט אַ שטאַרקער האַנט.

די קאָמיסיע האָט געפאָרשט און וועגן איר טעטיקייט — די אויפגעדעקטע פעלערן, די אומנאָרמאַלע דערשײַנונגען, האָט מען שוין, אַזוי צי אַנדערש, געוווּסט אין יעדן צעך, אין יעדן זאַוואָד־ווינקעלע. מ'האָט גערעדט, געשושקעט זיך, אומגעקוקט זיך, צי עס שטייט ניט דערבײַ עמעץ פון די קליינע נאַטשאַלניקלעך, די „צוטראָגער", אויף וועלכע מ'טאָר זיך ניט פאַרלאָזן, ווײַל זיי זײַנען זיי זײַנען געפערלעכער פון די גרויסע...

— וועט סימקין „פליִען" פון זײַן בענקל ?...

— און אפשר וועט ער זיך נאָך איינהאַלטן ?

— און די, וואָס זײַנען מער ווי זיכער, אַז ער וועט יאָ פליִען, ווערטלען זיך: — וואָס ציט מען אַזוי מיט די אָרגאַניזאַציעלע אויספירן ?

— מ'נעמט אַראָפּ די מאָס פון הינטערהלק ביים נײַעם „בעזעם"... צי ער וועט זיך אײַנמאָסטיען, צי מען וועט נישט בײַטן דאַרפן דאָס בענקל גופא.

— לאָז צורו מיט די חכמות, ווען וועט מען זיך שוין זען מיטן „נייעם בעזעם" ?...

נאָר לאַנג וואַרטן האָט מען שוין ניט באַדאַרפט: ס'זײַנען דורך אַ פּאָר וואָכן, נאָך דעם ווי ס'האָט פאַרענדיקט איר פאַרשונג די רעווידיר־קאָמיסיע פון דער רעפּובליקאַנישער אינסטאַנץ און עס קומט שוין פאָר די אַלגעמיינע אָפענע און אָבליגאַטאָרישע פאַרזאַמלונג פונעם גאַנצן זאַוואָדישן קאָלעקטיוו, וועלכע מ'האָט צונויפגערופן גלײַך נאָך דעם ווי ס'האָט זיך פאַרענדיקט דער אַרבעטס־טאָג. מע האָט די אַרבעטער, וואָס אײַלן, בדרך־כלל אַהיים, ניט אַרויסגעלאָזט פון זאַוואָדישן טויער און געטריבן צוריק אין גרויסן צעך אויף דער פאַרזאַמלונג.

*

בײַם פּרעזידיום־טיש — די אָנפירער פון דעם זאַוואָדישן פּראָפאַריין־קאָמיטעט, פאַרשטייער פון דער אָרטיקער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע, סאַמע אויבן־אָן דער שפּאַגל־נײַער, אויסגעפּאַשעטער זאַוואָד־דירעקטאָר — ס'איז געעפנט די קאָרט — ער איז דאָס געווען דער גלאַוונער פון דער צו־געשיקטער רעווידיר־קאָמיסיע פונעם רעפּובליקאַנישן קאָמיסאַריאַט. אַרום אים — אַנדערע פאַרשטייער, וואָס דער אַרבעטער־עולם ווייסט גאָר ניט, ווער זיי זײַנען, נאָר מען שטויסט זיך אָן — „קנעפּלעך" פון די גאָר וויכטיקע אַנשטאַלטן...

דער פאָרזיצער פון דעם פּראָפאַריין־קאָמיטעט דערציילט איבער אין אַ נאָוועגע די אויספירן פון דער אויטאָריטעטער קאָמיסיע און פאַרסך־הכלט מיט פּלוצעם הארב־געוואָרענע דיבורים וועגן גרויסן פאַרזען פונעם פאַבריקן דירעקטאָר סימקין, זײַן ליבעראַלע באַציִונג צו די פרעמדע דערשײַנונגען אין זאַוואָד־קאָלעקטיוו, וואָס גרענעצן זיך מיט פּאָליטישער בלינדקײַט און קליינבירגערלעכער אָפּגעטעמפּטקײַט פון דער באַלשעוויסטישער וואַכ־זאַמקײַט און אַזוי ווײַטער און דאָס גלײַכן...

און באַלד דער „פּאַטשאַנטעק" איז געמאַכט געוואָרן, איז שוין ווײַטער אַוועק פריילעכער, ווי אַ מיזמור — אַ ריי זאַוואָד־אָנגעשטעלטע, דער עיקרשט פון דער אַדמיניסטראַציע און די פאַרשטייער פון דעם אינזשעניער־טעכנישן פּערסאָנאַל, האָבן איינער נאָכן אַנדערן געריסן זיך צום וואָרט, געקאַכט, געשוימט, אַזוי ווי פּלעשלעך ביר, פון וועלכע מען שלאָגט אַרויס מיט אַ גוטן זעץ אין דנאָ אַרײַן, די קאָרקעס... אָט די אַרויסטרעטער, אונטערגעהעצקעטע פון דער העכערער אינסטאַנץ, סקאַנדירן, שטעמפּלען מיט בראַווער דרייסטקײַט דעם שוין באַזײַטיקטן דירעקטאָר; מען וואַרפט זײַן נאָמען איבער פון מויל צו מויל, ווי קונדייסים וואַרפן זיך מיט שניי־קוילן, גלײַך מ'וואָלט זיך דאָ גופא, אויף דער פאַרזאַמלונג, אויף איין פוס, אויסגעחזרט דאָס לידעלע פון מאַכן אומבאַשטראָפט פון אַ

מענטשן אַ שקאַרפּעטקע, „אַ שעיר לעזאזל"... און מיט דעם אַליין אָפּ־גרענעצן זיך דערוויַיטערן, ווי וויַיט דאָס איז מעגלעך פון סימקינין, מיט וועלכן מ׳האָט געאַרבעט צוזאַמען, אָפּצושטויסן פון זיך דעם געפּערלעכן שאָטן, וואָס קאָן אויף יעדן איינעם פון די רעדנער פאַלן...

און ווו עס זאָל זיך ניט האָבן דאַן געפונען דער שוין געפּסלטער דירעקטאָר, האָט זיך אים געמוזט גוט שלוקערצן...

צוליב יוצא וועגן האָט מען אויך געגעבן דאָס וואָרט אַ פּאָר אַרבע־טער, פון די אַקטיוויסטן — שטענדיקע קאָכלעפל. ביַי זיי איז עס שוין געגאַנגען שווערער, מען האָט זיי באַדאַרפט אונטערזאָגן, ציִען פאַר דער צונג... די דאָזיקע האָבן מיט מטושטשע געשטאַמלטע ווערטער געקײַט דאָס שוין איבערגעקײַעטע, ס׳איז זיי קשה געווען איבערצוחזרן דעם מאָטיוו פונעם באַגרעבעניש־לידל, האָט זיך דער עולם שוין גאָרניט צוגעהערט צו דעם, וואָס זיי „קוועטשן" פון זיך אַרויס און גאָרניט באַמערקט, ווען זיי האָבן אָנגעהויבן און ווען זיי האָבן פאַרענדיקט זייער מינוטיקע ריידעכץ, פאַרשוווּנדן פון די אויגן...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

פלוצלונג שטעלט זיך אויף לעמל קריוואָרוטשקאָ, הייבט זיַין האַנט און וואָרט ניט, ביז מען וועט אים געבן דאָס וואָרט, נאָר שטופּט זיך דורך צווישן דער ריי זיצנדיקע פון די הינטערשטע בענק און גייט מיט דער אויסגעשטרעקטער האַנט גלײַך צום פּרעזידיום־טיש, שטעלט זיך מיטן פּנים צום עולם און הייבט אָן:

— איך אַרבעט אויפן זאַוואָד ניט לאַנג, אַ ביסל מער פון אַ האַלבן יאָר, ווייס איך ניט, צי פּאַסט מיר און צי איך האָב רעכט צו רעדן...

שרײַט מען פון די הינטערשטע בענק:

— האָסט רעכט!

— מיר גיבן דיר דאָס וואָרט!

— רייד, קריוואָרוטשקאָ!

זעצט פאָר, לעמל: פאַר דער ציַיט, וואָס איך אַרבעט דאָ, בין איך שוין געווען אויף עטלעכע פאַרזאַמלונגען. כמעט די אַלע רעדנער, וועלכע זײַנען דאָ היַינט אַרויסגעטראָטן, האָב איך שוין זייערע רעדעס געהערט. און דאַן, דאָס איז געווען גאָר ניט לאַנג, האָבן זיי געלויבט די אַרבעט פון דעם דירעקטאָר סימקין, געסטאַרעט זיך צוצוקלײַבן וואָס שענערע און בכבודיקע ווערטער וועגן אים; געדאַנקט פאַר זײַן סטאַראַניע און זאָרג פאַר אויספילן דעם פּלאַן און פאַר זײַן גוטע און האַרציקע באַציִונג צו די אַרבעטער און אָנגעשטעלטע פון זאַוואָד. באַקומט זיך, ווי זיי וואָלטן היַינט אַלע צוזאַמען מיט אַ מאָל איבערגעקערט די פעלצלעך קאַפּויער,

מיט דער שקורע אַרויף... מיר האָבן דאָ היינט געהערט וועגן זייער ערנסטע ניט קיין גוטע זאַכן — מ'האָט געגנבעט ברויט און פּאַרקויפט אויפן „טאָלטשאָק", געשיכורט אויפן זאַוואָד, געמאַכט פּראָגולן, אויפגעבלאָזן די פּראָצענטן פון אויספילן דעם פּלאַן נאָר ווער זיינען זיי דאָס אַלע? ווי הייסן זיי? — דערמאָנט האָבן די רעדנער בלויז איין־אונאיינציקן פאַמיליע־נאָמען סימקין, דעם דירעקטאָרס נאָמען — באַקומט זיך — דער גנב איז סימקין, פאַרקויפט דאָס געגנבעטע ברויט אויפן „טאָלטשאָק" האָט סימקין, דער שיכור איז סימקין, געלייקנט די פּראָצענטן האָט ווידער סימקין — איז ווי אַזוי זשע האָט דער זאַוואָד אויסגעפילט די גאַנצע צייט דעם פּלאַן?

— איך פאַרשטיי די זאַך אַנדערש, — האָט פאַרגעזעצט לעמל, — דער דירעקטאָר סימקין וואָס אַרבעט שוין אַ היפּשע צייט, האָט לעצטנס אויפגעהערט, ווי געהעריק צו באַמערקן די אַלע זייער שלעכטע זאַכן, וואָס אַ זייטיק אויג האָט עס זיך באַלד געוואָרפן אין די אויגן. דער דירעקטאָר האָט די גנבים, שיכורים און פעלשער ניט געגעבן קיין גע־העריקן ווידערשטאַנד, שוואַך געקעמפט מיט זיי. דאָס הייסט, ס'האָבן זיך אויסגעריבן די ריטלעך פון דעם דירעקטאָרס בעזים, מיט וועלכן ער דאַרף קערן מיט אַ שטאַרקער האַנט. דאַרף מען אין אַזאַ פאַל אַ מענטשן זאָגן: „חברל, זיי אַזוי גוט, גיי אַריבער אויף אַ פרישן אָרט, דו זאָלסט בעסער זען, וואָס עס טוט זיך אַרום דיר, אָדער מען דאַרף אים העלפן צוזוכן אַן אָרט לפּי זיינע כוחות און פעיִקייטן. אָבער ניט אַזוי — געבן מיט דער קני אַ קנאַק פון בענקל און האָגלען אויף אים מיט בוליזשניקעס פון אַלע זייטן. ער האָט עס בפירוש ניט פאַרדינט — אַזוי מיין איך, זייט מיר מוחל, וואָס איך האָב עס אייך געזאָגט, — און דערביי האָט לעמל אַ קער געטאָן דעם קאָפּ צום פּרעזידיום־טיש... און שנעל זיך געלאָזט צוריק שוין מיט אַן אַראָפּגעלאָזטער האַנט צו זיין אָרט אויף די הינ־טערשטע בענקלעך...

וואָס ס'איז אַזוי אָנגעזאָליעט...

ביים פאַנאַנדערגיין זיך פון דער פאַרזאַמלונג האָבן די אַרבעטער, וואָס טוען מיט לעמלען, באַגעגנט אים מיט שמייכלען, געלעכטערס, גע־פּאַטשט אים איבער די אַקסלען, — האָט אים שוין פון דעם אַליין גוט געהאַמערט אין די שלייפן: „וואָס האָב איך באַדאַרפט קריכן מיט רייד, יאַלד־שעבעיאַלד"... אַז מיט עטלעכע ממש סעקונדעס פאַר דעם, ווי ער האָט

זיך געהאַט אַ שטעל אויף געטאָן פֿון אָרט און אויסגעשטרעקט צום וואָרט זײַן האַנט, האָט ער זיך אין דמיון מתרה געווען: „סמעיע ניט, לעמל, אַרויסצוטרעטן, ניט דײַן עסק, ביסט אַ געשלאָגענער, האָסט קיין פּראָוו ניט..." האָט עס ניט געהאָלפֿן. ניט געקאָנט בײַשטיין דעם נסיון... עמעץ גאָר אַן אַנדערער אין אים, אַ דיבוק, ניט אַנדערש — וואָס ער קען אים גאָרניט, — האָט אים מיט אַזאַ פֿלוצעמדיקן כּוח אַ שטופּ געטאָן אין רוקן, אַ ריס געטאָן אין דער הויך זײַן האַנט, אונטערגעבײַטשט: „גיי גיכער! אַניט פֿאַרשפּעטיקסטו און ס'ניט באַוויזן אַרויסצוברענגען, אויסצולאָדן דאָס אַלץ, וואָס ס'ברויזט אין דיר, שטורעמט, וואָס ס'איז אַזוי אָנגעזאַליעט".

לעמל איז אַרײַן אין ראַזדיעוואַלקע און גלײַך נאָך אים מויסיי:

— אַ טאַטע פֿון פֿינף קינדער, נאָך אַזעלכע געשיכטעס אין בערע־זאָווקע, ווער האָט אײַך געבעטן האַלטן רעדעס?! איר זײַט פּאַר סימקינען גאָרניט קיין פּאַסיקער אַדוואָקאַט... וויפֿל האָט געפֿעלט, מ'זאָל אײַך פֿאַר־שיקן ווי אַ קולאַק, אומברענגען?...

— דער טײַוול ווייסט מויסיי, פֿאַר וואָס כ'האָב עס געטאָן, — כאַטש נעם און צעפּראַשקע זיך אַליין... פֿאַרפֿאַלן...

— ניט פֿאַרפֿאַלן, נאָר — פּישי פּראָפּאַלאָ... (רוסיש, וואָס קלינגט, ווי גיין קאַפּוט).

— מויסיי, האָסט מיר ניט וואָס צו שיטן זאַלץ אויף מײַן טיפּשות. און גיי איצט אַוועק פֿון דער ראַזדיעוואַלקע. איך האָב מיך באַנאַרישט, ניט דו.

— ווער ווייסט, ווער ס'האָט זיך באַנאַרישט?!... מע וועט דאָך אונדז איצט אויפֿפּרעסן...

— ע, מויסיי, האָסט שוין חרטה?... דעריבער טאַקע זאָג איך דיר, זײַ ווײַטער פֿון מיר, דאַרפֿסט זיך דאָ ניט פֿאַרהאַלטן... אַוודאי, בין איך שולדיק. דער רוח זאָל מיך נעמען!

— —

אויף מאָרגן, ווען איציק און ליזע זײַנען געקומען פֿון שקאָלע און איציק האָט דערזען דעם טאַטן, וואָס איז אַרײַנגעלאָפֿן רופֿן זיי צו וואַרעמעס, שרײַט ער צו אים:

— טאַטע! איך האָב בײַם טויער געוואָלט באַווײַזן איינעם אַ ייִנגעלע אויפֿן רויטן טאָוול אונדזער נאָמען קריוואָרוטשקאָ, באַקומט זיך ניט, גאָר אַנדערע בוקוועס (בוכשטאַבן), און נעכטן איז געווען קריוואָרוטשקאָ...

— די מינוט, קינדער, קום איך אַרײַן און מיר גייען עסן, די מינוט, — און לעמל לאָזט זיך מיט אַ פֿאַרכאַפּטן אָטעם צום זאַוואָד־טויער, צו זען מיט די אייגענע אויגן, וואָס עס האָט געטראָפֿן אויפֿן רויטן טאָוול? —

כאָטש ער איז מער ווי זיכער, אַז איציק האָט ניט אויסגעטראַכט — יאָ, פון קריוואָרוטשקען איז שוין אויפן טאָוול קיין זכר ניט געווען. אַן אַנדער פאַמיליע־נאָמען אַנשטאָט זײַנעם.

לעמל גייט מיט די קינדער איבערן גאָרקיד, זוכט אַ פרײַ טישל, זיי זאָלן זיך קאָנען זעצן אײַן־דרײַען. צוליב זײַן לויפן אַ קוק טאָן אויפן טאָוול, האָבן זיי זיך אַ ביסל פאַרשפּעטיקט.

מע שרײַט פאַניע־בראַטסקע צו לעמלען, איינער, אַ צווייטער:

— קריוואָרוטשקאָ, ווען האַלסטו ווידער אַ רעדע?

— ניט געוווסט, ס׳ווערט פאַרפאַלן אַ טאַלאַנט...

— מאַלאַדיעץ, קאַק סאַליאַני אַגורייעץ (ווי אַ געזאַלצענע אוגערקע)...

לעמל וויל זיי וואָס ענטפערן, עפּעס זײַט ער צווישן די ציין: „שוין אַראָפּגעפּאַטשט, אַראָפּגעקוליעט פון ברעטל...״ נאָר אין גאָרקיד איז אַזאַ רעש, הו־האַ, אַז ער אַליין הערט ניט זײַנע אייגענע ווערטער, צו וועמען ער האָט זיי געזאָגט, אָדער געוואָלט זאָגן. ער איז שוין אײַנגאַנצן צע־טומלט. די טישלעך און די מענטשן דרייען זיך פאַר זײַנע אויגן. איציק ציט אים בײַם אַרבל:

— אָן, טאַטע, בײַ יענעם טישל איז קיינער ניטאָ.

נאָך דעם מיטאָג־איבעררײַס איז לעמל צו צום צעך־נאַטשאַלניק:

— טיכאָן וואַסיליעוויטש, איך וויל דיך וואָס פרעגן.

— יאָ, קריוואָרוטשקאָ, איך הער דיך.

— דו קאָנסט מיר ניט זאָגן, פאַר וואָס מ׳האָט מיך אַראָפּגעמעקט פונעם רויטן טאָוול?

— וואָס הייסט אַראָפּגעמעקט?

— נו, אויסגעמעקט מײַן נאָמען.

— ווער האָט עס דיר געזאָגט?

— איך האָב ערשט אַ קוק געטאָן.

— הער זיך צו, קריוואָרוטשקאָ, דעם צעטל פון די אַרבעטער און די בריגאַדעס, וועלכע פילן אויס אויף אַ סך פּראָצענט העכער דעם פּלאַן, שטעלט מען אַרויס אויפן רויטן טאָוול איין מאָל אַ חודש, צי איין מאָל אין אַ קוואַרטל, ווען מען ציט אונטער די סך־הכּלען פון דעם סאָציאַליס־טישן פאַרמעסט. מײַן זאַך אַלס צעך־נאַטשאַלניק איז פאָרצולייגן דער דירעקציע, רעקאָמענדירן פאַר דעם רויטן טאָוול די בעסטע אַרבעטער פון צעך. און די דירעקציע באַשליסט שוין, וועמען און אויף וואָס פאַרא אָרט אַרויסצושטעלן. אויסמעקן אַ נאָמען, דאָס געהערט אויך אויסשליס־לעך... דו האָסט זיך גוט אײַנגעקוקט? ביסט זיך ניט טועה?..

— טיכאָן וואַסיליעוויטש, איך האָב זיך גוט איינגעקוקט... קיין ברילן דאַרף איך נאָך ניט.

— גיי, קריוואָרוטשקאָ, אַריין אין דער דירעקציע און פרעג, פאַר וואָס דאָס האָט פּאַסירט ?..

— זאָל איך אַריין פרעגן ?

— געוויס.

די גראַמען ברויט...

לעמל האָט געפאָלגט דעם צעך-נאַטשאַלניק און איז נאָך דער אַרבעט (ער האָט שוין געהאַט גענוג דערפאַרונג, דירעקטאָרן האָבן ניט ליב, דער אַרבעטער זאָל וואַרפן די אַרבעט און קומען שטיין ביי זיין קאַבינעט-טיר) צוגעגאַנגען צו דער סעקרעטאַרשע, אָנגערופן איר זיין פאַמיליע-נאָמען און געזאָגט: „וועגן אַ פּערזענלעכן ענין בעט ער אַ דערלויבעניש אַריין צום דירעקטאָר". אין עטלעכע מינוטן שפּעטער האָט ער פון דער סעקרעטאַרשע באַקומען אַן ענטפער: „היינט וועט אייך דער דירעקטאָר ניט אויפנעמען". לעמל האָט זי באַדאַנקט און איז אַרויס. „הייסט עס, — האָט ער אַ זאָג געטאָן צו זיך במחשבה, — האָב איך היינט אַלץ געטאָן, וואָס אין מיינע מעגלעכקייטן איז. און מאָרגן — איז גאָט אַ פּאָטער..." און אַ געוויסע באַרויִקונג האָט אים באַהערשט: סוף-כל-סוף, — האָט ער אַ טראַכט געטאָן, — ווי עס האָט זיך געמאַכט, איז דאָס, אפשר, גאָר צום גוטן. ווייל וויפל קאָן מען זיך נאָך אַזוי מאַטערן ? דער פינפטער חודש שוין, ווי די משפחה איז ווי אַ הערינג צעריסן אויף צווייען — ער מיט איציקן און ליזען אין דער דאָניעצקער ראַזדיעוואַלקע, אויף אַלע זיינע שונאימס קעפּ אַזאַ לוקסוסאָווע וווינונג — פּראָסט גערעדט, אַליין פאַרשטופּט זיך אין אַ באָד און ריווע מיט די צוויי פּיצלעך קינדער, ווער וויס, צי זיי קאַלייען דאָרט ניט פון קעלט, צי ס'קלעקט זיי אויף אַ שטיקל האָלץ און, צי הונגערן זיי ניט ?... דעם לעצטן חודש, זינט ס'האָט זיך אויפן זאַוואָד אָנגעהויבן די געשיכטע מיט דער קאָמיסיע, האָבן זיי — ער מיט שפרהן — שוין מורא געהאַט צו שיקן די פּעקלעך סוכאַרעס פון זאַוואָד, פּאַקן עס אין דער ראַזדיעוואַלקע, מ'קאָן דאָך נאָך אויסטראַכטן, אַז דאָס איז זאַוואָדיש ברויט און ניט פון די ברויט-ביכלעך. און פּרווו דערוויי, אַז ניט... אַרויפוואַרפן אַ בילבול איז דאָך איצט גרינגער ווי אַ שפּיי טאָן אין באַלקן, נאָר וועסט אים שוין דערנאָך דעם בילבול מיט קיין זובילע ניט אַרויסהאַקן... האָט ער זיך מיט שפרהן אַזוי דעררעדט:

איציקס און ליזעס ברויט־ביכלעך צו פיר הונדערט גראַם אויף יעדער, גיט ער אָפּ שפרהן. זי קומט ספּעציעל איין מאָל אין דרײַ טעג פון מאַקייעווקע, קיין דאָניעצק, נעמט אָפּ דאָס ברויט וואָס קומט די קינדער, פירט עס צוריק קיין מאַקייעווקע, בײַ דער פרוי, וווּ זי וווינט טריקנט זי עס און שיקט די פּאַסילקעס סוכאַרעס אָפּ קיין בערעזאָווקע פון מאַ־קייעווקע. און ער, איציק און ליזע באַנוגענען זיך אין דרײַען מיט זײַנע אַכט הונדערט גראַם. דערצו, אַז ער שטייט אָפּ גאַנצע טעג און אויך אין די נעכט, בײַ די אויוונס, כאַפּט מען איבער און אַ קראַפּליע זאַלץ צו דער פרישער סקיבע, איז אויך דאָ — זאַלץ זיי אין די אויגן... אַ פּאָר אָקרײַטשיקלעך באַהאַלט ער אין דער קעשענע, ווען ער קערט זיך אום פון צעך אין דער ראַזדיעוואַלקע איבערצודרעמלען, לייגט ער איינעם אַ אָקרײַטשיקל אַרײַן צו איציקלען אין שילער־זעקל און דעם צווייטן צו ליזען... „אַ מײַזעלע גנבעט מער״... שליסט ער צו זײַנע אויגן מיט אַ צופרידענעם שמייכל אויף די ליפּן...

— —

גאָר פרי איז געקומען שפרה. לעמל האָט זיך קיינמאָל ניט געהאַט אַזוי דערפרייט מיט איר קומען, ווי הײַנט: — אוי טאַכטערקע, ווי גוט איז, וואָס דו ביסט שוין דאָ!...

— טאַטע, דו האָסט נאָך די קינדער ניט אויפגעוועקט? ס'איז שוין די אַכטע שעה.

— זאָלן זיי נאָך שלאָפן, טאַכטערל, וועק זיי ניט. שאַ שטיל... אַ פולע סקרינע (קויבער) מיט בײַס... זעץ זיך צו. איך האָב אין מײַן שטיקל נאַכט קיין אויג ניט צוגעמאַכט. זעץ זיך, גאָלד מײַנס, דו האָסט מיך געראַטעוועט מיט דעם, וואָס דו ביסט שוין דאָ. הער אויס...

און לעמל האָט אָנגעהויבן מיט קוראַזש און איבערהיפּערנדיק און זיך צוריקגעקערט, דערנאָך גענומען דערציילן רויקער, געסטאַרעט זיך ניט דורכצולאָזן וועגן דער פאַרזאַמלונג, וועגן זײַן אַרויסטרעטונג...

— טאַטע, אײַל ניט, דערמאָן זיך גוט, אַלץ, וואָס דו האָסט געזאָגט, איך יאָג דיך ניט...

און לעמל האָט ווידער איבערגעחזרט, וואָס ער האָט געזאָגט פריִער און וואָס שפּעטער, יעדעס ברעקעלע, מיט וועלכע ווערטער ער האָט פאַר־ענדיקט, איבערגעגעבן שפרהן וועגן דעם טאָוול בײַם טויער, ווי אַזוי איציק האָט עס באַמערקט און וועגן דעם, אַז ער איז שוין געווען בײַם צעך־נאַטשאַלניק, בײַ דער סעקרעטאַרשע... יאָ, אויך ניט פאַרגעסן, ווי אַזוי נאָך דער פאַרזאַמלונג איז מויסיי באַלד אַרײַנגעקומען אין דער ראַזדיע־וואַלקע און וואָס מויסיי האָט אים געזאָגט, זײַנע אויסדרוקן — „מ'וועט

אונדז אויפפרעסן"... און „ווער ווייסט, ווער ס'האָט זיך מער באַנאַרישט"... און וואָס ער האָט אים אויף דעם געענטפערט...

איצט האָבן זיי בײדע — ער און זײַן טאָכטער געשוויגן און לעמל האָט געוואַרט, די אויגן ניט אַראָפּגענומען פון שפּרהן.

און שפרה האָט זיך אויפגעהויבן פון דער טאַבורעטקע, אַרומגענומען דעם טאַטן, און שטאַרק־שטאַרק אים אַ קוש געטאָן: — טאַטע, זיי האָבן דיך זייער גוט פאַרשטאַנען און ניט נאָר דאָס, וואָס דו האָסט זיי געזאָגט, נאָר אויך דאָס, וואָס ס'איז בײַ דיר געבליבן אין האַרצן... נאָר דאָ אַר־בעטן טאָרסטו ניט. גענוג מיט דאָניעצק! דו דאַרפסט גלײַך, איצט, אין דער פרי, גיין צום דירעקטאָר, ווײַל די סעקרעטאַרשע האָט דאָך דיר נעכטן ניט געוואָרנט וועגן הײַנט, אַז אויך הײַנט וועט ער דיך ניט אויפ־נעמען, — דאַרפסטו אויף קיין מינוט ניט אָפּלייגן, וואָס שנעלער מיט די קינדער אוועקפאָרן פון דאָנעט. וועסטו זײַן אַ ביסל אין דער היים און קריגן אַרבעט נענטער צו בערעזאָווקע, ניט געפערלעך. מויסיי און אידע האָבן אונדז זייער געהאָלפן, אַ דאַנק זיי. נאָר איצט בין איך זיכער, אַז דו וועסט שוין דײַן שטעטל אַליין באַשטיין. גענוג צו מאַטערן זיך דאָ. גיי גלײַך צום דירעקטאָר און גיי ניט אַוועק, ביז ער וועט דיך ניט באַפרײַען. ווען ער זאָל דיך אַפילו וועלן האָבן דאָ, טאָרסטו ניט בלײַבן. נאָר ער דאַרף דיך ניט און דערפאַר ברענט אין אים די יוכע און ער האָט גלײַך נאָך דער פאַרזאַמלונג אויסגעמעקט דײַן נאָמען פונעם טאָוול, ווײַל ער האָט דערפילט אין דיר דעם „דוך" פונעם פאַריקן דירעקטאָר און ער קאָן אַזאַ זאַך ניט דולדן. ער איז זיכער, טאַטע, אַ געפּעאוניק, — איך צווייפל אין דעם ניט. זיי דאַרפן ניט קיין ערלעכע מענטשן, נאָר גזלנים. אָבער גיי אַרײַן צו אים רויִק, רייץ אים ניט, היט זיך!...

בײַם דירעקטאָר...

לעמל האָט זיך אַוועקגעלאָזט צום דירעקטאָר־קאַבינעט. נאָך פאַר־בײַגייענדיק דאָס ווינקל, וווּ בײַ זײַן טישל זיצט דער צעך־נאַטשאַלניק, האָט זיך לעמל אָפּגעשטעלט און איז צו צו אים:

— טײַערער טיכאָן וואַסיליעוויטש, זײַ מיר מוחל, וואָס איך דריי דיר דעם קאָפּ. דאָס גיי איך איצט צום באַלעבאָס — ווי הייסט ער? ווי איז זײַן נאָמען און פאָטער־נאָמען?

— אַ? — ווי הייסט ער? — וואַרט, אַ נײַער באַלעבאָס, אַהאַ, דער־מאָנט זיך: ניקאָלײַ ראָמאַנאָוויטש.

— אָ, די צווײ נעמען, טיכאָן וואַסיליעוויטש, לאָזן זיך ניט פאַרגעסן, ליגן אין מאָגן...

— פאַר וואָס, קריוואָרוטשקאָ?

— זיבן יאָר געדינט דעם צאַר ניקאָלײַ ראָמאַנאָוו...

צעשמייכלט זיך דער צעך־נאַטשאַלניק: — ני פּוכאַ, ני פּיעראַ... (אַ רוסיש ווערטל — זײַ מצליח).

— —

לעמל איז צו צו דער סעקרעטאַרשע, זי האָט אַ קוק געטאָן אויף אים און געזאָגט: — איר קאָנט אַרײַן, קריוואָרוטשקאָ.

ער האָט שטיל געעפנט די קאַבינעט־טיר, אַראָפּגענומען דאָס היטל און איז צו נענטער צום דירעקטאָר־טיש:

— ניקאָלײַ ראָמאַנאָוויטש, דערלויבט מיר...

דער דירעקטאָר, אַ שווער־גופיקער, אָן אָנגעגאָסענער, מיט אַ גלאַטן, אויסגעקעכלטן יונגן פּנים פון אַ יאָר עטלעכע און פערציק, האָט פול־שטענדיק ענגלעך אַרײַנגעמאָסטעט זיך אין דעם ברייטן, הויכלעכן פאָטעל. ער האָט אויפגעהויבן צו לעמלען זײַנע בלוילעכע אויגן:

— איך הער אײַך...

— איך בין געקומען בעטן אײַך צו באַפרײַען מיך פון דער אַרבעט...

— לויטן אייגענעם ווילן?

— יאָ.

און דער דירעקטאָר גייט איבער אויף „דוצעניש": קריוואָרוטשקאָ איז דײַן פאַמיליע־נאָמען?

— יאָ, קריוואָרוטשקאָ.

— און דער נאָמען?

— לעמל.

— ווי?

— לעמל, — האָט העכער און דײַטלעכער איבערגעחזרט קריוואָ־רוטשקאָ.

— וואָס איז דאָס פאַראַ נאָמען? דאָס באַטײַט עפּעס?

— וואָס דאָס באַטײַט, קאָן איך אײַך ניט זאָגן, פּשוט איך ווייס ניט. כ'האָב זיך אויף דעם ניט פאַרטראַכט. אַזוי האָט געהייסן מײַן זיידע — לעמל קריוואָרוטשקאָ. און איר ווייסט, ניקאָלײַ ראָמאַנאָוויטש, זײַט מיר מוחל, וואָס עס באַטײַט ניקאָלײַ?...

— ווען ווילסטו אַוועק פון דער אַרבעט?

— אויב ס'איז מעגלעך — הײַנט. נאָר קאָן שוין זײַן, אַז איך וועל הײַנט ניט באַוויזן... איז מאָרגן.

— אויסגעצייכנט! ער מאַכט אַ לענגלעכע פּאַוזע, — און הייבט ווידער אויף זײַן בליק, — דו ווייסט פאַר וואָס איך זאָג אויסגעצייכנט?

— ניין.

— ווער האָט עס דיר דערלויבט, קריוואָרוטשקאָ, די זאַוואָדישע ראַז־דיוועאַלקע צו פאַרוואַנדלען אין אַ פּריוואַטער וווינונג? — מ׳דאַרף זיך קאָנען דערטראַכטן צו דעם...

— ווען מען קריגט גרינג אין דאָניעצק אַ קליין צימערל, אַרײַנצו־שטעלן דרײַ — כאָטש צווײ בעטלעך, וואָלט מען עס געוויס ניט באַ־דאַרפט טאָן, ניקאָלײַ ראָמאַנאָוויטש. ס׳איז גאָרניט אַזאַ ראָסקאָש צו לעבן אין אַ ראַזדיעוואַלקע.

דער דירעקטאָר האָט דערלאַנגט לעמלען אַ ווײַסן בויגן פּאַפּיר:

— ביסטו גראַמאָטנע?

— ניט זייער...

— ווו האָסטו זיך געלערנט גראַמאָטע?

— צו 15 יאָר בין איך שוין געווען אַ בעקער. זיבן און צוואַנציק יאָר ווי איך אַרבעט און רוסישע גראַמאָטע, לייענען און אַ ביסל שרײַבן האָב איך מיך געלערנט, ווען איך האָב געדינט דעם צאַר ניקאָלײַ ראָמאַנאָוו.

— אָבער רעדעס האָלסטו צו גראַמאָטנע... האָסטו זיך דאָס אויך געלערנט בײַם צאַר?

— ניין, ניקאָלײַ ראָמאַנאָוויטש, ניט בײַם צאַר — בײַ דער סאָ־וועטסקע וולאַסט, בײַ דער פרײַהייט פון וואָרט, צו האָבן אַן אייגענע מיינונג...

— אַן אייגענע? וועמענס אייגענע?

— מײַנע, פון מײַן קאָפּ און פון מײַן האַרצן, אַ מיינונג פון אַ פּשוטן אַרבעטער־בעקער.

דער דירעקטאָר רופט אַרײַן די סעקרעטאַרשע, פאַראָרדנט איר העלפן אָנצושרײַבן קריוואָרוטשקען אַ ביטע, צו באַפרײַען אים לויט זײַן אייגענעם ווילן פון מאַרגנדיקן טאָג אָן „און טראָגט מיר עס באַלד אַרײַן צום אונטערשרײַבן. אין אַ האַלבע שעה אַרום גיי איך אַוועק אין רײַקאָם".

לעמל האָט באַדאַנקט דעם דירעקטאָר.

— האָסט מיר ניט וואָס צו באַדאַנקען. דײַן מזל, וואָס איך דאַרף תיכף באַפרײַען די זאַוואָדישע ראַזדיעוואַלקע. אַזעלכע פּיפּיקע אַקראַבאַטן... ווען ניט דאָס, וואָלט איך דיר באַוויזן, אַראַטאָר קריוואָרוטשקאָ, ווו די ראַקעס ווינטערן...

מייַן טייַערע, קלוגע טאָכטער שפּרהלע!

איך אײַל דיר צו וויסן געבן די גוטע בשורה — דער טאַטע האָט זיך אײַנגעאָרדנט אין טיראַספּאָל — אַ מײַסטער אין אַ בעקערײַ, מיט אַ גוטן געהאַלט. אַ וואָך צײַט האָט מען אים אויסגעפּרוווט און אָנגענומען. טיראַספּאָל איז אַ שיינע און היפּשע שטאָט בײַם דניעסטער, צוויי־אַ־האַלבע — דרײַ שעה פאָרן צו אונדז. און דאָס וויכטיקסטע וואָס דער טאַטע האָט געפעלט — ביז מיר וועלן צוזוכן אַ דירה און אַריבערפאָרן וווינען דאָרט, האָב איך און די קינדער רעכט צו באַקומען גופא אין טיראַספּאָל דאָס ברויט, וואָס באַלאַנגט אונדז אויף די ברויט־ביכלעך, אָבער איך מוז יעדן דריטן טאָג פאָרן צום טאַטן — אַזוי ווי דו פלעגסט פאָרן פון מאַקייעווקע קיין דאָניעצק — אָפּצונעמען פאַר אונדז דאָס ברויט. ס'גייט בײַ מיר אַוועק אויף דעם נאָר באַן־וועג אַליין פינף — זעקס גע־הרגעטע שעה. און אַהער־אַהין, ביז דו נעמסט אָפּ דאָס ברויט אין אָטשערעד און כאַפּסט זיך אַרײַן צום טאַטן אין זײַן בעקערײַ און פליסט מיט אַן אויסגעשטרעקטער צונג צום וואָקזאַל, ניט צו פאַרשפּעטיקן צום צוג, הרגעסטו אַוועק נאָך אַ גוטע פאָר שעה. יאָ, און יעדעס מאָל לויף איך נאָך אַרײַן אין עטלעכע הײַזער, אפשר וועל איך געפינען אַ פּאַסיקן דאָך איבערן קאָפּ, זאָל כאָטש זײַן איין גרעסערער חדר, ווײַל פאַרלאָזן זיך אויפן טאַטן, איז דאָך ניט שײַך, וועט עס זיך ווידער, חס־וחלילה, ענדיקן מיט עפּעס אַ קאַטוך, צי אַ ראַזדיעוואַלקע. ער, אַז ער טוט זיך שוין אַרײַן אין אַ בעקערײַ, ווערסטו אים מיט צוואַנגען פון די אויוונס ניט אָפּרײַסן, ווי אַ פּיאַניצע פון פלעשל. „איך בין דאָ, — טענהט ער צו מיר, — אַ נײַ מענטשל, דאַרף איך באַווײַזן, וואָס לעמל־בעקער איז". בין איך כאָטש צופרידן, וואָס ער אַליין האָט אַ רויִקן נאַכטלעגער בײַ אַ באַלעבאַטישן ייִדן — דעם וואָזטשיק (פורמאַן) פון דער בעקערײַ. ווערסטו דאָך מיך פרעגן, טאָכטערקע, אויף וועמען איך לאָז איבער די קינדער אויף אַ גאַנצן טאָג, קאָן מען זאָגן, און באַזונדערס אונדזער ראָזעלען? — קיין עין הרע, אַ בוגרתל — דאָס דריטע יאָר און ס'האָט שוין דעם אייגע־נעם קוק אויף דער וועלט: פּרווו שטעל פאַר איר אויס אין איין האַנט אַ פּאַטעקע־צוקערקע און אין דער אַנדערער, אַ פּאָדפּאַליקל, צי אַ צו־געברוינט סעכערל, וועט עס אַ כאַפּ טאָן גאָטס גאָב, פּאַפּע...

...געדענקסט דאָך, אַז ס'האָט אונדז געטראָפן דאָס אומגליק, פלעגט אונדזער שכנה, דעם טעסלערס ווײַב, געראַסימאָוונע, יעדער ראַניצע אַרײַנטראָגן אַ הויכינקן לאַדיש סעראַדאַי פון אונטער דער קו; און אַז איר זײַט אַוועקגעפאָרן קיין דאָניצעק, האָט זי ניט אויפגעהערט דעם

פולינקן לאַדיש מילך אַרײַנברענגען און יעדעס מאָל, ווען זי פּלעגט מיר אים אויסשטרעקן, פלעג איך מיך דערפילן זייער ניט גוט. האָב איך איר איין מאָל געזאָגט:

— גערַאַסימאָווגע, עס דאַרף דאָך האָבן אַ שיער, ביסט דאָך ניט מחויב. לעמל מײַנער באַקומט דאָך שוין יעדן חודש די „פּאָלוטשקע" (געהאַלט) און שיקט זי מיר אַרויס און מײַן שפרה אַרבעט, — וויפל דו נעמסט ביי אַנדערע, נעם אויך בײַ מיר... טוט זי אַ מאַך מיט דער האַנט: „ריווע, די געלט־פּאַפּירלעך האָבן דען היינט־צו־טאָג אַ באַטרעף? — סײַדן געבן עס די קינדער אויף צו שפּלין זיך אין קאַרטינקעס... ווען דײַן ראָזועלע האָלט אַזוי שטאַרק פאַרשטשעמעט אין אירע הענטלעך דעם סוכאַריק, וואָס דײַן לעמל שיקט אײַך אין די פּאַסילקעס, קאָן איך בײַ דיר וואָס נעמען?... ס'וועט דורך די כמאַרע, אַ קאַפּל ליכטיקער ווערן, וועלן מיר זיך אין פרײדן צעקוויטען...

האָט אָבער געטראָפן, איר מאַן פיאָדאָר איז קראַנק געוואָרן, ס'האָט זיך בײַ אים פון דער העלער הויט, פאַר קיין מענטשן געדאַכט, געעפנט אַ ווונד אויף אַ פוס און פאַרהיילט זיך ניט. וואָס האָט זי שוין ניט אויסגעפּרובירט? — די זנאַכאַרקעס פון די ווײַטסטע דערפער געבראַכט און געמוזט אים אַוועקלייגן אין שפּיטאָל. און גערַאַסימאָווגע דאַרף צו אים לויפן אין באָלניצע, טראָגן אים דאָס געקעכטס, קרעפּטיקן, ווײַל וואָס גיט מען דאָרטן... העלף איך איר נאָכצוזען אין שטאָל איר קו, איך קאָך אין אונדזער אויוון דאָס קאַרטאָפל־שאָלעכץ, גרייט צו די פּוילע, פּאָיע זי צו דער צײַט. אויסער אַלעמען, טו איך עס מיט ליבשאַפט און געוווינטשאַפט צו דעם, ווי דאָס וואָלט זײַן אונדזער אייגן שיין קיִעלע... איך קאָן זי, שפרה, ניט פאַרגעסן... און איציקל און ליזע זײַנען שוין מײַנע זיכערע פּאָמאָשטשניקעס — נאָכצוזען גאָלדען און ראָזועלען. און גערַאַסימאָווגעס בײדע ייִנגלעך עסן מיט אונדז צוזאַמען אונדזער זופּ — איך סטאַרע זיך, זיי זאָלן זײַן זאַט. צוויי טעג העלף איך גערַאַסימאָווגען און אויפן דריטן טאָג, פאַר איך מיט אַ רויִקן האַרץ נאָכן ברויט קיין טיראַספּאָל. גערַאַסימאָווגע לאָזט דאָן ראָזועלען פון דער האַנט ניט אַראָפּ. בין איך גליקלעך ,שפרה. דער טאַטע גרייט שוין צו צו מײַן קומען, ווען איך באַווײַז זיך נאָר אין דער בעקערײַ, דעם שקאַרמיץ מיט די האָניק־קאַרזשיקלעך, האַרט ווי די שטיינדלעך, דו געדענקסט זיי, מסתמא, שפרה, די דאָזיקע קאָנדיטאַרסקע אויסאַרבעטונג, האָט ער אויך אײַנגעפירט אין דער טיראַספּאָלער בעקערײַ. און איך האָב מיט זיי ניט אַזוי אין זינען מײַן היישעריק, ווי גערַאַסימאָווגעס בײדע שקאָצימלעך. ווען איך דער־לאַנג יעדן באַזונדער די זשמעניע מיט קאַרזשיקלעך, זײַנען זיי מלא־

שמחה. מיט איין וואָרט, שפרה, קיין סוכאַרעס דאַרפסטו שוין מער ניט טריקענען. פאַרגעדענקזשע טאָכטערקע: אַראָפּ א יאָך פון דיר. מיינסט, איך פאַרשטיי ניט, סאַראַ אָבוזע דאָס איז פאַר דיר דאָס שיקן די פעקלעך סוכאַרעס און דו רייַסט דאָך געוויס אָפּ פון דייַן מויל און קאַרגסט זיך דעם ביסן ברויט צוליב אונדז. אויס! איך פאַרזאָג דיר עס: פון איצט אָן — קיין שום פּאַסילקעס!

יאָ; טאָכטערקע, איך האָב דיר פאַרגעסן צו שרייַבן וועגן דעם, — שוין אַ פּאָר מאָל אין מייַנע בריוו צו דיר געוואָלט דערמאָנען און לאָז אַלץ איבער אויף אַן אַנדער מאָל: אין דייַן זכות, וואָס דו ביסט פאַרן אָפּפאָרן קיין דאַניעצק געווען אין קינדערהיים און גערעדט מיט דער דירעקטאָרין כאַסיע אַבראַמאָוונע, איז זי מיט אַ קורצער צייַט שפּעטער אַרייַנגעקומען צו אונדז און זיך בייַ מיר נאָכגעפרעגט וועגן דיר. דו ביסט איר געפעלן געוואָרן. „איר זייַט, — זאָגט זי מיר, — אויב איך האָב קיין טעות ניט, אַ שנייַדערקע?"

— ניין, — ענטפער איך. — קוקט זי מיך אָן: „עפּעס פּלאָנטערט זיך מיר פון די קריוואָרוטשקאָס אַ שנייַדערקע..."

— אָ, — גיב איך זיך אַ כאַפּ, — מייַן שוועסטער רייזל פון זשידיוווסק איז אַ גוטע שנייַדערקע, אפשר קענט איר זי?

—אַוודאי, קען איך זי, מיט יאָרן צוריק האָט זיך איר ייִנגל משהקע דערצויגן בייַ אונדז אין קינדערהיים, זי איז אייניקע מאָל געקומען אים געוווּיער ווערן. איז זי דאָס די שנייַדערקע, — זייַט איר בייַ מיר אַ האַלבע שנייַדערקע, — און זי לייגט מיר פאָר גאַנץ ערנסט: „וועט איר זיך אפשר אונטערנעמען אַ ,פּאָדריאַד' צו לאַטען אונדזערע קינדערישע וועש? איר קאָנט עס טאָן בייַ זיך אין שטוב, מיר וועלן די אַרבעט ברענגען צו אייַך, איר האָט דאָך אַ פּיצל־קינד און ניט שטענדיק איז דאָ אויף וועמענס איבערצולאָזן... און אויב איר האָט קיין ניי־מאַשין ניט, וועלן מיר אויף דער צייַט וואָס איר וועט טאָן פאַר אונדז, אָנט־לייַען אַ מאַשין. איך מיין, אַז איר וועט זיך מיט דער אַרבעט ספּראַווען. איך וועל אייַך ניט באַעוולען".

האָב איך, טאָכטערקע, דעם פּאָדריאַד גענומען און כאַסיע אַבראַ־מאָווגע איז מיט מייַן אַרבעט צופרידן. דאָס לעבן, טאָכטערקע, איז אַ קייטעלע און אַלץ רינגלט זיך און קייטלט זיך... און איין זאַך דערמאָנט די אַנדערע. די טעג איז כאַסיע אַבראַמאָווגע ווידער אַרייַן צו אונדז. זי איז געקומען מיט צוויי ייִנגלעך פון קינדערהיים אָפּצונעמען די גרייטע פאַרריכטע וועש. ווען די ייִנגלעך האָבן שוין אַלץ אייַנגעפּאַקט און אַוועק־געגאַנגען, איז די דירעקטאָרין אַ ווייַלע געבליבן און מיר דערציילט...

איך ווייס גאָרניט, צי דאַרף איך עס דיר גאָר איבערגעבן. איך האָב, אגב, ביי איר געפרעגט, צי זאָל איך דיר וועגן דעם שרייבן? — זאָגט זי מיר — „אייער טאָכטער איז שוין אַ פאָלגער פאַרשטאַנדיקער מענטש מיט אַ כאַראַקטער", — אַזוי האָט זי געזאָגט, — און אין לעבן פּאַסירט אַלץ — מען קאָן זיך פון קיין צרות און אומגליקן ניט אויסבאַהאַלטן; קורץ, אויפן אַדרעס פון קינדערהיים איז אָנגעקומען אַ בריוו פון דער מיליטערישער טייל, ווו ס'האָט געדינט לייבל. שרייבט זיין קאָמאַנדיר: „ביים אַריבערפאָרן מיט אַ פּאַראָם איבער אַ טייך, זיינען אומגערן צוויי רויטאַרמייער אַריינגעפאַלן אין וואַסער. ל. גאַרעליק, וואָס איז אויך געווען אויף דעם פּאַראָם, האָט זיך אַ וואַרף געטאָן זיי צו ראַטעווען. איינעם האָט ער באַלד אַרויסגעשלעפּט און זיך ווידער אַריינגעוואָרפן אין טייך ראַטעווען דעם אַנדערן. האָט ער זיך פאַרפּלאָנטערט אין די רימענס פון ביקס און זעקל פון דעם זיך טרינקענדיקן... און ביידע זיינען אומגעקומען". אַ גרויסער אומגליק, טאָכטער... אַ טייערער בחור געווען... איינער געבליבן פון זיין גרויסער יידישער משפחה... איז שוין דער איינער אויך ניטאָ...

און וואָס נאָך האָט מיר די דירעקטאָרין דערציילט: ס'איז אויך אָנגעקומען אַ בריוו פון גאַרעליקס ווייבל. שרייבט זי — „זי האָט פון אים אַ קינד, געבוירן צוויי חדשים נאָך דעם, ווען איר מאַן איז שוין געווען אין אַרמיי. מ'האָט שפּעטער איר מאַן געגעבן אַ וואָך אורלויב. ער האָט געזען זיין קינד, געווען גליקלעך. איז געשען, וואָס איך האָב פאַרלוירן מיין יונגן מאַן און דאָס עופל זיין פאָטער". פרעגט זי זיך נאָך אין איר בריוו: „צי ביי גאַרעליקן זיינען ניט געבליבן קיין אייגענע? — אַ באָבע, צי אַ זיידע, צי אַן אַנדערער ווער? — אַ שיין יינגעלע, — שרייבט זי, זייער ענלעך אויפן פאָטער". אָט וועגן דעם האָב איך דיר, טאָכטערקע, געוואָלט דערציילן. איך און דער טאַטע און אַלע קינדער קושן דיך שטאַרק־שטאַרק. אַ גרוס דיין ליבער באַלעבאָסטע. דיין מאַמע.

פאַר יעדן נייעם טאָג...

דאָס וואָיעווען פאַרן לעבן, פאַר יעדן זיין נייעם טאָג, איז אויך שפּרהן נוגע געווען. ס'איז איר אָוועק דאָס צוואַנציקסטע יאָר. אין יענער שווערער, ניט היימלעכער צייט האָט מען אין יידישע געזינדן קיין אָנונג ניט געהאַט פון אַזעלכע שמחות, ווי אָפּצומערקן דאָס געבוירן־יאָר, געבוירן־טאָג, הן פון די עלטערן, הן פון די קינדער. ביזן צוויי־און־

צוואַנציקסטן, דריי־און־צוואַנציקסטן יאָר, ווען ס׳האָבן נאָך אין סאָוועטן־רוסלאַנד עקזיסטירט האַלב־לעגאַל און אַ ביסל שפּעטער אומלעגאַל, — יידישע חדרים, האָט מען נאָך געהערט פון אַזעלכעס ווי פּראַווען פאַר יינגלעך בר־מצוות, אָבער אינגיכן איז עס אינגאַנצן פאַרגעסן געוואָרן. וואָס שפרה האָט יאָ געדענקט? — די מאַמע פלעגט איר ווען־ניט־ווען דערמאָנען: „טאָכטערקע, דו ביסט געבוירן געוואָרן דעם אַנדערן טאָג שבועות". נאָר אויך די יידישע יום־טובים זיינען, כמעט, בטל געוואָרן. אמת, אין די שטעטלעך, אין בערעזאָווקע, אַ שטייגער, האָט שפרה גע־ווּסט: ווען די מאַמע נעמט פלוצעם אין אַ מיטן וואָך פּרעגלען מילכיקע בלינצעס און קלעפּט קרעפּרעלך מיט קעז, הייסט עס, אַז ס׳שמעקט מיט שבועות. דאָס קומט פאַר אַ שטיק צייט נאָך פּסח. נאָר דאָ, אין דעם אוקראַיִנישן יישוב פון די דאָנבאַסער שאַכטיאָרן, מאַקייעווקע, ביי איר באַלעבאָסטע, ווו שפרה איז קוואַרטיראַנטקע, וועט זי דאָך ניט פעסט־שטעלן, ווען ס׳איז דער צווייטער טאָג שבועות און וואָס פאַרא טאָג אין חודש דאָס איז לויטן סאָוועטישן קאַלענדאַר. און בכלל, פאַלט איר דאָ איין צו טראַכטן וועגן אַזעלכע זאַכן? זי האָט קיין רויִקע רגע ניט געהאַט צו באַזיניקן איר לאַגע, די אומגעבונג אין וועלכער זי געפינט זיך. נאָך קיין יאָר ניט דורך זינט זי האָט זיך צוריקגעקערט אַהיים פון אָדעס, פון יעווראַמאַל, און אַזויפיל שוין אומגעריכטע געשעענישן האָבן זיך אַריינגעריסן אין איר יונג לעבן. אַ ניט־זיכערקייט גייט איר נאָך אויף שריט און טריט. עס איז שוין ביי איר, קאָן מען זאָגן, אַ געוווינהייט, צו זיין אָנגעשפּיצט, צוהערן זיך, צי עס לויערט ניט אַרום איר אַ נייע סכנה, אַ בייזע אומגעריכטקייט, וואָס קאָן, אין אַ נאָווענע, איבערדרייען, צעמישן דעם גאַנג פון אירע טעג און וואָכן.

שפרה קומט אַ מידע פון דער בעקעריי, קאָן זי ניט, ניט אַרויס־באַווייזן אַכטונג דער באַלעבאָסטע וואָס האַלט זי אין איר איינציקן צימער: שפרה גיסט אָן אין די בלומענטעפּ פריש וואַסער, ווען דאָס איז שוין צייט צו טאָן, ווישט אַרום דעם שטויב, קערט אויס דעם צימער, קאַרמעט אָן פונעם גאַניקל פּראָסיעס עטלעכע הינער. בלויז די בעטן — אין אָוונט אויסבעטן און אין דער פרי פאַרבעטן, דאָס לאָזט ניט פּראָסיע שפרהן, — דאָס, — זאָגט זי איר מיט אַ מאָדנעם, שטילן שמייכל, — מוז איך אַליין טאָן... מיט איין וואָרט, שפרה גיט אַ מעגלעכקייט דער טיאָטיע פּראָסיאַ נאָך דער אַרבעט, אָפּרוען, איבערכאַפּן דעם אָטעם. ביי איר באַלעבאָסטע איז דאָס זייער אָנגעלייגט און שפרה טוט עס מיט פלייס און האַרציקייט. און באַלד נאָך דעם דאַרף שוין שפרה העלפן פּראָסיען גרייטן וועטשערע.

אינגיכן נאָך דעם, ווי זי האָט שוין געוווינט ביי איר, האָט שפרה באַשלאָסן ניט אָפּצוטיילן זיך פון איר מיטן עסן, שפּייזן זיך צוזאַמען. שפרה האָט אַזוי געטראַכט: זיי אַרבעטן אין דער בעקעריי איינע לעבן אַנדערער, נעכטיקן אין איין צימער, איר בעט שטייט ניט ווייט פון דער באַלעבאָסטעס בעט, — טאָ פאַר וואָסזשע זאָלן זיי ניט גרייטן דאָס עסן אין איינעם און אויך ניט עסן צוזאַמען? ווער קאָן זיי שטערן אין דעם? און פראָסיען איז עס געפעלן געווען. ס'איז ביי זיי אַ געוויסער געמיינזאַמער אינטערעס. אין פאַרלויף פון אַ קורצער צייט געוואָרן נאָענט צווישן זיך און טרויען איינע דער אַנדערער. שפרה פלעגט זי באַקענען מיט דער מאַמעס בריוו און שיקן אין אירע בריוו צו דער מאַמען גרוסן פון פראָסיען. און פראָסיע פלעגט העלפן שפרהן ווי בעסער אויסטריקענען דאָס ברויט, ווי אַזוי שפּאָרזאַם איינצופּאַקן די סוכאַרעס אין אַ פּאָסילקע, אָפּצושיקן עס צו אירע עלטערן.

די אַרבעטער אין דער בעקעריי און אויך די טיאָטיאַ פּראָסיאַ האָבן געוווּסט, אַז שפרה איז אַ „יעווריייקאַ" — אַ ייִדישקע. זי האָט זיי אַליין אויפגעקלערט:

— מיין פאַמיליע־נאָמען איז קריוואָרוטשקאַ, אָבער איך בין אַ ייִדישקע און הייס שיפראַ...

אין בעקעריי פלעגט מען צו איר שרייען און רופן זי — קריוואָרושקאָ. און טיאָטיאַ פּראָסיאַ פלעגט זי אין דער בעקעריי און ביי זיך אין צימער רופן שיפראַ.

אַנומלט, זיי האָבן שוין געהאַט אָפּגעגעסן וועטשערע און ביידע האָבן זיי געוואַשן דאָס געשיר, זאָגט פּראָסיע צו שפרהן:

— מיר איז ליב דיין ייִדישער נאָמען און דאָס, וואָס מיר ווינען צוזאַמען און זיינען נאָענט. דו ווייסט שוין, אַז מיין מאַן איז אומגעקומען, ניט צוריקגעקערט זיך נאָך דער אַרבעט פון דער שאַכטע. ס'איז שווער מיט אַזאַ אומגליק משלים צו זיין. נאָר אַזאַ איז שוין, מן הסתם, דער גורל פון אַ שאַכטיאָר און פון זיין פרוי און קינדער, שטענדיק צו טראָגן אין האַרצן דעם פּחד־פאַרגעפיל, צי האָט דאָרט אונטער דער ערד ניט פּאַסירט וואָס שוידערלעכס? צי וועט זיך אויפהויבן איר מאַן מיט דער שטייג־מאַשין, דערזען די ליכטיקע שיין פאַר די אויגן? אַ שאַכטיאָר, דערמאָנט, שפרה, דעם גורל פון אַ פישער אין ים. ס'קומט די שוואַרצע רגע, ווען סיי דער פישער און סיי דער שאַכטיאָר קערן זיך ניט אום צוריק אַהיים... דאָס פערטע יאָר שוין ,ווי מיין מאַן איז געבליבן דערשטיקט אונטער די קוילן־פּלאַסטן, נאָר דאָס, וואָס איך וויל דיר איצט דערציילן, איז געשען נאָך מיט אַ האַלב יאָר פאַרן אומגליק... מיין מאַן

איז געווען אַ געטרײַער קאָמוניסט, אָנטייל גענומען אין דער רעוואָלוציע, געקומען אַ צעוווּנדיקטער פֿונעם בירגער־קריג. קיין קינדער זײַנען ביי אונדז ניט געווען, האָט זיך אין דעם 1927 יאָר אָנגעהויבן די געשיכטע מיט טראָצקין. מײַן מאַן, אַנדריי יעפּרעמאָוויטש, האָט דאָס זייער שטאַרק איבערגעלעבט. „איך האָב אים, פּראָסיאַ, — האָט ער זיך געטיילט מיט מיר און שטאָלצירט דערמיט, — געהערט רעדן אויפֿן פֿראָנט, באָענט־באָענט, אַזוי ווי מיר זײַנען איצט באָענט מיט דיר. איך האָב אים אָרומ־געכאַפּט און שטאַרק־שטאַרק געדריקט זײַן האַנט... אַזאַ העלד! די שיינקייט פֿון דער רעוואָלוציע! זײַן יעדעס וואָרט האָט געצויגן מײַן נשמה. אַ ייִד! לעוו דאַווידאָוויטש! אַ פּראָמעטעי! אַזוי געטרײַ געווען, אַזוי ליב געהאַט די אַרבעטער, די רויטאַרמייער! ניט געשאַנעוועט דאָס אייגענע לעבן, געווען מיט אונדז צוזאַמען אין פֿײַער־געוויכער! פֿאַר וואָס קומט עס אונדז? — אַזאַ גאַזלעוואַיע, מ׳זאָל אונדזער ליבלינג, אונדזער פֿירער לעוו דאַווידאָוויטש טראָצקין, ווי אַ לעצטן הונט טרײַבן פֿון אונדזער סאָוועטן־לאַנד?... מיר טאָרן עס ניט דערלאָזן!...״

„קורץ, שפּרה, איין מאָל אויף אַ פֿאַרזאַמלונג פֿון זײַן פּאַרט־יאַטשייקע, האָט ער מער ניט געקאָנט פֿאַרשטיקן אין זיך און געזאָגט דאָס, וואָס ער האָט מיר געזאָגט, מיט די זעלבע ווערטער... מען האָט אים גענומען אַרומשלעפּן צו נאַטשאַלסטווע און אין אַ חודש אַרום צוגענומען בײַ אים זײַן סאַמע הייליקסטע — דעם פּאַרטייִנעם בילעט... און ווייניק וואָס מען האָט אים אויסגעשלאָסן פֿון פּאַרטיי, ווען עס טרעפֿט ניט מיט אים דער אומגליק, וואָס ער איז אומגעקומען אין דער שאַכטע, וואָלט מען אים, אָן קיין שום צווייפֿל, אַרעסטירט און צעשאָסן, אָדער ער וואָלט ערגעץ אײַנגעזונקען געוואָרן אין די קאַטאָרזשאַנסקע לאַגערן אויפֿן קרירה צפֿון... ווײַל די אַלע וועלכע האָבן, ווי מײַן מאַן גערעדט, אייניקע פֿון זיי זײַנען געווען די נאָענטסטע חברים זײַנע. זײַנען זיי שוין לאַנג אויף דער ווײַסע וועלט ניטאָ. און די אייגענע ווייסן גאָר ניט, ווו זייער געביין איז אַהינגעקומען. און מע טאָר זיך גאָר ניט נאָכפֿרעגן וועגן זיי... ווײַל מ׳האַלט די יעניקע פֿאַר די סאַמע גרעסטע שונאים... און די, וואָס פֿרעגן זיך נאָך, נעמט מען אויך קוקן אויף זיי קרום, מיט חשד״...

נאָך אָט־דעם געשפּרעך מיט פּראָסיען, האָט זיך שפּרה מיט מער דרך־ארץ און טרײַשאַפֿט, ווי צו זייער אַ נאָענטן עלטערן פֿרײַנד, גענומען באַציִען צו איר. און איין מאָל, אין אַן אינדערפֿרי, זאָגט איר שפּרה:

— לאָזט מיר, טיאָטיאַ פּראָסיאַ, פֿאַרבעטן די בעטן, איך וועל, אפשר,

ניט אַזוי שיין ווי איר פאַרבעטן, אָבער איך וויל דאָך אייַך פאַרשפּאָרן אַרבעט. מיר איז עס גרינגער.

איז פראָסיע צוגעגאַנגען צו איר, אַרומגענומען זי און מיטן זעלבן מאָדנעם, שטילן שמייכל, אָנגערופן זיך:

— דאָס געהערט, טייַערע שפרה, אויסלשיסלעך צו מיר אַליין, — זינט מייַן מאַן איז געשטאָרבן, דערהרגעט געוואָרן אין דער שאַכטע, פאַרבעט איך יעדן פרימאָרגן די צוויי בעטן — מייַנע און זייַנע, אַזוי ווי ער וואָלט לעבן, היט איך אָפּ אונדזערביידנס ריינקייַט. דאָס מאַכט ניט אויס, וואָס דו שלאָפסט אויף זייַן בעט, דו ווייסט דאָך ניט שטענדיק זייַן ביי מיר. ווייסט אָוועקפאָרן און איך וועל ווידער היטן אונדזער ביידנס ליכטיקייַט און זויבערקייַט — מייַנע און אַנדריי יעפרעמאָוויטשס.

שפרה איז געבליבן שטיין פאַרטראַכט נעבן פראָסיען און מיט האַרציקייַט און טיפן אָפּשייַ געקוקט אויף איר.

— —

שפרה האָט שוין געהאַט באַקומען פון דער מאַמען נאָך אַנדערע גוטע בריוו: „צוגעזוכט אַ מער־ווייניקער פּאַסיקן גרעסערן צימער און געלויבט איז דער אייבערשטער, אַרויסגעפאָרן פון בערעזאָווקע און מיר זייַנען שוין אַלע צוזאַמען אין טיראַספּאָל. דער טאַטע האָט אַ גוטע אַרבעט". איז שפרהן גרינגער געוואָרן, אָבער דעם עול און זאָרג וועגן טאַטע־מאַמען און די קליינע קינדער, האָט זי פון זיך ניט אַראָפּגענומען. אויס מיט די סוכאַרקעס שיקן, נאָר לפי די מעגלעכקייַטן, שיקט זי פון איר יעדער „פּאָלוטשקע" קיין טיראַספּאָל.

ס'האָט ווי געטאָן שפרהן די ידיעה וועגן לייבלס טויט... אויב טיף אין איר האַרצן האָט זיך געהאַט פאַרבאָרגן — ווי דאָס וואָלט גאָר געווען אַן איר אייגענעם וויסן — אַן ערגערניש, אַ פאַרדרוס אויף לייבלען, איז ווי נאָר די דאָזיקע עוולה, אָדער גרימעניש, פלעגט אַרויפשווימען, פלעגט זי אויפן שטעל זיך אַליין פאַראורטיילן און פון אים, לייבלען, די מינדסטע שולד אַראָפּנעמען, אים ריינוואַשן און מיט איר ווידער־קול און שאַרפער טענה צו זיך, מיטן גאַנצן האַרצן אָפּ־וואַרפן דעם מ'שטיינס געזאָגט „פאַרדרוס":

„זי האָט קיין שום רעכט ניט אייַנצושמועסן זיך, זאָל זיך איר ניט דוכטן, לייבל האָט קיין איין־און־איינציק מאָל ניט אַרויסגעבראַכט אויף זייַנע ליפּן, אַז ער האָט זי ליב, קיין שום אָנצוהערעניש ניט געמאַכט. אין זייַנע אויגן האָט זי עס קיינמאָל ניט איבערגעלייענט... ער האָט ניט געפעלשט, ס'איז אים ניט געווען וואָס צו פאַרראָטן"...

און איצט, אין אָנבליק פון זייַן טויט איז ער אין אירע אויגן לויטער־

ריין, „אָן אַ פּיצל שפּרענקעלע״. און שפרה דערמאָנט זיך, ווי אַזוי ריכטיק און ערלעך ס׳האָט לייבלען כאַראַקטעריזירט איר טײַערע חברטע מלכהלע. אַ הייסער פאַרלאַנג נעמט זי אַרום אָנצושרײַבן איר אַ בריוו. זי האָט דאָך איר צוגעזאָגט, בײַם צעשיידן זיך, אַז זי וועט איר שרייבן. און שפרה האָט שוין נײַע טענות צו זיך, הלמאי זי האָט איר נאָך ביז איצט קיין איינציקן בריוו ניט אָנגעשריבן. אָבער ווען האָט זי עס געקאָנט טאָן? — אַזויפיל איבערלעבונגען, אומגליקן. קיין איין שטילע רויִקע מינוט ניט געהאַט, זי זאָל זיך קאָנען זעצן בײַם טיש אָנצושרײַבן איר חברטע, וואָס עס געשעעט מיט איר, מיט טאַטע־מאַמע... האָט שפרה אַצינד אַ טראַכט געטאָן, ווי אַזוי שרײַבט מען מלכהלען וועגן אָט־דער, דוכט, לאַנגער פאַרלאָפענער שוין צײַט מיט אַלע פּרטים און איינצלהײַטן, איר חברטע זאָל פאַרשטיין — טאַקע ניט געוועזן קיין שום מעגלעכקײַט צו שרײַבן איר... אָבער איצט מוז זי עס טאָן...

שפרה נעמט אין איר האַנט דער מאַמעס לעצטנס באַריכותדיקן בריוו, לויפט אים ווידער דורך מיט די אויגן און וואַרפט זיך פאַר — „איך זוך זיך תּירוצים און גלאַטע רייד... האָט דאָך די מאַמע יאָ געפונען אין זיך כּוחות און געדולד, מיט פיר קליינע קינדער אַרום, אַלץ־אַלץ געננוי איר אויסצושרײַבן. דער מאַמען איז עס געוויס טויזנט מאָל שווערער געווען״... און די צייט לויפט דערווײַל... האָט שפרה דאָס שרײַבן מלכהלען אָפּגעלייגט פון איין רו־טאָג אויפן אַנדערן... ביז ס׳האָט זיך אויף איר, שפּרהס הימל־האָריזאָנט אומגעריכט באַוויזן, פונעם ערשטן אויגנבליק, אַ העל־קאָלירִיק שפּילעוודיק וואָלקנדל, וואָס האָט אַזוי געצויגן צו זיך און וואָס איז פאַר איר אַליין, ניט באַמערקט, שנעל־שנעל אויסגעוואַקסן אין אַ שווער־דראָענדיקער כמאַרע, נידעריק איבער איר קאָפּ...

דאָס זיסע קלערן...

אַ זוניקער מײַ־טאָג. די פענצטער פון דער בעקערײַ זײַנען צעפּראַלט. נאָר אין צעך איז אַלץ איינס הייס און דושנע. שפרה איז אָנגעטאָן אין אַ ציטענעם סאַראַפאַן, מיט אָנטבלויזטע הענט און אַקסלען, אויפן קאָפּ אַ מאַרליע־טשעפּטשיקל, אַרונטערגענומען די קוטשערלעך, זיי זאָלן ניט פאַלן אויף איר שיינעם שטערן. די פיס — אָן זאָקן, אין שטעק־שיכלעך. אָקאָרשט פאַרענדיקט קנעטן, אויספּאַטשן, אַרומרונדיקן אַ געבעקס, באַשאָטן מיט געציילטע קימעלעך — אויפן אַרבעטס־טיש ליגן שוין אין בלעכענע פורעמס גרייטע לעבלעך אַרײַנצוזעצן אין אויוון.

אַ באַיאָרטער בעקער צעשוויצט, רייניקט מיט דער לאַנגער פּאָמעלע דעם רחבותדיקן גלייקן פּאָד. שפרה טונקט נאָך אַלץ דעם פּענדזליק אין דעם שיסעלע מיט אייל צו באַפּרישן יעדעס ברויטל. ס׳דוכט איר, זי האָט ניט ווי ס׳דאַרף צו זײַן באַשמירט, וועלן זיי באַטעמטער גלאַנצן און שטיפעריש פּאַלט איר פּלוצעם אײַן: אינעם טייג פון אַ גראָבטשינק ברויטל צו מאַכן איינס קעגן איבער דעם אַנדערן, צוויי גריבעלעך:

— וועט עמעץ באַמערקן און פריילעך אַ טראַכט טאָן — „אַ לע־בעלע מיט חן־גריבעלעך״..., — זאָגט שפרה צו איר חברטע, אויך אַ יונגע בעקערין, וואָס שטייט דערבײַ.

— וועט מען עס אײַנשלינגען פון ליבשאַפט, — לאַכט איר חברטע...

ס׳קומט אַרײַן אין צעך פּראָסיע, גייט צו צו שפרהן:

— אַ נײַיִנקער בוכהאַלטער בײַ אונדז, אַ דעמאָביליזירטער פון אַרמיי, מיט אַ „קוביקל״ (ראַנג־צייכן פון אַ קאָמאַנדיר). דאַכט מיר, פון אײַערע... גיי, שפרה, נעם דײַן געהאַלט, וועסטו אים דאָרטן זען.

אַוודאי, וויל שוין שפרה אָנקוקן „דעם נײַיִנקן בוכהאַלטער, דעם דעמאָביליזירטן מיטן קוביקל, וואָס איז, דאַכט מיר, פון אײַערע״... נאָר צוליב שטאָט־וועגן האַמעוועט זי איר נײַגער, מאַרודזיעט, אײַלט ניט:

— איך וועל גיין אַראָפּוואַשן דעם טייג פון די הענט, אַניט, — שפּאַסט זי, — וועל איך דאָס געלט ניט איבערציילן, ס׳וועט זיך קלעפּן צו די פינגער...

— גיי, גיי, שפרה, דער נײַער בוכהאַלטער וועט אָפּקלעפּן.

שרפה איז אַרײַן אין דער בעקערײַ־קאַנצעלאַריע, בלויז אַ בליק געגעבן און האָט אין זיך אַ שמייכל געטאָן: „אַלץ ריכטיק, פּראָסיע האָט קיין טעות ניט געהאַט״...

אַ שטאַלטיק־דאַרלעכער בחור, מיליטעריש געקליידט, ניט קיין הויכער, מיט פײַנע, שאַרפלעכע געזיכט־שטריכן, האַלט די שכירות־ליסטע אין דער האַנט, האָט באַגעגנט שפרהן מיט אַ שמייכל:

— ווי איך פאַרשטיי, זײַט איר, שפרה קריוואָרוטשקאָ?

— יאָ, איר פאַרשטייט, — ענטפערט זי אין איינקלאַנג מיט זײַן האָ־פערדיקן טאָן און קוקט אים האַרציק אין די אויגן.

— איך בין דאָס אײַער נײַער בוכהאַלטער, יאָסי קאָבישטשער.

— זייער אָנגענעם צו וויסן.

אַזוי האָבן זיי זיך באַקענט. שפרהן האָט אַ חיות־כוואַליע אַ גלעט געגעבן איר נשמה... ווען זי איז געגאַנגען מיט איר געהאַלט אין האַנט צוריק אין צעך, איז איר דורכגעלאָפן אַ מחשבה, ניט צו טראַכטן איצט וועגן דעם רושם, וואָס ער האָט אויף איר געמאַכט. — פאַראַן אין איר

רשות אַ גאַנצער אָונט און אויך בײַנאַכט אויף איר בעט, איבערגענוג פרײַע צײַט אויף דעם... אָבער געשען איז אַנדערש: בעת שפרה מיט איר באַלעבאָסטע זײַנען אַרויס פון דער בעקערײַ, איז אויך דער בוכהאַלטער אַרויס פון דער קאַנצעלאַריע און לאָזט זיך אויס, אַז זיי זײַנען אין דרײַען געגאַנגען אין איין וועג ביז סאַמע פּראָסיעס וווינונג.

— און איך האָב, אומגעפער ,נאָך אַזויפיל צו גיין ביז מײַן וווינונג, אָבער מיט אײַער היימלעכקײַט, וואָס איר האָט מיך אָנגעשטעקט, וועט מיר אויך די אַנדערע האַלבע וועג ניט אומעטיק זײַן, — האָט בײַם געזעגענען זיך געזאָגט צו שפרהן און פּראָסיען דער נײַער בוכהאַלטער. זײַט געזונט! רוט אָפּ געזונט!

— זײַט געזונט! קומט געזונט, — האָבן צוזאַמען געענטפערט פּראָסיע און שפרה.

ער האָט געמאַכט אַ פּאָר טריט און אַ קער זיך געגעבן צו זיי ביידן און אַ פּאָך געטאָן פרײַנטלעך מיט דער האַנט און שפרה האָט באַוויזן אים וואַרעם צו ענטפערן מיט איר דלאָניע־געוויג.

— —

אין סאָוועטן־רוסלאַנד באַקומט מען די שכירות צוויי מאָל אַ חודש, צוערשט, ווען עס גייען דורך צוויי וואָכן — דעם אַוואַנס און סוף חודש, דעם ענדגילטיקן „ראַסטשאָט" — רעכענונג, אָדער חשבון.

אין יענע פּאַראַרעמטע, אײַנגעסאָכניעטע יאָרן פון דער ערשטער סאָ־וועטישער פּיאַטילעטקע, ווען אויסשליסלעך אַלץ ביז אַ שוועבעלע און אַ קראָפּליע זאַלץ, פלעגט מען אויסטיילן שטרענג לויט די קאַרטלען, איז געווען אײַנגעפירט — סוף חודש, בײַם באַקומען דעם „ראַסטשאָט", אַוועקלאָזן זיך מיט אַ קאָשיק אין אַרבקאָפּ (אַרבעטער־קאָאָפּעראַטיוו), געמיינט אַ קראָם, אַ מאַגאַזין, כדי דאַרטן די שפּײַז־קאַרטלען צו „אָטאָ־וואַרעווען". נו, ווי גיט מען עס איבער דעם תמצית פון אָט דעם רוסישן נײַ־געשאַפענעם זשאַרגאָן־וואָרט פון יענע צײַטן אויף מאַמע־לשון? — דאָס האָט באַטײַט, מ'שנײַט אויס פון די שפּײַז־קאַרטלען אויף אַ גאַנצן חודש (ברויט פלעגט מען דאָך יעדן טאָג באַקומען אויף די ספּעציעלע אַנדערע ברויט־קאַרטלעך) דעם אייל־טאַלאָן, דעם פיש־טאַלאָן, דעם פלייש־טאַלאָן,* גרויפּן־טאַלאָן, זייף־טאַלאָן און דאָס ממשות פון דעם

* ס'רעדט זיך אַזוי פלייש, נאָר לייגן פלעגט מען אויף דער וואָג ביינער און שטיקלעך פון אַ חזיר־קאָפּ, לונג און אייטער, פיס־נאַגעס און אַ ביסל ליוורענע ווורשט פון אָפּפאַל, וואָס מען פלעגט דאַרפן באַלד עסן, ווײַל עטלעכע שעה שפּעטער, האָט מען עס שוין געמוזט אַרויסוואַרפן...

אַלץ אויפן שפּיץ־גאָפּל און שפּיץ־מעסער — אַט דאָס האָט געהייסן „אַטאָוואַרעוועץ"... און מען צעצאָלט זיך פון די באַקומענע שכירות, וויפל די דאַזיקע שפּייז־געבעכץ באַטרעפט.

זײַנען אין דעם זעלבן אָוונט אויך פּראָסיע מיט שפרהן אַוועק אין אַרבקאָפּ קריגן, וואָס עס קומט זיי לויט די קאַרטל־טאַלאָנען. און אין אַרבקאָפּ איז ווי געוויינטלעך אַ דערשטיקעניש, מ'דאַרף האָבן אײַזערנעם געדולד און כוחות, נאָך אַ טאָג אַרבעט, אויסצושטיין די „אָטשערעד" — האָט מען צווישן זיך וועגן אַנדערע זײַטיקע זאַכן ניט גערעדט, געהאַלטן זיך שטשילנע איינער הינטערן אַנדערן, ניט אַרויסגעקוועטשט ווערן פון דער ריי — דער פאַרשאָלטענער אָטשערעד.

שפּעט אין אָוונט, ווען זיי האָבן זיך שוין בײדע פאַרגונען צו לייגן אין די בעטן, אויסצורוען די מאַטע גלידער, האָט פּראָסיע ענדלעך אָנגערופן זיך צו שפרהן:

— וואָס זאָגסטו, שפרה, וועגן דעם נײַעם בוכהאַלטער? — וואָרט קאַרשט, ער האָט דאָך אָנגערופן זײַן נאָמען און פאַמיליע.

— יאָסי קאָבישטשער — האָט אונטערגעזאָגט שפרה.

און ניט צו ציִען מיטן ענטפער, ניט איבערצולאָזן בײַ זיך אין זינען עפּעס אַזעלכעס, וואָס זי וויל פון איר עלטערן פרײַנד פאַרבאָרגן, האָט שפרה פּראָסיען באַלד געזאָגט, דאָס וואָס זי טראַכט:

— טיאָטיאַ פּראָסיאַ, ער איז מיר געפעלן.

— זייער?

און שפרה האָט זיך צו איר אַ קער געטאָן און שמייכלענדיק באַשטעטיקט: — זייער! דאָס מיליטערישע קליידט אים שטאַרק.

— און ווי אַלט איז ער?

— ער זעט אויס אַ יונגעטשקער, נאָר...

— ער איז שוין, שפרה, געוויס אַ יאָר פינף־זעקס און צוואַנציק. נאָר דאָס האָט קיין שום באַדײַטונג ניט. צי איז ער, מיינסטו, אַ באַווײַבטער, האָט ער שוין אַ קינד?

— טײַערע פּראָסיאַ, איך וויל מײַן מיינונג וועגן אים ניט פאַרבינדן מיט מײַנעם אַ פּערזענלעכן אינטערעס. ער מעג האָבן אַ פרוי און אַ קינד, איינס צום אַנדערן האָט עס ניט. פּשוט, איך האָב אים דערזען און ער איז מיר געפעלן.

— בין איך פאַר דיר צופרידן, שפרה, אַ יונגער מענטש פון דײַן שטאָם דערנעבן, וועסטו זיך דאָ פילן בעסער, ס'וועט זײַן מיט וועמען אַ וואָרט אויסצוריידן.

— ריכטיק, דאַנק איך אײַך, טיאָטיאַ פּראַסיאַ, וואָס איר האָט מיך פאַרשטאַנען, און איך האָב אײַך ליב דערפאַר.

פּראַסיאַ האָט אויסגעלאָשן דאָס לעמפּל אויפן טיש.

— אַ גוטע נאַכט, פּראַסיאַ!

— אַ גוטע נאַכט, שפרה!

— —

שפרה איז אין דער פינצטער געבליבן אַליין מיט אירע משחבות. זי האָט זיך געסטאַרעט ניט צו דרייען אויף איר געלעגער, ניט צו שטערן פּראַסיען, אָבער טראַכטן קאָן זי פרײַ, רעיונות זײַנען קלאַנגלאָז. זי דער־מאָנט זיך, וואָס ס'האָט זיך איר פאַרקריצט פון דעם, ווען זיי זײַנען נאָך דער אַרבעט באַדריט געגאַנגען פון דער בעקערײַ:

— ווי קומט צו אײַך זײַן אַ בעקערין? — האָט ער זי אַ פרעג געטאָן.

— טאַקע, ווי קומט? — האָט זי איבערגעחזרט און אים דערקלערט: מײַן טאַטע איז שוין, אַוודאי, דרײַסיק יאָר אַ בעקער, האָט זיך מיר פאַר־גלוסט צו ווערן אַ קאָנדיטאָרין. אַ יאָר זיך געלערנט אין אָדעס, נאָר קאָנ־דיטערײַען זײַנען איצט וויניק, באַק איך ברויט.

— יאָ, — איז ער מיט איר מסכים, — אַ פרישער אָקרײַטשיק איז איצט געשמאַקער פון דעם טײַערסטן לעקעכל. אַזוי, אַז איר זײַט במילא אַ קאָנדיטאָרין. אַן אָדעסיטקע?

— ניין, מיר זײַנען פון בערעזאָווקע.

— אַ שטעטל?

— יאָ, ניט ווײַט פון אָדעס, נאָר איצט וווינט שוין די משפחה אין טיראַספּאָל.

— ווער איז די משפחה?

— טאַטע־מאַמע, דרײַ קליינע שוועסטערלעך, אַ ברודערל און איך.

— די עלטסטע?

— יאָ. יאָסי, זײַט באַקאַנט מיט מײַן באַלעבאָסטע יעפּראַסיניאַ אַרטיאָמאָוונאַ. מיר אַרבעטען צוזאַמען. איך וווין בײַ איר.

זאָגט פּראַסיע: — מיר זײַנען שוין באַקאַנט. איך האָב דאָך פריִער פון דיר באַקומען דעם געהאַלט.

און דאַן האָט ער זיך אַ קער געטאָן צו מיר:

— ווען איך האָב אַרײַנגעקוקט אין דער שכירות־ליסטע, באַקענען זיך מיט די נעמען און פאַמיליע־נעמען פון די אַרבעטער און זיך אָנ־געשטויסן אויף שפרה קריוואָרוטשקאָ, האָב איך זיך דערפרײדט — מײַן מומע הייסט אויך שפרה, נאָר איך האָב מיך געקווענקלט — שפרה נעבן

קריוואָרוטשקאָ — יִידיש מיט אוקראַיִניש. אפשר, טראַכט איך, אַ טעות. אַז כ׳האָב איַיך דערזען, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז ס׳איז ריכטיק.

— וואָס ריכטיק? — האָב איך אים געפרעגט.

— וואָס איר הייסט שפרה, אַזוי ווי מיַין ליבע מומע, מיַין מאַמעס שוועסטער.

נאָך דעם זיַינען מיר אַלע דריַי געגאַנגען, געשוויגן. פראַסיאַ אַביסל פאָרויס און איך מיט יאָסיען פון הינטער — אַקסל ביַי אַקסל. איך האָב מיך עטלעכע מאָל אומגערן אָנגעשטויסן, דערפילט זיַין פעסטן אַקסל. דערנאָך האָט זיך באַקומען — ביַים פאַכען מיט מיַין לינקער האַנט, איך בין געגאַנגען פון רעכטס, — האָט זיך מיַין קליינער פינגער אָנגערירט אין זיַין דלאָניע און ער האָט מיַין מיזיניעץ פאַרהאַלטן, געגלעט אים מיט זיַינע וואַרעמע פינגער און אים עטוואָס אַ דריק געטאָן און פריַי געלאָזט.

— בין איך צופרידן, וואָס מיר זיַינען באַקאַנט, שפרה.

— איך אויך, יאָסי, — האָב איך צוגעגעבן.

— ,,דאַכט זיך אַלץ. מער האָב איך גאָרניט פאַרגעדענקט״, — האָט זי אין דער פינצטער געטראַכט און ס׳איז איר זיס געוועז איר קלערן...

*

אויף מאָרגן אינדערפרי — פראַסיע און שפרה זיַינען שוין גרייט אַרויס פון שטוב. גייט צו שפרה צו איינעם פון די פענצטער — פראַסיעס פענצטער זיַינען צו דער גאַס — זי רוקט עטוואָס אָפּ דאָס פאַרהענגל, כאַפּט אַ קוק: ,,אפשר וועלן זיי אַרויס אין דעם מאָמענט, ווען יאָסי וועט פאַרביַיגיין און וועלן צוזאַמען גיין צו דער אַרבעט״...

פראַסיע פאַרשטייט עס, נאָר זאָגט בלויז: — קום, שפרה.

עס זיַינען דורך אַ פּאָר וואָכן. ניט תמיד האָט זיך באַקומען, מען זאָל נאָך דער אַרבעט גיין באַדריט אַהיים. דאָך איז מען עטלעכע מאָל יאָ געגאַנגען צוזאַמען.

יאָסי פלעגט ניט זעלטן אין משך פון טאָג אַריַינלויפן אין צעך צום מיַיסטער נאָך געוויסע ידיעות און דאָקומענטן, נייטיקע פאַר דער בוכ־האַלטעריע, און פלעגט זיך מיט די בליקן באַגריסן מיט שפרהן, איבער־וואַרפן מיט אַ וואָרט און כאַטש אַרויסגעבראַכט אויף גוייש, נאָר ס׳קומט צו אירע אויערן צו פון זיי אַ היימישער ווידערקול, איבערפולט מיט איר פאַרטרויטקייט און געטריַישאַפט צו זיַין מיטן באַשערטן אונטער טאַטע־מאַמע דאַך... אַז יאָסי פלעגט וויַיזן זיך אין צעך, האָט זי שוין געוואַרט און געזוכט זיַין בליק...

און איין מאָל, ווען יאָסי האָט, משמעות, באַמערקט שפּרהן שטיין אַליין בײַם אַרבעטס־טיש, קנעטן און רונדיקן די ברויטן, איז ער צו צו איר נאָענט און אַרײַנגערוימט זיסע ייִדישע ווערטער:

— מײַן מומע שפּרה האָט ליב צו זאָגן — „אַ געזונט דיר אין דײַנע ביינדעלעך״...

האָט זיך אַזש בײַ שרפּהן פאַרצאַפּלט דאָס האַרץ און טרערן פון פרייד האָבן זיך איר געשטעלט אין די אויגן...

פון די געמיינזאַמע געשפּרעכן נאָך דער אַרבעט, אויפן וועג אַהיים, האָבן שוין שפּרה און פּראַסיע דערוווּסט זיך פון יאָסין:

„ער, זײַן פרוי פרידע און פינף־יאָריק ייִנגעלע זײַנען ביעלאָצערקווער, ניט קיין גרויסע שטאָט נעבן קיִעוו. זייערעביידנס עלטערן ווױנען דאָרטן. ער האָט אין ביעלאַיאַ צערקאָוו פאַרענדיקט אַ פינאַנס־פּלאַניר־טעכניקום און אַ יאָר צײַט פאַרן אַוועקגיין דינען אין דער אַרמיי, געאַרבעט אַלס געהילף־בוכהאַלטער. געלעבט האָבן זיי אין אַ צימערל בײַ פרידעס טאַטע־מאַמע. פרידע האָט זיך געלערנט אין אַ פאַרשול־טעכניקום און בעת ער האָט שוין געדינט, האָט מען זי נאָך דעם פאַרענדיקן דעם טעכניקום געשיקט אַרבעטן אין אַ קינדערגאָרטן אַהערצו קיין מאַקייעווקע אויף דאָנבאַס. האָט זי דאָס קינד בײַ טאַטע־מאַמע ניט איבערגעלאָזט, מיט־גענומען מיט זיך. מ׳דאַרף דאָך, סוף־כּל־סוף, אָנהייבן אַ זעלבשטענדיק לעבן. געדונגען אין מאַקייעווקע פּונקט אַזאַ צימערל, ווי דאָס איז געווען בײַ אירע עלטערן און נאָכן דעמאָביליזירן זיך פון דער אַרמיי, איז ער געקומען אַהערצו צו זײַן פרוי און קינד און ווי איר ווייסט שוין, אָנגעקומען אַרבעטן אין דער בעקערײַ״.

— ווסיאָ קאַק נאַ לאַדאָני — אַ רוסיש שפּריכוואָרט: אַלץ ווי אויף דער דלאָניע, — רעזומירט פּראַסיאַ. אַ לעבן — אין צוויי ווערטער, אָן פּליטערלעך, אָן פאַרפּוצעכצן, און אַזוי בײַ אַלעמען, ניטאָ מיט וואָס זיך איבערצורופן.

דערווידערט יאָסי: — דאָס האָב איך אײַך דערציילט בלויז אין פּונק־טירן, אין אַלגעמיינע שטריכן, אָן פּערזענלעכע פּרטים.

— מען האָט זיי בײַ אונדז ניט ליב, — באַמערקט פּראַסיע.

— די פּערזענלעכע? — וויל פאַרפּינקטלעכן יאָסי.

— דער עיקר טאַקע — די פּערזענלעכע — ענטפערט איר פּראַסיע, — אויסשליסלעך אַלע פּרטים זײַנען בײַ אונדז דורכגעביטערטע און סקאַנ־דאַליעזע...

און שפרה שוויַיגט, פאַרביסן איר ליפּ און קוקט פאַרבאָרגן אויף יאָסין.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

נאָך דער אַרבעט, אַרויס פון דער בעקעריַי, שטרעקט אויס פראָסיע שפרהן דעם שליסל:

— היַינט גיי איך צו מיַין שוועגערין.

— און ווארעמעס?

— וועסט אַליין עסן. זי איז שוין געוויס אין כעס. אַזוי לאַנג ניט געווויער געוואָרן, זינט דו וווינסט מיט מיר.

— פראָסיאַ, זאָל איך, אפשר, וואַרטן אויף איַיך?

— וואַרט ניט! יאַ, פאַרגעס ניט אָנצוהאָדעווען די הינער.

— כ׳על ניט פאַרגעסן.

ס׳קומט צו יאָסי:

— וואָסזשע קווענקלט איר זיך? — גייען מיר אַהיים?

— אָן מיר, — זאָגט פראָסיאַ, — היַינט וועט איר זיך, חבר בוכ־האַלטער, באַנוגענען מיט אַ קלענערער קאָמפּאַניע, ניט באַדריט, נאָר באַצווייט.

...זיַינען זיי צוערשט לאַנגזאַם אַוועק אין צווייען און שפרהן האָט אומרויִק־זיס געגומען קלאַפּן דאָס האַרץ, זיי האָבן זיך באַגעגנט מיט די בליקן... און ווי ס׳וואָלטן מיט אַ מאָל פון זינען אַנטרונען די מחשבות, ס׳יאָוועט זיך ניט קיין ווערטער. קיין אייגענע, ליבע ווערטער. און איצט שטערט דאָך קיינער ניט... גייען זיי שוויַיגנדיק און שוין ניט אַזוי לאַנגזאַם, אויך ניט איַיליק, ווי זיי וואָלטן געהיים האָבן הנאה פון עצם גיין זאַלבע־נאַנד. ווען זיי זיַינען שוין אָפּ אַ היפּשן שטיק וועג, געווען ניט וויַיט פון פראָסיעס וווינונג, שטרעקט יאָסי אויס זיַין האַנט און זאָגט צו שפרהן אויף „דו״ און אויף „מאַמע־לשון״:

— גיב מיר שפרה, דיַינעם אַ פינגער.

פרעגט אים שפרה אויף איר בערעזאָווקער זינגעוודיק־באַטעמטן ייִדיש:

— איינעם?...

— נו, גיב צוויי.

— וועלכע?

— וועלכע? — חזרט יאָסי איבער די פראַגע...

גייט אויך שפרה איבער אויף „דו״:

— נאַ דיר, יאָסי, אַלע פינף און קלײַב זיך אַליין אויס, וועלכע ס׳זיַינען דיר ליבערשט.

ער נעמט די אויסגעשטרעקטע האַנט צו זיך אין דלאָניע, האָט זי פעסט אַ דריק געטאָן.

— אוי, יאָסי...

זײַנען זיי אַ ווײַלע געגאַנגען האַנט אין האַנט, די פינגער איבער־געפלאָכטן — אַ הייסער, שטײַפער צענדליק פינגער... און בײַ שפרהן שלאָגט שטאַרקער דאָס האַרץ. ס׳פאַרגייט זיך אַזש...

צוגעקומען צו פּראָסיעס שטוב, אָפּגעשטעלט זיך בײַם גאַניק, האָט יאָסי פרײַ געלאָזט איר האַנט. שטייען זיי אַזוי איינער אַנטקעגן אַנדערן, ביז ער רײַסט איבער דאָס שווײַגן:

— שפרה, איך וועל אַרײַנגיין מיט דיר...

און שפרה ציטערט אויס מיט אַנגעצונדענע אויגן: קום אַרײַן...

אַרײַן אין געראַמען צימער, האָט יאָסיען אַ בלענד געטאָן אין די אויגן די בלאַנק־ליכטיקע, מיט פּרויִשער געניטשאַפט פאַרבעטע, לויטן רוסישן אופן צוויי בעטן מיט די שניי־ווײַסע לאַקנס קרוזשעווע און האַפט פון אונטער די באַבלימלטע בלוילעכע קאַפּעס, די אויסגעצירקלטע בעט־צײַגס־גלײַכע ליניעס, די שאַרפע, אײַנגעפּראַוועטע ווינקלען פון די הויך־צעפלויגענע צודעקלעך־שפּיצן אויף די אײַנגעלאַדעטע זגראַבנע פאַרקײַ־לעכטע, ווי פּרויען־אַקסלען, ניט קיין גרויסע קישנס.

און שפרה איז געבליבן שטיין בײַם טיש מיטן פּנים צו יאָסיען. ער איז צו איר צו נאָענט־נאָענט... זיי האָבן זיך פּלוצעם ביידע אַרומגעכאַפּט, געהאַלדזט זיך, געטוליעט איינער צום אַנדערן, צוגעזאָטן... און שפרה שעפּטשעט אויס פאַרשטיקט: — „כ׳גיי אויס פאַר בענקשאַפט, יאָסי...״ און צעוויינט זיך, צעהעשעט יאָמערלעך. און יאָסי קושט די הייסע טרערן אויף אירע באַקן, זאַפּט אײַן די געזאַלצנקײַט און הערט ניט אויף צו באַדעקן מיט גלײַענדיקע קושן איר האַלדז, די אַקסלען, די הענט, קושט אויס יעדן פינגער:

— וויין ניט, שפרה, טײַערע, האַרציקע מײַנע... פונעם ערשטן אויגנ־בליק ביסטו מיר אייגן־ליב, וויין ניט, — און קושט זי, גלעט זי און צערטלט און זוכט אירע ליפּן...

— וואָסזשע קאָן איך אַנדערש טאָן? — יאָסי, איך גיי אויס פון ליבשאַפט און קאָן ניט און טאָר ניט זײַן נאָענט מיט דיר... באַדאַרף זיך אַרומקוקן ווי אַ גנב...

— קאָנסט! טאָרסט! מיר האָבן זיך ליב! גיב די ליפּן, גיב! אַזאַ יונגע ביסטו און שיינע, אַזאַ געשמאַקע... מײַנע וועסטו זײַן! מײַן ווײַב, שפרה!

— נײַן, יאָסי! האָסט אַ ווײַב און קינד...

— וועל איך זיי וואַרפן, דיך נאָר, דיך דאַרף איך.

— וועל איך לויפן פון דיר ווי פון פײַער, דערשטיקן מײַן ליבשאַפט אין זיך.

— איך וועל דיך אָניאָגן... מירן מיט דיר זײַן צוזאַמען... קיין פויגל וועט ניט וויסן... ס'וועט אונדז זיין גוט, זיס... שפרה, גיב די ליפּן!...

— ניין, ניין, יאָסי, דאָס רעדט שוין אַ רשע פון דיר, טרעט אָפּ!... מײַן ליבע איז שטאַרקער! איך וועל צו מײַן טאַטע־מאַמעס שוועל מיט קיין שאַנדע ניט קומען, בעסער שוין דאָס לעבן זיך נעמען... און דו טאָרסט ניט אומגליקלעך מאַכן ווײַב און קינד. ווי דערוועגסטו זיך עס צו זאָגן — אָוועקוואַרפן? ביסט אַ טאַטע, צי ניט?

— טײַערע, זיסע שפרהלע, זײַ ניט בייז... טרײַב מיך ניט, איך וועל די פּיס דײַנע אויסקושן...

— טו עס ניט, טו עס ניט, יאָסי. דײַן ווײַבל וואַרט שוין אויף דיר... באַלד קאָן פּראָסיע אַרײַנקומען.

שפרה ברענגט זיך אין אָרדענונג. יאָסי הייבט זיך אויף פון דיל...

— גיי יאָסי, גיי, ניט באַשערט מיר... אַ ביטער, סמיקער מזל מײַנער...

— —

און ווען יאָסי איז אַרויס פון צימער, האָט שפרה דורכן פענצטער איבערן פאַרהענגל געזען, ווי ער איז עטוואָס אָנגעבויגן דעם קאָפּ, כמעט ווי געלאָפן אַהינצו, אין דער ריכטונג צו זײַן געזינד, ניט אומקוקנדיק זיך.

איז דאָן שפרה, ווי אַ צעחושטע, באַנומענע, די אויגן צעהיצט, אַרויס אויפן גאַניק מיטן טעפּל אײַנגעווייקטע ברויט־שטיקלעך, סקאָרעס און גלײַך ווי זי וואָלט איר אייגענעם קול ניט געהערט, שרײַענדיק גערופן:

— ציפּ, ציפּ, ציפּ!

ציפּ, ציפּ, ציפּ!

זײַנען זיך תיכף צונויפגעלאָפן, צונויפגעשפרונגען ניט נאָר פּראָסיעס עטלעכע הינער — פון די שכנישע הויפן, פון אונטער די פאַרמאַכטע טויערן־פאַרטקעס, פון צווישן די שטאַכעטן, איינע די אַנדערע איבער־יאָגנדיק מיט אַ געליאַרעם און פויגל־געפּאַך, האָט זיך צונויפגעזאַמלט אַרום גאַניק אַ טשאַטע הינער מיט ציפּליאַטעס און העגער מיט גרויסע צונטער־רויטע קאַמען.

שפרה האָט פאַר זיי אַלעמען געוואָרפן די צעקראָכענע, נאַסע ברויט־רעשטן. זיי האָבן עס געכאַפּט, געשלונגען, געריסן איינער דעם אַנדערן פון שנאָבל, געפּיקט זיך מיט רציחה און אַ פּיפּיקער הענדל האָט אַ פלי געטאָן אין דער הויך אויפן גאַניק־פאַרענטשל, נאָענט צו שפרהן און פאַרמעסט זיך אַ שפרונג טאָן אויפן סאַמע ראַנד טעפּל, וואָס זי האַלט אין דער האַנט. האָט זיך שפרה פּלוצעם צעלאַכט:

— נאָ, זע, — רופט זי זיך אָן צום הענדל, — שוין פוסט, גאָרנישט ניטאָ!...

אין דעם מאָמענט איז צום גאַניק צו פּראָסיע:

— וואָס איז געשען, שפרה? איך האָב שוין דײַן „ציפּ־ציפּ" געהערט אַזש בײַ דער בעקערײַ...

— טיאָטיאַ פּראָסיאַ, פּאַרהאַוועט זיך און פאַרגעסן אָנצוקאָרמענען די עופות...

מיר שטומען ביידע...

ס'דערנענטערט זיך די ענדע פונעם צווייטן אַרבעטס־קוואַרטל אין דער בעקערײַ. און דעם נײַעם בוכהאַלטער, יאָסיען קאַבישטשער שטייט פאַר, בפרט נאָך וואָס ער איז אַ נײַער מענטש, צוגרייטן דעם באַלאַנס פאַרן האַלבן יאָר. איז דאָס פאַר אים אַן ערנסטער נסיון. קאָן ער עס אין די בײַטאָגיקע אַרבעטס־שעהן ניט טאָן — דער שטענדיקער הו־האַ, די פּיל־צאַליקע לויפנדיקע געלט־פאַראָרדנונגען פונעם דירעקטאָר, דאָס דיסקאָנ־טירן די נאָכאַנאַנדיקע פרישע חשבונות און פּאַפּירן, דאָס אָפטע גיין אין באַנק אַרײַן — דאָס אַלץ גיט אים ניט קיין מעגלעכקײַט רויִק צו קאָנ־צענטרירן זיך. קומט יאָסי לעצטנס, כמעט יעדן אָוונט אויף אַ פּאָר שעה אין דער בוכהאַלטעריע — דעם איינציקן ניט־גרויסן קאַנצעלאַריע־צימער פון דער בעקערײַ, גרייטן דעם באַלאַנס.

און ווען ער דערגייט צו פּראָסיעס וווינונג, שטעלט ער זיך פּאַרטײַעט אָפּ, דעם גאַנצן וועג ביז אַהערצו, כמעט, ווי געלאָפן, כאַפּט ער איבער דעם אָטעם, הערט זיך אײַן, געוועגדט צו די צוויי, אין די זומער־אָוונטן, צעפּראַלטע פענצטער, בלויז די פאַרהענגלעך זײַנען פאַרצויגן... עס איז נאָך ניט אַזוי טונקל, מע זאָל שוין דאַרפן אָנצינדן אַ לאָמפּ. די דונערן פון זײַן אייגענעם האַרצן שטערן אים זיך גוט אײַנצוהאָרכן, נאָר ווי פרײַ אים ווערט אויף דער נשמה — ער דערהערט שפרהס קול — זי רעדט צו פּראָסיען.

קאָן ער ניט גובר זײַן דעם פאַרלאַנג, ווי אַ ווינט, אַרויפצולויפן אויף די גאַניק־טרעפּלעך, נעלם צו ווערן אין קאָרידאָרל מיט די עטלעכע טירן, צו די אומבאַקאַנט־פרעמדע משפחות, כדי אָנצוקלאַפּן אין דער ערשטער טיר אויף לינקס — פּראָסיעס טיר... און ווען ער קומט אַרײַן אין צימער, בלײַבט ער שטיין, ווי דערשראָקן, קוים וואָס עס קלעקט אים אָטעם אַרויסצוברענגען:

— פאַרבײַגײן און הערן דורך די אָפענע פענצטער אײַער קעלכער און ניט אַרײַן צו זאָגן אײַך — אַ גוטן אָוונט ?!

און פראַסיע טראָגט אים צו אַ שטול:

— זעצט זיך, בוכהאַלטער, איר שטייט דאָך, זע איך, קוים אויף די פיס...

— אַ דאַנק, יעפראַסיניאַ אַרטיאָמאָוונאַ, דאָס האָב איך זייער געאײַלט. איצט, פון אײַך ביז דער קאַנצעלאַריע, וועל איך שוין גיין לאַנגזאַמער.

— וואָס איז די אײַלעניש ? — פרעגט אים פראַסיאַ.

— דער האַלב־יאָריקער באַלאַנס, איך דאַרף אים אַראָפּשטופּן פון זיך, וועל איך ווידער אַרײַן אין דער נאָרמע.

— שפרה, דערלאַנג יאָסין אַ גלאָז טיי.

— ניין, ניין, איך האָב פאַרן אַרויסגיין פון שטוב אָפּגעגעסן, אָפּגעטרונקען, אַ דאַנק. איך וועל גיין. ווילסטו שפרה, מיט מיר דורך אַ פּאָר טריט ?

רופט זיך אָן צו אים שפרה:

— אָט אַזוי ווי איך שטיי און איך גיי ?

— אַזוי ווי דו שטייסט און דו גייסט, ביסטו פאַר מיר די סאַמע שענסטע !

זאָגט פראַסיאַ: — וואַרף אַרויף אויף זיך, שפרה, דײַן טיכל, ס'ווערט שוין קיל, — זי גייט צו צו די אָפענע פענצטער, פאַרמאַכט זיי, — כ'וועל אָנצינדן דעם לאָמפּ.

און אַז זי האָט דעם לאָמפּ אָנגעצונדן, איז שוין אויף דער גאַס פּלוצעם געוואָרן פינצטער.

פראַסיאַ האָט געהערט, ווי שפרה און יאָסי זײַנען שטיל, אָן ווערטער אַראָפּ פון די גאַניק־טרעפּלעך...

אין אַ פופצן־צוואַנציק מינוט אַרום האָט זיך שפרה צוריקגעקערט. זי איז צו צו פראַסיען, אַ ציטערדיק, פאַרחלשטע, צוגעטוליעט זיך צו איר:

— ס'ציט מיך צו אים ווי אַ פלאַטערל צום פלאַם־פײַער... צעשׂרפעט צו ווערן...

— וואָס זאָגט ער דיר ?

— אַצינד שווײַגט ער, זאָגט גאָרניט.

— און דו ?

— איך שווײַג אויך. מיר שטומען ביידע. און קושן זיך מיט איין אָטעם, ווי אַ טרוקן־אָנגעצונדענע בערעמיע שטרוי, שלינגען איינער דעם אַנדערן, אַזוי זיס...

— ווייסט, שפרה, דעם קאָפּ ניט פאַרלירן?
— ניין, פראָסיאַ, האַרציקע, איר זייט געבן מיר!...

*

זונטיק. ניט קיין אַרבעט־טאָג. אין דער פרי איז שפרה אַוועק אויף דעם קליינעם פויערישן מערקל און אײַנגעהאַנדלט אַ סלאָיק שוואַרצע יאַגדעס.

— געווען, — האָט שפרה דערציילט, אויך סוניצעס — (פּאַזעמקעס), אָבער ווייניק און זייער טײַער. פּאַר אַ זשמענקע רויטע יאַגדעס איז בײַ זיי רעכט, גיב זיי אָפּ אַ האַלבן חודש־געהאַלט. אַז זיי דאַרפן די פּאַפּירלעך ניט, — אַ לעבל ברויט דערלאַנג זיי, וועלן זיי דיר אַ טובה טאָן און אַרײַנשיטן אין דײַן גלאָז נאָך אַ האַלבע זשמענקע. און שוואַרצע יאַגדעס זײַנען גראָד געווען היפּש און די פּרײַז צו דערהאַלטן.

— דער וואַלד איז איצט פול מיט שוואַרצע יאַגדעס. גוט, שפרה, זייער גוט, נאָר סתם אַזוי צו שלינגען די יאַגדעס און שוואַרצן זיך אין מיטן העלן טאָג די ציין, פּיל איך עפּעס אין דעם קיין טעם ניט. לאָמיר אַט וואָס, איך האָב אַ קאָפּ קראַכמעל, וועלן מיר אָפּקאָכן אַ קיסיעל. און איך האָב נאָך אַ ביסל מאַנקע. גרייטן מיר צו אַ זודיקע מאַנע־קאַשע און פאַרגיסן זי מיטן קאַלטן קיסיעל פון די שוואַרצע יאַגדעס — האָבן מיר מיט דיר הײַנט אַ גרויסאַרטיקע יום־טובדיקע וועטשערע.

— און מיר וועלן, — איז צופרידן שפרה, — אויסשוואַרצן זיך די ציין מיט די שוואַרצע יאַגדעס און תיכף באַלד — אָפּווײַסן מיט דער מאַנע־קאַשע.

— צו נאַכט־צו האָט עס שפרה, קיין שום באַדײַטונג ניט. ס'איז דאָ אַ קלוג רוסיש ווערטל: — „נאָטשיו וסיע קאָשקי סיערי" — בײַנאַכט זײַנען אַלע קעץ גרוי...

האָבן דאָס זונטיק אין אָוונט פראָסיע און שפרה מיט הנאה געגעסן זייער נאָך אין דער פרי פאַרטראַכטע וועטשערע.

קלאַפּט מען אַן אין טיר... האָט אַ פרייד פאַרפלייצט שפרהס האַרץ: „יאָסי'ס קלעפּעלע"...

— אָ, יאָסי! זייט איר שוין יאָ אַרײַנגעקומען, טאָ זעצט זיך מיט אונדז צוזאַמען, — לאַדט אים פּראָסיע אײַן צום טיש.

— ניין, ניין, — דאָס האָב איך זיכער געוווּסט, אַז איר עסט, — שפּאַסט יאָסי. — האָב איך בלויז אַרײַנגעבליקט אײַך צו זאָגן מײַן „זאָל אײַך וווּל באַקומען!"

— אַדאַנק. נאָר צוליב דעם? — שמייכלט פּראַסיאַ. הײַנט גייט איר אויך אויף אָונט־אַרבעט? זונטיק, אַ רו־טאָג?

— טײַערע יעפּראַסיניאַ אַרטיאָמאָוונאַ, דער האַלב־יאָריקער בוכהאַל־טער־באַלאַנס וויל זיך מיט דעם ניט רעכענען.

— און די פרוי און זון?

— אָ, איך בין הײַנט דעם גאַנצן טאָג געווען מיט זיי. דאָס אַליין איז אַמווינציקסטן געגליכן צו דרײַ פולע אַרבעטס־טעג.

— טאָ זעצט זיך צו. אַ נעבעכינקע, אַזוי זיך אָנגעמוטשעט... — לאַכט פּראַסיאַ. און שפרה שמייכלט מיט.

יאָסי זעצט זיך ניט ווײַט פון טיש:

— ניין, ניט אַזוי האָב איך געוואָלט זיך אויסדריקן. מײַן זון האָט מיך מושטרירט און די מאַמע האָט אים צוגעהאָלפן.

— טשיקאַווע, — רופט זיך אָן מיט אָפענעם נײַגיר פּראַסיאַ, — ווי אַזוי איז עס פאָרגעקומען?

— איך וועל אײַך שטערן, דער טײַוול האָט מיך אַרײַנגעבראַכט אין מיטן דער וועטשערע!

— זאָרגט זיך ניט, מיר האָבן שוין פאַרענדיקט, — באַווײַזט אויף איר טעלער שפרה.

— איך אויך, דאָס לעצטע לעפל, — ווישט פּראַסיאַ אָפּ די ליפּן, רוקט זיך צו נענטער צו יאָסין, — מיר הערן אײַך.

און שפרה ווענדט אויף קיין רגע ניט אָפּ פון אים אירע צעפלאַמטע הייסע אויגן.

יאָסי דערציילט

— מײַן פרוי איז דאָך אַ קינדער־גערטנערין, — האָט אָנגעהויבן יאָסי.

— פרידאַ, — זאָגט אים אונטער פּראַסיאַ.

— יאָ, פרידאַ. און דאָס ייִנגעלע אונדזערס האָט זי בײַם קומען אַהער אײַנגעאָרדנט נעבן זיך, אין זעלבן קינדערגאָרטן, נאָר אין אַן אַנדער גרופּע, פאַרשטייט זיך, ווײַל אַנדערש איז דאָך אוממעגלעך. דאָס ייִנגל וואָלט איר נישט געלאָזט אַרבעטן. און די מאַמעס און די באָבעס וואָלטן זי פאַרפיקט: „זי האָט נאָר אירן אײגן זינעלע”... אַליין אַ דערציִערין, אָבער אַ מאַמע, ווי אַלע מאַמעס און נאָך אַ מער ציטעריקע. און כאָטש גאַריק איז ניט ווײַט פון איר, אין צווייטן צימער, איז זי תמיד אין איין שרעקעניש. זי איז ניט זיכער, אַז די גאָר יונגע פאַרשולניצע פון דער גרופּע, וווּ גאַריק איז, — בײַ מײַן ווײַב הייסט די „די דראַנזשע”, „הויכע ציג” — זאָל

כאַטש אַרויסוואַרפֿן אַ טראָפּן אויפמערקזאַמקייט צו אים. אַז דער קאָפּ איז איר נאָר פאַרקלונגען — אַזוי האָלט מײַן ווײַב, — מיט די חתנים אירע, מיט אַרויסציִען אַלע ווײַלע פון כאַלאַט דאָס שפּיגעלע, אַרײַנצושמייכלען און צאַצקען זיך מיט דער אייגענער צורהקע. פרידען ווײַזט זיך אויס, אַז דאָס ייִנגל, ניט נאָר ער פּראָוועט זיך ניט, נאָר דאָרט, הויט־און־ביין... קומט נאָכאַנאַנד צו לויפן צו איר אין גרופּע, אַ פאַרמורזעטער, מיט אַ רינענדיק נעזל: — מאַמע, מישקע קנײַפּט זיך... איז מײַן ווײַבס גאַנצע האָפענונג אויף זונטיק, ווען זי קאָן גאַריקן אַליין אָנקאָרמען און מיינט, אַז זי וועט אין דעם אָפּרו־טאָג אַרײַנשפּאַרן אין אים אַלץ, וואָס ער האָט אין משך פון דער וואָך אין קינדערגאָרטן ניט דערעסן און ניט דערטרונקען. און הויבט אָן פון אינדערפרי שטופן אין אים, שטאָפּן ווי אין אַ גענדזל:

— נאָך איין לעפעלע קאַשע, גאַריקל!

— נאָך איין זופּעלע מילך! ביסט דאָך בײַ מיר אַ חכמל... איין זופּעלע... בעט זי זיך בײַ אים רחמים.

דאָס ייִנגל לאָזט זיך ניט, שטויסט זי פון זיך, לייגט זיך אויפן דיל, בריקעט זיך, גרייט אַרויסצושפּרינגען דורכן אָפענעם פענצטער אויפן הויף — מיר וווינען אויפן צווייטן שטאָק — פּרוּווט זי זיך ווידער מיט גוטן, באַקומט זיך סײַ ווי ניט, נעמט זי זיך כעסן, האַדעווען מיט גוואַלד און לאָזט אויס דעם גאַנצן צאָרן צו מיר — העלפסט מיר ניט, גזלן! וואָס לאַכסטו? דאָס ייִנגל איז דאָך דאַר ווי אַ כאָרט!

געפין איך מיר קיין אָרט ניט, ווייס איך שוין ניט, וואָס מען טוט? וואָס טראַכט מען צו? — פאַלט מײַן בליק אויף דער עטאַזשערקע. דאָרט שטייט אַרויסגעשטעלט מײַן פּאָטאָ־בילדל, אין מיליטערישן אָנטאָן, זומער־צײַט, אויפן פעלד מיט דער פּילאָטקע, מיט די פּאָר דאַנק־צייכנס אויף דער גימנאַסטיאָרקע * פּאָר טרעפלעך שיסן, פּאָר מוסטערהאַפט שטיין אין קאַראַול. די פּאָטאָ האָב איך געהאַט צוגעשיקט פרידען מיט אַ יאָר צוריק פון מײַן מיליטערישער טייל, און כ׳שרײַ אויס:

— גאַריק, ווילסט איך זאָל זיך אָנטאָן פּונקט אַזוי ווי איך בין אויף דער פּאָטאָ? — און איך גיי מיך דורך איבערן צימער מיט אַ פעסטן מיליטערישן טראָט און צעזינג זיך אויפן קול:

איבער פליינען, איבער בערגלעך **
שפּאַנט די דיוויזיע פאָרויס

ציטדן זיך אָן בײַ גאַריקן זײַנע אייגלעך: „אַוודאי, וויל ער, איך זאָל

---

* גימנאַסטיאָרקע — רוסיש, אַ מיליטעריש אויבער־העמדל.

** אַ פּאָפּולער רויטאַרמייִש ליד: „פּאָ דאָלינאַם אי פּאָ וואָזגאָריאַם" — נאָך אין אָנהייב פון די 20קער יאָרן.

זיך אַזוי אָנטאָן". און גאַריק פאַרגעסט תיכף די צרות וואָס ער האָט אָקאָרשט געהאַט פון דער מאַמען מיט די „נאָך אַ לעפעלע, נאָך אַ זופּעלע..." ער ווישט זיך אויס די טרערן, ער וויסט שוין בעסער פון מיר, ווו אין וועלכן טשעמאָדאַן ס'ליגן פאַרוואַלגערט מײַנע מיליטערישע קליידער און ער זוכט באַלד אויף אין קאָמאָדל מײַנע מיליטערישע זשעטאָנען און צייכנס.

איך קריך אַרײַן אין מײַנע וואַיעננע פּלודערן, צי אַרויף אויף זיך די גימנאַסטיאָרקע, גלײַך אויס, גלעט אויס די צעקנייטשטע פּילאָטקע:

— נאַ, גאַריק, — לייג איך אים אַרײַן אין דער האַנט די פּאַטאָ, — איצטער קוק און פאַרגלײַך, צי זע איך טאַקע פּונקט אויס ווי אויף דער פאָטאָגראַפיע ?...

גאַריק טוט אַ קוק אויף מיר און באַלד אויף דער פאָטאָ און שטעלט פעסט: דאַרפסט, טאַטע, די פּילאָטקע אַ ביסל אַנדערש אַ דריי טאָן...

נויג איך זיך אָן צו מײַן זון: — אָט איז דיר, גאַריק, מײַן קאָפּ, — און דערלאַנג אים די פּילאָטקע, — און דריי אים ווי דו האַלטסט פאַר נויטיק...

צעלאַכט ער זיך געשמאַק און נעמט קערעווען דעם שפּיץ פון דער פּילאָטקע אויף מײַן שטערן, פאַרגלײַכט ווידער מיט דער פאָטאָ: — אַזוי, — זאָגט ער, — איז גוט.

— איצט, — זאָג איך צו אים, לאָמיר מיט דיר צושפּיליען די צייכנס, — דאַרפסט מיר, גאַריק, העלפן. איך האָב זיך שוין אַ קאַפּל אײַנגעמידט, — מײַן זון פּלײַסט זיך, ווײַזט אַרויס התמדה און מיט זײַנע פינגערלעך טשעפּע איך צו צום אויבער־העמדל די פאַר צייכן־צאַצקעס, — פאַרטיק! אַ דאַנק, גאַריק! — און רוף זיך ענדלעך צו אים אָן, ווי נאָך אַן אָפּגעטאָן שווער שטיקל אַרבעט: — מיר האָבן זיך גוט אָנגעהאָרעוועט, גאַריקל, איצט דאַרפן מיר עפּעס איבערכאַפּן, ערלעך מיט דיר פאַרדינט...

די מאַמע הערט עס און וואַרעמט פּיקס־שנעל אויף דער קעראָסינקע דעם פרישטיק, שטעלט אַוועק אויפן טיש צוויי טעלערלעך מיט קאַשע און צוויי פּולע גלעזער מילך:

— אַצינד, — זאָג איך צו אים, — זאָל דיר דוכטן, גאַריק, אַז דאָס שטייען פאַר דיר ניט קיין טעלערלעך, נאָר אַן אמתער סאָלדאַטסקער קאָטיעלאָק, קעסעלע, מיט הייסער קאַשע, אַזש אַ פּאַרע שלאָגט און דערבײַ ניט קיין גלעזער מילך, נאָר ס'הענגען בײַ דיר און בײַ מיר אויף די רימענס רויטאַרמייִשע פּליאַשקעס מיט קוואַל־וואַסער — טאָ לאָמיר מיט דיר נעמען די לעפלען אין די הענט און באַוויַזן, וואָס דו קאָנסט, סאָלדאַט גאַריק!

אַ לעפּל איך, אַ לעפּל ער... האָט זיך מײַן זון גלענצנדיק ספּראָווועט אויך מיט אַט־דער אַרבעט. און מיטאָג־צײַט, כדי ניט צו איבערחזרן זיך, — קינדער האָבן ניט ליב איינס און דאָס זעלבע, ס'לאַנגווײַליקט זיי, — בײַט איך מײַן פּאַרטראַכט:

— ווילסטו, גאַריק, איך זאָל זיך איצט אָנטאָן אין דער מיליטערישער ווינטער־פאָרם? — אָנו, לאָמיר מיט דיר אויפזוכן מײַנע ווינטערדיקע סאָלדאַטסקע קליידער — דעם שינעל, די בעקעשע, דאָס וואַרעם רויט־אַרמייִש היטל.

און ס'איז בײַ אונדז אַוועק אַן אײַליק נישטערניש און דערנאָך דאָס אָנטועכץ, דאָס צושפּילען די שוין צעזשאַווערטע העקלעך, די בלישטשענ־דיקע קנעפּלעך, דאָס צוטשעפּען צום וואַרעמען היטל דאָס רויט שטערנדל אין סאַמע רעכטן מיטן, — מיר האָבן אַמאָל פּינף, אַוודאי, צוגעטשעפּעט און אָפּגעטשעפּעט, — און איך טו אָן ווידער אַמאָל און אָבער אַמאָל דאָס וואַרעמע היטל, רוק עס אַראָפּ העכער און נידעריקער אויף מײַן שטערן. און גאַריק קוקט פון דער נאָענטן און טרעט אָפּ אַ ביסל, ביז ער האָט ענדגילטיק געפּסקנט: — דאָס שטערנדל איז אויפן סאַמע ריכ־טיקן פּלאַץ.

דער ספּעקטאַקל האָט פאַרנומען מער צײַט, ווי די אינדערפרייִקע פאַר־גלײַכענישן מיט דער פּאַטאַ, דערפאַר האָט גאַריק דעם היפּשן וואַרעמעס — די מאַמע האָט זיך שוין גוט אַ סטאַרע געטאָן, — אויפגעגעסן מיטן בעסטן אַפּעטיט, ביז אַ ברעקעלע... איז דאָס, מײַנע טײַערע, — פאַר־סך־הכלט יאָסי, ווענדנדיק זיך צו פראָסיען און צו שפרהן, — ניט געווען קיין האַרעוואַניע?

— פולע דרײַ אַרבעטס־טעג מיט איבער־שעהן, — רופט אויס טע־אַטראַל פראָסיאַ און ווינקט צו צו שפרהן: ווי מיינסטו?

און שפרה שווײַגט... באַמערקט באַוועגט זיך איר יונגע מיידלשע ברוסט אונטער דעם בלוילעך־ציטענעם זומער־קליידל מיט די ווײַסע אַרבעסלעך...

— —

— קום מיט מיר, — האָט דאָס מאָל יאָסי מיט צוטרוי אַ שעפּטשע געטאָן שפרהן, אָנגענומען זי בײַ דער האַנט. זי האָט זיך ניט פאַרהאַלטן, אַרויס מיט אים. ס'איז געווען אַ מחייהדיקער וואַרעמער סוף־יולי אָוונט. פינצטערלעך שוין. זי האָט זיך צוגעדריקט צו יאָסין. זיי האָבן זיך שטאַרק־שטאַרק צעקושט און זײַנען אַוועק מיט גיכע טריט, ווי זיי וואָלטן ביידע וועלן זיך דערווײַטערן פון פראָסיעס צוויי טונקל־באַלויכטענע פענצטער.

— ווהין אײַלן מיר אַזוי? — שטעלט זיך יאָסי פּלוצעם אָפּ. אָן איז דאָך שוין די בעקערײַ.

איבער דער פּאַרטקע אין טויער מיניעט זיך די שיטערע שײַן פון אַ קליין עלעקטריש לעמפּל...

— כ׳וועל אַ קלאַפּ טאָן אין דער פּאַרטקע, וועט מיר אונדזער נאַכט־שומר כוועדאָר באַלד עפענען. ער ווייסט שוין, אַז איך קום לעצטנס כמעט יעדן אָוונט. דער שליסל פון בוכהאַלטעריע־צימער איז בײַ מיר.

— דו דאַרפסט זיך שוין יאָסי זעצן אַרבעטן, האָסט בײַ אַ שעה, אַוודאי געזאַמט בײַ אונדז.

— אַט דערפאַר, וואָס איך האָב שוין אַ שעה זיך געזאַמט, איז וויפל קאָן איך זיך נאָך זאַמען? — פּראַסיע האָט מיך ריכטיק געפרעגט: „הײַנט גייט איר אויך אויף אָוונט־אַרבעט? זונטיק, אַ רו־טאָג״?... וועל איך הײַנט דורכלאָזן. כ׳קאָן ניט ,שפרה, אין אַן אָוונט אַזאַ מיט דיר זיך פּלוצעם צעשיידן...

— עס גייט דען, יאָסי, אין „אַן אָוונט״? איך וואָלט זיך מיט דיר קיינמאָל ניט צעשיידט.

— דו פאַרשטייסט מיך ,שפרה, און פילסט — מיר מוזן זײַן אין איינעם, איין גוף און נשמה...

— יאָסי, דו האָסט רירנד געמאָלט דײַן זון און דײַן ווײַב, פול מיט זאָרג פאַר זיי... ביסט אַ יידישער טאַטע, יאָסי, אַ טרײַער משפחה־מענטש. כ׳באַדאַרף האָבן אַ שטיינערנעם האַרץ צוזעמען דיך פון זיי. דו וואָלסט עס מיר יאָסי, קיינמאָל, קיינמאָל ניט מוחל געווען... דער דיבוק טראָגט מיך צו דיר, אַזוי ווי אַ שפענדל איבער אַ מוטנער ברוויזיקער ריטשקע נאָך אַ גוס־רעגן, באַרג־אַראָפּ...

— רעד ניט אַזוי, לעבן מײַנס, ביסט ליכטיק! אַ סנאָפּ שטראַלן אין דער פינצטערניש.

...אָן אַ זײַט פון וועג האָט זיך געטונקלט דער הויכער ברייט־צעצווײַגטער קראַסאַוויעץ קאַשטאַן־בוים. זיי זײַנען אינסטינקטיוו אַוועק צו אים.

זיי פלעכטן זיך איבער מיט די הענט איינער דעם אַנדערן אויפן האַלדז, קושן זיך...

— איז דיר ניט קאַלט געוואָרן אין דעם דינעם קליידעלע, טײַערע מײַנע? ציטערסט.

— און דו, יאָסי?

— די ציין מײַנע ציטערן...

זיי קושן זיך ווידער נאָך און נאָך.

— ביז עס וועט אונדז הייס ווערן, יאָסי.

— אוי, ווי מיר איז גוט מיט דיר, שפרה... אַז איך קום פון דער אַרבעט אַהיים, הער איך ניט אויף צו שעפּטשען דײַן נאָמען... מײַן זון און פרידע זײַנען דערבײַ און איך זינג מײַן זיסע מעלאָדיע — שיף... שיף... שיף... און בײַנאַכט, ווען אין צימער איז שוין שטאָק־פינצטער און איך ליג אויפן געלעגער מיט פרידען, זע איך דיך אַזוי אַנטבלויזט נעבן זיך און הער ניט אויף צו שעפּטשען: שיף... שיף... דעם „רע" בלויז ברענג איך ניט אַרויס... די פאַבריקע נאַכט שטויסט זי מיך פּלוצעם אין אַקסל, זי מיינט, אַז איך רעד פון שלאָף: — וואָס ברעדיעסטו — „שיף־שיף" ?... ענטפער איך איר בלחש: — ס'האָט זיך מיר אַקאָרשט געחלומט אַ שיינע שיף אין ים, מיט אַ סך ליכטיקע פײַערן...

— שלאָגט זי מיך איבער: — האָסט דאָך געדינט אין אַרטילעריע, ניט אין ים־פלאָט... און אין די אָוונטן ווען דו קומסט פון דער אַרבעט גייסטו לעצטנס אַרום איבערן צימער ווי אַ נעכטיקער און מורמלסט אַלץ „שיף־שיף"... אָ, שפרה, ווען איך קאָן מיט דיר אַנטלויפן, אַזוי ווי מיר שטייען און גייען, אויף עק וועלט!... ער פאַלט צו צו איר. זי ווערט אַנטשטילט, ווי דער אָטעם וואָלט זיך איר פּלוצעם אָפּגעשטעלט. און יאָסי גלעט זי, צערטלט און קושט...

— גענוג, יאָסי, גאָלד מײַנס, יאָסי!...

און יאָסי פרעסט זיך שטאַרקער פעסטער צו צו איר לײַב, ביז ער פאַרצאַפּלט זיך, פאַרגייט זיך אויף איר ברוסט...

שפרה ציט אים פון בוים:

— קום יאָסי, באַגלייט מיך...

זיי גייען אַרומגענומען ווי פאַרשיכורטע צוריק. צוגעקומען שטיל־שטיל צו פראָסיעס גאַניק, די בלאָסע שווינדזוכטיקע צוועלפער־לעמפּל־שײַן איז שוין אויסגעלאָשן. שעפּטשעט יאָסי:

— לאָמיר שפרה, צוריק גיין צום קאַשטאַן־בוים...

— קום יאָסי, קום...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

שפרה האָט קוים אַ צי געטאָן די טיר־קליאַמקע, די טיר איז געווען אָפן. זי איז אַרײַן שטיל־שטיל, אַ דריי געטאָן דעם שליסל, אויף די שפּיץ־פינגער צו צו איר בעט. די צודעקלעך און די קאָפּע זײַנען געווען אַראָפּ־גענומען. פראָסיע האָט פאַר איר צוגעגרייט דעם געלעגער. שפרה איז געשטאַנען געוועגדט צו פראָסיעס בעט, זיך אײַנגעהאָרכט, ניט אַנטשיידן זיך אַ טראָט צו טאָן נעענטער, אויפצוכאַפּן פראָסיעס שלאָפנדיקן אָטעם, ניט אויפצוּוועקן זי...

— איך שלאָף ניט, — האָט שפרה פּלוצעם דערהערט פראָסיעס שטילן קול, — איך האָב געמיינט ,דו וועסט אָט־אָט אַרײַנקומען, ניט צוגעשלאָסן...

שפרה איז צו צו פראָסיעס בעט און זי הייס אַ קוש געטאָן:

— יאָסי איז אַרבעטן אין בוכהאַלטעריע ניט געגאַנגען. מיר האָבן זיך באַגלייט איינער דעם אַנדערן, ניט דערגייענדיק צו דער בעקערײַ, ביז צום קאַשטאַן־בוים און צוריק אַהערצו צום גאַניקל, און ווידער צום בוים... יאָסי איז מײַן פײַער! און איך — זײַן פלאַטערל.

— אָפּגעסמאַליעט זיך די פליגעלעך?...

— ניין, טײַערע פראָסיאַ, נאָר איך קאָן זיך ניט ווערן, ניטאָ קיין אָפּ־האַלט, קיין פּחד פאַרן תהום... ס׳ציט צום פלאָם, ניט די פליגעלעך צע־שׂרפענען, — די נשמה...

— ווייס איך ניט, אויב אַזוי, צי איך קאָן דיר מיט וואָס העלפן, שפרה.

— כ׳פאַרשטיי, פראָסיאַ. איין אויסוועג בײַ מיר — אַנטרינען פון דאַנען... צוריקקערן זיך צו טאַטע־מאַמע...

— ווען?

— כאָטש מאָרגן...

— און אפשר וואָרענען יאָסין, אַ סוף מאַכן צו דעם?!

— ניין, איך האָב אים ליב! ליב! ווי זיס עס איז, פראָסיאַ צו זײַן אַ פלאַטערל אין בראַנד...

— גיי טײַערע, וועסט אפשר אײַנשלאָפן.

— זײַט מיר מוחל, פראָסיאַ, — שפרה בויגט זיך צו איר, קושט זי.

✶

ווען שפרה האָט אָנגעהויבן אַרבעטן אין בעקערײַ, איז איר אָרט בײַם אַרבעטס־טיש געווען מיטן נאַקן צו דער אַרײַנגאַנג־טיר אין צעך. פראָסיעס אָרט — ניט פונקט קעגנאיבער, אַ ביסעלע אין אַ זייט, אָבער מיטן פּנים צו דער טיר. שפּעטער, וואָס אינטימער ס׳איז געוואָרן שפרה׳ס באַקאַנט־שאַפט מיט יאָסין, איז דאָס שטיין מיט דער פּלייצע צו דער טיר פאַר איר געווען אַ פאַרבאָרגענע פּײַן. זי האָט ניט געקאָנט באַלד באַמערקן יאָסיס אַרײַנקומען, פּלוצעמדיקן אַרײַנלויפן אין צעך, לויט די פאַרשידענע זײַנע בוכהאַלטעריע ענינים, צו קאָנען זיך מיט אים באַגעגענען מיט די אויגן, איבערוואָרפן זיך מיט אַ וואָרט, מיט אַ שמייכל... ס׳איז דאָך אומ־מעגלעך האַלטן אין איין אויסדרייען זיך, צומאָל מיטן גרויסן שטיק טייג אין די הענט. און ווען יאָסי דאַרף אַרײַנקומען האָט זי דאָך ניט געוווּסט — קאָן זײַן די רגע און ס׳קאָן זײַן אין אַ פּאָר שעה אַרום...

די באַדאַכטע, פּיקחותדיקע פראָסיאַ איז געווען די איינציקע, וואָס האָט

גאַנץ געגוי פֿאַנאַנדערגעקליבן זיך אין שפּרהס איבערלעבונגען, מיט פּיל־באַרקייט, טאַקט, צו אירע, שפּרהס פּערזענלעכע סודות, חלילה ניט צו באַלעסטיקן איר מיט קיין שום נייַגיר. פֿלעגט פּראַסיאַ, בעת זי האָט באַמערקט דעם בוכהאַלטער אַרייַנקומען אין צעך, ניט צו הויך אויסרופֿן: שפּרה... — דאָס איז פּאַר שפּרהן געווען אַ מין פּאַראָל: יאָסי איז אַרייַן.

האָט עס דאָך שפּרהן ניט צופֿרידנגעשטעלט. געוואָלט אַליין מיט די אייגענע אויגן דערזען אים, אָן אַ פּאַרמיטלער ,אַפֿילו פֿון אַזאַ איר גינציקן פֿרייַנד ווי דאָס איז געווען פּראַסיע.

האָט אויך דאָס פּראַסיאַ פֿאַרשטאַנען — אין האַרצן ניט געטאַדלט שפּרהס, אַזוי צו זאָגן „ליבע־עגאָיזם" און איר, ווי אָן אייגענער, באַטעגטער, אַנטקעגן געקומען: אַנומלט, גופֿא בייַ דער אַרבעט, רופֿט זיך אָן ראַפּטאָם פּראַסיע צו שפּרהן, די אַנדערע דערבייַ זאָלן הערן: — שפּרה, ביסט דאָך, אויב איך האָב קיין טעות ניט, אַ ביסל פֿון מיר יינגער?! באַדאַרף איך עס אין די זומערדיקע היצן נאָך דערצו שטיין מיט דער פּלייצע צו די פֿלאַמענדיקע אויוונס? — איז דען ניט קיין יושר, מיר זאָלן זיך בייַטן מיט די ערטער? — איך זאָל שטיין מיטן נאַקן צו דער טיר, צו דערפֿילן כאָטש פֿון דער אָפֿענער טיר דעם ווייע פֿון אַ ווינטעלע?...

אינעם ערשטן אויגנבליק האָט זיך שפּרה ניט געכאַפּט אין וואָס עס גייט און זיך דערפֿילט עפּעס ווי געטראָפֿן. נאָר באַלד האָט איר אַ בליץ געטאָן אין זינען פּראַסיעס טריוק־המצאה:

— אוי, טייַערע טיאָטיאַ פּראַסיאַ! און איך האָב קיין שכל ניט געהאַט צו דערמאָנען אייַך וועגן דעם. לאָמיר זיך די מינוט בייַטן מיט די ערטער, אַבי איר זאָלט זיך פֿילן בעסער...

ביידע חברטעס האָבן זיך אַרומגענומען און איינע צו דער אַנדערער האַרציק געשמייכלט.

קיינער פֿון די זייטיקע איז ניט איינגעפֿאַלן גאָר די עצם־כוונה פֿונעם בייטן זיך מיט די פּלעצער. און שפּרה האָט שוין פּונקט אַנטקעגן זיך דערזען די טיר, דורך וועלכער ס'קאָן יעדע רעג אַרייַנקומען יאָסי.

געזעגענונג...

מאַנטיק אינדערפֿרי איז שפּרה געשטאַנען אויף איר אַרבעטס־אָרט ווי אויף הייסע קוילן. מיט פֿיבערהאַפֿטן אימפּעט געפּאַטשט, געראָונדיקט, אַפֿילו, אין דער לופֿטן, ניט אויפֿן טיש, די ברויטן און די אויגן ניט אַראָפּגענומען פֿון דער אַרייַנגאַנג־טיר. „פּאַר וואָס ווייַזט ער זיך ניט אויף איין האַלבער

רגעלע?" דאָס האַרץ ווערט איר פאַרחלשט פון אומרו, צו וויסן, וואָס טוט זיך בײַ אים אויף דער נשמה נאָכן נעכטיקן אָוונט? זי וואָלט, נאָר איין קוק געגעבן אים אין די אויגן — זי האָט זיך פאַר אים ניט וואָס צו שעמען, פול מיט טרײַשאַפט צו אים — און וואָלט באַלד דערזען אין זײַן בליק, צי איז זי אים ניט דערווידער? צי איז ער ניט אַנטוישט? האָט שוין חרטה אויף אַלץ... און דעריבער וויל ער ניט אַרײַנקומען. ווײַל שוין־זשע וואָלט ער ניט געקאָנט צוטראַכטן אַ תירוץ אַרײַנצוקומען אין צעך, פאַר־פינקטלעכן עפּעס בײַם צעך־נאַטשאַלניק צי בײַם בריגאַדיר? און אפשר, האָט עפּעס געטראָפן בײַ אים אין דער היים? צי האָט זיך ניט פרידע וואָס דערוווסט? — און עס איז צווישן זיי אויסגעבראָכן אַ סקאַנדאַל?... און זי וועט די מינוט אַרײַנרײַסן זיך אַהערצו צו איר מיט אויפגעבײַלטע פויסטן?... עס ווערט איר קאַלט אין אַלע אברים; אַ שוויס שלאָגט איר אַרויס. און אפשר איז עמעץ פון זיי קראַנק געוואָרן — ער? זײַן פרוי? צי מיטן זון האָט עפּעס פּאַסירט? זי וואָלט אַרײַנלויפן אין בוכהאַלטעריע — אָבער מיט וואָס פאַרא אויסרייד? — פּשוט, אָן שום דערקלערונגען. אָן עפן טאָן די טיר, אַ קוק צו געבן נאָר, צי איז ער הײַנט געקומען אויף דער אַרבעט? פאַרכאַפּט איר דעם אָטעם פון אַנגסטן און שרעק. יעדע בײַע רגע ציט פון איר אַרויס איר יונגן חיות... און ווי דורך אַ כמאַרע וואָלט אומגעריכט אַרויסגעגליטשט זיך די זון מיט לאַשטשענדיקער ליכטיקײַט — ס'איז אַרײַנגעקומען יאָסי מיט פּאַפּירן אין דער האַנט. זייערע בליקן האָבן זיך מיט צאַפּל דורשטיק באַגעגנט. און פאַר דעם, ווי צוצוגיין מיט די פּאַפּירן צום צעך־נאַטשאַלניק, האָט ער זיך דערנענטערט צום אַרבעטס־טיש, אַ ריר געטאָן פראַסיען בײַם אַקסל, וואַרעם באַגריסט זיך מיט איר און ווענדט זיך צו שפרהן, ווי דרך־אגבדיק, מיט שטילער באַגײַסטערטער צערטלעכקײַט: „ניט צוגעקילט זיך נעכטן?"...

— ניין, — האָט שפרה מיט נשמה־איבערגעגעבנקײַט צו אים אַרויס־געשמייכלט...

יאָסי איז אַן אויפגעמונטערטער אַוועק צום צעך־נאַטשאַלניק און שפרה האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן, צוימען איר קוואַליקע פרייד, פאַרטײַען זי פון זיך אַליין און פון פראַסיען.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

פראַסיע און שפרה האָבן שוין אָפּגעגעסן וואַרעמעס. שפרה האָט צו־געקליבן פון טיש, צוגעקערט דעם צימער, אײַליק געוואַשן דאָס געשיר בײַם אָפּגוס און מיטן דערנענטערן זיך פון אָוונט, געוואָרפן אומרויִקע בליקן אויף די פאַרצויגענע פאַרהענגלעך. די פענצטער זײַנען געווען אָפן, איז זי עטלעכע מאָל צוגעגאַנגען, אַרויסגעשטעקט איר קאָפּ, אַ קוק צו

טאָן אויף דער גאַס און האָט אַ ביסל אָפּגערוקט איינעם פון די פּאָר־הענגלעך, זי זאָל קאָנען אויך זען, ווען זי וועט אָפּטרעטן פון פענצטער. די מחשבות האָבן ניט אויפגעהערט צו לויפן:

„נעכטן אין אָוונט האָט ער אין בוכהאַלטעריע ניט געאַרבעט, וועט ער געוויס הײַנט גיין אַהינצו וואָס פריִער... צי וועט ער אַרײַנבליקן, אַרײַנכאַפּן זיך צו זיי? אָדער ער וועט פאַרבײַגיין? אפשר וועט זי אים דורכן פענצטער באַמערקן?"...

איז זי ווידער צו צו דעם שוין עטוואָס אָפּגערוקטן פאָרהענגל און אים נאָך, פראָסיע זאָל ניט באַמערקן, אָפּגעצויגן...

אָבער שפרהס אומרו מיט אירע מחשבות גיבן זיך, ווי אַן עלעקטרישער שטראָם, איבער צו פראָסיען, ווי זי זאָל זיך ניט סטאַרען זיי פאַרבאַהאַלטן. שפרה באַמערקט, אַז פראָסיע קלײַבט זיך ערגעץ גיין, זי האָט אַרויפגעוואָרפן זיך דאָס טיכל אויף די אַקסלען...

— אוי, — לויפט זי צו איר צו, — פראָסיאַ, ער קאָן שוין אַרײַנקומען... איך וויל ניט און טאָר ניט בלײַבן אַליין מיט אים אין צימער...

— איך גיי ניט ווײַט,שפרה, כ׳וועל אַרײַן צו וואַסיליסען. זי איז נעכטן געווען אין דאַניעצק. איך האָב זי זייער געבעטן, זי זאָל קריגן פאַר אונדז אַ שטיקל קנויט צום לאָמפּ. אונדזערער האָט שוין אינגאַנצן אויסגעברענט, טשאַדעט, ס׳וועט, סוף־כל־סוף, פּלאַצן דאָס גלעזל און אַ גלעזל איז נאָך שווערער צו דאַביוועז זיך ערגעץ...

בלײַבט שפרה שטיין אין פאַרלעגנהײַט, זי וואָלט אַליין אַרײַנלויפן צו וואַסיליסען, דאָס דריטע הויז פון דאַנעט, קאָן גראַדע אין דער רגע פאַרבײַגיין יאָסי, אָדער ער וועט אַרײַנקומען און זי ניט טרעפן...

— איך וועל זיך די מינוט צוריקקערן, שפרה, זײַ ניט אַזוי צעטומלט...

ווען פראָסיע איז אַרויס, איז שפרה באַלד צו צום פענצטער, געקוקט אַהין, פון וואַנען ס׳דאַרף אָנקומען יאָסי. לאַנג האָט זי ניט באַדאַרפט וואַרטן, זי האָט אים דערזען דערנענטערנדיק זיך, געשטאַנען, ביז ער איז צו צום גאַניק, קעגנאיבער...

זיי האָבן אָן ווערטער, פאַרטערפּניעט, געפּלעפּט ,מיט פאַרבאָרגענעם גליִ, געקוקט איינער אויפן אַנדערן און אין אָט דעם מאָמענט באַמערקט שפרה פראָסיען, — זי קומט צו מיטן שטיקל נײַעם ווײַסן קנויט אין דער האַנט, רופט זיך אָן שפרה הילכיק צו יאָסין: „שפּרינג אַרײַן אויף אַ ווײַלעטשקע". און יאָסי איז כהרף־עין אַרויף אויף די טרעפּלעך, צעפּראַלט די טיר, כאַפּט אַרום שפרהן און קושט זי שטאַרק־שטאַרק אין די ליפּן: „אויף תמיד! אויף אינגאַנצן! גינציקע, האַרציקע מײַנע!"

— יאָסי, לאָז אָפּ, פראָסיע גייט!...

— זי איז מײַן פֿרײַנד און זעט מײַן ליבשאַפֿט צו דיר...

— און זעט דעם תהום צווישן אונדז, וואָס אײנער צום אַנדערן טאָר ניט אַריבער...

פּראָסיע איז אַרײַנגעקומען אין צימער. זיי זײַנען נאָך געשטאַנען אַרומגענומען. זאָגט זי:

— ווען איך ווייס, וואָלט איך אָנגעקלאַפּט.

— איך גיי שוין אַוועק, יעפּראָסינאַ אַרטיאָמאָוונאַ.

— סאָראַ ספּריטנער הענדל איר זײַט, יאָסי, געקושט זיך און אַנטלויפֿט... וואַרט לאָמיר אָקאָרשט זען, אויף וואָס נאָך איר זײַט פֿעיִק, — און שטרעקט אים אויס דאָס נײַע שטיקל קנויט... ציט אַרײַן! אָבער צוערשט קריגט אַרויס דאָס רעשט פֿונעם אַלטן, שוין אויסגעברענטן, — און זי טראָגט אים צו דעם קעראָסין־לאָמפּ.

— גרייט צו דינען! — און קלאַפּט צו מיליטעריש אַ פֿוס אין אַ פֿוס, פֿאַרקאַטשעט די אַרבל פֿון זײַן אויבער־העמדל, — שרויפֿט אָפּ דאָס „העמדל" און קאָלפּיקל פֿון לאָמפּ, טראָגט עס צו צום אָפּגוס, כדי גאָרניט צו פֿאַרשמירן מיט קעראָסין, רייניקט גוט אויס דעם שמוץ און דרייט אַרײַן ביז וויפֿל מ'דאַרף דעם נײַעם קנויט, לאָזט דאָס „העמדל" מיטן קאָלפּיקל צוריק אַראָפּ אין לאָמפּ־געפֿעס פֿול מיט קעראָסין, פֿאַרשרויפֿט, צינדט אָן מיט אַ שוועבעלע דעם קנויט, טוט אַרויף דאָס ריין־אויסגעוואַשענע גלאָז...

— אַ הימלעד העל פֿײַערל! מאָלאָדיעץ, יאָסי, אַ מײַסטער!, — שאַצט אָפּ זײַן אַרבעט פּראָסיע. דעם לאָמפּ פֿאַרלעשט זי, ווײַל ס'איז נאָך פֿרי אָנצוצינדן — אין דרויסן איז נאָך גוט ליכטיק.

שפרה גיט יאָסין זייף און אַ האַנטעך וואַשן די הענט און ווען ער גייט אָפּ פֿון דעם אָפּגוס, דערנענטערט זיך צום אָפֿענעם פֿענצטער, דאָס פֿאָרהענגל איז דאָך געווען כמעט אָפּגעצויגן, דערזעט ער פּלוצלינג אויף דער קעגנאיבערדיקער זײַט גאַס גייט פֿרידע מיט גאָריקן. זי פֿירט אים בײַם הענטל און אין דעם אַנדער פֿרײַען הענטל זײַנעם, אויפֿגעהויבן אַ ביסל פֿאַר זיך און פֿאַר דער מאַמען, האַלט ער אַ שליסל...

— מײַן ווײַב און זון, — רופֿט ער אויס פֿאַרשטיקט, טרעט אָפּ פֿון פֿענצטער, גיט זיך אַ כאַפּ פֿאַר דער קעשענע, באַטאַפּט זי...

און שפרה און פּראָסיאַ קוקן אויף יאָסיס פֿרוי און קינד, וואָס דערווײַטערן זיך...

— כ'האָב פֿאַרגעסן דעם שליסל פֿון דער בוכהאַלטעריע אויפֿן טיש, פֿאַרן אַרויסגיין פֿון שטוב, טראָגן זיי מיר אים צו דער בעקערײַ... איך וועל זיי נאָכיאָגן, זאָגן אַז מיר האָבן זיך אויסגעמיטן אין וועג — אַז

איך האָב זיך צוריקגעקערט נאָכן שליסל און זיי טראָגן אים צו דער בוכהאַלטעריע...

און פּראָסיאַ און שפרה זעען שוין דורכן פענצטער, ווי יאָסי לויפט זיי נאָך, ס'הערט זיך זיין געשריי: „פרידאַ! גאַריק! פרידאַ!"

שפרה פאַרציט דאָס פאַרהענגל... און איז זיך דורס, רודפט זיך אויפן קול:

— מיין שולד, פּראָסיאַ! אַ פאַרכאַפּעניש... אַ בייסעניש ביי מיר. צעוואָלגערן אַ הויזגעזינד, אומברענגען אַ מאַמע מיט אַזאַ ווויל יינגעלע, צוליב זיך, מיר זאָל זיין זיס... איר האָט געזען, פּראָסיאַ, ווי ס'האָט געהאַלטן פאַרשטייפט אין זיין הענטעלע דעם טאַטנס שליסל פון דער בוכהאַלטעריע?... איך דאַרף אַנטרינען פון דאַנען! מיין זוואַניע טאָר דאָ ניט בלייבן! אַוועקפאָרן אַהיים, צו טאַטע־מאַמע! אָן קיין שום כליפּעניש, איך בין ניט ווערט מיינע טרערן... אויב ניט, וועל איך מיך צערייסן אויף שטיקער...

פּראָסיע איז שטיל צו צו שפרהן, אַרומגענומען זי און צוגעדריקט זי צו זיך:

— הער מיך אויס, שפרה, איך בין ביי דער זעלבער מיינונג — דער ריכטיקסטער אויסוועג — אַהיימפאָרן. כ'וואָלט זיך ניט געוואָלט צעשיידן מיט דיר, כ'האָב קיינמאָל ניט געהאַלטן קיין קוואַרטיראַנטקעס. פונעם ערשטן אויגנבליק, ווען איך האָב דיך דערזען אין צעך, האָט מיך אַ צי געטאָן צו דיר, כ'האָב באַלד באַמערקט, דו זוכסט ניט קיין וויגאָדעס און פאַרטרויסט זיך מיטן גאַנצן האַרצן. איך האָב דיך ליב באַקומען, כ'וועל בענקען, זיך צוגעוווינט צו דיר. אָבער דו טאָרסט זיך ניט שטראָפן אַזוי האַרב, דו מאַכסט דיינע ערשטע זעלבשטענדיקע טריט אין אונדזער אַלעמענס זייער שווער לעבן. ביסט יונג און באַשאַנקען מיט רייץ און חן, און ווייל דו ביסט יונג און רייף, איבערפולט מיט ליידנשאַפטלעכער צערטלעכקייט און ליבשאַפט, קאָנסטו זיך ניט קעגנשטעלן דעם נאַטירלעכן שטאַרקן געפיל און באַגער, וואָס באַהערשט יעטוועדע נשמה, בלוט־און־פלייש. און אַפילו דיין באַדאַכטקייט און דיין גוט האַרץ ,שפרה, זיינען דאָס ניט תמיד בכוח גובר צו זיין. באַדאַרפסטו, — און דערביי האָט פּראָסיאַ קוים אַ שמייכל געטאָן, — אַ קאָפּעטשקע אויף זיך רחמנות האָבן...

און שפרה איז געשטאַנען ווי פאַרשטאַרט, מיט פּראָסיעס האַנט אַרום איר אַקסל, האָט זי ווי אַ פויגל, וואָס טוט פּלוצעם אַ טרייסל מיט די פליגל, אויפגעהויבן אירע אויגן צו פּראָסיען:

— איך וועל אײַך קײנמאָל יעפּראַסיניאַ אַרטיאָמאָװנאַ, ניט פאַר־געסן, — און הייס אַ קוש געטאָן איר האַנט.

— —

שפּעט בײַנאַכט אויף דער באַן־סטאַנציע מאַקייעווקע. דער געוועג־לעכער פּאַסאַזשיר־צוג שטייט דאָ צוויי מינוט. מענטשן מיט זעק, קלומקעס און טשעמאָדאַנעס האָבן באַקלעפּט דעם וואַגאָן. ניט אָנקוקנדיק איינער דעם אַנדערן, שטופּט מען זיך דורך, שטויסט מען זיך, רײַסט מען זיך מיט גוואַלד נעענטער צו די וואַגאָן־טרעפּלעך. מיט לעצטער אָנשטרענגונג, פּראַסיע האָט איר צוגעהאָלפן, איז שפרהן געלונגען מיטן טשעמאָדאַן און היפּשן קלומיק אַרויפצודראַפּען זיך אויפן ערשטן טרעפּל. די פּאַסאַזשירן, וואָס האָבן זיך געדריקט און געקראָכן אויף די קעפּ הינטער איר, האָבן זי געהויבן העכער, צו דער וואַגאָן־טיר. האָט זי שוין קיין שום מעגלעכקייט ניט געהאַט אַ קער טאָן זיך צו פּראַסיען, געזעגענען זיך כאָטש נאָך אַ מאָל מיט די אויגן. דער צוג האָט גערירט... שפרהן איז ניט געראָטן געווען צו פאַרכאַפּן אַן אָרט ניט אויף דער ערשטער און ניט אויף דער צווייטער פּאָלקע. צו קלעטערן אויף דער דריטער נאָרע מיטן טשעמאָדאַן און קלומיק, האָט שוין איר אויף דעם קיין כוח ניט געקלעקט און זי האָט ניט געוואָלט פויזען אַהין, אין וואָלקן פון פּאַפּיראָסן־רויך, דערשטיקעניש. איז זי געבליבן שטיין מיט אַ סך אַנדערע אין ענגן וואַגאָן־קאָרידאָר. ס'האָט זיך איר אײַנגעגעבן אײַנ־מאָסטיען בײַ אַ וואַגאָן־פענצטער, צוגעפּרעסט זיך מיטן שטערן צו דער שויב... אין דער געדיכטער נאַכט־חשכות שווינדלען פאַרבײַ נאָענט און ווײַט פרעמדע פײַערלעך... ס'פּײַפט, וואָיעט דער לאָקאָמאָטיוו, ס'קלאַפּן אונטער אירע פיס די וואַגאָן־רעדער. זי הערט דײַטלעך דאָס דונערן פון איר בלוט אין אירעביידע שלייפן... די שויב האָט קוים געקילט דעם הייסן שטערן... קיין איינציקע טרער איז ניטאָ אין אירע אויגן צו באַ־פײַכטן, באַנעצן איר יונגען ביטערן מזל... וואָלט איר אפשר גרינגער ווערן... אין כאַרקאָוו שטייט איר פאָר נאָך, מסתם, אַ שווערערע „פּערעסאַדקע"... דער צוג יאָגט פאַרבײַ די בײַנאַכטיקע שטאָק־פינצטערע פעלדער. ער כאַפּט קוים איבער דעם אָטעם אויף די קליינע סטאַנציעס און אַלץ מער און מער פאַרחושכטע מענטשן אין צעכראַסטעטע פּאָדיאָווקעס און פּעלצלעך מיט אַן אַ שיער קלומקעס און זעק און נאָך זיי פרויען מיט פאַרקוטעטע עופעלעך אויף די הענט שטויסן זיך אַרײַן אין וואַגאָן.

שפרה דריקט זיך שטאַרקער מיטן פּנים און מיט דער ברוסט צו דער שויב. ס'בויגן זיך פון איבערגעווענלעכער מידקײַט די קני. זי פּרוּווט זיי צושפּאַרן צום וואַגאָן־ווענטל, ס'זאָל אַ טשוטאָטשקע איר לײַכטער

זייַן צו שטיין. זי וויל ניט פאַרלירן איר פּלאַץ אין קאָרידאָרל בייַם פענצטער, אין מיטן דער נאַכט...

אין דער היים

שפרה האָט געעפנט די שטוב־טיר אין דער רגע, ווען די מאַמע איז גרייט געשטאַנען מיט ראָזעלען צו פירן זי אין קינדערגאָרטן. דער טאַטע איז שוין געווען אַוועק אויף דער אַרבעט און איציק, ליזע און גאָלדע — צום זומער־פּלאַץ, בייַ דער שול.

— טאָכטערקע, — האָט אויסגעשריען ריווע, — פלוצעם, אַזוי אומ־געריכט, ווי אַ מלאך פון זייַן ליבן נאָמען... אַרומגעכאַפּט שפרהן מיט אַ הייסן קוואַל טרערן, — געלויבט דער אייבערשטער, גאַנץ מיט אַלע אברים.

און די קליינע ראָזעלע האָט זיך דערשראָקן, צעוויינט אויפן קול. די מאַמע און שפרה באַרויִקן זי. שפרה וויל זי נעמען אויף די הענט, נאָר זי לאָזט זיך ניט, כליפּעט שטאַרקער. די מאַמע קושט זי, צערטלט זי:

— ראָזעלע, קינד מייַנס, דערקענסט ניט שפרהן, דייַן געטרייַע, שיינע שוועסטער? דאַרפסטו דען פאַר איר מורא האָבן?... נאָר ראָזעלע קווענקלט זיך און וויל ניט צו שפרהן, זייַטיקט זיך. די מאַמע נעמט זי אַרויף און זאָגט שפרהן:

— איין ווייַלעטשקע, שפרהלע, דער קינדערגאָרטן איז נאָענט... ביסט אַזוי טאָכטערקע פאַרברויגט, מיד פון וועג... געשלעפט זיך צופוס מיט די זאַכן פון וואָקזאַל... די רגע בין איך צוריק. אַ געזונט אין דיר, שפרהלע, טו גאָרניט, איך וועל גלייַך אַלץ צוקלייַבן.

שפרה איז געבליבן שטיין אין מיטן צימער. נעבן די פיס — איר טשעמאָדאַן און קלומיק. זי רירט זיך פון אָרט ניט, באַטראַכט די גע־פאַלנקייַט און אביונות — די סטעליע נידעריקער ווי אין בערעזאָווקע... זי שטרעקט אויס איר האַנט, דערלאַנגט צום באַלקן. זי זעט דעם טאַטנס און מאַמעס בערעזאָווקער הילצערנע בעט, דערבייַ די אייַזערנע — ליזעס און גאָלדעס — זיי שלאָפן אין איינעם. צוגעשפּאַרט צו דער הרובע — אַ ברייטלעכע, לענגלעכע באַנק, אויף איר — אַ שעניק, אַ צוגעפלעטשט קישעלע, אַלטע קאָלדרעטשקעס — דאָס איז, פאַרשטייט שפרה, איציקס געלעגער, וואָס די מאַמע אָרדנט פאַר אים אייַן פאַרן שלאָפן גיין. נאָענט צו דער פּליטע — ראָזעלעס אַלטע וויגעלע. פון רעכטס דער וואַנט, לענגויס דעם גאַנצן צימער, צום סאַמע סוף, קעגנאיבער, אין דער

ברייט, — צוויי קליינע פויערישע פענצטער. דערפאַר איז אין חדר אַזוי קנאַפּ טאָג-ליכט. אויף דער גרויסער ליידיקער וואַנט, אין מיטן — די צוויי אַלטע משפּחה-פּאָטאָגראַפיעס אונטער גלאָז: דער זיידע שמואל-לייב מיט אַ סך יאָרן צוריק, ווען ער איז נאָך ניט בלינד געווען און די באָבע שפרה, דער מאַמעס מוטער, נאָך ווען מע האָט איר אַ נאָמען געגעבן. אין ווינקל, אויף רעכטס, ביַי דער וואַנט — דער ברייטער ברעזאָווקער טיש; אויף אים זיַינען אָנגעשטעלט אַ פּאָר אַלומיניום-טעלער, ליימענע און בלעכענע קרוזשקעס, אַ האַרלאַטשיקל, שיסעלעך, הילצערנע לעפל, שטיקלעך ברויט, געבליבענע קאַרטאָפליעס, אַ פּאָר רעטכעלעך, ציבעלייַסקעס, אַן עקל פון אַ הערינג, אין אַ ספּאָדעק זויערע קרויט און אוגערקעס. נעבן טיש — טאַבורעטקעס. אויף דער פּליטע — אַ גרויסער אָפּגעדעקטער טשוהון מיט וואַסער און קלענערע ליידיקע טשוהונטשיקלעך.

פון אַלע געקעכץ-גערוכן און שטוב-ריחות שלאָגט זיך דורך אַמשטאַרקסטן דער קעראָסין-גערוך... ווייסט שוין שפרה וואָס דאָס באַטיַיט: דער מאַמעס איינציקער „וואָפן" — נאָכן אויסצוואַגן די קינדערישע קעפּלעך, אויסצושמירן זיי פעט מיט קעראָסין און דאַן מיט אַ געדיכט קעמל אויסרייניקן פון אומפלייט און ברוד, באַזונדערס ביַי די מיידלעך. מיטן זעלבן מיטל באַרעט זיך די מאַמע מיט די כלערליי זשוקלעך, מיאוסקייַטן, דער עיקר, מיט די וואַנצן. נאָך דעם, ווי זי פאַרעט אויס מיט זוד די געלעגערס, שמירט זי מיט קעראָסין די פּרענטעס און די פּיסלעך פון די איַיזערנע בעטן און די ווענטלעך און אַלע שפּאַרעס און שפּאַלטן פון דעם גרויסן, הילצערנעם ירושה-בעט...

פון לינקס, גלייַך ביַים אַריַינגייַן פון הויף אין שטוב, באַמערקט ערשט איצט שפרה אַ טירל; זי קומט אַריַין אין אַן אַלקערל — די סטעליע שטאַרק משופּעדיק, דורכצוגיין ניט-אָנגעבויגן קאָן מען בלויז נאָנט ביַי דער רעכטער זיַיט פון קאָמערל, בשכנות מיטן גרויסן צימער. אין עק, ביַים סוף פונעם אַלקערל — אַ פּיצל בוידעם-פענצטערל, אין איין ריי מיט די ניט-גרויסע פענצטער אין דעם דערבייַיקן אַלגעמיינעם חדר. נעבן פענצטערל — פאַרבעט אַקוראַט מיט אַ וויַיסן ליַילעך — אַ שמאָל, איַיזערן בעטל. צוקאָפּנס — עטלעכע קישנס. דאָס אונטערשטע גרעסער און די העכערע — קלענער און קלענער. פון אויבן, שוין האַרט ביַי דער סטעליע — אַ פּיצל קישעלע — אַ „ממזרל". נעבן בעט — אַ טומבאָטשקע — אַ ברעקל שאַפקעלע — אויף דעם אַ שפּיגעלע, אַ פלעשעלע אָדעקאָלאָן, אַ פּאָר פּאָטאָ-בילדלעך.

שפרה נעמט פאַרזיכטיק אין דער האַנט איינעם פון די פּאָטאָס. ס'קוקט אויף איר אַ ברייטלעך, לבנה-רונדיק פּנים מיט צוגעפּרעסטע

ליפּן פון נאָך אַ גאַנץ יונגער פּויערטע מיט אַ ווײַס קעכין־היטעלע אויפן קאָפּ. די דיקע הענט — אויפגעלייגט אונטער די הויכע בריסטן. שפרה הויבט אויף דאָס צווייטע פּאָטאָ־בילד — אין אַ וויגעלע, אויף רעדלעך, זיצן צוויי גראָבטשינקע עופהלעך, שקאָצימלעך, צי שיקסעלעך, קעגנאיבער איינע דעם אַנדערן, קאָפּענע אויסגעגאָסן — אַ צווילינג מן הסתמא... און שפרה איז זיך משער — די מאַמע האָט דאָס אַלקערל פּאַרדונגען אַ קעכין, וואָס אירע צוויי ברעקלעך קינדער האָדעווען זיך ערגעץ בײַ די עלטערן, אָדער בײַ זיידע־באָבע אין דאָרף.

שפרה קערט זיך צוריק אין צימער נעבן טשעמאָדאַן און קלומיק און קאָן ניט אָפּרײַסן די אויגן פון דער געוואַלדיקער ענגשאַפט און אַנגעשלײַדערטקייט — ניטאָ ווו זיך אַ קער צו טאָן... און פּלוצעם נעמט זיך איר אויסווײַזן: זי שטייט שוין דאָ מי יודע ווי לאַנג, ווי זי וואָלט אַ ווילד־פרעמדע געווען, און טוט זיך אַ טשוכע אויפן קול: „וויפל דער שיער, שפרה, צו לײַדאַטשען?...” זי וואַרפט פון זיך אַראָפּ איר זומער־איבער־מאַנטעלע, לייגט עס אַוועק אויפן טשעמאָדאַן און לאָזט זיך צו די געלעגערס: „לאָמיך פאַרבעטן, פאַרגלעטן...”

אין אָט דער רגע איז אַן אײַליקע, אַ פּאַרסאָפּעטע, אַרײַן די מאַמע מיט אַ לאָדיש אין איין האַנט און מיט אַ סלויטשיק אין דער אַנדערער:

— איך האָב דאָך דיך, טאָכטערקע, געבעטן, טו גאָרניט... איך וועל די מינוט אויפזידן אַ גלאָז טיי... ביסט דאָך געוויס אַ פאַרחלשטע. פון נעכטן גאָרניט אין דײַן מויל געהאַט. אָט האָסטו פרישינקן זויערמילך און קאַל־טינקע סמעטענע. איך שטעל תיכף צו קאַרטאָפּליעס. דער טאַטע האָט געבראַכט צוויי געשמאַקע געוועדזלטע הערינג, ניט צו פאַרזינדיקן — מע שטוקעוועט צונויף אויף דער הוצאה... דאָ ווו דו שטייסט, טאָכטערקע, איז דאָס דעקל פון אונדזער שטוב־קעלער. ער ראַטעוועט מיך. מיר האָבן אים אויסגעגראָבן טיפער און אַרומגעשלאָגן מיט ברעטער, ווערט פונעם עסן גאָרנישט ניט קאַליע. דאָרט שטייט אַ לייטערל — איך וועל זיך אַראָפּלאָזן. נעכטן געקויפט אַ קאָשיק פרישע קאַרטאָפּעלעך...

...אָבער סײַ־ווי האָט זיך שפרה גלײַך אײַנגעשפּאַנט, געעפנט די צוויי פענצטער אין הויף אַרײַן, פאַרבעט די בעטן, צוגענומען איציקס געלעגער — די באַנק, דעם שעניק, אַרויסגעטראָגן דאָס צו לופטערן נעבן שטוב. די מאַמע האָט צוגעקליבן פון טיש, אים אויסגעווישט, אויס־געשפּרייט אַ ריינע צעראַטע. אויף דער פּליטע האָט שוין געקאָכט דער טשײַניק, געשוימט, געבולבלט זיך אַ טשוהונטשיק מיט סקאָראָספּייקעס.

זאָגט שפרה דער מאַמען:

— מאַמע, איך בין געקומען, ווי דו קוקסט מיך אָן, אָן מתנות, אָן

סטענגעס, אָן אַ פּאָר קלײדעלעך פאַר די שװעסטערלעך... פאַר ראָזעלען אפילו ניט געבראַכט קײן ליאַלקעלע, קײן צוקער־הענדל... איך האָב ראַפּטאָם געמוזט אװעקפאָרן פון דאָרטן, אַנטלױפן... און זי האָט אַ שמײכל געטאָן: שרעק זיך ניט מאַמע, מיליציע יאָגט מיך ניט נאָך... איך בין קײנעם גאָרניט ניט שולדיק געבליבן, אױפן שענסטן אופן, װי עס פּאַסט פאַר לעמלס און ריװעס אַ טאָכטער... נאָר איך האָב קײן אַנדערע ברירה ניט געהאַט. איך בין געלאָפן װי פון אַ פײַער... מ׳קאָן זאָגן — פון זיך אַלײן געפלױגן... װאַרט מאַמע, די רגעלע, — און שפרה גײט צו צו איר זומער־מאַנטעלע ,עפנט דאָס זיכער־נאָדל מיט װעלכער עס איז געװען פאַרשפּיליעט די זײַטיקע קעשינקע און נעמט אַרױס פון דאָרט אַן אױפ־געדרײט פּעקל געלט, שטרעקט אױס דער מאַמען:

— לעצטנס האָב איך אײַך, כמעט, ניט געשריבן און קײן גראָשן ניט געשיקט. אָט דאָ האָסטו דאָס אָפּגעשפּאָרטע און מײַן גאַנצע שכירות פאַר דעם חודש... און אױך דאָס אורלױב־געלט װאָס מע האָט מיר צו־גערעכנט פאַר די זיבן אָפּגעאַרבעטע חדשים.

מײַן באַלעבאָסטע, פראַסיע, האָט בײַ מיר פאָרן לעצטן חודש קײן דירה־געלט ניט גענומען, בשום אופן ניט, צװיקגעקערט מיר דאָס געלט: „איך װעל פון דעם ניט װערן ניט אָרעמער און ניט רײַכער", — האָט זי מיר געזאָגט. בײַנאַכט באַגלײט מיך צום באַן...

— —

און אַז דאָס עסן איז שױן געשטאַנען אױפן טיש און שפרה האָט זיך שױן געקליבן דערצײלן דער מאַמען אַלץ װאָס מיט איר איז געשען אין מאַקײעװקע, האָט זיך ריװע צוגעזעצט צום טיש, קעגנאיבער:

— טאָכטערקע, ביז דו װעסט מיט הנאה, װי ס׳באַדאַרף צו זײַן, רויק ניט אָפּעסן, און ניט פאַרטרינקען מיט נאָך אַ גלאָז טײ, זעסטו, לעבן מײַנס, — און שמײכלענדיק, שטיפעריש, װי דאָס װאָלט געװען ניט די מאַמע, נאָר אירע אַ יונגע חברטע, שטעקט ריװע אַרײַן אירע טײַט־פינגער אין בײדע אױערן: — איך בין, שפרהלע, טױב װי די װאַנט...

— גוט מאַמע, — איז שפרה מסכּים, — מיט אַ תּנאַי, אַז דו זאָלסט עסן מיט מיר צוזאַמען, װײַל איך בין מער װי זיכער, אַז דו אַלײן האָסט נאָך ניט באַװיזן... אַ כאַפּ געטאָן עפּעס, אָפּגעלײגט אױף שפּעטער... און איך האָב זיך מיט אַ מאָל אַרײַנגעיאָװעט.

— אױ, טאָכטערל, אַ נס װאָס עס אַרבעט דער זומער־פּלאַץ בײַ דער שול און דער שול־גאָרטן. מ׳גיט די קינדער, אַזײגער עלף, אַ צװײטן פרישטיק. זײַנען זײ דאָרט ביז אַריבער האַלבן טאָג.

...שפרה האָט דערצײלט דער מאַמען װעגן איר ליבע מיט יאָסין,

ניט פאַרפעלט אַ האָר. ווי אַזוי דאָס האָט זיך אָנגעהויבן, די באַקאַנט־שאַפט... זי האָט זיך ניט געסטאַרעט צו באַווייַזן פון דער שענערער זייַט, זיך ניט געשוינט, נאָר אַלץ אַזוי ווי דאָס איז געווען — די גע־שפּרעכן, באַגעגענישן מיט אים אין צעך, בייַם גיין אַהיים, אין פּראָסיעס צימער, בייַם קאַשטאַן־בוים, ווען זייַן פרוי און יינגעלע... פּראָסיעס מיינונג און מיט וואָס דאָס האָט זיך אַלץ פאַרענדיקט...

און ריווע, אַזוי ווי זי איז געזעסן אַ געפּלעפּטע און געשלונגען יעדעס איינציק וואָרט דער טאָכטערס, אַזוי איז זי געבליבן צוגעשמידט בייַם טיש, אָן אַ מינדסטע באַוועגונג, ווי אויף אַ לייַוונט אָן אויסגעמאָלט לעבעדיק בילד פון אַ מענטשן אונטערן טיפן רושם פון דער אָקאָרשט־אויסגעהערטער שפּאַנענדיקער געשיכטע...

און ווען שפרה האָט פּלוצעם זייער ביידנס לאַנגן שווייַגן איבער־געריסן, אויסרופנדיק ווי פון שלאָף:

— מאַמע!

— אוי, — האָט ריווע אויסגעשריען, — האָסט דאָך מיך, טאָכטערקע, איבערגעשראָקן.

און שפרה האָט אויף דעם צעצויגן אַרויסגעבראַכט:

— וואָס וועט דער טאַטע זאָגן?

— דער טאַטע? — האָט איבערגעחזרט ריווע, — און ווי צו זיך אַליין, במחשבה, — זעצט זי פאָר: די קינדער קערן זיך צוריק אַהיים אין אַ צוויי שעה אַרום. און ראָזעלען דאַרף מען אָפּנעמען דריי אַזייגער... און איך האָב נאָך קיין וואַרעמעס ניט... און דו ביסט אַזאַ האַרציקער, טייַערער גאַסט — אונדזער קרוין, שפרהלע, — דאַרף מען לכבוד דיר צוגרייטן היינט, אין אַ מיטן וואָך, דעם שענסטן יום־טובדיקן מאָלצייַט... און אַ שקאַליקל פאַרן טאַטן... און, דאַן מיט גאָטס הילף האָבן מיר נאָך פאַרויס אַ ליבן, שיינעם זומער־אָוונט, מיט אַ וואַרעמער ,אויסגעשטערנ־טער זומער־נאַכט... דייַן טאַטע, האָף איך, ער איז דאָך אויך ווי דו און איך, פון בלוט און פלייש... האָט אַ גאָלדן האַרץ. און דו ביסט בייַ אים דאָס טייַערסטע פון אַלע דימענטן און בריליאַנטן... ניטאָ דער טאָג און די שעה. ער זאָל ניט דערמאָנען: „וואָס טוט אַצינד אונדזער שפרהלע?"... וועט ער, מייַן איד, מיט מיר צוזאַמען, ריכטיק פאַרשטיין, אַז מיר האָבן זיך ניט וואָס מצער צו זייַן — ביסט אַ פייַנע, קלוגע, יידישע טאָכטער, און דייַן העלער מזל וועט, שפרהניו, אָפּשלאָגן דיר דייַנע שוועלן... און מיר וועלן נאָך האָבן פון דיר פודן פרייד און נחת... וועל איך, טאָכטערקע, תיכף ומיד שטעלן זיך קאָכן וואַרעמעס און דו, מייַן טרייסט, הינטערן שטוב, האָסט דאָך ניט באַטראַכט אונדזער טיראַס־

פּאַלער מאַיאָנטעק — האָבן מיר אַ האַלץ־שטעלכל און דאָרטן שטייט דײַן בערעזאָוועקער אײַזערן בעטל, וועסטו פון אים אַרומווישן דעם שטויב און אַרײַנברענגען אַהערצו ,און מיר וועלן שוין צוקלײַבן אין אונדזער חדר־פּאַלאַץ, פאַר דיר דאָס פּאַסיקסטע אָרט...

— מאַמע, איך וויל בײַם סאַמע סוף צימער, בײַ די צוויי פענצטער.

— האָב איך דאָס אויך אַזוי געטראַכט, טאָכטערקע. דאָס שטעלכל איז אויפן שלעסל, נאָר ס'איז ניט פאַרשלאָסן. איך האָב דיר נאָך ניט דערציילט וועגן אונדזער קוואַרטיראַנטקע. זי אַרבעט אין אַ גאָרקיד, מאַריאַ הייסט זי. אַ ווױלע און זייער אַן אומגליקלעכע. אין דאָרף כאָוועט די עלטערן אירע צוויי פּיצלעך קינדער...

— אַ צווילינג ; — גיט אַ שמייכל שפרה.

— פון וואַנען ווייסטו ?

— איך בין אַרײַן אין אַלקערל, געזען די פאָטאָ אויף דער טומבאָטשקע.

— יאָ, טאָכטערקע. אין אַ קורצער צײַט נאָך זייער חתונה, האָט איר מאַן שיכורערהייט אויף טויט דערשטאָכן אַ מענטשן. מע האָט איר מאַן פאַרמשפּט אויף צען יאָר. דעם צווילינג האָט זי געבוירן, ווען ער איז שוין געווען פאַרשיקט. זי וווינט שוין בײַ אונדז אַ האַלב יאָר און העלפט אונדז. זאָלסט זי אַוואַזשען ,שאַנעווען. די טעג האָט זי באַקומען אורלויב און האָט נאָך געהאַט אַ סך איבערשעהן — און וויפל זי וועט זיך זאַמען אין דאָרף, ווייס איך גאָרניט.

ווען שפרה האָט אַרײַנגעשלעפּט אין צימער דאָס אײַזערנע בעטל, פרעגט זי בײַ דער מאַמען:

— ווּעמענס דבר־אחר כריוקעט עס אין דער גרויסער שטײַג־קאַנורע בײַם האַלץ־שטעלכל ?

— אוי, טאָכטערקע, פרעג שוין בעסער ניט... דאָס איז מאַריעס... דער באַלעבאָס פון דעם שטיבל, ווו מיר וווינען, אַן אוקראַינער, זאָל זיך צו אונדז ווייניקער טשעפּען און ניט רײַסן פון אונדז קיין איבעריקע דירה־געלט... די דרײַ שטיבלעך אויפן הויף געהערן צו אים און ער לעבט אויפן בערגל, אין דעם סאַמע בעסערן און שענערן שטיבל. אין דעם אַנדערן וווינט אַן אַלטער שנײַדער מיט זײַן קראַנק ווײַב — איין זון האָבן זיי. און שוין אַ פאָר יאָר ווי מען ווייסט ניט, ווו ער איז אַהינגעקומען... און אונדזער שטיבל ,אונטערן בערגל, איז דאָס ערגסטע: מיט ווילגאָטש און שימל. דעם שטרוי אויפן דאַך האָט מען שוין לאַנג געדאַרפט בײַטן. און דער פּאָל ווי זעט אויס, קיין איין גאַנצע ברעט ניט. דאַרפן די שכנים ניט וויסן — מיר זײַנען דאָך סוף־כל־סוף, יידן, כאָטש מע קוקט שוין איצט אויף דעם אַ ביסל אַנדערש... ניט די ערשטע און

ניט די לעצטע... די שטייג האָט צונויפגעשלאָגן דער טאַטע מיט איציקלען, נאָר אונדזער קליינוואַרג ווייסט וועגן דעם ניט און דאַרף, שפרהלע, ניט וויסן... מיר זײַנען מיט מאַריען שותפים — זי ברענגט די רעשטן אָפּפאַל פון גאָרקיך, דער טאַטע סקאָרקעס, צעברעכטע שטיקלעך ברויט פון זאַוואָד... דער האָדוועער בין איך און איציקל, געזונט זאָל ער זײַן, העלפט מיר... פאַרשטייסטו, טאַכטערקע, פיר קליינע קינדער, אַפילו ווען אין די הייסע זומער־טעג לויפט מען אָרום באָרוועס, מוז מען אַלצאיינס נאָכ־אַנאַנד האָבן נײַע שיכלעך, סאַנדאַליקעס... מע צעפליקט און צערײַסט, ברוך השם, אַזוי גיך, אַז צום שוסטער איז שוין ניטאָ וואָס צו טראָגן... הײַנט קליידלעך און העמדלעך, און הייזלעך — ניט אָנצונעמען זיך. און אויף אַ לײַלעך? אויף אַ ציכל? און ווו קריגט מען עס?... אין די קאָאָפּעראַטיוון ווערסטו עס מיט ליכט בײַטאָג ניט געפינען. אָן באַקאַנט־שאַפט גייט עס ניט. און צו באַקאַנטשאַפט דאַרף מען געבן אין יד אַרײַן... סײַדן, אויפן מערקל, פון אונטער דער פאָלע? אָדער אין „טאָרגסין" * — אַהין דאַרף מען גיין מיט „באָנעס".** און ווו דערקאַזשעט מען זיי? — פּאָר גרויסע געלטער... וואָלטן מיר געהאַט, ווי אין בערעזאָווקע, אַ בהמה, — קאָן מען דאָך שוין איצט וועגן אַזאַ ראָסקאָש ניט חלומען... בלײַבט אָן אָנהאַלט — דער חזירישער שנוק... קאָרמעט מען בשתיקה מיט מאַריען; די „וויוועסקע" איז אירע, אַ ווילע גויה. זי דאַרף עס און מיר נאָך מער... ס'קומט איר טאַטע פון דאַרף ,פירט אָוועק אויף אַ פור דעם „פּירפּיסיקן". ווו ער שמאַליעט, ווו ער שינדט — זײַן עסק. פאַרקויפט דעם בשר־קוויטש מיט דער סאַלע — חזיר־שמאַלץ — און מען זעט זיך ,טאָכטערקע, מיט אַ פרישן רובל. און איך קאָן מיך אַ קער טאָן. פאַרשטייסטו מיך, שפרהלע?...

— כ'פאַרשטיי, מאַמע...

✶

ריווע האָט נאָך באַוויזן צולויפן צו לעמלען אויפן ברויט־זאַוואָד, אים אָנזאָגן די פרייד: — שפרה האָט זיך בשלום צוריקגעקערט אַהיים. — ריווע האָט מיט אַ ווונק אים אָפּגערופן אין אַ זײַט...

ווי אַזוי זי האָט אין אַ צוויי־דרײַ רגעס, מיטן גאַנצן האַרצן געקאָנט אים איבערגעבן דאָס אַלץ וואָס שפרה האָט איר אויסדערציילט אין משך

---

* טאָרגסין — ראשי־תיבות פון רוסיש — האַנדל מיט אויסלענדישע סחורות און וואַליוטע.

** „באָנעס" — סאָוועטישער וואַליוטע־סערטיפיקאַט, לפי דעם ווערט פון גאָלדענעם רובל.

פון אַ פּאָר שעה, און דערבײַ נאָך לעמלען גוט „צעקײַט", ער זאָל מיט זײַן געטרײַער װײַב ביז אַ ניונצעלע אײַנפּאַרשטײן זיך און זײַן מיט איר בדעה אחת — אויף זייער באַליבטער טאָכטער זאָל קיין מינדסטער שטויבעלע ניט פאַלן — דאָס קאָן בלויז באַזינען אַ פּיל־געפּרוווטס מאַמע־האַרץ...

לעמל פרעגט איבער בײַ ריוּוען:

— ווי הייסט ער דער מאַקייעווקער בוכהאַלטער?

— כ'האָב דאָך דיר געזאָגט, יאָסי, יאָסי! איז דען דיר אַ נפקא־מינה ווי אַזוי ער הייסט: טאָדרעס, צי ברוך?

— ניין, דאָס פרעג איך גלאַט אַזוי... גיי, גיי ריוועלע, גרייט צו אַ מלכותדיקן וואַרעמעס... דעם שקאַליקל וועל איך שוין אַליין ברענגען.

— ווען דו קאָנסט נאָך, לעמל, דערקאַזשען אַ בוקעט פרישע קוויטן... דערפרייען שפרהלען...

— קוויטן... קוויטן... חזרט איבער לעמל, — כ'וועל פּרוּוון, ווי אַ טריאַסצע אויף זיי, די באַלשעוויקעס זאָגן — „פון אונטער דער ערד"...

דער טאַטע קומט פון דער אַרבעט ווי תמיד אַזייגער פינף אין אָוונט. איז שוין דער יום־טובדיקער וואַרעמעס אין מיטן וואָך לכבוד שפרהן מגולגל געוואָרן אין אַ שפּעטער וועטשערע. נאָר מיט דעם האָט זיך דער מאַמעס גוטסקײַט און ברייטהאַרציקײַט אויף קיין האָר ניט געמינערט און ביז וואָס־ווען, גיט זי די קינדער אין דער הייסער מינוט בײַם קאָכן, בראָטן און באַקן, אין מויל אַרײַן פון די שוין גרייטע פּאַטראַוועס, די געשמאַקע ריחות זאָלן אַזוי ניט רייצן דעם אַפּעטיט און מ'זאָל ניט פאַר־חלשט ווערן.

און אָט איז שוין דער טאַטע דאָ מיט אַ גרויסן בוקעט געאָרגינעס פון אַלערליי קאָלירן און שפרה לויפט אים אַנטקעגן. זיי נעמען זיך אַרום, לעמל דריקט זי צו זײַן ברוסט, קושט זי מיטן בוקעט אין דער האַנט.

— טאַטע, ווי גוט פון דיר שמעקט מיט פרישן, בערעזאָווקער ברויט און קוויטן... און נעמט דעם בוקעט פון זײַן האַנט, — אַ דאַנק, טאַטע!

און די מאַמע ווישט די אָנגעלאָפענע טרערן און אײַלט אונטער: אוי, קינדערלעך, לעמל, אַזוי שפּעט שוין... לאָמיר שוין, לאָמיר!

לעמל און שפרה און איציקל העלפט צו — רוקן אָפּ פון וואַנט דעם שווערן בערעזאָווקער טיש, די גאַנצע משפחה זאָל קאָנען וואָס געראַמער און באַקוועמער אויסזעצן זיך אַרום.

— איך געדענק שוין ניט ריווע, ווען מיר זײַנען מיט אַלע אונדזערע קינדער געווען צוזאַמען...

— לעמל, רעד ניט איבער, הלוואי תמיד אַזוי... אַ מזל־ברכה, ווען

אַלע דײַנע ברוליאַנטן, דאָס ביסל אייגן בלוט, איז אַרום דיר... װענזשע שטילט זיך אײַן די קוואַטשקע? — װען זי נעמט אַרונטער די גאַנצע כאַליאַסטרע ציפּליאַטקעס אונטער אירע פליגל... װאָס קאָן נאָך זיסער זײַן?

— װער מיט װאָס — און די מאַמע מיט דער קוואַטשקע. און איך האָב אין מאַקייעװקע געקאַרמעט דער באַלעבאָסטעס הינער.

ליזע און גאָלדע שטויסן זיך צונויף מיט די טאַבורעטקעס. יעדערע פון זיי װיל זיצן נעבן שפּרהן. און ביז איינע דער אַנדערער װיל ניט נאָכגעבן, זיצט שוין איציק נעבן טײַערן גאַסט און ליזע און גאָלדע בלײַבן שטיין מיט די טאַבורעטקעס און קוקן מיט פאַריבל אויפן טאַטן.

זאָגט ער צו זיי האַלב אין שפּאַס: — טעכטערלעך מײַנע, איציק האָט צוויי לעהאַטעס: ער איז עלטער און אַ בן־יחיד.

די מאַמע באַרויִקט זיי:

— לכבוד אונדזער ליבן גאַסט בין איך הײַנט די הויפּט־סאַרווערקע... װעסטו ליזינקע, זיצן נעבן מיר און זײַן מײַן פּאָמאָשניצע פון דער רעכ־טער זײַט און דו, גאָלדעלע, מײַן פּאָמאָשניצע פון דער לינקער.

אוןביידע שוועסטערקעס איז דאָס שטאַרק געפעלן. מיט דער מאַמעס „האָקוס־פּאָקוס" איז פון דעם קינדערשן פאַריבל שוין קיין זכר ניטאָ. און ראָזעלע, װאָס האָט אין דער פרי זיך צעוויינט, מורא געהאַט שפּרה זאָל זי נעמען אויף די הענט, װײַל שוין איצט ביים טיש זיצן נאָר בײַ איר עלטערער שוועסטער אויפן שויס, מיט ביידע הענטלעך האַלטן אַרומ־גענומען איר האַלדז און ניט אויפהערן זי צערטלען און קושן.

אויפן שפּאַציר

אין דעם ערשטן זונטיק־טאָג נאָך שפּרהס קומען, איז לעמל מיט איר און מיטן קליינוואַרג (אין שטוב איז נאָר געבליבן ריווע מיט ראָזעלען) אַוועק שפּאַצירן, זען די שיינע, גרינע שטאָט טיראַספּאָל בײַם דניעסטער. אַרויס פונעם הויפל אויף דעם זאַמדיקן דניעסטראָווסקע־געסל, װוּ זיי װוינען, ביז זיי זײַנען צוגעקומען צו דער הויפּט־גאַס, פּאָקראָווסקי, — אַרײַן אין שטאָט־גאָרטן, געשטאַנען און געקוקט אויף דעם אײַנדרוקספולן בראָנזענעם דענקמאָל, דעם העלד פון בירגער־קריג, רײַטער־קאָמאַנדיר קאָטאָווסקי, אויף זײַן שלאַכט־פערד.

איציקל האָט מיט טשעקאָוועס באַטראַכט דאָס פערד:

— טאַטע, דאָס פערד קוקט אויף מיר װי אַ מענטש...

— מיט אומעטיקלעכע, פאַרשלאָפּענע אויגן, — גיט צו לעמל.
און איציקל וואָלט וועלן וויסן:

— צי איז אויפן דענקמאָל דאָס בילד פון דעם זעלבן פערד, אויף וועלכן קאָטאָווסקי האָט אויף צונאָמתן געטריבן די פּאָגראָמשטשיקעס־פּעטליוראָווצעס ?... נאָר וואָס קאָנען אים דער טאַטע און שפרה אויף דעם ענטפערן ?

און פון גאָרטן, פון גאַס צו גאַס, האָבן זיי זיך אַראָפּגעלאָזט נענטער צום דניעסטער, געגאַנגען פאַרביי די פּילצאָליקע פּרוכט־סעדער, פאַר־שטעטלע מיט פּלאַנקנס און פּלויטן, נאָר פון צווישן די שטאַכעטן און צוים־שטעקלעך האָבן זיך ערטערווייַז גאָר נאָענט אַרויסגעזען באַהעלט מיט שיַין־שטרייפעלעך, זון־העזלעך. אַ סך קאַרשן און ווייַנשל־בוימער פאַרשאָטענע מיט צעפּינקלטע פלאָם־רויטע קאַרשן און היפּשע געלב־ראָזלעכע וויַינשל, עפּל־בוימער, באַרן־בוימער געדיכט באַהאָנגען מיט גרויסע, רויט־באַקיקע עפּל, לענגלעכע, צייַטיקע וויַין־באַרן, און סאָרטן שווערע גדוילן, בערעס, וואָס דו דערפילסט פון דער וויַיטן, ווי עס טריפט פון זיי מיט זאַפט. פאַר די אויגן שווינדלען דורך אָנגעקוואָלענע פון זיסקייַט געל־גאָלדענע אַבריקאָסן און צוגעברוינטע, פאַרמוראָזשעטע איבערגערייַפטע פערעשקעס. אויף די פּאַסאַדן פון די הייַזער, אויף די פענצטער, איינגעטונקט אין גרינס, שלענגלען זיך ביז אַריבער די סטרע־כעס וויַינטרויבן־לאָזעס, רויטע, פיאָלעטע גירליאַנדעס.

אינטערסירט שפרהן:

— טאַטע, ווער זייַנען די באַלעבאַטים פון די סעדער, וואָס וווינען דאָרט אין די פייַנע הייַזער, הינטער די פאַרקאַנעס ?

— דעם אמת געזאָגט, טאַכטער, — ענטפערט לעמל, — ווייס איך אַליין ניט. איך בין דאָך אויך אַליין ניט לאַנג דאָ. טיראַספּאָל איז אַ גרענעץ־שטאָט: צעטיילט די צוויי מאָלדאַוויעס — מיר זייַנען אויף דער סאָוועטישער און הינטער טייַך, דאָרט, איז בעסאַראַביע, ניט אונדזערע... און צייַטן בייַטן זיך... די באַלעבאַטים, ווייַזט אויס, זייַנען פּויערים, אָבער שוין, — אַזוי מיין איך, — אַנדערע, זיכערע, אויף וועלכע די מאַכט קאָן זיך פאַרלאָזן... און מסתם וווינען דאָרט אויך מיליטערלייַט, גרענעצלער, דער טייַך איז אַ גבול, צעשניטן אויף צוויי העלפטן — אַ סאָוועטישע און ניט־סאָוועטישע.

און איציקל קאַכט זיך און קלערט אויף שפרהן:

— איך ווייס, — אַ פּלויט אין מיטן טייַך און נאָענט צושווימען טאָר מען ניט... אויף אַ פּאַראָם שטייען דאָרט רויטאַרמייער אין גרינע היטלעך

מיט ביקסן אויפן אַקסל און מיט בינאָקלען אויף דער ברוסט און דער־נעבן זיי הינט, ווי וועלף, מיט סטראַשנע, שאַרף־שפּיציקע ציין...

און ווען איציק, ליזע און גאָלדע האָבן געגומען פריילעך אַרומלויפן, שפּילן זיך אין „כאַפּערלעך" און אַ ביסל אָפּגעווייַטערט פון טאַטן און שפּרהן, פרעגט זי דעם טאַטן שטילערהייט אַ קשיה:

— און ווי מיינסטו, טאַטע, אויף דיר פאַרלאָזט זיך די מאַכט? האַלט דיך פאַר אַ זיכערן?

לעמל איז געבליבן שטיין ווי צעחושט, דערשטוינט פון דער טאָכ־טערס פלוצעמדיקער שאלה; ער האָט זיך אינסטינקטיוו אומגעקוקט רונד־אַרום:

— איך בין דאָ אַ פרישער מענטש, טאָכטער, נאָר איך פאַרגעס ניט — אַ גרענעץ־שטאָט... טו קיין שלעכטס ניט, אַרבעט ערלעך, אַפילו, איבער מייַנע כוחות, ווייַל אַנדערש קאָן איך ניט און רעכן זיך אויס צו נעמען אַן איבעריקע סקאָרע, פאַרטריקנטע לוסטע, וואָס וואַלגערט זיך, כאָטש איך באַדאַרף זי נויטיק. כ'האָב מורא פאַר בלבולים. און נאָך בערעזאָווקע און דאָניעצק... היט איך מיר מיט אַ יעדן וואָרט מייַנעם... און וואָס בייַ מיר אויף דער נשמה טוט זיך, אַ מכה דאַרפן זיי בייַ מיר וויסן... און נאָך אַ סגולה, שפּרהלע, — אַ שטיקל „מזלדיקע פּאַדקעווע" מייַנע, וואָס כ'האָב ניט דעם רויטן, דעם ווייצענעם פּרנסה־פיכל, — דו שטויסט זיך אָן וועלכן איך מיין?...

— יאָ, טאַטע.

— אמת, מע האָט שוין דאָ געפּרווווט „טאַפּן אין מייַן וואָגן": „פאַר וואָס זאָלסטו זיך, קריוואָרוטשקע, ניט קאָכן אין אונדזער קאָלעקטיוו־קעסל?, פּראָפּאַריין־קאָמיטעט?". דערווידער איך — איך בין „טשלען פּראָפסאָיוז", צאָל מיטגלידס־אָפּצאָל... זאָגט מען מיר אויף דעם: „דאָס איז, קריוואָרוטשקאָ, קנאָפּלעך, ביסט מייַסטער פון דייַן פאַך, דאַרפסט ווערן געזעלשאַפטלעך, אַרויסטרעטן אויף פאַרזאַמלונגען, באַמערקן ,ניע־דאָסטאַטקעס' (בלויזן) און ווען מ'דאַרף, ,פאָ באָלשעוויצקי' אַרייַנזאָגן..."

— יאָ, — זאָג איך, — אוודאי איז גוט אַזוי, נאָר איך בין, ניט פאַר אייַך געדאַכט, אַ בעזגראַמאָטנער, אין שקאָלעס ניט געגאַנגען, און שוין אין די פופציקער מיט פינף קינדער, פיצלעך...

— טאַטע, פאַר וואָס עפּעס מיט פינף? — מיך רעכנסטו אויך פאַר אַן עופל?, — צעשמייכלט זיך שפּרה.

— זיי'לן דען קומען מיך באַקוקן די שיכורים, עס אַרט זיי מייַנע קינדער? זיי טראַכטן וועגן מיר ווי וועגן דעם פּאַראַיאָריקן שניי... און ס'איז דאָך ניט אַ ליגן — דו ביסט דאָך בייַ מיר די פינפטע. קורץ,

פאַרט יענער אַרויס אויף דעם אַזוי — דו ווערסט זיי מיט צען קעפּ ניט אַרומנעמען — „טאַקע ווײַל דו האָסט פינף קינדער ,לעבסט דאַך, געוויס, אין ענגשאַפט ?...״

— אַוודאי, — זאָג איך. — אין אַ געדונגענעם שטיבל מיט אַ שטרויענעם דאַך, אין איין חדר און ווי־נאָר עס הייבן זיך אָן די סליאַכאָטעס און קעלטן, פרירט אָפּ פון פײַכקײַט אַ גאַנצע וואַנט און ביז ווסנע טײַעט זי ניט אָפּ.

— אָ, דערפאַר טאַקע, — רײַסט ער מיך איבער, — דאַרפסטו זיך אײַנשפּאַנען, ווערן בײַ אונדז אַ היימישער מענטשל אין אַלע הינזיכטן... פאַרשטייסט, קריוואָרוטשקאָ ? מען דאַרף דיר קיין פינגער אין מויל ניט אַרײַנלייגן, — ווערסטו פריִער פון אַנדערע דערשלאָגן זיך אַ קאָמונאַלע דירהלע פון אַ דרײַ צימערלעך, ניט געקוקט, וואָס דו ביסט אַ נײַגעקומענער...

— דאָס הייסט, דו זאָלסט, טאַטע, זײַן פאַרקויפט בײַ זיי, קריכן פון דער הויט, גריזשען זיך מיט מענטשן, אַרומרײַסן זיך די קעפּ... אָנלעבן ביטערע שונאים... און זיי, די באַטשאַלניקעס, זאָל זײַן רויִקער. און דערפאַר ווערסטו מיט יאָרן שפּעטער באַקומען פון זיי „אַ פייג אונטער אַ דעכל״, אָדער עפּעס אַ סך ערגערס... פון ווײַטן מיט זיי !... גוט־מאָרגן, גוט־יאָר, מיט אַ ליבן שמייכעלע און פריילעכער מינעלע...

— אוי, טאָכטערקע, ווער האָט עס יונגערהייט אויסגעלערנט דיך דרינגען אין אַלץ, ביזקל סאַמע קאָריען, אין שורש אַרײַן ?

— טאַטע, ווייסטו דען ניט ? — בערעזאָווקע, אָדעס, דאָניעצק און מאַקייעווקע — מײַנע פיר אינסטיטוטן !...

פון שפּאַציר

צוריקגעקערט זיך פון שפּאַציר און מיט היימלעכקײַט און גוטן אַפּעטיט, קיין עין־הרע, זאַלבע זיבן, קיינעם מיט גאָרניט פאַרזען, זעטיק אָפּגעגעסן וואַרעמעס.

צוגעקליבן פון טיש, האָט ריווע אַראָפּגענומען אויף די צראַטע און פאַרשפּרייט אַ פײַנעם, געל־גרינעם טישטעך מיט ראָמאַשקעלעך און מיט לאַנגע שימערירנדיקע פרענדז :

— שפרהלע, דער איינציק־געבליבענער בערעזאָווקער שבתדיקער

טישטעך... חרוב געוואָרן דער שבת און מיט אים — אַלץ!... האָט זי שטיל אַ זיפץ געטאָן און אַרויפגעשטעלט אויפן טיש דעם בוקעט מיט געאָרגינעס. פאַר דעם האָט זי אין קריגל געביטן דאָס וואַסער. לעמל האָט אָקאָרשט פון פלומפּ געהאַט אַרײַנגעטראָגן אַ פּאָר פולע עמער.

ריווע ווענדט זיך צו די קינדער:

— איציק, ליזע, גאָלדע — וואַרפט גאַרניט אָן אויפן טיש. זאָל כאָטש אַ ווײַלעטשקע לויכטן אַ ווינקעלע מיט זויבערקייט, אַ סימן פון יום־טוב פאַר אונדזער ליבן גאַסט...

דער דריטער טאָג ווי שפרה האָט זיך צוריקגעקערט פון מאַקייעווקע. די רויטע, ווײַסע און אָראַנזש־קווייטן זײַנען נאָך דופטיק־לעבעדיק, פאַרשפּרייטן אין חדר זיסע בשמים־ריחות, שײַנען אַרויס מיט שלווה און שיינקײַט, צערטלעכער חיותדיקײַט. אָבער וואָס טראַכט אין האַרצן שפרה?... — די מאַמע דאַרף זיך גאַרניט פּרוּוון צו קוקן, אויסצולייענעז אין דער טאָכטערס אויגן די מחשבות אירע... נשמה־פעדים, אייביקע געבורט־שטראַלן ,שטראָמען אומגעשטערט פון מוטער צו טאָכטער, פון האַרץ צו האַרץ, כוואַליעס פון איין בלוט־און־פלייש, פון איין לײַב־און־לעבן פולסירן, ברויזן און שלאָגן זיך אויגן־בליקלעך אָפּ צוריק אין מאַמעס האַרץ מיטן זעלבן רוישיקן דראַנג און קראַפט, פאַרפלייצן זי, ס׳פאַרכאַפּט איר אָזש דעם אָטעם. ווייסט שוין ריווע אין זיך גופא — שפרה איז פול מיט אומגעהויערן אומרו. איר שרעקט דער מאָרגן, איבערמאָרגן... ניט פאַלן צו לאַסט טאַטע־מאַמע מיט פיר קליינע קינדער, דער מיט אַ מאָל פאַר איר אַזוי ניט זיכער־געוואָרענער תכלית... און ריווע רופט זיך אָן צו לעמלען:

— נעם לעמל ראָזעלען אויף די הענט און גיי צוזאַמען מיט די קינדער אַרויס אויפן הויף. ס׳איז איצט אין אָוונט אַזוי מחייהדיק אין דרויסן... און לאָמיר געבן שפרהלען אַ קאַפּל אָפּרוען אויף איר געלעגער. דעם דריטן טאָג ווי זי האָט בײַ אונדז קיין רויִקע מינוט ניט.

און לעמל מאַרודיעט ניט און ווערט באַלד מיט די קינדער נעלם פון שטוב. ריווע בלײַבט מיט שפרהן.

— לייג זיך צו, טאָכטערקע. בײַם אָפּענעם פענצטער וועט דיר זײַן פרײַ און פריש ווי אויפן הויף. איך וועל זיך צוזעצן נעבן דיר. מיר האָבן שוין מיטן טאַטן, שפרהלע, נעכטן און אייערנעכטן געטראַכט און אַרומגעטראַכט... און אַז ס׳לויפן אָן און ס׳רודערן די געדאַנקען אין קאָפּ, קאָן מען דען אײַנשלאָפן?... דער טאַטע זאָגט, — ער זאָגט דאָך תמיד

אַזוי, — ווי עס מאַכט זיך, איז גוט... ער וואָלט, זאָגט ער, דעם יאָסי, דעם מאַקייעווקער בוכהאַלטער באַהאַנגען מיט מעדאַלן, נאָר דערפאַר, וואָס אַדאַנק אים האָסטו זיך צוריקגעקערט אַהיים. ווײַל וואָס פאַרא פּנים האָט עס פאַר דיר — אַ יונג, שיין מיידל, דו זאָלסט אין די חמימה־היצן דאַרפן אָפגיין מיט שווייס בײַ די בראַנד־אויוונס, ניט אַרויסקריכן פון אַט דער קאַטאָרגע־האַרעוואַניע? דעם טאַטן איז שוין אַזאַ פאַקוטע־אָפּקומעניש אָנגעצייכנט פון אויבן, פון זײַנע יִנגלשע יאָרן אָן, צו ווערן אַ בעקער־יונג. איז שוין זײַן גורל אַזאַ. אָבער דו? — מיר וועלן עס זיך ניט מוחל זײַן, שפּרהלע.

— מאַמע, הער מיך אויס. עגבערט זיך ניט, מאַכט זיך ניט קיין לעכער אין קאָפּ... ווער האָט דאָס געקאָנט פאָרויסזען, אַז ס׳וועט אומגעריכט אַרויפוואַלגערן זיך אויף אונדז אַ מגפה־אַנשיקעניש, סטאַלינס קאָלעקטיוויזאַציע — אין מיטן נאַכט באַגזלט אונדז, געלאָזט אויף הפקר... מ׳האָט דאָך אונדז שיער ניט פאַרשטופּט אינאיינעם מיט די גויים־קולאַקעס קיין סיביר אויף פּאָהיבעל. און איך האָב דען געקאָנט וויסן, אַז איבערן הונגער און פון דעם יעוורעמאַל איז אויך גאָרניט געוואָרן. האָב איך מיך אַרויסגעשלאָגן פון דער קאָלייע מיט מײַן לערע, ניט אָפּגעוווען די פולע צוויי יאָר. אַוודאי האָב איך דאָן ניט באַדאַרפט אײַנשמועסן זיך אין מיטן־דריטשקע, צו ווערן אַ קאַנדיטערין, דערפאַר נאָר, וואָס מײַן טאַטע איז אַ בעקער... געוויס, איז צו זײַן אַ קוואַליפיצירטע שנײַדערקע־מאָדיסטקע אַ סך ממשותדיקער. איז דאָך אָבער ווידער אַ געשיכטע מיט פאָרויסזעערײַ... האָב איך דען געקאָנט זײַן אַ שטערן־זעערין? — וויסן, סט׳ווערן אַ שרעקלעכער הונגער אין לאַנד, מ׳עט זיך ממיתן פאַר אַ ריפּטל ברויט? און דעם קאַנדיטער־צעך, ווו איך האָב זיך געלערנט דאָס פאַך, וועט מען פאַרמאַכן, ווײַל מע דאַרף אים אין אַזאַ צײַט אויף טישטשע כפּרות?... וואָלט געווען אַ נאָרמאַל מענטשלעך לעבן, איז צו זײַן אַ קאַנדיטערין גאָרניט קיין בזיון, פאַרקערט, אַ גוטע פראַ־פעסיע. נאָר איצט איז דאָך שוין ניטאָ וועגן דעם וואָס צו ברײַען. איך געדענק דאָך, מאַמע, דײַן ווערטל, ווי דו פלעגסט לאַכן: „דער שוסטער רעדט פון דער קאָפּיטע, דער בעקער פון דער לאָפּעטע"... איצט באַדאַרף איך זיך פון דאָס נײַ אָן עצה האַלטן, וואָס צו טאָן? — אָנקומען לערנען צו צוויי־און־צוואַנציק יאָר אין אַ מעדיצינישן טעכניקום, צי אין אַ פּעדאַגאָגישן — דרײַ פיר־יאָר לערנען מיט אַ נישטיקער סטיפּענדיע, אויסקוקן אויף אַ פּאָסילקע פון דער היים? — דו פאַרשטייסט דאָך אַליין, מאַמע, איך האָב אויף דעם קיין רעכט ניט. און אויסער דעם —

ווידער אין אַן „אַפּשטשעזשיטיע" מיט שמוץ און שטשורעס, וואָס לויפֿן אַרום איבער די פֿינצטערע קאָרידאָרן.*

בלײַבט איבער דאָ, אויפֿן אָרט, געפֿינען עפּעס אַ פּאַסיקערע אַרבעט, וועל איך גיין, כ'בין שוין קיין נעבעכקע, כ'וועל זוכן. ניטאָ קיין ברירה. כ'וועל זיך ניט שעמען — אַרבעט איז קיין שאַנדע ניט.

— הער זיך אײַן, שפּרהלע, וואָס דער טאַטע זאָגט: איידער מיר זײַנען אַריבערגעפֿאָרן קיין טיראַספּאָל, איז ער, ווי דו ווייסט, געווען אויף קוואַרטיר בײַ דעם פֿורמאַן פֿון ברויט־זאַוואָד. האָט דער וואָזשטשיק אַ טאָכטער, אַ מיידל אין דײַן עלטער. איז זי אָנגעקומען לערנען דאָ הי

---

* בײַ אָט דער געלעגנהייט ווילט זיך מיר דערמאָנען מײַן אייגענעם, טריבן נסיון — די סטודענטישע יאָרן אין קיִעוו, אין יענער גאָרניט היימלעכער צײַט: אָנגעהויבן פֿון האַרבסט 1929 יאָר ביז די זומער חדשים פֿון דעם 31טן יאָר, האָב איך געוווינט אין אַ סטודענטישן צוזאַמענוווינונג אויף קרעשטשאַטיק נומער 12, אין אַ צימער מיט 16—18 סטודענטן. דער צימער איז געווען בײַ די טרעפּ, אויפֿן דריטן שטאָק. פֿלעגט מיר אויסקומען בײַנאַכט, ניט זעלטן, צו דזשורען — טאַקע גופֿא נעבן מײַן צימער, אויף אַ טאַבורעטקע בײַ אַ טישל. איך וואָלט געוויס נאָך דעם, ווען אין אַלע צימערן איז שוין טויט־שטיל — בײַ מײַן דעזשורסטווע ווי אַ געהרגעטער אײַנגעשלאָפֿן. ווײַל איך געדענק ניט אַזאַ פֿאַל, עמעץ זאָל מיך קומען קאָנטראָלירן, צי איך בין וואַך, צי איך שלאָף... נאָר עס זײַנען געווען צוויי ווערנטלעכע סיבות, וואָס האָבן מיר קיין שום מעגלעכקייט ניט געגעבן צו שלאָפֿן אויף דער דעזשורסטווע: — ערשטנס די קעלט, באַזונדערס אין די ווינטער־חדשים. ס'פֿלעגן גיך נעמען פֿרירן די פֿיס. אָבער אַ סך מער מאַטערנישן האָב איך געהאַט אויסצושטיין פֿון אַן אַנדער סיבה: קעגנאיבער מײַן טישל האָט זיך געצויגן אַ לאַנגער קאָרידאָר. בײַ זײַן סאַמע סוף, אַן אַלקערל, דאָס טירל שטענדיק אָפֿן דאָרט, — איז געשטאַנען דער סטודענטישער טיטאַן — אַ גרויסער מעטאַלענער באַק, צו זידן פֿאַר די סטודענטן אָקרעפּ — קיפּיאַטאָק. אונטערן קראַן איז געווען אײַנגעמאָסטיעט אַ מין בלעכענע געפֿעס — טאָמער פֿאַרדרייט ניט ווער ווי געהעריק דעם קראַן, זאָל דאָס וואַסער ניט אַראָפּרינען אויפֿן פֿאָל. דאָס געפֿעס איז תמיד, געווען פֿול מיט וואַסער.

נאָך האַלבער נאַכט פֿלעגן זיך דורכן פֿינצטערן קאָרידאָר, פֿאַרבײַ מײַן טיש, נעמען יאָגן טאַבונעס גרויסע, ברוין־גרויע שטשורעס אַהינצו, צום טיטאַן, צו טרינקען. פֿון דאָרט פֿלעגט זיך דערטראָגן זייער עקלהאַפֿטע קוויטשערײַ. דערנאָך לויפֿן די שטשורעס צוריק און גלײַך צו מײַנע פֿיס... דער פּחד האָט מיך געשטויסן באַזאָרגן זיך מיט אַ שטעקן. איך פֿלעג אים אַרויסציִען פֿון אַ בעזעם, נאָר די שטשורעס פֿלעגן זיך אויך פֿאַר מײַן הילכיקן קלאַפּן מיטן שטעקן ניט נתפּעל ווערן. פֿלעג איך זעצן זיך אויפֿן טיש, מיט די פֿיס אויף דער טאַבורעטקע — און שוין דאַן, מער זיכערער, טראַסקען מיטן שטעקן אין דיל...

נאָר אין יענע פֿאַרהונגערטע, ביטערע טעג, אָן אָפּגעלאָזענער, פֿאַרשטויסענער און דערצו נאָך אַ פֿאַרטומלטער מיט מײַנע לידער — און וואָס פֿאַר אַ האַפֿט האָט שוין דאַן געקאָנט האָבן מײַן לערע אין אינסטיטוט? — איז מיר אַפֿילו קיינמאָל ניט אײַנגעפֿאַלן צו טיילן זיך מיט עמעצן וועגן מײַנע דעזשורסטווע. איך האָב דאַן אַזאַ עמעצן ניט פֿאַרמאָגט... און ניט אינטערעסירט זיך צו פֿרעגן בײַ די, ווען עמען ס'איז אַזוי ווי מיר אויסגעקומען אין די נעכט צו דעזשורען בײַם זעלבן פֿאַרשאָלטענעם טישל...

אויף בוכהאַלטערסקע קורסן. איין יאָר לערע, מיט סטיפּענדיע. זי האָט שוין די קורסן פאַרענדיקט און זיך גאָרניט שלעכט איינגעאָרדנט.

— זעסטו, מאַמע, דאָס איז אַ פּלאַן... ס׳געפעלט מיר. רוף אַריין דעם טאַטן, לאָמיך הערן גענויער. איך וואָלט מיך אָנגעפרעגט ביי דעם מיידל, ווו די קורסן געפינען זיך און ווען און אויף וועלכע תנאים מען נעמט אָן, מיט וואָס פאַרא דאָקומענטן מען דאַרף גיין אהין.

*

...זומער, באַגינען. די לאָדן זיינען צוגעמאַכט. נאָר ריווע האָט שוין עטוואָס אויפגעעפנט די דרויסן־טיר, אַריינגעלאָזט אין חדר אַ ביסל פרישן, קילן טאָג־ליכט. אויף די שפּיץ־פינגער, ניט אויפצוּוועקן די קינדער, שטעלט זי אַוועק אויף דער קעראָסינקע דעם בלעכענעם טשייניק, אויפצוזידן פאַר לעמלען אַ גלעזל טיי, איידער ער גייט צו דער אַרבעט.

לעמל זיצט אין די גאַטיעס אויפן ראַנד פון געלעגער, גענעצט און טוט פּלוצעם מיט אימפּעט אַ ציי אויס די הענט אין דער ברייט און אַרויפצו צום באַלקן, גלייך ער וואָלט מיט די פּאָר קאָרגע, ביסטרע באַוועגונגען אָוועקגעשאַרט פון זיך די אויגוסטיקע, דומפּיקע נאַכט, מיט אירע אומגעלומפּערטע, דושנע חלומות... ער בויגט זיך אָן צו זיינע שיך נעבן בעט אַרויסצוציִען פון זיי די צעמאַרשטשעטע אויפגעקנוילטע שקאַרפּעטן,

האָט זיך אויך שפרה אויפגעהויבן, טוט זיך איילִיק אָן, זי איז שוין לאַנג ניט געשלאָפן... יאָסי האָט איר זיס געדרוימט אין אויער... האָט זי זיך אַ קער געטאָן אויף דער אַנדערער זייט, האָט ער זי געלאַשטשעט און נאָך זיסער עפּעס אַריינגערוימט אין צווייטן אויער... זי שטייט שוין אויף דער פּאָדלאָגע און גייט צו צו דער מאַמען און שעפּטשעט:

— כ׳וועל מיטגיין מיטן טאַטן. ער וועט מיר אויפן זאַוואָד באַווייזן דעם פּורמאַן, וועל איך זיך ביי אים דערפרעגן, ווען און ווו איך קאָן זי זען...

— שפרהלע, פאַרטאָג מיט אַ לאַמטערנע? — רו זיך אויס, פאַרגין זיך, ביסט ביי זיך אין דער היים... דעם פּורמאַנס מיידל וועט ניט פאַרפאַלן גיין, מ׳כאַפּט זי נאָך ניט אויס, איך האָב זי געזען. אַ געלע מיט אַ צעקלייענטער צורה... אוי, לעמל, דיין נאַטור, זאָל פּעלן אַ האָר! האָסט אויסגעקנאָטן אַ טאָכטער, געזונט זאָל זי אונדז זיין, — דיינס אַ הייס לעבעלע ברויט, מיט אַלע דיינע טויזנט טעמען, פּאָסטעמקעס און גראַטשקעס. און דער עיקר — דיין עקשנות, רירן דעם מויער! רירן די אונטערשטע בערוונע!...

— ניין, מאַמע, דאָ גייט ניט אין מיינע קאַפּריזן: איך מוז זי היינט

זען דעם פּורמאַנס מיידל, איך טאָר ניט אָפּלייגן. אויגוסט־חודש, ווער עס וויל ווו אָנקומען, גרייט שוין די דאָקומענטן, די ספּראַווקעס. איך דאַרף אַלץ וויסן וואָס פריִער. יעדער טאָג איז טײַער.

— שאַ, שאַ ריווע, לאָז מיך, שפּרהלע, הער מיך אויס. אין דער פּרי איז דער פּורמאַן צעטומלט, ווייס ניט אויף וואָסער וועלט ער איז. ער וועט דיר, זאָג איך דיר, קיין האָר ניט פאַרשטיין וואָס דו ווילסט פון אים. ער האָט איבער זיך צוואַנציק נאַטשאַלניקעס — איינער העכער פון דעם אַנדערן. און יעדער פון זיי ליאַרעמט: „פּיר אויס מײַן פּריקאַז! (באַפעל). ווייסט ער ניט, נעבעך, מײַן יאַנקל וועמען צו פאָלגן, וווהין פריִער צו טרײַבן זײַן פערד־און־וועגעלע... בעסער, טאַכטער, נאָך דער אַרבעט, אין אָוונט, וועלן מיר ביידע אַרײַנקומען צו זיי — איך דאַרף צו אים ניט קיין זײַדענע הענטשקעס. מיר וועלן אים טרעפן מיט דער גאַנצער משפּחה. זײַן מיידל — שרהקע הייסט זי, — איז תמיד אין שטוב.

— כ'פאַרשטיי דיך, טאַטע, כ'מוז וואַרטן ביז אָוונט. כ'על זיך אָנ־נעמען מיט געדולד. און איך ווייס שוין וואָס איך האָב צו טאָן, דער טאָג זאָל בײַ מיר אויסברענען ווי אַ שוועבעלע...

ווען די קינדער זײַנען שוין געווען אַוועקגעגאַנגען און די מאַמע האָט שוין געהאַט אַוועקגעפירט ראָזעלען אין קינדערגאָרטן און זיך צוריקגעקערט און שטייט דערבײַ, — האָט שפרה צעפּראַלט איר טשעמאָדאַן, אַרויסגעשאָטן אַלץ וואָס איז געווען אין איר קלומיק, צעלייגט, צעשפּרייט אויף די בעטן איר גאַנצן גאַרדעראָב, דאָס אָנטועכץ — אַ צוויי־דרײַ קאָלירטע ציטענע סאַראַפאַנטשיקעס, אַ פּאָר קאַרטונענע קליידלעך, אַ פּשוטע פיין־געבלימלטע שפּאַציר־פּלאַטיע, עטלעכע געווײַנלעכע בלוזקעס און איינע אַ באַטיסטענע, אַ שעוויאָטענע יופּקע, אַ נישקשהדיק ווינטער־זשאַקעטל, אַ וואַרעמע בײַקענע קליידל, פאַרצירעוועטע זאָקן, צעלעכערטע הענטשיקלעך און נאָך עפּעס שמאָכטעס: היטעלעך, בערעטלעך, קעמעלעך, שפּיגעלעך און שוכוואַרג: אַ מער־ווייניקע פּאַסאָנגע פּאָר טופליעס אויף הויכע קנאַפּל, האָבן נאָך אַ גאַנץ גוטן אויסזען, און אַנדערע טופל, וואָס לאָזן זיך נאָך פאַרריכטן, באַטיקלעך גומענע, אָפּגעטראָגענע, מיט צע־בויגענע אײַזנדלעך־פּראַזשקעס, אויסגעטראָטענע שטוב־שיכלעך, סאַנדאַלן, די אַלטע שטיוועלעך...

— וואָס זאָגסטו מאַמע?, — האָט שפרה אַ פּיר געטאָן אויף דעם מיט דער האַנט.

— וואָס קאָן איך אויף דעם זאָגן, טאָכטערקע, — קודם־כל, איך האָב אַ הײַפּל טרוקענע קוילן, כ'וועל צוגרייטן דעם טיש, צעבלאָזן דעם גלי־אײַזן און מירן מיט דיר אַלץ ווי געהעריק אויספּרעסן, אויסגלעטן,

וועט עס שוין האָבן, טאָכטערקע, אַ פײַנערן אויסזען און מיר וועלן עס אויסהענגען ניט אויף דער וואַנט, ווו דעם זיידנס און דער באָבעס פּאָטאָ־גראַפיעס זײַנען, ווײַל די וואַנט איז אַ פּײַכטע, מיט ווילגאָטש, נאָר קעגנ־איבער. טשוועקעס זײַנען אַנגעקלאַפּט און מירן עס פאַרהענגען מיט עפּעס, עס זאָלט זיך ניט שטויבן. נו און ווײַטער, דאַרף איך דען דיר מאַכן שווער אויפן האַרצן? — אוודאי־און אוודאי איז עס ניט קיין געהויבענער אויסשטײַער, ניט קיין חופּה־קליידער. דײַן טאַטע, דער בעקער־יונג לעמל, האָט ניט אַרויסגעקוקט אויף מײַן נדן... און מיר זיינען געווען איבער־גליקלעך פון ליבשאַפט און טרײַשאַפט איינער צום צווייטן. יעדעס גרין צווײַגעלע אין וואַלד און יעדעס בלימעלע אין פעלד האָט מיט אונדז זיך מיטגעפריידט, מיטגעטאַנצט...

— מאַמינקע טײַערע, איר האָט בידע געלעבט אין אַ שווערער צײַט און מיר לעבן איצט אין גאָר־גאָר אַ ביטערער... אַ געלעכטער, איך זאָל טראַכטן וועגן זײַד, סאַמעט, פּערל און בריליאַנטן... איך טרוים נאָר אַנצוטרעפן, ווי דו, מאַמע, אַ געטרײַען מענטשן, אַ באַשיידענעם ייִדישן בחור מיט אַ גאָלדן האַרץ, מיר זאָלן זיך אַזוי ווי מיר שטייען און גייען, שטאַרק־שטאַרק ליב האָבן.

— לעבן מײַנס, פאַל בײַ זיך ניט אַראָפּ. דו זאָלסט אונדז געזונט זײַן, ביסט יונג און קלוג, וועט מיט גאָטס הילף, שפּרהלע, דײַן פאַרלאַנג, זײַ זיכער, מקוים ווערן.

אין אָוונט זײַנען דער טאַטע מיט שפרהן אַוועק צום פּורמאַן. געטראָפן זײַן טאָכטער, אַלץ ריכטיק: די בוכהאַלטער־קורסן פונקציאָנירן. שרה מיט די זומער־שפּרענקלעך האָט שפרהן געגעבן דעם גענויעם אַדרעס פון דער אויפנעם־קאַנצעלאַריע. אין מיטן אויגוסט נעמט מען שוין אויף ביטעס און דאָקומענטן.

— אַן אַטעסטאַט, אַז דו האָסט פאַרענדיקט זיבן קלאַסן, האָסטו? — האָט שרה געפרעגט שפרהן.

— יאָ, איך האָב נאָך חוץ דעם אַ צײַגעניש פונעם אַדעסער יעווו־ראַמאַל — דאָס איז אַ מין אַרבפאַק (אַרבעטער־פאַקולטעט), — קלערט אויף שפרה שרהן, — אַז איך האָב אויך פאַרענדיקט דעם אַכטן קלאַס מיט אַ גוטער כאַראַקטעריסטיק.

— איז דאָך אוודאי גוט! — שלאָגט יענע איבער. — און עפּעס אַן אַרבעטס־סטאַזש האָסטו? — דער עיקר די פּאַפּירלעך זאָלן זײַן מיט אָריגינעלע אונטערשריפטן און שטעמפּלעך און ניט קיין קאָפּיעס...

— געוויס, איך האָב מער ווי אַ יאָר געאַרבעט אין אַדעסער בעקערײַ

אַלס קאַנדיטעריִן און זיבן חדשים אויף דאָנבאַס, אין מאַקייעווקע, אויך אין אַ בעקערײַ.

— איז דאָך דיך מקנא צו זײַן... שפרה הייסטו? — און דערצו איז דײַן טאַטע אַר אַרבעטער. האָסטו זיך, שפרה, ניט וואָס צו זאָרגן, קיין עקזאַמענס ועסטו ניט דאַרפן האַלטן — מע וועט דיך צונעמען מיט ביידע הענט. וועסט פאַרענדיקן די קורסן און בוכהאַלטערסקע אַרבעט וועט ניט אויספעלן.

שפרה האָט שרהן געדאַנקט, געזעגנט זיך מיט דעם פּורמאַנס משפּחה און האָט זיך מיטן טאַטן אומגעקערט אַהיים אַן אויפגעלויכטענע.

ריווע איז מלא־שמחה וואָס אין איר טאַטכערס בליק — זי האָט עס באַלד באַמערקט, איז קיין סימן ניט געבליבן פון אומרו און זאָרג.

שפרה האָט געכאַפּט ראָזעלען אויף די הענט און דרייט זיך מיט איר, דערנאָך מיט ליזען, דערנאָך מיט גאָלדען אַרומגעטאַנצט. איציק — איצטער מיט דיר! ביסט שוין עלף יאָר, דאָס צוועלפטע — אַ פּאַלנער קאַוואַליער! טאַנצן מיר אַ וואַלס ביז ס׳וועט זיך דער קאָפּ פאַרדרייען.

און לעמל און ריווע זײַנען געשטאַנען בײַ דער זײַט, צוגעפּאַטשט מיט די דלאָניעס. אין יענעם אָוונט איז דער גאַנצער משפּחה קריוואָ־רוטשקאָס געווען הימלער, לוסטיק אויפן האַרצן.

טײַערע יעפראָסינאַ אַרטיאָמאָוונאַ...

— כ׳בין שוין מער פון אַ חודש אין דער היים... און אײַך קיין וואָרט ניט אָנגעשריבן. הײַנט, דעם צווייטן סעפּטעמבער, טו איך עס. גלויבט מיר, פאַר וואָס ס׳האָט אַזוינס געטראָפן: איך קום ערשט פון שטאָט. געווען אין דער קאַנצעלאַריע פון די אייניאָריקע בוכ־האַלטער־קורסן — מען האָט מיך אָנגענומען! פאַר מיר איז דאָס פּשוט אַ גליק! אַ העל פּאַסיקל אויף מײַן האָריזאָנט. איצט, ווען איך שרײַב צו אײַך, ליגט פאַר מײַנע אויגן די צײַגעניש, אַז איך בין אַ סטודענטקע פון די קורסן און וועל באַקומען אַ סטיפּענדיע און פון מאָרגן — אַ ברויט־ביכל. איך האָב שוין אויך צוגעזוכט אַן אָרט, ווו איך וועל אין די אָוונטן (די לערע אויף די קורסן הויבן זיך אָן דעם ערשטן אָקטאָבער. מע וועט זיך לערנען ביז דרײַ בײַטאָג) — אַ צוויי־דרײַ מאָל אַ וואָך צואַרבעטן. טיאָטיאַ פראָסיאַ, איך געדענק זייער גוט מײַן הייסן צוזאָג בײַם געזעגענען

זיך מיט אײַך בײַנאַכט אויפן וואָקזאַל — „ווי נאָר איך קום אַהיים, שרײַב איך אײַך אָן"... איז דאָך אין לעבן פּונקט קאַפּויער: דער מענטש זעט פאַר זיך נאָר דאָס, וואָס פאַר זײַן נאָז איז. און וואָס עס טוט זיך דאָרט, מיט אַ צוויי־דרײַ טריט ווײַטער, בעת ער פאַר־קערעוועט זיך אויף רעכטס, צי אויף לינקס, — זעט ער אַבסאָלוט ניט!

— געקומען קיין טיראַספּאָל אויף דעם דניעסטראָווסקער געסל, ווו מײַן טאַטע־מאַמע וווינען איצט, — אַ פּויעריש שטיבל, געדעקט מיט אַלטן, צעקראָכענעם שטרוי, געעפנט די שטוב־טיר, אַריבער־געטראָטן די שוועל — איין־און־איינציקער פינצטערער חדר. ניטאָ ממש ווו זיך אַ קער צו טאָן. וועל איך זײַן די זיבעטע... די עלטערן האָבן מיך אויפגענומען מיט גרויס ליבשאַפט און זאָרג, אָבער מיר האָט גלײַך פון דער ערשטער רגע אַ זעץ געטאָן אין האַרצן — דער טאַטע גיט זעקס מענטשן עסן! און איך בין אומדערוואַרט אַראָפּ־געפאַלן ווי אַ שווערע פלאַכטע שניי אויפן קאָפּ. איך מוז דרינגנט זוכן אַרבעט! אַ וואָסערע ס'זאָל זיך ניט מאַכן. און די חדשים בײַ אײַך, טײַערע פּראָסיע, — אַזויפיל גוטסקײַט און אויפמערקזאַמקײַט האָט איר צו מיר אַרויסגעוויזן — און אַלע מײַנע ליכטיקע און טריבע איבערלעבונגען אין מאַקייעווקע זײַנען אין איין אויגנבליק פון מײַן זכרון נעלם געוואָרן... האָב איך מיך אין אַזאַ צושטאַנד געקאָנט זעצן שרײַבן אַ בריוו? איז דען געווען בײַ מיר כוח צו נעמען אַ פּען אין דער האַנט אַרײַן?... אויפן צווייטן, צי דריטן טאָג נאָך מײַן צוריקקערן זיך האָב איך זיך דערוווּסט וועגן די אייני־יאָריקע בוכהאַלטער־קורסן און זיך אָנגעכאַפּט פאַר דעם, ווי דאָס זאָל זײַן מײַן ראַטונעק. איך דאַרף דאָך סוף־כל־סוף האָבן אַ פּראָ־פעסיע, דערשלאָגן זיך צו אַ ציל, אַ שטיקל ברעג אין לעבן... און תיכף גענומען אַרומלויפן, גרייטן די נויטיקע ספּראַווקעס און דאָ־קומענטן, ניט צו פאַרזאַמען...

און הײַנט איז דער ערשטער טאָג וואָס איך האָב זיך אַ קאַפּל באַרויִקט און געזעצט זיך אָנצושרײַבן אײַך אַ בריוו. און שרײַבנדיק אים, ווערט מיר היימלעכער און סע שוועבן אָן אויף מײַן זינען, ווי אַ טשאַטע טומלדיקע פייגל, מײַנע טעג און וואָכן אין מאַ־קייעווקע. איך זע אײַך, ליבע פּראָסיאַ, פאַר זיך, אַזוי נאָענט, טוליע זיך צו אײַך און האָף — איך וועל אײַך נאָך ניט איין מאָל שרײַבן. און אפשר — דאָס לעבן איז דאָך אַ רעדעלע — וועלן מיר

זיך נאָך ווען באַגעגענען... זייט געזונט און שטאַרק, יעפראָסיניאַ אַרטיאָמאָוונאַ. מייַנע עלטערן דאַנקען און גריסן אייַך האַרציק.

מיט ליבשאַפט, אייַער —

שפרה קריוואָרוטשקאַ.

די קינדער זייַנען שוין דאָ פון שול, דער אַנדער טאָג, ווי ס'האָט זיך אָנגעהויבן דאָס נייַע לערן־יאָר. איציק, ליזע און גאָלדע לערנען זיך אין איין שול, — דער יידישער ניט־פולער מיטל־שול. איציק אין פערטן קלאַס, ליזע — אין דריטן און גאָלדע — אין צווייטן.

זיי האָבן אין דרייַען אַרומגערינגלט די מאַמען.

איציק: — מאַמע, די חברטע דבורה האָט געזאָגט, דאַרפסט מאָרגן פאַר די לימודים אומבאַדינגט אַרייַן צו איר אין לערער־צימער...

ליזע: מייַן לערערין, די חברטע דינה האָט מיר פאַרזאָגט — „ליזע, דייַן מאַמע זאָל מאָרגן קומען אין שול. איך דאַרף מיט איר נייטיק ריידן”...

און גאָלדעלע: מאַמע, די חברטע... די חברטע... און געבליבן שטיין אין פאַרלעגנהייַט אַ צערויטלטע.

איציק: געדענקסט ניט, גאָלדע, ווי דייַן לערערין הייסט?...

גאָלדע: די חברטע... די חברטע... מיט טרערן אין די אויגן, — אַ הויכע, אַ שיינע...

שפרה שטויסט זיך אָן: — גאָלדעלע, אַ נייַע לערערין?

— יאָ, — קומט צו זיך גאָלדע, — אַ נייַע! ניט די פאַראַיאָריקע. שטעלט זיך שפרה אייַן פאַר איר: איציק, איז דאָך גאָלדע ניט שולדיק און דו ביסט אויף איר אָנגעפאַלן...

די מאַמע פאַרשטייט שוין, פאַר וואָס ס'רופן זי אַרויס אַלע דרייַ לערערינס מיטאַמאָל. זי זאָגט שפרהן:

— אין אַ נאָווינע, מסתמא, וועגן לערנביכער. נאָך איידער עס האָבן זיך אָנגעהויבן די זומער־וואַקאַציעס, האָב איך זיי באַזאָרגט מיט לערנביכער. גופא אין שול געקויפט, אין דער שול־ביבליאָטעק — די ביבליאָטעקערן פאַרנעמט זיך מיט דעם — די אַלטע, די געטוישטע, מיט וועלכע מ'האָט זיך שוין באַנוצט — פאַר ביליק. נאָר דאָס איז מסתמא וועגן די טאָג־ביכער. אַ מעשה מיט טאָג־ביכער... ווו קריגט מען זיי און ווו האָב איך צייַט גיין זוכן?... וועסטו שוין מיר איצט, שפרהלע מוזן אַרויסהעלפן. די לערערינס האָבן אַ מידה אַלע מיטוואָך און דאָנערשטיק אַרויסרופן מיך אין קאַנצעלאַריע און אַרייַנטענהן...

— גוט מאַמע, איך וועל מאָרגן אין דער פרי גיין צוזאַמען מיט

זיי אין שול און אַלץ אויסקלאָרן און וועל זיך באַקענען מיט איציקס חברטע דבורה, מיט ליזעס חברטע דינה און מיט גאָלדעלעס חברטע...

טוט אין דעם אויגנבליק גאָלדע אַ שפּרונג פאָרויס צו שפרהן און שרייט אויס מיט פרייד: — די חברטע צילע!

— דערמאָנט זיך! — פריידט זיך מיט גאָלדעלען שפרה און אויך די מאַמע איז צופרידן וואָס גאָלדעלע האָט זיך דערמאָנט, ווי אַזוי איר נייַע לערערין הייסט, און נעמט אַרום איר טעכטערל ,די יינגסטע שילערין: אַ געזונט אין דיר, גאָלד מייַנס, גאָלדעלע!

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

שפרה איז אַוועק צו דער פּאָסט, אָנגעקלעפּט אַ מאַרקע, אַראָפּגעלאָזט אין בריוו־קעסטל איר בריוו צו פּראָסיען קיין מאַקייעווקע. און, מאָדנע, זי איז ניט אָפּגעטראָטן פון קעסטל, געבליבן שטיין... אין איר דמיון איז דורכגעלאָפן אַ מחשבה און זי זעט אַזוי דייַטלעך פאַר די אויגן דאָס, וואָס זי טראַכט — ,,ווען יאָסי גייט פאַרבייַ פּראָסיעס ווויִנונג נעבן גאַניק, פאַרהאַלט ער ניט זייַנע טריט? הייבט ער ניט אויף דעם בליק צו פּראָסיעס צוויי אָפענע פענצטער? ס'קאָן זייַן, אַז ער רופט זיך הילכיק אָן צו איר: ,,אַ גוטן־אָוונט אייַך, יעפראָסיניאַ אַרטיאָמאָוונאַ!" און, אפשר, קומט ער ווען אויף אַ רגעלע אַרייַן... וועגן וואָס ריידן זיי? דערמאָנט ער מיך ניט? פרעגט ער ניט בייַ איר: ,,יעפּראָסיניאַ אַרטיאָמאָוונאַ, שרייַבט אייַך שפרה" ?...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אַז שפרה האָט זיך צוריקגעקערט, בלויז געעפנט די טויער־פאָרטקע אין הויפל אַרייַן, גייט איר אַנטקעגן אַן איבעראַשטע די מאַמע מיט אַ פּעקל בריוו אין האַנט:

— שפרהלע, אַז דאָס מזל הייבט אָן צו שפּילן, שפּילט עס. באַלד ווי דו ביסט אַרויס פון שטוב, קומט אַרייַן רער בריווטרעגער... פאַרוואַל־גערטע, אומגעריכטע בריוו פון בערעזאָווקע. פאַרן אַרויספאָרן האָב איך אויף דער פּאָסט געבעטן, אויב ס'וועלן אָנקומען בריוו, איבערצושיקן זיי אויף אונדזער נייַעם טיראַספּאָלער אַדרעס. כ'האָב שוין אַ קוק געטאָן: בריוו פון די אייגענע און צוויי פאַר דיר, פון קיִעוו...

— פון קיִעוו?... — פרעגט איבער שפרה און וווּנדערט זיך, — ווער קאָן עס מיר שרייַבן פון קיִעוו?

— נאַ ,שפרהלע, איך טראַכט ניט אויס, לייען.

ניט אַרייַנגעגאַנגען אין שטוב שטייט שפרה גופא אין הויפל און לייענט מיט אויסערגעוויינלעכער נייַגעריקייַט און טיפן אינטערעס די בריוו, שלינגט מיט די אויגן די זייַטעלעך ,שעפּטשעט אַרויס מיט די ליפּן

ווערטער, בלעטערט ווידער איין בריוו, דעם אַנדערן און קאָן ניט צוימען איר חידוש און שמחה. לויפט צו צו דער מאַמען כאַפּט זי אַרום, קושט זי:

— פון מלכהלען, פון מײַן טײַערע חברטע מלכהלע! געווונט מיט איר די גאַנצע צײַט אין איין צימער פון דעם אַדעסער צוזאַמענוווינונג. חתונה געהאַט. לעבט איצט מיט איר מאַן אין קיִעוו. אַ לערער פון מאַטעמאַטיק אין די עלטערע קלאַסן פון אַ ייִדישער פּולער מיטל־שול. זיי האָבן שוין אַ ייִנגעלע פון דרײַ חדשים, ניסימל — נאָך איר זיידן אַ נאָמען. זי נעמט איצט אויפן אייגענעם חשבון עטלעכע חדשים אורלויב און רופט מיך צו זיך צוגאַסט. אין צווייטן בריוו — דאָס זעלבע. זי האָט אויף דעם ערשטן קיין ענטפער ניט באַקומען, טראַכט זי: אפשר, איז ער פאַרפאַלן געגאַנגען. שיקט זי אַ צווייטן בריוו. זי ווייסט דאָך בלויז דעם בערעזקאָווער אַדרעס און לאַדט מיך ווידער אײַן, אין איר נאָמען און אין איר מאַנס נאָמען. אפשר ביסטו — שרײַבט זי מיר — איצט אויף זומער־וואַקאַציעס, אָדער קלײַבסט זיך אין אורלויב? — בעט זי מיך שטאַרק — קום צו פאָרן! ועסט מיך דערפרייען! איך בין טאָג אין טאָג מיט מײַן זונעלע אין דער היים. אַ גרוס, — שרײַבט זי — דײַנע טאַטע־מאַמע... איך נעם דיך אַרום און וואַרט מיט אומגעדולד אויף דײַן ענטפער. דײַן מלכה...

טוט אַ קוק שפרה אויף דער מאַמען און דערזעט — אַ לויטער־ריינע פּערל־טרער טרעט אַרויס פון איר אויג. פרעגט זי בײַ איר:

— מאַמע, וואָס וויינסטו?

— איך וויין ניט, שפרה. איך בין גערירט ביז טרערן, וואָס גוטסקײַט אין דיר איז, טאָכטערקע מײַנע. פרייִדסט זיך פון גאַנצן האַרצן מיט דײַן חברטעס העל מזל...

— מאַמע, זי איז דאָס ווערט. ווען דו קענסט איר, — אַזאַ ווױלע, פּיקחותדיקע, מיטגעפילט, ניט אָפּגעטראָטן פון מיר, געלינדערט מײַנע שווערע איבערלעבונגען...

— אַוודאי, טאָכטער, איז אַ יושר, זאָלסט זיך טרעפן מיט דײַן ליבער חברטע. האָסט זיך פאַר די לעצטע פאָר יאָר ניט ווייניק אָנגעבידעוועט. ס'קומט דיר כאַטשבי אַ וואָך אָפּרוען, ווילטיקן זיך אין אַזאַ שיינער שטאָט ווי קיִעוו. ווער רעדט נאָך סוף־זומער, ווען אומעטום אַרום איז ליכטיק, גאָלדיק. דאַרפסטו דאָך איר, שפּרהלע, באַלד צו וויסן געבן — דער טאַטע וועט קומען, וועל איך מיט אים איבעררײדן. אַ יושר גדול זאָלסט פאָרן, טאָכטער.

— איך וואָלט זייער וועלן, מאַמע, זען זיך מיט מלכהלען. איך קאָן עס גאָר דיר ניט איבערגעבן.

— מיר װעלן אַלץ טאָן, שפּרהלע... אויב שוין יאָ, איז דיך אויסריכטן אין װעג לײַטיש, מיט װירדע זאָלסט זיך ניט דאַרפן, חלילה, שעמען — אויפנייען אַ פּאָר פּלאַטיעס, קויפן נײַע טופליעס און פאַרן ייִנגעלע, למען השם, פּאָר ניסימלען ברענגען צופירן אַ פײַנע מתנה. קום, טאַכטער אין שטוב אַרײַן. ס׳וועט זײַן רעכט, אם ירצה השם...

אין קיִעוו

בײַ די לעצטע סטאַנציעס פאַר קיִעוו איז שוין שפּרה געשטאַנען אין וואַגאָן־קאָרידאָר בײַ אַ פענצטער, נאָענט צו דער אַרויסגאַנג־טיר, מיט אַ קליינעם טשעמאָדאַן אין האַנט און מיט אַ פּלושענעם, ברוינעם בער אין דער צווייטער האַנט, בײַ איר אַקסל. אירע מחשבות האָבן זיך גע־טראָגן האַסטיקער ווי דער צוג: „האָט מלכה צו דער צײַט געקראָגן איר טעלעגראַם — ווען זי פאָרט אַרויס, מיט וועלכן באַן, דעם נומער פון וואַגאָן?"

— „מירן דיך באַגעגענען" — האָט איר מלכהלע נאָך פריִער טע־לעגראַפיש צו וויסן געגעבן. הייסט עס, אויפן פּעראָן וועט זי זײַן מיטן מאַן. זי וועט קומען — טראַכט זי, — מיט אַ זומערדיק, געקווייטלט טיכל אויפן קאָפּ — דאָס פּאַסט איר. זי געדענקט: מלכה האָט ניט ליב קיין היטעלעך... אַ שיינער טאָג... גוט! און זי האָט מורא געהאַט פאַר אַ רעגן — זאָל ניט נאַס ווערן דער בער...

— דאַרניצאַ, דאַרניצאַ! די פאַרלעצטע סטאַנציע, — דערמאָנען די פּאַסאַזשירן איינער דעם אַנדערן און אַ סך פון זיי גרייטן זיך שוין מיט די טשעמאָדאַנעס, פּעקלעך, „אַוואָסקעס",* מע רוקט זיך צום אַרויסגאַנג.

---

* אַוואָסקאַ — רוסיש: אַזוי האָט דער „עולם־גולם" אין די סאָוועטישע צײַטן אַ נאָמען געגעבן דאָס אויסגעשטריקט פון פּראָסטן פאָדעם, ווי אַ נעץ, לאַנג זעקעלע. מען קאָן עס צונויפנעמען און גרינג פאַרשטופן אין קעשענע.
דער שורש פון „אַוואָסקאַ" — דאָס קלאַסישע רוסישע וואָרט „אַוואָס" — בוכשטעבלעך אויף מאַמע־לשון באַטײַט עס — טאָמער, אפשר, מעגלעך, קאָן טרעפן, אַ קשיא אויף אַ מעשה... אין דער סאָוועטישער ווירק־לעכקײַט האָט דאָס ווערטל „אַוואָסקאַ" באַקומען אַ שאַרף־סאַטירישן, אָפּלאַכע־רישן גלאַנץ און אונטערשלאַק; און צוליב דעם טאַקע האָט אים דער ערב־רב אַרויסגעגעבן פון זיך:
— טאָמער גיט מען הײַנט אין מאַגאַזין הינער?...
— אפשר וועט זיך פּלוצעם באַווײַזן הערטשקע, רײַז?...
— ס׳קאָן טרעפן, מ׳זאָל ראַפּטאָם ברענגען צו פירן פיש...
— מעגלעך, אַז הײַנט זאָל מען געבן, דער טײַוול ווייס, מאַראַנצן...
— אַ קשיא אויף אַ מעשה — קוקורוזע־בוימל...
און אַזוי ווײַטער און כדומה.
לויפט מען ביז־וואָס־ווען, ניט טויט ניט לעבעדיק, צום מאַגאַזין, פאַרכאַפּן

שפרה ווערט אַלץ אומרויִקער. דאָס האַרץ שלאָגט שטאַרק־שטאַרק, פאַרטויבט דאָס קלאַפּן פון די רעדער. זי האַלט שטײַפער דעם טשעמאָדאַן אין דער האַנט און דריקט צו מיט דער צווייטער האַנט דעם בער מיט די שוואַרצע בלישטשענדיקע אויגן, צו איר ברוסט...

די באַן גייט פּאַמעלכקע, אַרײַן אונטערן דאַך פון פעראָן, שטעלט זיך אָפּ. און מלכה, אָן אַ טיכל, מיט אונטערגעשאָרענע האָר, — האָט באַלד דערזען שפרהן דורכן פענצטער און פאָכעט מיט ביידע הענט און שרײַט:

— שפרה! שפרה!...

און שפרה שאָקלט צו צו איר מיט די קוטשערלעך. זי האָט באַוויזן צו באַמערקן נעבן מלכהן אַ הויכן, דאַרלעכן, אין ברילן — פאַרשטייט זי, מלכהס מאַן. און אַ באַרויִקטע, שמייכלענדיקע — אָפּגעטראָטן, אָפּגעפלאָסן פון איר האַרצן די ברויזיקע אומרו־כוואַליע — „מ׳האָט זי באַגעגנט!״... און לאָזט זיך צוזאַמען מיט די פּאַסאַזשירן אַרויס פון וואַגאָן.

— —

אַראָפּגעשטיגן פונעם אונטערשטן טרעפּל, פאַלט שפרה אַרײַן אין מלכהלעס אָרעמס. איר מאַן נעמט צו בײַ שפרהן דעם טשעמאָדאַן און דעם בער, פרײַ צו מאַכן איר די הענט און שפרה כאַפּט אַרום מלכהלען, דריקט זי שטאַרק צו איר ברוסט און ווידער ווי דאַן, אין צוזאַמענווייִנונג, האָבן זייערע טרערן אויף די באַקן און זייערע העלדזער צונויפגעמישט זיך, צונויפגעגליט.

די ערשטע עטלעכע ווערטער זײַנען געווען מלכהס:

— לאָז מיך דיך אָנקוקן — אַ סאָסנע! שפרה, כ׳האָב קיין טעות ניט, כ׳בין שוין נעבן דיר אַ קוסטיקל.

— ניין, ניין! — די טופּל... די מאַמע האָט געזאָגט: שאַדט ניט, אַז דער קאָרעק וועט זײַן העכער. זאָל קיִעוו וויסן — טיראַספּאָל איז אויך אַרײַן אין דער מאָדע.

— באַקען זיך שפרה מיט שמואליקן.

— אוי, זײַט מיר מוחל! — זאָגט שפרה צו מלכהלעס מאַן, — אָנגעלאָדן מיט מײַנע זאַכן און נעם זיי בײַ אײַך ניט צו.

— איצט וועל איך זיי טראָגן, ער שטעלט אַוועק נעבן זיך איר טשעמאָדאַן און שטרעקט איר אויס זײַן האַנט. שפרה דריקט זי פעסט:

— און ווער איז מיטן זונעלע?

— מײַן מאַמע, — ענטפערט שמואליק.

אַן אַטשערעד (ריי) און לויפנדיק, צײַט מען, ווי פּאַרסמטע, פון קעשענע אַרויס די אַוואָסקע, מ׳זאָל קאָנען וואָס שנעלער און וואָס מער אַרײַנשטופּן — אַבי מ׳זאָל נאָר עפּעס קריגן, מ׳זאָל עפּעס „געבן״...

— איך בין טאַקע געווען ניט איבעריק זיכער, זאָגט מלכה, — ווי, אַז די באַן פאַרשפּעטיקט אויף אַ פּאָר שעה? ס׳פּאַסירט ביי אונדז אַזעלכע זאַכן... וועל איך זיין געצוווּנגען לויפן צוריק אַנקאַרמען ניסימלען... און ווי מאַלט מען אָפּ שמואליקן דיין אויסזען? — קיין שום באַזונדערע סימנים האָב איך ניט. ווען איך ווייס, אַז דו האַלסט אין האַנט אַזאַ גרויסאַרטיקן בער, — קיין בעסערן סימן קאָן גאָר ניט געמאָלט זיין...

און איך האָב געטראַכט — איך ווייס אַליין ניט פאַר וואָס, — אַז דו וועסט קומען מיט אַ טיכל אויפן קאָפּ...

— ביסטו זיך ניט טועה געווען, שפרה, — זי צעעפנט איר העלן פּרויען האַנט-בייטעלע און נעמט אַרויס דאָס זומער-טיכל, אויסגעקווייטלט מיט קאַרנבלימלעך, — אָט איז עס. איך בין צוגעקומען צום וואָקזאַל, איז מיר פּלוצעם הייס געוואָרן, האָב איך אים אויסגעטאָן.

— דאַרפן מיר צואיילן, ניט אַזוי נאָענט, — באַאומרויִקט זיך שפרה.

— ניין, שפרה, מיר האָבן נאָך גענוג צייט. מיר וועלן צוגיין צום טראַמוויי און אין אַ האַלבער שעה זיינען מיר אין דער היים.

— גייען מיר, — שמייכלט צו זיי ביידן שפרה און גיט ווידער אַ קוק אויף איר טשעמאָדאַן און שפּילצייג ביי שמואליקן, ווי זי וואָלט עס באַדאַרפט ביי אים צונעמען, אַליין טראָגן. נאָר ער מאַכט שוין מיט דעם די ערשטע שריט און שפרה נעמט אָן צאַרט מלכהן ביי דער האַנט.

און ווען זיי האָבן זיך אין דרייען אַוועקגעלאָזט צום טראַמוויי און שמואליק איז געגאַנגען אַ ביסל פאַרויס זיי, האָט מלכהלע ניט געקאָנט איינהאַלטן איר פרוייִשע נייגעריקייט:

— ווי?... און אַנגעוויזן מיט אַ בליק אויף שמואליקן...

האָט איר שפרה אַריינגעשעפּטשעט:

— דורך די דיקע ברילן-גלעזער פאַר קורצזיכטיקע, קוועלט אַרויס פון זיינע אויגן — גוטסקייט און תמימות. איך בין גליקלעך פאַר דיר! און נאָר אַזוי האָט עס געזאָלט געשען. און דאַנק דיר, וואָס דו האָסט מיך ניט פאַרגעסן, ווייל איך אַליין האָב געזוכט פאַר זיך פאַרענטפערונג און באַרעכטיקונג, ניט געקאָנט גובר זיין די טויזנט סיבות און תירוצים, קיין איין בריוועלע דיר ניט געשיקט — שטעל איך דיך, מלכהלע, ניט צו פאַרגלייכן העכער פון זיך. איך חנפע ניט, זאָג וואָס מיין האַרץ זאָגט, אַזוי ווי דאָס איז, דעם ריינעם אמת...

זיי גלייכן זיך אויס מיט שמואליקן און ער זאָגט שפרהן:

— נאָך אַ ביסעלע און מיר זיינען ביים טראַמוויי.

שפרה קוקט זיך אום: זיי גייען דורך אַן אַלייע מיט ריזיקע קאַשטאַן-ביימער. ס׳ווינקען צו איר פון גרינעם גראָז דאָ און דאָרט גרויסע, רייפע,

ברוינע קאַשטאַנעס. זי הייבט אויף אַ קאַשטאַן — ס׳איז איר אָנגענעם צו גלעטן מיט אירע פינגער זײַן מאַטע, געשליפֿענע רונדיקייט, שפּיגל־שײנקייט, ווי זי וואָלט פּלוצעם דערפֿילט יאַסיס אַ באַריר... פֿאַרפּרעסט זי שטײַפֿער אין איר דלאָניע דעם קאַשטאַן.

— זײַנען בײַ אײַך קיין רעגנס ניט געגאַנגען? — פֿרעגט זי שמואליקן.

— קיין איין רעגנדל. ווי תמיד, איז איצט זוניקער, קיִעווער אָסיען, וואָס דויערט ביז סוף אָקטאָבער. די חיותדיקסטע צײַט פֿון יאָר.

שפרה וועגדט ווידער איר בליק אַרום זיך — גרין, גרין, ס׳גאָלדיקן זיך שוין, ס׳געלבן די בלעטער... זי בלײַבט אַ רגעלע שטיין:

— און ווו איז די שטאָט?

— אָ דאָס איז זי! — איז שטאָלץ מיט זײַן היימשטאָט שמואליק. אײַנגעטונקט אין אַלייען און סעדער. איין גרויסער, דורכאויסיקער סאָד, ניט אַרומצוקאַפּן מיטן אויג, אויפֿן הויכן באַרג בײַם דניעפּער. מיר ווײַנען אונטן, אויף פּאָדאָל, אַזוי הייסט אונדזער ראַיאָן, בײַם שטאָטישן האַפֿן, לעבן טײַך.

— ס׳מאַכט ניט אויס וואָס אויף פּאָדאָל, — גיט צו מלכה, — מיר ווײַנען נאָענט פֿון דעם פֿוניקוליאָר.* און מירן ניט איין מאָל מיט דיר, שפרה, אַרויפֿפֿאָרן אין דער הייך, ווו ס׳שטייט דער מאָנומענט פֿון וולאָדימיר מאָנאָמאַך מיטן גרויסן צלם אין דער האַנט, געווענדט צום טײַך, שפּאַצירן דאָרטן, אָדער זיצן אויף אַ באַקוועמען שטילן באַנק און קוקן. פֿונעם גרינעם וולאָדימיר־בערגל איז אומבאַשרײַבלעך די רחבות־שיינקייט פֿון קיִעוו בײַם דניעפּער.

וועט זיך ניסימל ניט דערשרעקן?

אַרײַנגעקומען אין אַ געוויינלעכן, ניט גרויסן, גרינעם שטאָטישן הויף, צו צום גרויען, אָפּגעבליאַקעוועטן צוויי־שטאָקיקן מויערל;

— דאָ, שפרה, ווײַנען מיר, אין קאָרידאָר, פֿאַר די טרעפּ איז אונדזער דירהלע מיט אַ גאָלדענער וויגאָדע — אַ זעלטנהײַט — אַליין פֿאַר זיך!

און שוין צוקומענדיק צו דער טיר, שטרעקט אויס שמואליק שפרהן דעם בער:

* פֿוניקוליאָר — אַן עלעקטראָ־טראַמווײַ, וואָס הייבט זיך מיט דער הילף פֿון שטאָלענע קאַנאַטן, אַרויף־באַרג.

— דאָס איז, פאַרשטיי איך, אייַער געשאַנק פאַר ניסימלען?

יאָ, געוויס!, — זי קוקט שעמעוודיק אויף שמואליקן.

— פאַסט אייַך, דעם גאַסט, אַרייַן מיט דער אומגעריכטער, אַריגי־נעלער מתנה אין שטוב.

און שפרה, ווידער מיטן בער אויפן אָרעם, פרעגט שמואליקן און מלכהן, כמעט, ערנסט:

— וועט זיך ניסימל ניט דערשרעקן?

ניט באַוויזן נאָך אַנצוקלאַפּן, דערהערט מלכה דורך דער טיר דעם קינדס געשרייען:

— טאַקע דערשראָקן זיך... שמואליק, גיי קלאַפּ אין שויב, דאָס תכשיטל האָט זיך אַזוי צעגוואַלדעוועט, אַז די מאַמע וועט אונדזער קלאַפּן אין טיר ניט דערהערן. נאָר זי האָט דערהערט און עפנט מיטן שרייַענדיקן ניסימל אויף דער האַנט.

— שוין, זונעלע, שוין! מיר זייַנען דאָ מיט דער מילך־פּערמע!...

און זי נעמט דאָס ליאַרעמדיקע עופל פון דער שוויגערס הענט צו זיך. זי צעשפּיליעט האַסטיק איר בלוזקע, — געדולד, ניסימל, געדולד! — זי זיצט שוין מיט אים אויפן שטול, דערלאַנגט אים די ברוסט, דאָס ברעקל נישטערט מיט די הענטלעך, אָנגעטראָפן מיטן מייַלעכל, אייַנגעניורעט זיך, זויגט, זויגט, העלפט זיך צו מיט אַלע אברימלעך, אַלץ העכער, זגראַבנער, שטשעמעט זיך אייַן און ציט מיט פאַרמאַכטע אייגלעך און אומגעהויער זשעדנעקייַט די קוואַליקע, זיסע זעטיקייַט.

און שמואליק און די באָבע און שפרה זייַנען געבליבן שטיין שווייַגנ־דיק־פאַרגאַפט, רירן זיך פון אָרט ניט, ניט צו שטערן דער יונגער מאַמען מיטן זויגלינג אויפן שויס.

ווען ניסימל האָט געשטילט דעם ערשטן דורשט, אַרויסגעגליטשט זיך דער וואָרצל פון זייַן מייַלעכל. און אויך מלכהלע האָט פון אָנשטרענגונג און פון פאַרבאָרגענער מוטער־פרייד איבערגעכאַפּט דעם אָטעם, פרעגט זי אייַנגעהאַלטן־רויִק בייַ דער שוויגער:

— האָט ער לאַנג געוויינט?

— ניין, נאָר יעדעס אייניקע מינוטקעלע ציט זיך אויסערגעווייגלעך לאַנג. דאָס האַרץ פאַלט מיר אייַן. איך גיי מיט אים אַרום איבערן צימער און הושקע אים און הושקע, געוואָלט אים באַנעצן די ליפּעלעך מיט אַ לעפעלע זיסן טיי, נאָר כ'האָב מורא אַרייַנצולייגן אים אויף אַ רגעלע אין וויג, ער זאָל זיך ניט פאַרגיין... כ'פאַרליר מיך, ווי כ'וואָלט גאָר קיין מאַמע ניט געווען... געזונט און מזל אין אַלע זייַנע גלידערלעך! אַזאַ מין סאָרט שרייַערל...

און מלכה פרעגט ביי איר: — שטאַרקער פון שמואליקן?

—קיין פאַרגלייך ניט! שמואליק איז געווען אַ שטיל שוועלבעלע, אַ נעבעכל.

— אמת, שמואליק? — שפּאַסט אַלץ מלכהלע.

— מאַמע, באַקען זיך מיט שפרהן.

— מיטן גרעסטן כבוד! לאָמיך, אָקאַרשט באַטראַכטן די מתנה. ווי קריגט מען עס איצט אַזאַ בער אַ קראַסאַוויעץ? אין אַזאַ רייכן, פלושענעם אָנצוג. אַריסטאָקראַט! מיט אַזעלכע צוויי פייערדיקע קוקערס-שטורקאַצן! ניט פון די פאַרמוטשעטע, וואָס אַ ציגיינער האָט אַרומגעשלעפּט אויף אַ קייט איבער די יאַרידן — נאָר גאָר אַ וואַזשנער בער אַ מיוחס, פון די געווענע...

האָבן זיך אַלע צעלאַכט. זי שטרעקט אויס שפרהן איר האַנט:

— מאַריאַשאַ הייס איך. אַ פּשוטע ייִדענע. אַ מאַמע פון צוויי זין. שמואליק איז דער בכור און רחמיעלקע — דער מיזיניק. אַ! ניסימל וועט אַ קאַפּעטשקע אויסוואַקסן און זיין אין התפעלות פון דער מתנה, ניט אויפהערן מיטן לעקיש-בער צו קושן זיך און האַלדזן. נו, קינדערלעך, כ׳האָב מיינס אָפּגעטאָן. צונויף געקומען. אַ מאַמע זאָל ניט צונויף קומען, איז זי דאָך קיין מאַמע ניט... ווער איך לויפן אַהיים — אַ משפחה, ווארעמעס-צייט. מע דאַרף געבן אכלען אַ מאַן, אַ זון, אַ מאַמע — ניסימלס עלטער-באָבע פייגע-ראָכע, אַ מהות, אַ בר-דעת. דערלעבט, גאָט צו דאַנקען, דאָס ערשטע אור-אייניקל! אויף אַלע ייִדישע טעכטער געזאָגט געוואָרן! זייט איר, שפרה, אַ טיראַספּאָלער?

— יאָ, ניט לאַנג איבערגעקליבן זיך פון בערעזאָווקע, אַ שטעטל ניט ווייט פון אָדעס, — ענטפערט איר שפרה.

— געקומען זען זיך פון אַזוי ווייט מיט אַ חברטע?... זייער אָנ־שטענדיק, לייטיש. אַ גוטער סימן אויף אַנדערע, בעסערע צייטן. אַ שיינע שטאָט טיראַספּאָל?

— אַ שיינע! אויך מיט אַ סך סעדער. ביים דניעסטער.

— און מיר — ביים דניעפּער. ביי אַ טייך איז צו לעבן הימלעכער. אַפילו צו שטיין און קוקן אויף אַ קילן שוועבנדיקן וואַסער, איז אַ לאַבונג, אַ דערקוויקעניש פאַרן האַרצן. אַ שאָד, איך איַיל. מירן זיך נאָך זען מיט אייך. לויף איך קינדערלעך.

און מלכה באַגלייט זי אַרויס מיט די ווערטער:

— אַ גרויסן דאַנק, אייך, מאַמע! פאַרגעסט אונדז ניט! גריסט האַרציק די עלטער-באָבן, דעם זיידן, רחמיעלן — זאָל ער אַריינקומען...

מאַריאַשע איז אַוועק. ניסימל איז ביי דער מאַמעס ברוסט איינגע־

שלאָפן. זי הויבט זיך אויף פּאַמעלעך מיטן זון און זאָגט שטיל — אַ זאַ־טינקער, וועט עס אַצינד געשמאַק פּאָפּינקען... און טראָגט אים צום וויגעלע אין אַנדערן צימער, קומט צוריק.

— איך וועל איינס און צוויי אָנוואַרעמען דאָס מיטאָג. ביי מיר איז אַלץ גרייט. שמואליק נעם אַרויס דאָס געשיר.

— און דאָס פלאַש ווייַן און די בעכערלעך לכבוד אונדזער גאַסט...

— יאָ, שמואליק. און פונעם שפּייַז־שאַפקעלע אַ סלויטשיק ניעזשינער אוגערקעלעך. עפן עס. גוט מיט זיי צו פאַרבייַסן. כ׳האָב ליב ווען זיי כראָמשטשען אויף די ציין און... מילא, דעם הערינג וועל איך שוין אַליין מאַכן. געפעלט דיר, שפרה, ווי איך האָב מיך באַרימט? — ביי מיר איז שוין אַלץ גרייט...

ווען מלכה האָט גערייניקט דעם הערינג איז שפרה צו צו דער אָפענער קיך־טיר:

— קוקסט, שפרה, ניט אַרייַנצוגיין — אַ פּיצל קיכעלע, גרויס ווי אַ קעזקיכעלע. איך אַליין האָב קיין פּלאַץ ניט, ווו אַ קער צו טאָן זיך. און אַז מען קאָן זיך אין אַ קיך ניט אַרומדרייען, ביסטו קיין באַלעבאָסטע ניט.

— מלכהלע, ניט וועגן דעם האָב איך איצט אַ טראַכט געטאָן. כ׳האָב פאַר מייַנע אויגן דערזען אונדזער צוזאַמענוווינונג־צימער. ווי שלעכט עס איז ניט געווען, זאַלבע־פערט האָבן מיר געוווינט, אָן אַ קיך, און ווי זאַרגזאַם און טרייַ געווען צווישן זיך. אַרויסגעהאָלפן ביי יעדער קלייניקייט, בייַם קאָכן אונדזער געמיינזאַמען קאַרטאָפל־זופּ. — אַלע האָבן אייפערזיכטיק געוואָלט גלייַכבאַרעכטיקט באַשעפטיקן זיך — שיילן, שאָבן, בראָקן די ציבעלע... שטיין ביי דער קעראָסינקע. אַפילו בייַם וואַשן דאָס געפעס, געריסן, ממש, איינע ביי דער אַנדערער די טעלער, די קרוזשקעס פון די הענט.

— יאָ, שפרה, איך האָב עס ניט פאַרגעסן. האָט דאָך אונדזער איינציק פענדל, פייגעלעס פענדל, געשייַנט תמיד ווי אַן ערשט־געכשרטע, אַן ערב־פּסחדיקע. און מאַכן אַ הערינג, כ׳דערמאָן זיך, יעדע פון אונדז האָט דאָס געוואָלט טאָן. ביסטו מיך אויך איצט, שפרה, מקנא? — צעלאַכט זיך מלכהלע. — ווייסט וואָס, מייַן שמואליק איז אַן אויסערגעוויינלעכער הערינג־פרעסער, ווער רעדט נאָך מיט הייסע קאַטראָפּליעס. מאָרגן צו פרישטיק וועל איך זיי שיילן און דיר גיב איך אָפּ דעם כבוד פון קוילען דעם הערינג... דערערדט זיך?...

און שמואליק, וואָס איז געווען פאַרנומען בייַם גרייטן דעם טיש, באַמערקט:

— מלכהלע, פון אַלע שטאַנדפּונקטן האַלט עס ניט אויס קיין קריטיק. ס'פּאַסט ניט פאַר שפרהן, אונדזער גאַסט ?

— גאַסט, צי ניט גאַסט — ס'פּאַסט, שמואליק! ווען אַנדערע פאַר אירע אויגן זײַנען מיט וואָס פאַרהאַוועט, טוען עפּעס, מוז זי צוהעלפן. זי קאָן ניט זיצן צונויפגעלייגט די הענט, ס'איז איבער אירע כוחות...

— אוי, מלכהלע, פאַרשטייסט מיך אויף דורך און דורך!

— און ווײַל איך קען דיך אַזוי גוט, האָב איך געבענקט נאָך דיר.

— און בײַ דיר, איז מלכה רעכט, אַז שפרה זאָל אין אונדזער קלעטקעקיכל, אין די נײַע טופל און דאָס קלייד אירס, מסתם, אויך אַ נײַעס, — שטעלן זיך שינדן דעם הערינג ?...

— שמואליק איך האָב מיט זיך אין מײַן טשעמאָדאַן מיטגענומען אַ פאַרטעכל מיט אַלטע שטוב-שיכלעך...

— פאַרשטייסטו, שמואליק, שפרה האָט עס פאַרויסגעזען...

— אויב אַזוי... רופט שמואליק אויס פרײַערלעך, — בײַ מיר איז אַלץ פאַרטיק!

און מלכהלע האָט אויף אַ טעלער געטראָגן דעם צעפּערלטן הערינג, אַרומגעלייגט מיט אַ סך בלענד-ווײַסע ווי שניי ריפּטעלעך ציבעלע:

— שפרהלע, צום טיש!

בײַם אייגענעם טיש

האָט שמואליק אויפגעהויבן דאָס פולע בעכערל ווײַן פאַרן ליבן גאַסט, פאַר דויערהאַפטער פרײַנדשאַפט פון חברים און געווונטשן שפרהן אַלדאָס גוטס, דערגרייכן אין דער נאָענטער צוקונפט, אירע באַגערן און טרוימען.

דאָס ערשטע מאָל אין איר לעבן געשעט — מ'טרינקט לכבוד איר. האָט זיך שפרה פלוצעם אויפגעשטעלט:

— ניין, ניין! פריִער פאַרן זיסן נפשל, פאַר ניסימלען, — טאַטע-מאַמע זאָלן האָבן פון אים אַ פולע, פולע שטוב מיט נחת! ער זאָל וויסן פון אַ זיכערן, ליכטיקן גורל און זײַן אַ גרויסער בר-מזל! — און שטייענדיקערהייט אויסגעשטרעקט די האַנט צום אָנגעפולטן גלעזל, צוגעטראָגן צו אירע ליפּן און אויסגעטרונקען ביז צום דנאָ.

— צו געזונט, צו געזונט! — האָט אויסגעשריען מלכהלע.

שפרה האָט זיך אָוועקגעזעצט אויף איר אָרט. דערזען, איר פול גלעזל שטייט ניט גערירט: — אוי, פאַרביטן די יוצרות, כ'האָב אויסגעטרונקען דײַנס, מלכהלע...

— דאָס האָט קיין שום באַדײַטונג ניט! — האָט אויסגערופן שמואליק און גיסט אָן אויפסנײַ פון פלאַש אין מלכהלעס גלעזערנעם בעכערל. — אַצינד לאָמיר צוזאַמען אויסטרינקען פאַר אונדז אַלעמען!

מע האָט פאַרביסן מיט די קליינינקע „ווייִנענדיקע" ניעזשינער אוגערקעלעך און מלכה טראָגט שוין פון קיך די הייסע פּאַטראַוועס. שפרה לאָזט זיך ניט בעטן, ס'רודערן, ס'קלינגען גאָפל־לעפל, ס'עסט זיך מיט הנאה.

און אַז מע זיצט בײַם אייגענעם טיש און אַ געטרײַע חברטע איז דערבײַ און מע טרינקט נאָך אויס אַ פּאָר גלעזלעך ווײַן, ווילט זיך אויך מלכהלען טיילן מיט אירן אַ רעיון:

— ווערליג איך פאַרשטיי און ווערליג איך פיל, ווערן מענטשן ניט שטענדיק איבעראַשט פון דעם אַז מע דערמאָנט זיי מיט שיינע ווערטער דאָס, וואָס זיי סטאַרען זיך אָוועקשטויסן פון זיך און כאָטש די גאַנצע צײַט גייט עס בײַ זיי במילא ניט אַרויס פון זינען...

— מלכהלע, — דערווידערט שמואליק, — דאָס איז שוין אַ מין מחשבה־גילגול... אַמער מיר געפעלט דאָס שטרעבן צו פאַרשטיין און פילן, אָבער לויט דײַן „ווערליג" קאָן מען קומען צו אַן אויספיר — איבעריק די אַלע ווינשעוואַניעס, אַן אומזיסטע טרחה. אַלץ איז אַנען־פאַר־זיך זעלבסטפאַרשטענדלעך... מיט וואָס־זשע זיי דאַן פאַרבײַטן?... און אפשר ביסטו ,מלכהלע, גערעכט — ס'וועלן אָנקומען די גאָלדענע יאָרן פון כולו פריידי און גליק און דאָס ווינטשעניש וועט אַרויסרופן טשיסטע גלעכטער און גרילצן אין די אויערן. אַזוי אַלטמאָדיש, ווי פון מלך סאָביעצקיס צײַטן וועלן זיי זײַן... און אויב איר ווילט מיך שוין יאָ אויסהערן ביזן סוף — שפרה האָט ערשט געזאָגט: — „ניסימל זאָל וויסן פון אַ זיכערן, ליכטיקן גורל און זײַן אַ גרויסער בר־מזל"... האָט זיך עס בײַ מיר פאַרקריצט — פאַרוואָס? — שפרה רעכנט אויס באַזונדער דעם גורל און באַזונדער דאָס מזל... אין אונדזער גרויסן לאַנד קומען פאַר ריזיקאַלע ענדערונגען און געשעענישן. זיי האָבן אַרויסגערופן — צווישן אונדז זאָל עס בלײַבן, אין פיל ערטער און אין דער ערשטער ריי אויף אוקראַינע, אַ גרויזאַמען הונגער, וואָס יעדערער פון אונדז פילט אים נאָך טיילווײַז איצט. צי קאָנען מיר, וואָלט איך געזאָגט, פשוטע, קליינע מענטשעלעך, טאָן וואָס דערצו, ס'זאָל ווערן באַלד צוריק גוט, אַ שפע? — ניין, ניט ביכולת! אָט דאָס הייסט — גורל! און מיר זײַנען אין קלעם פון זײַנע אײַזערנע, און איך וואָלט צוגעגעבן — קיינער הערט מיך ניט — שטאָלענע ידיים... אונדז בלײַבט בלויז איבער צו טרייסטן זיך, אויסקוקן אויף בעסערע צײַטן... און דערצו, ווי די רוסישע מענטשן דריקן זיך אויס —

זײַן נידעריקער פֿון גראָז און שטילער פֿונעם וואַסער... ווײַל אויב עמעצער וועט פּרוּוון קאָכן זיך אָדער, בפרהסיה אַ קרים טאָן מיט דער נאָז, ניט וועלן גלעטן מיט די האָר אַראָפּ... שמירן איבער דער וואָנצע... לעקן דעם שטויב, אַרומטאַנצן, אַרומפּאַדזיען, — קאָן אַזאַ עמעצער, חס־ושלום, פֿאַרלירן דאָס טײַערסטע — ס׳יונגע לעבן... אָט, זעט איר, מיטן מזל, איז עפּעס אַנדערש! ער איז אונדזערער אַ היימישער אַ הויז־אַרײַנגייער, אַ צוגעלאָזענער, כאַטש אַ גרויסער קונדס, אַ ווײַסער־חברהניק. און ניט זעלטן שלעפּט זיך אים נאָך, ווי אַ לאַנגער פּאַווע־עק, זײַן „שלים״... און דאָך איז ער מיט חסד — מ׳קאָן בײַ אים געפֿינען צוטרוי, אָנטאָפּן אַ סטעזשקעלע... און אומדערוואַרט — איר וועט זיך גאָרניט ריכטן, וועט ער אײַך אַרײַנשמוגלען אין דער דלאָניע — דאָס טײַערע, דאָס פּיל־געגאַרטע קוויטעלע פֿון אַ בר־מזל... אָט וועל איך אײַך ,שפּרה, ברענגען אַ קאָנקרעטן בײַשפּיל ווי אַזוי איך האָב געהאַט צו טאָן מיטן ווײַסן חברהניק, — מלכהלע איז אַן עדות. און ניט נאָר אַן עדות — אַ גלײַכע שותּפֿטע אין דעם מזל־ענין: אַלס סטודענטס פֿון לעצטן קורס פֿונעם קיִעווער אינסטיטוט פֿאַר פֿאָלקסבילדונג, האָט מען מיך געשיקט צום נײַעם לערניאָר אויף צוויי־חדשימדיקער פּראַקטיק קיין אַנאַניעוו, אַ שטעטל ניט ווײַט פֿון אײַער בערעזאָווקע...

— איז דאָך מלכהלע אַן אַנאַניעווער, — שלאָגט אים איבער שפּרה.

— אָן קיין שום ספֿק. געקומען אַהין מיט עטלעכע טעג פֿריִער, כדי רויִקער, אָן אײַלעניש, אײַנצואָרדענען זיך. איך האָב שוין געהאַט דערפֿאַרונג — צוויי יאָר געאַרבעט אין אַ שטעטלדיקער ניט־פֿולער מיטל־שול. אָפּגעשטעלט זיך אין דער אַנאַניעווער גאָסטיניצע — אַזוי איז אָנגעצייכנט אויפֿן שילדל. ס׳איז אַזוי אַ האָטעל, ווי איך בין אַ באַלערינע... אַ שמוציקער, פֿאַרהאַדזשעטער אַרײַנפֿאָרהויז. — אין אַ צימער פֿאַר זעקס מענטשן, מיט דער האָפֿענונג, אין משך פֿון אַ צוויי־דרײַ טעג צוזוכן אַ באַזונדערן, מער־וויִניקער, זויבערן צימער, מיט אַ טישל און לאָמפּ, איך זאָל אין די אָוונטן האָבן אַ מעגלעכקײַט גרייטן זיך צו די לימודים, איבערצוקוקן העפֿטן און אויך קאָנען זיך דערליידן מיט דער באַלעבאָסטע, לכל הפּחות, עסן בײַ איר איין מאָל אַ טאָג אַ הייס געקעכץ.

אין אָוונט, איבערגעלאָזט אין גאָסטיניצע מײַן טשעמאָדאַן, שפּאַציר איך מיר דורך געלאָסן איבער איינעם פֿון די געסלעך און אין האַרצן טראַכט איך מיר: איך זאָל האָבן מזל תּיכּף אָנטרעפֿן אויף דעם, וואָס כ׳באַדאַרף. אַרײַנגעקומען אין אַ שטוב, די באַלעבאָסטע זיצט בײַם טיש, טרינקט טיי, קעגנאיבער איר טאָכטער — אַ מיידל פֿון אַ יאָר עטלעכע און צוואָנציק, ניט אַזוי דיק ווי די מאַמע, נאָר שוין היפּש פּולבלעך,

מיט געפּאַקטע באַקן. זאָג איך דער באַלעבאָסטע פון וואַנען איך קום, צוליב וואָס און וואָס איך וויל. ענטפערט זי מיר: אַ באַזונדער צימער אויף צוויי חדשים וועט זיך בײַ מיר געפינען. זײַט איר געקומען אויף פּראַקטיק? אַ קיִעווער?

— יאָ, — חזר איך איבער.

— און ווו זײַנען די זאַכן?

— אין האָטעל. איך האָב מיך אָפּגעשטעלט אין האָטעל.

— אויף וויפל?

— ביז איך וועל צוזוכן אַ פּאַסיקן צימער.

פירט זי מיך אַרײַן באַווײַזן דעם חדר — אַ פענצטער צום גאָרטן, אַ בעט, אַ טיש בײַם פענצטער — ס'איז דאָס וואָס איך דאַרף.

— און בנוגע אַ מיטאָג, איין מאָל אַ טאָג אַ געקעכץ?

— וועגן דעם, — ענטפערט זי מיר, — וועלן מיר ריידן באַזונדער. איינס צום אַנדערן האָט עס ניט...

— וויפל? — פרעג איך. רופט זי מיר אָן דעם פּרײַז. דערקלער איך איר: אַזויפיל ניט, ניט לויט מײַנע מעגלעכקײַטן. צוואַנציק רובל אַ חודש — ניט מער... איך וואַרט אַ רגעלע, די מאַמע וואַרפט אַ בליק אויף איר טאָכטער... און זי, אַזוי ווי ס'וואָלט צו איר קיין שום שייכות ניט געהאַט, שווײַגט... ווען איך האָב זיך שוין אויסגעדרייט מיטן רוקן צו זיי ביידן, מיטן פּנים צו דער שוועל, רופט זיך אָן די מאַמע: גיט צו אַ פינפערל...

— ניין, מער קאָן איך ניט.

— און ווו זײַנען די זאַכן?

— דער טשעמאָדאַן, האָב איך אײַך געזאָגט — אין האָטעל.

— וועט איר גיין נאָכן טשעמאָדאַן?

— אויב מיר וועלן זיך דעררעדן.

— האָבן מיר זיך שוין — זאָגט זי צו מיר — דעררעדט.

— איז גוט, — זאָג איך. וועל איך מיר דורכגיין אין האָטעל נאָכן טשעמאָדאַן.

זאָגט זי צו מיר פּלוצעם: און ווי, אַז איר וועט איבערטראַכטן? — און אין דעם מאָמענט קומט צו מיר אַרײַן אַן אַנדערער, שוין מיט די זאַכן? — וועל איך אויף אײַך ניט וואַרטן און אים אָפּגעבן דעם צימער. סײַדן, איר וועט מיר סילוקן פאַר אַ חודש פאָרויס.

— זײַט איר זיכער, אַז אין דעם מאָמענט קאָן אַרײַנקומען אַן אַנדערער?

— פאַרשטייט זיך! אין דעם מאָמענט קאָן אַלץ טרעפן...

פרעג איך ביי איר איר נאָמען, די גאַס און דעם נומער פון שטוב, צייל איר אָפּ די צוואַנציק רובליאַקעס; אַרויסגעגאַנגען, טראַכט איך: פּטור געוואָרן פון זוכעניש, האָב איך שוין אַ צימער. דער שווערסטער יאָך אַראָפּ פון מיר... און טו אַפילו קיין קוק ניט אויף דער שטוב, פאַרצייכן זיך ניט די גאַס און גיי זיך. מסתם, — טראַכט איך, — אין דער נויטיקער ריכטונג. אַלע וועגן אין שטעטל, פירן, במילא, צו דער גאַסטיניצע. נאָר אַז איך גיי שוין פון האָטעל מיטן טשעמאָדאַן, קוק איך. צי גיי איך ריכטיק אַהין ווו איך דאַרף? און נעם זיך ספקן, צי איז עס ניט דאָס אַנדערע, פאַראַלעלע געסל? איך באַדאַרף דעם נומער עלף, אָבער ס׳דוכט מיר, ניט דאָס געסל... טראַכט איך: כ׳וועל צוגיין צום ראָג, דאָרט דאַרף געוויס זיין דאָס שילדל מיטן נאָמען פון גאַס. אָדער פרעגן ביי עמעצן... איך קוק זיך אום — ניטאָ ביי וועמען, קיינער גייט ניט. אין דעם מאָמענט, עפנט זיך די טיר פון דער שטוב אַנטקעגן וועלכער איך בין שטיין געבליבן און אויפן גאַניק קומט אַרויס...

שרייט אויס מיט פרייד שפרה: — מלכהלע!...

— געטראָפן! — מלכהלע. מאַך איך אַ פּאָר טריט נעענטער און וויל ביי איר פרעגן: צי גיי איך איבערן געסל וואָס איך באַדאַרף, צי האָב איך ניט קיין טעות און רוף מיך אָן: זייט מיר מוחל... און אין דעם מאָמענט שטעל איך אַוועק מיין טשעמאָדאַן, נעם אַראָפּ די ברילן, וויש זיי אויס, טו זיי צוריק אָן — קוקט זי אויף מיר און זאָגט: איר ווילט מיך וואָס פרעגן? איר קול, די פינף געציילטע ווערטער האָבן אין מיין האַרץ אָפּגעקלונגען מיט אַזויפיל ליבלעכקייט און צאַרטקייט — איך ווענד פון איר ניט אָפּ מיינע אויגן. טוט זי אַ שמייכל: דאַרף מען אייך מיט עפּעס העלפן?

— ניין, — גיב איך מיר אין דעם מאָמענט אַ כאַפּ און רוף זיך אָן רויִק, דייטלעך: איך בין געקומען פון קיִעוו קיין אַנאַניעוו אַלס לערער, אויף צוויי חדשים פּראַקטיק. אפשר קאָן מען ביי אייך אויף אָט־די צוויי חדשים דינגען אַ צימער?

ענטפערט זי מיר: יאָ! די מאַמע דאַרף באַלד אַריינקומען.

זאָג איך: וועל איך מיט פאַרגעניגן צוואַרטן.

— קאָנט איר, — זאָגט זי צו מיר, אַריין און צוואַרטן אין שטוב.

— געוויס... און איך בין איבער די פּאָר טרעפּלעך מיטן טשעמאָדאַן אַריינגעקומען אין שטוב...

שפרה האָט אַזוי אויפמערקזאַם, נשתוממדיק, איינגעהערט זיך אין יעדן וואָרט שמואליק׳ס און ס׳איז זיך גאָרניט פאַרצושטעלן דעם רושם, אַרומלויף, געוויכער פון אירע מחשבות אין די געציילטע מינוטן, וואָס

ער האָט גערעדט. שוין בײַם דערמאָנען איר נאָמען אין שייכות מיטן גורל פון לאַנד און פּחד, וואָס דריקט אויף די מענטשן, האָט שפרה׳ן פאַרקלעמט, פאַרקוועטשט דאָס האַרץ ביז אויסצופּלאַצן מיט אַ געוויין. ווי אין יענער בערעזאָווקער נאַכט, בעת די ענקאַוועדיסטן האָבן נאָכן אַביסק (אונטערזוכונג) אַרויסגעפירט דעם טאַטן... און זי, באַוואַשנדיק זיך מיט טרערן, האָט געריסן, געשלײַדערט די בלעטלעך פון איר קאָמ־סאָמאָלסקן בילעט און געטראָטן זיי מיט די פיס... און אויב זי האָט זיך געצוימט, פאַרביסן די ליפּ און פאַרגעזעצט צעחושט הערן שמואליקן, איז עס אַ דאַנק איר מאַמען: מיט אַ טאָג פאַרן אַרויספאָרן קיין קיִעוו, אין דער פרי, זי און די מאַמע זײַנען געבליבן אין שטוב און בײדע טראַכטן וואָס נאָך וויכטיגס ניט צו פאַרגעסן אַרײַנלייגן אין דעם ניט גרויסן טשעמאָדאַן. די מאַמע האָט געהאַט דערקאַזשעט אַ גוט שטיקל שמעקנ־דיקן זייף און דערלאַנגנדיק אים שפרה׳ן, זאָגט זי איר: — וואַרט צו, טאָכטער, — און גייט אַרײַן אין מאַריעס אַלקערל (מאַריע האָט זיך נאָך אַלץ ניט צוריקגעקערט פון דאָרף) — און קומט אַרויס מיטן פלעשעלע פּאַרפומע; — נעם עס, שפרה׳לע, לייג עס אויך אַרײַן, זאָל עס דיך ניט באַומרויִקן, איך וועל שוין מיט מאַריען דורכקומען און וועל איר קיין בעל־חוב ניט בלײַבן; — און, דאַן, רופט זיך צו איר אָן די מאַמע מיט אַט די ווערטער: — טאָכטער, וואָס איך וועל דיר זאָגן — בײַ מיר און בײַם טאַטן ביסטו אַ בר־דעת; אין געראָטנקײַט, געניטקײַט און וויסן, ווו אײַן און ווו אויס, בין איך מיט דיר באַוואָרנט. נאָר הער, וואָס איך מיט מײַן נאַרישן שכל טראַכט: מלכה׳לע מיט איר מאַן, אַ יונג פּאָרפאָלק, וווינען אין קיִעוו, שוין דאָ אַ פּיצל קינד און זי קלײַבט זיך צו נעמען אויף איר אייגענעם חשבון נאָך אַ פּאָר חדשים אורלויב. איר מאַן — אַ לערער פון מאַטעמאַטיק — און זיי קאָנען זיך פאַרגינען צו רופן דיך צו זיך, קלעקט דאָך אָרט אויף אַ בעט, אַ קאַנאַפּע, אויפצונעמען אַ גאַסט, דאַרף מען זיך משער זײַן, אַז ס׳האָבן זיי די אומגליקן, דאָס ציטערן אימת מוות, ברוך השם, ניט פאַרטשעפּעט. און כאָטש איך פאַר־שטיי, אַז מלכה׳לעס מאַן און די גאַנצע משפּחה אַרום זײַנען טײַערע ייִדן, פון אונדזער בלוט־און־פלייש. וועגן מלכה׳לען איז שוין אָפּגערעדט, און מען קאָן זיך צו זיי פאַרטרויען אין אַלץ, ווי זיך אַליין. דאָך, טאָכטערקע, מײַן איך, אַז דו דאַרפסט ניט צעשטערן זייער שמחה — ניט אָנוואַרפן קיין מרה־שחורה, ניט דערציילן וועגן די בלוטצאַפּענישן, גריזאָטעס, דערנידערונגען, וואָס מיר זײַנען אויסגעשטאַנען. ניט אַרויסבאַווײַזן פאַר זיי דערשלאָגנקײַט און אומעט. אויף צעפּיקעניש די שונאים — מיר וועלן אַלץ דאָס שלעכץ איבערקומען. זאָלסט זײַן שטאָלץ, פריילעך, אַרומשוועבן

אין דײַנע נײַע טופּל־שיפּעלעך, זיי פּאַסן דיר און אין די נײַע פּלאַטיעס ביסטו מלא־טעם, מײַן קרוין, שפרה׳ניו!

האָט שפרה אַרומגעכאַפּט די מאַמען, געקושט זי מיט פרייד: — מאַמע, דאָס ווערטל דײַנס — „הער, וואָס איך מיט מײַן נאַרישן שכל טראַכט״, איז בײַ מיר גינציקער און טײַערער פון אַלץ. דאָס איז, מאַמע, מײַן צויבער־פויגל, מײַן קמיע!

...און ווען שמואליק גייט מיט אַ גרינג געמיט אַריבער „דאָס בריי־קעלע״ צום קונדס־שפּיל מיטן מזל, צו זײַן קאָמיש פאַרבלאָנדזשען זיך אין געסל, ווען ער זאָגט פּלוצעם — „און אויפן גאַניק קומט אַרויס...״, שליסט זיך אויך שפרה אײַן אין שמואליקס זשמעניע נחת און כאַפּט אים אויס פון מויל דערפרייט: מלכה׳לע!

און שפרה׳ן ווערט פרײַ אויף דער נשמה — געפאָלגט דער מאַמען — ניט פאַרשטערט קיין שמחה... באַהערשט זיך, פאַרשטיקט אין זיך די רעגונג, דעם האַרצרײַסנדיקן קנויל...

שמואליק איז אַנטשוויגן געוואָרן. און שפרה קוקט אויף אים מיט נײַגער און אינטערעס און זעט איינצײַטיק פאַר אירע אויגן אויסטערליש דאָס בילד, וויאַזוי ער הויבט זיך איבער די פאָר טרעפּלעך פון גאַניקל מיטן טשעמאָדאַן און פאַרשווינדט מיט מלכה׳לען הינטער דער טיר... און זי זאָגט אים און טוט דערבײַ אַ קוק אויף מלכהלען: — איר דערציילט, שמואליק, זייער טשיקאַווע, כ׳וואָלט גערן הערן נאָך.

ענטפערט איר שמואליק: — מלכה׳לע דערציילט בעסער. און זי האָט אין דער געשיכטע אַ גלײַכן שבגלײַכן חלק. מײַן טייל, שפרה, האָב איך פאַרענדיקט — שמייכלט ער, — און אויסער דעם...

— יאָ, — שלאָגט אים איבער מלכה, — איך האָב שוין טאָקע געוואָלט דערמאָנען — האָסט דאָך הײַנט אַ זיצונג פון פּעדאַגאָגישן שולראַט.

שמואליק האָט נאָך ניט באַוויזן אַרויסצוגיין פון שטוב, האָט זיך ניסימל אויפגעכאַפּט פון שלאָף מיט אַזאַ מין ביטערן און הילכיקן געשריי...

— גיי, שמואליקל, גיי, זײַ רויִק, — באַגלייט אים מיט הייסער ליב־שאַפט אין בליק, מלכה׳לע.

און שפרה זאָגט, ווי צו זיך אַליין און צו מלכה׳ן, וואָס אײַלט צו ניסימלען, — ס׳האָט זיך דעם עופל עפּעס געחלומט...

אַ ווײַלע שפּעטער גייט מלכה אַרײַן מיטן אײַנגעשטילטן ניסימלען בײַ איר ברוסט: — וואָס חלומט זיך, שפרה ,אַ גאַנדז?

— האָבער.

— און אַ הון?

— אויב דער גאַנדז — האָבער, חלומט זיך דער הון — פּראָסע.

— און ניסימלען האָט זיך געחלומט טיטי, טיטי, איַי, איז עס פאַר־קאָכט אין דער טיטי. דאָ אין וועמען געראָטן צו זיַין... און מיַין מאַמע זאָגט — אַ חלום איז אַ האַלבער נביא. אַגב, מיט מיר בשכנות אַרבעט אַן עלטערע שניַידערקע, מיר זיצן אַ מאַשין ביַי אַ מאַשין. איך רוף זי — פּילאַזאָפקע. כ'בין געווען שוין אין די הויכע חדשים, בריַיעט זי מיר — קומט אַ קינד אויף דער וועלט, האָט עס שוין אין זיַין מוח'ל בירושה דער מאַמעס און, אַפילו, דער באָבעס גוטע און שלעכטע חלומות. וועלן מיר די ביידע, ניסימל, שיקן אויף אַלע וויסטע וועלדער און פוסטע פעלדער... עס פּאַפּינקעט שוין ווידער, ריזלט, ווי אַ קוועלכעלע אין דער זומערדיקער וואַלד־געדיכטעניש. קוק, שפרה'לע, ווי עס פּאַפּינקעט, ווי עס לאַכט קלאַנגלאַז מיט די ליפּעלעך... עס זעט אַ זיסן חלום... באַלד וועלן מיר אים, שפרה, באָדן.

— העלפן, דיר, מלכה? — דאָס חיות ביַי מיר אַן עופל צו באָדן. ס'האָט געדויערט ביז מיַין מאַמע האָט עס מיר געטרויט... כ'פלעג די גאַנצע ציַיט שטיין ביַים מולטער, אַלץ איר דערלאַנגען צו דער האַנט... און שוין געוווּסט פּונקט אַזוי ווי די מאַמע, איַינטונקען מיַין עלנבויגן אין וואַסער געטנוי צו דערפילן, צי ס'איז, חלילה, ניט צו הייס און זאָל אויך ניט זיַין צו לעבלעך. כ'בין שוין דאַן געגאַנגען אין זעקסטן, צי אין זיבעטן קלאַס, ביז איך האָב ביַי דער מאַמען געפּועלט אַליין מיַין פּיצל שוועסטערקע אין אַ ווינדעלע, פּאַמעלעכקע, ס'זאָל זיך ניט דער־שרעקן, אַראָפּהאַלטן אין מולטער מיט וואַרעמינקן וואַסער... ס'פּאַרקרימט דאָס פּנימל... נאָר באַלד ווערט דאָס קרומע מינעלע נעלם.. מיַין מאַמע קוועלט פאַר נחת סיַי פון מיר, דער פּאַמאַשטניצע אירער און סיַי פון מיַין שוועסטערל, וואָס פּאַליובעט איר אַזוי דאָס באָדן זיך און שמייכלט פון פולן מולטער מיט תענוג און הנאה.

— האָסטו געבאָדן אַ מיידעלע, וועלן מיר אַצינד מיט דיר, שפרה, אויסבאָדינקען אַ יינגעלע.

— כ'האָב אויך אַ יינגעלע געבאָדן, מיַין ברודערל, איציקל.

— ווי אַלט איז ער?

— דאָס צוועלפטע יאָר שוין.

— האָט מען נאָך דאַן געקאָנט פריַי, אָן פּחד, מלה זיַין?

— אַוודאי. איך בין שוין געווען אַ יאָר אַכט און געדענק דעם ברית ביַי אונדז אין שטוב.

האָבן איצט מלכה און שפרה אין אַן ענלעכן הילצערנעם מולטערל געבאָדן ניסימלען. אויף מלכה'ס אַנטבלויזטן אָרעם און צעשפּרייטער דלאָניע איז אין וואַסער געלעגן איר זונעלע. מיט דער אַנדערער האַנט האַלט זי אים אונטער זיַין קאָפּ און זאָגט אויפגעטראָגן צו שפרה'ן: —

גיס, שפרה, גיס! אָט אַזוי, אויף זײַן ברוסטעלע, אויפֿן האַלדז, אויפֿן בײַכל... קוויק זיך, ניסימל, וווילטאָג זיך!... אַך, ווי ס׳איז אים גוט! זעסטו וואָס, שפרה? — אַנו, קוק, קוק אויפֿן פּישערל... וואָס זעסטו?...

און שפרה שטויסט זיך אָן... און רופֿט אויס אויפֿן קול: — אַ ייִדן זע איך, מלכהלע, דעם ייִדן ניסימלען...

— מיט אַ כשר׳ן ייִדישן... שאַ־שאַ... שפרה, ס׳איז בסוד־סודות, קיין פֿויגל דאַרף ניט וויסן, קיין האָן זאָל ניט קרייען... מע קאָן דאָך אומגליקלעך ווערן, אַראָפּנעמען פֿון דער אַרבעט — אַ לערער פֿון אַ סאָוועטישער מיטל־שול, פֿון די עלטערע קלאַסן, זאָל זיך דערוועגן...* דאָס

---

* פֿרילינג 1935טן יאָר איז בײַ מיר געבוירן געוואָרן אַ זון. איך האָב אים אַ נאָמען געגעבן נפֿתלי. כ׳בין שוין דאַן געווען אַ מיטגליד פֿון דעם אַלפֿאַרבאַנדישן שרײַבער פֿאַריין, געאַרבעט אין דער ייִדישער רעפּובליקאַנישער צײַטונג פֿאַר קינדער „יונגער לעניניעץ״ און געוווינט מיט מײַן פֿרוי סטערע און עופֿל אויף דער כליעבנע גאַס אין אַ זעקסמעטראָוון צימערל. כ׳האָב באַקומען מײַן אָרדנטלעכן חודש־אורלויב און אַן אַפּרו־קאַרטע קיין קאַקטעבעל (קרים). האָב איך מײַן פֿרוי און קינד אַוועקגעפֿירט צו מײַן מאַמען קיין וויטעבסק און איר פֿאַרזאָגט ניט צו מלה זײַן מײַן זון. וועט עס געשען, בלײַב איך, סטערע און נפֿתלי אָן ברויט. און קיין לידער וועל איך שוין אויך ניט קאָנען שרײַבן... אָבער אַן אַנדער מינסקער ייִדישער דיכטער, אויך אַ מיטגליד פֿונעם סאָוועטישן שרײַבער־פֿאַריין, מאָטל גרוביאַן, זכרונו לברכה, האָט יאָ געהאַט מוט און דרייסטקײַט מלה צו זײַן זײַן קינד. מאָטל גרוביאַן מיט זײַן פֿרוי רחל און מיטן עופֿל זײַנען אַוועקגעפֿאָרן צו זײַן פֿרויס עלטערן קיין שטשעדרין, אַ דורכויס ייִדיש שטעטעלע אויף דער ווײַסרוסישער פּאָלעסיע. און דאָרט איז געווען דער ברית.

אין ווײַסרוסישן שרײַבער־פֿאַריין האָט מען זיך צו גרוביאַנען שטאַרק גענומען טשעפּען. ער איז דאָך אויך געווען אַ קאָמסאָמאָלעץ און ווער ווייסט מיט וואָס דער דאָזיקער ענין וואָלט זיך פֿאַרענדיקט, ווען ס׳געפֿינט זיך ניט אַ מענטש, וואָס האָט זיך פֿאַרן דיכטער, מאָטל גרוביאַן, אײַנגעשטעלט — דאָס איז געווען דער באַרימטער ליבלינג, דער שטאָלץ פֿון דעם ווײַסרוסישן פֿאָלק — יאַנקאָ קופּאַלאַ — אַ ייִדן־פֿרײַנט, מיט חשיבות באַצויגן זיך צו די ייִדישע שרײַבער. ס׳איז גענוג געווען קופּאַלאַ זאָל מיט זײַן אייגנדיקן האַרציקן שמייכל אין אַ געוועגלעכן שמועס מיט אַ שרײַבער, מיט איינעם און אַ צווייטן אַ זאָג געבן:

— וואָס האָט מען זיך אָנגעזעצט אויף גרוביאַנען? — מה הרעש? ער האָט מלה געווען זײַן זון? — קומט אים דערפֿאַר, מען זאָל אים דורס זײַן? — ער איז דאָך אַ ייִד, לאָזט אים צו רו...

און מען האָט זיך צו קופּאַלאַ׳ן אין יענער צײַט ניט געקאָנט ניט צוהערן. ס׳האָט געהאַט אַ גרויסן אָפּקלאַנג, רעזאָנאַנס זײַן יעדעס וואָרט, באַמערקונג, זײַן יעטווידער טראָט — האָט טאַקע באַלד דאָס „זייפֿנבלעזועלע״ פֿון גרוביאַן׳ס ענין מיט דעם מלה זײַן דעם זון געפּלאַצט און ס׳איז אין גיכן אַלץ פֿאַרגעסן געוואָרן.

ווען היטלער איז באַפֿאַלן סאָוועטן־פֿאַרבאַנד, האָט יאַנקא קופּאַלא אין 41־סטן צי 42־סטן יאָר (דאָס היטלעריסטישע חייל האָט שוין פֿולשטענדיק געהאַט אָקופּירט די ווײַסרוסישע ערד) פֿאַרעפֿנטלעכט אַ פּאָעמע — „צו די ווײַסרוסן און ייִדן מײַנע״...

יאַנקאָ קופּאַלא איז געבוירן געוואָרן דעם 25סטן יוני 1882 און טראַגיש געשטאָרבן אין מאָסקווע דעם 28־סטן יוני 1942 — כמעט צו זײַן אַלטווערן

הייסט בײַ זיי — בורזשואַזנער נאַציאָנאַליזם... און נאָך עפּעס אַ סטראַ־שידלע־וואָרט קלעריק... איך קאָן עס גאָרניט נאָכזאָגן... דערלאַנג, שפרה׳לע, דאָס קלאָרע לײַלעכל. אָט אַזוי, צו רפואה, ניסימל, צו רפואה, אַ געזונט אין אַלע דײַנע זיסע איברים׳לעך... מיר האָבן עס, שפרה, געטאָן באַהאַלטענערהייט — שיטאַ־קריטאַ...* בײַ שמואליקס טאַטע־מאַמע אין שטוב... פון אַ דערבײַיִקן שטעטל אַראָפּגעבראַכט אַ מוהל, געווען אַ מנין ייִדן... אַלץ ווי ס׳באַדאַרפט צו זײַן, מיט סנדקאות און קוואַטערשאַפט... נאָר אָן שמואליקן, מע זאָל אים ניט חושד זײַן, אַז ער האָט עס געוואָלט אַזוי... דער בעל־שמחה איז דאַן, פונקט ווי הײַנט, געווען אַוועקגעגאַנגען

זעכציק יאָר. עד היום איז זײַן טויט פאַרהוילט מיט געהיימעניש... ס׳איז ניט באַוווּסט, ווי אַזוי דאָס האָט פּאַסירט... אין דעם זעקסטן באַנד פון דער ווײַס־רוסישער סאָוועטישער ענציקלאָפּעדיע ווערט אין דעם אַרטיקל וועגן יאַנקאָ קופּאַלאַ, אויף דער 200־טער זײַט געשריבן פאָלגנדעס: „געשטאָרבן אין מאָסקווע. די אורנע מיט קופּאַלאַ׳ס אַש איז אַריבערגעפירט קיין מינסק אין 1962 יאָר". — אין צוואַנציק יאָר אַרום נאָך זײַן טראַגישן ניט פאַרשטענדלעכן טויט...

אין די דרײַסיקער יאָרן האָב איך יאַנקאַ קופּאַלאַ׳ן געווידמעט אַ ליד. איך האָב דאָס ליד געדרוקט אין דעם מינסקער ליטעראַרישן זשורנאַל „דער שטערן". וועל איך מיר דערלויבן איצט, אין מײַן פּראָזע־בוך (ווײַל ווען וועל איך שוין אַרויסגעבן אַ נײַעם באַנד לידער — סײַדן, אויף די גלײַכע ווענט צו קריכן) אַרײַנצונעמען דאָס ליד:

יאַנקאָ קופּאַלאַ׳ן

וואָס קאָן שענער זײַן,
וואָס איז פּאַסיקער,
ווי צו קענען זיך
מיט אַ קלאַסיקער?

ס׳טרעפט אין גאַסן גייסט
אַ פאַרדאַגעטער —
פלוצלונג, זעסטו,
ווי פאַרבײַ גייט ער.

אונטער אָרעם טראָגט ער זיך
אַ פּעקעלע.
אויף דער האַנט זיך וויגט בײַ א׳ם
דאָס שטעקעלע.

און די אויגן זײַנען פול
מיט שטראַליקײַט,
מיט ברייטהאַרציקער
קופּאַליקײַט.

און פון ליפּן
זיך אַ שמייכל וועבט,
אינעם שמייכל
וויפל שכל לעבט.

מיט האַרץ מיט קלאַפּנדן
איך דערנענטער זיך,
מיט זײַן שמייכל
צו מיר ווענדט ער זיך.

שטרעקט די האַנט מיר אויס,
פרעגט, ווי גייט עס מיר.
קוק איך שעמעוודיק,
שטאַרק דערפרייט עס מיך.

וואָס קאָן שענער זײַן,
וואָס איז פּאַסיקער,
ווי צו קענען זיך
מיט אַ קלאַסיקער.

---

* שיטאַ־קריטאַ — אַ רוסיש וערטל — פאַרבאָרגענערהייט — כאַטע פּאָקרישקע...

אויף אַ זיצונג פון פּעדאַגאָגישן שולראַט... ווען מיר האָבן זיך מיט ניסימלען אין עטלעכע טעג אַרום צוריקגעקערט אַהער, האָט זיך שמואליק געמאַכט, כלא־יודע... פרעג אים בחרם... און געשמייכלט אין אַרבל...

— איז ער דאָך אַ חכם, שמוליק

— אַ חכם פון מה נשתנה אַ ברירה האָט מען...

אַן אויסגעבאָדענער, אַן אָנגעקאָרמעטער, איז ניסימל רויק אין זײַן וויג געשלאָפן.

— וועלן מיר מיט דיר, שפרה, יעצט איבערכאַפּן דעם אָטעם און שוין צײַט עפּעס נעמען אין מויל. עס ציט אונטערן לעפעלע. איך האָב לכבוד דײַן קומען בײַ מײַן שוויגער באַשטעלט אַ קעזקוכן. טאַ, לאָמיר טרינקען טיי און זאָגן מבינות אויף מײַן שוויגערס געבעקס.

ווען ביידע חבר׳טעס זײַנען שוין געזעסן בײַם טיש, פרעגט מלכה בײַ שפרה׳ן: — פּאַרוואָסזשע זײַט איר, אייגנטלעך, אַרויסגעפאָרן פון בערעזאָווקע? — איך געדענק, דײַן מאַמע האָט דיר אָפט געשיקט גוטע פּעקלעך, געווען בײַ אײַך אַ בעלי־בתישקייט, געהאַלטן אַ בהמה. דו פלעגסט דאָך תמיד דערמאָנען „דאָס חנעוודיקע ווײַסע ראָמאַשקעלע אויף אײַער קוס׳שטערן" — שמייכלט מלכה׳לע.

שלאָגט זי שפרה איבער: — פון דער „ראָמאַשקעלע" איז שוין קיין זכר ניט געבליבן... צוריקגעקערט זיך פון אָדעס און אין אַ קורצער צײַט אַרום, האָבן אויך אונדז ניט געמיטן די גרויסע צרות. די מאַכט האָט בײַ אונדז אַלץ צוגענומען. קוים אַליין געבליבן גאַנץ. דער טאַטע און מיר זײַנען געצוווּנגען געווען צו פאָרן זוכן אַרבעט אויף דאָנבאַס. ער האָט זיך פאַרדונגען אויפן דאָניעצקער ברויט־זאַוואָד און איך, ניט ווײַט פון דאָרטן, אין מאַקייעווקע, אויך אין אַ בעקערײַ. ערשט דאָ ניט לאַנג איז דעם טאַטן געראָטן אײַנצואָרדענען זיך אויפן טיראַספּאָלער ברויט־זאַוואָד, אַלס צעכמײַסטער. האָבן מיר זיך אויף שטענדיק געזעגנט מיט בערעזאָווקע. נאָר נישקשה, מירן קומען צו זיך, שטעלן זיך, ווי מ׳זאָגט, פונדאַסנײַ אויף די פיס און ווי איך האָב דיר שוין אין מײַן קורצן בריוול געשריבן, טרעט איך צו פונעם ערשטן אָקטאָבער לערנען זיך אויף די אייניאָריקע בוכהאַלטער־קורסן און וועל נאָך אַביסל צואַרבעטן, אַרויסהעלפן טאַטע־מאַמען.

— און ווי איז מיט אַ דירה?

— דערווײַל ווינען מיר אין אַ שטיבל, קיין פּלאַץ איז עס ניט, נאָר אַ שטיקל דאָך אויפן קאָפּ, יאָ, מירן זיך אַרומזען, צוזוכן בעסערס...

— איז דאָך דיר די גאַנצע צײַט גאָר־גאָר ניט גרינג געווען, שפרה.

— ניט גרינג, מלכה.

— פאַרשטיי איך, פאַרוואָס דו האָסט מיר ניט געשריבן... איך האָב מיך געוווּנדערט. דו שווײַגסט אַזאַ לאַנגע צײַט. און קענענדיק דיך גע־טראַכט, ס'איז ניט סתם אַזוי.

— סײַ ווי איז עס פאַר מיר ניט קיין באַרעכטיקונג, מלכה'לע, ניטאָ ערגערס, ווי ניט צו האַלטן קיין וואָרט...

— און וועגן לייבלען ?... — האָט מלכה אַליין זיך איבערגעשלאָגן און געקוקט שפרה'ן אין די אויגן. און שפרה האָט דערפילט אינעם אופן פון ניט פאַרענדיקן איר פראַגע... און האָט אויפגעכאַפּט אין איר בליק — מלכה'לע ווייסט... און וויל זי ניט באַטריבן מיט אַ שלעכטער בשורה... פרעגט זי מלכה'ן:

— ווי אַזוי האָסטו זיך דערוווּסט ?

— און דו ווי אַזוי ?

— די מאַמע האָט מיר געשריבן: קיין בערעזאָווקער קינדערהיים איז אָנגעקומען פון לייבלס מיליטערישער טייל די ידיעה...

— און איך שרײַב זיך דורך מיט פייגעלען. זי האָט חתונה געהאָט מיט גרשונקען. און בײדע האָבן זיי זיך צוריקגעקערט קיין אַדעס. פייגעלע איז אָנגעקומען אַרבעטן אויף דער זעלבער פאַבריק, ווו מיר האָבן זיך מיט איר געלערנט דאָס שנײַדערפאַך. און גרשונקע אַלס אַרבעטער אין דער זעלבער שלאָסערײַ. בעת זיי זײַנען אַרומגעגאַנגען זוכן צו דינגען אַ צימערל, דערמאָנט זיך גרשונקע: „לאָמיר מיט דיר, פייגעלע, צוגיין אויף בעלינסקי־געסל, אומגעפער, האָב איך מיר פאַרצייכנט די טויער־פאַרטקע, ווּהין לייבל פלעגט פאַרשווינדן מיט זײַן שיקסלקע... זיי האָבן זי געטראָפן אין הויף מיטן עופל אויף דער האַנט און פון איר זיך דערוווּסט וועגן אומגליק — ניטאָ גאָרעלאָוו... ס'יינגעלע איז אַ יתום, אַזאַ ווי זײַן טאַטע, פון קינדערהיים...

— פייגעלע האָט מיר אין דעם זעלבן בריוו געשריבן: זיי האָבן אומעטיקע פאַרלאָזן דאָס הויפל... האָט גרשונקע צום גוטן דערמאָנט לייבקען: „ער פלעגט אין די אָוונטן נאָך דער אַרבעט אין פאַרט, ברענגען אין צוזאַמענוווינונגס־צימער ווורשט, האַלענדער קעז, אַ בולקע, פלעגט ער זיך צוזעצן צו מיר, אויף מײַן בעטל, אָפּרײַסן אַ שטיקל קאַלבאַס, אָפּשנײַדן אַ ריפּטל קעז און מיר אויסשטרעקן: — עס, גרשונקע, דיר קומט אויך...

און נאָך האָט איר פייגעלע געשריבן אין דעם זעלבן בריוו — וואָס גרשונקע האָט איר דעמאָלט געזאָגט: „האָסט געזען, סאַראַ לאַנגע פיסלעך בײַם עופל ? — ס'וועט נאָך זײַן העכער פון לייבלען... אַ לענגערער נאָך „עוג מלך הבשן"... שוין איינמאָל אַ גרשונקע...

— זיי וועלן לעבן גליקלעך, מלכה׳לע. ער ווייסט זי ווי צו האָווירן... און האָט זי חיות־ליב.

— יאָ, שפרה, ביסט גערעכט, פון פייגעלעס בריוו פילט מען עס אַרויס...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

מען קלאַפּט אָן אין טיר.

— שמואליק. שוין צוריקגעקערט זיך, — רופט זיך אָן שפרה.

— ניט זײַן קלאַפּ. דער פּעדאַגאָגישער ראַט פאַרציט זיך בײַ זיי, ווי דער שטייגער איז, ביז שפּעט. — מלכה עפנט די טיר:

— אָ! רחמיאל, איך בעט דיך, שטילער, ניסימל שלאָפט...

רחמיאל איז עטוואָס נידעריקער פון שמואליקן. אָן ברילן, מיט לע־בעדיק־פריילעכע אויגן, האָט זײַן מאַמעס אָנבליק, שיין געבויט, אַ צוויי־דרײַיאונצוואַנציק יאָריקער בחור, האַלט אָן אײַנגעוויקלטע פלאַש בײַם אָרעם, גייט צו צו שפרה׳ן און שטרעקט איר אויס זײַן האַנט: — איך ווייס, איר הייסט שפרה. די מאַמע איז אין התפעלות פון אײַער בער. כ׳וואָלט אים אויך ווען; — און שטעלט אַוועק די אײַנגעוויקלטע פלאַש אויפן טיש.

— רחמיאל׳קע, דער בער באַוואַכט יעצט דײַן פלימעניקלס שלאָף... געדולד, רחמיאל׳קע. זעץ זיך צו, כ׳גיס דיר אָן אַ גלעזל טיי.

— איך האָב גאָרניט קעגן טיי, נאָר מירן, אפשר, מלכה, אויסטרינקען לכבוד דײַן חבר׳טעס קומען אַ גלעזעלע ווײַן? — און וויקלט אָפּ דאָס פּאַפּיר פון פלאַש.

— וואָס זאָגסטו, אויף דעם, שפרה?

— איך מיין, מלכה׳לע, — ענטפערט איר שפרה, — מירן זיך, אפשר, צו ערשט אויסגלײַכן?

— וואָס הייסט, אויסגלײַכן? — וויל פאַרשטיין רחמיאל.

— ס׳הייסט — קלערט אים אויף שפרה, — מיר האָבן ערשט גע־טרונקען טיי און פאַרביסן מיט געשמאַקן קעזקוכן.

— אַהאַ... איך האָב גאָרניט קעגן...

מלכה שטעלט אַוועק פאַר רחמיאלן אַ גלאָז טיי, שנײַדט אָן אויף אַ טעלער ריפּטעלעך קוכן: — מ׳דאַרף, רחמיאל, פאָלגן אַ שוועגערין, — שמייכלט צו אים מלכה, — דאָס ווײַן וועט ניט אַנטלויפן...

— אַוודאי, איך זאָל אָבער מאַכן אַ טראָט און ניט ספּאָטיקען זיך... גלײַך צום ווײַן...

— ניט געפערלעך, רחמיאל, אַבי דאָברע מיינעלע...

און שפרה גיט צו צו מלכה׳ס ווערטער, ווענדנדיק זיך צו רחמיאלן:

— ס'וועט קומען אייער ברודער, וועלן מיר צוזאַמען פאַרזוכן פון אייער פלאַש.

— דאַרפסט, שפרה, רחמיאלן ניט אירצן, — איך און דו זײַנען מיט אים פון איין עלטער. שמואליק וועט נאָך אַזוי גיך ניט קומען. ווייסט וואָס איך וואָלט דיר, שפרה, עצה'ן, — בײַ די ווערטער רופט זי זיך אָן צו רחמיאלן: — „באַוויַיז מיַין חברטע אין אַזאַ שיינעם אָנהויב אָסיען־אָוונט די שטאָט פון וולאַדימירער באַרג, ס'זאָל בײַ איר בלײַבן אַ גוטער אײַנדרוק פון איר ערשטן טאָג זײַן אין קיִעוו. שפּאַצירט זיך דורך זאַלבע־צווייט, אָבער ניט אויף לאַנג. איר וועט זיך צוריקקערן, וועט שוין אויך שמואליק זײַן. וועלן מיר צוזאַמען עסן וועטשערע.

— איך בין גרייט, — שטייט אויף פון שטול רחמיאל.

— וואָס טוט מען, רחמיאל, מיט דײַן אומגעדולד? איז דאָך ניסימל אַזוי געראָטן אין זײַן יונגן פעטער, — ענדיק דעם טיי מיט דעם שטיקל קוכן.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

...שפרה איז געשטאַנען בײַם פאַרענטש פונעם שפּיץ וולאַדימירער באַרג ווי פאַרכישופט, ניט געקאָנט אָפּרײַסן איר אויפגערודערטן בליק, — פון רעכטס, אין דער נידער האָבן געוווּנקען צו איר, געמיניעט זיך טויזנטער קיִעווער פײַערלעך און גלײַך אָנטקעגן אירע אויגן אַזוי אומבאַגרײַפלעך־נאָנט, כאַטש שטרעק צו איר אויס די האַנט און ריר זי צערטלעך צו — די רונדע בלענדיק־ווײַסע לבנה. זי באַשײַנט דעם טונקל־גלאַנציקן טײַך און ווײַט־ווײַט הינטער אים אויף צענדליקער קילאָמעטער זעען זיך אַזוי גוט די אומענדלעכע, מיטן בליק ניט אַרומצונעמען, אוקראַינער סטעפּ־רחבותן... די אָוונטיקע בײַ דניפּער־לופט, אָנגעגאָסן מיט אַזויפיל שטאַרקע זיסע ריחות, אָטעמט שפרה אין זיך אַרײַן מיט איר פולער יונגער ברוסט. און ניט צו פאַרכליניען זיך מיט דער פרישקײַט, זאַפטיקײַט, מיט דער באַצויבערנדיקער שיינקײַט, דריקט זי פעסטער זיך צו צום אײַזערנעם פאַרענטש, נעמט אַרום מיט בײדע דלאָניעס דאָס מעטאַלענע רער, צו פאַרזיכערן זיך, ווי זי וואָלט פּלוצעם דערפילט אויף אירע אַקסלען פליגלען און אַ פּחד, ניט צו קאָנען זיך צוימען און וועלן אויפפליִען אין רוים פונעם אָוונט־באַרג בײַם דניעפּער, פאַרבײַצושוועבן די ליכטיקע קײַלעכדיקײַט פון דער בורשטין־ווײַסער לבנה...

און ווען רחמיאל האָט קוים באַרירט איר האַנט אויפן פאַרענטש, טוט שפרה אַ צוק מיט די אַקסלען, ווי זי וואָלט אין יענעם אויגנבליק פאַרגעסן וועגן רחמיאלן, אַז ער שטייט האַרט נעבן איר... שפרה, —

זאָגט ער צו איר שטיל, — לאָמיר זיך צוזעצן אויף איינער פון די דערבייַיִקע בענק.

— איך וויל נאָך שטיין און קוקן. ניט געזען נאָך אַזאַ מין וווּנדער־שיינקייַט.

— אויב איר ווילט, שפרה, וועל איך אויך מאָרגן מיטגיין מיט אייַ ך אַהערצו.

— איך דאַנק אייַך, רחמיאל.

שפרה האָט נאָך אַלץ ניט געהאַט אָנגעזעטיקט זיך מיט דער באַגייַסטערנדיקער רייַכער נאַטור־פּאַנאָראַמע, אָפּגעעטעמט זיך, און לסוף אָפּגעווענדט איר בליק אויף רעכטס, צו די פּילצאָליקע צוציִענדע שטאָט־פייַערלעך. זאָגט דאַן רחמיאל צו שפרה'ן מיט דער זעלבער שטילער ניטאָנטשיידנקייַט:

— איך האָב אייַך, שפרה, ניט אַלץ אָרויסגעבראַכט, וואָס מייַן מאַמע האָט וועגן אייַך גערעדט: „מלכה ווייסט, ווי אַזוי זיך אויסצוקלייַבן אַ פייַנע און קלוגע חבר'טע". וויל איך איצט נאָך צוגעבן — אַלץ וואָס מייַן מאַמע האָט מיר געזאָגט וועגן אייַך איז ריכטיק ווי גאָלד.

— זייַט איר, רחמיאל, אין אַזאַ שיינער און גרויסער שטאָט ווי קיִעוו מיט קיין אַנדערע קלוגע און פייַנע מיידלעך ניט באַקאַנט?

— ניין, פאַרוואָס, אַ יאָר שוין, ווי איך האָב מיך נאָך מייַן דינען אין אַרמיי צוריקגעקערט אַהיים קיין קיִעוו און חבר זיך דאָ מיט מיידלעך, נאָר איך האָב מיך אינגאַנצן פאַרפּלאָנטערט אין זייערע מעלות און חסרונות...

— און וואָס זאָגט די מאַמע?

— ניט אַלץ ווייסט זי בייַ מיר.

— און מיט מלכה'לען האָט איר זיך ניט געפּרוווט עצה'ן?

— יאָ, ניט איין מאָל, — זאָגט זי מיר, — אַליין, אַליין... האָסט אַ קאָפּ אויף די פּלייצעס, ניט קיין קאָווענע...

האָט זיך שפרה געשמאַק צעלאַכט...

— —

שפרה מיט רחמיאלן האָבן זיך צוריקגעקערט, כמעט, אין איין צייַט מיט שמואליקן. שפרה נעמט אַרום מלכהן: — איך בין אויסערגעוויינלעך צופרידן מיטן שפּאַציר. געשטאַנען בייַם סאַמע ראַנד באַרג, געזען די נאַכטיקע שיינקייַט פון קיִעוו, די ווייַטע סטעפּעס באַשייַנט פון דער פולער לבנה... אַ דאַנק רחמיאל'ן וואָס ער האָט מיך געפירט אַהין.

— ניטאָ פאַרוואָס. איך וועל אייַך ,שפרה, אויך מאָרגן אין אָוונט צופירן צום זעלבן אָרט.

— רחמיאל, איר אירצט זיך נאָך אַלץ?
— אַ גאַסט, מלכה, פּאַסט צו אירצן.
— ווּ האָסטו עס אויסגעלייענט, רחמיאל?
— מע מוז דען ריידן נאָר פון אויסגעלייענטן?
— דו הערסט, שפרה, ווי אַזוי רחמיאל דערלאַנגט מיר רעשטע?
— איך הער מלכה׳לע, ער האָט טרעפלעך געענטפערט.

שמואליק עפנט רחמיאל׳ס פלאַש וויַין, אָנגעפולט אַלעמענס גלעזלעך. מע טרינקט אויס, מען פאַרבייסט מיט הייסע קאַרטאָפלנע לאַטקעס.

— דיַין באַליבטער מאכל, שפרה, וואָס דו האָסט באַשטעלט מיט לייבלען אין גאָרקיך, ביַים אַדעסער פּאָרט...

— האָסט, מלכה׳לע, גאָרנישט פאַרגעסן...

— שיינקייט, חברשאַפט און ליבשאַפט — פאַרקריצט זיך אין דער נשמה.

די לאַטקעס האָט מען געטונקט אין אַ ביסל מעל־צוקער.

שמואליק האָט זיי אַ נאָמען געגעבן: — זומערדיקע חנוכה־לאַטקעס.

און רחמיאל באַמערקט: — צו אַזעלכע לאַטקעלעך, בעט זיך, לכל הפחות, אַ פּאָר ספּאַדיקלעך מיט קילער סמעטינקע.

רופט אויס שמואליק: — לאָמיר צווינטשן רחמיאל׳קען היַינטיקע נאַכט אין חלום, פול ווי אַן אויג, אַ האַרלאַטשיק מיט פרישער סמעטענע.

— ס׳זאָל דיר, קיין עין־הרע ניט, רחמיאלקע, ניט פאַרשאַטן...

— ס׳וועט מיר זיַין צו געזונט, מלכה, דאַרפסט זיך ניט זאָרגן...

בעת רחמיאל, אַביסל בגילופין, האָט זיך שוין געקליבן אָוועקצוגיין אַהיים, האָט אים מלכה׳לע פון דעם אַנדערן צימער אַרויסגעטראָגן צו באַוויַיזן דעם בער — שפרה׳ס מתנה.

— אַ, סאַראַ פיַינער מאַנספאַרשוין מיט אַזעלכע קאַרשן־קוקערלעך! אַנו, כ׳וועל אים אַ נעם טאָן פאַר די לאַפּעס, פאַרמעסטן זיך מיט זיַינע בערישע כוחות, סאַראַ גלאַטינקע, סאַמעטענע פעל ביַי אים. לאָמיר זיך מיט אים צעבוצקען, ניין, פאַרוואָס, צעקושן זיך... אַ בער וועט מיר קיינער ניט פאַרווערן אַ קוש צו טאָן...

— קוש אַ בער, קוש... נאָר זוך ניט חסרונות, — מוסרט אים אין גוטן מוט מלכה׳לע.

און שמואליק רעזומירט: — רחמיאל׳קע, זיַי אַ מענטש, וועסטו זיצן אין סוכה.

— פאַרגעס ניט, רחמיאל, מאָרגן אין אָוונט צו קומען נאָך שפרה׳ן, ווי דו האָסט צוגעזאָגט.

— וועגן דעם האָסטו מיר ניט, מײַן ליבע שוועגערין, וואָס צו דערמאָנען.

רחמיאל האָט פעסט געדריקט שפרה'ס האַנט, — אומעטיק וועט אײַך דאָ, שפרה, ניט זײַן. כ'וועל אײַך באַווײַזן קיִעוו אין דער לענג און אין דער ברייט.

— אַ דאַנק אײַך פאַר דעם, רחמיאל, — האָט צו אים ווויל גע־שמייכלט שפרה.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

מלכה'לע האָט אויסגעבעט שפרה'ן אויף דער סאָפע אין דעם גרעסערן פון די צוויי צימערן, אין פאָדער־צימער און נאָכן פאַרלעשן דאָס לעמפל איז שפרה געבליבן אין דער שטאָק־פינצטערניש, מיט זיך אַליין. זי האָט אונטערן פריש־שמעקנדיקן לײַלעך צופרידן אויסגעצויגן די גלידער — איין טאָג אינגאַנצן און וויפל אײַנדרוקן און געשעענישן! אַזוי ווי הונדערט אַנגעזעטיקטע מיט צאַפּלדיק שפרודלדיק לעבן! און עפּעס רופעט איר איז זינען — צי דאַרף זי מלכה'לען דערציילן וועגן איר ליבע מיט יאָסי'ן? — ניין, זי דאַרף ניט, ניט דערפאַר, וואָס זי פילט זיך אין עפּעס שולדיק, זי איז איבערצײַגט, מלכה'לע וואָלט זי פאַרשטאַנען, נאָר דאָ, אין איר שטוב, נעבן איר מאַן און קינד, טאָר זי עס ניט טאָן. און ס'איז דען אַ מוז? צוליב וואָס? — באַרימען זיך פאַר מלכה'ן, אַז מע האָט זי אַזוי פלאַם־פײַערדיק ליב געהאַט? — נאַרישקײַטן... און צי האָט זי יאָסי טאַקע באמת אַזוי געליבט? גוט איז איר מיט אים געווען... אײַ, ווי גוט... און ווידער טוליעט זיך שפרה צו אירע אייגענע אברים... ס'קלעפּן זיך, ס'שליסן די וויִעס... און ס'חלומט זיך איר... זי שטייט אָנגעשפּאַרט צום פּאַרענטש בײַם ראַנד פון באַרג מיטן פּנים צו יאָסין... ער נויגט זיך צו די בריסט־וואָרצעלן, קושט, צערטלט, שעפּטשעט: „שיף... שיף... איך דאַרף דיך!... מירן באַצווייט אָוועקשווימען, ווו די וועלט האָט אַן עק... דו ביסט מײַנע... לאָז מיך צו צו זיך, לאָז צו...” און זי פרעסט זיך צו אים, גליטשט זיך צעגליט אַראָפּ נידעריקער, נידעריקער צו דער, משוגענערווײַז, ניט אַרומנעמיקער אייביקער זיסקײַט...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

שפרה האָט באַנאַכט דורכן שלאָף דערהערט דאָס קינדערשע געוויין. זי האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ. דורך דער עטוואָס אָפענער טיר פון דעם אַנדערן חדר דערזען אַ פּאַסיקל שײַן. זי האָרכט זיך צו, באַנעמט — מלכה'לע גייט אַ באַרוועסע אַרום איבערן צימער מיט ניסימלען און לוליעט עס: „שלאָף אײַן, זונעלע, שלאָף אײַן, מײַן ליכטיק מזל, ס'טוט דיר ווי ס'בײַכעלע?” איצט הערט שוין שפרה שמואליק'ס קול: „אפשר איז עס

הונגעריק, מלכה׳לע?״. מלכה׳לע ענטפערט אים: — ניין, שמואליקל, ערשט געזויגן, ס׳וויל ניט מער. כ׳וועל עס איבערוויקלען. קער זיך אויס, שמואליק, צו דער וואַנט, מאַך צו די אויגן, דאַרפסט שלאָפן.

דאָס קינד שרײַט ווידער. מלכה רעדט צום עופל: — „ביסט בײַ אונדז, ניסימל, אַ גרויסער צוכט — נאָר אין דער טרוקן, קיין רגע׳לע טיערפעסטו ניט קיין נעץ. הונדערט ווינדעלעך פאַר דיר, ליבער פריץ מײַנער!״

און שפרה טראַכט: ניט גרינג צו זײַן אַ מאַמע... גוט כאַטש, וואָס מלכה׳לע האָט נאָך צוויי חדשים אורלויב... כ׳האָב דאָך צוגעזאָגט אין דער פרי מאַכן דעם הערינג... כ׳וועל אויך די קאַרטאָפל אָפשיילן... מיט עפּעס העלפן...

...דאָס קינד איז אײַנגעשטילט, דאָס פּאַסיקל שײַן אין טיר־שפּאַלט — אויסגעלאָשן... אויסגעגלײַכט זיך די פינצטערניש אין ביידע צימערן. שפרה ציט זיס אירע גלידער אויפן ווייכן געלעגער, שליסט צו די אויגן... פּלוצעם שווימט אויף אין איר מידן, פאַרשלאָפענעם זינען איר חלום — בײַם פאַרענטש אויפן שפּיץ באַרג... גאַרניט בײַם קאַשטאַן־בוים... מיטן פּנים צו יאָסין... פאַרפלייצט זי אַ כוואַליע נאָך אַ כוואַליע צערטלעכקײַט, גלוטיקע לײַדנשאַפט: „דו, יאָסי? — כ׳וועל דיך צולאָזן... צולאָזן... נענטער, יאָסי, פּרעס זיך צו, טײַערער, גאָלדענער יאָסי״...

— —

אין צימער איז שוין געוועזן גוט ליכטיק. און מלכה׳לע האָט שטיל אָנגערירט שפרה׳ן בײַם אַקסל: — שוין גרייט דאָס פרישטיק, שפרה׳לע.

— אוי! האָט זיך שפרה אַ כאַפּ געטאָן, — פאַרשלאָפן... ניט צו מוחל זײַן און דעם הערינג? און די קאַרטאָפל שיילן? — אַזוי שטאַרק אײַנגעשנאַרכט... ווי אַ געהרגעטע... פוּ... אַ פּאַסקודניצע בין איך, אַ טויגעניכץ...

— דו הערסט, שמואליק, זעלבסטקריטיק?

— אַוודאי, הער איך, אמת׳ע, באָלשעוויסטישע, — שפּאַסט שמואליק.

*

אַ זייגער עלף בײַ טאָג האָבן מלכה מיט ניסימלען אויף דער האַנט* און מיט שפרה׳ן (זי האָט געטראָגן אין אַ קוישל אָנגעגרייט ווינדעלעך, העמדעלעך צו טוישן) אויפגעהויבן זיך מיטן פוניקוליאַר אַרויפצו, צום צענטער שטאָט. מלכה׳לע ווײַזט אָן מיט איר פרײַער האַנט:

— דאָס איז, שפרה, דער אַלטער, באַרימטער, סאַפייעווער מאַגאַס־

* קיין פיר־וועגעלעך פאַר קינדער זײַנען נאָך אין יענע סאָוועטישע יאָרן ניט בנמצא געווען — אַ צו גרויסער לוקסוס.

טיר... מירן פּאָוואָלינקע זיך דורכשפּאַצירן — אַזאַ שיינער טאָג הייַנט, פֿאַרדעקן נימימל׳ס שטערן פֿון דער זון — פֿאַרבייַ די ראָגן מיכייַלאָווסקע, זשיטאָמירסקע, וולאַדימירסקע, דאָרט שטייט אין מיטן פּלאַץ דער שוואַרצער בראָנדזענער באָגדאַן־כמעלניצקי־מאָנומענט, אָן, זעט מען אים שוין...

זיי זייַנען צוגעגאַנגען צום הויכן פּיעדעסטאַל:

— דו זעסט, שפרה, אויף די הרודעס קוואַדראַטע גראַניט־שטיינער דעם גויעץ אויף דער צעשוימטער, צעקאָכטער שקאַפע, וואָס רייַסט זיך מיט די פּאָדקעוועס אַזש אין די וואָלקנס אַרייַן? — דאָס איז ער, כמעלניצקי, אַ כיטרער רשע־קאָזאַק... מיט אַ דרייַ הונדערט יאָר צוריק אַוועקגעפירט נאָך זיך דאָס זאַפּאַראָזשער אוקראַיִנער חייל און צוזאַמען מיט די קרימער טאָטאַרן געהאָלפן די מאָסקוויטשער צאַרן צעקלאַפּן די פּוילישע שליאַכטע, די פּאַנעס. בייַ די אוקראַיִנער און בייַ די רוסן איז כמעלניצקי אַ העלד־גדול, אַ באַפרייַער. נאָר פאַר אונדז, ייִדן, סייַ פאַר די אוקראַיִנער ייִדן, סייַ פאַר די פּוילישע, מיר זייַנען דאָך צעזייט און צעשפּרייט, איז ער דער גרעסטער צורר און קוילער, וואָס די וועלט האָט ווען געזען. ער האָט אַוועקגעלאָזט מיטן פייַער אויף אוקראַיִנע צענדליקער שטעט און שטעטלעך און אויסגעשניטן הונדערטער טויזנטער ייִדן, קינד־און־קייט, טייַכן ייִדיש בלוט האָט זיך געגאָסן. די האָר שטעלן זיך דיבאָם, ווען מע הערט די גרויזאַמע געשיכטע פון באָגדאַן כמעלניצקי׳ס טייַוולאָנישע זדעקערייַען איבער אונדזער פאָלק. מיר האָט שמואליק געצוי דערציילט — די רוצחים האָבן בייַ די ייִדן געשונדן די הויט פון לייַב און דאָס פלייש געוואָרפן פאַר די הינט. אַ סך האָבן זיי באַגראָבן לעבעדיקערהייט. קינדער געשאָכטן אין דער מאַמעס שויס, בייַ טראָגעדיקע פרויען דאָס לייַב אויפגעשניטן און דאָס קינד אַרויסגעריסן און מיט דעם איבערן פּנים געשלאָגן. קינדער אויפגעהאָנגען אויף דער מאַמעס ברוסט. ווייניק ווער פון אונדז ווייסן וועגן דעם. די צייַט מאַכט אַלץ פאַרגעסן און ס׳פאַלט אויף באָגדאַנען, זעסטו, שפרה, קיין שטויבעלע ניט. סאַראַ אויסגעשייַערטער, ווי ער בלאַנקט אויף דער זון, דער בלוטיקער רוצח־קאַט... אויך איצט טראָגט ער דעם גרויסן נאָמען פון העלד־באַפרייַער, מע פירט אַהערצו די קינדער פון די קיִעווער שולן און קינדער־גערטנער באַווייַזן זיי דעם לעגענדאַרן פאָלקס־גיבור, אויך די שילער פון די ייִדישע שולן, אָן אַן אויסנאַם... און די פון אונדז ייִדן, וואָס האָבן יאָ געהערט פון דעם, פאַרשטויסן עס טיף אין אייגענעם האַרצן, אויסצובאַהאַלטן פון זיך אַליין דעם אייביקן פּחד... און ווו קאָנסטו זיך וועגן די גרוילן דערוויסן? — בלויז אין די פאַרוואַלגערטע, פאַרצייַטיקע ייִדישע ספרים. נאָר ווו וועסטו זיי דאָ בייַ אונדז געפינען?... מייַן ניסימל וועט אויסוואָקסן,

וועל איך אים אויך, ווי היינט דיך, פירן פארביי דעם דאזיקן פארשאל־טענעם ארט, דערציילן אים... קום, שפרה...

...אין א צוואנציק מינוט ארום זיינען זיי שוין געווען אויפן וולאַ־דימירער בערגל, געגאנגען איבער די גרינע שטעגן, געדיכט ארומגע־וואקסן מיט ביימלעך און קוסטעס. זיי זיינען ניט ארויף סאמע אויבן, וווּ נעכטן אין אוונט איז שפרה מיט רחמיאל׳ן געשטאנען ביים פארענטש, נאר זיך באנוגנט מיט צוויי יארוסן נידעריקער, טאקע דערנעבן דעם גראניטענעם דענקמאל פון וולאדימיר מאנאמאכן, מיטן גרויסן צלם געווענדט צום דניעפער. דער טייך האט זיך מיט אן א שיער זון־הערעלעך געשפיגלט, געבלינצלט פאר זייערע אויגן, שיפלעך מיט זעגלען און אן זעגלען האבן שטיל פארבייגערודערט און קליינע פאראכאדן, ווי ווייסע טויבן, זיינען אין מיטן דניעפער פאוואליע, ניט געאיילט פארבייגע־שווומען. פון צייט צו צייט האבן זיך פון טייך דערטראגן פייפן, רופן פון זיך דערנענטערנדיקע דאמפער, פאסאזשיר־פאראכאדן, צום שטאטישן האפן.

מלכה און שפרה האבן צוגעזוכט אין א ווינקל מיט שאטן א פרייעם באנק. מלכה האט אנגעקארמעט ניסימלען; דאס עופל איז אויף דער קילער, מחייה׳דיקער ביי־דניעפער־לופט געשמאק איינגעשלאפן. און דאן האט מלכה׳לע שפרה׳ן דערציילט:

ווען שמואליק איז אריין אין מלכה׳לעס שטוב...

— געשען איז אט ווי אזוי. איך ווייס ניט פארוואס איך האב גראד אין יענער רגע אויפגעהויבן מיינע אויגן צום פענצטער און באמערקט דעם יונגן מענטשן אין ברילן מיטן טשעמאדאן אין דער האנט און זעט אויס, ווי ער וואלט זיך עפעס ספק׳ן און קוקט אויף אונדזער שטוב... האט מיר א שלאג געטאן אין הארצן — צו מיר... און בין תיכף ארויס אויפן גאניק. מיר זיינען צוזאמען אריין, דאס פיצל קארידארל פירט גלייך אין גרויסן חדר, דערלאנג איך אים א שטול, ביים טיש: — זיצט, רוט אפ.

ער האט נעבן דער שאפע מיטן שפיגל צוגעשפארט דעם טשעמאדאן און מיטן היטל אין דער האנט געזעצט זיך אויפן אוועקגעשטעלטן שטול.

— זאל איך אייך געבן, — פרעג איך אים, — א גלאז טיי, אדער ווילט איר עפעס עסן?

— ניין, — זאגט ער, — א דאנק, ניט טרינקען, ניט עסן — עפעס ריידן.

— אָ, ריידן!, — כאַפּ איך מיך אַרויס, — האָב איך ליבער פון אַלץ, — און פאַרהאַק זיך, ווי איך וואָלט אַריבערגעטראָטן דעם גבול פון שטאַט און רוף זיך צו אים אָן מיט ערנסט, — זײַט איר ניט קיין לערער פון ייִדיש?

— פאַרוואָס מיינט איר פון ייִדיש?

— אַ לערער פון ייִדיש דאַרף דער עיקר ריידן, לייענען און שרײַבן.

— און אַ לערער פון מאַטעמאַטיק?

— אַ לערער פון מאַטעמאַטיק? — חזר איך שוין איבער פאַמעלע־כער, צעצויגענער, — דאַרף, מיין איך, חשבנ׳ען און טראַכטן...

צעשמייכלט ער זיך, — איך בין טאַקע אַ לערער פון מאַטעמאַטיק, נאָר האָב ליב צו לייענען אַ בוך און צו טראַכטן פון דעם וואָס איך לייען.

— יאָ, — זאָג איך, — איר זײַט גערעכט, טראַכטן דאַרף מען אין אַלע פאַלן, וואָס מע זאָל ניט זײַן און וואָס מע זאָל ניט טאָן, — און ווער אַנטשוויגן.

שווײַגט ער אויך אַ רגע׳לע און זעצט פאָר: — איך האָב אין וועג מיטגענומען מיט זיך פון מײַנע באַליבטע ביכער, וועלכע איך האָב ניט איין מאָל געלייענט, נאָר אַלץ איינס האָב איך הנאה פון צײַט צו צײַט אין זיי אַרײַנקוקן.

— וועלכע?

רופט ער מיר אָן: — מענדעלע׳ס מסעות בנימין השלישי, שלום־עליכמ׳ס מאָטל פּייסי׳ס און אשר שוואַרצמאַנ׳ס קליין ביכעלע לידער.

ענטפער איך אים: — מענדעלע׳ס מסעות, און שלום־עליכמ׳ס מאָטל־פּייסי׳ס האָב איך געלייענט און שוואַרצמאַנ׳ס קאָן איך בלויז פון כרעס־טאָמאַטיע איין קליין ליד — „דער שונא בײַ די טויערן״... רופט ער זיך אָן: — אשר שוואַרצמאַן האָט נאָך אַנדערע זייער שיינע לידער, אמת ניט קיין סך, ער האָט ניט באַוויזן אָנצושרײַבן, יונגערהייט אומגעקומען אין קריג. זעצט זיך, — זאָגט ער צו מיר, — מיך האָט איר, ווי באַלד איך בין אַרײַן, אָוועקגעזעצט און איר שטייט.

— מאַכט ניט אויס. און דעם צימער, — פרעג איך, — ווילט איר ניט זען?

— איר זאָגט דאָך, בעת די מאַמע וועט קומען.

— יאָ, אָבער אַ קוק טאָן?

— מ׳קאָן, פאַרשטייט זיך. איך בין דאָך צוליב דעם אַרײַן.

— ווי הייסט איר, — ווענד איך זיך צו אים.

— די שילער און די לערער רופן מיך סאַמויִל גריגאָרעוויטש. בײַ

מײַנע גוטע באַקאַנטע און היימיש־נאָנטע בין איך שמואל, אָדער פּשוט, שמואליק. און ווי הייסט איר?

— איך? — און שפּרינג פּלוצעם אַרויס מיט מײַנער אַ שקאַצישער נאַרישקײַט, — אַנו, טרעפט, ווי אַזוי דאַרף איך הייסן?

שטעלט ער זיך, קוקט מיך אָן מיט די קורצזיכטיקע אויגן און זאָגט צו מיר מיט זײַן ווײלן האַרציקן שמייכל: — אַזוי ווי איר שטייט און גייט, זײַט איר בײַ מיר אַ מלכה...

— געטראָפן! — קוועל איך אָן פּאַר פרייד.

— וואָס הייסט? — פרעגט ער איבערראַשט און קוקט, קוקט אויף מיר...

— טאָקע אַזוי הייס איך. — אין שטוב, אין געסל און אויף דער אַרבעט רופן מיך אַלע מלכה, מלכה׳לע.

— טאָ זײַט באַגריסט, טײַערע מלכה׳לע — און דריקט מיר פעסט מײַן האַנט.

— אוי!, שרײַ איך אויס.

— צו שטאַרק?

— אַ ביסעלע.

— ווזשע איז דער צימער? — באַווײַזט מיר, מלכה!

און אין דער רגע איז אין שטוב אַרײַנגעקומען די מאַמע מיט מײַן ברודערל און קליינער שוועסטערקע... אָט, אַזוי, איז, שפרה, געווען אונדזער ערשטע, באַשערטע באַגעגעניש. שמואליק איז געבליבן בײַ אונדז אין שטוב. מיר האָבן זיך ליב באַקומען, נאָענט געוואָרן. וואָס עס זאָל ניט געשען אין מײַן לעבן, נאָר די רגע, ווען איך האָב אים דערזען דורכן פענצטער און ס׳האָט מיר אַ שלאָג געטאָן אין האַרצן — צו מיר... און בין אים אַרויסגעלאָפן אַנטקעגן, איז מײַן ליכטיקסטע, גליקלעכסטע רגע! מע איז שטאַרק צופרידן געווען מיט שמואליק׳ס פּראַקטיקירן און איך און די מאַמע, סטאַרען זיך, שמואליק זאָל צו דער צײַט, פאַרן גיין אין שול, אָפּעסן פרישטיק. דאָס פלעגט טאָן די מאַמע, ווײַל פרי־באַגינען בין איך שוין בײַ דער אַרבעט אין שנײַדער־אַרטעל. אָבער דערפאַר, נאָכן קומען פון אַרטעל, פלעג איך גרייטן דעם מיטאָג מיט דער וועטשערע אין איינעם און עסן באַצווייט מיט שמואליקן, בײַ אים אין צימער. אין די אָוונטן האָט שמואליק געהאָט די נויטיקע רויִקײַט אויף גרייטן זיך צו די מאָרגנדיקע לימודים, קאָנטראָלירן די שילערישע העפטן און איבער אַ טאָג, אַ שעה צײַט העלפן מײַן ברודערל, ער זאָל ניט אָפּשטיין אויף אַריפמעטיק. מײַן טאַטע, אַ שאַרניק — אַ רימער — און שוין אַ פּאָר יאָר,

ווי ער האָט זיך פאַרדונגען אין אַ סאָווכאָז, אַ זעקס קילאָמעטער פון שטעטל, דער נאַטשאַלניק באַציט זיך צו אים גוט — ווייל ער מייסטרע־וועט פאַר זיי נייע כאָמעטן, זאָטלען און האַלט אין איין פאַריכטן און צונויפשטשאָבען די געשפּאַן־זברויע, די רימער־אַרבעט, ניט בלויז פאַרן געשפּאַן. אין משך פון דער וואָך בלייבט דער טאַטע נעכטיקן אין סאָווכאָז. ער האָט אין זיין רימער־וואַרשטאַטל איינגעאָרדנט פאַר זיך אַ געלעגער. כאַפּט זיך דער סאָווכאָז־נאַטשאַלניק אָפּטלעך אַריין צום טאַטן: „יאַק מאַזשיסיאַ, גדליה? — ווי פילסטו זיך, גדליה? — האָט דער טאַטע ביי אים אויסגעפירט, דער רו־טאָג זאָל ביי אים אויסקומען ניט זונטיק, נאָר שבת. דער גוי האָט אָבער דעם טאַטן געוואָרנט: — מאַך וועגן דעם מיט קיינעם קיין רייד ניט, אַז איך האָב דיר דערלויבט. מ׳עט זיך צו־געוויינען אין די שבתים ניט צו זען דיך ביי דער אַרבעט. און זונטיק שיכור׳ט מען ממילא, וועט מען שוין פלאָנטערן, צי דו ביסט שבת יאָ געווען, צי ניט געווען... קומט דער טאַטע פרייטיק נאָך האַלבן טאָג מיט אַ היפּש אָנגעפּאַקטן זעקל שאַר ירקות אויפן אַקסל... פלעגן מיר שוין פרייטיק אין אָוונט און שבת עסן מיט דער גאַנצער משפחה צוזאַמען מיט שמואליקן ביים גרויסן טיש. איז דאָס פאַר טאַטע־מאַמען געווען אַ גדולה, ליב באַקומען שמואליקן, איבערגעמען זיך מיט אים, הויך געשעצט. דער שול־דירעקטאָר, מיין געוועזענער דירעקטאָר, האָט געפּועלט ביים פאַקולטעט־דעקאַן פון קיִעווער אינסטיטוט פאַר פאָלקס־בילדונג, מ׳זאָל דעם סטודענט פון לעצטן קורס, שמואל עטינגער, פאַרלענגערן זיין פּראַקטיק נאָך אויף אַ חודש. שמואליק איז פון מיר מיט פינף יאָר עלטער. געפעלט דאָס מיר. כ׳בין דאָך געווען אַ לעמעלע... און פלעג אים מיט דער גאַנצער פאַרטייעטער ליבשאַפט מיינער... לאָז זיך לערנען... איז אונדזביידן טשודנע־גוט, בעת מיר בלייבן צוזאַמען... איך, — זאָגט ער צו מיר, — וועל דיך, מלכה׳לע, ניט אויפפרעסן אינגאַנצן, אַ קאַפּעטש־קעלע איבערלאָזן אויף מאָרגן... צו צוואַנציק יאָר האָט שמואליק פאַר־ענדיקט דעם קיִעווער פעדאַגאָגישן טעכניקום און ביי דריי יאָר געווען לערער פון מאַטעמאַטיק אין דער מאַקאַראָווער זיבניאָריקער יידישער שול — אַ יידיש שטעטעלע נעבן קיִעוו. און נאָכדעם צו פאַרפולקומען זיין בילדונג ,אָנגעקומען לערנען זיך גלייך אויפן דריטן קורס פון יידישן אָפּטייל ביים קיִעווער אינסטיטוט. איך וואָלט דיר נאָך באַדאַרפט דער־ציילן וועגן זיינער אַ געשיכטע, וועלכע ער האָט איבערגעלעבט אין מאַקאַראָוו, וואָס אַנטפּלעקט זיין אַנטשלאָסענעם כאַראַקטער און פונקט אַזעלכע אייזערנע הענט האָט שמואליק. נאָר פאַר מיר זיינען זיי צאַרט און ווייך ווי פוך... קורץ, מיט אַ וואָך פאַרן פאַרענדיקן זיין פּראַקטיק,

האָבן מיר מיט שמואליקן אָוועקגעאײַלט צום אַגאַניעוזער זאַגס.* — און געוואָרן מאַן און ווײַב. בײַ אונדז אין שטוב געפּראַוועט די חתונה־וועטשערע. ס׳איז געווען וואָדקאַ און סאַמאָגאָנקע, טאַטע־מאַמע האָבן מיט אַלע כוחות דאַביוועט זיך פּונעם לעצטן, אויפן טיש זאָל זײַן וואָס מער פאַרבײַסעכצן, געבראָטנס, מאַרינירטס, געזײַערטס, אָבער געפעלט האָט כאָטש אַ טראָפּעלע שײַנקײַט, אַ ייִדישער ניגון, דער קראַנץ פון פריילעך־געפּלאָכטענע הענט און היימיש־טופּענדיקע לוסטיקע פיס. אַ חתונה־וועטשערע פון יוצא־וועגן, אָן ייִדישן טעם, אַפילו ניט קיין הוליאַנקע, ניטאָ וואָס צו דערמאָנען... ס׳זײַנען געקומען אייניקע פון מײַנע חבר׳טעס פון שנײַדער־אַרטעל, דער שול־דירעקטאָר, אַ דרײַ־פיר לערער, מיט וועלכע שמואליק איז געוואָרן אויפגעטראָגן און מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָב איך מיך געזעגנט מיט טאַטע־מאַמען, מיטן ברודערל און שוועסטערל, מיט מײַן היים־שטעטל אַגאַניעוו און אַוועקגעפאָרן מיט שמואליקן קיין קיִעוו. געקומען צו שמואליקס עלטערן און מיט זיי גע־פּראַוועט אַן ענלעכע חתונה־וועטשערע. רחמיאל האָט נאָך געדינט, ס׳האָבן זיך צונויפגעקליבן די קרובים פון חתנ׳ס צד, אָנצוקוקן מיך, די כלה, און פאַראײַנס שוין אויך די שנור, צו זאָגן מבינות אויף דעם וואָס שמואליק האָט זיך אויסגעשדכנ׳ט אין אַ שטעטל בײַ אָדעס. שמואליקס באָבע, ניסימלס עלטער־באָבע, פייגע־ראָכע, איז מיט קוראַזש מיר אַרויס אַנטקעגן אין אַ חתונה־טאַנץ, פאַרהויבן איבערן קאָפּ דאָס פּאַטשיילקעלע, צוגע־טופּקעט צו מיר, אַרויפגעלייגט די האַנט אויף מײַן אַקסל, אויסגערופן אויפן קול: „מלכה׳לע, אַזאַ שײנער, זיסער, ייִדישער נאָמען... וויל איך דיר ניט פאַרשטערן דײַן פרייד...” און מיט אַמאָל אויסגעבראָכן מיט אַ ביטערן געוויין: „צו וואָס מיר האָבן דערלעבט! אָן באַזעצנס, אָן באַדעקנס, ווו זײַנען אַהינגעקומען אונדזערע טײַערע ליבע פיר חופּה־שטאַנגען? ווו האָט איר זיך פאַרשטעקט, ייִדישע כליזמרימ׳לעך? דער רב איז ווו מיט דער כתובה? שמואליקל, אייניקל מײַנס, וואָס טרעשטשעט ניט דאָס גלעזל אונטער דײַן שוך? — אויף אַ יווענישן אופן, גוייִשן שטייגער... טפו, שונאי־ציון, ניט געדאַכט זאָל עס ווערן...”

מיר האָבן זי קוים אײַנגעשטילט, באַרויִקט, איך האָב געגלעט, גע־קושט אירע הענט: — באָבעשי, טײַערע באָבעשי, מיר פאַרלירן ניט די האָפענונג... ס׳וועלן נאָך יאָווען זיך שיינע, ליכטיקע צײַטן...

אינגיכן בין איך אָנגעקומען אַרבעטן אויף איינער פון די קיִעווער

---

* זאַגס — רוסישע ראשי־תיבות, אַמט פון רעגיסטרירן אַקטן פון ציווילן סטאַטוס.

שנײַדער־פֿאַבריקן, שוין געווען שוואַנגער אין צווייטן חודש. אין דעם מעדיצינישן צימער בײַ דער פֿאַבריק בין איך דורך אַן אויבנאויפֿיקע פֿאַרמעלע אונטערזוכונג. ווען מײַן שוואַנגערשאַפֿט האָב איך, פֿאַרשטייט זיך, פֿאַרשוויגן. די באָבע פֿייגע־רחל איז אַריבער ווינען צו איר טאָכטער — מײַן שוויגער מאַריאַשע. שמואליקס ייִדע, אפֿרים, פֿייגע־רחל'ס מאַן, איז מיט אַ פּאָר יאָר צוריק געשטאָרבן, האָבן מיר זיך מיט שמואליקן אַריבערגעצויגן אין זײַן באָבעס און זיידעס צוויי צימערלעך אויף פּאָדאָל, וווּ מיר ווינען איצט.

אָנהויב זומער האָט שמואליק פֿאַרענדיקט דעם אינסטיטוט. איך בין שוין געווען אַן פֿינף מינוט אַ געווינערן... און שוין געהאַט באַקומען אויף דער פֿאַבריק מײַן דעקרעטיוון אורלויב. שמואליק האָט דעם לעצטן קורס פֿאַרענדיקט מיט גוטע אָפּשאַצונגען, האָט עס אים געגעבן אַ מעגלעכקײַט דערשלאָגן זיך אין דער געגנטלעכער פֿאַרוואַלטונג פֿון פֿאָלקס־בילדונג, ניט צו שיקן אונדז אויף דער פּראָווינץ, נאָר איבערלאָזן אים אויף פּעדאַגאָגישער אַרבעט אין קיִעוו גופֿא. האָסטו דיר, שפּרה, מײַנע און שמואליקס בשותּפֿות'דיקע געשיכטע. שמואליק וואָלט עס בעסער דערציילט.

— כ'וואָלט ניט געזאָגט, מלכה'לע. יעדער פֿון אײַך האָט זיך מיט זײַן טייל פֿון אײַער געשיכטע ספּראַוועט, — צעשמייכלט זיך גוט־האַרציק שפּרה.

— אויסגעלערנט זיך... — צעלאַכט זיך מלכה.

— אויב אַזוי, דערצייל שוין מיט איין קלאַפּ שמואליקס מאַקאַראַווער פּאַסירונג.

— מיט איין קלאַפּ, זאָגסטו, — חזר'ט איבער מלכה, — צי דאַרף איך עס דיר דערציילן? און אפֿשר...

האָט אָבער ניסימל פּלוצעם געגעבן וועגן זיך צו וויסן, געעפֿנט ברייט זײַנע אייגעלעך, פֿאַרקרימט אַ ליפּעלע...

— שאַ, שאַ, ניסימל, פֿאַרשפּאָרסט צו גוואַלדעווען. איך בין דאָ מיט דײַן מילך־פּערמע! נייַן! שפּרה'לע, מיר וועלן שוין די מאַקאַראַווער דערציילונג אָפּלייגן אויף אַן אַנדער מאָל.

✱

רחמיאל איז געקומען אַביסל צו פֿרי. מ'האָט שוין געהאַט אָפּגעגעסן און שפּרה איז גרייט, געוואָרט. מלכה זאָגט רחמיאלן: — און מיר האָבן שוין פֿאַרמיטאָג מיט שפּרה'ן און ניסימלען שפּאַצירט אויפֿן באַרג.

— און איך בין ניט מיד צו גיין אַהינצו ווידער, — גיט צו וויסן שפּרה.

באַמערקט שמואליק: — ס'ציט שפרה'ן צו שיינקייט.
— זייער. מיט איין תנאי: ווען דער מענטש איז מער־ווייניקער רויִק.
מעלדעט רחמיאל: — איך גאַראַנטיר פולשטענדיקע רויִקייט.
— איך צווייפל אין דעם ניט, — באַשטעטיקט מלכה.
— האָט אײַך, שפרה און רחמיאל, אַ גוטן שליטוועגס אין אַ גינ־גאָלדענעם סענטיאַבער־אָוונט. — באַגלייט זיי אַרויס שמואליק.
ווען זיי זײַנען שוין בײדע געווען אויף דער מאַגיסטראַל־גאַס, שטעלט זיך רחמיאל אָפּ: — ביסטו, שפרה, ניט קעגן, מיר זאָלן אַריבער אויף „דו״?
— ניין, ניט קעגן.
— טאָ הער זיך אײַן — אַזוי ווי דו ביסט שוין פאַרמיטאָג אויפן וולאַדימער באַרג געווען און ס'איז נאָך אינגאַנצן ליכטיק, וועלן מיר איצט פון פאָדאָל אַרויף מיט דיר אויף קרעשטשאַטיק — דער צענטראַלער שיינער גאַס פון קיִעוו, דורכגיין זי פון אָנהויב ביזן סוף, פאַרקערעווען זיך צום ביביקאָווער בולוואַר, צוזעצן זיך אויף אַ בענקעלע ,עסן מאָראָ־זשענע, פאַרטרינקען מיט סעלצער־וואַסער און דערנאָך, בײַ לבנה־שײַן, ווידער אַרויף אויפן שפּיץ באַרג, שטיין בײַם פאַרענטש לעם זעלבן אָרט, וווּ עס איז דיר נעכטן אַזוי געפעלן געווען...
...אויף דער ברייטער, גערוימער קרעשטשאַטיק איז שבת אין אָוונט, פאַרן רו־טאָג, טומלדיקער, רוישיקער ווי תמיד. מער שפּאַצירנדיקע יונגע פאַרלעך.
— זעסט, שפרה, קרעשטשאַטיק 12. דאָ איז געווען דער ייִדישער קיִעווער פּעדאַגאָגישער טעכניקום, אונדזער שמואליק האָט אים פאַר־ענדיקט.
זיי זײַנען דורך ביזן ווינקל. עטוואָס אָן אַ זײַט — אַ ניט קיין גרויסער פּלאַץ. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט בײַם פאַסאַד פון דער אייגנ־אַרטיקער גרינלעכער, דרײַשטאָקיקער געבײַדע מיט האַלברונדע הויכע, לענגלעכע פענצטער, — ס'איז, שפרה, די אַלטע קיִעווער דומע, די שטאָט־פאַרוואַלטונג נאָך פון פאַר דער רעוואָלוציע. איצט איז דאָ דער געגנט־לעכער קיִעווער אויספיר־קאָמיטעט, די פאַרטיי און קאָמיוג...
רחמיאל און שפרה זײַנען אַריבער אויף דער אַנדערער זײַט קרעש־טשאַטיק. ווײַזט איר אָן רחמיאל: — דער ראָג פון אינסטיטוטסקע גאַס. אין דעם מויער, אויפן דריטן שטאָק איז דער קאָמפּאָן.
— וואָס איז עס? — פרעגט אים שפרה.
— דער ייִדישער קלוב. נאָך פאַרן אָוועקגיין דינען, פלעג איך אַהער אַרײַנקומען.
— גוט, אָבער וואָס באַטײַט קאָמפּאָן?

— אָ... יאָ... קאָמוניסטישע פּאַן... אַרויס פון זינען. בין איך דאָ אַנומלט געווען אויף אַן אָוונט פון יִדישע שרײַבער. איציק פעפער האָט געלייענט דאָס ליד — „סיביר, אוראַל, קאַלוגע און טריפּאָלי..." און נאָך אַ ליד — „דאָרט, ווו גראָזן זײַנען נאַסע שטייט אַ קרעניצע פאַרטראַכט..."

— „קומען מיידלעך, שעפּן וואַסער, קומען מיידלעך אַלע נאַכט..."

— געדענקסטו אויך דאָס ליד, שפרה. און דאָס ליד פעפערס ווייסטו? — „בלאָנדעלע, בלאָנדעלע, זײַ מיר אַ ווײַב, איצט באַלד, שוין..."

— ניין.

— נו, מילא. און אַ צווייטן מאָל בין איך דאָ געווען אויף אַן אינ־טערנאַציאָנאַלן אָוונט פון פּאָעזיע. ס'זײַנען אַרויסגעטראָטן צוויי רוסישע פּאָעטן — מיכאַיִל סוועטלאָוו און מיכאַיִל גאָלאָדני.* און איציק פעפער איז געווען מיט זיי בײַם טיש אויף דער בינע, פעפער האָט געזאָגט: — סוועטלאָוו און גאָלאָדני זײַנען מײַנע פרײַנט, קאָמיוגישע פּאָעטן. — סוועטלאָוו האָט דעקלאַמירט דאָס ליד — „גרענאַדאַ, גרענאַדאַ, גרענאַדאַ מאַיאַ". און דער צווייטער רוסישער פּאָעט מיט אַ גרויסער יִדישער נאָז, גאָלאָדני, האָט פאַרגעלייענט זײַן ליד „פּאַרטיזאַן זשעלעזניאַק". ס'הויבט זיך אָן מיט דער שורה — „אין סטעפּ בײַ כערסאָן". בעת איך האָב געדינט, האָט אונדזער ראָטע אויף די אָוונטיקע ווינטער־פּראָגולקעס (שפּאַצירן) ליב געהאַט צו זינגען דאָס ליד. און איך פלעג אין דער שטילער, בײַ־נאַכטיקער גאַס אַרויסהילכן שטאַרק יעדעס וואָרט. איינער פון די רויט־אַרמייער, מיט וועלכן איך האָב געשפּאַנט אין איין ריי, האָט הערנדיק ווי אַזוי איך פאַרגיי זיך אין געזאַנג, אַ הוקע געטאָן אויף מיר: „וואָס שרײַסטו, ווי אַ געקוילעטער". האָב איך מיך פאַרשעמט, אַנטשוויגן געוואָרן... צוריקגעקערט זיך אין קאַזאַרמע, האָב איך חשק געהאַט צו דערציילן דעם רויטאַרמייער, אַז איך האָב אין קיִעוו געהערט דעם פּאָעט גאָלאָדני לייענען זײַן „פּאַרטיזאַן זשעלעזניאַק". נאָר איך האָב עס ניט געטאָן — ער וועט נאָך אויף מיר אָנפאַלן דער שייגעץ: „באַרימסט זיך, האָסט עס אויסגעטראַכט".

צוגעקומען צו אַ ווײַטערדיקן ראָג, האָט רחמיאל צוגעפירט שפרה'ן צו אַ מויער. זי האָט איבערגעלייענט: קיִעווער צענטראַלע יִדישע ביבליאָטעק אויף מאָריס ווינטשעווסקי'ס נאָמען.

האָט איר אויף דעם רחמיאל געזאָגט: — ווען איך האָב מיך גע־לערנט אין זיבעטן קלאַס, פלעג איך אָהערצו לויפן בײַטן ביכער. די

---

* מיכאַיִל סוועטלאָוו און מיכאַיִל גאָלאָדני — ביידע יִדן, באַוווסטע רוסישע סאָוועטישע פּאָעטן.

ביבליאָטעקערין דינה האָט פּאַרוואַלטעט מיט דעם קינדער־אָפּטייל. דער דירעקטאָר פון דער ביבליאָטעק, כ׳האָב אים אויף דעם ווינקל דאָ ניט לאַנג געזען, תמיד אַ שמייכלענדיקער, בלייכער אַלטער ייִד, מיט אַ דיקן, סוקעוואַטן שטעקן.

און פּלוצעם ווענדט זיך שפרה צו רחמיאל׳ן: — ווען ס׳קומט אונדז אָן אַנטקעגן איינע פון דײַנע באַקאַנטע מיידלעך, וואָלסטו זיך ניט פאַרשמעט?

— ניט נאָר איינע פון די באַקאַנטע, נאָר, הלוואי טרעפן מיר זיי איצט אַלע, איינע נאָך דער אַנדערער, זאָלן זיי זען, מיט וואָס פאַראַ סימפּאַטיש מיידל איך שפּאַציר אויף קרעשטשאַטיק!

— רחמיאל, כאַפּסט ניט איבער די מאָס? — האָסט נאָך אויף מיר קיין חסרונות ניט געפונען?

— חסרונות? — דאָס איז מלכה׳לעס לידעלע, אַז איך זוך חסרונות — ניט אמת! איך וויל, דו זאָלסט מיר, שפרה, גלויבן. דו מוזט מיך אויס־הערן... אָבער וואַרט צו. איך האָב דיר נאָך ניט באַוויזן גאַנץ קרעשט־שאַטיק. מיר דערנענטערן זיך צום סוף. כ׳האָב נאָך געוואָלט דאָ, ניט ווײַט, אויף קראַסנאָאַרמייסקע גאַס באַווײַזן דיר די שנײַדער־פאַבריק, ווו מלכה אַרבעט. מילא, אַן אַנדערש מאָל. און דאָ האָבן מיר שוין רעכט מיט דיר פאַרקערעוועט צום ביביקאָווער בולוואַר. אָבער מיר האָבן פּלאַנירט צו אַרײַן מאַראָזשענע עסן און פאַרטרינקען מיט סעלצער וואַסער...

— אפשר, ווען מיר, רחמיאל, איבערהיפּערן ביידע זאַכן, אי מאָ־ראָזשענע, אי סעלצערסקע?

— בשום אופן! שפרה! פּלאַן בלײַבט פּלאַן. מיר זײַנען דאָך מיט דיר סאָוועטסקע מענטשן, בויער פון דער ערשטער פּיאַטילעטקע...

רחמיאל טיילט זיך מיט שפרה׳ן

— נאָכן פאַרענדיקן די זיבניאַריקע שול האָב איך זיך געלערנט אין אַ פראָפטעכנישער, אויף אַ שלאָסער. פאַרן גיין דינען נאָך באַוויזן בײַ אַ יאָר צו אַרבעטן. צוריקגעקערט זיך פון אַרמיי, בין איך באַלד אַנגע־קומען דאָ, אויף פאַדאָל, אויפן קוריניאָוווקער לעדער־זאַוואָד. איך בין ניט קיין גאַרבער — אַ שלאָסער און שטעק ניט מעת־לעת׳ן בײַ די טשאַנעס מיט אײַנגעווייקטע שקורעס, אָקסן־פעלן, אָבער אין משך פון טאָג נעם איך זיך אָן אויף דורך־און־דורך מיט די עסיק־שאַרפע לעדער־ריחות. נאָך דער אַרבעט שטיי, אַוודאי, אַ האַלבע שעה אונטערן דוש

און פאַרע אויס פון מײַנע ביינער דעם אײַנגעגעסענעם פעל־דוך... און אַלצאיינס, דוכט מיר, אַז ס'טראָגט פון מיר אויף מײַלן ווײַט מיט פעל־זויערקײַט פון די טשאָנעס.

— ניין, רחמיאל, איך פיל דאָ, אין דער אַלייע, די דופטיק־זיסע ריחות פון די וויאַניענדיקע אָסיען־בלעטער אויף די בענק און אַרום אונדז, אויף דער ערד.

— איז גוט, — זעצט פאָר רחמיאל, — אַ יאָר שוין, ווי איך אַרבעט. מיר איז שוין אַוועק דאָס פּיראָונצוואָנציקסטע. טאַטע־מאַמע און מײַן באָבע פרעגן בײַ מיר גאָרניט, ווײַל איך האָב איינמאָל פאָר אַלע מאָל מיט זיי אײַנגעקנעלט — „איך וועל מיר אַליין מײַן שטעטל באַשטיין. מישט זיך ניט, פאַרגעדענקט, מישט זיך ניט"! אָבער אַלע מאָל, ווען איך קער מיך אום אַהיים שפּעטלעך, עפנט מיר די מאַמע די טיר מיט פרעגנ־דיקע, פאַרשנדיקע אויגן — „רחמיאל, וויפל איז דער שיער אַרומבראָ־דיען... צײַט שוין קומען צו אַ שטיקל טאָלק"... בין איך געצוווּנגען אַנצוּנעמען מיטלען — באַקאָן זיך, באַגעגן זיך... און ווי איך האָב דיר שוין, שפרה, געזאָגט, בעת אונדזער ערשטער באַגעגעניש, כ'קאָן מיר קיין עצה ניט געבן... ברייגען צו טאַטע־מאַמע און צו דער באָבען אין די אָנדערהאַלבן צימערלעך מײַן באַשערטע? — איז וווּ זיך אַהינטאָן? און אין אַ יאָר אַרום ווערט געבוירן אַ קינד... פאַרסמען זיך און אַלעמען דאָס לעבן... בלײַבט איבער צו דינגען אין די פאַרוואָרפענע געסלעך, הינטערן שטאָט ערגעץ, גיכער פון אַלץ בײַ אַ גוי, אַ חדר'ל, איז דאָס אַן אויסוועג? און אויסצוכלאַפּאָטשען אַ קאָמונאַלע דירה, מוז מען חדשים אָפּשלאָגן די טירן צו דער גרויסער נאַטשאַלסטווע און אַלצאיינס גאָרנישט ניט פועלן. אַ פאַרשלעפּטע קרענק, ס'ציט זיך יאָרן. קיין נײַע וווינונגען בויט מען ניט. זוך איך וויגאַדעס, קאָמבינאַציעס, נײַע באַקאַנטשאַפטן... אַ זיבן־אַכט חדשים, ווי איך האָב מיך באַקאַנט מיט איינער אַ מיידל. זי הייסט סימע. אַ יאָר עלטער פון מיר, סוף־כל־סוף, האָט עס קיין באַדייטונג ניט. אַ סטודענטקע פון דעם פאַרלעצטן קורס פונעם קיִעווער מעדיצינישן אינסטיטוט. אין צוויי יאָר אַרום — אַ דאָקטאָרשע. לערנט אָנגעשטרענגט, מיט פלײַס, ניט קיין איבערגעשפּיצטע, אַ שטיל מיידל מיט אַ וווּיל האַרץ. איר טאַטע אַרבעט אין אַ באַזאָרגונגס־אָפּטייל פון אַ שפּיגל־פאַבריק. די מאַמע אין שטוב. זיי האָבן נאָך אַ קליין מיידעלע פון אַ יאָר עלף־צוועלף. סימע האָט אין דער דירה אַ באַזונדערן, געראַימען צימער. ווען דאָס זאָל געשען... הייסט עס, ביז בעסערע צײַטן, מוז מען וווינען צוזאַמען מיט די עלטערן, ניט פון די זיסע זאַכן... ווײַל סימע מיט איר געהאָרכזאַמקײַט, פּילט בײַ יעדן טראָט אירן דעם טאַטנס קוק...

„פאַרגעס וועגן דעם... כ׳זאָל קיין פּיפּס ניט הערן"... קאָן שוין סימע אַליין אויף זיך גאָרנישט ניט נעמען. און זוכן שוץ ביַי דער מאַמען, חיות ניט זיכער... איז סימע אַ שקלאַף ביַי איר טאַטן. און ווײַנען מיט איר און מיט אַזאַ „קאָנפעטקע", ווי איר טאַטע איז, צווישן פיר ווענט... און כאָטש מ׳נעמט מיך אויף ביַי זיי גערן, פיל איך דאָך, אַז מ׳הערט ניט אויף, דער עיקר, דער טאַטע, צו טראַכטן וועגן אַ מער געהויבענעם שידוך... ווײַל וואָס בין איך אין זייערע אויגן — אַ לעצטער שעבעלעצטער, פּראָסטער שעבעפּראָסטער שלאָסערל אויפן קוריניאַוווקער לעדער־זאַוואָד... עגבערט זיי דער מוח, כאָטשבי, אַ שטיקל אינזשעניער, אַ טעכניקער, בלית ברירה, אַ בוכהאַלטערל. קיין פּאַרטייִנער בין איך ניט, וועט שוין קיין נאַטשאַלניק פון מיר ניט ווערן. און סימע׳ס טאַטע זעט גראָד איין אין דעם אַ מעלה... ווײַל מען מיט מיר דאָך קיין כּפּרות ניט שלאָגן... און מ׳האַלט מיך פאַר איינעם פון די גרונטאָוונע קאַנדידאַטן — איבער פיל טעמים. ערשטנס, זעען טאַטע־מאַמע, בפרט דער טאַטע, — „כ׳בין זייער ,גולמ׳ל׳ געפעלן. זי קלעפּט צו אים". און צווייטנס, מײַן „קאָניאָק" (פערדל), וואָס איך בין אַ היגער אַרבעטער און אַן אויסגעדינטער. און ביַים פאַרענדיקן דעם אינסטיטוט האָט זי אַ שאַנס, ווען זי איז מײַן ווײַב און פאַרגייט זיך נאָך אין טראָגן, מע זאָל זי ניט פאַרשטויסן אין אַ העק — אין אַ דאָרפישן שפּיטאָלכל; צי אין אַ מעדפּונקט צווישן פּויערים, נאָר איבערלאָזן, אויב ניט גופא אין קיִעוו, איז אָבער באָענט, ניט ווײַט פון שטאָט. מעג איך דאָך זײַן צופרידן — אַ פּראָסטאַק נעמט אַ „גע־בולבלטע", אַ דאָקטאָרשע, מיט שוין אַ גרייטן, געררוימען צימער אין אַ מויער, כמעט אין צענטער שטאָט... יאָוועט זיך אָבער דאָ מײַנע אייגענע „סאָלדאַטסקע פּריצפּעקעס", דאָס וואָס מלכה׳לע רופט זיי אָן — מײַנע חסרונות זוכן... ווי ברענגט מען עס פאַר דיר, שפרה אַרויס, דו זאָלסט מיך ריכטיק פאַרשטײַן, קורץ, מיט איין חסרון אירן וואָלט מען זיך שוין יאַקאָש, קאָנען מירען, פאַרקנייטשן... סימע איז אַ קאַפּעטשקע קאָסאָקע...

שלאָגט אים איבער שפרה: — אויב אַ קאַפּעטשקע, איז דאָס, אַפילו, שיין. זי איז אַ שוואַרצאויגיקע?

— יאָ, שפרה.

— איז דאָס, רחמיאל, צוציִענד, ציגײַנערישער חן... אַ מעלה, ניט קיין חסרון.

— איז אָבער דאָ נאָך איינער... ווי גיט מען עס דיר איבער... אַ בראָדעווקע, ווי אַן אַרבעסל...

— ביַים אויער?

— ביַים אויער וואָלט עס געווען אַ האַלבער חסרון. מע פאַר־

שטעלט עס מיט די האָר. זי האָט אַ קאָפּ געדיכטע, געקרויזטע האָר, ווי דײַנע. ס'איז אויף צעפּיקעניש ניט בײַם אויער... אויף דער אויבערשטער ליפּ, אונטער דער נאָז... און אַמאָל נעמט זיך מיר אויסווײַזן, אַז ס'איז מוראדיק גרויס... און צו דער קאָסאָקעקײַט, אַז מ'קומט צו נאָך... קאָן איך מיר ניט רעשען... און זיי פאַרשטייען עס... איך קום צו זיי און, ווען קיינער איז אין שטוב אויסער סימע'ן ניטאָ, זײַנען זיי רויִק, אַז איך וועל איר קיין שלעכטס ניט טאָן. אונטער פיר אויגן מיט סימע'ן פאַרגעס איך, באַמערק ניט די חסרונות. זי איז מילד, צוגעלאָזט.

רחמיאל איז שטיל געבליבן. אין דער אַלייע אויף דער באַנק, ווו זיי זײַנען בײַנאַנד געזעסן, האָבן שוין געדיכט געקוטעט זיך אָוונדיקע שאָטנס און שפרה האָט צוזאַמען מיט אים פאַרגעזעצט צו שווײַגן... יעדער אייגער פון זיי מיט זײַן אייגענעם טראַכטן. זאָגט איר רחמיאל:

— איז דיר ניט נימאס מיך צו הערן?

— ניין, ניין, רחמיאל, וואָס דו דערציילסט, ווייס איך גוט פון זיך אַליין. נאָר איך הער דיך מיט אינטערעס. באַשטעטיקסט אין אַ געוויסער מאָס מײַנע אייגענע מחשבות און געפילן, — זי הייבט אויף איר קאָפּ צום הימל:

— שטערנדלעך פינקלען שוין, רחמיאל. און וווּשע איז אַהינגעקומען די בעכטיקע רונדע לבנה?

— דאָ, צווישן די קאַשטאַן־בוימער, זעט מען זי ניט... מירן ווידער גיין צום וולאַדימירער באַרג.

— אַרויפצו, אַרויפצו, צום פאַרענטש, רחמיאל, דאָרט וועט זי אַרויס־שווימען, באַלויכטן די ווײַטע אוקראַיִנער סטעפּעס...

שפרה האָט זיך אויפגעהויבן פון באַנק און רחמיאל נאָך איר. ער איז צו צו איר בענטער. זיי האָבן זיך אָנגעקוקט איינער די אַנדערע און רחמיאל שעפּטשעט אַרויס: — אַרומנעמען דיך, שפרה? אַ קוש טאָן דײַן שיינעם האַלדז?

— ניין, רחמיאל.

— פאַרוואָס?

— פאַרן פרעגן...

— ניט אָטוואַזשעט זיך... בלינדע, ברענענדיקע קראַפּעווע, רירסט זיך צו, בריסטו זיך אָפּ...

— אַ חסרון, רחמיאל?

— צוויי חסרונות...

— וועלכע?

— די כלה איז צו שיין און צו קלוג...

און בײַ די ווערטער קוקט ער זיך אום, קיין מענטשן זײַנען דערנעבן ניט געווען, האָט ער זי האַסטיק אַרומגענומען, צוגעדריקט צו זיך און הייס אַ קוש געטאָן אין די ליפּן.

שפרה באַפרײַט זיך פון זײַנע הענט און רחמיאל האָט אַ צעחושטער, צערודערטער געזאָגט: — נעכטן האָב איך אַרומגענומען און געקושט דײַן בער און איצט דיך.

— אַטוואַזשעט זיך, רחמיאל...

— מיט דײַן אָנשפּיל און לאַסקע, שפרה.

...בײַ נאַכט זײַנען שפרה און רחמיאל צוגעקומען צו שמואליק׳ס און מלכה׳ס דירה. זאָגט רחמיאל: — אויסגעלאָשן שוין דער לאָמפּ בײַ זיי... מע וועט מוזן אַ קלאַפּ טאָן אין שויב...

— מע דאַרף ניט קלאַפּן, רחמיאל. מלכה׳לע האָט מיר מיטגעגעבן אַ שליסל.

— אויסגעצייכנט.

זיי זײַנען שטיל, שטיל צו צו דער טיר. ער האָט זי אַרומגענומען, געקושט, — שאַ, כ׳האָב גאַר פאַרגעסן — שעפּטשעט ער שפרה׳ן: — מאָרגן איז דאָך אַ רו־טאָג. וועל איך קומען אַ סך פריִער, אַ זייגער עלף. ער האָט אויפגעשלאָסן די טיר:

— אַ גוטע נאַכט דיר, שפרה.

— אַ גוטע נאַכט, רחמיאל.

דאָס טעפּעלע כריין...

ס׳שאַריעט... מלכה איז אויף די שפּיץ פינגער אַרויס פון זייער חדר, צונויפגעטראָפן זיך מיט שפרה׳ס אָפענע אויגן און איז צו צו דער סאָפע, צוגעזעצט זיך נעבן איר:

— כ׳האָב געפילט, אַז דו האָסט זיך שוין אויפגעכאַפּט און טראַכטסט...

— טראַכטן, מלכה׳לע, איז מײַן באַלזאַם... איר האָט ניט געהערט, ווי איך בין אַרײַנגעקומען?

— שטעל זיך פאָר, — ניט. אַלע דרײַ געפּאָפּינקעט.

— אַזוי גוט, וואָס דו האָסט מיר געגעבן דעם שליסל, — שפרה טוליעט זי זיך צו מלכה׳לען, — און ביסט נעבן מיר...

— וועגן וואָס טראַכסטו, שפרה׳לע?

— איצט וועגן דעם, וואָס איך מוז טראַכטן. דאַנערשטיק דאַרף איך זײַן אין דער היים. וואָלט גוט געווען הײַנט, פאַרויס באַשטעלן אַ בילעט.

— פאַרוואָס דאַנערשטיק ?

— מאַנטיק, דעם ערשטן אָקטאָבער, הויבן זיך אָן מײַנע בוכהאַלטער־קורסן. דאַרף איך כאָטש אויף דרײַ־פיר טעג פאַר דעם זײַן אויפן אָרט, צוגרייטן ביכער, העפטן, שרײַב־מכשירים, ברענגען זיך אין אָרדענונג.

— ריכטיק, שפרה, וועלן מיר שמואליק׳ן שיקן באַשטעלן.

— רחמיאל האָט מיר נעכטן צוגעזאָגט צו קומען אַ זייגער עלף.

— וועלן זיי ביידע גיין. און אויף צוריקוועגס אַרויף אויפן יעוובאַז (באַוווסטער קיִעווער מאַרקפּלאַץ, ייִדישער מאַרק), אפשר וועט זיך זיי מאַכן אַ מציאה — אַ סאָוועטסקע גאָלדן ציגעלע אויף וועטשערע...

— אַזאַ גזלב׳טע ביסטו, מלכה׳לע, אַ לעבעדיק ציגעלע אויסצובראָטן ?

— אויב ניט אויסבראָטן, איז כאָטשבי אויסמעלקן... נו, ווי ?...

— ווי אויסמעלקן, פרעגסטו ? — לאַכט אין דער שטיל שפרה.

לאַכט צו אויך מלכה: — פאַרשטייסט מיך וואָס איך פרעג דיך — ווי געפעלט דיר רחמיאל ? — שאַ... לייגט צו מלכה׳לע איר פינגער צו די ליפּן, — דאַכט מיר, ניסימל דרייט זיך דאָרט אין וויגעלע... אַ פּאַוזע... ניין, פּאָפּינקעט... האָט אַ ייִדיש האַרץ ניסימל, פּילט, אין אַ רו־טאָג דאַרף מען סאָוועסט האָבן, געבן טאַטע־מאַמע אוסרוען זיך.

— יאָ, מלכה׳לע, אויך ניסימלס יונגער פעטער, רחמיאל, האָט אַ ייִדיש האַרץ. מיט איין וואָרט, אַ גוטער, פײַנער בחור.

שפרה נויגט זיך צו נענטער צו איר חבר׳טע און שעפּטשעט איר, — צוויי ברידער — פאַרשידענע, גאָר אַנדערע צוויי מענטשן, אָבער ביידע מיט לײַב און ביינער פול מיט גוטסקײַט. רחמיאל איז נאָך לעת־עתה מיט זײַנע מחשבות אויף טויזנט סטעזשקעס... פאַר אים איז, באמת, ווי אָנגעמאָסטן דער נאָמען פון סטאַלינ׳ס אַרטיקל „קאָפּשווינדל פון דער־פאָלגן”... נאָר אַליין דאָס לעבן וועט רחמיאלן, אָן ספק, אַרויספירן אויפן ריכטיקן, באַשערטן שטעגל. איך ווינטש אים עס פונעם גאַנצן האַרצן.

— האָט ער דיר געוויס געדרייט אַ קאָפּטער מיט אַלע זײַנע כלות. אַנדערש קאָן ער דאָך ניט...

— נאָך ניט וועגן אַלע... ביז דאָנערשטיק — פיר טעג, ער וועט נאָך באַווײַזן... אָבער ניט געפערלעך... טשיקאַווע אים צו הערן, ער חוזק׳ט ניט פון קיין איינער. מיט מיטגעפיל צו זיי... פאַרשטעלט זיך ניט... לייגט אויס ווי אויף דער דלאָניע זײַן נשמה — אַזאַ בין איך...

— ביסטו צופרידן מיט דײַן קומען צו אונדז ?

— טײַערע מלכה׳לע, — און שפרה טוליעט זיך צו איר און קושט זי.

— ליג נאָך, שפרה.
— יאָ, דו אויך, כל זמן ניסימל איז שטיל.

— —

אָפּגעפּרישטיקט, האָבן זיך מלכה און שפרה איַינגעקליגט איַינצו־מאַשטשען ביַינאַנד אינעם קיכעלע, גרויס ווי אַ קעזקיכעלע — אַ רו־טאָג אויף דער וועלט — אויסצומאַרקירן, אויסצוקאָמבינירן „שניַידן זיך די פינ־גער", פאַרפּוצן דעם דחקות, צוגרייטן עפּעס אַזוינס און אַזעלכעס, וואָס זאָל דערמאָנען די טיַיערע היימישע — דער מאַמעס און דער באָבעס — באַטעמ׳טע חריפות׳דיקע פּאַטראָוועס, פאַרבראָקעכצן מיט זיבן מינים גע־ווירצן, פאַרוויַיסן און פאַרזאַלצן — אַ וואַרעמעס, צי אַ וועטשערע, צי בײדע מאָלציַיטן באַהעפטן... און דאָס ליב ליכטיק ציגעלע זאָל אין דמיון פּאַשען זיך און ווילטיקן צווישן די הויכע, שמעקנדיקע גראָזן, פאַרשאָטן מיט זיך שפּרענקלענדיקע ראָמאַשקעלעך און בלויע קאָרנבלימעלעך אויף דער שטילער, מחייה׳דיקער הינטערשטעטלדיקער לאָנקע, פון קיין בייז און פון קיין שלעכטס ניט וויסן...

איידער די חברטעס זיַינען אַריַין אין קיכל, האָט מלכה׳לע איבער־געגעבן ניסימלען אויף שמואליק׳ס הענט: — אָט, האָסטו אים, דיַין יורש׳ל, אַן אויסגעשלאָפענעם, אַ זאַטינקן, אַ בורשטין־ריינינקן און נאָר פון דיר איז איצט געווענדט, טאַטע־מאַטעמאַטיקער, לייג צו קאָפּ־שכל, פאַרוויַיל אים. עס שמייכלט שוין, די רעכטע ציַיט פאַר ניסימלען צו דערהערן פון אים אַ כאָכינקע, אַ לאָכינקע, שפּיל זיך מיט אים, דריי זיך אַרום. מילא, טאַנצן צווינג איך דיך ניט. אוף די זאַכן, ווייס איך, ביסטו ניט קיין כוואַט.

— איין האַלבע רגע׳לע, מלכה׳לע, — ער האָט איר צוריקגעקערט ניסימלען, אַריַינגעבראַכט פון שלאָף־חדר דעם בער, אָוועקגעזעצט אים אויף דער סאָפע, אין ווינקל, אָנגעשפּאַרט, דער לעקיש זאָל האַלטן אויס־געגליַיכט שטאָלטנע זיַינע בערישע אָקסלען, די פיר לאַפּעס אויסגע־שטרעקט פאָרויס, — אַצינד גיב מיר, מלכה׳לע, ניסימלען, שוין ציַיט זיי זאָלן שליסן קאָנטשאַפט... און שמואליק האָט זיך מיט ניסימלען אויף דער האַנט געגענטערט צו בער־בעראָוויטשן און געוויַיטערט זיך, גע־נענטערט און געוויַיטערט, דעפּילירט פאַרביַי דעם טיראַספּאָלער מאַגנאַט, אים אָפּגעגעבן טשעסט, — נישקשה, ניסימל, וועסטו זיך באַפריַיען פון די ווינדעלעך־קייטן און דאָן אים אויסשטרעקן אַ הענטעלע און ער דיר אַ לאַפּע און איר וועט ווערן צווישן זיך חבר־לאַפּ... און דערוויַיל הענטלט זיך מיט די נעזער, — און שמואליק נויגט אָן ניסימלען צום סאַמע בערס פלאַטשיקער סאַמעטענער נאָז:

— באַשמעקט זיך, גיוכעט זיך אַרום, אַבי זיך ניט רײַסן פֿאַר די נעזער, ניט גראַבלען זיך די אויגן, ניט טאַפּטשען איינער דעם אַנדערן. לעבט בשלום אין גוט פֿרײַנטשאַפֿט, מיט פֿאַרשטאַנד, מענטש און בער...

*

קומט אַרײַן רחמיאל. אין איין האַנט האַלט ער אַ פּאַרוויקלטע פּלאַש, אין דער צווייטער — אַ קאַשיק. ער פֿאַרהויבט דעם קאַשיק אין דער הויך:

— די מאַמע און די באָבע האָבן געשיקט אַ חלק פֿון דעם געכטיקן, שבתדיקן טשאָלנט. און דער טאַטע — אַ קליין טעפּעלע כריין, אַליין אָנגעריבן, פֿאַרפּראַוועט און געבעטן איבערגעבן בזה הלשון. אַזוי האָט ער געזאָגט: בזה הלשון: „דאָס קאָפּל האַרבע כריין — אַ פֿאַרבײַסט, אַ האָקוס־פּאָקוס, אַנשטאָט דרײַערליי סאָרטן געפֿילטע פֿיש, וואָס זײַנען נאָך פֿרײַטיק אינדערפֿרי געשפּרונגען פֿון וואַסער אַנטקעגן דער זון, געמאַכט לוסטיקע קאָזשעלקעס, פֿיז־זאַריאַדקעס * אין דניפּער... טונקט איר אײַן אינעם כריין אַ שטיקל ברויט, דערפֿילט איר באַלד אויפֿן גומען אַלע זיסע טעמים פֿון אַ גוט־געפֿילטן קאַרפּן־קאָפּ, די ביינדלעך אויסצוסמאָטשקען. בײַם צווייטן טונק — אַ מאכל׳דיקן, געפּעפּערטן מיטלשטיק פֿון אַ לעשטש. בײַם דריטן — אַן אַנטיק־אויסגעפֿילטן עק פֿון אַ העכט, — אויסער דעם האָט דער טאַטע צוגעגעבן: — „מיט אַ קלין — זאָגן די גוים, — האַקט מען אַ קלין אַרויס“. און אָט דער שטאַרקער ביטערער כריין שלאָגט אַרויס אויף אַ ווײַלעטשקע אַלע אונדזערע הײַנטיקע ביטערנישן, יסורים און צרות... נעם עס פֿון מיר צו, מלכה.

— וואָס, רחמיאל? — די יסורים, צרות און ביטערנישן?

— ניין, ניין, וואָס רעדסטו, דעם טשאָלנט, דאָס טעפּעלע כריין און דאָס פֿלעשל ווײַן.

שמואליק׳ס מאַקאַראָווער געשיכטע...

זײַנען מיר ווידער מיט דיר און מיט ניסימלען...

— ווען מיר אים אויסבאָדן, מלכה׳לע?

— דיר געפֿעלט עס, שפּרה?!... איך ווינטש דיר פֿון גאַנצן האַרצן...

שלאָגט זי שפּרה איבער: — דאָס שטראַלט אַרויס, מלכה׳לע, פֿון דײַנע אויגן... מײַן מזל, ווייס איך, שוועבט, קרײַזט נאָענט אַרום מיר... אָבער ניט איך קריוודע זיך אויף אים און ניט איך חנפֿ׳ע אים... כ׳האָב

---

* פֿיז־זאַריאַדקעס — רוסיש — ספּאָרט־איבונגען.

צו אים צוטרוי... אַזויפיל ליבשאַפט, פיל איך אין געפּאַך פון זײַנע פליגל... געזונט און שטאַרק זאָל מײַן מזל־פויגל זײַן... באָדן מיר ניסימלען?!

— יאָ.

— נעם איך אַראָפּ דאָס מולטערל, — זי גייט צו צו דער וואַנט, ווו אונטער אַ ווײַסן לײַלעך הענגט עס, — און ווייסט, וואָס איך וואָלט נאָך געוואָלט, מלכהלע, — גיט צו שפרה, — הערן פון דיר שמואליק'ס מאַקאַראָווער געשיכטע, וואָס דו האָסט, דאַכט מיר, יאָ געוואָלט דערציילן און עפּעס געקווענקלט זיך.

— גוט, שפרה, ביז די ברידער עטינגער וועלן זיך צוריקקערן פון וואָקזאַל און פון יעוובאַז, צווייַ אַזעלכע פאַלג־מיר־אַ גאַנג, וועסטו באַ־ווײַזןביידע זאַכן — אויסבאָדן מיט מיר ניסימלען און אויסהערן פון מיר זײַן מאַקאַראָווער געשיכטע...

שפרה האָט שוין אייניקע מאָל געהאַט אײַנגעטונקט אין מולטערל איר עלנבויגן, אויפמערקזאַם זיך „צוגעהערט" צו אים און ענדלעך גע־פּסק'נט: — סאַמע אַקוראַט... האָט דאַן מלכה'לע איבערגעגעבן ניסימלען, אײַנגעוויקלט פריַי אין אַ צעפלאַטערט ווינדעלע, אין שפרה'ס הענט: — כ'געטרוי דיר, שפרה!

שפרה האָט פּאַוואָלינקע־פּאַוואָלינקע אַראָפּגעניִדערט ניסימלען אין מולטערל, ס'זאָל ניט דערפילן די פּלוצעמדיקע שאַרפע ענדערונג... און ס'האָט זיך געקוויקט, געחיות'ט מיט אַן ערשטן אויסגעשריי פון פרייד, ברייט צעשמייכלט זיך, רוישיק באַוועגט אין וואַסער מיט די הענטלעך און פיסלעך... האָט מלכה'לע געפּאַטשט בראַוואָ פאַר שמחה: — שווים, שווים מײַן ליכטיק קאַטשקעלע...

און אַ ביסל שפּעטער, ניסימל איז שוין אַן אויסגעבאָדענער, אָנ־געקאַרמעטער, געשלאָפן אין וויג, האָט מלכה אַזוי אָנגעהויבן:

— אין אַנאַניעוו, בײַ אונדז אין שטוב, מיר זײַנען שוין מיט שמואליקן געווען נאָנט. האָב איך קיין פרײַע מינוט ניט געהאַט — פון באַגינען — בײַ דער ניי־מאַשין, געקומען פון אַרטעל, אָסיען־צײַט, ס'טונקלט שוין, כ'שטעל זיך קאָכן פאַר שמואליקן און לאָז ניט אַרויס פון זינען — ער דאַרף מאַרגן אַרײַן אין קלאַס, אין לערער־צימער, ריין, שיין, מיט אַן אויסגעפּרעסט העמדל און הער ניט אויף פאַראײַנס צו וואַיעווען מיט גוטן, אויף שטום־לשון, מיט מײַן ברודערל און שוועסטערל, שמואליק זאָל קאָנען אין זײַן צימער רויִק גרייטן די פאַרשטייענדיקע לימודים, פאַריכטן די שילערישע אַרבעטן... האָב איך דאַמאָלס ניט געקאָנט נעמען אַ בוך אין דער האַנט, אַרײַנצוטראַכטן זיך אין דעם וואָס איך לייען... נאָר אין איינעם אַן אָוונט, שמואליק איז אַוועק אין שול לערנען מיט

אַ גרופּקע אָפּשטייענדיקע קינדער. זיץ איך אין זײַן צימער, אויפן טישל אין ווינקל זײַנען אויפגעלייגט שמואליקס יידישע ביכער און אויבן אויף אשר שוואַרצמאַנס ביכעלע מיטן נאָמען — „אַלע לידער”. נעם איך עס, בלעטער... געפין איך אויף איינער פון די זײַטלעך פאַרלייגט שמואליקס אַ כאַראַקטעריסטיק וועגן זײַן אַרבעט אין מאַקאַראָווער ניט פולער מיטל־שול, אונטערגעשריבן און געחתמ׳עט פון שול־דירעקטאָר מיט אַ דרײַ יאָר צוריק... טראַכט איך, מסתמא, דאַרף עס ליגן אויף דעם אָרט און לייען איבער דאָס ליד איינמאָל, אַ צווייטן מאָל און ווידער פונדאָסנײַ, וויל פאַרשטיין דעם צוזאַמענבונד פון די שורות איינע מיט דער אַנדע־רער... און פּלוצעם העלט אויף פאַר מײַנע אויגן... קלאָר געוואָרן אויף דורך און דורך... אַ ציטעריקע וואַרעמקייט האָט מיך אַרומגעכאַפּט — מיט פּשוטע, גוטהאַרציקע ווערטער, באַצויבערנדיק־שיין מיט נאַטור־בילדער, אויסגעדריקט דאָס רירנדיקסטע געפיל — אַ מענטש דערוויסט זיך — מע האָט אים ווי דאָס לעבן ליב... דער יונגער פּאָעט באַזינגט באַגײַסטערט זײַן ליבע־סוד... וואָלט בײַנאַכט די ערד דערציילט וועגן דעם די ווינטן, וואָלט שוין אין דער פרי געווישט דער וואַלד און ס׳וואָלט שוין וועגן זײַן ליבע גערעדט קינד־און־קייט, דער קוואַל וואָלט אײַנ־גערוימט דעם טײַך און דער טײַך דעם פעלד און דאָס פעלד דעם שליאַך און ס׳וואָלט אים, דעם יונגן פּאָעט, יעדער מענטש באַגריסט בײַ זײַן שטוב... אָמער, שפרה׳לע, כ׳ווייס דאָס ליד אויף אויסנווייניק און וועק מיך אויף בײַנאַכט פון שלאָף, וועל איך דיר איבערזאָגן מיט יעדעס פּינטעלע... הער זיך גוט אײַן, דו וועסט זיכער פאַרשטיין פון דעם ערשטן מאָל, שיין ווי די וועלט:

און ס׳וואָלט דעם סוד בײַ נאַכט די ערד
דערציילט די ווינטן שטילערהייט,
וואָלט אין דער פרי געווישט דער וואַלד,
און ס׳וואָלט גערעדט שוין קינד־און־קייט:

זי האָט אים ליב...
זי האָט אים ליב...

דער קוואַל וואָלט אײַנגערוימט דעם טײַך,
וואָלט ער בײַ טאָג אַנטקעגן זון,
אין ברייטן פעלד, פאַר ווײַטן שליאַך
דערציילט דערפון:

זי האָט אים ליב...
זי האָט אים ליב...

ס'וואָלט יעדער מענטש מיך, ווי אַ פּריַינט,
באַגריסט מיט ליבע בײַ זײַן שטוב,
און ס'וואָלט געשטראַלט
און ס'וואָלט געשײַנט:

זי האָט דיך ליב?!
זי האָט דיך ליב?!

כ'וואָלט אויפן העכסטן פעלדזן־שפּיץ
אַרויפגעגאַנגען, זיך געשטעלט
צו לאָזן וויסן מיט אַ בליץ
אַ האַלבע וועלט:

זי האָט מיך ליב!
זי האָט מיך ליב!

— דאָס גרעסטע גליק, מלכה'לע, ווען מע ווייסט טיף־טיף אין האַרצן, אָן קיין שום צווייפל, אַז ס'איז אַזוי... און יעדער מענטש קאָן באַשטימט דאָס ליד צופּאַסן צו זיך. צו באַוווּנדערן, ווי ס'פּאַלן זיך צונויף געפילן...

— האָסט, שפרה, ריכטיק פאַרשטאַנען... בײַם ערשטן אויגנבליק, האָב איך מיך דערפרייט — שמואליק האָט מיטן פּאַפּיר, וואָס איז אים געקומען אונטערן האַנט, פאַרלייגט דאָס זײַטל צו באַווײַזן מיר: „פּונקט אַזוי, מלכה'לע, לעב איך איצט איבער מײַן ליבשאַפט צו דיר — ס'איז אונדזערס ביידנס ליד!" אָבער תיכף איז מיר אָנגעלאָפן אַ פאַרקערטע מחשבה, וואָס האָט ווי מיט אַ גאָסער שמאַטקע אויף שטשענט אָפּגעווישט פון טאָוול דאָס אויפגעשריבענע... און ס'שרויפט זיך אין מײַן מוח: „די כאַראַקטע־ריסטיק ליגט שוין לאַנג צווישן די זײַטלעך... אפשר, טאַקע, דרײַ יאָר... געווען בײַ שמואליקן אַן אַנדער איבערלעבונג, דאָרט אין מאַקאַראָוו... ניט איך... אַן אַנדערע..."

נאַכט.. בײַ שמואליקן ברענט דאָס לעמפּל. ער אַרבעט נאָך. איך ליג אין אונדזער גרויסן חדר, אויף דער קאַנאַפּע. עטוואָס שײַן קומט צו צו מיר פון זײַן צימער. קעגנאיבער — מײַן ברודערל מאיר'קע אויף דער קושעטקע. ער שלאָפט געשמאַק, כאָטש טראָג איבער די שטוב מיט דער

קושעטקע מיט אים צוזאַמען, וועט ער ניט הערן... דאָרט, אינעם טאַטע־מאַמע־חדר, שלאָפט אונדזער מיזינקעלע צירעלע. דער טאַטע, ס'איז מיטן וואָך, איז ער אין סאָווכאָז, אין רימער־וואַרשטאַטל, אויף דעם האַרטן געלעגער. צי די מאַמע איז שוין איַינגעשלאָפן? — ווייס איך ניט. און ווער קאָן, בכלל, טרעפן, ווען אַ מאַמע שלאָפט און ווען ניט? — ווי געוועגלעך, האָט אַ מאַמע תמיד בײַנאַכט וועגן וואָס איבער צו קלערן. בײַ טאָג איז אויף דעם קיין ברעקל רגע ניט פאַראַן. לייגט מען אָפּ די כלערליי אַרומדאַכטעגישן, מוח־עגבערנישן, אויף בײַנאַכט. אמת, איך האָב איר שוין געגעבן אָנצוהערן: — מאַמע, די טעג גייען מיר מיט שמואליקן אין זאַגס... זי האָט אויף דעם גאָרנישט ניט געזאָגט — געשוויגן... ליג איך און איך טראַכט, צי זאָל איך שמואליקן דערמאָנען וועגן שוואַרצ־מאַנס ליד מיט דער מאַקאַראָווער כאַראַקטעריסטיק אַריַינגעלייגט צווישן די בלעטלעך? — פאַרוואָס ניט? — סתם אַזוי זיך, אָן קיין חשדים אַ זאָג טאָן: — געלייענט שוואַרצמאַנס שיין ליד... און טאַקע אַ פרעג טאָן:

— ווען האָסטו, שמואליק, אַוועקגעלייגט צווישן די בלעטלעך די כאַראַקטעריסטיק?... איך פּרוּוו פאַרשזמורען די אויגן און ביידע מײַנע ווײַז־פינגער שנעל צו שיקן איינער אַנטקעגן אַנדערן — וועלן זיי זיך צונויפ־שטויסן מיט די שפּיצן — פרעג איך, ניט צונויפבוצקען זיך — פרעג איך ניט... איינמאָל זיך ניט צונויפגעשטויסן... דאָס אַנדערע מאָל — אויך פאַרבײַ... ניט פרעגן, הייסט עס?... פאַרוואָס? — דווקא פרעגן... וועל איך דיר, שפרה, איבערגעגעבן וואָרט בײַ וואָרט, וואָס שמואליק האָט מיר דערציילט...

„פאַרענדיקט דעם פעד־טעכניקום, צוגעטראָטן אַרבעטן אין מאַקאַראָוו, בין איך דאָן אַלט געווען נײַנצן, דאָס צוואַנציקסטע. געדונגען אַ צימערל אין אַ צעטיילטער שטוב אונטער איין דאַך, ווו ס'האָבן געלעבט צוויי שוועסטערס, יעדערע מיט איר משפחה. אַלץ באַזונדער, צוויי גאַניקעס — ניט צו דער גאַס — קעגנאיבער דעם גאָרטן. מײַן צימער — אין דער רעכטער זײַט פון שטוב. דאָס פענצטער אויך צום גאָרטן. אָנגעהויבן זיך דאָס לערניאַר, איך קום פון שול, בײַם אַרויפגיין אויפן גאַניק, דערזע איך דערנעבן אויפן אַנדערן גאַניק שטייט אַ ווויקסיק, יאַדערדיק מיידל, פון מיר העכער, אירע פאַר אויגן בלינצלען, ווי רײַפע טונקל־מאַטע קאַרשן אויף דער זון... זי שאָקלט צו מיר מיטן קאָפּ, זי ווייסט מײַן פאַמיליען־נאָמען:

— עטינגער, איר גייט ערשט פון שול? — איך האָב אײַך נעכטן געזען אויף דער זיצונג פון פעדאַגאָגישן ראַט, איר האָט מיך ניט באַ־מערקט, איר זײַט דער לערער פון מאַטעמאַטיק און איך — די לערערין

פון צווייטן קלאַס. איך ווייז אין דער אַנדערער זײַט שטוב, פּונקט אין אַזאַ צימער, ווי אײַערער. מע רופט מיך מאַשע, — און שטרעקט מיר אויס איר ברייטע דלאָניע. זאָג איך, — איך בין שמואליק, — זי דריקט פעסט מײַן האַנט, — כ׳האָב, — זאָגט זי, — ליב וויטען זיך פונעם פולן האַרצן... זי האָט פאַרענדיקט, — דערציילט זי, — דעם זשיטאָמירער ייִד־פּעד־טעכניקום. ס׳וועט איר דאָ, מיינט זי, — ניט אומעטיק זײַן. אמת, מאַקאַראָוו איז ניט זשיטאָמיר, טאָג צו נאַכט, נאָר זי איז שטאַרק צופרידן, — גיט זי מיר אַ מין היימישלעכן ווונקל, — וואָס מיר ווײַנען מיט אײַך אין איין שטוב — צוויי לערער פון איין שול...

...און בײַ מיר — אַן ערנסטער נסיון — מאָרגן מײַן ערשטער לימוד אין זיבעטן קלאַס. אַרויסגעלייגט אויף מײַן טיש די טעכניקום־קאָנספּעקטן, די טאַבעלן, לערנביכלעך, שטודיר איך מײַן לימוד־פּלאַן, קאָנטראָליר די לייזונגען פון די אַלגעברײַישע אויפגאַבעס, לויט דער טעמע, און הער ניט אויף צו טראַכטן, ווי אַזוי איך וועל אַריבערטרעטן דעם שוועל פונעם זיבעטן אַרויסלאָז־קלאַס, פאַרשטעלן זיך פאַר די שילער... ס׳קאָן אויף מײַן מאָרגנדיקן לימוד אַרײַנקומען דער פאַרוואַלטער פון לערנטייל און, אַפילו די שול־דירעקטאָרין...

קלאַפּט מען שטיל־שטיל אָן אין טיר... מאַשע... אַרײַן אין אַ קורץ, זומערדיק קלײדל, אָן אַרבל:

— שמואליק, כ׳ל אַ קוקט טאָן, ווי אַזוי ס׳זעט אויס דײַן צימער..., אָ!, — לויבט זי מיך אין הימל אַרײַן, — אַזוי ריין צוגעקליבן! ווי אַ מיידל — אַ צוכט!... דו מוזט געוויס קאָנען טאַנצן... און זי דערציילט מיר, כ׳האָב זיך דערוווּסט בײַם מאַקאַראָווער קולטורהויז איז יעדן שבת צו נאַכט און אויך זונטיק פון נאָך וואַרעמעס טעטיק די טאַנץ־פּלאַשטשאַדקע (טאַנץ־פּלאַץ), מיט אַ געהויבענעם האַרמאָניסט. פאַרהאַלט מען זיך דאָרט שפּעטלעך, קומט מען צוריק צוזאַמען אַהיים, פריילעכער צו גיין אין דער פינצטער... און זי גייט צו צו מיר, לייגט אַרויף איר האַנט אויף מײַן אַקסל, איך האָב מיך אינסטינקטיוו אויפגעשטעלט, — אַנו, שמואליק, לאָמיר מיט דיר אַ פּרווו טאָן אַ וואַלסל... אָט אַזוי... שטעל פאַרויס דײַן רעכטן פוס, אַצינד דעם לינקן, דרייסטער! ביסט ניט קיין עופה׳לע... און זי דרייט זיך מיט מיר אַרום, פּרעסט זיך צו מיט איר שטײַפן בוזעם צו מיר, דאָס פּנים מײַנס, פיל איך, נעמט פײַערן... זי שעפּטשעט: — שעם זיך ניט... כ׳וועל דיר צוהעלפן... אַ בער לערנט מען אויס... און דו ביסט דאָך אַ מאַטעמאַטיקער, אַ קאָפּ־מענטש... צעלאַכט זי זיך אויפן קול און פאַרשטיקט אויפן שטעל איר געלעכטערל, — די באַלעבאָסטעס וועלן דערהערן... מקנא זײַן... וואָס דאַרפן מיר פאַר זיי מורא האָבן...

נאָר בעסער, מע זאָל ניט באַמערקן, וועט ניט זײַן פון וואָס צו פּלאָט־קעווען... און גרינג ווי אַ פּלאַטערל אַרויסגעגליטשט זיך פון צימער...

...שבת, נאָך די לימודים, איך שפּאַן שוין אַרײַן אין שטילן געסל צו מײַן וווינונג, דערהער איך הינטער זיך אײַליקע, הילכיקע טריט:

— שמואליק, פֿאַרגעס ניט, הײַנט אין אָוונט גייען מיר אויף דער טאַנץ־פּלאַשטשאַדקע, און מאָרגן אויך... האָסט אַ פֿײַן העמדל? — דער עיקר — אויסגעפּרעסטע הויזן... כ׳וויל אַרײַן נאָך דיר, ווי נאָר ס׳וועט טונקל ווערן...

ניט באַוויזן איר צו ענטפֿערן, ווי זי האָט שוין מיט אירע בושל־פֿיס אַריבערגעיאָגט מיך און אַנטרונען אין אונדזער הויפֿל.

...כ׳האָב קיינמאָל ניט געטאַנצט, קאָן זײַן, אַז שולדיק אין דעם איז מײַן קורצזיכטיקײַט, אָדער ווער ווייס... נאָר מאַשע לאָזט מיך ניט אָפּ, שלעפּט מיך צום טאַנץ־פּלאַץ. דאָרט איז געפּאַקט, שקצים און שיקסעס און אויך ניט ווייניק שטעטלדיקע יינגלעך און מיידלעך, פֿאַרלעך ניט אַ קער צו טאָן זיך. דער האַרמאָניסט האַקט איין וואַלס נאָכן אַנדערן און איך, יענער סאָרט טענצער, טרעט איך אָן אַנדערע אויף די פֿיס און מע טרעט מיר אָן... נאָר מאַשע ציט מיך אַרויס, אַרבעט אויף אַלע כּלים, מושטירט מיך. עפּעס האָב איך מיר שוין אויסגעלערנט. פּלוצעם פֿירט זי מיך צו צו אַ פֿרײַעם אָרט, אויף אַ באַנק:

— כאַפּ אַ זיץ, שמואליק, נאַ דיר מײַן נאָזטיכעלע... וויש דיר דעם שווייס און איך וועל מיר דורכטאַנצן מיט אָט יענעם שייגעץ מיט דער געלער טשופּרינע — אַ מעטעליצע... הויבט אין דער לופֿטן...

אין אַ ווײַלע אַרום איז זי שוין אַ פֿאַרסאָפּעטע, צעהיצטע, נעבן מיר:

— שטעל זיך, שמואליק, מירן אַצינד מיט דיר פּאַמעלעכקע אַרומשוועבן, אַרומפּאַווען, אָפּצודרייען אויף צוריק מײַן פֿאַרדרייטן קאָפּ... אַ בראַנד — אַ שייגעץ מיט דער געלער טשופּרינע, מיך געטראָגן, ווי אַ פֿעדערל...

...אַ צוויי־דרײַ מאָל בין איך מיט איר געווען אויפֿן טאַנץ־פּלאַץ, ביסקל סאַמע סוף. און זי האָט מיך לויט איר שטייגער געפֿירט אַוועקצוזעצן, ווי זי האָט זיך אויסגעדריקט, „אויף דער פֿאַרעווער באַנק", און אַליין אַרומגעוויכערט מיט איין שייגעץ, מיט אַ צווייטן, שוין מיט אַ שוואַרצער טשופּרינע... און ווידער דאַרף איך מיט איר דערנאָך פּאַמעלעכקע אַרומקרײַזן, אַרומפּאַווען, אָפּדרייען אויף צוריק איר פֿאַרדרייטן קאָפּ... דער האַרמאָניסט האָט שוין איינמאָל און אַ צווייט מאָל אויסגעשריען — „באַסטאַ", באַגיסט זיך מיט שווייס, — און ער פּאַקט שוין אַרײַן זײַן האַרמאָשקע אין קעסטל... מיר גייען מיט מאַשען אַהיים, אַ פֿינצטערע

נאַכט... נאָענט פון אונדזער וווינונג, שטעלט זי זיך ראַפּטעם אָפּ, אין געסל קיין לעבעדיקער נפש ניטאָ, טוליעט זיך צו צו מיר און שעפּטשעט:

— און קושן זיך מיט דיר וועט מיר אויך אַזוי שווער אָנקומען צו לערנען דיך ?...

מילא, אויף דער פּאַרעוועט באַנק, צי אויף דער פליישיקער, כ׳האָב אויף די רייד אירע קיין אַכט ניט געלייגט. אָבער אַזאַ באַליידיקונג קאָן איך ניט פאַרשווייַגן און כאַפּ זי אַרום, דריק זי צו צו זיך און שטעמפּל אָפּ אויף אירע ליפּן פֿײַערדיקע קושן, וויפל, האָב איך ניט געציילט.

זי רייסט זיך אַרויס פון מיר: — אוי, האָסט דאָך מיך שיר ניט דערדושעט, אויף אַזאַ סיורפּריז האָב איך פון דיר ניט געוואַרט, — און נויגט זיך אָן צו מײַן אויער:

— פאַריגל ניט דעם פענצטער... כ׳וועל עפּעס איבערבייסן און... כ׳האָב היינט אויפן מערקל געקויפט גוטע עפּל — טעם גן־עדן, ס׳ט פאַרזוכן...

ס׳האָט ניט געדויערט קיין צען מינוט... כ׳הער, מע שקראַבעט שוין בײַם פענצטער... זי האָט אים שטיל, ווי אַ קאַץ, געעפנט, שטרעקט מיר אויס דאָס פּאַפּירענע זעקל מיט עפּל... איך וויל איר דערלאַנגען די האַנט, ערשט זי איז שוין אין צימער, נעבן מיר און נענטערט מיר צו מײַן מויל אָן עפּל איבערפּולטן מיט זיסן זאַפט, אַ ביס איך, אַ ביס זי...

— —

אָבער גיך איז צו דעם אַלעם געקומען אַ סוף. די צוויי שוועסטערס לויפן איינע צו דער אַנדערער, מע שושקעט זיך, באַגינען... די שוועסטער, בײַ וועלכער ס׳וווינט מאַשע, שטייט אין קאָרידאָרטשיק פון אונדזער העלפט שטוב, פּונקט הינטער מײַן טיר און רעדט אַרײַן מײַן באַלעבאָסטע... מײַן טיר — אַ פּאַפּיר... יעדעס וואָרט זעצט ווי אַ דונער...: „אַזאַ מין פויגל האָב איך נאָך קיינמאָל ניט געהאַט... געמאַכט פון צימער אַ סמעט־ניק... ביזן באַלקן אָנגעשלײַדערט... אַ פליאַסקעדריגע, פּוילע שטיק, זאָל כאַטש נעמען אַ טריאַפּקע אין האַנט, קיין עמער וואַסער טראָגט עס ניט אַריין אין שטוב — איך בין דען מחויב? אַ לערערין... ווו האָט זיך עס אויסגעהאָדעוועט?...

און מאַשע האָט אַלץ עפּטער אָנגעהויבן אַרײַנצולויפן צו מיר אין צימער, סתם אַזוי... איך זיץ בײַם טישל, קוק איבער די שילערישע העפטן, איך מוז מיך אָנשטרענגען — וואָס איז ריכטיק, וואָס ניט, פאַריכטן, אויפשרײַבן מײַנע באַמערקונגען, די העפטן וואַלגערן זיך שוין בײַ מיר מער ווי אַ וואָך צײַט, און ווי נאָר איך קום אַרײַן אין קלאַס, זײַנען אַלעמענס אויגן געווענדט צו מײַן טעקע, צי איך וועל ניט אַרויסנעמען

די דורכגעקוקטע העפטן, יעדער וויל שוין וויסן, צי ער האָט די אויפגאַבן און די בײַשפּילן ריכטיק געלייזט... און זי שטייט מיר אויפן האַלדז...

— קום, שמואליק, לאָמיר זיך דורכגיין אַ קאַפּל... וואָס פּאָרקעסט זיך אין די העפטן? שרײַב אונטער, — דורכגעקוקט... מירן אַרײַן מיט דיר אין קולטור־הויז...

ס׳לויפן דורך עטלעכע טעג... אַ שטעטל... ניט אויסצובאַהאַלטן... ביטאָ קיין סודות... טאַרטשעט אַן אַל פון זאַק — דערזעען אַלע... איך קום אַרײַן אין לערער־צימער, קיינער, אויסער דעם פּאַרוואַלטער פון לערנטייל, איז אין צימער ניטאָ. רופט ער זיך פּלוצעם צו מיר אָן מיט אַ שפּאָט־שמייכעלע:

— איר זײַט, סאַמואיל גריגאָריעוויטש, אויך אַ טענצער?...

דאָס בלוט האָט מיר אַ זעץ געטאָן אין פּנים. טו איך אַ קוועטש מיט מײַנע אַקסלען, אויך מיט אַ שמייכל: — ניין, אַבראַם באָריסאָוויטש, ניט קיין טענצער, געוועזן אַ פּאָר מאָל אין קולטור־הויז אויפן טאַנץ־פּלאַץ, נאָר ס׳פעלט מיר דער נייטיקער ספּריט...

אָבער זײַן שפּאָט־שמייכעלע איז מיר אַרײַן גוט אין נאָז. שבת אין אָוונט, כ׳גיי פון מײַן צימער ניט אַרויס... באַלד, ווייס איך שוין, וועט אַרײַנקומען נאָך מיר מאַשע... איך גיי אַרום איבערן צימער, רייד צו זיך אַליין האַרבע דיבורים: „ניט! לא מיט אַן אלף! מער ניט! זאָל זי מיך, אַפילו שלעפן, ווי אַ היצעל אויף דער פּעטליע...

און מאַשע לופט אַרײַן אומגעדולדיק: — שמואליק, מיר פאַרשפּע־טיקן... מע טאַנצט שוין...

שטעל איך מיך אַנטקעגן: — מאַשע, מער טאַנצן מיט דיר גיי איך ניט, כאַטש הרג׳ע! איך מאַנקיר אויף מײַן אַרבעט, איך קוק ניט איבער די העפטן... אויפגעהערט גרייטן זיך צו די לימודים... אַ יונגער לערער... דאָס ערשטע יאָר, מע האָט מיר פאַרטרויט די עלטערע קלאַסן, דעם וויכ־טיקסטן לימוד — מאַטעמאַטיק...

— שאַ, שאַ... שרײַ ניט, — מורמלט זי, — די באַלעבאַסטעס וועלן דערהערן...

— דערהערן, צי ניט דערהערן, מיך אינטערעסירט דאָס ניט.

— ווייסט וואָס? — גייט זי צו נענטער און צישעט מיט אַ בייזן בליק, — איך זע דאָך... ביסט צעדולט, כ׳טשעפּע דיך ניט, — און זי גייט אײַן אויף אַ פּשרה, — כ׳וועל דאָס מאָל אַליין גיין, אָבער קום נאָך מיר, ווען אַלע צעגייען זיך שוין פון פּלאַטשטשאַדקע, ס׳זאָל מיר ניט סטראַשנע זײַן צוריקקערן זיך אין דער פינצטער...

— מאַשע, איך וועל נאָך דיר ניט קומען, פאַרגעס וועגן דעם... און צעשריי זיך ווילדערהייט — ניט קומען! ניט קומען, ניט קומען!

זי האָט פאַרשטאָפּט זיך די אויערן און אַרויסגעלאָפן...

...איך האָב מיך געזעצט בײַם טיש, גענומען פונדאַסנײַ אין די הענט יעדעס אייגצלנע שילערישע העפט, אַרײַנגעטראַכט זיך אין די ציפערן, אַרײַנגעדרונגען, ניט אויפגעהויבן זיך פון אָרט. איך ווייס ניט, וויפל שעה דאָס האָט געדויערט, אָבער איך האָב מיך אײַנגאַנצן באַרויִקט, צונויפ־געגומען די שילערישע העפטן, ניט געאײַלט, אַקוראַט, אַרײַנגעלייגט אין מײַן טעקע און דאַן, איך ווייס גאָרניט, ווי אַזוי דאָס האָט פּאַסירט — אָן אינערלעכער געפיל — כ'האָב אויסגעשטרעקט די האַנט אויפן טיש צום שטויס יידישע ביכער, געעפנט אשר שוואַרצמאַנס לידער־זאַמלונג און אָנגעטראָפן אויף די זוניקע טײַערע שורות:

דער קוואַל וואָלט אײַנגערוימט דעם טײַך,
וואָלט ער בײַ טאָג אַנטקעגן זון
אין ברייטן פעלד, פאַר ווײַטן שליאַך
דערציילט דערפון:
זי האָט אים ליב!
זי האָט אים ליב!

איך האָב דאָס ליד געלייענט און געלייענט און דאַן טיף אין האַרצן פאַרשטאַנען מײַן טעות...

...מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער האָב איך אין דעם צווייטן עק שטעטל צוגעזוכט פאַר זיך אַן אַנדער צימערל..."

שמואליק און רחמיאל האָבן זיך צוריקגעקערט מיט גאָרניט, קיין באַנ־בילעט ניט געקראָגן. לאַנג געשטופּט זיך אין אָטשערעד און לסוף האָט זיך דאָס פענצטערל פון דער בילעט־קאַסע פאַרמאַכט. פון פאַרדרוס און גרימעניש זײַנען זיי שוין אויפן מאַרק ניט געגאַנגען.

זאָגט שפרה: — ניט געפערלעך, נעמט זיך ניט צום האַרצן. די באַנען האָבן, מיין איך, נאָך ניט אויפגעהערט צו גיין, וועל איך קיין טיראַספּאָל צו פוס זיך ניט דאַרפן דערקלײַבן. איך וויל נאָר וויסן, ווען ס'הויבט אָן קלינגען דער ערשטער טראַמווײַ?

איז שוין געוואָרן אַביסל פריילעכער, רחמיאל הויבט אויף העכער די אַראָפּגעלאָזענע נאָז. און שמואליק קלערט אויף שפרה'ן:

— דער טראַמווײַ, מיט וועלכן איך פאָר צו דער אַרבעט, גייט ביז צום סאַמע וואָקזאַל.

— וועל איך מיט אײַך, שמואליק, אין דער פרי אַרויס צוזאַמען פון

שטוב, און אין משך פון טאָג דערקאָזשען אַ בילעט. אַז מע שטייט, דער־שטייט מען זיך.

אַ זייגער איינס האָט זיך שוין שפרה אַ שמייכלענדיקע צוריקגעקערט, אַרומגענומען מלכה׳ן:

מיטוואָך צען אין אָוונט פאָר איך און דאָנערשטיק אין דער פרי וועל איך, אַזוי ווי כ׳האָב געטראַכט, זײַן אין דער היים.

פון דעם אַנדערן חדר קומט אַרויס מלכה׳ס שוויגער מאַריאַשע: — גאָט צו דאַנקען, שפרה, האָסט שוין דעם באַנבילעט. אַ בליאַסק אויף טאָג האָט מיך שוין מײַן זון מיט פאַרשלאָפענע אויגן געמינטערט, נאָך מיט אַ פאָר שעה פאַרן גיין אויפן זאַוואָד ניט אויפגעהערט צו דערמאָנען: „מאַמע, זאָלסט צולויפן דערוויסן זיך, צי שפרה האָט שוין דעם בילעט?". זאָג איך צו אים: — גיב מיר, רחמיאל׳טשע, דײַנע יונגע פיס, וועל איך צולויפן... ניין, ניין, ניט צולויפן, — שרײַט ער צו מיר, אײַלנדיק צו דער אַרבעט, — צוגיין שטילינקערהייט און דערוויסן זיך...

שפּאָסט שפרה: — ער קאָן זיך שוין ניט דערוואַרטן, איך זאָל אָוועקפאָרן...

— וואָס רעדסטו, טאָכטערקע? ! אַ גאַנצע וואָך — שפרה, שפרה. ער האָט מיר שוין פאַר׳שפרה׳ט מײַן קאָפּ. פאָר אַריבער, שפרה, קיין קיִעוו! טויש די טײַכן, דעם דניעסטער אויפן דניעפּער, — און זי פאַרענדיקט מיט אַ גראַם: — וועסטו דאָ געפינען דײַן גלײַכן...

מיטן ברייטן דניעפּער־שטראָם...

דינסטיק, פאַר שפרה׳ס אָוועקפאָרן, אין אַ לויטערן קילן סוף־סעפּטעמ־בער־טאָג איז רחמיאל מיט איר אָוועק שפּאַצירן צום דניעפּער־ברעג. שפרה האָט געהאַט אויף זיך אָנגעטאָן איר טונקל־גרינעם געשטריקטן סאַקל, געטראָגן מיט זיך דאָס קליינע האַנטבײַטל. אָבער ווי באַלד זיי זײַנען ביידע אַרויס פון שטוב, האָט רחמיאל, ווי אין די פאַריקע עטלעכע טעג, געלאָזט זיך גיין מאַשינעל באַרג־אַרויף צום שטאָט־צענטער. שטעלט זיך שפרה אָפּ: — וווהין, רחמיאל?

— איך פּלאַנעווע... מיר זײַנען נאָך אין קינאָ ניט געווען.

— וואַרט צו, רחמיאל, מאָרגן צען אין אָוונט געזעגענען מיר זיך, וועסטו שוין פּלאַנעווען אָן מיר, דאָ עטעמט זיך איצט אַזוי ווויל און פריש. איך פיל, ווי ס׳ציט דער לינדער ווינט פון טײַך. אַ וואָך שוין ווי איך בין אויף פּאָדאָל און קיין מאָל זײַנען מיר ניט צוגעגאַנגען צום סאַמע דניעפּער.

דאַרפֿן מיר דען אַצינד פֿאַרשפּאַרן זיך אויף צוויי־דריי שעה אין אַ חמימה־דומפּיקן פֿינצטערן קינאָ־זאַל, ווען דאָ, אונטערן הויכן לופטיקן הימל, איז אַזוי מחיות׳דיק גוט! קום צום טײַך, רחמיאל.

— אַוודאי, איז איצט בײַם טײַך ניט צו פֿאַרגלײַכן אָנגענעמער. איך פֿאַרשטיי טאַקע ניט, פֿאַרוואָס מיר האָבן עס פֿריִער ניט געטאָן?

— אַ סך זאַכן פֿאַרשטייען מיר ניט, רחמיאל, און איך האָב צו דיר קיין טענות ניט...

— אַרײַנגעשלאָגן זיך אין קאָפּ צו באַווײַזן דיר קיִעוו אין דער לענג און אין דער ברייט...

... זיי זײַנען געגאַנגען פֿאַרבײַ דעם שטאָט־האָפֿן — פּריסטאַן. פּלוצעם האָט זיך רחמיאל דערפֿריידט, ממש, אונטערגעשפּרונגען. ער האָט דערזען פֿון דער ווײַטן אויפֿן אָנקער שטיין איינעם פֿון די קליינע פּאַסאַזשיר־פּאַראָכאָדן און אַ געזעמל מענטשן אַרום... צוגעלאָפֿן צו דער קאַסע, באַוויזן צו נעמען צוויי בילעטן אויפֿן דאַמפּערל — אַ שעהאיקער שפּאַציר איבערן דניעפּער. שפרה איז געווען מלא שמחה. פּאַסאַזשירן — ניט קיין סך. רחמיאל און שפרה האָבן באַצוויט פֿאַרנומען אַ פֿרײַע באַנק און קיינער האָט זיי ניט געשטערט צו זיצן איינער נעבן אַנדערן, ריידן צווישן זיך, וואָס דאָס האַרץ געלוסט. דאָס דאַמפּערל איז צוערשט געגאַנגען קעגן שטראָם. די רווישיקע, שוימיקע כוואַליעס זײַנען ניט אָפּגעטראָטן, באַגלייט זיי אין שפּאַציר... און באַלד האָבן רחמיאל און שפרה אַזוי פֿאַרטיפֿט זיך אין זייער געמיינזאַמען שמועס, אַז זיי האָבן שוין ניט באַמערקט, ווו און ווי עס שווימט דאָס פּאַראָכאָדל אַרויף, צי אַראָפּן וואַסער...

אָנגעהויבן האָט זיך דער שמועס אַזוי — רחמיאל האָט אַ שמייכל געטאָן, ווי צו זיך אַליין, גלייך ווי ער וואָלט זיך עפּעס קאָמישעס דערמאָנט און וויל תיכף זיך טיילן וועגן דעם מיט שפרה׳ן...

— וואָס, רחמיאל, נאָך וועגן אַ כלה?...

— ניט קיין כלה, כמעט... אַזוי זיך, אַ באַקאַנט מיידל.

— איין רגע׳לע, רחמיאל. איצט האָב איך דאָס וואָרט. בײַ אונדזער ערשטער באַגעגעניש, האָסטו מיך געבעטן: „דו מוזט מיך אויסהערן"... און איך האָב דיך דאַן פֿאַרשטאַנען אַזוי, ניט סתם אויסהערן, נאָר דו ווילסט דאָך דער עיקר וויסן מײַן מיינונג וועגן דעם אַלצדינג וואָס דו וועסט מיר דערציילן. בין איך שוין דאָ די אַנדערע וואָך און איך האָב דיך אויסגעהערט. און איך דאַרף דיר זאָגן דעם ריינעם אמת — מיט טשיקאַוועס. איך זע אויסגעשטעלט פֿאַר מײַנע אויגן מער ווי עטלעכע, ווי דו רופֿסט זיי אָן, כלות, צי גוט־באַקאַנטע, צי צופֿעליקע, מיט וועלכע דו באַגעגנסט זיך, ווילסטו נאָך איצט בײַ אונדזער לעצטן שפּאַציר, מאָרגן

אין אָוונט פאַר איך שוין אַוועק און ווער ווייסט, צי מיר וועלן זיך ווען באַגעגענען, דערציילן מיר נאָך וועגן אַ באַקאַנטשאַפט דײַנער... איז ווען זשע וועל איך דיר באַווײַזן צו זאָגן מײַן מיינונג וועגן דײַן פאַרפלאַנטערן זיך, ווי דו אַליין רעכנסט, אין זייערע מעלות און חסרונות? — האָסט דאָך געוואָלט מיט מיר זיך עצה'ן? און פונקט אַזוי ווי דו האָסט מיר געזאָגט — „דו מוזט מיך אויסהערן", חזר איך דאָס איצט איבער דאָס זעלבע דיר — דו מוזט מיך אויסהערן... מיר געפעלט דײַן נאַטור, דײַן טבע — ווילסט ניט און קאָנסט זיך ניט פאַרשטעלן, ביסט אויפריכטיק, מע פילט און מע זעט ממש דײַן נשמה. ביסט אַ גוטער, פיינער בחור. אָבער הער איצט ווײַטער, זיי אויף מיר ניט בייז, איך וועל דיר זאָגן דעם אמת, וואָס איך טראַכט וועגן דעם אַלץ, וואָס דו האָסט מיר דער־ציילט: ניט אין די מעלות און חסרונות פון דײַנע כלות גייט דאָ, האָסט רחמיאל אַ טעות. — דו האָסט זיך פאַרפלאָנטערט אין זוכן וויגאָדעס, מאַכן די קליינלעכע, נישטיקע אויסרעכענונגען, חשבונות'כצן, ווער פון זיי, פון די כלות דײַנע לוינט זיך דיר בעסער? מיט וועלכע פון זיי וועט דיר מער איבערבלײַבן, סײַ מאַטעריעל און סײַ אין אײַנאָרדענען אַ מער רויִק לעבן? בײַ וועמען פון זיי און אויף וויפל מעטער ס'איז גרעסער דער צימער און צי איז ער אין אַ מויער, און ווי ווײַט פון שטאָט־צענטער? אָדער מיט דער צײַט קאָן מען בײַ דער, אָדער יענער כלה, דערוואַרטן אַ מער גע־ווונטשענע קאָמבינאַציע פון טוישן דירות? און נאָך דרייט דיר דער מוח, בײַ וועלכע פון די כלות וועלן דיר שווער־און־שוועגער ווייניקער דערגיין די יאָרן — און פון דעם אַלעם ווערסטו מיט יעדן טאָג אַלץ דריבנער און נישטיקער און זוכסט נײַע באַקאַנטשאַפטן, לויפסט אַרום ווי אַ צע־חושטער; דײַן יונגע נשמה ווערט שוין ווי אַ צעטריקנטע סקאָרקע... און פאַרן האַרציקן טרוים פון ליבשאַפט, טרײַשאַפט, געמיינזאַמען שיינעם לעבן בלײַבט דאָך שוין בײַ דיר, רחמיאל, קיין פּיצעלע שפּעלטל ניט... און פון אַלע דײַנע באַקאַנטע, האָט זיך מיר באַזונדערס פאַרקריצט פאַליע, די טריקאָטאַזשניצע (וועבערין). זי האָט דיך באמת ליב געהאַט, צוגעבונדן זיך, צוגעזאָטן צו דיר. זי האָט דיך נאָך איצט ליב, כאָטש ווי דו זאָגסט, לויפט זי די גאַס אַריבער אויף די אַנדערע זײַט, ווען זי דערזעט דיך... דו ווייסט, רחמיאל, ווען איך ווױן דאָ אין קיִעוו, וואָלט איך פאַליען אויפ־געזוכט, באַקאַנט זיך מיט איר, מיר וואָלטן זיך נאָענט באַפרײַנדעט. אַ טײַער מיידל מיט אַזאַ שיינעם כאַראַקטער. לויט דעם, ווי דו האָסט מיר וועגן איר דערציילט און איך האָב דאָך דיך אַזוי געגנוי פאַנאַנדערגעפרעגט, שוין צופיל אַפילו, פאַרשטיי איך, אַז אויך דו האָסט זי ניט ווייניקער ליב. מער פון אַ האַלבן יאָר איז זי דיר נאָכגעגאַנגען דײַנע טריט, ניט אָפּגעטשעפּעט

זיך פון דיר, באַגעגענען דיך פון דער אַרבעט ביים זאַוואָד־טויער, אָפּ־געוואַרט ביי דיין שטוב. לאָזן זיך דען פאַרגעסן די ווערטער, מיט וועלכע זי האָט ניט אויפגעהערט זיך צו ווענדן צו דיר: „מיר זיינען מיט דיר, רחמיאל, אַ גלייכע, אַ פּאַסיקע פּאָר... לויף ניט, באַטראַכט זיך... זאָלן דיך, רחמיאל, ניט שרעקן מיינע דריי שוועסטערלעך און מיין טאַטע דער קירזשנער, דער קנאַפּער פאַרדינער, האַלט ניט אין זינען אונדזער משפּחה, מיט דער ענגשאַפט אונדזערער... איך האָב שוין, רחמיאל, אין אויג אַ צימערל אויף גאַנטשאַרנע געסל, גאַרניט קיין סך דירה־געלט, נאָענט פון טראַמוויי. קומסט אַריין אין קאָרידאָר — אויף רעכטס — אַ באַזונדערע טיר און אַנטקעגן — דער באַלעבאַסטעס טיר. זי מיט איר מאַן — אַן אַלט, איינזאַם פּאָרפאָלק. די קאָרידאָר־טיר פאַרשליסט מען ניט — ניטאָ דאָרט וואָס צו גנב'ענען. מיר וואָלטן אין אונדזער צימערל געוווינט אין גאַנצן באַזונדער. זומער שטעלט מען אַוועק אין קאָרידאָרטשיק אַ קיך־טישל. איך האָב שוין מיט דער באַלעבאַסטע גערעדט וועגן דעם, זי האָט גאָרניט קעגן. אויפן טישל — אַן אַלטן פּרימוס, ער קאָן אָפּהודיען אַ גאַנצן טאָג און ווערט ניט קאַליע און קאָך ווען דו ווילסט און וואָס דו ווילסט, קיינער וועט דיר אין דיין טעפּל ניט אַריינקוקן, אַבי נאָר זאָלסט קיין שריפה ניט מאַכן. קומט ווינטער, נעמען מיר אַריין דאָס קיך־טישל צו זיך אין צימערל. קיין שום בייז ניט. מע צעפּראַלט די פענצטער־פאָרטקע און ס'זעצט די פּראַסטיקע פּאַרע און ווידער — ריין און פריש די לופט. אין צימערל גופא אַ היימישע הרובקע, אַבי הייצן, וואָלט אונדז ליב געווען און וואַרעם... די באַלעבאַסטע האָט מיר אויפן הויפל באַוויזן — אין אונדזער רשות וואָלטן מיר געהאַט אַ באַזונדערן האָלץ־שטעלכל. מע קאָן באַצייטנס אָנגרייטן האָלץ, העלצלעך מיט ברעטלעך אויפן גאַנצן ווינטער. און זומער־צייט, ביזן טיפן אָסיען, וואָלטן מיר געקאָנט האַלטן אין שטעלכל עטלעכע הינער, אויסקאָרמענען אַ גאַנדז, אָדער ס'זאָלן זיך אַרומטאָפּטשען אַ פּאָר שנייוויייסע ענטעלעך. און מיינע שוועסטערקעס, פאַר וועלכע דו האָסט אַזוי, רחמיאל, מורא, און מיין טאַטע־מאַמע, זיי וואָלטן דיר צו לאַסט ניט פאַלן. פאַרקערט, תמיד צוהעלפן. איז וואָזשע ציטערסטו אַזוי פאַר דעם אַלעם? — ביידע אַרבעטן מיר, ביידע פאַרדינען, — אַן אַוואַנס און אַ פּאָלוטשקע, אַן אַוואַנס און אַ פּאָלוטשקע...* איך וואָלט דיר רחמיאל, אָפּגעגעבן דאָס געלט ביז אַ גראָשן... און איך בין מער ווי זיכער, ס'וואָלט

* אַן אַוואַנס און אַ פּאָלוטשקע — אין סאָוועטן־פאַרבאַנד ווערט ביז איצט אויסגעצאָלט דער געהאַלט אין צוויי ראַטעס: — צוערשט דער אַוואַנס און סוף חודש דער אַנדערער טייל — די „פּאָלוטשקע".

דורכלויפן אַ פּאָר יאָר און ווען ס'וואָלט נאָך געבוירן געוואָרן בײַ אונדז אַ נפש'ל, וואָלט מען אונדז, סוף כּל סוף, פון מײַן פאַבריק, צי פון דײַן זאַוואָד געהאָלפן מיט קריגן אַ דירה..." האָט שוין פאַליע מער ניט געקאָנט איבערטראָגן דײַן דראָזשען און ציטערן, דײַן נאָכאַנאַנד זיך אַרומדרייען, ניט וועלן געבוי זאָגן, וואָס־און־ווען... דײַן — מירן זען... דײַן — וואָס איז די אײַלעניש... האָט זי זייער ריכטיק געטאָן — געגעבן דיר אַ חודש צײַט אויף צו באַטראַכטן די זאַך... און אַז דער חודש איז דורכגעלאָפן, האָסטו גענומען ווײַכן פון איר... קיין מוט ניט געהאַט אויף צונויפטרעפן זיך מיט אירע בליקן... אַרויסברענגען אַ קלאָרן ענטפער... וויל זי דיך מער ניט אָנזען...

רופט זיך אָן רחמיאל, האַלטנדיק אַראָפּגעלאָזט די אויגן:

— שפרה, איך דאַרף דיר זאָגן דעם אמת, פאַליע האָט חתונה־געהאַט...

— וועמען האָט זי גענומען?

— אַ טעכניקער פון טריקאָטאַזש־פאַבריק. איך האָב אים געזען, אַ ווילער בחור, שפרה.

— האָסטו פאַליען פאַרלאָרן?...

— האָב איך דיך באַגעגנט, — מורמלט קוים וואָס מע הערט רחמיאל, — און הויבט ניט אויף דעם קאָפּ.

— מיך?, — קוקט אים אָן שפרה פאַרוווּנדערט, — וואָס רעדסטו, רחמיאל? — האָסט פון זיך אָפּגעשטויסן פאַליען, איז דאָס פּונקט אַזוי ווי דו וואָלסט מיך אָפּגעשטויסן. איך וועל דיר מיט געציילטע ווערטער געבן צו פאַרשטיין: איך פאַרמאָג אין טיראַספּאָל, אויך אַזוי ווי פאַליע אין קיִעוו דרײַ שוועסטערלעך: ליזע, גאָלדע און ראָזועלע. און די מיזיבקע ראָזועלע איז נאָך קיין פיר יאָר ניט. און אויסער דעם האָב איך נאָך אַ ברודערל איציקל. און מיר אַלע מיט טאַטע־מאַמע, זאַלבעזיבן, וווינען אין אַ חורבה־שטיבל, אין איין חדר. ס'איז נאָך דאָ אַ פּיצל אַלקערל, פאַרדינגט עס די מאַמע. און ווען דו וואָלסט, רחמיאל, דאַרפן בײַ אונדז, איבער־נעכטיקן אַ נאַכט, וואָלטן מיר זײַן געצוווּנגען דיר אויסצובעטן פּראָסט און פּשוט אויפן טיש אָדער...

— אונטערן טיש, — טוט טריב אַ שמייכל רחמיאל...

— אַבי דו פאַרשטייסט... און איך אַליין, אַזוי האָט זיך באַקומען, ביט איבער מײַן שולד, האָב נאָך קיין געהעריקן פאַך ניט. ערשט אין עטלעכע טעג אַרום טרעט איך צו לערנען זיך אויף איינאָריקע בוכהאַלטער־קורסן... בין איך פאַר דיר, רחמיאל, אַ צען מאָל ערגערע כּלה־קאַנדידאַטקע, ווי דאָס איז געווען פאַליע, די טריקאָטאַזשניצע... אָבער איך מאַך פון דעם קיין טראַגעדיע ניט... הויב אויף, רחמיאל, דײַן קאָפּ צום הימל, זעסטו,

די זיך קרויזנדיקע וואָלקנס, באַשײַנטע פון דער פלאַמיקער שקיעה... אָ! קוק, קוק אַראָפּצו, זיי שפּיגלען זיך איצט אָפּ אין די דניעפּער־וואַסערן...
— מיר'ן זיך מיט דיר, שפרה, אומבאַדינגט דורכשרײַבן.
— איך פאַרשטיי... — שמייכלט צו אים שפרה, — די געציילטע טעג מײַנע, וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין קיִעוו, וועלן פאַרבלײַבן אַנט־שוועמען, אַנט־רינען פון מיר, ווי אָט די דניעפּער־פאַלדן, וואָס מיניען זיך, צאַפּלענדיק פאַר אונדזערע אויגן... דאָס פאַראַכאַדל שווימט שוין, רחמיאל, צוריק צו דער פּריסטאַן. אָט, אָ, זײַנען מיר שוין באַלד בײַם ברעג... ס'איז מיר, רחמיאל, ליב געווען אַרומגעכאַפּט פון דעם פרישן ווינט צו שווימען מיטן ברייטן דניעפּער־שטראָם און אומבאַמערקט פאַר זיך אַליין האָב איך מיר אַראָפּגערעדט פון האַרצן... דאַנק איך דיר פאַר דעם, רחמיאל. איך וועל דעם הײַנטיקן שפּאַציר ניט פאַרגעסן...

ווידער אויפן פּעראָן...

שמואליק איז שוין דאָ פון דער אַרבעט. מלכה'לע און שפרה האָבן צוגעגרייט דעם טיש פאַרן באַשיידענעם געזעגענונגס־מאָלצײַט.
— פאַרוואָס איז רחמיאל'קע ניטאָ? — פרעגט שמואליק.
זאָגט מלכה: — איך ווייס טאַקע ניט. שפרה מוז וויסן.
— יאָ, ריכטיק, איך האָב מיך דערערעדט מיט רחמיאל'ן. ער וועט קומען פאַר אַכט באַגלייטן מיך צום באַן. אַזוי מיין איך, איז גוט. דו, מלכה'לע, טאָרסט ניט, זעלבסטפאַרשטענדלעך ,איבערלאָזן ניסימלען בײַ נאַכט. און שמואליק? — זי ווענדט זיך צו אים מיט אַ קוים־באַמערקטן שמייכל, — וויל איך זאָגן, ווי מײַן מאַמע זאָגט אין אַזעלכע פאַלן, — נאָך מײַן נאַרישן שכל, — האָט אויך שמואליק ניט וואָס צו פאָרן צום וואָקזאַל. איבערגענוג פאַר מיר כבוד און אַכטונג, אויב ס'וועט מיך באַגלייטן דער ייִנגערער פון די עטינגערס.
— ווי געפעלט דיר, מלכה'לע? — כ'האָב גאַרניט באַמערקט, ווי אַזוי דאָס איז געשען — שפרה האָט זיך זעלבסט אויסגעקליבן פאַר דער פאַרזיצערין פון דעם געזעגענונגס־אָוונט און שוין אַליין אַלץ פאַרויס באַשטימט און באַשטעטיקט...
שפּאַסט שפרה: — טײַערע מײַנע, מלכה'לע און שמואליק. כ'דערוועג מיך איינמאָל צו זײַן אַ נאַטשאַלניצע...
גייט צו מלכה'לע צו שפרה'ן, נעמט זי אַרום: — שמואליק, לאָמיר איר טאָן דעם פאַרגעניגן...

און אַזוי איז געבליבן. געקומען רחמיאל מיט אַ גרויסן שקאַרמיץ און דערלאַנגט עס שפרה׳ן: — פאַר דײַנע שוועסטערלעך און ברודערל אַ מתנה.

— אַ דאַנק, רחמיאל.

און מלכה׳לע זאָגט: — זאָרג זיך ניט, שפרה, ס׳וועט אַלץ אַרײַן אין טשעמאָדאַן...

מע האָט זיך ווידער, שוין איצט זאַלבעפערט, צוגעזעצט צום טיש, אויסגעטרונקען, פאַרביסן. ניסימל איז געשלאָפן און שפרה מיט מלכה׳ן זײַנען אויף די טשיפּקעס אַרײַן אין שלאָף־חדר, שפרה האָט זיך אָנגעבויגן איבערן וויגעלע, שטיל־שטיל אַ קוש געטאָן ניסימלען אין שטערנדל און רירנד אַרומגענומען זיך מיט מלכה׳ן: — מיר ווײַזט זיך אויס, מלכה׳לע, איך האָב דאָ פאַרבראַכט מיט אײַך ניט אַכט טעג, — אַכט יאָר האָבן זיך ווי אין אַ חלום דורכגעטראָגן פאַרבײַ, ווי אַ טשאַטע שוועלבעלעך...

און מלכה האָט צוגעפירט שפרה׳ן צו שמואליקן: — צעקוש דיך, שמואליק, מיט מײַן טײַערער חבר׳טע.

— אַלץ מיט פאַראָרדענונגען... ניט פאַראַן, דוכט מיר, קיין שטאַר־קערע דיקטאַטור, ווי די פרויישע. מיר אַליין, מיינסטו, מלכה׳לע, קלעקט אויף דעם קיין שכל ניט?..., — און ער האָט אַרומגענומען שפרה׳ן און הייס זיך מיט איר צעקושט.

— —

אויפן פּעראָן האָבן זיך רחמיאל און שפרה פאַרקליבן אָן אַ זײַט, אין אַ פאַרטונקלטן ווינקל, מער געקושט זיך ווי גערעדט און די צײַט, אײַ, איז זי ניט קיין פאַרגינערין... האָט אונטערגעאײַלט... שוין בײַם אַרויפשטײַגן אויפן וואַגאָן־טרעפּל האָט שפרה אַ זאָג געטאָן רחמיאל׳ן:

— אויף קיין בריוו פון מיר וואַרט ניט. כ׳וועל שרײַבן צו מלכה׳לען, וועל איך מײַנע בעסטע גרוסן איבערגעבן פאַר דיר, רחמיאל.

שפרה איז צו צום וואַגאָן־פענצטער, רחמיאל איז געשטאַנען קעגנ־איבער און ביז דער באַן איז אַוועק, ניט אויפגעהערט צו פאָכען צו איר מיט דער האַנט, געמורמלט מיט די ליפּן און שפרה האָט מיט אָנגעלאָפענע טרערן אין די אויגן, געשמייכלט צו אים...

אַ פינגערהוט שכל...

שפרה האָט זיך אין טויערל צונויפגעשטויסן מיט... און תיכף פאַר־שטאַנען — מאַריע!... שפרה׳ן איז דורכגעלאָפן אין זינען — „פאַרעל־טערט, פאַר־מרה־שוחרה׳ט לגבי דער פאָטאָגראַפיע אויפן שאַפּקעלע אין

אַלקערל...״ און מאַריע איז מער ווי פּעוונע — שפרה, לעמלס און ריוועס טאָכטער.

— אָ!, — האָט זי אויסגערופן, — מע וואַרט שוין אויף דיר! מע קאָן זיך ניט דערוואַרטן.

— זיינען אַלע געזונט?, — שלאָגט זי איבער אומרויִק שפרה.

— געזונט, געזונט! ביסט, שפרה, זייער ענלעך צו דיין פּאָטער און ברודערל.

— וואָס מאַכן, מאַריע, אייערע צוויי טעכטערלעך?

— אַ גרויסן דאַנק פאַרן פרעגן, קיין עין־הרע, שיינען ווי אַ פּאַרל קאַרשעלעך אונטער אַ בלעטל. לאָמיר באַקאַנט זיין.

שפרה נעמט זי אַרום, דריקט פעסט איר האַנט.

— איך לויף, שפרה, אין מיין גאָרקיך. מיר׳ן זיך זען, שמועסן, איך בין זייער צופרידן...

שפרה איז געלאָפן דורכן הויפל, פאַרטשעפּעט זיך פאַר עפּעס אַ קאַרטש, שיער ניט אויסגעגליטשט זיך, און מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם אַ צי געגעבן די טיר־קליאַמקע און אַריינגעפאַלן אין דער מאַמעס צעשפרייטע אָרעמס...

— שפרה׳ניו, האַרציק, זיס לעבן מיינס!

— מאַמינקע, איך ווייס גאָרניט, ווי אַזוי דיך און דעם טאַטן צו באַדאַנקען פאַר מיין נסיעה! אַזוי גוט איז מיר, מאַמינקע, געווען אין קיִעוו! אַזוי פיל זיך אָנגעזען און אָנגעהערט; מיין קאָפּ איז פול מיט מענטשן און שיינקייט! און מלכה׳לע און שמואליק, איר מאַן, און רחמיאל, זיין ברודער, האָבן געזאָרגט וועגן מיר, געסטאַרעט זיך, ס׳זאָל זיך מיר פאַרקריצן אין זיכרון די שיינע שטאָט. אוי, איז גוט, מאַמע, באַוועגן זיך, אויסגיין אַ וועלט, זען המונים, שפּאַנען איבער פּלעצער, אַלייען, פאַרביי ריזיקע געביידע, דענקמעלער, מאָנאַסטירן. כ׳האָב שפּאַצירט אי ביי טאָג אי אין אָוונט, געשווומען מיטן פאַראַכאָד איבערן דניעפּער, געזען, וואָס כה׳אָב פריִער וועגן דעם קיין פּיצל פאַרשטעלונג ניט געהאַט.

— טאָכטערקע, ליובינקע, פרעגסט גאָרניט, וואָס מאַכן די קינדער, דער טאַטע?

— איך האָב שוין, מאַמע, געפרעגט.

— ביי וועמען, שפרה׳לע?

— כ׳בין ביי אונדזער טויער אַרויף אויף מאַריע׳ן — דערקאָנט זי לויט דער פאָטאָגראַפיע אין אַלקערל. און זי האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס בין איך, שפרה. האָב איך ביי איר אַ פרעג געטאָן — זיינען אַלע גע־זונט?, — געזונט, געזונט, — האָט זי מיר געענטפערט, — מע וואַרט

שוין אויף דיר, מע קאָן זיך ניט דערוואַרטן!... בין איך דורכן הויפֿל געלאָפֿן, ווי אַן אונטערגעשאָסענע, שיער ניט געפֿאַלן... דאָס מאָל, מאַמע, בין איך געקומען מיט מתנות, מלכּה'לע האָט לויט די מעגלעכקייטן צו־געגרייט... נאָר הער מיך אויס, מאַמע, וואָס איך האָב דיר געוואָלט זאָגן, דו זאָלסט מיך פֿאַרשטיין, וואָס איך קלער — נאָר אַ בוים, למשל, אַ קאַשטאַן־בוים, אַ טאָפּאָליע, קאָן זיך פֿאַרגינען פֿאַררייסן שטאָלץ די קרוין צום הימל אַ גאַנץ לעבן שטייענדיקערהייט אָנקווענדיק, חיות'ן זיך מיטן לעבן און ס'איז אים מקנא צו זײַן, דעם בוים — אַלע שטאַרקע, פֿרישע ווינטן און לינדע ווינטעלעך פֿון די ווײַטע טײַכן און ים'ען, פֿון די סטעפּעס, פֿעלדער און וועלדער קומען ממילא קושן זיך, שושקען מיט יעדן זײַנעם אַ בלעטעלע. דער בוים זעט אַלץ, גאַרנישט ווערט פֿון אים ניט פֿאַרבאָרגן — כּמאַרעס מיט דונערן־בליצן און ראָזע וואָלקנדלעך פֿון שקיעה באַהעלט טראָגן זיך, שוועבן הויך און נידעריק איבער זײַן קרוין... אָן אַ סוף כּל־ערליי מענטשן גייען דורך נאָענט און ער זעט אַלע זייערע ווילע שמייכלען, העוויות, גרימאַסן און פּאָסטעמקעס, זיי זעצן זיך צו אין זײַן שאָטן, בײַ אים צופּוסנס, פֿאַרלעך און ניט פֿאַרלעך, איינזאַמע, מידע, שפּאַרן זיך אָן... און ער, דער בוים, פֿילט זייער דוך, הערט וואָרט בײַ וואָרט, וואָס זיי רײדן, סוד'ען זיך, פֿליאַטקעווען וועגן אַנדערע; קינדער שפּרינגען, טאַנצן אַ קאַראַהאָד אַרום זײַן שטאָם און בײַ נאַכט פֿוילט זיך ניט דער בוים צו ציילן — קיין איין בוכהאַלטער וואָלט דאָס ניט געטאָן — די פֿינקלענדיקע שטערנדלעך אין הימל און זעט אויך די, וואָס צעשיטן זיך און ווערן אויף אייביק פֿאַרלוירן אין די פֿינצטערע תּהומ'ען... אָבער אַ מענטש, זאָל זיך אויפֿהערן צו באַ־וועגן, כאַטש אַ קאַפּעטשקע ניט אַרומבלאָנקען און בלײַבן היניען אויף איינעם און דעם זעלבן אָרט, ווערט ער דאָס אומגליקלעכסטע באַשעפֿע־ניש — אַ זאַק מיט ביינער, פֿאַרזונקען אין אַ זומפּ, פֿאַרצויגן מיט שליים, מיט גרינעם שימל, נעמען דאָן אין זײַן נשמה זשאַבעס קוואַקען... אַ וואָך האָב איך מיך באַוועגט, שפּאַצירט און ווי אַ שוואָם אײַנגעזאַפּט אין זיך אַזויפֿיל אײַנדרוקן, ליכטיקע און פֿאַרמראַזשעטע, פֿריילעכע און אומע־טיקע... כ'וועל זיך מאַמע, ניט באַרימען — אַ פֿינגערהוט שכל איז דײַן עלטערער טאָכטער צוגעקומען...

— שפּרה'לע, וואָס רעדסטו?! — אַ פֿינגערהוט שכל! דאָס איז דאָך אַ וועלט־אוצר! איין טראָפּנדל פֿאַרשטאַנד, ווען אַ כּלה־מיידל האָט עס פֿאַרמאָגט אין די פֿריִערדיקע צײַטן, איז דאָס שוין אַליין געווען במזומן אַ האַלבער נדן...

— ניין, ניין, מאַמינקע, הײַנט־צו־טאָג האָט שכל צו נדן גאָר אַ קנאַפּן

שייכות, אַלנפאַלס, אין קיִעוו געווים. דער סאָוועטסקער פּײַנער נדן איז אַצינד אין קיִעוו, ווען די כלה האָט גרייט פאַר איר חתן — אַ געוויינ־לעכן, מער ווייניקער, גערוימען צימער, כאָטשבי אין אַ צווײשטאָקיקן אַלטן מויערל צו וווינען צוזאַמען מיט שווער און שוויגער... ווער רעדט נאָך, אַז ס'איז אינגאַנצן אַ באַזונדערע דירה'לע, אָן שווער און שוויגער, און ניט ווײַט פון שטאָט־צענטער, האָט שוין אַזאַ בעל־בתיש מיידל, ממש, „דאָס טעלערל פון הימל" בײַ זיך אויף דער שויס...

— ביסטו ,טאַכטערקע, אויף דער הייסער מינוט געקומען צום סאַמע עיקר, ניט נאָר דאָס קיִעווער „הימל־טעלערל", אויך דעם טיראַספּאָלער איז הײַנט־צו־טאָג ניט צו דערלאַנגען: די פאַבריקע וואָך האָט דער טאַטע זיך דורכגעשמועסט, געשטעלט אַ האַלבן ליטער ,איינעם פון די קלע־נערע „שישקעס" פון דעם זאַוואָדישן פּראָפאַריין־קאָמיטעט, מיישב געווען זיך מיט אים, צי זאָל ער אָנגעבן אַ פּראָשעניע (אַ ביטע) וועגן באַקומען אַ קאָמונאַלע, אָדער זאַוואָדישע דירה. האָט אים דער גוי באַלד אַ פרעג געטאָן: „ווי האסטו, קריוואָרוטשקע, געוווינט ביז דײַן קומען אין טיראַספּאָל? — האָט אים דער טאַטע געזאָגט: „אין בערעזאָווקע, אין זיידנס, צי עלטערזיידנס אַ כאַלופּע..." טײַטשט אים יענער דאָס אויס אויף דעם שטאָלענעם סאָוועטישן אופן: „אַ כאַלופּע, צי ניט קיין כאַ־לופּע, דעם זיידנס, צי עלטערזיידנס ,דאָס ווערט אַבסאָלוט ניט גענומען אין באַטראַכט. די מאַכט רעכנט זיך מיט איין און איינציקער מאָס — האָסטו פאַרמאָגט אַ ירושה־שטוב, הייסט עס, ביסטו אַ „דאָמאָוולאַדיע־לעץ" — אַ הויזאייגנטימער נאָך פון פאַר דער רעוואָלוציע... און ווי לאַנג וווינסטו אין טיראַספּאָל?" — פרעגט יענער בײַם טאַטן. — „אַ יאָר אָן ערך, — זאָגט אים דער טאַטע, אַזוי ווי דער אמת איז..." גיט ער דעם טאַטן אַ פרײַנטלעכן פּאַטש איבערן אַקסל: „פאַרשפּאָר זיך, בראַ־טישקאָ, די טרחה, — וועסט זיך נאָך אָנגעמען מיט בזיונות. האָסט ניט וואָס צו דערלאַנגען פּראָשעניעס... ניט ווייניקער ווי אַ דרײַ־פיר יאָר דאַרף דורכלויפן, דו זאָלסט מאָלאָ־מאַלסקי קאָנען אָנהויבן כלאָפּאָטשען, מאַזאָליען די אויגן..." פאַרשטייסטו, שפרה?

— איך פאַרשטיי עס, מאַמע, צו גוט. מיך וווּנדערט, וואָס דער טאַטע האָט באַדאַרפט מיט אַ שיכור פאַרפירן אַ געשפּרעך וועגן דעם, מען זאָל אים נאָך דערמאָנען, אַז ער איז אַ „דאָמאָוולאַדיעלעץ"... איך האָב דיר, מאַמע, פּשוט דערציילט, ווי אין קיִעוו איז. איך לייג מיר קיין שום פייגעלעך ניט אין בוזעם.

— הער, טאָכטערקע, וואָס איך און דער טאַטע, האָבן זיך באַ־טראַכט: דו הויבסט אָן מאָנטיק צו לערנען, אגב, איז פון די קורסן

אָנגעקומען אַ בריוול און דו ביסט גראָד געקומען צו דער רעכטער צײַט. מאָרגן, פרײַטיק, צען אין דער פרי, דאַרפֿן זיך די אָנגענומענע אויף די קורסן צונויפֿקלײַבן, מע וועט די סטודענטן באַקאַנט מאַכן מיט דער רשימה, ריידן וועגן לערנביכער און אַנדערע זאַכן. וואָזשע האָבן מיר אויסגעפֿירט? — אונדזער שכנה, דעם שנײַדערס ווײַב, פֿילט זיך אָפּ־געשוואַכט, איך בין בײַ זיי געווען, גערעדט מיט איר און מיט איר מאַן, זיי זײַנען דיר גרייט צו געבן דעם אַלקערל, ער איז פּונקט אַזאַ ווי אונדזערער, דו זאָלסט דאָרטן זײַן, קאָנען רויִק גרייטן די לימודים, מע זאָלט דיר ניט שטערן, קיין דירה־געלט וועלן זיי ניט נעמען. נאָר וואָס דען? — דו וועסט מוזן איר צוהעלפֿן איינמאָל אין אַ וואָך אויסווישן די פּאָדלאָגע, אַרײַנטראָגן אַ פּאָר וואַסער, איך דאַרף דיך, טאָכטערקע, ניט לערנען, זיי זײַנען גוטע מענטשן.

— בעסער קאָן גאָרניט זײַן, מאַמע.

— וועסטו פֿון דער נײַער וואָך שלאָפֿן בײַ זיי. וואָס נאָך וויל איך דיר זאָגן — די לערערקע האָט זיך מיר געקלאָגט אויף איציקלען. ער פֿוילט זיך אונטער, שטייט אָפּ אין קלאַס. האָב איך פֿון דעם פּאַרדרוס. איך האָב דאָס דעם טאַטן ניט דערציילט, ער זאָל אים ניט אָנשלאָגן. דאַרפֿסטו, שפּרהל'ע, איציקלען צוהעלפֿן.

— געוויס, מאַמע, איך וועל עס טאָן אומבאַדינגט.

— וואָס האָב איך דיר, טאָכטער, נאָך וואָס צו דערציילן? — בײַ מאַריע'ן האָט געטראָפֿן אַ נײַע צרה אין איר צרה: איר גזלן, מאַטוויי, האָט אין לאַגער אויף זײַן „קאָמאַנדיראָווקע" — אַזוי הייסט דאָס אָרט פֿון זײַן אָפּקומען די צעניאָריקע קאַטאָרגע — אין אַ נאָוועגע צעהאָמ־פּערט זיך מיט אַן אַרעסטאַנט, דערלאַנגט אים מיט אַן אײַזן. יענער איז קוים לעבן געבליבן, ווען ניט, קריגט מאַריע'ס מאַן אין בעסטן פֿאַל נאָך אַ „צענערל" אָדער אַ קויל אין קאָפּ. אויף מאַריע'ס טריפֿה'ן מזל איז איר מאַטוויי אָפּגעקומען מיט צוואַנציק מעת־לעת שטרענגען קאַרצער... מאַריע האָט געשיקט בריוו צו איר מאַנס לאַגער־נאַטשאַלניק, געבעטן זיך רחמים, מע זאָל אים ניט צוגעבן קיין יאָרן... דאַרפֿסטו, שפּרה, מאַריע'ן טאָן אַ טובה, ווען ניט ווען, העלפֿן אָנשרײַבן אַ בריוול צו איר ליבהאַרציקן רוצח...

— איך וועל עס טאָן, מאַמע...

— און אַזוי איז בײַ אונדז, טאָכטער, ברוך־השם, אַלץ כשורה. דער טאַטע האָרעוועט, פֿאַרדינט ניט שלעכט, די קינדער זײַנען געזונט, מאַריע אוואַזשעט אונדז און מיר העלפֿן זיך איינע די אַנדערע. שפּרה'לע, מיר

האָבן זיך פֿאַררעדט, אַט, שוין די מינוט לאָז איך מיך אַראָפּ אין קעלער און גרייט דיר צו עפּעס איבערצוביַיסן. ביסט געוויס הונגעריק.

— יאָ, מאַמע, פֿון שפּאַצירן, פֿון זיַין אין קיִעוו אויף דער פֿרישער לופֿט, האָב איך באַקומען אַן אויסערגעוועגלעכן אַפּעטיט, — שפּאַסט שפּרה, — נאָר ביז דו וועסט אַלץ צוגרייטן, וועל איך, מאַמע, צולויפֿן אין קינדער־גאָרטן, אַ קוקט טאָן אויף ראָזעלע׳ן.

— לויף צו, טאָכטערקע, פֿאַרטשעפּע זיך ניט אויפֿן הויף, דאָס זיַינען דיר ניט די קיִעווער אַספֿאַלט־טראָטואַרן. און קום באַלד צוריק; דאָס עסן וועט שוין וואַרטן אויפֿן טיש.

אוי! לעמל, לעמל...

ראָזעלע וויל ניט אַראָפּ פֿון שפּרה׳ס האַנט, האָט לעמל געקושט שפּרה׳ן מיט ראָזעלע׳ן צוזאַמען און גאָלדע און ליזע האָבן זיך אויך געצויגן צום טאַטן ,ער זאָל איטלעכע פֿון זיי אַ קוש געבן.

— זיַינען מיר ווידער, ריווע, מיט אונדזער האָב־און־גוטס אַרום טיש.

— געלויבט איז דער אייבערשטער! געלויבט איז דער אייבערשטער!

— ווער ווייס, ריווע, צי דער וואָס לעבט אייביק, קוואָפּעט זיך גאָר, מיר זאָלן אים פֿון מויל ניט אַרויסלאָזן...

— זינדיק ניט, לעמל, מיר זיַינען די רייַכסטע, סאַראַ גאָלדענע יורשים׳לעך מיר פֿאַרמאָגן.

— די נויט אָבער טריַיבט, ריווע, אונטערצוזינדיקן...

— רודף ניט, לעמל, די נשמה, לאָז זי צו רו, פֿאַרשטער ניט די שמחה...

אָפּגעגעסן, אַראָפּגעשאַרט די ברעקלעך פֿון טיש, רופֿט אויס ריווע:

— קינדער, קומט אַלע אַהער! שפּרה האָט פֿאַר אייַך געבראַכט מתנות. ווישט אויס טרוקן די הענט, ביַים אָנפּאַסן ניט צו פֿאַרפּלעקן...

שפּרה האָט אויפֿן טיש געעפֿנט דעם טשעמאָדאַן: — די צוקערקעס, מאַרמעלאַדקעס, קאַרזשיקלעך ,דאָס אַלץ — דעם גאַנצן שקאַרמיץ גיב איך איבער דער מאַמען און זי וויסט שוין ווען און וויפֿל, קיינעם ניט צו באַוולה׳ן.

— יאָ, שפּרה, גיב עס מיר אַהער, ס׳זאָל ניט זיַין „ראַזאָם הוסטאָם — ראַזאָם פּוסטאָם״.

— גוט, — זאָגט שפּרה. — אַצינד — אַזוי ווי עס איז ביַי מיר אויפֿגעלייגט, אַזוי וועל איך טיילן, כדי ניט צו צעקנייטשן — פֿאַר

אונדזער מיזינקעלע ראָזועלע — אַ ווײַס קליידעלע מיט בלויע אַרבעסלעך און אַ פּאָר זומער־שיכעלעכ. פּאָר גאָלדען און ליזען אַלצאַיינע בלויע פּלאַטיעס מיט ווײַסע אַרבעסלעך. און צו אַ בלוי־געפּינטלט זומער־היטעלע פּאָרביידן. פּאָר איציקלען — אַן אויבערהעמדל מיט אַ קעפּקע פון זעלבן קאָליר.

די מאַמע מעסט דאָס קליידעלע און די שיכעלעך ראָזועלען. שפרה פאַרגעמט זיך מיט ביידע שוועסטערלעך און דער טאַטע — מיט איציקלען.

אַ שאָד, וואָס אין שטוב איז נאָר דאָ איין שפּיגעלע. און יעדער וויל וואָס שנעלער אַ קוק טאָן אין שפּיגעלע, ווי ס׳פּאַסט אים. אויך ראָזועלע בויגט זיך אָן מיטן שפּיגעלע צו די אָנגעטאָענע נײַע שיכעלעך, איבער־צײַגן זיך, ווי אַזוי זיי ווײַזן אויס אין שפּיגעלע... און די מאַמע און דער טאַטע זײַנען אַנטציקט פון דעם, ווי אַלץ פּאַסט, ניט שמאָל, ניט ענג, אויסגעגאָסן! און שפרה פּאַר׳סך־הכל׳ט, — וויזשע? מײַן חבר׳טע מלכה׳לע איז דאָך ניט אַבי ווי אַ שנײַדערקע — אַ קיִעווער מאָדיסטקע, אַ מאָדים אויף שיינקײַט און מאָדעס.

— אַצינד, — זאָגט די מאַמע, — נאָכדעם ווי מיר האָבן אָנגעפּאַסט וועלן מיר עס צוריק אויפלייגן און אין אַ יום־טוב וועט זײַן מיט וואָס צו קומען אין שקאָלע, אַרויסגיין שפּאַצירן אין גאַס...

ווענדט זיך צו די קינדער שפרה: — און פאַרן טאַטן און פאַר דער מאַמען וועל איך פון מײַן ערשטער סטיפּענדיע קויפן זיי מתנות. זיי קומט פריִער פאַר אַלעמען!

— טאָכטערקע, — רײַסט זיך אַרויס בײַ לעמלען, — פאַר מיר וואָלט געווען די שענסטע מתנה, ווען דו קומסט אַרײַן מיט...

שלאָגט אים איבער ריווע: — אוי, לעמל, לעמל...

— קיין שום בייז ניט, מאַמע, אַוודאי קאָן עס בײַ אַ טאַטן ניט אַרויס פון זינען .נאָר ווען דו וואָלסט, טאַטע, טאַקע באמת געווען אַ „דאָמאָוואָלאָדיעלעץ״, וואָלט איך אין אַ צווייטן טשעמדאַן געבראַכט צו פירן אַ שיינעם חתן.

— —

דאָס קליינוואַרג שלאָפט שוין. און אויך בײַ מאַריען אין אַלקערל איז אויסגעלאָשן דאָס לעמפּל.

און לעמל, ריווע און שפרה זיצן בײַם טיש, דאָס קנויטל אין דעם אַכטער־לעמפּל איז נידעריק אַראָפּגעלאָזט, ס׳זאָל אין דעם גרויסן חדר אינגאַנצן טונקל זײַן, די קינדער ניט צו שטערן דעם שלאָף, מ׳רעדט אין דער שטיל, שפרה דערציילט, ווי אַזוי מלכה׳לע און איר מאַן, שמואליק, האָבן זי באַגעגנט אויף דעם קיִעווער וואָקזאַל, דערציילט וועגן שמואליקס

מאַמע, מלכה׳לעס שוויגער מאַריאַשע, — אַ קלוג ווײַבל: — מיט אַ טאָג פאַר מײַן אַוועקפאָרן, — זאָגט זי צו מיר מיט אַ גראַם: „טויש, שפרה, די טײַכן, דעם דניעסטער אויפן דניעפּער, קום קיין קיִעוו, וועסטו דאָ געפינען דײַן גלײַכן...״ אַלע האָבן באַטראַכט מיט התפּעלות דעם „בער״ און רחמיאל, שמואליק׳ס ייִנגערער ברודער, ער איז שוין געווען בגילופין, האָט זיך מיט אים אַרומגעכאַפּט קושן. רחמיאל האָט די גאַנצע וואָך שפּאַצירט מיט מיר, גלײַך פונעם ערשטן טאָג פון מײַן קומען, האָט ער מיר צוגעזאָגט: ״כ׳וועל אײַך, שפרה, באַווײַזן קייעוו אין דער לענג און אין דער ברייט״. שפרה האָט דערציילט ווי אַזוי זי האָט צוזאַמען מיט מלכה׳ן געבאָדן ניסימלען... — אַ! שיער ניט פאַרגעסן — מלכה׳לע און שמואליק און די גאַנצע משפחה זייערע האָבן באַהאַלטענערהייט בײַ שמואליק׳ס עלטערן אין שטוב, מע זאָל זיך ניט דערוויסן אויף שמואליק׳ס אַרבעט, אַראָפּגעבראַכט פון אַ דערבײַיִקן שטעטל אַ מוהל, געפּראַוועט ניסימלס ברית...

צום סוף פרעגט שפרה בײַם טאַטן: — דו ביסט ,טאַטע, געווען אין קייִעוו ?

— ניין, טאַכטער, פאַר דער רעוואָלוציע האָבן דאָך ייִדן דאָרט ווינען ניט געטאָרט.

און ריווע דערמאָנט זיך: ווען דו ביסט, לעמל, נאָך געווען אין פּלען (געפאַנגענשאַפט), האָבן מיר מיט מײַן שוועסטער רייזל פון זשידיווסק, פאַרבײַפאָרנדיק אויף אַ טאָג, צי צוויי אָפּגעשטעלט זיך אין קיִעוו, גע־נעכטיקט אויפן וואָקזאַל...

האָט איצט שפרה טאַטע־מאַמען דערציילט, ווי אַזוי מלכה׳לע מיט ניסימלען אויף דער האַנט איז מיט איר בײַ טאָג געגאַנגען שפּאַצירן און אַרויף אויפן באַרימטן סאָפּייעווער פּלאַץ אין צענטער שטאָט און זי צוגעפירט צו אַ הויכן פּיעדעסטאַל, אַ דענקמאָל — אויבן אַ שוואַרצער רײַטער אויף אַ שוואַרצן פערד, און זאָגט מיר: — אַ דאָס איז ער, באָגדאַן כמיעלניצקי... האָסטו, טאַטע, געהערט פון אים ?

רופט לעמל אויס אויפן קול: „וואָס הייסט, געהערט ? ! — ער איז דאָך געווען טויזנט מאָל ערגער פון המן הרשע...

— שאַ, לעמל, וועסט דערשרעקן די קינדער... רייד שטילער...

— גאָר פאַרגעסן... — זעצט פאָר לעמל שעפּטשענדיק, — המן האָט אונדז אַלעמען געוואָלט אויסהאַרג׳ענען אין איין נאַכט, האָט עס אים ניט געראָטן, אָבער דער רוצח כמיעלניצקי האָט צעפּערטלט הונדערטער טויזנטער ייִדן, געהויבן ייִדישע זויגקינדער אויף די פּיקעס און זיי גע־שלײַדערט אויף דעם שטיינערנעם ברוק...

— יאָ, טאַטע, מלכה׳לע האָט עס וועגן דעם דערציילט און איך האָב געקוקט אויף דעם צעיושעטן קאָזאַק, וואָס זיצט אויבן אָן, אויפן צעווילדעוועטן פערד, מיט די פּאָדקאָוועס פאַרריסן צו די וואָלקנס... און מלכה׳לע זאָגט מיר, — דאָ, אין דער גרויסער, שיינער שטאָט, האַלט מען דעם באַגדאַנען פאַר אַ באַרימטן פאָלקסהעלד און גיבור... ער ווערט דאָ געליבט און געשעצט, זע קאָרשט, שפרה, גיב אַ קוק, ווי דער שוואַרצער, בראָנדזענער כמיעלניצקי בלאַנקט עס אָן אויסגעפּוצטער אויף דער זון... מע ברענגט צו פירן אַהערצו צום דענקמאָל די פּיצלעך קינדער פון די קינדער־גערטנער, די שילער פון די היגע שקאָלעס צו שפּיגלען זיך אין דעם גוואַלדיקן פאָלקס־באַפרייַער... וואָס איז פאַר אונדז ייִדן, דער גרעסטער צורר געווען... טראַכט איך — מיר זייַנען דען זיכער? — אין איינעם אַ שיינעם טאָג קאָן זיך יאַווען אויף אונדז אַ צווייטער אַזאַ „באַפרייַער", האַלדז־שנייַדער און מטורף... וואָס מיר האָט זיך נאָך פאַרגעדענקט פון דעם, וואָס מלכה׳לע האָט דערציילט: „די היגע ייִדן, וואָס ווייסן יאָ עפּעס פון כמיעלניצקי׳ס גאַזלעוואַיע, פון דעם מוראדיקן ייִדן־קוילער, פאַרבאַהאַלטן עס, פאַרשטויסן אין אייגענעם האַרצן, פאַרשטיקן אין זיך דעם שטענדיקן פחד"...

לעמל שוויַיגט... און ריווע טוט אַ טיפן זיפץ: — לאָמיר שוין גיין שלאָפן, טאָכטערקע. ס׳איז אָן דעם גענוג אָנגעזאָליעט אויף דער נשמה... לעמל, האָסטו אין לאָדן דורכגעצויגן דעם אייַזן? — טו נאָך אַמאָל אַ קוק, לעמל...

און ווען שפרה האָט זיך שוין געהאַט צוגעטוליעט צום קישן, מיטן אייגענעם, היימישן ריח, איז צו די מאַמע, אָנגענויגט זיך: — שלאָף געזונט, טאָכטערקע, ס׳וועט אַלץ, אם־ירצה־השם, זייַן גוט... האָט זיך שפרה פּלוצעם דערמאָנט און זי שטיל אַ פרעג געטאָן: — מאַמע, פון מייַן מאַקייעווקער באַלעבאָסטע איז קיין בריוול ניט געווען?

— ניין, טאָכטערקע, זי וועט דיר געוויס ענטפערן. יעדער איינער האָט זיך זייַנע טויזנט זאָרגעניש און צו זעצן זיך אָנצושרייַבן אַ בריוול איז ניט תמיד גרינג.

שפרה׳לע שטייט אויף ווי צו סליחות...

שפרה האָט זיך אַרייַנגעטאָן אין דער לערע מיטן גאַנצן קאָפּ, מיטן גאַנצן כוח. פאַרשטאַנען, אַז די בוכהאַלטעריע וועט איר ניט אַראָפּפאַלן פון הימל. קיין איינציקן מאָל ניט דורכגעלאָזן, ניט פאַרשפּעטיקט. נאָך יעדער הפסקה, זיצט זי שוין די ערשטע אויף איר אָרט, אָנגעשפּאַרט די

געמבע אויף בײדע עלנבויגנס — איר באַליבטע פּאָזע — גרייט צו הערן יעדעס נײַע וואָרט און דערקלערונג, און פאַרשרײַבט, קאָנספּעקטירט די אויספירן, פאָרמולירונגען. די לערער האָבן ניט געקאָנט ניט באַמערקן שפרה'ס ערנסט און חשק צו באַהערשן דעם מאַטעריאַל, איר פלײַס און עקשנות, ריין, ציכטיק, אָן לאַפּסוסן, צו מאַכן די פאַרגעבענע איבונגען. אמת, בעת מ'פּעלגט זי אַרויסרופן צו ענטפערן מינדלעך — די בוכהאַלטער־קורסן זײַנען געווען אויף רוסיש — איז דער עצם אַרויסרוף — בײַ איר שטענדיק געווען אומגעריכט און פלעגט זי צעטומלען, דאָס האַרץ פלעגט איר שטאַרק נעמען שלאָגן און ניט זעלטן שטערן קאָנצענטרירן זיך צו געבן אַ פולן, אַ ריכטיקן ענטפער. איז עס פאַר שפרה'ן געווען אָן איבערלעבונג, פאַרשאַפן איר עגמת־נפש — „צי איז זי בכלל אויף עפּעס פעיִק?"... נאָר דאָס פלעגט לאַנג ניט אָנהאַלטן, דורכגיין. און די באַציִונג צו איר מצד די לערער און מצד די קורסאַנטן איז געווען אַ גוטע.

באַזונדערס איז שפרה דאַנקבאַר געווען דעם שנײַדערס ווײַב, צביה'ן, פאַרן אַלקערל. דאָ, בײַם קליינעם פענצטער, איז געשטאַנען ניט קיין טומבאַטשקע (שאַפּקעלע) ווי בײַ מאַריע'ן, נאָר אַ היפּשער ברייטער טישל און שפרה האָט זיך געבן אים באַקוועם אײַנגעאָרדנט — אויפן טישל די לערנביכער, די העפטן, די רעכענונגס־ביינדלעך, ווירעס, צירקלס און אַנדערע שרײַב־מכשירים. שפרה האָט געקאָנט — אַזאַ חיות — שעה'נ־ווײַז אַליין זיצן רויִק, איבערצושרײַבן אויף ריין אין אַן אַלגעמיינעם העפט דאָס וואָס פלעגט איר אויסקומען אין אײַלעניש צו נאָטירן אויף די לימודים און בײַם איבערשרײַבן האָט זיך דער מאַטעריאַל פאַרפעסטיקט אין זיכרון. און שפרה איז מיט זיך אַלץ מער געווען צופרידן. זי קומט צו יעדן לימוד צוגעגרייט און האָט שוין געוואָלט, מע זאָל זי דווקא יאָ אַרויסרופן. פלעגט זי דעריבער אויפשטיין גאָר, גאָר פרי און ניט באַנוגענען זיך מיט צורוימען, אויסווישן די פאַדלאָגע, אַרײַנברענגען אַ פאַר וואַסער און כדומה, נאָר מיטן אָנקום פון די קעלטן — אַלע שטערן האָבן נאָך אין הימל געלויכטן — באַווײַזן אויסצוהייצן די הרובע און העלפן דער קראַנקער צביה'ן צוגרייטן דאָס טעפּל געקעכץ און צוזאַמען מיטן הליאָק ציקאָריע אַרײַנשטעלן אין דער הרובקע. האָבן שוין צביה און איר מאַן ראובן באַשטאַנען אויף דעם, שפרה זאָל אין דער פרי אָפּעסן מיט זיי צוזאַמען. אַ זאַטע גלײַך פון זייער שטוב אַוועקגיין אויף די קורסן.

צביה האָט זיך צוגעווינט צו שפרה'ן, זי ליב באַקומען און ניט אויפהערן פאַר ריוועט צו לויבן:

— שפרה׳לע שטייט דאָך אויף, ווי צו סליחות... זאָגן, אַז זי איז אַ דימענט, הייסט גאָרנישט ניט זאָגן. איך בין גרייט די הענט אירע קושן, אַזאַ ליב קינד מיט אַן אַ שיער גוטסקייט. אוי, געזונט זאָל זי ביי אייך זיין, ריווע האַרציקע.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אַ נאָמען נאָכן זיידן

אין איינעם פון די אָפּרו־טעג, צביה׳ס מאַן האָט זיך נאָך ווארעמעס צוגעלייגט כאַפּן דעם נויטיקן דרעמל און צביה איז ווי אַ שטילע הון אַריינגעקומען צו שפרה׳ן אין אַלקערל: — איך וועל דיר ניט שטערן?

— ניין, ניין, צביה, קומט צו נענטער, — און שפרה האָט אויפגעהויבן זיך פון שטול ביים טישל, — זעצט זיך, צביה, ווו פאַר אייך איז בעסער.

צביה האָט זיך צוגעזעצט אויף שפרה׳ס בעטל: — האָסט דאָך, שפרה, עפּעס געטאָן?

— גראַדע גוט, דער טאָן האָט דען אַ שיער? — מע דאַרף זיך אַביסל צעשלאָגן די געדאַנקען.

— און פאַרטומלען דיך מיט מיינע.

— פאַרטומלט, פאַרטומלט, צביה...

— די מאַמע האָט דיר, מסתמא, דערציילט, וואָס איז געשען מיט מיין איינציק־געבליבענעם זון, מיט וועלוועלען?

— יאָ, צביה, עד היום ווייסט איר ניט, ווו ער איז?

— וויפל קאָן מען אין זיך שטומען? — איבער די מענטשלעכע כוחות... פאַר וואָס ווילט זיך אַזוי צעשפּאַרן די ווענט?... צביה רוקט זיך צו נענטער צו שפרה׳ן, רוימט איר אַריין, — מיין ראובן טאָר ניט וויסן, אַז איך דערצייל וואָס, סכנות־נפשות... איך בין געווען די גליק־לעכסטע מאַמע, פאַרמאָגט דריי בילד־שיינע קינדער — וועלוועלע, מאָטעלע און לייבעלע, שוואַרצאויגיקע, מיט ליכטיקע פּנים׳לעך, קוטשע־ראַווינקע, פריילעכע שעפּסעלעך. היינט די נחמה און טרייסט פאַר זיידע־באָבע... אַזוי פיל יאָרן שוין אַוועקגעשוווּמען... נאָר פאַר אַ מאַמעס האַרץ האָט דען אַ באַטרעף צייט? — זומער איז עס געשען, אַ וואָך געווען נאָך תשעה־באָב, מיינע דריי יינגעלעך האָבן געמאָזלט... דאָס עלטערע יינגל, וועלוול, גראָד דער שוואָכינקער, אַ קוואַרער, כ׳פלעג צעפּלאָצט ווערן צו פּועלן ביי אים, ער זאָל אויפעסן דאָס טעלערל זופּ. ער האָט די קרענק איבערגעטראָגן גרינג און אין מאָטעלען און לייבעלען האָט

זיך אַ בראַנד־פײַער אָנגעצונדן אין זײַערע קעפּ. איך בין געלאָפן אין בית־המדרש אַרײַן, מיט ניט באַנומענע קולות אַרײַנגעשריען אין ארון־הקודש, געריסן זיך די האָר פון קאָפּ... ביידע מײַנע שוואָלבן זײַנען אין איין טאָג פאַרברענט געוואָרן... און מײַן מאַמע האָט צוריקקערנדיק זיך פון בית־עולם אַ צעשוויצטע, פאַרחלש׳טע, ווײַזט אויס, פאַרכלינױעט זיך מיט אַ צו קאַלטן טרונק... ווער האָט עס דאָן אין דעם גרויסן אומגליק געקוקט איינער אויפן אַנדערן... אין אַ וואָך אַרום איז אויך מײַן מאַמע אַוועק פון דער וועלט... דער טאַטע האָט נאָך עטלעכע יאָר אַרומגעטראָגן זיך נע־ונד אין אַ תוהו־ובוהו, געהאַלטן אין איין בײַטן די דירות, שוין אַ מענטש אין די יאָרן, נאָר אין די כּוחות, אַ גוטער בעל־מלאכה, האָבן אים די גרויסע צרות אײַנגעבראָכן, און איך האָב אים געמוזט נעמען צו זיך. ער האָט שוין ווייניק געאַרבעט, מיט מײַן ראובנ׳ען ניט גע־שטימט... און וועלוועלע, שוין אַ היפּשער ייִנגל, געגאַנגען אין שקאָלע, האָט זיך דער זיידע בלב ונפש צוגעבונדן צום אייניקל — „דו, נאָר דו, ביסט וועלוועלע, מײַן אויג פון קאָפּ". און פלעגט ניט אָפּטרעטן פון אים, ניט קאָנען זיך דערוואַרטן, ביז ער קערט זיך צוריק פון שקאָלע, און לויפן אַהין, אַרײַנקוקן אין פענצטער פון דעם קלאַס, ווו וועלוול האָט זיך געלערנט. און אויך דאָס ייִנגל האָט זיך געקלעפּט צום זיידן, צי פון רחמנות, צי פּשוט פון ליבשאַפט, נאָר פלעגט זיך ניט אויפהערן אײַנצוהאָרכן אין דעם, וואָס דער זיידע טענה׳ט און טענה׳ט אין אים אַרײַן טאָג אין טאָג: „טײַערער וועלוועלע, ס׳נענטערט זיך מײַן סוף... בין איך דען ניט קיין בשר־ודם? נאָר דאָ וועל איך, וועלוועלע, ניט שטאַרבן. דאָ, ניט, וועלוועלע... דײַן באָבע, זאָל אַ ליכטיקן גן־עדן האָבן, וועט זיך דאַרפן מיט דעם רעכענען, מירען זיך מיט דעם... מיר האָבן דאָך ביידע געטרוימט מיט איר אויף די עלטערע יאָרן צו דערגרייכן אַהין, צו אונדזער אייביקן לאַנד, ווו ס׳רוען די בײַנער פון אונדזערע טײַערע אבות־אבותינו, אברהם, יצחק און יעקב... וועל איך אַצינד אַליין זיך ציִען אַהין צוזאַמען מיט די פייגל, אַריבערשוועבן דעם ים... שטאַרבן דאָרטן... און איך האָב מיט וואָס, מיר האָבן זיך מיט דער באָבען באַ־זאָרגט... אַזוי, וועלוועלע, נאָר אַזוי, דו זאָלסט עס וויסן..."

מײַן טאַטנס ווערטער צו וועלוועלען האָבן מיר געשניטן מײַן האַרץ, כ׳פלעג שטיקן אין זיך די טרערן... נאָר דערציילן וועגן דעם ראובנ׳ען האָב איך ניט געוואָלט. און אָנשרײַען אויפן טאַטן, אָדער אָפּטרײַבן וועלוועלען פון זיידן, האָט מיר דאָס האַרץ ניט געלאָזט... און אַזוי האָט זיך דער טאַטע ניט אויפגעהערט צו סוד׳ען מיט וועלוועלען, צערטלען אים און טוליען זיך צו אים... אין שטאָט איז נאָך דאַמאָלס געווען אַ שול׳כל,

ס'פּלעגט זיך צונויפנעמען אַ מנין, ווײַזט אויס, אַז אויך דאָרטן האָט זיך דער טאַטע, ניט אַנדערש, מיט עמעצן געטיילט מיט זײַנע מחשבות... ביז דעם טאַטנס „איך האָב מיט וואָס, מיר האָבן זיך, ברוך השם, פאַרזאָרגט" איז דערגאַנגען צו אונדזערע יִדישע ימח־שמו'ניקעס, גע־פּע־או־ניקעס. דאָס האָט זיי פאַרשמעקט... און אין איינער אַ נאַכט האָט מען אונדז אַלעמען אויפגעוועקט, מ'האָט איבערגעקערט די שטוב, צעשלײַדערט, צעוואָרפן און אַלץ געפונען אין וועלוועלעס שעניק... דער טאַטע האָט זײַן גאָלדענעם זייגער מיט דער וועסט־קייטעלע געריסן בײַ זיי פון די הענט... געשריען מיט די לעצטע כוחות: "מײַנס! בלוטיק־פאַרהאָרעוועטע!" און איינעם פון די באַנדיטן האָט דער טאַטע אָנגעכאַפּט פאַרן גרגרת, האָט מען דעם טאַטן געשלאָגן, אַ וואַלגער געגעבן אויפן פּאָל, געבונדן הענט און פיס ווי אַ קאַלב... און וועלוועלע און איך און ראובן זײַנען געשטאַנען דערבײַ און דאָס אַלץ צוגעזען... דעם טאַטן האָט מען מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער אַרויסגעלאָזט... נאָר דער בליק איז שוין געווען ניט זײַנער... ער האָט ניט גערעדט, ניט געוואָלט עסן, אויף ראובנ'ען געוואָרפן בייזע בליקן... אַפילו, צו וועלוועלען ניט צוגעגאַנגען. אין אַ וואָך אַרום, בײַ טאָג, ער איז געזעסן אויף זײַן בעט, איז אים פּלוצעם קרום געוואָרן דאָס מויל. ער האָט ווי אַ טויב־שטומער געוואָלט עפּעס אויסשרײַען... פּאַראַליזירט געוואָרן און אינגיכן געשטאָרבן... אויף אונדזער וועלוועלען האָט עס געמאַכט אַ מוראדיקן רושם. בעת ער פלעגט קומען פון שקאָלע, האָט אים מער ניט געצויגן צו שפּילן זיך מיט די קינדער אין גאַס... פלעגט אָפּזיצן בײַם טיש פאַרטראַכטערהייט... מיר האָבן געביטן די דירה, אַריבער לעבן אין אָט דעם שטיבל... יאָרן לויפן, וועלוול האָט פאַרענדיקט די סעמיליעטקע (זיבניאָריקע שול), שוין געווען אַ זיבעצניאָריק בחור'ל. האָבן מיר אים אַוועקגעשיקט קיין כאַרקאָוו צו ראובנ'ס אַ יִינגערן ברודער. וועלוול איז אָנגעקומען אַרבעטן אויף אַ מעטאַל־זאַוואָד. זעלטן ווען אונדז אָנשרײַבן אַ פּאָר ווערטער... אַ צוויי יאָר אָפּגעאַרבעט, האָבן זיך אָנגעהויבן די גרויסע צרות, דער הונגער, די קאָלעקטיוויזאַציע... האָט ער זיך אין אָנהויב ווינטער, אַן אויסגעבלײכטער, אַ צעמוטשעטער, צוריקגעקערט אַהיים... ווייניק גערעדט, ניט מיט מיר, ניט מיטן פאָטער. מיר האָבן אים געלאָזט צורו... האָט ער אָנגעהויבן גיין צום דניעסטער מיט אַ ווענטקע כאַפּן פיש... פלעגט ברענגען עטלעכע פישלעך, איך האָב אים אַ פּאָר מאָל זיי אויסגעבראָטן, נאָר ער פלעגט עס ניט עסן און אַלצאיינס דעם גאַנצן זומער מיט דער ווענטקע פאַרפאַלן ווערן בײַם דניעסטער, צוריקקערן זיך שפּעט אין אָוונט... ביז איינמאָל, שוין אָנהויב אָסיען געווען, אַהיים זיך ניט צוריקגעקערט...

איך בין מיט ראובנ׳ען אַ גאַנצע נאַכט אַרומגעלאָפן פּאַזע ברעג, געררופן, געשריען — „וועלוועלע, וועלוועלע...״ מענטשן אויף שיפלעך מיט לאַנגע אײַזנס זײַנען אַרומגעשוווּמען, געגישטערט אין וואַסער... ווען מיר האָבן זיך באַגײנען צוריקגעשלעפּט, אַרײַן אין שטוב, האָט מיר אַ שלאָג געטאָן אין קאָפּ ,אַ קוק טאָן אויף אונדזערע אָפּגעשפּאַרטע גראָשנס... איך האָב צוגערופן ראובנ׳ען... אַ גרעסערע העלפט פון דעם, וואָס מיר האָבן פאַר־מאָגט, האָט ניט געסטײַעט... דאָס איז געווען אונדזער אײנציקער בלאָ־סער שטראַל פון האָפענונג... אין פאַרלויף פון עטלעכע טעג האָט מען בײַם ברעג ניט אויפגעהערט צו זוכן... דערנאָך איז אַהער געקומען מיליציע... ווידער אויף זייער שטייגער, צעוואָרפן אַלץ, צעשלײַדערט, מען האָט מיך מיט ראובנ׳ען גענומען, כמעט, איבער אַ טאָג אַרויסצורופן, אויסגעפרעגט, אויסגעשריבן הויפנס פּראָטאָקאָלן... מע האָט אונדז גוט אויסגעמאַטערט... שוין אַ פּאָר יאָר, ווי מע טשעפּעט אונדז מער ניט... און ווײַטער... האָט צביה אַרויפגעלייגט איר פינגער אויף די ליפּן; — פרעג מיך ניט... צביה האָט זיך שטיל אויפגעהויבן, צוגעגאַנגען צום אַלקערל־טירל, אַרײַנגעקוקט אין גרויסן חדר, צוריקגעקערט זיך, אַ מורמל געטאָן: „שלאָפט נאָך״... אַ ווײַלע האָבן זיי ביידע געשוויגן... און ראַפּ־טאָם האָט זיך צביה אָנגעבויגן צו שפרה׳ן, אַרײַנגערוימט איר אין סאַמע אויער:

— בסוד־סודות, שפרה׳לע, דײַן מאַמע ווייסט וועגן דעם גאָרניט... ווי גאָט איז דיר ליב... ס׳זײַנען דאָ גוטע בשורות — דאָרטן איז ער, דאָרטן... ווו זיידע־באָבע האָבן געטרוימט צו זײַן. און אַ סברה, אַז איך מיט ראובנ׳ען זײַנען שוין אויך, ברוך־השם, זיידע־באָבע... אַ ייִנגעלע... אַ נאָמען נאָך מײַן טאַטן, נאָך וועלוועלעס זיידן...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

שפרה איז שוין אין אַ געוויסער מאָס רויִק דערמיט, וואָס טאַטע־מאַמע פאַרשטייען זי און האַלטן מיט איר — קודם־כל — אײַנצושאַפן זיך אַ פּראָפּעסיע, קומען צו אַ צוועק.

די מאַמע גיט צו מוט: — ניט זיין, טאָכטער, פון עמעצן אָפּהענגיק, האָבן אַליין איבער זיך אַ דעה. ווייל וואָס דו ביסט אַזוי ווי דער טאַטע — ער פאַרלײַדט ניט, מ׳זאָל, אַפילו, טאָן פאַר אים אויף אַ האָר... העלפן אַ צווייטן, אונטערשטעלן אַ פּלייצע ,דאָס יאָ ,אָבער ניט דאַרפן אָנקומען צו יענעמס לאָסקע, ניט פאַרלירן די ווערדע — הויך טראָגן דעם קאָפּ אויף די אַקסלען.

און די מאַמע שטרענגט אָן אירע כוחות, ניט אָפּצווווענדן שפרה׳ן פון דער לערע, אויסגעפינען פרײַע מינוטן, אַרײַנצולויפן צו צביה׳ן,

העלפן איר אין דער באַלעבאַטישקייט, פאַרשפּאָרן דער טאָכטער אַרבעט, בעת זי קערט זיך צוריק פון די קורסן. זי זאָל כאָטש קאָנען אין אַלקערל פרייַ באַטראַכטן, וואָס זי האָט צו טאָן.

לויפן וואָכן, חדשים... קיינער קלייַבט זיך זיי ניט צו פאַרהאַלטן... איז דאָך גוט — באַלד, באַלד... נאָך מיט אַ חודש פריִער, סוף אויגוסט, זייַנען דורך די עקזאַמענס און בייַ שפרה'ן איז אַלץ כשורה — הן פאַר די שריפטלעכע אַרבעטן, הן פאַר אירע מינדלעכע ענטפערן געקראָגן גוטע אָפּשאַצונגען.

אַ יום־טוב אין שטוב! שפרה האָט געבראַכט די צייַגעניש פון פאַר־ענדיקן די יאָריקע בוכהאַלטער־קורסן. מיט מזל, אַ דיפּלאָם!

אַ געדענקטאָג

... ניקיפאָר טראָפימאָוויטש איז שוין אין די ערשטע נאָכרעוואָלוציע־יאָרן אַריבערגעפאָרן מיט זייַן פרוי פון פעטראָגראַד קיין טיראַספּאָל און אַרבעט שוין דאָ אַ לאַנגע צייַט אַלס הויפּטבוכהאַלטער אויף דער היגער מעבל־פאַבריק. בייַ אים איז אַ רגילות — יעדעס מאָל אַ טאָג פאַרן אויס־צאָלן די ענטגילטיקע צווייטע העלפט פונעם חודש־געהאַלט, צו בלייַבן מיטן חשבון־פירער נאָך דער אַרבעט צוגעבלעך אויף עטלעכע שעה אין בוכהאַלטעריע. אין די צעכן איז שאַ־שטיל און אין די שכנישע צימערן פון דער פאַבריק־אַדמיניסטראַציע הערט זיך בלויז דאָס איבעררוקעניש און שאַרעניש פון די טישן און שטולן, דאָס אַרומטופּן פון דער אויפ־ראַמערין.

ניקיפאָר טראָפימאָוויטש און שפרה האָבן דאַן אַ מעגלעכקייַט רויִקער־הייט קאָנטראָלירן די שוין צוגעגרייטע שכירות־ליסטע, אַרייַנצוקוקן אין די שוין באַקאַנטע חשבונות, ווייַל אויסער דער „פּריַוויליק־געצוווּנגע־נער" אויסמאַטערנדיקער פּאַטילעטקע־הלוואה, וואָס ווערט חודשלעך בייַ יעטווועדן אַראָפּגערעכנט, האָבן נאָך ניט ווייניק אַרבעטער און אָנגע־שטעלטע זייערע אייגענע, פּריוואַטע בייַ־חשבונות, געלט־התחייבותן לגבי דער פאַבריק־בוכהאַלטעריע, וואָס מוזן ווערן ראַטעסווייַז אויסגעצאָלט. למשל — אַ גענומענע הלוואה אין דער פּראָפאַריינישער קעגנזייַטיקער הילפס־קאַסע, אָדער אַ הלוואה בייַם ספּעציעלן דירעקטאָר־פאָנד אויף צו פּראָווען אַ קאָמסאָמאָלסקע חתונה ,אויף אַ דירה־רעמאָנט, אויף אייַנצו־שאַפן זיך אַ ווינטערדיקן מאַנטל, אַ הלוואה אויף באַן־געלט אין אַ ווייַטן הייל־אַנשטאַלט... דאַרף מען ניט פאַרגעסן אָט די אַלע חובות אַראָפּצו־

רעכענען פונעם חודש־געהאַלט, ס׳זאָל מאָרגן, ביים אַרויסגעבן דעם אַרבעטס־לוין ניט זיין קיין שום צעפּלאָנטערנישן, פּרעטענזיעס און ספקות.

ווען שפרה היינט, כמעט ביזן אָוונט זיין פאַרנומען. האָט זי נאָך אין דער פרי געהאַט דערגעדט זיך מיט דער קאַסירערין פאַניטשקע, איר חבר׳טע, זי זאָל קומען אַהערצו נאָך איר — פאַניטשקע אָריענטירט זיך שוין, אומגעפער, ווען זי דאַרף קומען — וועלן זיי גלייך פון דער בוכהאַלטעריע גיין באַנאַנד אין פאַבריק־קלוב אויף דער פאַרנעמונג פון טאַנץ־קרייז.

פאַרטאָן אין דער שכירות־ליסטע, אין דער קאַרטאָטעקע, כאַפּט שפרה פּלוצעם אַ בליק אויף די „טיק־טאַקנדיקע וואַנט־כאַדיקעס״:

— אוי, אַרויס פון זינען, ניקיפאָר טראָפימאָוויטש, אויפצוזידן אויף דער פּליטקע טיי, איר זייט היינט אָן מיטאָג. מ׳דאַרף דאָך עפּעס איבער־בייסן. מיין מאַמע האָט מיר מיטגעגעבן געשמאַקע ,שבועותדיקע בלינצעס, מ׳קאָן זיי אויך קאַלטערהייט עסן. אמת, דער ייִדישער יום־טוב שבועות איז שוין לאַנג, לאַנג דורך.

— איך ווייס, איך ווייס, — שלאָגט ער זי איבער. — דאָס הייסט ביי אונדז „טראָיצאַ״, דער יום־טוב נאָך פּסח.

— יאָ, אָבער איצט איז שוין, דאַכט זיך, באַלד סוכות.

— איך ווייס. דער יום־טוב הייסט „פּראַזדניק קושטשי״, ווען פרומע ייִדן טראָגן אין איין האַנט אַ מין סאָרט היפּשן ציטרין און אין דער אַנדערער האַנט אַ...

— אַ לולב — זאָגט אים אונטער שפרה. — אויף רוסיש ווייסט זי ניט ווי אַזוי אַ לולב הייסט, — און זעצט פאָר, — גראָדע די טעג איז דער מאַמען געראָטן צו קויפן אויפן מערקל אַ פּאָר האַרטע, פּויערישע קעזן, פאַסיקע פאָר שבועותדיקע בלינצעס, מאַכט ניט אויס, וואָס מיר וועלן זיי עסן מיט אַ גרויסער פאַרשפּעטיקונג...

— און איך וועל דיך, שפרה, מכבד זיין מיט אַ לענינגראַדער בוטער־בראָד, לודמילאַ אַפאַנאַסיעוונעס שוועסטער האָט אונדז צוגעשיקט אַ דעליקאַטעס־־געוויכערטן אויפשניט.

און אַז דער בוכהאַלטער האָט שוין מיט אַפּעטיט געגעסן די קאַלטע בלינצעס און פאַרזופּט מיט הייסן טיי און שפרה האָט שוין פאַרזוכט דעם דעליקאַטעס־בוטערבראָד, זאָגט זי צו איר פאַטראָן:

— כ׳וועל מיר דערלויבן צו טיילן זיך מיט אייך, היינט איז ביי מיר מיינער אַ פערזענלעכער געדענקטאָג...

— אָ! דיין געבורטסטאָג, שפרה, אַ שאָד, אַ שאָד, ווען איך און לודמילאַ אַפאַנאַסיעוונאַ ווייסן עס כאָטש מיט איין טאָג פריער.

— ניין, ניין, ניט מײַן געבורטסטאָג... הײַנט, דעם פּיראָונצוואַנ־ציקסטן סעפּטעמבער, פּונקט מיט צוויי יאָר צוריק, בין איך אַריבער־געטראָטן דעם שוועל פון אָט דעם צימער, איר זײַט דאָן געזעסן אויפן זעלבן אָרט, וואָס איצט און אויסער אײַך איז אין דער בוכהאַלטעריע קיינער ניט געווען. איך בין צו מיט מײַנע צוויי פּאַפּירן — מיטן דיפּלאָם פון די אייניאָריקע בוכהאַלטער־קורסן און מיטן צעטל פון דער פאַבריק־אַדמיניסטראַציע וועגן אָננעמען מיך אויף דער וואַקאַנטער שטעלע פון א חשבון־פירער.

— צוויי יאָר... קאָן דאָס זײַן?

— יאָ, איך טראַכט ניט אויס...

— כ׳פאַרשטיי... גלײַך ווי נעכטן וואָלט עס געשען... כ׳האָב דיר דאָן אַזוי שווער געמאַכט אויפן האַרצן... עד־היום קאָן איך מיר דאָס ניט מוחל־זײַן... געדענקסטו, מיט וואָס פאַרא בייזע ווערטער איך בין אויף דיר אָנגעפאַלן?...

— פאַר מיר האָבן די צוויי יאָר געמיינזאַמער אַרבעט מיט אײַך א ביז גאָר וויכטיקע באַדײַטונג. און וואָס שײַך יענע ווערטער... זאָגן דאָך רוסישע מענטשן „ווער עס דערמאָנט דאָס אַלטע, זאָל אים אַן אויג אַרויס...״ אַזוי דאַכט מיר...

צעלאַכט זיך ניקיפאָר טראָפימאָוויטש: — מיטן ווערטל האָסטו מיר, שפרה, צוגעטראָפן. אָבער איך מוז זיך איצט אַליין באַשטראָפן און אויף טשיקאָוועס מײַנע דאַמאָלסדיקע רייד דערמאָנען אויפן קול. אָט, וואָס איך האָב דיר דאָן אויסגעפאַליעט, האַלטנדיק אין דער האַנט דײַן דיפּלאָם: „מאַדמואַזעל, זײַט וויסן, קיין עדות זײַנען דאָ ניטאָ... דאָס דאָזיקע פּאַפּירל אײַערס האָט פאַר מיר קיין שום ווערט ניט — א נול איז עס, אַן אויסגעשפּראָכענער נול! מיר האָבן שוין דאָ געזען אַזעלכע פּריש־אויסגעבאַקענע ,חשבון־פירערס׳, מיט די זעלבע פּאַפּירלעך, רעקאָמענ־דאַציעס און חוצפּה־גאַווהדיקער דרייען זיך אויף די הויכע טופּל־קאָר־קעס״. איך האָב דאָן גוט באַמערקט, ווי דו ביסט בלייך געוואָרן און דאָך ניט פאַרבעטן דיך צו זעצן זיך. און אַלץ געקאָכט זיך — „פיר יאָר האָב איך אַלס שיק־ייִנגל טאָג אין טאָג איבערגעשריבן חשבונות, גע־סטאַרעט זיך אויסצוצירקלען יעדן איינציקן ציפער ביז דער באַלעבאָס האָט מיך, ענדלעך, צוגעלאָזן צו די בוכהאַלטעריע־ביכער... און איך דאַרף, מאַדמואַזעל, אויפן שטעל אײַך צונעמען אַלס חשבון־פירער, ווײַל אין אַזאַ מענטש נויטיקן מיר זיך און געצוווּנגען זײַן צו אָפּטאָן פאַר אײַך די גאַנצע אַרבעט״. און וואָס דו האָסט מיר אויף דעם געענטפערט, געדענקסטו, שפרה?...

שפרה האָט געשוויגן...

— דו האָסט מיר געזאָגט: „איך הער אײַך און פיל מיטן גאַנצן האַרצן, אַז ס׳טוט אײַך ווײ און יעדעס וואָרט אײַערס קאָסט אײַך געזונט און ס׳איז אײַך, אפשר, ניט גרינגער, ווי מיר איצט, ווען איך שטיי דאָ פאַר אײַך און וואַרט אויף מײַן גורל... האָב איך קיין שום רעכט ניט צו זײַן באַליידיקט, נאָר איך האָב עס אַבסאָלוט ניט פאַראויסגעזען... מײַן אײנציקער באַגער איז — אַרבעטן. איך לעב אין אַ משפחה פון זיבן מענטשן און בלויז דער פאָטער אַרבעט. אָבער וויבאַלד איך וועל דער־פילן, אַז איך פּאַס ניט, טויג ניט און שטער אײַך, וועל איך תיכף גלײַך אַליין אַוועק... און דאָך וויל איך מיט אַלע מײַנע כוחות אַ פּרווו־טאָן, איך האָב דאָך זייער ערנסט געלערנט זיך אויף די קורסן און פאַר דעם, מיין איך, קומט מיר קיין שטראָף ניט...״ אַזוי האָסטו מיר געענטפערט, שפרה?...

— יאָ, ניקיפאָר טראָפימאָוויטש.

און ער האָט זיך אויפגעשטעלט פון זײַן אָרט, איז צוגעגאַנגען צו שפרה׳ן, אַרומגענומען זי און צוגעטוליעט צו זיך: — ביסט גערעכט, שפרה, אַ געדענק־טאָג...

געלויבט איז דער אויבערשטער...

אָבער ווען שפרה איז מיט אַ צוויי טעג שפּעטער שוין צוגעטראָטן צו איר אַמט אין בוכהאַלטעריע, האָט זי אומדערוואַרט פאַר זיך דערפילט ניקיפאָר טראָפימאָוויטשס אַ וואַרעמען, געמיטלעכן בליק. און בעת ער האָט גערעדט מיט איר און אַרײַנגעפירט זי אין קורס פון איר פאַר־שטייענדיקער טאָג־טעגלעכער באַשעפטיקונג, האָט זי אין זײַן קול גע־הערט פרײַנטלעכקײַט, באַוויליקײַט, גלײַך ווי קיין סימן וואָלט ניט איבערגעבליבן פון זייער אײערנעכטיקער ערשטער, אַזוי ווייטאָקדיקער פאַר איר, באַגעגעניש. ווען זי איז אין דער פרי אַרויס פון דער היים צו דער אַרבעט, האָט זי אַפילו געהאַט מיטגענומען איר אייגענעם, קליינעם „סטשאָט״ — רעכנבײנדלעך. — טאָמער וועלן אין דער בוכ־האַלטעריע זייערע רעכנבײנדלעך גראָד זײַן פאַרנומען און זי וועט באַ־דאַרפן וואָס שנעלער עפּעס צונויפחשבונ׳ען, וועט זי עס באַווײַזן צו טאָן אויף איר „סטשאָט״. שפרה האָט אויך איר ווירע און אַ פּאָר טאָבעלן גענומען מיט זיך און אַרײַנגעקומען איז זי אין בוכהאַלטעריע מיט אַזאַ מרא׳דיקן אומרו; מיט אַ צעקלעמט, צעשראָקן האַרץ, גלײַך ווי בײַם

סאַמע ברעג וואָלט פּלוצעם אָפּגעבראָכן זיך אַ שטיקל אײַז, אויף וועלכן זי איז געשטאַנען און זי וואַקלט זיך שוין, שווימט אויף אַ קריעהלע, אַרומגעקרײַזט מיט וואַסער און קיין לעבעדיקער נפש איז דערבײַ ניטאָ... איז איר אין משך פונעם אַרבעטס־טאָג צוביסלעך אַראָפּ דער שווערער שטיין פונעם האַרצן... זי דערפילט די האַרטע ערד אונטער די פיס... און האָט שטיל צו זיך אַליין, אַ שמייכל געטאָן: „אוי, ביסטו אַ פּחדנ׳טע, שפרה...”

און ווען זי האָט זיך אײַליק, ממש, לויפנדיק צוריקגעקערט אַהיים און דערזען די מאַמע שטייט מיט ראָזועלע׳ן נעבן זיך בײַם טויערל און קוקט די אויגן אויס: „מיט וואָס פאַר אַ שטימונג וועט די טאָכטער קומען פון איר ערשטן בוכהאַלטער־טאָג? צי וועט זי ניט דאַרפן גיין זוכן אַן אַנדער אָרט?...” האָט שפרה פון דער ווײַטנס פריילעך געשריען מיט דער מאַמעס נוסח: „געלויבט איז דער אויבערשטער, געלויבט איז דער אויבערשטער”...

מיט יעדן נײַעם טאָג פילט זי זיך פעסטער, אײַנגעפונדעוועטער אויף איר פּאָסטן אַלס חשבון־פירער. דער הויפּט־בוכהאַלטער איז מיט איר אַרבעט צופרידן. זי איז זײַן גוטער, יונגער געהילף. אַליין אַן עלטערער מענטש, האָט ער שפרה׳ן געדוצט און מיט דעם אונטערגעשטראָכן — ער טרויט איר, באַציט זיך צו איר מיט אַכטונג און גוטפרײַנטשאַפט.

און די קאַסירערין פּאַניטשקע, ווײַבאַלד זי האָט דערזען די נײַע חשבון־פירערין, האָבן זיך ווי אַ טשאַטע שפּערלעך פון בוים אַ טראָג־געטאָן בײַ איר מחשבות: „מיט אַ צוויי־דרײַ יאָר עלטער פון מיר, אַ שוואַרץ־חנעוודיקע, אַ סימפּאַטישע, אַ ביסל אַ שעמעוודיקע און ניט אַזאַ רעשיקע, טומלדיקע ווי איך”... און פּאַנטישקע האָט שיער ניט אַ זאָג־געטאָן אויפן קול: „איך האָב, אַפילו, ניט וואָס צו פרעגן — זי איז ניט קיין חתונה־געהאַטע”. פון וואָס זי האָט עס אַזוי פּונקטואַלנע פעסט־געשטעלט, וואָלט פּאַניטשקע אויף דעם, דאַכט זיך, אַליין קיין ענטפער ניט געקאָנט געבן. „וועל איך האָבן, — טראַכט זי, אַ פּאַסיקע קאָמ־פּאַניאָנקע, מיט וועמען צו גיין אין קלוב, אין קינאָ, איך — אַ ברען, אַ בלאָנדע מיט העל־גרויע אויגן, מײַן חבר׳טע, עטוואָס העכער פון מיר אַ שוואַרצאויגיקע, אַ שטילע און מיט אַ פּאָר יאָר עלטער, וועלן מיר בײדע אין יעדער ייִנגל־קאָמפּאַניע זײַן געוווּנטשן, מיט אינטערעס אויפ־גענומען ווערן”... און פּאַניטשקע האָט זיך צו שפרה׳ן צוגעקלעפּט מיט לײַב און נשמה: „וועמען האָב איך דאָ, אין בוכהאַלטעריע?... וויפל איז דער שיער אַרומלויפן אין די צעכן, ווער וואַרט אויף מיר דאָרטן צווישן די שיקסעס און שקצים?”...

און אויך שפרה איז ניט קעגן צו האָבן נעבן זיך אַ חבר׳טע, מיט וועמען זי קאָן פרײַ ריידן, ווי אין שטוב מיט טאַטע־מאַמע. זײַן מיט זיך אַליין איז דאָך טויזנט מאָל ערגער... אוי, ווי שווער ס׳איז צו זײַן אייביקע אַליין...

אין די דרײַ שטיבלעך

די לעצטע צוויי יאָר האָבן ניט ווייניק געשעענישן, איבערלעבענישן, אַרײַנגעשלעפּט מיט זיך אין הויפל פון די דרײַ שטיבלעך, וואָס אויף דעם דניעסטער־געסל. דער אוקראַיִנער גוי איז שוין קיין באַלעבאָס ניט, די מאַכט האָט אים און זײַן געזינד דערלויבט צו בלײַבן וווינען אין זעלבן שטיבל. די אַנדערע צוויי — קאָנפיסקירט און איבערגעגעבן אין רשות פון די וווינונגס־קאָאָפּעראַטיוון, אָדער ווי מען האָט זיי דערנאָך גערופן, הויז־פאַרוואַלטונגען. דער שנײַדער ראובן און דער בעקער לעמל פלעגן שוין דירה־געלט ברענגען אין דער הויז־פאַרוואַלטונג, ערגעץ אויף אַ צענטער געסל, אָבער אַ באַלעבאַטיש אויג פעלט שוין — פון יעדן הויף־ווינקעלע קוקט אַרויס הפקר־פּעטרושקע... דער אוקראַיִנער גוי איז אויס באַלעבאָס, נאָר האָט צו יענער צײַט אויך זײַנע פּראָלעטאַרישע זכות׳ן: שוין אַ פינף־זעקס יאָר אַן אַרבעטער, וואָדאָפּראָוואָדטשיק (אינסטאַלאַטאָר) אויפן אָרטיקן מעטאַל־זאַוואָד. מאַרודיעט ער ניט, מיט רעכט אויסגע־מאַרקירט פאַר זיך אַ פּיצל שטח פאַר אַ גערטנדל, אויסגעגראָבן אַן אָפּטריט, אַרומגעשטעלט מיט שטרוי־סנאָפּעס און זײַן שטיבל, דאָס גערטנדל מיט אַלץ מיט אַנאַנדער אַרומגעצוימט שטשילנע מיט אַ פּלאָנ־קען, פון האַרץ־ווייטאָק, ניט אַנצוזען זײַן געוועזענע „מאַיאָמאָסט" — אייגנס... איז שוין אויפן הויפל, דער עיקרשט, זומער־צײַט, קענטלעך, געוואָרן שמוציקער, אַ סך פליגן...

ראובנ׳ס ווײַב, צביה, האָט שווער געקרענקט. אַ גאַנצן חודש אָפּ־געלעגן אין באָלניצע (שפּיטאָל), ריווע האָט פאַר איר געקאָכט לײַכטערע עסנס און שפרה פלעגט נאָך דער אַרבעט דאָס איר אָוועקטראָגן, געוויר וערן.

אַהיים האָט זיך צביה צוריקגעקערט שוין ניט צו דערקענען, בלייך, חרובדיק, קוים וואָס געהאַלטן זיך אויף די פיס. ראובן האָט זיך לתלוטין פאַרלוירן. פלעגט קומען פון אָרטעל אַ מידער, אַן אויסגעשעפּטער, דערזען צביה׳ן... איז ער אַרײַנגעפאַלן אין מרה־שחורה, אַרומגעדרייט זיך אין חדר, ווי אַ שאָטן... צוגיין צו דעם ווײַב, ניט געוווּסט איר וואָס צו זאָגן... איז שוין די גאַנצע שטוב־אַרבעט געלעגן אויף ריווע׳ן און שפרה׳ן.

מיט אַ פּאָר וואָכן נאָכן צוריקקערן זיך פון באָלניצע איז צביה'ן פלוצעם שטאַרק ניט גוט געוואָרן, האָט מען זי ווידער אַוועקגעפירט אין שפּיטאָל. אין אָוונט איז שפרה אַרײַן צו איר אין פּאַלאַטע, צוגעזעצט זיך נעבן איר בעט. צביה האָט הויך געאָטעמט, אירע שאַרף־אַרויסשטאַרצנ־דיקע ברוסטביינער הייבן זיך אָן אויפהער. שפרה נויגט זיך אָן צו איר, גיט איר פון אַ לעפעלע וואַרעמען טיי, האָט צביה אָנגעשטרענגט, מיט איבעררײַסן, אַרויסגעשעפּטשעט: „טאָכטערקע, געזונט זאָלסטו מיר זײַן, ביסט יונג, קאָן דאָך טרעפן, מיט גאָטס הילף, וועסט אויך אָנקומען אַהין, ווּ מײַן וועלוועלע איז, און מײַן אייניקל אברהם־בערעלע, נאָך מײַן טאָטן אַ נאָמען. זאָלסטו זיי, למען־השם, אויפזוכן, דערציילן, דו האָסט מיך געזען אין באָלניצע... גערעדט מיט מיר... פאַרצייכן זיך דעם טאָג, שפרהלע... אוי, כ'האָב ניט אויפגעהערט צו טראַכטן פון אים, מײַן אייניקל־געבליבענעם וועלוועלע... איך בין אים אַלץ מוחל...‟ און טרערן האָבן גערונען פון אירע אָנגעצונדענע, רויטגעוואָרענע אויגן, אַראָפּגעפלאָסן אויף שפרה'ס האַנט, זי געבריט.

אין דער זעלבער נאַכט איז צביה אויסגעגאַנגען...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ראובן אַליין, אַ שבר־כלי, און כאָטש צביה איז שוין לאַנג קראַנק געווען, האָט זי דאָך אָנגעהאַלטן די פירמע — „דעם שנײַדערס ווײַב‟, און מיט דעם זכות איז איר מאַן ראובן, דער שנײַדער, געווען אַ שטיקל אדם, אַ משפחה־מענטש. אָבער נאָך איר טויט האָט ער לגמרי פאַרלאָרן דעם מוט און אין דער פרי׳ האָבן זיך אים פון עצבות און צעטומלטקייט די הענט ניט געהויבן צוצוגיין צום האַנטפאַס, בפרט נאָך שלעפן די פיס צו דער אַרבעט אין אַרטיעל. פלעגט שוין שפרה פאַרן אַנטלויפן אין דער בוכהאַלטעריע, אַנשניידן פאַר אים ריפטלעך ברויט, אָנשמירן מיט פּוטער, אַוועקשטעלן עס אין אַ טעלער אויפן טיש, דערבײַ דעם אויפ־געזאָדענעם טשײַניק מיט טיי.

נאָר ווי לאַנג קאָן זיך אַזוי ציִען, ווען אַ מענטש ווערט פאַר די אויגן אויס מענטש?... האָט ראובן געשריבן צו זײַן ייִנגערן ברודער, ביז יענער איז אַראָפּגעקומען קיין טיראַספּאָל, געווען מיט אים אַ פּאָר טעג און פאַרשטאַנען — ניטאָ קיין אַנדערע ברירה, ער מוז ראובנ'ען נעמען קיין כאַרקאָוו, דאָרט וועט ער נאָך, אפשר, קומען צו זיך, סוף־כל־סוף, נאָך ניט אַזאַ אַלטער מאַן. און אַז ס'איז שוין פעסט באַשלאָסן געווען — אַריבערצופאָרן, האָט שוין ראובן אויפגעהויבן דעם קאָפּ, גע־וואָרן לעבעדיקער, רירעוודיקער... אין משך פון אַ פּאָר וואָכן האָבן די ברידער אַלץ פון וואָס מע האָט געקאָנט מאַכן אַ פּאָר רובל — פאַר־

קויפט — דאָס מעבל, די בעבעכעס. די גויע, דעם געוועזענעם באַלעבאָס
ווײַב, האָט זיך שוין עטלעכע מאָל אַרײַנגעיאָוועט, פאַר פּרוטות אײַנ־
צוהאַנדלען וואָס עס לאָזט זיך פון צביה׳ס באַלעבאַטישקײַט... די מער
ווערטיקערע זאַכן, מלבושים, דאָס אָנגעלעבטע האָב־און־גוטס, האָבן זיי
אײַנגעפּאַקט אין עטלעכע נאָך גאַנצע טשעמאָדאַנעס און — ראובן מיטן
ברודער זײַנען שוין גרייט צו לאָזן זיך אין וועג אַרײַן.

— —

אין די אָוונטן, אַלע זײַנען אין שטוב. זאָגט לעמל צו ריווען:

— אַן אַנטיק, ווען אויף דער הייסער מינוט, ביז ראובן איז נאָך
דאָ, קלײַבן מיר זיך פון דאַנען אַרײַן אין ראובנ׳ס און צביה׳ס שטיבל,
פּאַרט שטייט עס העכער, טרוקענער, ווײַטער פון דער בלאָטע, וואָלטן
מיר זיך אַזוי ניט מוטשען פונעם ווילגאָטש. פאַר איין האַלבע שעה
טראָגן מיר אונדזער סקאַרב אַריבער, ווי דער רוח דעם מלמד, און זײַנען
שוין דאָרטן מיט אַ „משנה מקום — משנה מזל״״...

ענטפערט אים ריווע: — וועגן דעם דאָרטיקן מזל, האָסטו, לעמל,
ניט וואָס צו דערמאָנען. ניטאָ וואָס צו מקנא זײַן, אויף אַלע וויסטע
פעלדער און וועלדער... נאָר קיין עוולה וואָלט ניט געווען צו וווינען
אין אַ בעסערן שטיבל, ס׳זאָל אַזוי ניט מאַטערן דעם רעמאַטעז. אָבער בײַ
קיינעם זיך ניט אָנפרעגן? — מיר האָבן דאָך איבער זיך נײַע באַלע־
באַטים און צאָלן זיי דירה־געלט, איך ספק זיך, צי דאָס קאָן אונדז אַזוי
גלאַט דורכגיין. וואָס זאָגסטו, שפרה?

שפרה טראַכט אַ רגע און רופט זיך אָן אויפן קול, נאָך אַזוי ווי
טראַכטנדיק: — דער דאָזיקער נומער קאָן, אפשר, יאָ דורכגיין, ווײַל
די נײַע הויז־פאַרוואַלטונגען ווייסן פון זייער חיות ניט, נאָר ווי וועט
זײַן מיט צאָלן דירה־געלט? יעדער שכן האָט דאָך שוין דאָרט זײַן
חשבון־צעטל. קומט אויס, אַז מיר וועלן דאַרפן צאָלן פאַר ראובנ׳ען, לויט
זײַן חשבון. און ווער וועט צאָלן פאַר לעמלען קריוואָרוטשקאָ?

פאַלט אײַן לעמלען: — מירן צאָלן פאַרביידע דירות, קיין סך
געלט איז עס ניט...

לאַכט שוין שפרה: — וועט דאָס הייסן, אַז מיר פאַרנעמען ביידע
שטיבלעך — דער גוי וועט דער ערשטער קומען צו לויפן מיט אַ געשריי:
„בײַ מיר צוגעראַבעוועט און דעם יידן אָפּגעגעבן״? און דו ווילסט טאַקע,
טאַטע, ווערן אין אַ נאַוועגע, אַ דאָמאָוולאַדיעלעץ״?

פאַרשטייט שוין לעמל, — דער גאַנצער פּלאַן זײַנער צעפאַלט זיך...

— —

פון דעסטוועגן, האָט לעמלען ניט אָפּגעלאָזט דער געדאַנק פון איבער־

קלײַבן זיך אין בעסערן שטיבל. שוינזשע ניט אויסנוצן אַזאַ געלעגנהײַט? און ער האָט געפּרוּווט גײן „מיטן אמת"... ריוועו און שפּרה'ן ניט דער־ ציילט, נאָך דער אַרבעט אַוועק צו דער הויז־פֿאַרוואַלטונג, אַרײַן צום נאַטשאַלניק — שוין ניט קיין יונגער, פֿון דער „אַלטער גוואַרדיע", מיט אַן אָרדן פֿון דער רויטער פֿאָן * אין לאַץ פֿון ציווילן פּידזשעקל. פֿרעגט יענער לעמלען:

— ווער ביסטו?

זאָגט אים לעמל: — אַן אַרבעטער פֿונעם ברויט־זאַוואָד, די טאָכטער אַרבעט אויף דער מעבל־פֿאַבריק, מיר וווינען זאַלבעזיבן אין אַ שטיבל אויף אַ זומפּיקן אָרט. איין וואַנט איז אַ קײַלעכדיק יאָר אַ נאַסע.

— דירה־געלט צאָלסטו?

שטרעקט אים לעמל אויס דאָס בינטל קוויטאַנציעס.

— וואָסזשע ווילסטו?

דערציילט אים לעמל די געשיכטע מיט ראובֿנ'ס שטיבל וואָס שטייט אויפֿן העכערן אָרט...

שלאָגט אים דער נאַטשאַלניק איבער:

— פֿאַר דעם, וואָס דו ביסט מיר געקומען אָנצוזאָגן, אַז ס'באַפֿרײַט זיך אויפֿן הייפֿל אַ שטוב — קומט דיר אַ דאַנק. אָנו, קאָרשט, גענוי, ווו וווינסטו? — און אַז ער האָט דעם אַדרעס פֿאַרצייכנט, וואָרנט ער לעמ־ לען — איבערצוקלײַבן זיך מיט געוואַלט, פֿאַר דעם, זײַ וויסן, קומט טורמע, — און זעצט פֿאָר: — האָסטו איין נאַסע וואַנט? אָבער אַ דאַך איבערן קאָפּ האָסטו?...

שווײַגט לעמל...

פֿרעגט אים שוין דער נאַטשאַלניק איבער מיט רוגזה:

— ענטפֿער מיר, אַ דאַך איבערן קאָפּ?...

זאָגט שוין לעמל: — אַ שטרויענער דאַך...

ווערט שוין די „אַלטע גוואַרדיע" מלא רציחה:

— אַ שטרויענער, אַ טשערעפּיצענער, צי אַ בלעכענער, וועגן דעם פֿרעג איך בײַ דיר ניט. דו זעסט די דיקע פּאַפּקע, וואָס ליגט בײַ מיר אויפֿן טיש? — מיט הונדערטער בקשות פֿון משפּחות, וואָס האָבן ניט קיין ווענט און ניט קיין דאַך... און וואָס שײַך דײַן נאַסער וואַנט, גיב אַן אַ ביטע וועגן רעמאָנט און ווײַז אָן אויספּירלעך, ווי לאַנג דו וווינסט דאָ און ווו האָסטו פֿריִער געוווינט? צי האָסטו ניט געהאַט קיין אייגענע

* אָרדן פֿון דער רויטער פֿאָן — פֿון די ערשטע נאָך דער רעוואָלוציע, מיליטערישע אויסצייכענונגען אין בירגער־קריג.

שטוב? — וועט קומען אַן אויטאָריטעטע קאָמיסיע צו באַקענען זיך אויפן אָרט און וועט באַשליסן... נאָר איך זאָג דיר פּאָרויס, ניט אַזוי גיך, ווײַל דו זעסט די צווייטע פּאַפּקע, זי איז נאָך מער פּוכלע — מיט זשאַלאָבעס (אָנקלאָגעס) אויף צו מאַכן רעמאָנטן... ווי הייסטו?

זאָגט אים לעמל: — קריוואָרוטשקאָ.

— האָסטו פאַרשטאַנען, קריוואָרוטשקאָ?...

לעמל האָט אויף דער גאַס פרײַער אָפּגעעטעמט און לסוף אַ טראַכט געטאָן:

„פאַרפאַלן, פאַרפאַלן, לעמל, פאַרהאַקט ווי אין אַ מויזן־שטײַגל..."

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ראובן מיטן ברודער זײַנען אַוועקגעפאָרן. שפרה האָט זיך פון צביה'ס אַלקערל צוריקגעקערט אין שטוב אויף איר אײַזערן בעטל, נעבן פענצ־טער... און דער מאַמען דרייט גוט דער מוח — נאָך אַ יאָר און נאָך אַ יאָר אַוועק... די רעכטע צײַט גייט פאַרבײַ... און תכלית?... זי וויל גאָר לעמלען וועגן דעם ניט דערמאָנען און איז צופרידן, וואָס ער איז פאַרהאַוועט, פאַרשלאָגן אין זײַן צעד צו פאַרדינען אַן איבעריקן רובל. ער קומט אין אָוונט פון זאַוואָד אַן אויסגעהאָרעוועטער, אַ צעפּאָרעטער, מײַדט זי אויס צו פאַרפירן מכוח דעם אַ געשפרעך, ניט צעטומלען זײַנע רעיונות, ניט צעבערעדזשען דעם ווייטאָק... און מיט שפרה'ן?... פאַר־שטייט זי דען ניט דער טאָכטערס האַרץ, אירע קלעמענישן... וועט זי דען איר מיט סתם רייד גרינגער מאַכן?... איז זי כאָטש רויִקער, ריווע, וואָס שפרה האָט פאַניטשקען, אַ יינגערער פון איר, פאַר אַ גוטער, גע־טרײַער חבר'טע, גייט מיט איר אין קלוב, אין קינאָ, זעט מען זיך מיט יינגלעך. טאַקע אַ דאַנק פאַניטשקען האָט זיך אויך שפרה פאַרשריבן אין טאַנצקרײַז, אפשר, וועט פון דעם יאָ וואָס אַרויסקומען, הלוואי, גאָטעניו... און דען וויניק עגמת־נפש האָט איר פאַרשאַפט איציק? — אַוועק פון מיטן זעקסטן קלאַס, אָנגעקומען אַלס לערנייִנגל אין אַ פאַבריק־מאַכערסקע. ביז מע וועט אים אָנטרויען די שער־מאַשינקע?... לאָזט ער ניט אַרויס דעם בעזעם פון דער האַנט, וואַשט די פּאָדלאָגעס, שלעפט אויף זיך זעק מיט האַנטעכער און סאַלפעטקעס צו דער וועשערין און פון דער וועשערין, ער איז שוין, גאָט צו דאַנקען, איין וווקס מיטן טאַטן, אַ שטײַפער, פײַנער בחורל, ס'האָבן ניט געהאָלפן לעמלס געשרייען און הויבן די הענט, אַראָפּכאַפּן דעם רימען פון די הויזן... איציק האָט צוריק־געשריען דעם טאַטן: „סטראַשע מיך ניט, אַ גרויסע משפחה! כ'וויל פאַר־דינען! כ'וועל אַלציינס בלײַבן אין זעקסטן קלאַס אויפן צווייטן יאָר... מאַטעמאַטיק קריכט מיר אין קאָפּ ניט, מיט קיין האַמער קאָן איך עס

ניט אַרײַנשלאָגן...״ און אונטער פיר אויגן האָט ער איר אויפגעוואָרפן: „מאַמע, איך וויל מער ניט האָבן וואָס צו טאָן מיטן ,קוויטשער׳, זאָלן זיך ליזע און גאָלדע מיט דעם פאַרנעמען. זיי זײַנען שוין גרויסע מיידלעך. כ׳האָב געהערט ווי ייִדן קריגן זיך — „כ׳האָב מיט דיר קיין חזירים ניט געפיטערט״, וויל איך קיין סווינאָפּאַס ניט זײַן...״ — איז קיין וווּנדער ניט, וואָס לעצטנס האָט זי אינגאַנצן אָרויסגעשלאָגן זיך פון שלאָף — איר טרייסט, די מיזינקע ראָזעלע גייט שוין דאָס לעצטע יאָר אין קינדער־גאָרטן, אם ירצה השם, גאָר אין גיכן ווערט זי אַ שילערין, אַ טײַער קלוג קינד... וויל עס ניט עסן... וואָס טראַכט מען צו, זי זאָל קריגן אַפּעטיט, געוואָרן אַ דאַרינקס, נאָר עס טאַנצט אָרום ווי אַ פלאָטערל... צו אַלע קאַפּ־פּאַרדולעניש, האָט די נײַע גויִישע משפּחה, וואָס וווינט שוין אין ראובֿן׳ס און צביה׳ס שטיבל, געבראַכט מיט זיך אַ כלב — אַ וואָלף. לאָזן אים די שקצימ׳לעך אָפּט אַראָפּ פון דער קייט, איז זי אין אייבע ציטער־נישן, דער הונט זאָל ראָזעלען ניט פאַרטשעפּען, חס ושלום, ניט אַ ביס געבן... אַ הונט בלײַבט אַ הונט.

אַ שטיקל פונעם מאָסקווער „עמעס״*

אין איינעם פון די אָוונטן האָט לעמל געבראַכט מיט זיך אין שטוב צו באַווײַזן אַ שטיקל בלאַט פונעם מאָסקווער „עמעס״* (אמת) מיט מיכאַיִל איוואַנאָוויטש קאַלינינ׳ס דעקרעט — דער ייִדישער ביראָבידזשאַנער ראַיאָן ווערט אַ ייִדישע אויטאָנאָמע געגנט מיטן געגנטלעכן צענטער, דער שטאָט ביראָבידזשאַן.** אין דעם אַפּריס שטייט אויך געשריבן — ייִדישע משפּחות פון קרים, אוקראַיִנע, ביעלאָרוסיע, פאַרן אַהינצו בויען די סאָוועטישע ייִדישע מלוכה׳שקייט. אויך אין אויסלאַנד — אין ליטע, אורוגווײַ, אַר־גענטיניע, געפינען זיך בעלנים, וואָס זײַנען פון דעם באַגײַסטערט, און גרייטן זיך אַריבערצופאָרן קיין ביראָבידזשאַן.

לעמל, — רופט אויס ריווע מיט התפּעלות, און כאַפּט פאַר פרייד ראָזעלען אויף דער האַנט, — איז דאָך אַ ישועה! ס׳גלויבן ניט מײַנע אויערן וואָס איך הער...

— אָבער אָט איז דאָך, ריווע, אָנגעשריבן — אַ מאָסקווער בלאַט,

* „עמעס״ — די צענטראַלע יעווסעקישע צײַטונג אין מאָסקווע, וואָס איז ליקווידירט געוואָרן אין 1938 יאָר.

** דאָ ניט לאַנג האָט די אויטאָנאָמע סאָוועטישע ייִדישע געגנט אָן ייִדן און אָן ייִדישקײַט — דער „מהות״ פון סאָוועטישער פעלקער־פרײַנטשאַפט — אָפּגעמערקט דעם פופציק־יאָריקן־יובֿיליי פון איר חוזק־לעכערלעכער עקזיסטענץ.

שוואַרץ אויף ווײַס — ייִדישע אויטאָנאָמיע... קאַלינינ׳ס חתימה. כמעט אַ מדינה... — שטרעקט לעמל אויס ריווען דאָס שטיקל צײַטונג.

— דאַרף מען דאָך, לעמל, זאָגן „שהחיינו" און טאַנצן מיט אַ ספר־תורה...

— וואַרט צו, ריווע, כאַפּ זיך ניט, ווו האָסטו אַ ספר־תורה?... דער ייִד וואָס האָט מיר געגעבן דאָס שטיקל בלאַט, מאַכט עס אײַנגאַנצן אַוועק מיט דער האַנט... ער זאָגט צו מיר, — „מען ווייסט שוין זייערע דעקרעטן... קלאַטשע... קײַן אויסגעבלאָזענע איי ניט ווערט..." אַ ייִד אַ לץ מיט אַ בייזער צונג.

און איציק זאָגט זיך אָפּ זײַנס זייער ערנסט:

— אויב, טאַטע, אַ זאַקאָנע (געזעצלעכע) ייִדישע געגנט, מיט אַ צענטער, וועט מען אַהינצו פּאָרן כאָטש אויף עק וועלט, אַבי אַ ייִדישע און אַ זאַקאָנע...

און שפרה דערמאָנט זיך דעם געשפּרעך, וואָס זי האָט געהאַט מיט עטלעכע יאָר צוריק אין בערעזאָווקע מיטן דירעקטאָר פון דעם דאָרטיקן קינדערהיים, כאַסיע אַבראַמאָוונע, און פרעגט בײַם טאַטן:

— פאַרוואָס אין אַזאַ אויסרײַסעניש? — קײַן נענטערן אָרט האָט מען פאַר אונדז ניט געקאָנט צוזוכן? — צוועלף מעת־לעת צו פאָרן אַהינצו... און צו יענעם לאַנד, טאַטע, איז דאָך אין פיר, צי פינף מאָל נענטער...

שרײַט אויס לעמל: „צום עלנבויגן, טאַכטער, איז גאָר נאָענט, נאָר פּרוּוו אים אײַנבײַסן... און לעמל הויבט אויף זײַן רעכטן עלנבויגן, באַווײַזט ווי אַזוי ער באַמיט זיך דערגרייכן מיטן מויל... צעלאַכט זיך פּריילעך אויפן קול די קריוואָרוטשקאָ־משפחה און ראָזעלע קאַטשעט זיך פאַר געלעכטער און פּרוּווט אויך אײַנצובײַסן איר עלנבויגן... און ליזע און גאָלדע פּרוּוון... איציק האַלט זיך שוין פאַר אַ גרויסן, פּאַסט אים ניט נאָכצוטאָן די דאָזיקע שפּילערײַ.

— שטילער, קינדער, — שפרה וויל אַרויסזאָגן, וואָס זי האָט אין זינען: — טאַטע, ס׳געפינען זיך אָבער אַזעלכע דרייסטע יאַטן, וועלכע שטעלן דאָס לעבן אין קאָן — טרעף, אָדער פעל — און רײַסן זיך דורך אַהינצו...

קאָן שוין לעמל ניט צוימען זיך, ער מוז זײַן טאָכטער אַרויסזאָגן דאָס אַלץ, וואָס עס קאָכט אין אים: „ס׳געפינען זיך... איך וועל דיר ניט זאָגן, אַז ניט... כאָטש איצט איז דאָס שוין פונקט ווי צו דראַפּען זיך אויף אַ הויכער, גלאַטער, אײַזערנער וואַנט... צו פיל שטעכל־דראָט און צו פיל וועלפישע הינט אַרום און אַרום... הער מיך אויס, טאָכטער, איך

בין שוין געווען אויפן מלחמה־פעלד און טראַכט דיר אויף קיין האַרעלע ניט אויס — אוי, איז שווער צו לויפן אונטער אַ האָגל פון פײַער... אַ פאַרהלושעטער טראָגסט זיך דורך ווי אַן אַרויסגעזעצטע פּראָפּקע פון אַ פלאַש, געציילטע טריט... נאָר די קוילן, וואָס שיטן זיך, פײַפן און דזינקען אַרום דיר, אויב דו ביסט נאָך ניט קיין פאַרטיקער, צווינגען דיך אַ פאַל טאָן צו דער ערד, צופרעסן זיך, און ווען דו קאָנסט, וואָלסטו דײַן קאָפּ אַרײַנקוועטשן אין איר, נאָר לאָמיר וועגן דעם איצט ניט ריידן... איך וויל דיר גאָר עפּעס אַנדערש זאָגן: מיט אַ צוועלף־דרײַצן יאָר צוריק האָבן אונדזערע רײַכערע און קליגערע ייִדן, וואָס האָבן דאָס לעבן געבויט ווי אויף פיר טײַז, זיי האָבן באַלד פאַרשטאַנען — דער רויטער דונער וועט זיי טרעפן, ניט מײַדן, ניט שוינען... און ס'וועט צום טײַוול אַוועק דאָס עשירות, דאָס בשפע אָנגעלעבטע האָב־און־גוטס, און אַז זיי אַליין דערוואַרט הינטער די הרי־חושך צו פאַלן ווי די פליגן אין די אַרץ־און־שטיין־גרובן. די גרענעצן זײַנען דאַן, כמעט, אָפן געווען, אָן שטעכלדראָט, אָן דאַמבעס, אָן די טורעמס מיט די שיס־קוקערס, דער בירגערקריג... פּאָגראָמען... און מען קאָן דורכקריכן דורך די וועלדער... שמוגלערס האָבן ווי אָנצוטאַפּן געוווּסט די סטעזשקעס און בלאָטעס און פאַר געלט געפירט איבערן גרענעץ... האָט מען זיך און די קינדער אַרומגענייט, אַרומגעפלאָכטן מיט די האַרטע ממתקים, מיטן גאָלד און צירונג און געלאָפן, זייער ריכטיק געטאָן — פונעם העליש פּרעסנדיקן פײַער... ווײַטער, אַ סך ווײַטער פון בירָאָבידזשאַן, אַזש קיין כאַרבין, צום כינעזער, קיין יאַפּאַן, אַפריקע, אַמעריטשקע... און מ'איז ניט פאַרפאַלן געגאַנגען. אַ סך זײַנען אויפגעריכט געוואָרן, זאָל זיי, אונדזערע ברידער דאָס וווילע באַקומען, איך ווינטש זיי דאָס פונעם גאַנצן האַרצן... און גראָד פון די אַלע, וואָס האָבן זיך אין יענער רעכטער רגע אַן עצה געגעבן, און ס'איז געווען מיט וואָס, האָבן גאָר ווייניק פון זיי געשטרעבט צו דערגרייכן אַהין, וואָס, ווי דו זאָגסט, שפרה, איז עס פיר־פינף מאָל נענטער ווי צו בירָאָבידזשאַן... איך וויל זיי דאָס, חלילה, ניט אויפוואַרפן, נאָר פשוט, איך זאָג דאָס דיר אַזוי ווי דאָס איז. ווײַל אין יענעם ניט זייער ווײַטן לאַנד האָט מען באַדאַרפט אויף דער מאָדע גוט פאַרשוואַרצט ווערן, אויסקײַקלען זיך אין האָרעוואַניע, אויסגעטריקנט ווערן פון יאָריקער קדחת, און טאָג און נאַכט זײַן וואַך, אָנגעשפּיצט, ניט צו באַקומען אַ מעסער אין רוקן, צי אַ קויל אין קאָפּ... זײַנען די ווייניקע אויך געווען, ווי דו רופסט זיי, שפרה, אָן „דרייסטע יאַטן”, וואָס האָבן געשטעלט דאָס איינציק ליב לעבן אין קאָן. און כאָטש די הייליקע, גלײַכע ערד פון אבות־אבותינו, האָט געשרפ'עט אונטער זייערע באָרוועסע פיס, ווײַל צו יענער צײַט האָבן דאָך גאָר

אַנדערע כלערליי טערקן און פרעמדע משחיתים געבאַלעבאַטעוועט איבער איר. האָט זי דאָך געצויגן צו זיך, געוואָרעמט... פון דער דאַזיקער ערד איז געגאַנגען אַ בשׂמים׳דיקער, לײַבלעך־אייגענער ריח, אַ בלוטיק־נאָנטער דוך... און מיר, די פּראָסטינקע חי־וקיים׳ניקעס, די מענטשעלעך מיט די קליינע השׂגות, וואָס זײַנען געבליבן הי, נעבן דער היימישער כאַלופּע, געליטן פון די פּאָגראָמען, געראַנגלט זיך פאַרן טאָג חיונה, מיר האָבן דאָך ווי אויף משיח׳ן אַרויסגעקוקט אויף דער רויטער האָפענונג, אויף דעם „סערפּ־און־האַמער", געזען אין יענער צײַט אין דעם אונדזער טרייסט און נחמה... האָבן מיר געקאָנט דערטראַכטן זיך, אַז די שוואַרצע כמאַרע פון גזל׳וויע וועט אויך פאַלן אויף אונדזערע קעפּ, אַז מע וועט בײַ אונדז אַרויסרײַסן דעם ערלעך־פאַרהאָרעוועטן ביסן פון מויל, מאַכן פון אונדז שלעפּער, אָן אַ פּריטולעק, אָן אַ זיכערן דלת־אמות? איז אַצינד, אַז מען שיינקט שוין אונדז, ווי איציקל זאָגט מיר אונטער, אַ זאַקאָנע געגנט, מיט אַ צענטער, זאָל זײַן, אַז ס׳איז ווײַט, אָבער דער באַן וועט פירן... איז עס טאַקע פאַר אונדז אַ שטיקל ישועה, ווײַל מיט וואָס קאָן מען שוין אונדז נאָך אָפּנאַרן? וואָס איז שוין אונדז געבליבן אויסער דער נשמה, וואָס צאַפּלט נאָך אין אונדז..."

און שׂפרה שטעלט נאָך אַנדערע שאלות דעם טאַטן:

— וועט מען אין דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט ניט פאַרבאָטן צו מלה־זײַן ייִדישע קינדער? שטיין אונטער די פיר חופּה־שטאַנגען? פּראַווען אונדזערע ייִדישע יום־טובים?

— עי! טאַכטערקע, וואָס טראַכסטו זיך? — ביראָבידזשאַן, מיינסטו, איז ניט סאָוועטסקע וולאַסט? — אָבער, אַז מיר ווען, אפשר, האָבן אַ מעגלעכקײַט, זײַן צוזאַמען, פון איין גוס, מיט אייגענער מלוכה׳שקײַט, ווײַל וואָס הייסט ייִדישע מלוכה׳שקײַט? — ס׳הייסט כולו ייִדן, צונויפשאַרן זיך, ווי די זאַנגען אין איין שטײַפן גאַרב! מיט אחדות! און ס׳וועלן נאָך צוקומען אונדזערע ברידער, די יעניקע פון די אַנדערע ווײַטע מקומות, מיט ליבשאַפט צווישן זיך. וועט מען, במילא, עפּעס מוזן צוטראַכטן, ווי אַזוי אויפצוהיטן אונדזער שיין ייִדיש לעבן... די ייִדישע מוחות זײַנען בײַ אונדז נאָך ניט אויסגעדאַרט, מיר פאַרמאָגן נאָך יונגן כוח און קליי אין די ביינער...

ריווע קוקט אויף איר מאַן מיט באַוווּנדערונג:

— לעמל, פון וואַנען קומט עס צו דיר? — דו ביסט דאָך גאָר, לאָזט זיך אויס, אַ בר־דעת!

— ניט קיין לעמעלע, — שמייכלט צו אין זיך מיט האַרציקײַט שׂפרה...

ניט אַזוי דער חלום, ווי דער נאָכן חלום

קערן מיר זיך אום דעם פיר־און־צוואַנציקסטן סעפּטעמבער אין דער בוכהאַלטעריע... ניקיפאָר טראָפימאָוויטש און שפרה האָבן פאַרענדיקט דאָס צוגרייטן די שכירות־ליסטע. גייט איצט שפרה צו צום פענצטער, קוקט זיך איַין, נאָר זעט גאָרניט — פינצטער. די גאַנצע וואָך האָט אין די אונטן ניט אויפגעהערט צו רעגענען. זאָגט איר ניקיפאָר טראָפימאָוויטש:

— וואָלט געפּלייצט אַ שלאַקס־רעגן, וואָלט ער געפּאַטשט איבער די שויבן און טאָמער זיפּט זיך דער דעזשורנער אָסיען־רעגנדל, קאָן ער אַזוי אָפּנודיען ביז נאָך האַלבער נאַכט און איז פאַר מיר קיין מניעה ניט, איך פאַרלאָז מיך אויף מיַין ברעזענטענעם פּלאַשטש...

— און אויף איַיער לעניגראַדער שירעם, — גיט צו שפרה און דערלאַנגט אים זיַין רעגנמאַנטל און רעגנשירעם.

— אַ דאַנק! אָט דער זאַנטיק מיַינער האָט שוין אַזויפיל געוויטער־שטורעמס אויסגעהאַלטן, ס׳האָט איבער אים ניט איין האָגל זיַינע מאַרשן און אוווערטורעס אויסגעפּויקט... ס׳איז, שפרה, ניט קיין לעניגראַדער, זיַי וויסן, אַן אמת׳ער פּעטראָגראַדער סטאַראָרעזשימנער זאָנטיק, מיט אַ כאַראַקטער..., — צעשמייכלט ער זיך...

ס׳עפנט די טיר פּאַניטשקע:

— אַ גוט אָוונט איַיך, מיַינע ליבע נאַטשאַלניקעס.

שפרה לויפט צו איר צו, טאַפּט אָרום איר זשאַקעטל:

— אוי, דו ביסט דאָך אינגאַנצן טרוקן. ס׳רעגנט ניט!

באַמערקט דער הויפּט־בוכהאַלטער:

— פּאַניטשקע גייט תמיד אַרויס טרוקן פון אַלע פּליוך־וואַסערן...

— יאָ, אָבער אַזעלכע סטראַשנע אויפגעקנוילטע כמאַרעס לויפן נידעריק, ממש, איבער די דעכער...

— לויף איך מיט זיי צוזאַמען, — איַילט צו דער טיר ניקיפאָר טראָפימאָוויטש, — נעם, פּאַניטשקע, מאָרגן אין דער פרי אין באַנק מער מינץ, ס׳זאָל קיין אָפּהאַלט ניט זיַין מיט געבן רעשטע און פאַרגעסט ניט, מיידלעך, אויסצולעשן די עלעקטריע און פאַרשליסן די בוכהאַלטעריע. איך ווינטש איַיך ביידן היַינט דעליקאַטע פּאַרטנערן... דווקא אין אַזאַ וועטער פון אַלע ניט־גוטע, טריַיבט דער אומעט פון שטוב אַרויס די סאַמע ווירטואָזע טענצער... אַ גוטע נאַכט איַיך, מיידלעך!

— אַ גוטע נאַכט, אַ גוטע נאַכט, גריסט לודמילען אַפאַנאַסיעוונען, — באַגלייטן אַרויס זייער הויפּט־בוכהאַלטער שפרה און פּאַניטשקע.

שפרה קוקט אויף די „וואַנט־כאַדיקעס"*:

— אין קלוב איז נאָך געוויס קיין לעבעדיקער נפש ניטאָ. מ'וועט לאַכן פון אונדז, „אַרײַנגעפלויגן די ערשטע"...

— הער שוין אויף, שפרה, מיט דײַן „מ'וועט לאַכן פון אונדז". פאַרוואָס זאָלן מיר פון זיי ניט לאַכן? מיר דאַרפן קיינעם קיין חשבון ניט אָפּגעבן, ווען מיר ווילן, קומען מיר. זייער קלוב איז אויך אונדזער קלוב. נאָר ס'מאַכט ניט אויס, איך האָב פאַרביײַלויפנדיק געזען — אין קלוב איז נאָך פינצטער. לאָמיר מיט דיר זיצן דאָ אַביסל, דאָ איז גוט, מיר זײַנען באַצווייט... כ'האָב אין דער פרי אַרײַנגעקוקט אין פאָליר־צעך, האָט מיר אַ שיקסלקע אָנגעזאָגט — „פאַניטשקע, גרייט זיך, כ'האָב געהערט הײַנט וועלן קומען טאַנצן קאָמאַנדירן פון דער מיליטער־טייל, וואָס האַלט שעפטום איבער אונדזער מעבל־פאַבריק". האָב איך טאַקע דערמאָנט מײַן מאַמען: — וועט גיין אַ גוס־רעגן, וועל איך אים איבערוואַרטן אין קלוב, זאָלסטו, זיך, מאַמע, ניט באַאומרויִקן, טאָמער קום איך שפּעט... וואָזשע ביסטו, שפרה, ווידער אַזוי פאַרזאָרגט? וואָס איז געשען?

— געשען איז גאָרניט, נאָר פאַרזאָרגט בין איך...

— אַ חלום?

— ניט אַזוי דער חלום, ווי דער נאָכן חלום... געדענקסט, פאַניטשקע, איך האָב דיר געהאַט דערציילט וועגן מײַן קיִעווער חבר'טעס ברודער, רחמיאל?

— אַ־אַ־אַ, מיט זײַן צענדליק כלות?

— נעכטן אין אָוונט, דאָס קליינוואַרג שלאָפט שוין, טאַטע־מאַמע זיצן בײַם טיש... און מיר איז אומעטיק, אומעטיק, טראַכט איך, כ'וועל מיך אויף אַ ווײַלינקע צולייגן אויף מײַן בעטל... און בין, ווײַזט אויס, באַלד אַנטדרימלט געוואָרן... חלומ'ט זיך מיר: רחמיאל שפּאַנט איבער קרעשטשאַטיק, וויגט אין זײַן האַנט אַ ליידיקן קוישל, קומט אים אַן אַנטקעגן אַ שײַנענדיקע פאַליע די טריקאָטאַזשניצע. דער בויך איז בײַ איר הויך־הויך, שוין אין דעם לעצטן חודש, מסתמא... הער איך ווי פאַליע רופט זיך אָן צו רחמיאלן: „נו, וואָס האָסטו, מענטשל מיט אָפענע אויגן, שפּיצקעפּעלע איינער, אויסגעפירט?... — און איך, ווי דו זעסט, און

* וואַנט־כאַדיקעס — אין יענע צוואַנציקער און דרײַסיקער סאָוועטישע יאָרן איז דער דאָזיקער פרימיטיווער וואַנט־זייגער מיטן בלעכענעם ציפערבלעטל געווען דער „קאָמפאָרט", הן אין פריוואַטן לעבן, הן אין די אַנשטאַלטן און אונטערנעמונגען אין שטאָט און דאָרף.

מײַן מאַן, מיר וואַרטן שוין אויף אַ זונעלע און אפשר אויף אַ זונעלע מיט אַ טעכטערל צוזאַמען — פאַרוואָס ניט? — די פאַבריק גיט אונדז אַ דירה פון צוויי צימערן... און דו? — שמײַעסט אַלץ אַרום מיט דײַן כלה'ס־טאַרבע... וועל איך דיר צום קײַלעכיקן חשבון אַרײַנוואַרפן אין דײַן קויש נאָך אַ כלה־קאַנדידאַטקע..." בין איך גליקלעך פאַר פאַליען און צי זיך צו איר... וויל אַרויסברענגען פון מײַן מויל: „אַ געזונט אין דײַנע ביינדעלעך, פאַלינקע!"... נאָר כ'קאָן ניט... די ווערטער גליווערן... און כ'האָב מיך אויפגעכאַפּט פון דרימל. הער איך, ווי די מאַמע בײַם טיש זאָגט שטילערהייט צום טאַטן: „אײַנגעלשאָפּן שפרה'לע אין די זאַכן... געפינט זיך קיין אָרט ניט... אוי, לעמל, כאַטש נעם און פאָר צוריק קיין בערעזאָווקע... נאָר ווער דאַרף אונדז שוין דאָרטן, נאָך אַלעמען, אָפּגעברענטע, פאַרפרעמדט געוואָרן... און דאָ, אין טיראַספּאָל — נאָך אַלץ זיך ניט אײַנגעלעבט... כ'האָב, אפשר, באַדאַרפט צופאָרן צו דער שוועסטער, קיין זשידיוווסק, אַרומזען זיך, וואָלט זי מיר געהאָלפן אָנצוטרעפן אויף אַ פאַסיקן שידוך? — בין איך דאָך אַ צוגעשמידטע צו דער שטוב, קאָן מיך פון אָרט ניט רירן"... און מײַן טאַטע, הער איך, זאָגט צו דער מאַמען:

— מע טאָר ניט, ריווע, ווי גאָט איז דיר ליב, וואַרטן... מע מוז טאָן... איך קוק מיר צו אויפן זאַוואָד, באַטראַכט מיט זשעדנע אויגן יעדן יונגן ייִדן, וואָס אַרבעט בײַ אונדז... און יעדן סתם־ייִדן, וואָס קומט אַרײַן, גיי איך אים אַנטקעגן, גרייט צו ריידן, אפשר... ניט נאָר קיין טאָג, קיין איין מינוט פאַרגעס איך וועגן דעם ניט... ס'אַרבעט מיט מיר אין צעך אַ בחור, אַ יאָר זיבן־אַכט־און־צוואַנציק. סיאָמקע הייסט ער. אַ גוטער טוער, אַ מאַשיניסט, דרייט ער זיך אַרום מיט שיקסעס. חבר־לאָפּ מיטן ביטערן טראָפּן. רייד איך מיט אים: „סיאָמע, טראַכסטו ניט וועגן אַ ייִדישער טאָכטער? ווי לאַנג קאָן מען נאָך אַזוי ציִען?" — זאָגט ער מיר: „פּעטער לעמל, איך האָב ניט וואָס צו טראַכטן, כ'וועל נאָך משמעות מוזן אַזוי „ציִען" — פאַר אַ ייִדישער, באַלעבאַטישער טאָכטער דאַרף מען אַ שיינע דירה מיט אַן „אָבסטאַנאָווקע" (אויסגעמעבלירט), און כדי צו זײַן אַ ראַיעלער, געראַטענער איידעם, באַדאַרף מען דער באַלעבאַטישער, ייִדישער טאָכטער, געבן דעם שיינעם, קולטורנעם לעבן... וועל איך אָפּהולטײַעוועו נאָך אַ „פּיאַטילעטקע" און דאַן אַ פּרווו־געבן עפּעס אַ טראַכט צו טאָן..."

...איז, דאַכט זיך, גאָרניט ניט געשען, פאַניטשקע, נאָר אין קאָפּ בײַ מיר אַזוי ווי הונגעריקע הינער וואָלטן דאָרט געפּיקט אָנגעשאָטענע זשמעניעס טרוקענע קערנער. יעדער פּיק מאַכט מיר אַ לאָך אין קאָפּ... ניט איבערצוטראָגן, וואָס מײַנע טאַטע־מאַמע נעמען זיך אַזוי שטאַרק צום

הארצן, לעכצן צו דערלעבן אַ פּיצל נחת פון זייער עלטערער טאָכטער און זייַנען, ממש, פיל איך, פאַרצווייפלט, וואָס מייַן רעכטע צייַט גייט אַוועק... וויזשע העלפט מען זיי? און איך, פאַניטשקע, קאָן שוין ניט גובר זייַן אין זיך די פּלוצעם־אָנגעלאָפענע שרעק... ווען איך וואָלט געווען אַ סך ווייַטער פון דאָנען, וואָלט עס זיי, מיין איך, ניט געמאַטערט אַזוי שטאַרק. און אפשר איז טאַקע אַ פּלאַן אַוועקצופאָרן אין דער ביראָבי־דזשאַנער יידישער געגנט. מע לאָזט דאָך אַהין פאָרן. דער נאָמען אַליין האָט וואָס צו זאָגן... זייַן צווישן יידן. וואָלטן מייַנע עלטערן געווען רויקער — פאַראַן אויף וואָס צו האָפן. און דאָ, אין טיראַספּאָל... זייַנען מיר ווי אין אַ בויד פאַרבייַפאָרנדיקע ציגייַנער... איך האָב ביז גאָר ניט לאַנג ניט צוגעלאָזט קיין שלעכטע מחשבה וועגן מייַן מזל, כ׳בין געווען נאָך האָפערדיק, געטרויט אים... און איצט קריכט צו מיר, ווי צווישן קוסטעס מיט שטעכיקע דערנער־ריטלעך, אַן עקלהאַפטע קאַלעמוטנעקייַט... צי דען איז מיר באַשערט צו בלייַבן...

פאַלט אויף איר אַן מיט כעס פאַניטשקע:

— רייד ניט קיין טפשות. מיט וויפל ביסטו עס עלטער פון מיר? — מיר איז איין־און־צוואַנציק אַ האַלבע. און דו ביסט פונקט מיט דרייַ יאָר עלטער, איז דיר דרייַ־און־צוואַנציק אַ האַלבע. מאַכסטו שוין אַ היסטעריקע...

— פאַניטשקע, ס׳לויפן דורך די עטלעכע חדשים און כ׳בין שוין, מיט מזל, די פולע פיר־און־צוואַנציק און שפּאַן אַרייַן אין פינף־און־צוואַנ־ציקסטן. ווייסטו, וואָס הייסט פינף־און־צוואַנציק יאָרעלעך פאַר אַ מיידל? — אַ פערטל יאָרהונדערט!!!

— דו ציסט אַרויף אויף זיך ,שפרה. ווי אויף דרעטלעך מאַריאָנעטקע־סטראַשידלעס. איך וויל זיי ניט זען... קום אין קלוב טאַנצן! צו פאַרטרייַבן פון מייַנע אויגן דייַנע בייזע טראַכטעניש... קום!

— איך גיי, איך גיי, ליובעניו, פאַניטשקע. זייַ מיר מוחל מייַנע נודנע אָסיענדיקע קלערעכצן. דאָס ערשטע מאָל זייַנען זיי אויפגעשווומען בייַ מיר, ווי בוימל אויפן וואַסער...

— כ׳וויל ניט דייַן בוימל און וויל ניט דייַן וואַסער... קום טאַנצן!

אין קלוב־זאַל...

ס׳האָט בלויז געהייסן, אַז בייַם אַרבעטער־קלוב איז טעטיק אַ טאַנץ־קרייַז, אויף צונ׳אמת׳ן זייַנען דאָס געווען ביליקע, קאָמערציאָנעלע טאַנ־צולקעס. בייַ דער אָפענער טיר — דער קלוב־פאַרוואַלטער, אַ פויער פון

אַן עטלעכע־און־דרײַסיק, אַ גישט־ראַזירטער פּרצוף, אונטערן גלעזל (אויף רוסיש הייסט עס „פאָד מוכוי״ — „אונטערן פליג״), נעמט בײַ יעדן אַרײַנ־געקומענעם אייניקע מטבעות און שטעקט אַרײַן אין האַנט אַ בילעטל... דער קלוב איז שוין אָנגעפּאַקט מיט טאַנצנדיקע. בײַ די ווענט — קוקנדיקע, וואַרטנדיקע, מע זאָל זיי פאַררופן צום טאַנץ. אינעם סופיט פונעם היפשן זאַל — איין שוואַכער עלעקטרישער לעמפּל — אַ „פּערציקער״, צי אַ „זעכ־ציקער״ וואַט. דער שטיקנדער מאַכאָרקע־רויך, וואָס הענגט אין דער לופטן, פאַרנעפּלט, פאַרטונקלט נאָך מער די קנאַפּע שײַן. דאָך וואַרפט זיך אין די אויגן צווישן די אַרומשוועבנדיקע פּאָרלעך און בײַ די ווענט מיליטערלײַט ניט פון הויכן ראַנג, ווזוואָד־ און ראָטע־קאָמאַנדירן, מיט צוויי, צי דרײַ רויט־גלאַנציקע פאָלירטע „קוביקלעך״ אין די אָפּגעלייגטע, שמאָלע גימנאַסטיאָרקע־קרעגלעך.

פּאַניטשקע און שפרה וואַרטן ניט ביז ס׳וועט זיך ענדיקן דער וואַלס. ניט אויסגעטאָן די זשאַקעטלעך טוען זיי זיך תיכף אַרײַן, אַרויפגעלייגט די האַנט אייגע די אַנדערע אויפן אַקסל, אין דעם צונויפגעשטופּטן, זיך אַרומדרייענדיקן געזעמל מיט צעפּאַרעטע, צעשוויצטע פּנים׳ער און לײַבער, גלײַך ווי ס׳וואָלט באַוועגט זיך און געררודערט צום טאַקט פון מוזיק און טופּען פון די פיס אַ לעבעדיק־קלאַפּנדיקע מענטשן־מאַשין און דיביידע חבר׳טעס ווערן שווינדלענדיקע וואַליקלעך, ספּרוזשינקעלעך, פון דער אַרומצאַפּלענדיקער בלוט־ און פלייש־טראַנסמיסיע...

שעפּטשעט פּאַניטשקע: „שפרה, קוק ניט אויף די זײַטן! זאָלן זיי אויף אונדז גלאַנצן די אויגאַנעס״ — און זי פאַרשנעלערט, פאַרהאַסטיקט איר איברים־פּלאַטעריניש, צווינגט שפרה׳ן אַרומצוטראָגן זיך אין איין אָטעם מיט איר, הערט ניט אויף צו הודזיען איר אויפן אויער:

— לאָמיר זיי וויַיזן, ווי כוואַטסקע־יונג מיר זײַנען, וועלן זיי אונדז ווי בינען באַקלעפּן, בעטן זיך צו טאַנצן מיט אונדז. זשוואָווער, שפרה, ספּריטנער, זאָל קיין סימן ניט בלײַבן פון דײַנע קלערעכצן...

צעלאַכט זיך שפרה געשמאַק... זי דערמאָנט זיך די פאַרקאַכטע טעג־צערין, מאַשע פון מאַקאַראָוו... שמואליק׳ס געשיכטע...

— איצט זע איך, אַז דו ביסט, שפרה, ניט קיין אַנדערע... — שמייכלט נאָך אַלץ מיט אַ רוגזה־בליק פּאַניטשקע און טופּעט צו רייצנדיק און טשאַקענדיק מיט אירע טופל־קנאַפּעלעך.

ווי באַלד דער האַרמאָניסט האָט אויפגעהערט צו שפּילן, האָבן צוויי מיליטער־לײַט דורכגעשטופּט זיך, אײַליק געלאָזט זיך אַנטקעגן שפרה׳ן און פּאַניטשקען...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

דער מיליטער־מאַן, וואָס איז צו צו שפרה׳ן, העכער פון מיטעלן וווּקס, נויגט זיך אָן צו איר, ס׳האָבן פאַר איר אַ גלאַנץ געטאָן אַ פּאָר שוואַרץ־פינקלענדיקע אויגן:

— איר זײַט פון באַשקיריע? איך בעט אײַך, טאַנצט מיט מיר!

שפרה האָט נאָך ניט געהאַט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, ס׳שווינדלט איר אַביסל אין קאָפּ פון דעם אימפּעטדיקן געדריי מיט פּאַניטשקען און די טונקלעניש און אָנגערייכערטקייט אין זאַל, דער גערויש, די הילכיקע געשרייען אַרום — דאָס אַלץ שטערט איר מיט איין בליק צו באַגרײַפן אונטערן מיליטערישן היטל דאָס ברייטע פּנים מיט די סקולעס, וואָס נויגט זיך צו איר... נאָר זי חזר׳ט אין זיך איבער מאַשינעל זײַן קאָמיש־אַרויס־געבראַכטע בקשה „איך בעט אײַך, טאַנצט מיט מיר”. און זי רופט זיך אָן צו אים וויל־שמייכלענדיק: כ׳וועל טאַנצן מיט אײַך.

— אַ דאַנק, — פּאַלט צונויף זײַן ענטפער־שמייכל מיט שפרה׳ס ווי שאָטן מיט שײַן. ער זאָגט צו איר:

— כ׳וועל אויסטאָן מײַן רעגן־מאַנטל און מײַן פוראַזשקע. מיר האָבן דאָ אַ מענטשן, וואָס היט אונדזערע זאַכן.

— כ׳וואָלט מיך אויך גערן באַפרײַען פון מײַן זשאַקעטל. ס׳איז מיר דושנע אין אים.

— ביטע, ביטע, דערלאַנגט עס מיר...

און ווען זיי האָבן שוין אַרומגעקרײַזט צווישן די האָפּקענדיקע פּאָרלעך, האָט ער איר זיס געוואָרקעט: — איר זײַט ענלעך אויף אונ־דזעריקע, אַ שוואַרץ־ברעמיקע... איך בין אַ וואָיענפעלדשער (אַ מיליטע־רישער פעלדשער) פון אופאַ * — אַ הויפּטשטאָט, — און ער האָט מיט זײַנע געמאָסטענע, געצוימטע באַוועגונגען, פאַרגעלייגט איר אַ מער־רויִקערע, געלאַסענערע טאַנץ־טעמפּאָ און שפרה האָט צופרידן אײַנגע־פּאַסט זיך אין דעם ריטם. זי וואַרפט אַ בליק אַרום: „ווו איז פּאַניטשקע”? און דערזעט זי ווײַטער אַביסל, הינטער עטלעכע פּאָרלעך מיט איר קאַ־וואַליער — אַ יונגעטשקער הענדל, אַ קאָמאַנדיר מיט אַ העל־דריבנעם פּנים מיט אַ לײַן־ווײַסער טשופּרינע, אַ שייגעץ. זיי האָבן זיך אויך אָן עצה־געגעבן. זי — אָן איר זשאַקעטל, ער — אָן דער פוראַזשקע, אָן דעם ברוינעם גומע־פּלאַשטש. און פּאַניטשקע ווינקט צו שפרה׳ן, אויפ־

---

* אופאַ — די הויפּטשטאָט פון דער סאָוועטישער אויטאָנאָמער באַשקירער רעפּובליק, וואָס גייט אַרײַן אין באַשטאַנד פון דער רוסישער סאָוועטישער פעדעראַציע.

געהויבן איר האַנט פון דעם שייגעצס שמאָלער פלייצקע און שיער ניט בראָוו־שקציש, אַ קנאַל־געטאָן צו איר מיט די פינגער...

האָט שפרה אַ קער־געטאָן זיך צו איר פּאַרטנער און איצט אויפ־מערקזאַם אײַנגעקוקט זיך אין זײַן טונקעלן, ברוין־מאַטעוון געזיכט, באַמערקט שטופּל־גריבעלעך אויף דיביידע ברייטע באַקן — אוודאי, שוין אַריבער די דרײַסיק, אָנגעגאָסן מיט כוחות, און דוכט, ס'שײַנט אָפּ פון זײַן פּנים אַ ייִדישער אָנבליק... רופט זיז זיך אָן צו אים: זאָגט מיר, ווי הייסט איר?

— אַלי — מורמלען אויס זײַנע פולע ליפּן... נאָר דער הייזעריקער האַרמאָשקע־גרילץ פאַרטויבט. אין שפרה'ס אויערן האָט זײַן נאָמען אָפּ־געקלונגען — עלי,* ניט אַלי. פרעגט זי אים איבער: עלי?

— ניין — ענטפערט ער — אַלי, אַלי!

צעלויפט זיך שפרה'ס שמייכל ברייטער, האַרציקער: — וואָלט איר געהייסן עלי, עליע, זײַט איר אָן אונדזעריקער מיט די ביינער. אָבער אַלי...? איך הייס שפרה, אַ ייִדישע טאָכטער.

— און איך בין אַ באַשקיר! נאָר אַלצאיינס זײַט איר מיר, שוואַרצ־ברעמיקע, געפעלן.

— מיר זײַנען פון פאַרשיידענע צוויי פעלקער.

— ניט אינגאַנצן פאַרשיידענע... מיר האָבן בשותפותדיקס. איר ווייסט דען ניט, שפרה?

— ניין, — ענטפערט זי ניט אָנטשיידן.

— מיר האָבן מיט אײַך איין פאָטער־שטאַם. אײַער ערשטער פאָטער און אונדזער ערשטער פאָטער איז אברהם. בײַ אים זײַנען געווען צוויי געזעצלעכע פרויען — אײַער ערשטע מוטער שרה און אונדזער ערשטע מוטער הגר, יצחק אברהמ'ס און שרה'ס זון, און ישמעאל, אברהמ'ס און הגר'ס זון, זײַנען לויטן פאָטער — ברידער.

שווײַגט שפרה.

— וואָס האָט איר שפרה, פאַרענדיקט: אַ טעכניקום? אַ אינסטי־טוט? — פרעגט אַלי.

— אַלץ צוזאַמען אַכט קלאַסן פון אַ מיטלשול און יאָריקע בוך־האַלטער־קורסן.

— און אײַערע הייליקע שריפטן, די ביבל געלערנט?

— קיינמאָל ניט.

— האָב איך צו אײַך קיין שום טענות ניט. בלײַבט אײַך איבער

---

* עלי — לויטן ייִדיש־סאָוועטישן אויסלייג.

צו גלויבן מיר אויפן וואָרט. און נאָך עפּעס: אײַערע ייִנגלעך איז מען מלה אויפן אַכטן טאָג און אונדזערע צו דרײַצן יאָר.

ענטפערט שפרה: אין סאָוועטן־פאַרבאַנד ווערט פאַרבאָטן צו מלה זײַן ייִדישע ייִנגלעך.

בויגט זיך אַלי נענטער אָן צו שפרה׳ן און רוימט איר אויפן אויער:

— מיר וואַרפן קאַטעגאָריש אָפּ דעם דאָזיקן פאַרבאָט — בײַ אונדז זײַנען ניטאָ קיין ניט־געמל׳טע. אַפילו די ראַזיסן — די סעקרעטאַרן פון די רײַקאָמען און די פּאַרזיצער פון די קאָלווירטן און סאָווירטן מלה׳ן געהיים זייערע זין...

— איך האָב וועגן דעם ניט געוווּסט — מורמלט שטיל שפרה.

— —

אַ גאַנצן אָוונט טאַנצט אַלי מיט שפרה׳ן און אין די קורצע הפסקות, בעת דער האַרמאָניסט ווישט דעם זיבעטן שווייס פון שטערן אָדער ווירבלט אום איבער די האַרמאָשקע־קנעפּלעך, אָנצוטרעפן אויף אַן אויסערגעווייג־לעכן מאַזורקע־וואַריאַנט, ווייסן זיי דאָן ניט, שפרה און אַלי, ווו אַהינ־צו־טאָן זיך, קיין בענקלעך, ווו זיך אָוועקזעצן אין זאַל, איז ניטאָ. און גראָד, בעת׳ן וואַלסירן פּילט מען זיך רויִקער, מע קאָן זיך איבערוואַרפן מיט אַ וואָרט. נאָר שפרה שווײַגט... פאַרפירט אַלי פונדאָסנײַ אַ געשפּרעך. איצט שוין אַ פּראָסט־פּראָזאַישן:

— אין גיכן באַקום איך ,שפרה, צוויי חדשים אורלויב, האָב איך באַשלאָסן אויף איין חודש צו פאָרן אָפּרוען קיין פעאָדאָסיע, איר ווייסט ווו דאָס איז?

— געוויס, ניט זייער ווײַט, אין קרים, בײַם סאַמע שוואַרצן ים.

— און איר, שפרה, ווען גייט איר אין אורלויב?

— צוויי יאָר סך־הכל ווי איך אַרבעט אַלס בוכהאַלטער, דאָ, אויף דער מעבל־פאַבריק און וועגן אורלויב ניט געטראַכט.

— פאַרוואָס? — אין בוכהאַלטעריע איז דאָך אײַך גרינגער צו דער־וויסן זיך וויפל אָפּרו־טעג אײַך קומט.

— דער זומער איז שוין אַוועק, וועל איך אָפּלייגן אויפן קינפטיקן זומער, וועל איך שוין דאַן האָבן אָפּגעאַרבעט דרײַ יאָר, וועט מײַן אורלויב זײַן אַ סאָלידער... און ווידער איז שפרה פאַרטאָן אין שווײַגן... זי וואַרט, וואָס נאָך וועט אים אײַנפאַלן צו פרעגן, אָדער ער וועט איר וואָס דער־ציילן. זי כאַפּט פון צײַט צו צײַט אַ קוק „ווי גייט עס פאַניטשקען”? — זעט זי, שוין געביטן דעם דריטן קאַוואַליער און אויך דאָס הענדל, דאָס העל־בלאָנד קאָמאַנדירטשיקל, דרייט זיך איצט אַרום מיט אַ דיקער רויט־

צעפּאַליעטער מויד, אין אַ רויטער ברייטער יופּקע, ווי אַ ברענענדיקע קאַפּנע שטרוי אין פעלד.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

די טענץ האָבן זיך פאַרצויגן. מאָרגן איז אַן אַרבעטס־טאָג. איז שוין דער קלוב־פאַרוואַלטער אויף דער וואַך: ער האָט מורא די ניט־פאַרגינער זײַנע זאָלן אים ניט צושטעלן אַ „בענקעלע" אין דער פאַבריק־אַדמיניסטראַציע — „געוועזן טאַנצולקעס ביז האַלבע נאַכט..." אַליאַרמירט ער — שליסט אויס און שליסט אײַן — שליסט אויס און שליסט אײַן דאָס איינציקע עלעקטרע־לעמפּל אין זאַל... און באַגלייט זײַן אייגנאַרטיקע „סירענע" מיט געשרייען: — פאַרקײַלעכיקט די פאַרנעמונג פון טאַנץ־קרײַז... אַ סוף, אַן עק!... און דעם קלוב־פאַרוואַלטערס עטלעכע שקצים, אונטערלעקער, אונטערשטופּער, וואָס ער האַלט תמיד בײַ דער זייט, העלפן אים אַרויסצומשלח'ן דעם עולם, ווײַל טאָמער הויבט זיך אָן אַ רעגן וועסטו די טענצער מיט קיין שטעקענער ניט אַרויסשטורכען — מע איז דאָן גרייט צו טאַנצן אין דער פינצטער אָן אַ האַרמאָניסט... און ס'דרייען זיך שוין אַרום אין זאַל ווי פלעדערמײַז כוליגאַנטשיקעס — פײַפן, מיאַוקען, סקאַוווטשען...

אויף אַלי'ס הענט...

דער בײַנאַכטיקער אָסיען־דרויסן, אָנגעפּוישט מיט פײַכטקייט, פון אַלע זײַטן בלאָזט דער פּיטש־נאַסער פוילער ווינט. שטאָק־פינצטער... נאָר יעדער ווײַלע גליטשט זיך אַרויס פון אַ כמאַרע די פּלאַטשיקע לבנה, ווי אַ זילבער־דיסק, אַנטרינט מבולבל אין אַן אַנדערע כמאַרע... און אין די צווישן־ריסן באַלויכט זי אייגנבליקלעך די ברייטע קאַליוזשעס אין מיטן גאַס, מע באַמערקט דאָן, ווי דער ווינט קנייטשט די לוזשע־וואַסערן, דרייט און קרײַזט אין דער לופטן די אַראָפּגעפּליקטע בלעטלעך פון די האַלב־נאַקעטעביימער און ביימלעך, טרײַבט זיי צו די וואַסער־ראַנדן...

...אַלי האַלט שפרה'ס אויסגעשטרעקט האַנט אין זײַנער. שפרה ציט זי פּאַמעלעכקע צו זיך: — אַ גוטע נאַכט, אַלי. איך מוז לויפן. צו מיר איז ווײַטלעך...

— איך וועל אײַך ניט לאָזן גיין אַליין אין דער פינצטער. אַזויפיל גרויסע בלאָטעס אויף טריט און שריט און איר זײַט אין די טאַנץ־טופלקעס.

— אַ, ניין, צו מיר איז צוואַנציק מינוט לויפעניש אויב ניט מער. גייט אַהיים, פאָלגט מיך, אַ גוטע נאַכט.

— שפרה, פאַר קיין פאַל ניט. מיר וועלן לויפן צוזאַמען.

— אַ, איר זייַט אַן עקשן, אַלי. לויפן מיר...

— מיט דער לבנה, ניט אַרויסלאָזן זי פון אויג, איך וועל גיין פאָרויס, זאָגט מיר בלויז בייַ יעדן ראָג — רעכטס, צי לינקס...

זיי זייַנען שנעל דורך ביזן סוף געסל...

— אויף רעכטס, — זאָגט אונטער שפרה. זייַנען זיי דורך דאָס אַנדער געסל, אַרייַן אין אַ ברייטער גאַס. פּלוצעם האָבן גענומען פאַלן איינציקווייַז שווערע גרויסע טראָפּנס. האָט זיך אַלי אָפּגעשטעלט, האַסטיק אַראָפּגעצויגן פון זיך זייַן רעגנמאַנטל:

— שפרה, שטערט מיר ניט, די רגע וועט אַ פּליוכע טאָן אַ פּלייץ־רעגן, — און ער האָט בלויז באַוויזן אָנטאָן אויף איר זייַן פּלאַשטש, אַרומקוטען זי, ווי ס'האָט אַ זעץ געטאָן דער רעגן, געקלאַפּט ווי אין טויזנט פייַקלען איבער דער ערד. אַלי האָט אַ נעם געטאָן שפרה'ן אויף די הענט, געלאָזט זיך לויפן מיט איר דורך דער געדיכטער רעגן־נעץ, איבער די לוזשעס און רעדט צו איר מיט אַ פאַרשטיקטן אָטעם: — פאַרגעסט ניט צו זאָגן, וווהין... און שפרה האָט אַרומגעכאַפּט מיט אירע ביידע הענט אין די ברייטע פּלאַשטש־אַרבל אַלי'ס האַלדז, אונטערגעזאָגט די ריכטונג און דאָס האַרץ אירס טיאַקקעט, טיאַקקעט, ווי בייַ אַ פויגל, בעת דו האַלטסט עס פאַרקוועטשט אין דער דלאָניע...

דער כליאַפּ־רעגן האָט זיך געהאַט פּלוצעם אָנגעהויבן און איז פּונקט אַזוי פּלוצעם שטום געוואָרן. אַלי לאָזט אַראָפּ שפרה'ן אויף דער ערד, דער פּלאַטשיקער לבנה־דיסק באַווייַזט זיך ווידער, שניידט זיך צעדולט צווישן די צעפליקטע כמאַרעס.

— ווו זייַנען מיר, שפרה?

— אַ, דאָס אַנדערע געסל איז שוין מייַנס — דניעסטראָווסקע געסל. לויפט צוריק, אַלי. איר זאָלט זיך ניט צוקילן. לויפט!

— ניין, מירן שוין צוזאַמען צוגיין ביז אייַער שטוב.

ווען זיי זייַנען צו צום טויערל, זאָגט אים שפרה שטילערהייט:

— אין טויער גייט ניט אַרייַן. אין אונדזער הויף זייַנען דרייַ שטיבלעך. מיר וווינען אין דעם דריטן פון לינקס. בייַ דעם מיטלסטן שטיבל איז אויף דער קייט אַ בייזער הונט. מייַנע טריט דערקענט ער שוין. באַגעגנט מיך שטיל. און אַז איר וועט אַרייַן אין הויפל, וועט ער אויפהויבן אַ שרעקלעכע בילערייַ... אַ דאַנק, אַלי. מיר פאַרדריסט זייער, וואָס ס'האָט אַזוי פּאַסירט, איר זאָלט זיך ניט צוקילן. לויפט.

— ווען וועלן מיר זיך ווידער זען, שפרה?
— ווי הײַנט, אויף דער פֿאַרנעמונג פֿון טאַנץ־קרײַז — שמייכלט זי צו אים.
— אפשר פריִער?
— ניין, פריִער ניט. אַ דאַנק, אַ דאַנק, אַלי, אַ גוטע נאַכט.

דאָס קנוילכל...

שפרה האָט דער מאַמען דערציילט מיט וועמען זי האָט דעם גאַנצן אָוונט געטאַנצט, וויאַזוי דער וואַיענפֿעלדשער, דער באַשקיר פֿון אופֿאַ, האָט זי בעת׳ן גוס־רעגן באַגלייט, געגעבן איר אָנטאָן זײַן רעגן־מאַנטל, אַריבערגעטראָגן זי איבער די קאַליוזשעס; האָט שוין אויך לעמל געוווסט וועגן אָט די געניוויקײַטן. טאַטע־מאַמע האָבן אין דעם קיין בייז ניט אײַנגעזען, בפֿרט נאָך, אַז שפרה האָט בלויז צוגעזאָגט צו באַגעגענען זיך מיט אים אין פֿאַבריק־קלוב אויף די פֿאַרנעמונגען פֿון טאַנץ־קרײַז, וווּהין ס׳ווערן אויך פֿאַרבעטן די מיליטערלײַט.

אַנדערש האָט וועגן דעם געטראַכט פֿאַניטשקע:
— וואָס האָט ער אין דיר אַזוי אַרײַנגערעדט, דער טאַטער?
— ער איז ניט קיין טאָטער, אַ באַשקיר.
— מילא, קיין נפֿקא־מינא, זאָל זײַן אַ באַשקיר, צי אַ קירגיז, נאָר ער האָט זיך אין דיר גוט פֿאַרליאַפּעט. דעם גאַנצן אָוונט ניט אָפּגעטראָטן פֿון דיר, ווי אַ קלעק...
— ער זאָגט, אַז איך בין ענלעך אויף זייערע, אַ שוואַרצברעמיקע. אויך מיר האָט זיך אין דער ערשטער רגע אויסגעוויזן, אַז ער האָט אַ ייִדישן אָנבליק. איך האָב מיך אין דעם טומל ניט גוט אײַנגעהאָרכט, ווי ער האָט מיר אָנגערופֿן זײַן נאָמען, אַלי, צי עלי...
— אַבי דו האָסט זיך, שפרה, געזאָרגט — עק וועלט... דו בלײַבסט שוין פֿאַרזעסן... זעסטו דאָך, געפֿעלסט... וואָסזשע, פֿון דעסטוועגן, וויל ער פֿון דיר דער אַלי?
— גאָרנישט, איך זאָל טאַנצן מיט אים. ער באַקומט אינגיכן צוויי חדשים אורלויב, וועט ער איין חודש פֿאָרן אָפּרוען קיין פֿעאָדאָסיע.
— און דעם אַנדערן חודש?
— איך האָב אים ניט פֿאַנאַנדערגעפֿרעגט.
— האָט ער דיך גערופֿן מיטצופֿאָרן מיט אים, אָפּצורוען צוזאַמען?

— וואָס עפּעס? וואָס פֿאַלט דיר אײַן, פֿאַניטשקע?... — ער האָט מיר בלויז געפֿרעגט, ווען קלײַב איך מיר צו גיין אין אורלויב און גע׳עצה׳ט צו דערוויסן זיך, וויפֿל אורלויב־טעג מיר קומט.

— וואָס ברעכט אים דער קאָפּ צו געבן דיר עצות? — שוין ניט קיין יונגער... ער איז, שפֿרה, פֿון די „קלעשטשן", אַז זיי שטשעמען זיך אײַן אין אַ מענטשן, איז זיך פֿון זיי ניט אָפּצוטשעפּען.

האָט זי דען שפֿרה אַליין ניט געפֿילט, אַז אַלי האָט עפּעס זײַנע אַ כּוונה מיטן פֿאַנאַנדערפֿרעגן זי... אָבער אַזױפֿיל איידלקײַט און צערטלעכ־קײַט אַרויסגעוויזן צו איר אין דעם מבול־רעגן...

און מיט צוויי־דרײַ טעג שפּעטער — שפֿרה איז געשטאַנען נעבן פֿאַבריק־בופֿעט צו קויפֿן אַ פּאָר בולקעלעך צו טיי פֿאַר זיך און פֿאַר ניקיפֿאָר טראָפֿימאָוויטשן, קומט צו איר צו אַנטאָנינע פֿון קאַדער־אָפּטייל, אַ פֿול־לײַביקע, אויסגעקעכלטע, גע׳גט זיך מיט איר צווייטן מאַן און שוין אַ צײַט, ווי זי פֿירט אַ ליבע מיט איינעם פֿון די מיליטערלײַט.

— קריוואָרוטשקאָ, איך האָב הײַנט געבלעטערט דאָס באַפֿעל־בוך, אַרבעסט שוין צוויי יאָר און ביסט נאָך אין אורלויב ניט געוועזן?

— איבער אַ יאָר זומער, אַנטאָנינאַ פּיאָדאָראָוונאַ.

— ווייסט כאָטש וויפֿל אורלויב־טעג דיר קומט שוין?

— ניין.

— פֿיר־און־צוואַנציק טעג... כּמעט אַ חודש, — האָט זי צו שפֿרה׳ן מיט אַ ווונקעלע אַ זיסן שמייכל געטאָן...

שפֿרה׳ן איז דאָס ווונקעלע און שמייכעלע ניט געפֿעלן... ס׳איז איר דורכגעלאָפֿן אַ מחשבה: „צי איז ניט דער מיליטער־מאַן אַנטאָנינעס ליובאָווניק, דעם וואָיענפֿעלדטשערס אַ פֿרײַנטל?... הוליען צוזאַמען... און אַלי האָט אים, צי טאַקע אַנטאָנינען, געבעטן אַ קוק צו כאַפּן אין די פּאַפּירן, וויפֿל אָפּרו־טעג ס׳קומט מיר... און אפֿשר, דוכט זיך מיר דאָס, ווײַל וואָס אַנדערש האָט אַנטאָנינע צו טאָן, אויסער ווי צו בלעטערן די באַפֿעל־ביכער?"

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

...אין אָוונט, דער טאַטע, שפֿרה, איציק, זײַנען שוין אין דער היים, אָפּגעפּאַרטיקט זיך, ווי דער שטייגער איז, מיטן וואַרעמעס אינאיינעם מיט דער וועטשערע, קומט אויך פֿון דער אַרבעט מאַריע, נאָר אַנשטאָט אַרײַן אין אַלקערל, גייט זי צו נענטער צום טיש, רופֿט זיך אָן צו שפֿרה׳ן:

— בײַם טויערל שטייט אַ וואָיענער, אַ קאָמאַנדיר, מיט דרײַ „קו־ביקלעך", פֿון די נאַצמענען, אַן אוזבעק, צי אַ טורקמען, ער מוז שוין זײַן אַ יאָר דרײַסיק, אויב ניט מער, און געבעטן דיר איבערצוגעבן:

„אלי ווארט, זאל שפרה אַרויסקומען״. און מאַריע איז אַוועק צו זיך אין אַלקערל...

שפרה האָט זיך אַ כאַפּ־געטאָן צעטומלט, רויט געוואָרן:

— ס׳איז יענער, מיט וועלכן כ׳האָב געטאַנצט... כ׳האָב דאָך אים דאָן געזאָגט, טרעפן וועל איך זיך מיט אים נאָר אין קלוב, אויף די פֿאַרנע־מונגען פונעם טאַנצקרייז. און ניט פריִער און ניט אין קיין שום אַנדער אָרט... וואָס פֿאַר אַ רעכט האָט ער געהאַט אומגעבעטן צו קומען אַהער?...

ריווע און לעמל הויבן זיך אויף פון אָרט פאַרלאָרן, צעדרודערט...

זאָגט איציק: — ניט באַדאַרפֿט טאַנצן מיט אים...

און לעמל זאָגט: — טאָכטער, כ׳וועל אַרויס מיט אים ריידן...

— טאַטע, דאָס דאַרף איך אַליין טאָן, כ׳בין ניט קיין עופה׳לה. תיכף, כ׳וועל אָנטאָן די זאָקן...

— שפרה׳לע, וואָס שטילער און רויִקער... — טראָגט צו די מאַמע שפרה׳ן דאָס זשאַקעטל, — ס׳איז קאַלט, וואַרף אַרויף אויף די אַקסלען...

... אין עטלעכע מינוט אַרום איז שפרה אַריין צוריק:

— ערנסטער, ווי איך האָב מיר פאָרגעשטעלט... און גראָד פּאַניטשקע האָט עס יאָ פאַרשטאַנען... ער האָט מיר איצט דערקלערט: „ער איז פֿאַרליבט אין מיר און יעדער איינציקער טאָג, וואָס ער זעט מיך ניט, פֿאַרשאַפט אים פּיין״... ער איז געקומען מיך רופן אין קינאָ, שוין גע־נומען בילעטן... אין קינאָ טאָר איך מיט אים ניט גיין... אָבער שטיין מיט אים נעבן טויערל, אויף דער פוסטער, פינצטערער דניעסטראָווסקע־געסל, וויל איך ניט. איך וועל מיר אָנטאָן ווי געהעריק, און גיין מיט אים צום שטאָט־צענטער, כדי דאָרטן, נעבן טעאַטער, אין דער העל, צו האָבן מיט אים מיין געשפּרעך...

און ווען שפרה איז מיט איר האַנט־בייטעלע געווען שוין גרייט אַרויס־צוגיין, זאָגט צו איר דער טאַטע:

— טאָכטער, דער אַלי איז פון די „פייגלען״, וואָס דינט דאָ און זוכט זיך „פרישע סחורה״ ,און דאָרטן, ערגעץ, הינטער אופאַ, אָדער הינטער קאַזאַן האָט ער, איך ספק מיך ניט אין דעם, אַ גרויסע משפחה — עלטערן און די ווייבער זיינע מיט די קינדער, פֿאַרשקאַלפּטע און דערשלאָגענע...

שפרה איז אַרויס פון טויערל און צעזויפגעטראָפן זיך מיט אַלי׳ס שוואַרצאַפּלדיקן, לויערנדיקן בליק, און אַ מאָדנער, ענגער פחד, ניט אָפּ־צועטעמען זיך, האָט איר פאַרקוועטשט דאָס האַרץ — פון זיין בליק האָט געזעצט מיט שגעון און מיט אָן אין זיך טיף־פאַרטייעטער כיטרעקייט...

— אַלי, — טוט זי אים שאַרף אַ פרעג: — אויף וועלכן קינאָ־סעאַנס האָט איר גענומען בילעטן?

— אויף דעם צען־אַ־זייגער־דיקן.

— דאָס הייסט, אויפן סאַמע לעצטן ?... וואָס פאַרענדיקט זיך צוועלף ?... און וויפל האַלט איצט דער זייגער ?

אַלי האָט אַ קוק געטאָן אויף זײַן האַנט־זייגערל: — אָן פופצן מינוט זיבן.

— איך קאָן, אַלי, ניט אײַנהאַלטן אין זיך מײַן אויפגעבראַכטקײַט. ביזן אָנהויב פון פילם איז נאָך דרײַ שעה מיט אַ פערטל. און בײַ צוויי שעה, אומגעפער, וועט דויערן דער פילם. ווען איך מיר צוריקקערן אַהיים אַרום איינס בײַנאַכט. און איך דאַרף נאָך צומאָרגן אין דער פרי, איך האָב צוגעזאָגט, איבערשרײַבן דעם זיצונגס־פּראָטאָקאָל פון דער פּראָפאַריי־נישער לײַ־ און שפּאַר־קאַסע... איר טראַכט נאָר וועגן זיך, אַלי. קיין טראָפּן ניט וועגן דעם אַנדערן. איר זײַט דאָך אַ געבילדעטער, אַ מעדיקער, מיט אַ רעליגיעזן וויסן...

— שפרה, איך האָב בלויז געטראַכט וועגן מײַן הייסער ליבשאַפט צו אײַך. כ׳האָב אויסגערעכנט, אין די דרײַ שעה, איידער ס׳וועט זיך אָנהויבן דער פילם, וועלן מיר באַוויזן אַרומצוריידן דאָס אַלץ, מיט וואָס ס׳איז איבערגעפולט מײַן נשמה אין די פינף טעג, זינט איך האָב מיך מיט אײַך נאָענט באַקאַנט.

— קומט, אַלי, קומט, דאָרטן בײַם קינאָ־טעאַטער איז ליכטיק, דאָרטן וועלן מיר ריידן...

שפרה איז געגאַנגען מיט האַסטיקע טריט און דער מגושמדיקער, ברייטפּלייציקער באַשקיר, וואָס אַ מענשלעכער, האָט נאָכגעאײַלט בײַ שפרה׳ס זײַט, דאָס מויל האָט זיך אים ניט פאַרמאַכט: — האָט איר זיך שוין, שפרה, דערוווּסט, וויפל אַפּרו־טעג אײַך קומט פאַר די אָפּגעאַרבעטע צוויי יאָר ? — איך זע נאָך אײַך, אַז איר ווייסט שוין...

שפרה איז פּלוצעם שטיין געבליבן, אויסגעשטעלט אויף אים אירע אויגן:

— ווי אַזוי, דערקלערט מיר, זעט איר עס ? — איר זײַט אַ מכשף ?

האָט ער זיך אויפן קול צעלאַכט: — איך ווייס, ווײַל דער זעלבער מענטש, וואָס האָט אײַך וועגן דעם אָנגעזאָגט ,האָט אויך מיר צוּוויסן געגעבן — אײַך קומט פיר־און־צוואַנציק טעג, פּונקט אַזויפיל, וויפל מיר דאַרפן צוזאַמען שפרה, אָפּרוען אין פעאָדאָסיע... דאָרט וועט איר איבער־צײַגן זיך אין מײַן אויסערגעוויינלעכער ליבשאַפט צו אײַך...

ער האָט אויסגעצויגן צו איר זײַן האַנט, נאָר שפרה האָט זיך געלאָזט

גייִן און מיט אַ פֿאַרבאָרגענער בייזקייַט, קוים אַ שמייכל געטאָן צו אים:
— קומט, אלי, מיר קאָנען פֿאַרשפּעטיקן...

— —

קעגן איבער דעם קינאָטעאַטער — אַ באַלויכטענער, ניט קיין גרויסער סעדל, אַרומגעצוימט מיט נידעריקע, גרינע, הילצערנע שטאַכעטן. אין סעדל, בייַ די בוימער בענק צו זיצן.

— לאָמיר אַרייַן, איך זע דאָרט אַ פרייַע באַנק, קיינער וועט אונדז ניט שטערן...

— ניין, ניט אין סעדל, — האָט דערווידערט שפרה. — אַ נישטער געטאָן מיט איר בליק אַ פּאַסיקן אָרט... אָנגענומען אלי'ן בייַ דער האַנט, אים צוגעפֿירט צום שטאַכעטן-ווינקל פון סעדל, וואָס איז פּונקט אַנטקעגן דער טעאַטער-קאַסע... דאָ, הארט נעבן די נידעריקע שטאַכעטן, איז געווען גוט צו זען דעם עולם אַרום טעאַטער ,די זיצנדיקע פּאָרלעך אין סעדל און דאָ האָבן אַלע, ווי אויף דער דלאָניע, געקאָנט זען זי און דעם מילי־טערמאַן דערנעבן...

— מיר וועלן אפשר אַרייַנגייִן, שפרה, בשכנות, אין אַ קאַפעטעריע, עפּעס איבערצובייַסן?

— ניין, אָט דאָ וועלן מיר שטיין מיט אייַך ,דאָ איז זייער באַקוועם. און אויב איר ווילט מיר זאָלן בלייַבן צווישן זיך גוטע באַקאַנטע און ווען ניט איז אין אונדזער פאַבריק-קלוב טאַנצן מיט אייַך, מוזט איר מיר איצט, דאָ שטייענדיק, אויסהערן און ענטפערן אויף דעם, וואָס איך וועל אייַך, אלי, פרעגן. נאָר אויב איך וועל אין אייַערן אַן ענטפער דערפילן כאָטש איין הונדערטסטל חלק פון אַ ליגן, וועל איך מיך לאָזן לויפן פון אייַך מיט אַלע מייַנע כוחות. ווי אַלט זייַט איר, אלי?

— פיר־און־דרייַסיק.

— ווי ווייַט איז פונעם דאָרף, ווו עס לעבט אייַער משפחה, ביז אופאַ, אייַער הויפּטשטאָט?

— עטלעכע און אַכציק קילאָמעטער.

— רעכנט אויס אייַער גאַנצע משפחה, פון גרויס ביז קליין...

— דער פאָטער, די מוטער, דער זיידע, די באָבע, ס'לעבט אונדזער עלטער-באָבע, דרייַ־און־אַכציק יאָר, אַ קאַליקע שוועסטער, דרייַסיק יאָר. דער ייִנגערער ברודער, וואָס גייט אַוועק איבער אַ יאָר דינען, און נאָך אַ שוועסטער, זיבעצן יאָר...

— זעצט פאָר, — האָט, כמעט, ווי אַ געשריי געטאָן שפרה. — איך וואַרט...

— מײַנע צװײ פרויען. אײנע פון מײַן עלטער, און די אַנדערע זעקס־און־צװאַנציק...

— פון גרויס ביז קלײן, — דערמאָנט שפרה...

— דרײַ קינדער פון דער עלטערער פרוי און צװײ פון דער ייִנגערער.

— װי אַלט איז דאָס קלענסטע קינד, אלי?

—אַ מײדעלע, אַ יאָר מיט פיר חדשים.

— איצטער הערט מיך, אלי. — אונדזער משפּחה — מײַן פֿאָטער, מײַן מוטער, דרײַ קלײנע שװעסטערלעך, מײַן ברודער, דאָס זעכצנטע יאָר, אַ פֿאַבריקמאַכער, און איך. — מיר װערט אין גיכן פיר־און־צװאַנציק. איך טרוים צו חתונה־האָבן מיט אַ בחור פון מײַן פֿאָלק. מיר זאָלן זײַן געטרײַ אײנער דעם אַנדערן, האָבן קינדער. װעגן רײַכקײַט טרוים איך ניט. הערט מיך װײַטער, — און איר, מיט װעמען איך האָב מיך צופעליק באַגעגנט אין טאַנצקרײַז, איר זײַט צו מיר צו מיט די װערטער: „איך בעט אײַך, טאַנצט מיט מיר״, האָט איר אין יענער זעלבער רגע פֿאַרטראַכט אַזאַ שגעונ׳דיקן, בײזן חלום — צו פֿאַרטױבן מיך מיט אײַער ליבע און מיט דער הילף פון די קונצן, צוליב אײַער הנאה, אװעקצופירן מיך קײן פּעאָדאָסיע... און װען איך װאָלט פֿאַרשװאַנגערט פון אײַך, זאָגט מיר, װוּהין װאָלט איך דאַן ברענגען דאָס ניטגעזעצלעכע קינד, פון אַ מענטשן ניט פון מײַן פֿאָלק? — צו מײַנע ייִדישע טאַטע־מאַמע, אין חרובן שטיבל, װוּ מיר שטיקן זיך זאָלבע זיבן?

— װען אַזעלכעס זאָל געשען, װאָלט עס געװען מײַן טײַערסטעס באַליבט קינד און איר װאָלט אין מײַן משפּחה זײַן געשעצט און הײס געליבט, װי אַן אײגענע טאָכטער... איך בין באַלעבאָס פון מײַן הויז!

שלאָגט אים שפרה איבער: — און איר װאָלט דאָ, אין טיראַספּאָל, דינען און פון דאַנען אַריבער בערג און טײַכן געזען, װי אַזױ דאָרטן, אַכציק קילאָמעטער פון אופאַ, צערטלט מען, קעכלט מען מיך און מ׳גײט ממש אױס פאַר מיר... און ניט װי אַזױ מע פֿאַרשקלאַפט מיך, פֿאַרפּיקט מיך ביז צום טויט, װי אַ פרעמד הינדל און מע צעפּליקט מיך, אײַנצו־שלינגען מײַנע געדערים... אין יענעם אָװנט, נאָך די טענץ, װען איר זײַט צוגעשטאַנען צו מיר, באַגלײטן מיך, און װען ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דער שלאַקס־רעגן, האָב איך ניט פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס שלעפּט איר מיך אויף זיך ניט פון אײדלקײַט און צערטלעכקײַט־װעגן, נאָר װי אַ װאָלף דעם שעפּס... דער װאָלף לויפט געדולדיק מיט זײַן רױב אויפן רוקן, װײַט, װײַט, אין דער װאַלד־געדיכטעניש, אַראָפּצולאָזן עס אויף דעם זיכערן, װעלפישן אָרט, כדי רויִק, אומגעשטערט, אויפצופרעסן... און אײַער, אלי, „אָרט״ האָט איר שוין דאַן אויפן װעג צו מײַן שטוב פֿאַרטראַכט, װעט

זײַן פּעדאַגאָסיע... וועל איך אײַך איצטער דאָ, בײַ דעם באַלויכטענעם
סעדל מיט מענטשן אַרום, דערקלערן: — איך וועל מיט אײַך אין קינאָ־
טעאַטער ניט אַרײַן... כ'וויל אײַך מער ניט זען! — און שפּרה האָט זיך
אַ קער־געטאָן צו אים מיטן נאַקן און שנעל געלאָזט זיך גיין. אָפּ ניט
מער פון אַ צען טריט, זײַנען פון דער אַנדערער זײַט סעדל געלאָפן צו
איר אַנטקעגן, דער טאַטע מיט איציקן. שפּרה האָט אַרומגעכאַפּט דעם
טאַטן, צוגעדריקט זיך צו זײַן אַקסל...
— טאַכטערקע, שפּרה'לע, לאָמיר גיכער גיין אַהיים, באַרויִקן די
מאַמע...

די פּרעגבויגנס...

זינט שפּרה האָט פאַרטראַכט צו פאָרן קיין ביראָבידזשאַן, און טאַטע־
מאַמע זײַנען מיט דעם מסכּים, הערט ניט אויף לעמל צו ברענגען אין
שטוב שטיקלעך פונעם מאָסקווער „עמעס" און צײַטונגס־נומערן פונעם
קיִעווער „דער שטערן",* ווו מע שרײַבט באַריכות, וואָס עס טוט זיך אין
דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט, וועגן די נײַע איבערוואַנדערער און
וועגן די וואָס קלײַבן זיך אַהינצו קומען. שפּרה לייענט עס מיט אינטערעס.
אין איינעם פון די זונטיק־טעג איז זי אין דער פרי אַוועק אויפן
טיראַספּאָלער וואָקזאַל אָנצופרעגן זיך אין דער „ספּראַוואָטשנע" — אינ־
פאָרמאַציע־ביוראָ, וויפל ס'קאָסט דער באַנבילעט פון טיראַספּאָל ביז ביראָ־
בידזשאַן און ווי אַזוי, מיט אַ וואַסערן מאַרשרוט, איז גוט אַהינצו פאָרן.
גראָד איז אין יענער רגע בײַם פענצטערל קיינער ניט געשטאַנען...
און, מאָדנע, שפּרה, שוין אַ דערוואַקסענער מענטש און ניט איינמאָל איז
איר אויסגעקומען צו ווענדן זיך מיט אָנפרעגעס אין די וואָקזאַל־ביוראָען,
נאָר זי קאָן זיך עפּעס ניט אַנטשיידן, אַרויסברענגען פון מויל — ביראָ־
בידזשאַן... ס'קאָן זײַן, אַז מען ווייס גאָרניט דאָ, אין טיראַספּאָל, פון אַזאַ
שטאָט... אפשר, פרעגן — כאַבאַראָווסק?... זי האָט שוין געהערט — אָט
די רוסישע שטאָט איז בשכנות מיט דער ייִדישער געגנט... זעט זי, צום
פענצטערל איז צו איין מענטש, אַ צווייטער, מע פרעגט, מע דערוויסט
זיך און מען גייט אַוועק... און זי שטייט נאָך אַלץ און ס'איז איר שווער
צוצוגיין... זי האָט באַמערקט — דאָס מיידל וואָס ענטפערט — אַ רוסישע,

* „דער שטערן" — די יעווסעקישע צײַטונג אין אוקראַיִנע — אָרגאַן פון
צענטראַל־קאָמיטעט פון דער אוקראַיִנישער קאָמפּאַרטיי, אויפגעהערט צו דער־
שײַנען, ווען היטלער איז באַפאַלן רוסלאַנד.

מיט אונטערגעשאָרענע, שאָטענע האָר, אַ לאָק פאַלט איר אויפן שטערן, אַ בלייכער, מידער פּנים... מסתם ,קלערט שפרה, דעזשורעט אַ נאַכט... און זי איז פּלוצעם שנעל צו צום פענצטערל:

— טײַערע, זאָגט מיר,כ׳קלײַב זיך צו פאָרן אויפן ווײַטן מזרח, קיין ביראָבידזשאַן. וויפל קאָסט אַ בילעט אַהינצו?

דאָס מיידל האָט אַ קוק געטאָן אויף שפרה׳ן און שטיל אויפן קול איבערגעחזרט, ווי מיט אַ מאָטיוו — „ביראָבידזשאַן, ביראָבידזשאַן"... גלײַך ווי זי וואָלט אַליין בײַ זיך וועלן פרעגן, ווו דאָס איז? — און נעמט בלעטערן איינעם פון אירע דיקע אינפאָרמאַציע־ביכער...

שפרה מורמלט איר שעמעוודיק אונטער: — ניט ווײַט פון כאַבאַ־ראָווסק, ביראָבידזשאַן... דער צענטער פון דער נײַער אויטאָנאָמער יידישער געגנט... געגרינדעט אין...

— וועגן דעם אַלץ ווייס איך ניט..., — שלאָגט זי איבער דאָס מיידל,

— נאָר אָט, געפונען... סטאַנציע טיכאָנקאַיאַ־ביראָבידזשאַן... איר פאָרט אַהינצו צו אייגענע?

— ניין, איך קלײַב מיך אַהין אַריבערצופאָרן, וווינען דאָרט.

— דורך וואָס פאַראַ וועגן? פאַרבײַ וואָס פאַראַ שטעט ווילט איר פאָרן?

— איך ווייס אַליין ניט, זאָגט מיר, זײַט אַזוי גוט, ווי אַזוי בעסער?

— דורך מאָסקווע.

— יאָ, דורך מאָסקווע, זייער גוט.

— וועט אײַך דער באַנבילעט ביז דער סטאַנציע טיכאָנקאַיאַ־ביראָ־בידזשאַן צוזאַמען מיט אַ פּלאַצקאַרטע ביז מאָסקווע באַטרעפן אַזויפיל און אַזויפיל... און פון מאָסקווע גייען אין יענער ריכטונג פיל־פיל אַלערליי באַנען — פּאַסאַזשיר־צוגן, גיכע, קוריערישע, צווישנפעלקערלעכע. ס׳פאָרן איצט אויפן ווײַטן מזרח אַ סך טויזנטער מיידלעך פון אונדזער עלטער, — האָט זי דורכן פענצטערל רמזימדיק אַ שמייכל געטאָן צו שפרה׳ן, — איך ווינטש אײַך אַ גליקלעכן וועג און גוט זיך אײַנאָרדענען...

— —

האָט שוין לעמל און ריווע צוזאַמען מיט שפרה׳ן אין די אָוונטן עפּטער געמאַכט חשבונען, וויפל מע דאַרף, מאַלאָ־מאַלסקע, אויף די הוצאות אויסער דעם באַנבילעט — צוויי וואָכן אין וועג מיט „פּערע־סאַדקעס"... דורכצופאָרן גאַנץ ראַסיי, ניט האָבן קיין אייגענעם מענטשן דערבײַ, אַליין ווי אַ שטיין... און מאַלע וואָס קאָן פּאַסירן, מע פאַרקילט זיך, חס ושלום... און ריווע טענה׳ט: זי קאָן דאָך ניט, לעמל, פאָרן מעשה „באָוואָבראַניעץ", מיט אַ זאַק אויף דער פּלייצע... אויפן בילעט דאַרף מען

נעמען באַגאַזש, וויפל ס'ווערט דערלויבט... אויף זומער, ווינטער... מיר ווייסן דאָך גאָרניט, ווי דאָרטן איז און וואָס דאָרטן איז — אַ פינצטערניש און אַ בלינדער פּאָרן...

לעמל פאַרשטייט עס זייער גוט: — און ביז מע אָרדנט זיך איין... דאַרף מען כאַטיאַבי אויף אַ פּאָר חדשים האָבן אַ גרייטן רובל... אויף אַ הייסער געקעכץ... וואָלט איך אויף אַ רפואה, — זאָגט לעמל, — אָנ־טרעפן ביי אונדז אויפן זאַוואָד אַ ייִדן, וועלכער זאָל האָבן געווען, צי פאַרבייפאָרנדיק געזען די בירעבידזשאַנסקע מקומות... וואָס פּאַראַ פּאַ־גאָדעס דאָרטן זיינען? וואָס ס'וואַקסט דאָרטן? — איז דאָך ווידער אַלץ דער זעלבער ייִד, דער לץ, וואָס גיט מיר די שטיקלעך ייִדישע בלעטער. מאַכט ער דאָך פון דעם „בירעבידזשאַן" אַ שקאַרפעטקע...

קורץ, מ'האָט אין שטוב ניט אויף קאַטאָוועס געגומען פּאַוואָליע־פּאַוואָליע גרייטן שפרה'ן צו דער וויטער נסיעה.

און שפרה האָט געקויפט אַ גרויסע מאַפּע פון סאָוועטן־רוסלאַנד און לאָזט ניט דורך קיין איין אָוונט, זי זאָל די קאַרטע ניט אויסשפּרייטן, ווי אַ טישטעך, איבערן גאַנצן טיש און קוקן, פאָרשן איר וועג פון טיראַספּאָל ביז מאָסקווע און וויטער, איבער דער גאַנצער לענג פון דער טראַנס־סיבירער מאַגיסטראַל...

אַרום טיש שטייען איציק, ליזע, גאָלדע און דאָס קליינע ראָזעלע קוקט אויך, פירט מיט אירע פינגערלעך איבער די גרינע, געלבע, אָראַנזשע מאַפּע־ליניעס. אויך מאַריע שטייט דערביי... שפרה רופט אויס אויפן קול די צענטראַלע און קלענערע באַן־סטאַציעס, וועלכע זי וועט פאַרבייפאָרן:

— קיראָוו, (די אַמאָליקע צאַרישע וויאַטקאַ), סווערדלאָווסק, נאָוואָסי־בירסק, קראַסנאָיאַרסק, אירקוטסק, טשיטאַ...

— אוי, — שרייט אויס מיט התפעלות מאַריע, — דאָרט איז מיין מאַטוויי'ס קאַטאָרגע... ווערסטו, שפרה'נקע אין טשיטאַ אויפן וואָקזאַל אַריינוואַרפן אין פּאָסט־קעסטל אַ בריוועלע צו מיין ליבן אומגליק... אַ לעבעדיקן, צאַפּלדיקן גרוס פון מיר און די טעכטערלעך...

און שפרה זעצט פּאָר פייערלעך אויסצורופן די גרעסערע און קלע־נערע באַן־סטאַציעס ביז דעם סאַמע „טל־מטר'ל" בירעבידזשאַן...

און אַלע זיינען שפרה'ן מקנא, וואָס זי פאָרט אין אַזאַ וויטן וועג און וועט אַזויפיל זען!... די שוועסטערלעך נעמען זי אַרום, טוליען זיך צו איר... בלויז איציק פאַרטייעט עס אין זיך, ער איז שוין אַ היפּשער בחור'עץ, דאָס זיבעצנטע יאָר, און טראָגט שוין אין האַרצן עוולות אויף עוולות... ווער, ווער, נאָר ער איז שטאַרקער פון אַלעמען מקנא שפרה'ן...

און ביי מאַריען גלאַנצן אין די אויגן טרערן...

— איך וואָלט מיט דיר, — דריקט זי שפרה'ן צו זיך — געפאָרן צוזאַמען ביסקל טשיטאַ — דאָס איז דאָך שוין גאָר נאָענט פון דײַן בּיראָבּידזשאַן, אויף אַ „סווידאַנקע" (אַ באַגעגעניש אין לאַגער) מיט מײַן מאַטווייען... נאָך פיר יאָר צו וואַרטן, ביז ער וועט צוריקקערן זיך און מײַנע טעכטערלעך וועלן האָבן זייער אייגענעם טאַטן אין שטוב...

— —

שפרה פאַרשטייט — מיט סתם אַרײַנצוקוקן אין דער רוסלאַנד־קאַרטע און זיך קוויקן מיט די נעמען פון די באַן־סטאַציעס, וואָס זי דאַרף פאַר־בײַפאָרן, וועט זי ניט קומען צו הילף טאַטע־מאַמען — איר פאַרשטייענדיקע בּיראָבּידזשאַנער נסיעה איז אַ צו גרויסע לאַסט פאַר דער משפחה... איר האָט זיך פאַרקריצט דער פרייליכער זאָג פונעם מיידל דורכן וואָקזאַל־פענצטערל — „ס'פאָרן יעצט אַ סך מיידלעך פון אונדזער עלטער אויפן ווײַטן מזרח"... האָט זיך שפרה אין שײַכות מיט דעם דערמאָנט: זײַנען דאָך מיט אַ לענגערער צײַט צוריק מיט אַמאָל אַרײַן אין בּוכהאַלטעריע דרײַ יונגע אַרבעטערינס פון שירפּאַטרעב־צעך,* פאַנאַנדער צורעכענען זיך, זיי פאַרלאָזן די פאַבריק און ניקיפאָר טראַפימאָוויטש האָט טאַקע איר באַאויפטראַגט צוגרייטן פאַר זיי דעם ענטגילטיקן חשבון. און בעת זי האָט עס געטאָן, האָט זיך איינע פון די מיידלעך געטיילט מיט איר:

— דאָס האָבן מיר אין דרײַען באַשטימט צו פאַרווערבירן זיך אויפן ווײַטן מזרח — אויף אַ ניי־בּויונג פון אַלפאַרבאַנדישער באַדײַטונג.

האָט זי דאַן בײַם מיידל אַ פרעג געטאָן: — צי גיט מען אײַך אויף וועג־הוצאות?

— וויזשע? — האָט יענע געענטפערט. — בּילעטן אַהין זײַנען טייערע. די איבערוואַנדערונגס־פאַרוואַלטונג בײַם מיניסטאַרן־ראַט פון רעפּובליק גיט אויף באַנבּילעטן און „סוטאַטשנע"** ביז מירן זיך צושטעלן צו דער אַרבעט.

— שאַ!, — טוט זיך שפרה אַ כאַפּ, — מאַמע, ווּ איז די צײַטונג, וואָס דער טאַטע האָט נעכטן געבראַכט?

* שירפּאַטרעב — אַ פּאָפּולער־געוואָרענע סאָוועטישע ראשי־תיבות פון די פּיאַטילעטקע־יאָרן. אויף מאַמע־לשון באַדײַט עס — פאָרן ברייטן געברויך... אין אַזאַ צעך פּראָדוצירט מען פון מעטאַל־ און געהילץ־אָפּפאַל שטוב־כלים — פאַנען, שיסלען, קווערטלעך, האַק־ברעטלעך, צינענע און הילצערנע לעפל, בלעכענע און הילצערנע עמער, דייזשקעס, מולטערס, טעפּלעך, מײַז־כאַפּערס... און ניט געקוקט אויף דעם, וואָס דאָס אַלץ פלעגט געמאַכט ווערן האַמעטנע, בחפזון'דיק, אַבי־ווי, מיט שפּײַעכץ צונויפגעקלעפּט, אַ קלאַפּ אין הויקער... פלעגט מען נאָך די אַלע זאַכן שטיין, ניט דערשטיין זיך, תּמיד איז נאָך דעם געווען אַן אויסכאַפּעניש...

** סוטאַטשנע — רוסיש: טאָג־חיונה.

— האָסטו דאָך זי, שפרה, געלייענט און אָוועקגעלייגט צו זיך אונ־טערן קישן...

— איך וועל שוין גאָר צעטומלט, מאַמע, — שפרה לויפט צו איר בעטל, נעמט פון אונטערן קישן אַרויס דעם קיִעווער „דער שטערן”, געפינט די רובריק „אין דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט” און אונטער דעם דאָס אונטערקעפּל אויף דער נייַ־בויונג פון אַלפאַרבאַנדישער באַדיי־טונג — כיִנ־גאַנ־בליי”...

זי לייענט אויפמערקזאַם דורך די נאָטיץ און גיט אַ פליעסקע מיט די הענט:

— איצטער איז מיר קלאָר, וואָס איך האָב וואָס צו טאָן!

— וואָס, טאָכטערקע?

— פאַרשטייסט, מאַמע, מייַן פאָרן אַליין פרייַוויליק אין דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט, דאָס איז מייַנס אַ פערזענלעכער ענין, אייַנצוואָרדענען מייַן אייגענעם יידישן לעבן. און אויב ס׳וועט מיר געראָטן, און אויב די געגנט איז טאַקע דאָרטן אַ יידישע, אָדער מיט אַ פּערספּעקטיוו צו ווערן אַ יידישע, איז דאָך דאָס אַ גליק — בייַ דער ערשטער מעגלעכקייַט אַראָפּ־צוברענגען אייַך אַלעמען אַהין, אונדזער גאַנצן הויזגעזינד, מיר זאָלן אַלע זייַן צוזאַמען... און די מאַכט — די פּאַרטיע און די רעגירונג — האָט אירע אייגענע ברייטע, אַלרוסלענדישע אינטערעסן, וואָס מער מענטשן צו ברענגען, ווי מען שרייַבט אין אַלע בלעטער, אויפן רומפּולן ווייַטן מזרח... פאָרן טאַקע אַהין איצטער אַ סך שקצים און שיקסעס אויף די נייַ־בויונגען פון אַלפאַרבאַנדישער באַדייַטונג און די איבערוואַנדערונגס־אָרגאַניזאַציעס באַזאָרגן זיי מיט באַנבילעטן און וועג־הוצאות. און ביראָ־בידזשאַן, וואָס הייסט יידישער, געפינט זיך דאָך אין סאַמע רעכטן מיטן — גאָלדענעם שליטן, פונעם ווייַטן מזרח. און דאָרטן — אָט, שרייַבט דאָך דער קיִעווער „שטערן” — זייַנען אויך דאָ נייַ־בויונגען פון אַלפאַרבאַנ־דישער באַדייַטונג. פאַרוואָסזשע זאָל איך ניט באַקומען די זעלבע הילף, וואָס אַלע? מיט וואָס בין איך ערגער? — האָסטו פאַרשטאַנען, מאַמע?

— ניט זייער, טאָכטערקע. איך בין דאָך אַ ביסל עלטער פון דיר און מייַן קאָפּ איז שוין געגליכן צו אַן אָנגעשפּאָלטענעם ליימענעם טעפּל...

— גאָר פשוט, מאַמע. מאָרגן וועל איך זיך בייַ ניקיפאָר טראָפימיאָ־וויטשן אָפּבעטן אויף אַ פּאָר שעה צוליב מייַנעם אַ פערזענלעכן ענין, ער וועט מיר ניט אָפּזאָגן. איך דאַרף ניט ביז וואָס ווען אויף דער אַרבעט צעפּויקן, וווהין איך האָב פאַרטראַכט צו פאָרן. ניט אַ מוז, אַפילו פּאַניטשקע מעג אויך וועגן דעם דערווייַל ניט וויסן. טאַקע מייַנע אַ גוטע חבר׳טע, נאָר מיט אַ צינגל פון אַ צענדליק קופּערנע גלעקלעך... וועל איך צוגיין

אין מיניסטאָרן־ראַט פון רעפובליק ,דערוויסן זיך אויף וואָס פאַר אַ שטאָק און אין וואָס פאַראַ צימער געפינט זיך די פאַרוואַלטונג פאַר איבער־וואַנדערונגס־ענינים און וועל אָנגעבן מײַן בקשה — האָסטו פאַרשטאַנען, מאַמע ?

— וואָס הייסט ? — אַוודאי. ביסט פאָרט בײַ אונדז, שפרה׳לע, אַ בר־דעת. וועסט אַראָפּ פון אונדז אַזאַ יאָך — דײַנע וועג־הוצאות קיין ביראָבידזשאַן.

— דאָס מײַן איך דאָך, מאַמע...

*

שפרה איז שוין געווען אין דער פאַרוואַלטונג פאַר איבערוואַנדערונג. ס׳האָט מיט איר גערעדט אַן אינסטרוקטאָר, אָדער איינער פון די אָנפירנ־דיקע טוער פון דער פאַרוואַלטונג, אַ מאָלדאַוואַנער צי אַן אוקראַינער, אויפן אויסזען אַ פויער פון אַ עטלעכע און פערציק, מיט אַ קײַלעכדיקן, אָפּ־געגאָלטן קאָפּ. אויסגעהערט און אויסגעפרעגט זי:

— צי האָט איר דאָרטן ניט קיין אייגענע אין ביראָבידזשאַן ?

— ניין, — ענטפערט שפרה.

— אין אויסלאַנד ?

— אויך אין אויסלאַנד, קיינע אייגענע.

— אין דער משפחה זײַנען ניטאָ בײַ אײַך אַזעלכע, וואָס זײַנען רע־פרעסירט, דאָס הייסט פאַרמשפט ?

— ניטאָ אַזעלכע.

האָט איר דאַן דער אינסטרוקטאָר אויסגעשטרעקט גרויסע ווײַסע בויגנס־אַנקעטעס, (פרעגבויגנס) מיט אַ סך, אַ סך פראַגעס און בײַ־פראַגעס, מיט גרעסערע אותיות און מיט גאָר קליינטשיקע, און איר פאַרזאָגט:

— באַזונדערס אויספירלעך ענטפערן אויף די פראַגעס, וועלכע איך האָב דיר ערשט געהאַט דערמאָנט... וועגן אייגענע אין ביראָבידזשאַן, אויב אַזעלכע זײַנען פאַראַן...

— איך האָב דאָך אײַך געזאָגט — מיר האָבן דאָרטן ניט קיין אייגענע...

— שלאָג מיך ניט איבער. דו קאָנסט ניט וויסן. און די עלטערן ווייסן, אפשר, בעסער. איז אויב אַזעלכע זײַנען פאַראַן — אָנווײַזן זייערע אַדרעסן און מיט וואָס זיי פאַרנעמען זיך דאָרטן... דאָס זעלבע וועגן אויסלאַנד — אויב ס׳זײַנען דאָ אייגענע, איז ווען זײַנען זיי אַהין אַוועקגעפאָרן, ווו זיי וווינען, מיט וואָס זיי באַשעפטיקן זיך און צי איר שרײַבט זיך דורך מיט זיי ?... און וועגן רעפרעסירטע — ווען פאַרמשפט ? פאַר וואָס ? אויף

וואָס פאַרא טערמין? און ווו קומען זיי אָפּ די שטראָף? — די נומערן פון זייערע פּאָסט־קעסטלעך... אויסער דעם אַ כאַראַקטעריסטיק פון דײַן אַרבעטס־אָרט, פון דײַן טאַטנס אַרבעטעס־אָרט, אַ ספּראַווקע פון דער הויז־פאַרוואַלטונג, אַ דערלויבעניש פון מיליציע — ביראָבידזשאַן איז אויפן גרענעץ־פּאַס...

זאָגט צו אים שטיל שפרה: — דאָ ווינען מיר דאָך אויך בײַ דער גרענעץ...

— די מיליציע ווייסט פון דעם... און צי לאָזן דיך צו יענער גרענעץ — קאָן זי וועגן דעם האָבן אַן אַנדער מיינונג. דאָס איז אויסשליסלעך אין איר פולער קאָמפּעטענץ... די אַנקעטעס, די ספּראַווקעס און כאַראַקטע־ריסטיקעס ברענג צוזאַמענגענומען, ניט צו פאַרדולן מיר דעם קאָפּ מיט יעדן פּאַפּירל באַזונדער... פאַרשטאַנען?

— יאָ, — ענטפערט שפרה ,— לייגט אַרײַן אין איר האַנטבײַטל די באַקומענע אַנקעטעס, לאָזט זיך גיין צו דער טיר...

פרעגט ער זי פּלוצעם: — ווי אַלט ביסטו?

— אין גיכן ווערט מיר פיר־און־צוואַנציק.

— פאָרסט אַליין?

— יאָ, אַליין.

און נאָך אַ קורצער פּאַוזע רעזומירט ער, עטוואָס צעצויגן: — אַהאַ, כ׳פאַרשטיי... און באַגלייט זײַנע פּאָר ווערטער מיט אַ שמייכל, קוים אים צו באַמערקן...

גייט דאָן שפרה צו נענטער צו זײַן טיש:

— גוט, וואָס איר פאַרשטייט — אויפן ווײַטן מזרח פאָרן איצט טויזנטער יוגנטלעכע אַרבעטן, אײַנצוואָרדענען זייער פּערזענלעכן לעבן, וויל איך אויך זײַן צווישן די. בפרט נאָך, אַז די אויטאָנאָמע יידישע געגנט, וואָס די סאָוועטן־מאַכט האָט געשאַפן, געפינט זיך טאַקע דאָרטן, אויפן סאַמע רעכטן מיטן פונעם ווײַטן מזרח. אונדזער הויז־געזינד איז אַ גרויסע, זיבן מענטשן, און מײַנע עלטערן איז שווער צו געבן מיר אויף אַזעלכע ווײַטע וועג־הוצאות.

— איך צווייפל ניט אין דעם, — האָט זי דער אינסטרוקטאָר באַרויִקט. — דו האָסט די פולע רעכט, ווי אַלע, צו פאַרווירקלעכן דײַן פאַרלאַנג. און אויב ס׳וועלן ניט אַרויסשווימען קיין שום אַנדערע, ניט פאַרויסגע־זעענע דעליקאַטע פּראָבלעמען... מיין איך, אַז די איבערוואַנדערונגס־אינסטאַנצן, וועלן דיר קומען צו הילף. קודם־כל גרייט צו מיט אַ טאָלק

די אַלע בײטיקע פּאַפּירן און דאָקומענטן, װײַל קײנער װעט עס פאַר דיר ניט אָפּטאָן.

*

שפרה איז געקומען פון דער אַרבעט און געטראָפן אין שטוב אַ רעש, אַ גערודער, און געמאַכט האָט אים איציק — אַרױס „פון די ברעגעס״. טאַטע־מאַמע שװײַגן. שפרה פּרוּװט אַ שפּאַס טאָן. — איציק, סוף יאַנואַר... דער דניעסטער איז נאָך פאַרקאָװעט מיט אײַז. פאַרדעקט ביזן שפּיץ נאָז מיט פוכיק־װײסע פערענעס... און בײַ דיר קראַכט שױן אַ קריעה אױף אַ קריעה...

— ניט דײַן עסק, שפרה, פאַרסט דאָך אַװעק... — און איציק נעמט װידער ברוגזן און קאָכן, װי בכיוון, זי זאָל הערן:

— ניט קײן פאַבריקמאַכערס — זשוליקעװאַטע באַלעבעסלעך... מער פון דרײַ יאָר שױן פאַרבײַ אַז איך טראָג נאָך אַלץ די זעלבע צװײ צונעמענישן — „פּאַדמיעטײַלע״ און „פּאַדלאָגע־קראַצער״... דער זאַװיעדװױשטשי, דאָס פּיקסל מיט די האָניק־אײגלעך, קאָרמעט מיך רק מיט זיסע צוזאָגעכצן, נעמט זיך אָן פאַר מײַן קריװדע: „קריװאָרוטשקאָ, איך גיב דיר מײַן װאָרט, און טאַקע, װיפל איז דער שיער — פונעם נײַעם זיבן־און־דרײַסיקסטן יאָר װערסטו אױס לערנײַנגל, באַקומסט אַ מײַסטער־שטול מיט אַלע שטאַטנע באַגלײַך״. ס׳איז שױן דורך יאַנואַר, איך װאַרט און װאַרט... אַ נעכטיקער טאָג... און גראַדע, אַז מע דאַרף עמעצן פאַרבײַטן — מע רופט פאַר אַן עדות אין געריכט, אָדער מע מוז לױפן צום דענטיסט אַרױסצורײַסן אַ באַקצאָן, צי כלאָפּאָטשען װעגן אַ דירה, דאָן קומט ער אָן דער כאַניפּושניק צו מיר, דעם שטאַטנעם פאַרבײַטער. דעם חודש האָב איך געהאַט זעקס פאַלנע אַרבעטס־טעג פון פאַרבײַטן. איבער־מאָרגן איז די פּאַלוטשקע. לױף איך אין דער פרי אױפזוכן דעם חשבון־פירער, אײַן בוכהאַלטער אױף פינף פאַבריקמאַכערסקעס, קוים אים געפּאַקט. איך פרעג אים מיט די אױגן... ענטפערט ער מיר, ער שעמט זיך ניט, ס׳טוט אים װײַזט אױס, הנאה:

— די זעלבע פּרוטות װי אין דעם פאַריקן חודש...

— ס׳טײַטש, — גײ איך אַרױס פון די כלים, — איך האָב דאָך פאַר־ביטן נעכאָמקינען, בראַנדזבורגן, מאַניעװיטשן, גאָלדינען צװײ מאָל, כידעלטשיקן...

צעשרײַט ער זיך: — װאָס האָסטו זיך אָנגעזעצט אױף מיר? — קײנער פון זײ האָט מיר גאָרנישט געזאָגט... גײ צו זײ!... קאָן מען ניט צעפּלאַצט װערן? — דאַרף איך װי אַ הינטל נאָכלױפן יעדן הונט: „פאַר־

געסט ניט דעם טאָג, וואָס כ׳האָב אײַך פאַרביטן...״ און קליאַנטשען און בוקן זיך פאַר מײַן האַרעוואַניע...

רופט זיך אָן לעמל: — ביסט אינגאַנצן גערעכט, מײַן זון. איך האָב עטלעכע מאָל גערעדט מיט דײַן זאַוויעדוויושטשי. ער האָט מיר געהאָט צוגעזאָגט... ס׳איז מיר גאָר אַ חרפה אַרײַן צו זיי...

און איציק שיט מיט פײַער — איך וועל בעסער אָנשאַרפן אונדזער טעמפּע האַק, קויפן אויפן מאַרק אַ נײַע ווײַסע טאָפּאַרישטשע און אַרומגיין איבער די געסלעך — אַ האָלצהעקער, אָדער וואַשן די פּאָדלאָגעס בײַ די באַלעבאָסטעס אויף שבת, וועל איך מער פאַרדינען...

— שאַ, שאַ, איציקל, — הויבט אויף אין דערהויך ביידע אירע הענט שפרה, — איך בין פאַר דעם, דו זאָלסט פאָרן צוזאַמען מיט מיר. און אויב איך וועל באַקומען הילף פון דער איבערוואַנדערונגס־פאַרוואַלטונג, אמת, איך בין נאָך ניט אינגאַנצן זיכער, נאָר איך מיין, כ׳וועל יאָ באַקומען... און ווי עס זאָל ניט זײַן, דאַפסטו פאָרן מיט מיר.

— איציקל, נאָר אַזוי! דער טאַטע, שפרה און איך זײַנען פאַר דעם, זאָלסט, אם ירצה השם, פאָרן קיין ביראָבידזשאַן צוזאַמען מיט שפרה׳ן.

איציק קערט זיך אויס צו דער וואַנט. ער וויל ניט, מע זאָל זען, ווי עס שפּאַרן אים טרערן פון קלעמעניש און פרייד און ער ווייסט גאָרניט, ווי זיי אײַנצושטיקן אין זיך...

אָנהויב מײַ 1937...

ערשט אָנהויב מײַ 1937 זײַנען שפרה מיט איציקן אָנגעקומען קיין ביראָבידזשאַן... אַ דרײַ חדשים האָט געדויערט דאָס צוגרייטן די פּאַפּירן און דערלויבעניש, אַריבערצופאָרן בײַ זיך אין לאַנד פון איין אָרט אויפן אַנדערן... ס׳האָט זיך דאַן איבער דער סאָוועטן־ערד גערוקט אַ גרויזאַמע, דורכויסיקע דיונע — דאָס זיבן־און דרײַסיקסטע יאָר... הן אין די גרויסע, צענטראַלע שטעט, הן אין די קלענערע, אין די שטעטלעך, פאַרוואָרפענע ישובים, ביז אין אַ סאַמע ליאַדע פּיצל דערפעלע איז אינעם רויטן תלין־העמד מיט דער טויט־קאַסע אַרומגעלאָפן דולערהייט סטאַלינס גע־פּע־או... און מענטשלעכע קעפּ זײַנען געפלויגן, ווי עפּל און באַרן פון די פולע וועגענער, וואָס די קאָלכאָזניקעס פירן אָסיען־צײַט אָפּצוגעבן דער מלוכה... די חשדים און מורא־ציטערניש פון איין מענטשן פאַרן צווייטן, אַפילו פאַר די סאַמע נאָענטסטע משפחה־קרובים, איז געוועזן ניט צו באַזיניקן... און ביז מע פלעגט אויף שפרה׳ס יעדן איינציקן פּאַפּירל אָוועקשטעלן אַ

שטעמפּל, איז איר ניט איינמאָל דאָס האַרץ פאַר שרעק שיער ניט אַרויס־געפאַלן... זײַנען שוין געווען רגע'ס, ווען ס'האָט זיך איר אויסגעוויזן — אַלץ גייט לאיבוד — מע וועט זי פון טיראַספּאָל ניט אַרויסלאָזן... און געשען איז עס (זי האָט, כמעט, ביזן אָוועקפאָרן געאַרבעט), ווען זי איז אין דער פרי אַרײַן אין בוכהאַלטעריע און פאַניטשקע איז איר מיט שטום־סימנים געלאָפן אַנטקעגן, אַרויסגעפּירט זי אויף דער גאַס און אַרײַנגע־שושקעט: „אַרעסטירט אונדזער דירעקטאָר־פאַרטרעטער פון פאַבריק, דעם געוועזענעם קאָמאַנדיר פון בירגער־קריג מיטן לענין־אָרדען... דו זעסט ניט, ניקיפאָר טראָפימאָוויטש גייט אַרום ווײַס ווי קרײַד, ס'וואַרפן זיך אים די הענט..."

און לעמל האָט ניט אויפגעהערט צו קומען יעדן אָוונט מיט פינצטערע נײַעס: „בײַ זיי אויפן זאָוואָד שוין ,צוגענומען' פיר מענטשן... דעם הויפּט־אינזשעניער איזראיל דאַווידאָוויטש"...

לעמל זעט שוין ניט דעם ייִדן, וואָס פלעגט אים געבן די שטיקלעך ייִדישע פּרעסע, נעלם געוואָרן ווי אין וואַסער אַרײַן...

נאָך דאָן, ווען צו שפרה'ן איז געקומען דער געדאַנק פאָרן קיין ביראָ־בידזשאַן, האָט זי וועגן דעם אָנגעשריבן מלכה'לען. מלכה האָט איר תיכף געענטפערט: „זי מיט שמואליקן באַגיטיקן איר באַשלוס — באַגריסן זי און ווינטשן איר גליק און פרייד אין דער ייִדישער געגנט". אינעם זעלבן בריוול האָט איר מלכהלע געשריבן — „דער ליבלינג פון דער ייִדישער אינטעליגענץ, יוסף ליבערבערג, פּראָפעסאָר פון דער ייִדישער קאַפעדרע בײַ דער אוקראַיִנישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע, האָט שוין מיט אַ האַלב יאָר צוריק פאַרלאָזן קיִעוו, אַוועקגעפאָרן צו ווערן דער וועדיקער בויער פון דער סאָוועטישער ייִדישער מלוכה'שקייט. ס'אַרבעט שוין לאַנג אין ביראָ־בידזשאַן דער באַוווסטער זשורנאַליסט הענעך קאַזאַקעוויטש... און נאָך אַנדערע קיִעווער ייִדישע שרײַבער און קולטור־טוער גרייטן זיך אַריבער־צופאָרן". שמואליק שרײַבט זי, — האָט איר דערציילט: „אין קיִעוו רעדט מען, אַז אין ביראָבידזשאַן פאַרענדיקט זיך בויען בײַ דער בירע די פּרעכ־טיקע ווילע פאַר דעם באַרימטן ייִדישן שרײַבער דוד בערגעלסאָן..."

שרפה האָט מיט אַ חודש פאַר איר אָפּפאָרן געשיקט מלכה'לען אַ געזעגענונגס־קאַרטל, נאָר קיין ענטפער, מאָדנע ,ניט געקראָגן...

בעת זי איז דאָס לעצטע מאָל געווען אין דער איבערוואַנדערונגס־פאַרוואַלטונג, צו באַקומען די שטיצע, וואָס איז איר אויסגעטיילט, האָט איר דער זעלבער אינסטרוקטאָר געזאָגט: „אין מאָסקווע גיי אַרײַן אין דער צענטראַלער פאַרוואַלטונג (ער האָט איר מיטגעגעבן אַהין אַ פּאַפּיר), אפשר, ווערט דאָרט גראָדע קאָמפּלעקטירט אַ גרופּע איבערוואַנדערער

דירעקט קיין „יע־אַ־אַ", וועט דיר זײַן אַ סך גרינגער און דו וועסט אָפּ־שפּאָרן פון דײַנע מיטלען".

האָט שפרה דערשראָקן געקוקט אויף אים... אין איר דמיון האָט דורכ־געבליצט — „וואָס איז עס פאַר אַ ,יע־אַ־אַ'? צי ניט קיין גזירה, קיין פּאַסטקע פאַר איר?"

— וואָס פאַרשטייסטו ניט? — פרעגט ער זי.

— יע־אַ־אַ, — שטאַמלט אַרויס שפרה, — וואָס איז עס אַזוינס „יע־אַ־אַ"?

צעלאַכט זיך דער אינסטרוקטאָר מיט אַ פריילעכן, ניט בייזן גע־לעכטער: —

— יע־אַ־אַ — דאָס איז, וווהין דו רײַסט זיך מיט אַלע דײַנע כּוחות — „יעווריעיסקאַיאַ אווטאָנאָמנאַיאַ אָבלאַסט" (ייִדישע אויטאָנאָמע געגנט) אין אַ פאַרקירצטן אויסזען... דאָס זעלבע, ווי או.ס.ס.ר., ב.ס.ס.ר., או.ז.ס.ס.ר....

אגב, האָט דער טיראַספּאָלער אינסטרוקטאָר, אַזוי טראַכט שפרה, געהאָלפן איר צו קריגן דאָס וויכטיקסטע פּאַפּירל — די דערלויבעניש אַרויסצופאָרן. ווען זי האָט זיך צום צווייטן מאָל געווענדעט אין מיליציע, האָט דער מיליציאָנער אַ האַרקע (אַ געשריי) געטאָן אויף איר: „איר האָט אונדז ניט וואָס צו דערמאָנען, מיר האָבן אײַער אַדרעס און וועלן אײַך, ווען דאָס וועט נויטיק זײַן, צוּוויסן געבן..."

האָט זי געוואַרט נאָך אַ פּאָר וואָכן... און דאַן — ריזיקירט, מיט אַלע גרייטע פּאַפּירן אַוועק צום אינסטרוקטאָר. ער האָט דורכגעקוקט אַלץ און פרעגט: — ווו איז דער מיליציע־דאָקומענט?

שווײַגט זי.

— מע האָט דיר אָפּגעזאָגט?...

— ניין. געהייסן מער ניט קומען דערמאָנען. זיי האָבן מײַן אַדרעס און וועלן מיר צוּוויסן געבן...

ער האָט בײַ איר צוגענומען איר שטויס פּאַפּירן: — גוט, האָב געדולד.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט זי אויף איר היימישן אַדרעס באַקומען די מיליציע־וויזע קיין ביראָבידזשאַן...

✶

זיי זײַנען אָנגעקומען מיט אַ געוועגלעכן פּאַסאַזשיר־צוג. גאָר ווייניק מענטשן זײַנען אַראָפּ פון דער באַן. אויפן וואָקזאַל — קיין גערויש, קיין אײַלעניש, מע הערט קיין קול ניט, אַ סך פּוסטע בענק, דער וואַרט־זאַל צוגערוימט. ס'האָט זיך באַוויזן אַ „נאַסילשטשיק" מיט אַ גוזמה־גרויסן בלעכל־נומער אויף זײַן פאַרטעך, באַטראַכט שפרה'ן און איציקן מיט די

איבערגעבונדענע, איבערגעקניפּלטע קלומקעס און טשעמאָדאַנלעך און באַלד פאַרשטאַנען — זיי נויטיקן זיך אין אים ניט — און — פאַר־שווונדן... איציק האָט דערזען די וואָקזאַל־פאַריקמאַכערסקע:

— שפרה, כ׳וועל אַרײַן אַ קוק טאָן, ווי אַזוי ס׳זעט אויס אינעווייניק... און, אפשר, דאַרף מען אַ ראַזירער?

— איציק, וואָס איז מיט דיר? — לאָמיר קודם אָפּגעבן די זאַכן אין באַגאַזש־קאַמער, אַרומזען, דערוויסן, וווּהין מיר דאַרפן זיך לאָזן גיין...

דער ייִד אין ווײַסן כאַלאַט, וואָס איז געשטאַנען אין דער אָפענער טיר פון דער שערערײַ, האָט געהערט זייער געשפּרעך, רופט ער זיך אָן:

— קום אַרײַן בחורטשיקל, אדרבא, קום אַרײַן.

איציק איז צו נענטער.

— נײַע איבערוואַנדערער?! — אויף חידושים!... שוין אויסגעבענקט זיך נאָך אַ פרישער נאָז. פון וואַנען?

— פון טיראַספּאָל.

— בײַם דניעסטער? אויף דער סאָוועטישער זײַט?

— ווייזשע אַנדערש?

— וועמען האָט איר דאָ?

— קיינעם ניט.

— קיין פעטער, קיין מומע?

— ניין.

— קיין גלידשוועסטערקינד ניט?

— אָפילו קיין פערדס פוס־פּאָדקאָווע ניט.

— און ווער האָט אײַך אַהער געשיקט?

— מיר האָבן זיך אַליין געשיקט.

— אַ מזל אויף דיר. און ווער איז די פריילין, וואָס רופט דיך.?

— מײַן עלטערע שוועסטער, שפרה. אַ בוכהאַלטערשע.

— ווי אַלט איז זי

— פיר־און־צוואַנציק.

— און דו ביסט איציק?

— יאָ, איציק־שפּיציק, נאָדל־פּרעסער, גיי אין קראָם און גנבֿ׳ע אַ מעסער, שנײַד ברויט פאַר דײַן טויט, שנײַד חלה פאַר דײַן כלה...

— אַ ממזר — אַ יונג!! ביסט מיר געפעלן!

איז שוין שפרה אויך צו נענטער צום ייִדן און פרעגט: — זײַט אַזוי גוט, ווו איז דאָ די „ספּראַוואָטשנע״?

— ביסט איציקס עלטערע שוועסטער?

שאָקלט צו שפרה מיט אַ שמייכל.

— און וואָס באַדאַרפסטו זי, טאַכטער, די ספּראַוואַטשנע ? איך וועל דיר אַלץ זאָגן.

— קודם כל, ווו איז דער באַגאַזש־צימער ? און דערנאָך דאַרפן מיר דעם איבערוואַנדערונגס־אָפּטייל ביים געגנטלעכן אויספּירקאָם.

ענטפערט דער שערער: — באַדאַרפסטו ניט דעם באַגאַזש־צימער. ווייבאַלד דו קומסט אַרויס פון וואָקזאַל, גייסט דורך דעם סקווערין מיט די קלומבעס און גלייך אויף רעכטס איז די לענין־גאַס. ניט מער פון אַ צוויי הונדערט טריט, פאַרביי דעם יידישן מלוכה־טעאַטער, דערנאָך אויפן ווינקל די דרוקעריי מיט די רעדאַקציעס און איבערן פּלאַץ, פּונקט אַנטקעגן דער געגנטלעכער אויספּירקאָם מיט אַלע האַק־און־פּאַק אָרגאַניזאַציעס. און גייט טאַקע אַהין מיט די פּעקלעך. אַז מע דערזעט פּאַר די אויגן אַלץ, ווי אַ פליג אויפן שפּיגל, איז בעסער... איין רגע'לע, איך וועל נאָר וואָס זאָגן דיין ברודער: ביסטו אַ בעל־מלאכה ?

— דאָס פערטע יאָר שוין.

— יאָרן האָבן קיין באַדייטונג ניט — דער יכול'ען.

— דער בעסטער עקזאַמען וועט זיין, ווען איך וועל אייך אָפּראַזירן, קיין אַגיטאַציע העלפט דאָ ניט...

— ווילסטו זיך אויף מיין באָרד לערנען שערן ? ממה־נפשך: בין איך דאָס, איציק, דער זאַוויעדוויושטשי. האָסטו, יאָט, געהרג'עט אַ בער... ביי אונדז זיינען אין איין נאַכט „אויסגערונען" צוויי ראַזירערס — אַן אַרגענטינער און אַ שאַוולער פון ליטע...

— וואָס הייסט „אויסגערונען" ? — וויל פאַרשטיין איציק, — וואָס איז מיט זיי געשען ?

— ס'זאָל אַזוי ניט געשען, ווי ס'געשעט... און אַז איר ביידע וועט שוין האָבן אַלץ אָפּגעטאָן און זיין איינגעאָרדנט מיט אַ דירה און מיט אַלץ מיט אַנאַנדער, אָט, כאַפּ זיך אַריין צו מיר, דעם אַדרעס פאַרשרייבן דאַרפסטו ניט, אַ קענטלעכער אָרט, איך זע, אַז דו וואַקסט אַ יינגל, ניט קיין פּראָמאַך, און אַ פאָלגער דערצו, וועלן מיר דורכקומען.

✶

נאָך איידער שפרה און איציק האָבן זיך דערקליבן אויפן דריטן שטאָק און דורך די ענגע קאָרידאָרטשיקלעך צוגעקומען צום אָפּטייל פאַר איבערוואַנדערונג, זיינען פון די פילצאָליקע, שכנישע חדרים'לעך אַרויסגעלאָפן אינספּעקטאָרס, אינסטרוקטאָרס, סעקרעטאַרשעס, מיט העכסט נייגעריקע בליקן צו באַטראַכטן די פלוצעם־צוויי, ווי פון הימל אַראָפּגעפאַלענע, נייע

איבערוואַנדערער, מיט די קלומקעס אין די הענט. אויף זיי האָט זיך גע־שאָטן אַ האָגל פראַגעס:

— פון וואַנען?

— צו וועמען?

— אויסלענדישע?

— ווער האָט געשיקט?

—פרײַוויליק?

— געווען אין מאָסקווע?

— ווי לאַנג?

און מער פון אַלע האָט געברויזט און געשוימט דער אינסטרוקטאָר פון פראַפּאַגאַנדע און אַגיטאַציע־אָפּטייל פון געגנט־קאָם פון פּאַרטיי, די שטאַרק־קורצזיכטיקע זובילקינאַ, אַ יאָר פינף־און דרײַסיק, נאָר שוין אַ פּעטלעכע, צעגאָסענע יידענע. זי האָט ממש, געצויגן שפרה׳ן בײַם אַרבל: „אויף וואָס פּאַרא סמך? און פאַרוואָס גראָד קיין בירָאָבידזשאַן? — און ניט קיין קאָמסאָמאָלסק אויף אַמור? און ניט קיין בלאַגאָוויעשטשענסק? בײַ וועמען זײַט איר געווען אין מאָסקווע? בײַ וועמען? און ווו נאָך געווען? — מיר דאַרפן וויסן דעם אמת... דאָקומענטן! דאָקומענטן!״

ס׳זײַנען שוין דאָ די צוויי רעפּאָרטיאָרן פון די צײַטונגען, „בירָאָ־בידזשאַנער שטערן״ און „בירָאָבידזשאַנסקאַיאַ זוויעזדאַ״, נאָר אין דעם האַרמידער־געטומל, פּירן זיי זיך אויף לײַטישער און שפּרינגען ניט אַזוי ווי הענער אין די אויגן... און צוויי מיידלעך לויפן אַרום צעחושטע, שרײַען איינע צו דער אַנדערער:

— ווו איז שאַפּיראָ?

— גראָד אין אַזאַ מאָמענט?

— און ניט געזאָגט וווהין ער איז אַוועק.

שוין דאָ, מיט מזל, שאַפּיראָ, דער פאַרוואַלטער פונעם איבערוואַנ־דערונגס־אָפּטייל — אַ ייִד אין די מיטעלע יאָרן, מיט אַ לוסטיק־הימלעכן פּנים:

— שאַ, שאַ, וואָס טוט זיך דאָ? אַ גאַנצע צונויפלויפעניש. איך בעט מיר ניט שטערן אַרבעטען!...

מע האָט זיך שנעל גענומען אַרויסשאַרן... אין צימער זײַנען געבליבן דער פאַרוואַלטער, די צוויי מיידלעך סעקרעטאַרשעס און נאָך איינער — שאַפּיראָ׳ס אַ געהילף און אויך זובילקינאַ פון פּראָפּאַגאַנדע־אָפּטייל.

שפרה און איציק שטייען שוין פאַר שאַפּיראָ׳ס טיש. זי נעמט אַרויס פון איר האַנטבײַטל איר דיפּלאָם, די כאַראַקטעריסטיקעס, אַטעסטאַטן, מעטריקעס און אַנדערע ספּראַווקעס. לייגט עס אַרויף אויפן טיש:

— דאָס זײַנען מײַנע און מײַן ברודערס דאָקומענטן!

און אין דער האַנט אירער האָט זי שטײַף געהאַלטן די וויכטיקסטע פּאַפּירן.

— און וואָס איז בײַ אײַך אין דער האַנט? — האָט זובילקינאַ אַ זאָג געטאָן שפּרה׳ן, — ווײַזט אַ קוק טאָן...

האָט זיך שפּרה שאַרף געווענדעט צו איר: — לאָזט אַ רגע! איך דאַרף צוערשט זאָגן, וואָס איך מוז זאָגן!

קאָן זיך שוין שאַפּיראָ ניט צוימען: — חבר׳טע זובילקינאַ! זײַט אַביסל געדולדיקער, מע קאָן דאָך ניט אַזוי אַרבעטן, ווי אויף שפּילקעס...

און דאַן האָט שפּרה פֿאַרגעזעצט: — אָט דאָס פּאַפּיר איז די דער־לויבעניש, פֿון דער טיראַספּאָלער מיליציע, פֿאַר מיר און פֿאַר מײַן ברודער, צו קומען קיין ביראָבידזשאַן. איך וועל דעם דאָקומענט אָפּגעבן אין דעם ביראָבידזשאַנער מיליציע־אָפּטייל בעת׳ן צושרײַבן זיך. דער אַנדערער דאָקומענט האָט מיט זיך נאָך צוויי בײַגעלייגטע פּאַפּירן: פֿאַרן אַרויס־פֿאָרן פֿון טיראַספּאָל האָט מיר דער אינסטרוקטאָר פֿון אונדזער רעפּובלי־קאַנישער איבערוואַנדערונגס־פֿאַרוואַלטונג געעצה׳ט אין מאָסקווע צו זײַן אין דער צענטראַלער פֿאַרוואַלטונג, — ס׳קאָן טרעפֿן, — האָט ער מיר געזאָגט, — אַז דאָרט קאָמפּלעקטירט זיך גראָד אַ גרופּע איבערוואַנדערער, וואָס פֿאָרט אין דער יע־אַ־אָ, און ער האָט מיר מיטגעגעבן צו דער צענטראַלער פֿאַרוואַלטונג אַ פּאַפּיר. אין מאָסקווע זײַנען מיר אָנגעקומען באַגינען און גיך קאָמפּאָסירט אונדזערע באַנבילעטן, אַרויסצופֿאָרן דעם זעלבן טאָג עלף אין אָוונט. האָבן מיר געהאַט אין אונדזער רשות אַ גאַנצן טאָג. געפֿונען די הויפּטפֿאַרוואַלטונג און אַ פֿרוי, אַ וויכטיקע רוסישע טוערן, האָט אונדז דערקלערט: — קיין ספּעציעלע גרופּעס איבערוואַנ־דערער קיין יע־אַ־אָ ווערן ניט פֿאַראויסגעזען, נאָר זי האָט אונדז געראָטן ווענדן זיך צו איינער אַ מאָסקווער צענטראַלער ייִדישער אָרגאַניזאַציע, וואָס פֿאַרנעמט זיך מיט אײַנאָרדענען ייִדן אויף ערד און אויך מיט פֿראַגן פֿון איבערוואַנדערונג. ס׳קאָן זײַן, — האָט אונדז די פֿרוי געזאָגט, — אַז דאָרט גרייט מען יאָ אַ גרופּע איבערוואַנדערער, און האָט אונדז צו דער אָרגאַניזאַציע אָנגעשריבן אַ בריוול, אָט איז דאָס בריוול... אַזוי ווי צייט האָבן מיר געהאַט אַ סך, דער מײַ־טאָג אַ לאַנגער, אַ גוטער וועטער, זײַנען מיר אַהין געקומען און געגעבן זיי איבערלייענען דאָס בריוול. מע האָט אונדז זייער גוט אויפגענומען און אויפגעקלערט: „לײדער, ווערט דאָס יאָר ניט פֿאַרסירט די איבערוואַנדערונג אין דער ייִדישער אויטאָ־נאָמער געגנט, נאָר אַזוי ווי מיר האָבן זיך צו זיי געווענדעט און מיר פֿאָרן זעלבשטענדיק, פֿרײַוויליק, אין צווייען, כמעט אַ גרופּע, איז זייער

חוב אונדז צו העלפן". און זיי האָבן שפּעציעל אויסגעטיילט אַ מענטשן, וואָס האָט אונדז אין אָוונט אַרײַנגעזעצט אין פּאַסאַזשיר־באַן מאָסקווע—כאַבאַראָווסק. מע האָט אונדז אַרויסגעגעבן הונדערט רובל צוגאָב־הילף, איך האָב מיך געקווענקלט, צי עס פּאַסט אונדז צו נעמען, נאָר מײַן ברודער איז באַשטאַנען: „די מאַמע זאָגט, אַז מע גיט, דאַרף מען נעמען". און דער אָנפירער פון דער מאָסקווער אָרגאַניזאַציע האָט אונדז מיטגעגעבן אַ בריוול צו אײַך, אין דעם איבערוואַנדערונגס־אָפּטייל פונעם געגנטלעכן אויספיר־קאָמיטעט. גיב איך אײַך איבער, חבר שאַפּיראָ, אָט די אַלע בריוו, ווײַל די חבר'טע זובילקינאַ, האָט מיך נאָך אין קאָרידאָר, בעת איך און מײַן ברודער זײַנען געגאַנגען אַהער, געפרעגט: — בײַ וועמען מיר זײַנען געווען אין מאָסקווע? ווו מיר זײַנען נאָך געווען? — איך זאָל זאָגן דעם אמת... און נאָך עפּעס — חבר'טע זובילקינאַ! איר האָט מיר פאַרגעוואָרפן, הלמאַי איך בין געפאָרן אין דער ייִדישער געגנט און ניט קיין קאָמסאָמאָלסק־אויף־אַמור און ניט קיין בלאַגאָוויעשטשענסק? וועל איך אײַך ענטפערן: פון טיראַספּאָל פאָרן יעצט אַ סך יוגנטלעכע מיידלעך פון מײַן עלטער אויפן ווײַטן מזרח אַרבעטן און אײַנאָרדענען זייער פערזענלעכן לעבן. האָב איך אַ טראַכט געטאָן, פאַרוואָס זאָל איך אָפּשטיין פון זיי? — אין דער זעלבער צײַט האָב איך אין דער קיִעווער ייִדישער צײַטונג „דער שטערן" געלייענט וועגן די נײַבויונגען פון אַל־פאַרבאַנדישער באַדײַטונג אין דער ייִדישער געגנט. די פּאַרטיי און רעגי־רונג האָט ניט אַזוי לאַנג צוריק געגרינדעט די יע־אָ־אָ... הײַנט איז דער אַכטער מײַ און נעכטן, דעם זיבעטן, איז געוואָרן פּונקט דרײַ יאָר זינט די געגנט איז געשאַפן געוואָרן. מיין איך, חבר'טע זובילקינאַ, ס'איז ניט קיין עוולה, וואָס איך און מײַן ברודער זײַנען אַהער געקומען. אָט דאָס אַלץ וואָס איך האָב געוואָלט זאָגן.

— נו, און דו, בחור'ל, ווי הייסטו? — פרעגט שאַפּיראָ.

— איציק.

— ווילסטו וואָס צוגעבן, איציק?

— ניין. מײַן עלטערע שוועסטער שפרה ווייסט, וואָס זי רעדט. איך פאַרלאָז זיך אויף איר...

די חבר'טע זובילקינאַ איז אויפגעשפּרונגען פון איר שטול, אַזוי ווי די רוסישע צאַצקע „וואַנקאַ־ווסטאַנקאַ" — „וואַנקע — שטעל זיך" — און הילכט אויס, ווענדנדיק זיך צו איציקן: — דו טאָרסט ניט זיין אַזוי באַגלויבט אין דײַן שוועסטער! זי ווייסט גאָרנישט ניט... און זובילקינאַ טוט זיך אַ קער צו שפרה'ן: — ווי איז דײַן פאַמיליע־נאָמען?

— קריוואָרוטשקאָ.

— זאָג איך דיר, קריוואָרוטשקאָ, ס'וואָלט ניט געווען קיין עוולה פון דײַן זײַט, ווען דו פאַרסט קיין קאָמסאָמאָלסק־אויף־אָמור! דו מאַכסט אונדז ניט גליקלעך דערמיט, וואָס דו ביסט געקומען אין יע־אַ־אַ... דאָס איז ערשטנס. און צווייטנס, קיינער וועט דיר דאָ ניט שטערן צו אַרבעטן און אײַנאָרדענען דײַן פּערזענלעכן סאָוועטישן לעבן. נאָר דו ביסט, קריוואָ־רוטשקאָ, מיט דײַן פּאָליטישער אָנשווינג שטאַרק הינטערשטעליק... ס'זײַנען פאָרגעקומען, זיי וויסן, גראַנדיעזע ענדערונגען. מיט אַ קאָרגע צוויי־דרײַ יאָר צוריק, ווען די יע־אַ־אַ איז געשאַפן געוואָרן, האָבן זיך צווישן אונדז אויך געפונען „פאַרשלאָפענע סאַראַקעס", וואָס האָבן מיט באַגײַסטערונג אויפגענומען די אויסלענדישע פריש־אויסגעבאַקענע איבער־וואַנדערער־פּאַטריאָטן, וואָס זײַנען, ווי רויבפויגל, אַנגעפלויגן אַהער פון אַרגענטינע, אורוגווײַ, בראַזיל, ליטע, לעטלאַנד און פון אַנדערע קאַפּיטאַ־ליסטישע שוואַרציאָרן, אונטערצושטעלן דער ייִדישער געגנט „אַן אינטער־נאַציאָנאַלע פּראָלעטאַרישע פּלייצע". צוזאַמען מיט זיי האָבן זיך צו אונדז דורכגעשמוגלט פאַרטײַעטע בורזשואַזע נאַציאָנאַליסטן פון קיִעוו, מינסק, לענינגראַד, ווי צום בײַשפּיל אַזאַ נאַציאָנאַליסטישער וואָלף, ווי ליבערבערג — און וואָס האָט זיך אין גיכן אַרויסגעוויזן? — אַלע זײַנען זיי געווען טראָצקיסטישע שפּיאָנען, דיווערסאַנטן, אַגענטן פון אימפּעריאַ־ליזם. און נאָר אַ דאַנק אונדזערע, רומפולע, סטאַלינישע אָרגאַנען, האָט זיך אײַנגעגעבן צו דער צײַט זיי צו דעמאַסקירן... הײַנט צו טאָג איז אונדזער געמיינזאַמער ציל און צוועק — באַלשעוויסטישע וואַכזאַמקייט, גרענעצלאָזע טרײַשאַפט און ליבשאַפט צו דער פּאַרטיי און צום פאָטער פון אַלע פעלקער, דעם געניאַלן סטאַלין, באַהעפטן זיך אומאָפּרײַסלעך, מיטן גרויסן רוסישן פאָלק, שטרעבן צו דערגרייכן די ניוואָ פון דער אַלוועלטלעך־רוסישער קולטור — אָט דאָס אַלץ איז צו דיר, קריוואָ־רוטשקאָ, ניט דערגאַנגען...

און שפּרה, וואָס שטייט מיט איציקן פאַר שאַפּיראָס טיש, הערט עס... זי דערפילט אַ פּלוצעמדיקע שלאָבעריקײַט אין די קני... זי וואָלט זיך וועלן צוזעצן, נאָר מע האָט זי דאָך ניט געבעטן... די געדאַנקען טראָגן, שנײַדן זיך פאַרבײַ, ווי די שוואַלבן פאַר אַ רעגן־געוויטער, נידעריק, נידעריק איבער איר קאָפּ... זי האָט אין קאָנווערט מיט מלכהלעס לעצטן בריוון וועגן דעם ליבלינג פון דער ייִדישער אינטעליגענץ יוסף ליבער־בערג אַרײַנגעלייגט ניסימלס פאָטאָ, ווי אַזוי ער שטייט אַ לאַכעדיקער מיטן בער אין דער האַנט... הייסט עס, מלכהלעס בריוו האָט זי מיט זיך אין איר טשעמאָדאַן...

באַמערקט דער פאַרוואַלטער פון דעם איבערוואַנדערונגס־אַפּטייל,

שאַפּיראָ: — נו, איצטער, קריוואָרוטשקאָ, איז דיר דאָס אַרײַן גוט אין נאָז? — וואָס די חבר'טע זובילקינאָ האָט מיט אַזויפיל האַרץ און טיפער קענטעניש פאַר דיר אַרויסגעבראַכט?...

האָט שפרה נאָך אַ רגע'לע שווײַגן זיך אָנגערופן:

— אַ דאַנק חבר'טע זובילקינאָ, געוויס וועל איך עס דאַרפן גוט צעקײַען און פאַרשטיין... חוץ דעם האָב איך דאָך ניט געוווסט פון די אַלע זאַכן. דאָס לעבן באַוועגט זיך אַזוי שנעל, אַז מע טאָר קיין איין ווײַלעטשקע ניט בלײַבן שטיין אויף אַן אָרט...

און דאַן זאָגט שאַפּיראָ צו שפרה'ן און איציקן: — זעצט זיך שוין צו, וואָס שטייט איר די גאַנצע צײַט, ווי מאַנעקענען?... און דערלאַנגט די קאָמאַנדע זײַנע סעקרעטאַרשעס: — איר זעט גאַרניט? זיי זײַנען אונדזערע, צוויי יונגע נײַע איבערוואַנדערער פאַרחלשט געוואָרן שטייענ־דיק. טראָגט אַרײַן גלעזלעך טיי מיט פרישע ביראָבידזשאַנער קאָרזשיק־לעך, אָטחיהן זייערע נשמות נאָך אַזאַ לאַנגן, שווערן וועג...

און זובילקינאָ האַלט — זי האָט שוין דאָ איר אײַנפלוס אַלס פאַר־שטייערין פון דער העכערער פאַרטייִשער אינסטאַנץ אַרויסבאַוויזן און נידעריקער פון איר כבוד צו בלײַבן אפילו נאָך איין האַלבע מינוט מיט די צוויי באַגרענעצטע לעמעשעוואַטע איבערוואַנדערער... דער עיקרשט, איז איר ניט צום האַרצן די שפרה — אַזאַ אַלטער זאַבאַבאָנעווסקער נאָמען — אַ טיפּישע קליינשטעטלדיקע, שמאַלקעפּיקע און מיינט, אַז זי איז עפּעס... און מיט אַ זויערער מינע, אַן אַ „זײַ־געזונט", אײַלט זי אַרויס פון צימער... נאָר ווי אַ געדיכטן, שטיקנדן מאַכאָרקע־רויך, וואָלט זי איבערגעלאָזט נאָך זיך העגגען אין דער לופטן...

שפרה און איציק בריִען זיך מיטן זודיקן טיי... שפרה קוקט זיך אום אויף דער טיר, צי ס'קומט ניט ווער נאָך אַרײַן... איציק דרייט אין דער האַנט דעם ברוינעם כרופקן קאָרזשיק און ווייסט ניט וואָס צו טאָן מיט אים... שאַפּיראָ באַמערקט די פאַרלוירנקײַט און צעטראָגנקײַט פון ברודער און שוועסטער, וויל זיי אויפמונטערן:

— וואָס פאַרבײַסטו ניט, איציק? — ביסט שוין אַ ביראָבידזשאַניעץ, שעם דיך ניט, זײַ ווי בײַ זיך אין דער היים... און רופט זיך אָן צו שרפה'ן — ער זעט גוט אין אירע בליקן — אַרומבלאָנדזשענדיקן אומרו, דערפילט איר פאַרקלעמטקײַט, פּרווט זי אָפּווענדן פון אירע רעיונות:

— אויף וואָס פאַר אַן אַרבעט וואָלסטו וועלן זיך אײַנאָרדענען?...

טוט זיך שפרה אַ כאַפּ: — אַ חשבון־פירער. איך האָב ליב מײַן אַרבעט!

— איך מיין, ס'וועלן ניט זײַן קיין שוועריקײַטן. ביסט געקומען

אין אַ פּאַסיקער צײַט — אין די אַנשטאַלטן זײַנען דאָ גענוג אַרבעטס־פּלעצער, — באַרויִקט זי שאַפּיראָ.

— און איך, — רופט זיך אָן איציק — האָב מיך שוין, כמעט, אויפ־געדרעט, ס'קאָן זײַן, אַז מע וועט מיך נעמען פאַר אַ ראַזירער אין וואָקזאַל־פּאַריקמאַכערסקע.

— ווי געפעלט דיר, גורעוויטש? — זאָגט שאַפּיראָ צום געהילף, — אַראָפּ פון די וואַגאָן־טרעפּלעך און זיך שוין אָן עצה געגעבן. ביסט אַ כוואַט, איציק.

און דער הויכער גורעוויטש נעמט אַרויס פון קאַנצעלאַריע־אַלמער אַ שמאָל, לאַנג ברעטל, ס'זײַנען אויף אים אָנגעהאָנגען אויף טשוועקלעך אַ צוואַנציק, אויב ניט מער, שליסלען. צו יעטווערן צוגעבונדן אַ קאַר־טאָנקע מיט אָן אויפשריפט... אויף אַ טייל טשוועקלעך הענגען געפּאָרט אַ שליסל מיט אַ קלענערן שליסעלע, אָדער כמעט, צוויי גלײַכע שליסלען. פון ווײַטן דערמאָנט עס אָן ענלעכן בילד פון אַ פישער בײַם ברעג טײַך, וואָס אָט, רײַסט ער אָפּ פון האָטשיק דאָס צאַפּלדיקע פישל, שטעכט עס אָן אויפן דיקן שנור, אויף וועלכן ס'זײַנען שוין געדיכט אָנגעטשעפּעט פישלעך פון פאַרשידענער גרייס...

גורעוויטש גייט צו צו שאַפּיראָ'ן.

— פון דעם ברעטל?...

— זאָל זײַן פון דעם...

און גורעוויטש נעמט אַראָפּ פון אַ טשוועקל געפּאָרט אַ שליסל מיט אַ קליין שליסעלע. שאַפּיראָ לייענט איבער דעם אויפשריפט אויף דער קאַרטאָנקע:

— גוט, צוגעטראָפן. צוויי צימערלעך אויף דער שלום־עליכם־גאָס. שוין לחלוטין פרײַע? שלעפן זיך ניט נאָך קיין „עקן" ?...

— ווען ניט, וואָלט איך דאָ די שליסלען ניט געהאַט...

—נו, קינדערלעך, — שטעלט זיך אויף שאַפּיראָ, אָנרופנדיק זיך צו שפרה'ן און איציקן, — מײַן פאַרטרעטער וועט אײַך אָן ביוראָקראַטיע באַגלייטן צו אײַער נײַעם וווינאָרט, אין אַ מזלדיקער שעה...

בשעת מעשה גיט איינע פון די סעקרעטאַרשעס אונטערצושרײַבן שאַפּיראָ'ן אַ קליינע „ווייעדאָמאָסט" — אַ חשבון־ליסטע, וואָס באַלאַנגט די צוויי נײַע איבערוואַנדערער, ביז זיי וועלן זיך אײַנאָרדענען אויף אַרבעט. שאַפּיראָ שטעלט זײַן חתימה, דערנאָך שרײַבט זיך אויף דער ליסטע אונטער שפרה און באַקומט דאָס געלט.

— לאָמיר, — זאָגט שאַפּיראָ, — אונטערצײַען אַ שורה'לע..., ווי אונדזער קלאַסיקער מענדעלע פלעגט ברײַען: — מיטן רעכטן פוס...

שטעלט זיך אויף פריילעכער איציק, ערשט איצט איז ער זיך מיישב און לייגט אין מויל אַרײַן דעם קאַרזשיק, וואָס ער האָט די גאַנצע צײַט געדרייט אין דער האַנט און נעמט פון טעלערל אַראָפּ נאָך אַ פּאָר און שפרה גייט צו צו דעם פּאַרוואַלטער, חבר שאַפּיראָ, באַדאַנקט אים.

✶

דער גאָר הויכער, דאַרער, גורעוויטש האָט מיט אַזאַ רעש, אײַליק געשפּאַנט איבער די שמאָלינקע קלאַדקע־טראָטואַרטשיקלעך פון דער שלום־עליכם־גאַס, פאַרבײַ די צווייִשטאָקיקע, הילצערנע שטיבער־באַראַקן. די קלאַדקעס האָבן זיך אַזש געוואָרפן, אָפּגעשפּרונגען, ווי טראַמפּלינען, אונטער זײַנע לאַנגע פיס... איציק, אָנגעפּרינדזעט מיט די פּעקלעך האָט אים קוים פּאַספּעיעט נאָכצולויפן... און הינטער איציקן, אויף אַ מהלך אָפּגעשטאַנען, שלעפּט זיך שפרה מיט די קלומקעס און טשעמאָדאַן. זי האָט זיך אָפּגעשטעלט ,שרײַט אויס: — חבר גורעוויטש! כ׳קאָן אײַך ניט נאָכיאָגן!

קוקט ער זיך אום: — אוי, ווי, מײַנע יאָרן, קיין אַכט ניט געלייגט, איר טראָגט דאָך די זאַכן. נאָך דורכצוגיין פאַרבײַ דרײַ באַראַקעס, — און ער לאָזט זיך צוריק, נעמט בײַ שפרה׳ן די קלומקעס, — אײַער באַראַק איז, אָן, אַנטקעגן דער ביראָבידזשאַנער סאָפּקע... געקומען שוין...

און פּונקט אַזוי אײַליק האָט גורעוויטש אויפגעשלאָסן די טיר: — דאָס קליינע שליסעלע איז פון שטאָל, די שכנים וועלן שוין אײַך זאָגן, אַ וועלכער... איצטער קוקט, אַ לאַנגער קאָרידאָר, גלײַך אַנטקעגן די קיך... ער עפנט די קיך־טיר... איצטער די אַנדערע טיר, — ער עפנט זי, — איר זעט, אַ שמאָל, קליין צימער, די דריטע טיר, דאָס גרעסערע צימער... זיי קומען אַרײַן אין אים. גורעוויטש זעצט פאָר: — אָט דאָס וואָס איר זעט — די צוויי אײַזערנע בעטן, די מאַטראַצן, די קאָלדרעס, צוויי טיש־לעך, דער אַלמער, די שאַפּקעלעך, שטולן, טאַבורעטקעס — דאָס אַלץ, — און ער נעמט אַרויס פון זײַן קורצן פּידזשעקל אַן אינווענטאַר־בויגן, — איז דאָ פאַרשריבן און געהערט צום אינווענטאַר־פאָנד פון דער איבער־וואַנדערונגס־פאַרוואַלטונג, שרײַבט זיך אונטער... שפרה האָט צוגעטראָגן דעם בויגן צום טישל, געשטעלט איר נאָמען.

— זײַנען מיר מיט אײַך פאַרטיק, האָט איר אַ דירה מיט אַלע זיבן גליקן. און — לאָמיר זיך זען אויף שמחות, פאַרגעסט אונדז ניט...

... שפרה מיט איציקן בלײַבן אין די פאַרשטויבטע, פאַררויכערטע ווענט, מיט די פענצטער צום הויף. זי זעצט זיך בײַם טישל, שפּאַרט אָן דעם קאָפּ אויפן עלנבויגן. איציק האַלט אין האַנט דאָס קליינע שליסעלע,

דערזעט דורכן פענצטער, אין הויף דרייט זיך ווער אַרום: — כ׳וועל זיך דערוויסן, וועלכער פון די שטאַלן איז אונדזערער.

— איציק, דו ביסט שוין אַזוי ווי דער דראַנג גורעוויטש... לאָז מיר קומען צו זיך... אַ טראַכט טאָן... טו אַ קוק אין קיך, צי ס׳איז ניט געבליבן אַ שטיקל בעזעם, אַן עמער, אַ שמאַטע...

איציק טראָגט פון קיך:

— אין עמער אָנגעוואָרפן פּאַפּירלעך. אָט איז אַ לופּעטע און אַ בעזעמל. אַרויסטראָגן דאָס ביסל מיסט?

— וואַרט צו, דאָ, זע איך, וואַלגערן זיך אויך פּאַפּירלעך. גיי, טו אַ קוק אין שטאַל, אפשר, וועסטו דאָרטן געפינען גרעסערע טראַנטעס, מיר וועלן אויסוואַשן די פּאָדלאָגעס...

און ווי נאָר איציק איז אַרויס פון שטוב, איז שפרה צוגעלאָפן צו איר טשעמאָדאַן, געעפנט אים, אַ נישטער געטאָן, אָנגעטאַפּט דאָס הײַפל היימישע פאָטאָ־בילדער. צווישן דעם איז געלעגן מלכה׳לעס לעצטער בריוו מיט ניסימלס פאָטאָ. זי האָט אַרויסגענומען דאָס בילד... דורכגעלאָפן מיט די אויגן די בויגנדלעך פון בריוו... דער ליבלינג ליבערבערג... ייִדישע מלוכה׳שקייַט... זי האָט אַ קוש געטאָן די בויגנדלעך... אין אירע אויערן האָט אָפּגעקלונגען דעם טאַטנס קול, אַזוי ווי ער וואָלט געשטאַנען דערבײַ: „אײַ, טאָכטערקע, וואָס טראַכסטו זיך? — ביראָבידזשאַן, מיינסטו, איז ניט סאָוועטסקע וולאַסט?״ — און איבערן עמער אויף פּיץ־פּיצלעך צעריסן דעם בריוו... זי קוקט, צי ס׳איז גאָרנישט ניט געבליבן אויפן דיל... „וואָס טוט עס איציק אַזוי לאַנג אין שטאַל?״, — גייט זי צו צום פענצטער און זעט — אַ ייִנגל פון אַ יאָר צוועלף־דרײַצן רעדט מיט אים...

נאָר אָט, עפנט איציק די טיר: — שפרה, אין שטאַל איז דאָ אַ ביסל שטיין־קוילן און העלצלעך. די שכנים זאָגן — דער ביראָבידזשאַנער ווינטער, אַ שטאַרק קאַלטער, מע מוז הייצן מיט שטיין־קוילן.

זיי האָבן ביידע גענומען ראַמען די שטוב. פאַרענדיקט מיטן גרעסערן צימער, אַריבער אין קלענערן. זאָגט איציק: — כ׳וואָלט וועלן זײַן אין דעם צימערל.

— פאַרוואָס ניט? — כ׳וועל דיר אויסבעטן דאָ.

— וועל איך האָבן אַ באַזונדערן אַלקערל, אַזויווי בײַ אונדז מאַריע.

— בײַ מאַריע׳ן איז דאָך אַ פינצטערער אַלקערל, מיט אַ בוידעם־פענצטערל. און דאָ איז אַ גרויס פענצטער. איציק, וואָס האָט דאָס ייִנגל גערעדט מיט דיר?

— ער האָט מיך געפרעגט, צי שפּיל איך אין שאַך. און האָט דער־

ציילט: „אין דער דירה, אין וועלכער, איר האָט זיך איצט אַרײַנגעצויגן, האָט געוווינט אַ מענטש פון בראַזיל, הענריק. ער איז אָנגעקומען אַרבעטן אַלס אײַנבינדער אין דער דרוקערײַ. זייער גוט געשפּילט אין שאָך. אויך מיט מיר געשפּילט. ער האָט געבראַכט מיט זיך פון בראַזיל אַ שיינע, געצירטע שאָכברעט. די פיגורן אַזעלכע גרויסע, שווערע, אויסגעצאַצקעטע, אַ חיות צו קוקן אויף זיי און צו האַלטן אין דער האַנט... איז מע צו אים געקומען שפּעט אין אָוונט און אַ גאַנצע נאַכט גענישטערט, געזוכט, ביז ס'איז דערגאַנגען די רייַ צו דעם שאָכברעט און צו די שאָכפיגורן... די זוכערס האָבן צעשפּאָלטן דעם קעניג, די קעניגין, די אָפיצערן, די טורעמס, די פערד און אויך די קליינע, שיינע סאָלדאַטיקלעך — אַלע זעכצן, די ווײַסע און די רויטע צעשפּאָלטן און געפונען אַ פּײַג אונטערן נאָז... נאָר אַלצאיינס הענריק'ן „צוגענומען"...

— מיט וועמען האָט ער דאָ געוווינט דער מענטש פון בראַזיל?...

— כ'האָב ניט געפרעגט.

— גוט, וואָס דו האָסט ניט געפרעגט, מע דאַרף, איציק בײַ קיינעם גאָרנישט ניט פרעגן...

ביסטו עס, מײַן מזל?...

אַנטקעגן ביראָבידזשאַנער וואָקזאַל, אויפן ראָג פון די צוויי גאַסן, לענין־גאַס און שלום־עליכם־גאַס — דער דרײַשטאָקיקער מויער. אין איין זײַט פון דער געבײַדע איז דער ביראָבידזשאַנער האָטעל און אויף דער אַנדערער זײַט — אַ גאָרקיך, ווו שפרה אַרבעט שוין אַלס חשבון־פירער.

יעדן טאָג קומט אין דער סטאָלאָווע אַרײַן עסן דער נײַער האָטעל־פּאַרוואַלטער, ליאָניע גאַב. אַ וווּקסיקער בחור מיט אַ קוטשמע שוואַרצע האָר — פון די „ווידוויזשענצעס"... די נײַע אָנפירונג האָט נאָכן ייִדישן פּאָליטישן פּאָגראָם — די געגנט איז דאָך געבליבן מיט איר ייִדישן נאָמען — כלוימערשט אַרויסגערוקט פון די אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען אויף ווירטשאַפטלעך־שטייגערישע אַרבעט געציילטע ייִנגערע ייִדן און צווישן זיי ליאָניע גאַב, אַ שלאָסער פון דעם ביראָבידזשאַנער וועגענער־זאַוואָד. האָט אַזוי געטראָפן, גאַב און שפרה עסן אין איין און דער זעלבער צײַט בײַ איין טישל. באַקאַנט זיך און איינער דעם אַנדערן געפעלן געוואָרן. שפרה האָט באַוויזן ליאָניען די דירה, ווו זי וווינט. ליאָניע האָט גערעדט מיט איציקן, געזען די פּאָטאָ־בילדער פון זייערע טאַטע־מאַמע, די קלענערע שוועסטער און די מיזינקע ראָזעלע. ליאָניע פרעגט בײַ שפרה'ן,

ווער איז דאָס יִנגעלע מיטן בער אין דער האַנט? — זאָגט זי: — מײַן חבר'טעס אַ זונעלע. און שפרה ווייסט שוין וועגן ליאָניען ביז אַ ברעקל. ער ווערט ניט מיד צו דערציילן וועגן זיך. און שפרה הערט אים אויפ־מערקזאַם, אויפמערקזאַם... ליאָניען איז דאָס שטאַרק צום האַרצן. איצט האָט ער שוין שפרה'ן געפירט צו זייער דירה, הינטערן שטאַטישן פּאַרק, אין אַ געסל, נאָענט צו דער ביראַ־טײַך. אַ גרעסערע, שענערע דירה, מיט אַ סך מעבל, אַ באַלעבאַטישע שטוב. ליאָניע דערציילט: „זיי ווינען דאָ, זינט ס'האָט זיך אויסגעפיקט דער ביראָבידזשאַן... פּאַראיאָרן איז געשטאָרבן דער פאָטער. די מאַמע האָט זיך אינגאַנצן פאַרלוירן... אין וולאַדיוואָסטאָק לעבט מײַן עלטערע שוועסטער מיט אַ רוסישן מאַן, אַ מיליטערישער. זיי האָבן אַ מיידעלע פון אַ יאָר זעקס. איז די מאַמע אַוועקגעפאָרן צו דער טאָכטער. אַ האַלב יאָר שוין, ווי איך בין דאָ געבליבן איינער אַליין. דרײַ יאָר געדינט גופא אויפן ווײַטן מזרח. צוריקגעקערט זיך און ווידער אַוועק אַרבעטן אויפן זאַוואָד. דער טאַטע האָט אַ לאַנגע צײַט געקרענקט. תמיד איז אין שטוב געווען אומעטיק. מיר איז שוין, שפרה, אַוועק דאָס ניין־און־צוואַנציקסטע...

— וואָס דאגה'סטו, ליאָניע? — ניט מער ווי מיט אַ פיר יאָר עלטער פון מיר.

— לאָמיר, שפרה, זײַן צוזאַמען, ביסט אַ שיינע און ערנסטע. איך וועל דיך שטאַרק ליב האָבן, דיר טרײַ זײַן, — און טוליעט זײַן קוטשע־ראַווון קאָפּ צו איר אַקסל...

— ביסטו עס, ליאָניע, מײַן מזל? צו דיר האָב איך מיך פון אַזוי ווײַט געצויגן?

— יאָ, יאָ, געפונען מיך אויפן עק וועלט...

— ביסטו עס, ליאָניע, מײַן גאָלדן פישעלע? — זע קאָרשט. גליטש זיך, חלילה, ניט אַרויס פון צווישן מײַנע פינגער... לאָמיר זיך אָנהאַלטן שטײַף־שטײַף איינער אָנעם אַנדערן...

— לאָמיר, שפרה'לע, לאָמיר...

איצטער איז שוין זייער געמיינזאַם יונג לעבן געווען איןביידנס רשות...

— —

בײַ די טרעפלעך, פאַרן אַרײַנגיין אין דעם ביראָבידזשאַנער „זאַגס", זאָגט ראַפּטאָם ליאָניע:

— וואַרט אַ רגע'לע, שפרה, לאָמיר מיט דיר אויף איין ווײַלעטשקע שטעלן זיך אָן אַ זײַט... קיין צײַט ניט געווען, אַזוי פאַרטומלט בין איך מיטן האָטעל, צו דערמאָנען — איך ווייס שוין צו גוט די ביראָבידזשאַנסקע

פּאַראַנטקעס... אין זאַגס זיצן שיקסלקעס — „אַנגעדרייטע צאַצקעס", מיט ביכעלעך, פול מיט רוסישע נעמען און ווי נאָר ס׳קומט אַרײַן צו זיי אַן אונדזעריקער, מיט אַן אייגענעם נאָמען, הויבן זיי אָן צושטיין, אונטערצוזאָגן די גויסקע, פון די ביכעלעך... באַזונדערס יעצט, ווען מע האָט זיך מיט אַזאַ יוכע אָנגעזעצט אויף דער ייִדישקייט... דאַרף מען זיך מירען, קיין ברירה ניטאָ... איך האָב דאָך געהערט בײַ דיר אין סטאַלאָווע אַרום־און־אַרום רוסישע, רופן זיי דיך „שוראַ, שוראַ!"... איז, זײַ וויסן, אין די דאָקומענטן שרײַבט זיך שוראַ — אַלעקסאַנדראַ. און ווי הייסט דער טאַטע דײַנער?

— לעמל הייסט מײַן טאַטע.

— איז ווי וועט עס, שפרה, זײַן?

— וועט עס, ליאָניע, זײַן: אַלעקסאַנדראַ לעמעלאָוונאַ.

— עפּעס קלינגט עס ניט אַזוי זגראַבנע...

— מילא, מיך ליאָניע, ווי דו ווילסט שוין, דריי איבער... האָסט דאָך אַ „ווייצענעם ביכל" אין בוזעמטאַש. מוזטו... נאָר מײַן טאַטן טשעפּע ניט... יאָ, ליאָניע, איך האָב דיר אויך געוואָלט וואָס זאָגן, אין מײַן דיפּלאָם, אין דער מעטריקע און אַטעסטאַטן, אומעטום בין איך — קריוואָרוטשקאָ. איך זאָל ניט דאַרפן בײַטן די פּאַפּירן, שטעל מיך אין אונדזער „שליובע" (חתונה־דאָקומענט) — מיטביידע פאַמיליען־נעמען — גאָב־קריוואָ־רוטשקאָ. וועסטו ניט זײַן ברוגז אויף מיר?

— ניין, שפרה׳לע, לעבן מײַנס, אויסגעצייכנט! גאָב־קריוואָרוטשקאָ! מע קאָן גאָר בעסער ניט צוטראַכטן, אינטערנאַציאָנאַל!...

...די חתונה־וועטשערע האָבן זיי געפּראַוועט שוין בײַ ליאָניען אין שטוב, צונויפגעקליבן זיך אַ דרײַסיק מענטשן, רוסישע, אוקראַיִנישע, ווײַסרוסישע, פון האָטעל, פון דער סטאַלאָווע. ליאָניע האָט אײַנגעלאַדן זײַנע ייִדישע חברים פון דעם וועגענער־זאַוואָד.

מע האָט ביז פאַרטאָג פון אַלע זײַטן ניט אויפגעהערט צו שרײַען: ליאָניאַ! שוראַ! גאָרקאָ! גאָרקאָ! —ביטער! ביטער! און ליאָניע און שפרה האָבן זיך אַלץ געשמאַקער און הייסער געקושט אונטער די ביטער־ניש־אַקאָמפּאַנימענטן.

און איציק איז דאָס ערשטע מאָל געווען שיכור־לוט, געשלאָפן ביז אין טאָג אַרײַן אויף אַ דיוואַן אין ליאָניעס דירה.

נאָר די גרעסטע שמחה שפרה׳ס איז געווען, בשעת זי האָט קיין טיראַספּאָל אַוועקגעשיקט צו טאַטע־מאַמע און די שוועסטערלעך אַ פּאָר

צענדליק אירע און ליאָניעס חתונה־פּאַטאָס. צום סוף בריוול צוגעשריבן מיט גרויסע ייִדישע אותיות: שפרה האָט שוין חתונה געהאַט.

✶

ליאָניע האָט פּלאַנירט אויף אייניקע טעג צוצופאָרן מיט שפרה׳ן קיין װלאַדיװאָסטאָק, דערפרייען די מאַמען און די שװעסטער. נאָר עס ניט געקאָנט אויספירן — אַרויפגעװאַלגערט זיך אויף אים אַ „באַרג" — אַ האָטעל! ניט געװוּסט מיט װאָס דאָס שמעקט. פּאַרזונקען געװאָרן אין אַזוי פיל ניט פּאַראויסגעזעענע קאָפּדרייעניש, פון באַגינען ביז אַ שטיק אין דער נאַכט... און שפרה האָט גענומען אויף זיך דאָס שרייבן צו זײַן מאַמען און שװעסטער, ניט פאַרגעסן צו דערמאָנען דעם נאָמען פון דער שװעסטערס מאַן און מיידעלע. זי פלעגט ליאָניען פאָרלייענען די בריװ, איידער זי שיקט אַװעק. ליאָניען פלעגן זיך שטעלן טרערן אין די אויגן... ער האָט שפרה׳ן געקושט און געהאַלדזט. און דערפאַר װען שפרה האָט געשריבן צו טאַטע־מאַמען, פלעגט ליאָניע אין יעדן בריװ צושרײַבן עטלעכע װערטער אין דעם נוסח: „מײַנע טײַערע, ליבע! איך װיל מיך זייער באַקענען מיט אייך, און װי נאָר איר װעט האָבן אַזאַ מעגלעכקײַט, און מיר װעלן אײַך העלפן אין דעם, װעט איר בײַ אונדז זײַן די טײַערסטע געסט. מיר האָבן זיך מיט שפרה׳לען שטאַרק ליב און זאָרגן און היטן איינער דעם אַנדערן. זײַט געזונט, האַרציקע גרוסן אײַערע דרײַ קלענערע טעכטערלעך. אײַער איידעם־זון — ליאָניע גאָב.

און איציק איז ניט לאַנג געװען אין ביראָבידזשאַן, קוים אַ יאָר. קנאַפּע פאַרדינסטן. װייניק קליִענטן .די שענסטע באַנען מיט די רײַך־אויסגע־שטאַטע קוריערסקע, צװישנפעלקערלעכע װאַגאָנען שטעלן זיך אָפּ בײַ דער סטאַנציע ביראָבידזשאַן אויף געציילטע צװיי־דרײַ מינוט און דער לאָקאָמאָטיװ טראָגט זיי װײַטער אַהין, צו די גרויסע שטעט כאַבאַראָװסק, װלאַדיװאָסטאָק... מע דאַרף לאַנג װאַרטן, ביז ס׳קומט װער אַרײַן אין דער װאָקזאַל־שערערײַ. און ביז ס׳דערגייט צו איציקס שטול, געדויערט עס נאָך אַ סך, אַ סך מער.

איז אים שוין ניט איינמאָל אויסגעקומען צו שמועסן מיט כאַבאַ־ראָװסקע ראַזירער, װאָס כאַפּן זיך װען־ניט־װען אַראָפּ צו די אייגענע אין ביראָבידזשאַן. און װעלכער שערער האָט עס ניט ליב אַ קאַפּעלע זיך אַ באַרים־טאָן?...

„דער ביראָבידזשאַנסקער קליִענט איז דען אַ קונד? — אַ קאַפּײעטש־ניק!... דער כאַבאַראָװסקער, זעסטו, איז גאָר אַן אַנדערער סאָרט מאַנסביל.

זעצט ער זיך אויף דײַן שטול, איז אַן נערוון... דרייט זיך ניט ווי אַ ווירן, גלײַך דו ביסט אים גרייט צו באַראַבעווען... ער גיט דיר אַפּ זײַן קאָפּ אַן קיין שום דערווידערונגען... פּלייצסט אויף אים אויס אַ ניקלנע קאַן מיט הייסן וואַסער, צוואָגסט אים, קנעטסט אים, באַגיסט מיט שאַמפּון, ווישסט אים מיט אַ האַלבן טוץ האַנטעכער, פּרעסט צו מיט כוחות צו זײַנע באַקן דעם גרויסאַרטיקן, קאָכיקן קאָמפּרעס, מאַסאַזשירסט, באַ־שפּריצסט, זשאַלעוועסט ניט דעם טײַערסטן „לאַנדיש״־פּאַרפום... און ער איז רויִק, כאַפּט אַזש פון ווילטאַג אַ דרימעלע... דערלאַנגסט אים, ווי מעזשדו־פּראָטשים (דרך־אגב) ,דעם ראַיעלן חשבון... ער קוקט אַפילו ניט אַרײַן. באַדאַנקט און גייט מיט אַ געוויינלעכן, שטילן טראָט צו דער קאַסע...״

...ס'האָט ניט געהאָלפן שפרה'ס ניט־צופרידנקײַט, געהייסן איציקן שרײַבן אַהיים, עצה'ן זיך... און איציק האָט געטענה'ט:

— ביז איך וועל אָנשרײַבן, ביז איך וועל באַקומען אַן ענטפער, וועט דורך דער סעזאָן... און ווינטער? — אויסקוקן אויף אַ קליִענט?... קורץ, איציק איז אַריבערגעפאָרן קיין כאַבאַראָווסק און שרײַבט ווען־ניט־ווען אַ בריוול שפרה'ן און ליאָניען און קלאָגט זיך ניט.

✶

...שפרה האָט געשוואַנגערט. געווען שוין אין פינפטן, צי אין זעקסטן חודש, ליאָניע פלעגט מיט צערטלעכקײַט, רירנדיקער ליבשאַפט, קוקן אויף די העלע האָניק־פלעקן, וואָס זײַנען אַרויסגעטראָטן אויף איר רונד־גע־וואָרענעם געזיכט, אַרום די פולבלעכע ליפּן, דער זעלבער קלעפּיק־געלבלעכער קאָליר פון ערשט־אויסגעבריטע הינדעלעך און די אויגן אירע, שײַנען מיט אַן אַ שיער גוטסקײַט, פלוצעם־אַנטפּלעקטער מוטער־לעכקײַט. ליאָניע פלעגט זיך ניט קאָנען אָפּהאַלטן בשעת דער אַרבעט ניט אַרײַנצולויפן אין דעם פּיצל צימערל פון דער סטאָלאָווע־בוכהאַלטעריע (אין סטאָלאָווע פלעגן זיי שוין ניט עסן, נאָר אין שטוב), אַ ביסינקע כאַטש אָנקוקן זי, אָנקוויקן מיט איר ליבלעכקײַט, אויסערגעוויינלעכער ליכטיקײַט...

— גיי שוין, גיי שוין, ליאָניע, שוינזשע בין איך אַזוי שיין געוואָרן? איך גלויב דיר ניט. אַנו, לאָמיך אַליין אַ קוק טאָן אויף זיך אין שפּיגעלע:

— אוי, וואָס קנייטשן! וואָס פלעקן!... גיי שוין ,גיי, אויסטראַכטער מײַנער...

✶

האָבן ליאָניע און שפרה באַשלאָסן (שפרה איז שוין דאָס אַנדערע יאָר אין ביראָבידזשאַן) צו אָקטיאַבערסקע (אָקטאָבער־יום־טוב) אָפּפּרישן,

אויסווייַסן די דירה. שפרה פלעגט קומען פון דער אַרבעט פריִער. האָט איר ליאָניע פאַרזאָגט: — אָן מיר הויב ניט אָן!... האָט אָבער שפרה יאָ געוואָלט עפּעס אויפטאָן, צוגרייטן, אויסווישן, אַראָפּנעמען דעם שפּינ־וועבס הינטערן בופעט... ליאָניע וועט קומען, וועלן זיי אָפּעסן און גלייַך שטעלן זיך קאָלכן. האָט שפרה פאַוואָלינקע־פאַוואָלינקע געוואָלט „אָפּנאַרן" די שווערקייַט פון בופעט, אים אומבאַמערקט אָפּרוקן פון דער וואַנט. און ס'איז געשען דער אומגליק... ליאָניע איז געווען אויסער זיך פון פּחד און פאַרדרוס:

— אוי, לעבן מייַנס, וואָס האָסטו אָפּגעטאָן — גזלנ'טע?...

און אין שפּיטאָל, בייַ איר בעטל, ווי אַן עופל, ניט אויפגעהערט ביטער צו העשען, מע האָט אים גאָרניט געקענט אייַנשטילן, די מעד־שוועסטער האָט אים געמוסר'ט:

— לערנט זיך בייַ אייַער ווייַב, זעט ווי רויִק זי איז. זייַט אַ מאַנסביל...

*

און אין טיראַספּאָל, אויפן הייפל, אינעם זייַטיקן יידישן שטיבל — דערלעבט פאַרבייַטן די נאַסע רעמאַטיז־וואַנט אויף אַ טרוקענער, אַראָפּ־געריסן דעם פּוילן, שטרויענעם דאַך, אַרויפגעזעצט, ווי אַ נייַעם קאַרטוז, אַ ווייַס־שייַנענדיקן שינדלנעם, דאָס שטיבל אויסגעווייַסט, בלאַנק־צוקער־דיק, די פענצטער־ראַמען, די לאַדנס אָפּגעפאַרבן העל־גרין... און אַז ריווע קומט אַרייַן אין הויפל, ווינקט צו איר דאָס שטיבל שעלמיש־לעבעדיק:

— בין איך דען באַלעבאַסטעניו־לעבן מיאוסער פון די צוויי גוישע?...

...און אין די לאַנגע ווינטער־נעכט, דויערט צווישן לעמלען און ריווען דער ויכוח, וויפל איז דער שיער אַפּצולייגן פון ווינטער אויף זומער און פון זומער אויף אַסיען? — באַלד דרייַ יאָר ניט געזען שפרה'ן און איציקן... און ליאָניע, אין יעדן שפרה'ס בריוו „באָמבאַרדירט" ער אין זייַנע צושריפטן: „איך בענק, איך וויל זען זיך, באַקאָנען מיט אייַך, שפרה'לעס טאַטע־מאַמע". און, די טעג באַקומען פון כאַבאַראָווסק איציקס אַ בריוול: „מע רופט שוין זייַן יאָר, ניט שפּעטער ווי מיט אַ פּאָר חדשים און, אפשר, פריִער גיי איך דינען"... ווערט לעמלען ענג אין קאָפּ, פאַר־חלש'ט דאָס האַרץ... זיין איינציקן בן־יחיד, איציקלען, זאָל ער זיך ניט זען מיט אים פאַרן גיין אין סאָלדאַטן אויף לאַנגע דרייַ יאָר?... און די צייַט... אוי, די צייַט, דאָס גרויסע סאָוועטן־רוסלאַנד פירט אַ שווערע, אויסמאַטערנדיקע מלחמה מיטן קליינעם פינלאַנד... און קיין טיראַספּאָל, בייַם גרענעץ, דערגייען שלעכטע בשורות — היטלער רייַסט זיך פון דער קייט, וואַרפט אָן אַ פּחד... איז קיין אַנדערע ברירה ניטאָ — פעברואַר

פאַרן זען זיך מיט די קינדער... און ווערזשע מיט וועמען זאָל פאַרן? — ליזע לערנט זיך אויפן צווייטן קורס פון דעם טיראַספּאָלער מעדיצינישן טעכניקום. גאָלדע האָט פאַרענדיקט די זיבניאָריקע שול און אָנגעקומען אַרבעטן אין דער זעלבער מעבל־פאַבריק, ווו שפרה איז געווען חשבון־פירער. האַלט זיך ריווע ביַי איריקס: — נו זאָג, לעמל, צווייִ, ברוך־השם, כלה־מיידלעך, קאָן איך זיי איבערלאָזן? — איז געבליבן. ס׳פּאַרט לעמל און נעמט מיט זיך די חכמה׳לע, די צען־יאָריקע ראָזועלע. זי וועט העלפן שפרה׳לען, זײַן אירע אַ פּאָמאָטשניצע, ווײַל לויט ריוועס חשבון, קאָן זײַן, אַז שפרה האָט שוין ווידער מיט מזל, פאַרשוואַנגערט.

אָבער, קאָן מען דען וויסן, וואָס טוט זיך, ס׳טרעפט אין דער זעלבער צײַט פאַר צוועלף טויזנט קילאָמעטער? — לעמל מיט ראָזועלען זײַנען אָנהייב מערץ, נאָך אין די קאַלטע שניי־זאַווערוכעס אָנגעקומען קיין בּיראָבּידזשאַן. ביַי שפרה׳ן און ליאָניען איז אַ גרויסע צרה... די אַנדערע וואָך, ווי ס׳גייט די פינאַנס־רעוויזיע אינעם בּיראָבּידזשאַנער־האָטעל... האָט דען ליאָניען און שפרה׳ן געקאָנט, אַפילו, קומען אויפן זינען, ס׳זאָל זײַן ניט כשורה... ליאָניעס שטשעפּעטילנע ערלעכקייַט, אָפּגעהיטקייַט אין די חשבונות איז געווען אין לשער. פון חודש אין חודש איבערגעפּילט דעם האָטעל־פּלאַן, געקאַרגט, געשפּאָרט יעדן סאָוועטישן גראָשן, מיט איין געדאַנק, אַרײַנצובּרענגען רווח אין דער מלוכה־קאַסע. און מיט אַמאָל — אַ קנויל שניי אויפן קאָפּ — ס׳פעלט מזומן אַכט טויזנט רובּל... ליאָניע, דער בוכהאַלטער און דער רעוויזאָר, מ׳גייט פון דער קאַנצעלאַריע ניט אַרויס, מע רעכנט פונדאָסנײַ, ביז ניט גוט ווערן, ביז ס׳נעמט גרינען פאַר די אויגן, נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל האַלט מען אין די הענט די זעלבע פּאַפּיר־חשבונות. און דער רעוויזאָר קוועטשט מיט די אַקסלען, זיי יאָווען זיך ניט די אַכט טויזנט... מע ווייסט שוין וועגן דעם ענין אין שטאָט־קאָם פון פּאַרטיי. ליאָניע גאָב, אַ ווידוויזשעניעץ, מע צווייפלט ניט אין זײַן געוויסנהאַפטקייַט... אָבער ס׳פעלט... די פּראָקוראָטור וויל פון קיין שום תירוצים ניט וויסן... ליאָניע קומט שפּעט פון דער אַרבעט צוזאַמען מיט שפרה׳ן. זי וואַרט אויף אים, ער זאָל ניט גיין אַליין... בײַם אַרײַנקומען אין שטוב, האָט ליאָניע קיין פּיצל מוט ניט, קיין כוח אַ שמייכל טאָן ראָזועלען... און לעמלען זײַט ער דורך צווישן די ציין: — ניט גוט, ניט גוט... און באַהאַלט זיך אין שלאָף־צימער...

...די לאַגע אין בּיראָבּידזשאַן גופא, די מלחמה מיט פינלאַנד אויף דעם אַנדערן עק וועלט און אין די שפּײַז־קראָמען — ליידיקע פּאָליצעס... פון האַלבער נאַכט שטייען לאַנגע רייען ביַי די ברויט־געוועלבלעך... און

צען־עלף ביי טאָג שוין קיין סימן פון קיין ברויט ניט. און דאָס ברויט געלער, ליימיקער, שטעכיקער...

ביי טאָג, ווען שפרה און ליאָניע זיינען ביי דער אַרבעט, לויפט לעמל אַוועק פון שטוב, לאָזט איבער ראָזעלען... דרייט זיך אַרום צעמישט איבער די ביראָבידזשאַנער גאַסן... ער וואָלט וועלן אַריין אויפן ביראָבידזשאַנער ברויט־זאַוואָד. ער האָט דאָך ביי זיך זיין צייגעניש פון אַ בעקער, אַ צעכמייַסטער... אָבער די ביטערע געשיכטע מיט ליאָניעס רעוויזיע... אים דוכט זיך, מע וועט אים אין עפּעס חושד זיין... ניט ווייט פונעם ברויט־זאַוואָד איז אים דאָך גערעאָטן אָפּצושטעלן זיך, ריידן מיט אַן אַרבעטער פון זאַוואָד, אויך אַן אַלטער בעקער. לאָזט זיך אויס, דער ביראָבידזשאַנער ברויט־זאַוואָד איז ניט מעכאַניזירט... מען קנעט מיט די הענט, די געהאַלטן קליינע, ניט צו פאַרגלייכן מיט טיראַספּאָל...

...אַ בריוול פון איציקן. ער פרעגט זיך נאָך, צי דער טאַטע און ראָזעלע זיינען שוין געקומען? — ער וואַרט פון טאָג צו טאָג אויף דער פּאָוועסטקע פון וואָיענקאָמאַט... פון דער אַרבעט לאָזט מען ניט אָפּ. ס'וויל גאָר דער זאַוויעדדוויושטשי פון דעם ניט הערן, עמעצער זאָל מיך אויף אַ טאָג, צי צוויי פאַרבייטן. כ'וויל, זאָגט ער מיר, צען יאָר צוליב דיר אין לאַגער ניט זיצן...

און לעמל זאָל צופאָרן קיין כאַבאַראָווסק, פיר שעה פאָרן אינגאַנצן, צו זען זיך מיטן זון פאָרן גיין אין אַרמיי, דאַרף ער אַ ספּעציעלע וויזע פון דער ביראָבידזשאַנער מיליציע. ניט קיין צגועשריבענער אין ביראָ־בידזשאַן, טאָר אַן אַ וויזע קיין כאַבאַראָווסק ניט אַרייַנפאָרן און אין אַזאַ לאַגע, ווי ליאָניע איז איצט, בעטן אים, ער זאָל גיין אויסכלאָפּאָטשען דרינגנד פאָרן שווער אַ וויזע? אוממעגלעך... זעט שוין לעמל — פאַר־פאַלן... אַזאַ גאַל־צעלאָפּעניש...

און ווען באַגינען איז ליאָניע אַוועק צו דער אַרבעט, פאַלט שפרה אַרויף אויפן טאַטנס אַקסלען מיט אַ געוויין:

— פאַר, טאַטע, אַהיים. וועט מען ליאָניען פאַרמשפּטן, וועל איך דאָ מיט ראָזעלען אויסהאַלטן, ניט פאַרפאַלן גיין און העלפן ליאָניען. דאָס ערגסטע וואָס ער קאָן באַקומען — פון פינף ביז זיבן יאָר...

✶

דער שטעכיקער שניי־ווינט פאַטשט אין פּנים און אַנטבלויזט האַלדז; לעמל הייבט זיין פעלצל־קאָלנער, איילט, לויפט מיטן קופערטל... נאָך געוועזן, אַוודאי, אַ צוויי שעה ביזן אַוועקגיין פון באַן. און אין גאַנצן צען מינוט גאַנג צום וואָקזאַל. נאָר ס'האָט אים געטראָגן פון שטוב...

דאָס געזעגענען זיך מיט ראָזועלען, שפרה׳ן און ליאָניען... ווי מען וואָלט געשניטן שטיקער פון זײַן לײַב... און ער קאָן זיי מיט גאָרנישט ניט העלפן... האָט ער זיך דערפילט איבעריק, גלײַך ס׳וואָלט זיך אים פאַרפּאַראָשעט אַן אויג און ס׳שנײַדט און ס׳טוט וויי און קאָן דאָס אויג ניט עפענען... שפרה האָט זיך אָנגעטאָן, גיין באַגלייטן דעם טאַטן, נאָר אויף דער גאַס בעט זיך בײַ איר לעמל:

— טאָכטערקע, גיי צוריק, זײַ אין שטוב מיט ליאָניען און ראָזועלען. דעם באַן־בילעט האָב איך שוין, אַ לײַכטער פּאַסאַזשיר... גאָט וועט רחמנות האָבן... ס׳וועט זיך אויסקלאָרן, ס׳קאָן אַנדערש ניט זײַן...

לעמל איז אַרויף אויפן וואָקזאַל־פּלאַץ. ס׳גליטשן זיך די טריט, ס׳טרײַבט אונטער דער וויוגע־ווינט. ער איז שוין בײַ דער שוואַך־באַלויכטענער וואָקזאַל־טיר און, ממש, שטויסט זיך צונויף מיט...

— טאַטע! — האָט אים אַרומגעכאַפּט איציק... וווהין, טאַטע?...

און לעמל גלויבט נאָך אַלץ ניט זײַנע אויגן. ער טאַפּט אַרום איציקן, דריקט אים מיט אַלע כוחות צו זיך, קושט אים אויס זײַן פּנים, די הענט... איציקל... איציקל... מן השמים... דערציילט דעם זון וואָס איז געשען.

איציק הערט, שטוינט: — טאַטע! ס׳קאָן ניט זײַן! ליאָניע איז אַזוי אָפּגעהיט... ער וועט פון דער קאַסע קיין האַלבן גראָשן אויף אַ האַלבע מינוט ניט נעמען, טרייסלט זיך איבער יעדן געלט־פּאַפּירל... סט׳זיך אָפּ־געפינען דער טעות...

— הלוואַי, זונעלע האַרציקער. ווי־אַזויזשע ביסטו געקומען, איציקל?

— כ׳האָב שוין די פּאָוועסטקע, טאַטע. איבערמאָרגן אײַנדערפרי איז די יאָווקע בײַם וואָינקאָמאַט... כ׳האָב אויסגעחשבונט און פאַרשטאַנען — דו מוזט שוין זײַן דאָ...

— אַ נס! אַ נס... איציקל.

— מיט וועלכן באַן פאָרסטו, טאַטע? ווײַז דײַן בילעט.

איציק נעמט אין דער האַנט דעם באַן־בילעט, קוקט: — אוי! מיטן אַכט־און־צוואַנציקסטן... „דער לײַזיקער"... וואָס גייט אָפּ צוועלף בײַנאַכט... אין אַן אָבשטשן (אַלגעמיינעם) וואַגאָן מיט די צונויפגערוקטע נאַרעס, ביז אירקוטסק און דערנאָך — אַ צוויי־דרײַ מעת־לעת אַרומוואַלגערן זיך אויפן אירקוטסקער וואָקזאַל אין דער דערשטיקעניש און ניט האָבן, ווו דעם קאָפּ אָנצושפּאַרן... טאַטע, איך קען דאָ אַלעמען, אַ יאָר געאַרבעט אין דער וואָקזאַל־פּאַריקמאַכערסקע, זעץ זיך צו, איין סעקונד...

איציק לויפט אַוועק און אָט טראָגט ער שוין אַ פּאָר פלעשלעך ביר מיט בולקעלעך, — טאַטע, טרינק זשיגולאָווסקע און פאַרבײַס... דײַן בילעט איז בײַ מיר, זיץ רויִק, וואַרט, כ׳קען דאָ אַלעמען...

ס'איז ניט דורך קיין האַלבע שעה, לויפט שוין איציק דערפריידט:

— טאַטע, געטוישט! אַט האָסטו אַ בילעט מיטן גיכן באַן אין פּלאַצקאַרטן־וואַגאָן ביז מאָסקווע! דער פּאַיעזד גייט אָפּ אין אַ שעה אַרום. זאָרג זיך ניט, טאַטע, ביי שפרה'ן און ליאָניען וועט אַלץ זיין רעכט. אַ קנוילעכל מיט אַ פּלאָנטער, סט'זיך אָפּפּלאָנטערן. און ראָזעלע וועט זיך מיט שפרה'ן פילן ווי מיט דער מאַמען. זע, טאַטע, מאַך ניט שווער דער מאַמען אויפן האַרצן. גריס ליזען און גאָלדען. בין איך שוין ווי דו, טאַטע, אַ יידישער סאָלדאַט.

אויך דער וואַגאָן־קאָנדוקטאָר, האָט זיך איציקן אויסגעוויזן אַ קענט־לעכער:

— כ'האָב דיך, פּעטערל, ראַזירט! כ'גיי דינען! זעגן זיך מיטן טאַטן!

— און צוזאַמען מיט לעמלען אַריין אין וואַגאָן, צוגעפּירט אים לויטן בילעט־נומער צום זיכערן אָרט, — היט דעם בילעט, טאַטע, שרעק זיך ניט, נאָך פינף מינוט, ביז דער באַן וועט רירן.

און איציק ציט פון אַלע זיינע קעשענעס פּינפּערלעך, דריי̆ערלעך, איינערלעך, זוכט נאָך, — נעם, טאַטע, כ'דאַרף עס ניט! כ'בין שוין אויף סאָלדאַטסקע קעסט! און אויסער דעם האָב איך מיט זיך אין מיין קלומיק די שער־מאַשינקע און בריטווע, וועל איך ניט פאַרלוירן גיין. פאָר געזונט, טאַטעלע...

און ווען דער באַן איז אָפּ, האָט איציק אויפן פּעראָן, אין דער פינצטער, ווי נאָך קיינמאָל אין זיין לעבן, ביטער זיך צעוויינט: „אוי, טאַטע, ליבינקער, שיר־שיר זיך ניט אויסגעמיטן"...

*

גאָר קיין שום טעות ניט געווען. געציילטע טעג נאָכן טאַטנס אַוועק־פאָרן, אין מיטן נאַכט, ליאָניע האָט זיך געהאַט אינגאַנצן אַרויסגעשלאָגן פון שלאָף, שרייט ער אויס: — שפרה'לע, מיר זיינען געראַטעוועטע! — און פאַרכליניעט זיך אַזש: — די רעמאָנט־סמעטע, דער רעמאָנט פון דער האָטעל־קאַנאַליזאַציע... דער אָפּמאַך מיטן אויספּילער פון דער אַרבעט — דער מעטאַל־אַרטיעל — אַלץ צוזאַמען אין איין פּאַפּקע... פּאַנאַנדערגע־רעכנט זיך לויט אַ באַזונדערע שכירות־ליסטע איך די ערשטע טעג פונעם פאַרגאַנגענעם יאָר... אויך די ליסטע דאַרף זיין איינגעגנייט אין דער זעלבער פּאַפּקע... כ'וועל, שפרה, לויפן צום בוכהאַלטער...

— ליאָניע, כ'וועל דיך ניט לאָזן אַליין אין מיטן נאַכט... ווערסט אויף טויט דערשרעקן דעם בוכהאַלטער מיט זיין ווייבל.

— מיינסט, זיי שלאָפן? — ס'נעמט זיי אויך דער שלאָף ניט...

ליאָניע און שפרה האָבן זיך שנעל אָנגעטאָן. שפרה איז אויף די שפּיץ־פינגער אַריַין אין ראָזעלעס צימער און אַרויס: — שטיל ליאָניע, ניט אויפוועקן זי. כ׳וועל מיר תיכף צוריקקערן...

...ליאָניע און דער בוכהאַלטער האָבן פון אַלמער אַרויסגעלייגט די פּילצאַליקע קאַסע־ביכער, דאָקומענטן און געפונען די פּאַפּקע פון קאַנאַ־ליזאַציע־רעמאָנט, מיט אַלע חשבונות און מיט דער אויסגעצאָלטער ליסטע דעם מעטאַל־אַרטיעל אויף אַ סומע פון אַכט טויזנט איין־און־צוואַנציק רובל און 66 קאָפּיקעס

באַגינען זיַינען זיי ביידע, ליאָניע און דער בוכהאַלטער געלאָפן מיט דער „ברילִיאַנטענער" פּאַפּקע צום רעוויזאָר...

פאַר גרויס פרייד האָבן ליאָניע און שפרה אַרויסגעשיקט קיין טיראַספּאָל דעם טאַטן אַ מתנה צוויי הונדערט רובל און פאַר ראָזעלען געקויפט אין בּיראָבידזשאַן אַ שיינעם, פוכיק־וויַיסן פוטערל.

✶

אין יולי 42טן יאָר האָט שפרה געבוירן אַ ייִנגעלע. בשעת זי קאָרמעט גרישינקען — נאָך ליאָניעס פאָטער אַ נאָמען, זעצט זיך ליאָניע אויפן דיל ביַי שפרה׳ס פיס און גאַפּט אויף איר און אויפן זונעלע.

איז אָבער די צייַט ניט פאַר פרייד און פריילעכקייַט. דאָס צווייטע יאָר גייט די מלחמה, די סאָוועטישע דיוויזיעס טרעטן אָפּ אויף מזרח. דער שונא רייַסט זיך צו סטאַלינגראַד. דאָס האַרץ זאָגט ליאָניען — אין בּיראָבידזשאַנער וואָיענקאָמאַט (מיליטערישער קאָמיסאַריאַט) פאַרטיקט זיך שוין אויס פאַר אים די פּאָוועסטקע... ער האָט דריַי יאָר געדינט אין אַ פּוליעמיאָטנעם ווזוואָד, יעדן יאָר צו צוויי חדשים געווען אויף פאַרפול־קאָמונג. דעם דיעכטיאַראָוו־קוילנוואָרפער ווייס ער ווי זיַינע צען פינגער; אַזעלכן ווי ער רופט מען איצט אין דער ערשטער ריי...

נאָכן צוריקקערן זיך פונעם געבורט־הויז, האָט שפרה אין איר רשות די אַנדערע צוויי חדשים פון דעקרעטיוון אורלויב און ליאָניע איז גליקלעך וואָס זי איז מיט גרישינקען אין שטוב. האָוועט ליאָניע, האַרעוועט ווי אַ מורעשקע... כל־זמן ער איז דאָ... נעמט שאַריען, מיט אַ פּאָר שעה פאַרן גיין צו דער אַרבעט, איַילט ער מיטן פיר־וועגעלע צום בּיראָ־בידזשאַנער קוילן־מערקל צו קויפן שטיינקוילן. וויַיל פאַרלאָזן זיך אויף די פּאָר פורלעך וואָס מ׳באַקומט לויט די טאַלאָנען מיט גרויסע שווע־ריקייַטן אויף דער קוילן־באַזע, טאָר מען ניט... דאָס איז פאַרן בּיראָ־בידזשאַנער ווינטער בלויז אַ צוקערל. ליאָניע האָט אויך געבראַכט צופירן

דרײַ װעגענער מיט לאָמאָטשע, ברעטלעך און העלצלעך, שפרה׳ן און ראָזועלען זאָל גרינגער זײַן אײַנצוהייצן. ער האָלט — דאָס וויכטיקסטע אַפילו וויכטיקער פאַר ברויט, איז גרישינקע, שפרה און ראָזועלע זאָלן זײַן אין דער וואַרעם. אין האָטעל־שפּײַכלער וואַלגערן זיך אין ניוועץ שטיקלעך וואַליק, קנוילן וואַטע, סטרוזשקעס, פון די אַלטע, שוין צעפּאַ־לענע, צעשאָטענע קאַנאַפּעס און פאָטעלן; ברענגט עס ליאָניע צו שלעפּן אַהיים און אין די אָוונטן, שפּרייט ער דאָס פאַנאַנדער, גלעט אויס און קלאַפּט אַרום מיט דעם די טירן, די לײַסטן פון די פענצטער, פאַרשטאָפּט מיט דעם, ווו נאָר אַ שפּעלטל, אַ שפּאַרונע, די אַכזריותדיקע קעלט זאָל קיין צוטריט ניט האָבן...

און שפרה, ווי נאָר זי האָט זיך דערפילט אַ ביסל שטאַרקער, האָט זי אָנגעשריבן אַ בריוו צו ליאָניעס קראַנקער מאַמען און זײַן שוועסטער, אָנגעזאָגט די גוטע בשורה — געבוירן אַ זון, גרישינקע — אַ נאָמען נאָכן טאַטן. איציקן אָנגעשריבן — ער דינט הינטער וולאַדיוואָסטאָק. אָבער ווו טאַטע־מאַמע, און ליזע און גאָלדע זײַנען? — ווייסט זי ניט. און איציק פרעגט זיך נאָך אין זײַנע בריוו צו איר, אויך ער ווייס ניט. פון טיראַספּאָל האָט זיך די משפחה עוואַקויִרט קיין צפון־קאַווקאַז, אין אַ קאָלכאָז מיטן נאָמען „קאַווקאַז". לויט די לעצטע ידיעות פון סאָווי־אינפאָרם־ביוראָ גייען שוין אין יענע ערטער שלאַכטן. און ליאָניען האָט דאָס האַרץ ריכטיק געזאָגט — אין מיטן אויגוסט האָט מען אים מאָביליזירט... מיט אַ פּאָר טעג פאַר דעם — ער האָט שוין געהאַט באַקומען די פּאָוועסטקע, איז ער אַרײַן צום פאַרוואַלטער פון דער גאַרקיך, ווו שפרה איז חשבון־פירער, אַ גוי פון אַ יאָר פופציק:

— אַליעקסיי, מיר אַרבעטן מיט אײַך יאָרן בשכנות אין איין געבײַדע. ווען איר האָט מיך וואָס געבעטן, האָב איך קיינמאָל ניט אָפּגעזאָגט. איך גיי אויפן פראָנט. מײַן שורע בלײַבט מיט אַן עופל פון אָנדערטהאַלבן חדשים; פאַרלענגערט אויף איר אייגענעם חשבון, כאָטשבי נאָך אויף אַ חודש איר אורלויב. זאָל איך, אפשר, צוגיין צום וואָיענקאָם צו נעמען בײַ אים אַ פּאַפּיר וועגן דעם?

— קיין שום פּאַפּירן! איך גיב דיר, ליאָניע, מײַן ערנוואָרט איך וועל דאָס טאָן.

שפרה מיט גרישינקען אויף די הענט און ראָזועלע דערבײַ, האָבן ליאָניען באַגלייט צום זאַמל־פונקט נעבן וואָיענקאָמאַט. קיין איינציקע טרער איז ניט געוועזן צו זען, ניט בײַ שפרה׳ן און ניט בײַ ליאָניען... וואָס בײַ יעדן פון זיי אויף דער נשמה טוט זיך, האָבן זיי ביידע גוט געוווּסט, פאַרטײַעט דאָס אין זיך, ניט אַרויסצוברענגען פאַרן המון־רב...

אָבער די צוועלף־יאָריקע ראָזועלע האָט אויסגעפּלאַצט מיט אַ געיאָמער, אַרומגעכאַפּט ליאָניען:

— בלייַב לעבן, ליאָניע, בלייַב לעבן!...

...דער בריווטרעגער אברהמטשע וואָס וווינט אין אַנדערן געסל און האָט גוט געקענט ליאָניעס עלטערן און קען ליאָניען, ברענגט מיט אַ דער־פרייטן בליק שפרה׳ן אין שטוב אַרייַן ליאָניעס סאָלדאַטסקע דרייַ־עקיקע בריוועלעך. שפרה באַדאַנקט אים הייס און שטופּט אין זייַן פידזשעקל־קעשענע מטבעות.

אין די אָפטע בריוו אויפן וועג צום פראָנט, הערט ניט אויף ליאָניע אויסצוגיסן זייַן איבערפולט האַרץ פאַר שפרה׳ן:

— שפרה׳לע, גינציקע, טייַערע שפרה׳לע! היט אונדזער זונעלע! די איינציקע טרייסט, וואָס מיר פאַרמאָגן מיט דיר — גרישינקע.

און אין יעדן בריוול ווענדט ער זיך באַזונדער צו ראָזועלען:

— איך בעט זיך בייַ דיר, ראָזועלע, העלף דייַן עלטערער שוועסטער פּילנעווען, פאַרהיטן פון אַלדאָס בייז גרישינקען.

גרישינקע, שפרה׳לע, ראָזועלע — איך קוש אייַך שטאַרק־שטאַרק און גיי אויס פון בענקשאַפט. — ליאָניע גאָב.

אין איינעם פון די שפּעטערדיקע בריוו שרייַבט ליאָניע: „מיט יעדן מעת־לעת ברענגט אונדז די באַן אַלץ נענטער צו די סטאַלינגראַדער שלאַכטן. מיר פאָרן בייַנאַכט און בייַטאָג באַהאַלטן מיר זיך אויס ערגעץ אין אַ העק פון אַ קליינער באַן־סטאַנציע, די דייַטשישע „מעסערשמידטן" זאָלן אונדז ניט באַמערקן. מיר נוצן אויס יעדע פרייַע מינוט, ווי בעסער און ווי פּינקטלעכער צו קאָנען זיך באַגיין מיטן קוילן־וואַרפער, אין מאָמענט צו עפענען אַ פייַער איבערן שונא... טייַערע שפרה׳לע, איך בין גליקלעך, וואָס דו האָסט אַ פולע שטאָל מיט שטיינקוילן און טרוקענע ברעטלעך, וועט אייַך ליב־וואַרעם זייַן, וועט זיך גרישינקע, חס־וחלילה, ניט צוקילן. איך מיין, שפרה׳לע, אַז דייַן פאַרוואַלטער האָט געהאַלטן וואָרט און פאַרלענגערט דיר דייַן אורלויב צו זיין נאָך אַ גאַנצן חודש אין דער וואַרעם צוזאַמען מיט גרישינקען!!! איך האָב נאָך דייַנס קיין איין בריוועלע ניט באַקומען, נאָר כ׳גלויב, אַז וויבאַלד מיר וועלן זיך אַרויסזעצן אויף אַ מער לענגערער צייַט, וועלן זיי אָנקומען און איך וועל לייענען, לייענען... ראָזועלע, ליבינקע, איך פיל, אַז דו טוסט אַלץ וואָס איך בעט דיך — העלפסט שפרה׳לען, גרישינקע זאָל וואַקסן ווי אויף הייוון, אַ געזונטער, אַ שיינינקער... איך קוש אייַך אַלעמען שטאַרק, שטאַרק!... ליאָניע...

נאָך אָט־דעם בריוול האָט זיך אברהמטשע באַוויזן זעלטענער און זעלטענער. ס'לויפט דורך אַ חודש אָן איין בריוו...

סוף נאָוועמבער... אויפגעלייגט, מיט צעשײַנטע אויגן, שטרעקט אויס דער בריווטרעגער שפרה'ן אַ דרײַעקיק בריוועלע און לויפט אַוועק. מיט ציטעריקע הענט וויל שפרה וואָס שנעלער צעשפּרייטן דאָס צונויפגע־קלעפּט בויגנדל און האָט מורא, זי זאָל פון אײַלעניש ניט אײַנרײַסן ליאָניעס כתב... מיט דריבניטשקע אותיות אָנגעפּיקעוועט. „שפרה'לע, געוויס איז ניט גרינג — הויכע הורבעס שניי... דער בײַסיקער ווינט שינדט די הויט, דער שניי פאַרליאַפּעט די אויגן... איך שלעפּ דורך דער זאַווייע־פאַרשיטעניש בײַם הענטל דאָס קוילנוואַרפער־וועגעלע און דער יונגער חבר מײַנער סיעראָזשע שטופּט אונטער און וויינט אויפן קול פון קעלט: „ס'פרירן אָפּ מײַנע הענט און פיס...” איך שטעל מיך אַ רגעלע אָפּ, לויף צו אים, מיט הויפנס שניי רײַב איך שטאַרק־שטאַרק זײַנע הענט, דאָס פּנים. קוים דערלעבט צו דערפּויזען אויף אַ פּריוואַל (אָפּשטעל), אין אַ קאַמליקן־דערפל — עטלעכע שטיבלעך אין פאַרווייעטן סטעפּ... דער ערשטער נומער אונדזערער איז דערהרגעט געוואָרן, בעת מיר זײַנען פון מאַטאָר־שיפל אַרויס אויפן רעכטן וואָלגע־ברעג... איצטער איז אין אונדזער אָטדיעליעניע (אָפּטיילונג) געבליבן איך, סעריאָזשע און דער פּאָליעמיאָט... דער וזוואָד־קאָמאַנדיר לויבט מיך: „מאָלאָדיעץ, גאָב, אָן אַלטער סאָלדאָט! דערלאַנגסט פײַער! כ'וועל דיך מיט דײַן אָטדיע־לעניע שטעלן אויפן רעכטן פלאַנג פון וזוואָד”... הייץ שפרה בײדע הרובעס! זשאַלעווע ניט! לויט מײַן חשבון דאַרף דיר סטײַען שטיינקוילן אויף אַלע ביראָבידזשאַנער פרעסט ,ביז וועסנע!... און נאָך דעם, ווי גרישינקעס זיידע פלעגט זאָגן — „איז גאָט אַ פאָטער”... איך קוש צו־ערשט גרישינקען, דערנאָך דיין שוועסטערקע און דיך צום סאַמע סוף. זײַ ניט ברוגז אויף מיר, ליכטיק גאָלד מײַנס, שפרה'לע. דײַן ליאָניע...

לאַנג, זייער לאַנג קיין בריוו ניט געווען... אויפן וועג צו דער אַרבעט טראָגט שפרה צוערשט אָפּ דאָס קינד אין די יאַסליעס * און כאַפּט זיך אַרײַן פאַרבײַגייענדיק אויף דער פּאָסט, דערזעט אברהמטשען... זיי באַ־געגענען זיך מיט די בליקן... ניטאָ פאַר איר גאָרנישט...

און אויף מאָרגן באַגינען — אַ שמחה! דער בריווטרעגער קלאַפּט אין דער שויב.

— שפרה! שפרה!, — דערהערט זי דורך די דאָפּל־פענצטער... זי

* יאַסליעס — סאָוועטישער דערציִונגס־אַנשטאַלט פאַר קינדער ביז דרײַ־יאָריקן עלטער. אין די יאַסליעס נעמט מען אָן בלויז די קינדער פון די מוטערס וואָס אַרבעטן.

לויפט אַרויס אויפן פראָסט אַזוי ווי זי שטייט און גייט און שפּרינגט אַרײַן צוריק מיט אַ בריוו אין דער האַנט: — ראָזעלע! פון ליאָניען! — און שפרה לייענט אויפן קול: „באַקומען שפרה׳לע דײַן בריוו מיטן גרוס — „גרישינקע לאַכט שוין”! איך האָב דײַן בריוו געלייענט פאַר סעריאָזשען און געטאַנצט מיטן בריוו אין דער האַנט, געטופּעט ווי אַ בער אין שניי... האָט סעריאָזשע מיט מיר מיטגעטאַנצט. טויזנט קושן פאַר גרישינקעס געלעכטער — פון זיי פינף הונדערט דיר און פינף הונדערט דײַן שוועסטערקע... און גרישינקען אַזויפיל, וויפל שטערנדלעך ס׳פינקלען אויפן הויכן הימל, איבערן ווײַסן בײַנאַכטיקן סטעפּ...

און ווידער זײַנען קיין בריוו ניטאָ. ס׳גייען אויס די כוחות פון וואַרטן. ניטאָ, ניטאָ...

אין די שטאַרקע ביראָבידזשאַנער דעקאַבער־פרעסט פלעגט שפרה ניט תמיד טראָגן איר עופל אין די יאַסליעס און דאַן פלעגט אויך ראָזעלע ניט גיין אין שקאָלע, בלײַבן מיט גרישינקען אין שטוב. האָט זיך הײַנט באַגינען שפרה׳ן אויסגעוויזן — זי האָט אַ קוק געטאָן אויף די שויבן — דער פראָסט איז קלענער...

— ראָזעלע, האָסט שוין אַ סך דורכגעלאָזן, הײַנט גיי אין שקאָלע און איך וועל אָפּטראָגן גרישינקען אין די יאַסליעס.

ראָזעלע איז אַ פריילעכע אַוועק... און שפרה עפנט די טיר מיט גרישינקען אויף די הענט, אַרויסצוגיין פון שטוב; שטויסט זי זיך צונויף מיטן בריווטרעגער.

— פון ליאָניען? — פרעגט זי אים צעשראָקן.

אברהמטשע האַלט אַראָפּגעלאָזט די אויגן... דערזעט אויף שפרה׳ס הענט דאָס פּיצל קינד... בלײַבט ער אַן אויגנבליק פאַרלוירן... און שפרה שרײַט: גיט אַהער!

— ניט קיין בריוו, — מורמלט דער בריווטרעגער... און קוים וואָס שפרה כאַפּט אויף וואָס ער זאָגט, — דאָס רופט, ווײַזט אויס, דער וואָיענקאָמאַט די פרויען פון די פראָנטאָוויקעס מכוח באַקומען צוגאָב־טאַלאָנען אויף שטיינקוילן... איז אויך פאַר דיר אַ בריוול...

— דאַרף איך גלײַך גיין אין וואָיענקאָמאַט?

— גיי צו...

לויפט שפרה צוערשט אין די יאַסליעס, קומט אַרײַן אָן איר שטענדיקן ליבן גוטמאָרגן, גייט צו צעטומלט צו דער דערציִערין, גיט איר אָפּ אויף אירע הענט איר זונעלע: — מע רופט מיך אין וואָינקאָמאַט... און ווערט נעלם...

...דער וואָיענקאָם האָט איבערגעלייענט שפרה׳ן די שוואַרצע ידיעה:

„ליאָניד גריגאָריעוויטש גאָב — געפאַלן מיט אַ העלדן־טויט אין די שלאַכטן פאַר באַשיצן סטאַלינגראַד".

...ווי לאַנג און איבער וועלכע ביראָבידזשאַנער גאַסן שפרה איז אַרומגעלאָפן? און אפשר איבער איין־און־דער זעלבער גאַס הין־און־קריק, האָט קאָן זײַן עמעצער באַמרקט, אָדער ניט באַמערקט, נאָר קיינער האָט בײַ איר גאָרנישט ניט געפרעגט. און זי האָט אַליין אויך וועגן דעם ניט געוווּסט... אַזייגער צוויי, צי דרײַ בײַטאָג האָט זי צעפּראַלט די יאַסליעס־טיר, צעבראַסטעט ,דער שאַליק האָט זיך איר געשלעפּט פון פאָרנט, מיט אַן אַנטבלויזטן, פאַרשנייטן קאָפּ... זי איז שטום־שווײַגנדיק צו צו דער דערציִערין...

די דערציִערין האָט איר געוואָלט וואָס זאָגן... נאָר אַ בליק געטאָן אויף שפרה'ן און תיכף פאַרשטאַנען... האָט זי שפרה'ן פּאַוואָליע אָנגענומען בײַ דער האַנט און אַרײַנגעפירט צו דער פאַרוואַלטערין. די פאַרוואַלטערין האָט שפרה'ן אַוועקגעזעצט נעבן זיך אויף אַ שטול...

— חברטע גאָב, בײַ גרישינקען האָט זיך פּלוצעם אויפגעהויבן אַ הויכע טעמפּעראַטור און די דאָקטאָרשע ראַכיל נאַומאָוונאַ האָט געעצהט דאָס קינד תיכף אַוועקפירן אין שפּיטאָל...

...במשך פון אַ וואָך צײַט איז שפרה טאָג און נאַכט געזעסן בײַ איר זונעלעס בעטל. צו ערשט איז עס געווען לונגן־אָנצינדונג און מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער — דיפטעריט... גרישינקע איז אויסגעגאַנגען אויף שפרה"ס הענט.

...ס'איז דורך אַ וואָך. דער פאַרוואַלטער פון גאָרקיך, אַ קעכן און אייניקע אָפּיציאַנטקעס זײַנען געקומען שפרה'ן צו טרייסטן, רופן זי צו דער אַרבעט:

— טײַערע שוראַ, דו וועסט זיך אין קאָלעקטיוו פילן בעסער... ס'וועט דיר עטוואָס גרינגער ווערן...

— קום, שוראַ, מיר בעטן דיך...

— מײַנע ליבע, — האָט זיי שפרה געזאָגט. — דאָ אין שטאָט קאָן איך מער ניט אַרבעטן...

— פאַר וואָס — שוראַ? מיר האָבן דיך ליב, צוגעוווינט זיך צו דיר...

— ניין, — האָט שפרה שטיל געענטפערט, — דאָ ניט, פרעגט מיך ניט פאַרוואָס...

ס'זײַנען געקומען צו איר ליאַניעס יידישע חברים פון וועגנער־זאַוואָד, אויסגעעשטרעקט איר אַ קאָנווערט: — מיר ווילן דיר העלפן, שפרה.

זי האָט די מתנה צוגענומען, מיט אַ שאָקל מיטן קאָפּ באַדאַנקט און געשוויגן. קיין איינציקן וואָרט ניט אַרויסגעבראַכט...

מיט אַ פּאָר וואָכן שפּעטער איז שפרה מיט ראָזעלען אַוועק אין וואַיענקאָמאַט, געוועגדעט זיך צום וואַיענקאָם: — מײַן מאַן איז אומ־געקומען אין די שלאַכטן, אונדזער איינציק פּיצל קינד איז דאַ, אין בּיראָבּידזשאַן געשטאָרבּן. בין איך געבּליבּן מיט מײַן שוועסטערל. מער האָבּן מיר דאַ קיינעם ניט. מײַן ייִנגערער ברודער דינט הינטער וולאַדי־וואָסטאָק, מײַנע עלטערן און נאָך צוויי מײַנע שוועסטערס האָבּן זיך פון טיראַספּאָל עוואַקויִרט אויף צפון־קאַווקאַז און ווו זיי זײַנען איצט, ווייס איך ניט. איך האָבּ געהערט, חבר וואַיענקאָם, אַז די אלמנות, וואָס זײַנען אין דעם פאַראינטערעסירט, שיקט איר אויף אַרבּעט אין די מיליטער־טיילן. איך בּין אַ בּעקערין, איך וואָלט אויך געקאָנט אַרבּעטן אין אַ וועשערײַ, נאָך דעם, וואָס איז בײַ מיר געשען, קאָן איך דאַ אין שטאָט ניט זײַן... בּעט איך אײַך זייער, שיקט מיך אויך אין פּאָפּסקן* ראַיאָן, אָדער בײַם אַמור, ווו איר האָלט פּאָר געוווּנטשן.

דער וואַיענקאָם איז אַנטקעגן געקומען שפרה׳ס בקשה. שפרה האָט מיט איר שוועסטער ראָזעלע אויף תמיד פאַרלאָזט בּיראָבּידזשאַן און בּיזן סוף קריג שווער געהאָרעוועט אין אַ מיליטער־טייל בײַם אַמור...

---

* איינער פון די פינף ראַיאָן־צענטערס אין דער געגנט.

אינהאַלט

מיטן אמת 7
די פאַטאָגראַפיע 12
ווידער מיט אברהם שטיוולמאַן 21

נחום דער סטודענט פון צווייטן קורס 24
נחום דערציילט 26
אַלינקע 28
חיימס ערשטער געשפּרעך מיט אַלינקען אונטער פיר אויגן . . . 30
די צוויי עפּל 31
איך וויל חיימען ניט שווער מאַכן אויפן האַרצן 32
וואָס איז געשען דערנאָך 34
ס'האָט זיך אײַנגעשניטן אין זכרון 35
דער פינצטערער באַגינען 38
די בערדאַנקע 39
נאָך דער לוויה 40
דער ראַטונעק 42

דער דרויסן־מענטש 45
מײַנע שעפערישע כוונות 56

די אומגעריכטע געסט... 58
איציק קריוואָרוטשקאָ 62
קומט מיר עפּעס דערפאַר ?... 66
איך האָב דאָך אײַך געוואָלט דערציילן... 69
פון איציק קריוואָרוטשקאָס מעשיות 72

שפרה (ראָמאַן) 82
לייבקע גאַרעליק 83
שפרה און לייבל אין יעוורעאַמאַל 86
אין עסיק און אין האָניק 94
אין צירק 95
בײַ וואַליען אין שטוב 101
באַגינען האָט זי מלכה געוועקט... 106
אַנטקעגן פראָסט 108
ווידער בײַ חנהן 110
אין אַ זונטיק־אָוונט 116
דער סוף פון יעוורעאַמאַל 128
לייענט ! דאָ איז שוואַרץ אויף ווייס געשריבן... 130
כאַטש טו זיך אַ מיתה משונה 135
ווער זײַנען אידע און מויסיי ? 136

די גוטע בשורה 140
דער ערשטער בריוו 142
אוי, גרינג ווי אַ צוויַיגעלע... 143
אין קינדערהיים 147
אין דאַניעצק 154
אַ טשאַטע אומרויִקע מחשבות 161
וואָס ס'איז אַזוי אַנגעזאַליעט 167
די גראַמען ברויט 170
בײַם דירעקטאָר... 172
מײַן טײַערע קלוגע טאָכטער שפרהלע 175
פאַר יעדן נײַעם טאָג 178
דאָס זיסע קלערן... 183
מיר שטומעןביידע... 193
געזעגענונג... 203
אין דער היים... 209
אויפֿן שפּאַציר 217
פֿון שפּאַציר 220
אין קיעוו 232
ווער זיך ניסימל ניט דערשרעקן ? 235
בײַם אייגענעם טיש 239
ווען שמואליק איז אַרײַן אין מלכה'לעס שטוב... 258
רחמיאל טיילט זיך מיט שפרהן 266
דאָס טעפעלע כריין... 270
שמואליקס מאַקאַראָווער געשיכטע 273
מיטן ברייטן דניעפּער־שטראָם... 283
ווידער אויפֿן פּעראָן 288
אַ פינגערהוט שכל... 289
אוי, לעמל, לעמל... 294
שפרה'לע שטייט אויף צו סליחות... 297
אַ נאָמען נאָכן זיידן 299
אַ געדענק־טאָג... 303
געלויבט איז דער אייבערשטער... 306
אין די דרײַ שטיבלעך 308
אַ שטיקל פונעם מאָסקווער „עמעס" 313
ניט אַזוי דער חלום, ווי נאָכן חלום 317
אין קלוב־זאַל 320
אויף אַליס הענט... 325
דאָס קנוילכל... 327
די פּרעגבויגנס... 333
אָנהייב מאַי 1937 341
ביסטו עס מײַן מזל ?... 354